STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04322

DOVID BERGELSON

Yekhezkel Dobrushin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. דאָברושין

דאָוויד בערגעלסאָן

אָ ג י ז
מעלוכע־פארלאג „דער עמעס“, מאָסקווע 1947

פ אָ ר וו אָ ר ט

דער שרײַבער דאָוויד בערגעלסאָן איז געבוירן געוואָרן אין 1884 יאָר. די קינסטלערישע קראַפט ווערט צײַטיק אין אים אין די יאָרן, וואָס נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע פון 1905. מיט די ערשטע ווערק זײַנע, וואָס זײַנען פארעפנטלעכט אין די יאָרן 1909—1910, האָט זיך בערגעלסאָן זיכער און אָפּ שטענדיק פארוואָרצלט אין דער ליטע־ראטור, אוועק אין דער טיף פון דער יוירנדיקער מענטשהײַט און צו־זאמען מיטן בעסטן טייל אירן פארפלאנצט זיך שפּעטער אין דער סאָוועטישער טקופע, אין דער טקופע פון סאָציאַליזם.

באַשערט איז געווען בערגעלסאָנען דורכמאכן ביז אהער אַ לעבנס־פּעריאָד פון דרײַ מילכאָמעס און דרײַ רעוואָליוציעס, באַשערט איז אים געווען שאַפן אין דער צײַט פון די גרעסטע אופטרייסלונגען פון דער געזעלשאפט. און ניט האָבנדיק קיין רעשום פארוואנדלען לעבאטכילע די דאָזיקע אלע אופטרייסלונגען אין דער דירעקטער טעמע פון זײַן שאפונג, האָט ער דאָך זײַטיק אָפּגעשפּיגלט זיי אלע, אָפּ און אייגענעם און אייגנארטיקן אויפן געווען קינסטלעריש פארבונדן מיט זיי אלע אין פארלויף פון אלע זײַנע שעפערישע יאָרן.

דער דאָזיקער בוך וועגן בערגעלסאָנס שאפונג האָט אין אויג איינעם אן איקער:

דאָוויד בערגעלסאָן איז איינער פון די שעפער, וואָס זייערע קינסט־לערישע ווערק זײַנען אָרגאניש פארבונדן מיט דער געשיכטלעכער און סאָציאַלער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט פון זייער צײַט. פאָרשן בערגעלסאָנס ראָמאנען און דערציילונגען פאָדערט דעריבער נעמען אין אכט די גרונטלעכע אידייען־שטרײַטן פון דער געשילדערטער טקופע, ווי אויך אופדעקן די ענדערונגען אין דער קינסטלערישער הומאניס־טישער וועלט־אָנשויונג פונעם שרײַבער, וואָס איז אלייך געוואקסן און זיך אנטוויקלט אין העסקעם מיטן אופשטײַג פונעם געזעלשאפטלעכן באוווסטזײַן. און ס'פארשטייט זיך, אז דערבײַ קומט אופ דער ציל פון דער דאָזיקער ארבעט — צעשטערן די לעגענדע, וואָס איז פאָרמולירט

געוואָרנ אינ דער ייִדישער קריטיק מיט די ווערטער, אז „בערגעלסאָנ איז א שרײַבער, וואָס וויל גאָרניט".

די דאָזיקע ארבעט איבער בערגעלסאָנס שאפונג איז אינ טאָכ א פרווו אויסצוקלאָרנ דעם גאנג פונ צוויי פּראָצעסנ אינ בערגעלסאָנס ווערק: אויסצוגעפינענ סײַ דעם אָביעקטיוונ סאָציאלנ באטײַט פונ די געשילדערטע קויכעס־פארהעלטענישנ סײַ זייער סוביעקטיווע אופאַסונג מיצאד דעם שרײַבער, וואָס איז אמאָל אזוי און אמאָל אנדערש, אָבער נאָכאנאנד באווירקט געוואָרנ פונ די דאָזיקע קויכעס־פארהעלטענישנ. אינ דער דאָזיקער ארבעט פארנעמט דעריבער א היפּש אָרט דער סאָציאלער קאָנטראָל איבער דעם אָביעקטיוונ וואָרהאפט פונעם געשילדערטנ לעבנס־אָפּשניט, א קאָנטראָל, וואָס ווערט דורכויס געפירט אפנ סמאך פונ די ארויסזאָגונגענ, וואָס געהערנ די לערער פונ דער סאָציאלער וויסנשאפט. דאָס איז ערשטנס, און צווייטנס, איז די דאָזיקע ארבעט מיט א קיוונ איבערגעלאָדנ מיט לענגערע שטעלנ פונ בערגעלסאָנס קינסטלערישע ווערק, א מיטל, וואָס איז בעפּיירעש, מער ווי א סאך אנדערע מיטלענ, בארופנ באווײַזנ בעכוש, וויאזוי דער שרײַבער באגייט זיך מיט דער דאָזיקער אָביעקטיווער ווירקלעכקײַט אינ זײַנע געשטאלטלעכע רייד און האנדלונג.

אינ זײַנ ביכל וועגנ שאָלעמ־אליכעמענ האָט בערגעלסאָנ געשריבנ: „מיט יעדער אָנגעשריבענער שורע איבערצײַגט שאָלעמ־אלייכעמ דעמ לייענער: „דער מענטש, וואָס גייט מיר אָנ, פארמאָגט אליינ אלע נייטיקע פארבנ און שטריכנ פאר א קאָמפּאָזיציע, קעדיי צו סעקורירנ אימ פונ אלע בייזוויליקע ליטעראַרישע צוגעבעכצנ, לאָז איכ אימ אליינ ריידנ".

אויב בערגעלסאָנ האָט ניט אומעטומ געלאָזט ר י י ד נ זײַנע געשילדערטע מענטשנ, האָט ער זיי אָבער אומעטומ געלאָזט אליינ טראכטנ, אליינ דענקענ און איבערלעבנ. איינע פונ די הויפּט־אייגנשאפטנ פונ דעמ בערגעלסאָנ־סטיל איז טאקע „סעקורירנ זײַנע מענטשנ פונ אלע בייזוויליקע ליטעראַרישע צוגעבעכצנ", און דערפאר איז אזוי וויכטיק געווענ דאָ אינ בוכ לאָזנ הערנ אפ טריט און שריט די שטימ פונעמ שרײַבער, און זאָלנ זײַנע קינסטלערישע שורעס גופע איבערצײַגנ אינ דער געשיכטלעכער און סאָציאלער געזעצמעסיקײַט און צילגעווענדטקײַט, וואָס ער זוכט אויס פאר א יעדנ העלד פונ זײַנע ווערק, פאר יעדנ טאט, געדאנק און געפיל פונ זײַנע העלדנ, פאר יעדער אנטפּלעקונג פונ זייער באוווסטזײַנ און זעלבסטבאוווסטזײַנ.

„גאָרקי, — האָט איינמאָל געזאָגט דער ענגלישער שרײַבער הער־

בערט אועלס, — שפּילט א גרויסע ראָל אינ דעמ, וואָס מע קאָנ אָנרופנ די דערציִונג פונעמ באוווסטזײַנ’’. בערגעלסאָנס קינסטלערישע שאפונג שפּילט א גרויסע ראָל אינ דער דאָזיקער דערציִונג, איז פארבונדנ מיט דער דאָזיקער דערציִערישער פונקציע פונעמ באוווסטזײַנ, וואָס איז היפּש אקצענטירט אינ דער דאָזיקער ארבעט. בערגעלסאָנס דערציִונג אפ דער טיפ באזיניקטער געזעלשאפטלעכער דערפארונג האָט אימ געבראכט צו באנעמענ די טראגישע שיינקײַט פונ די מירלס אונ כאַימ-מוישעס אפ זייער וועג צו הארמאָנישער זעלבסט-דערקענונג.

וועגנ דער מענטשלעכער שיינקײַט גייט דאָכ אויכ בעעצעמ א רייד בא בערגעלסאָנענ אינ זײַנע איצטיקע לעצטע נאָכ-מילכאָמע-שאפונגענ, אינ וועלכע ער דעקט אופ דעמ געזונטנ זעלבסטבאוווסטזײַנ פונעמ סאָציאליסטישנ מענטש, וואָס איז בײַגעשטאנענ דעמ בייזנ טראגישנ ניסאָיענ אונטערצוווארפנ זיכ דער גרויזאמער שלעכטס פונ דער וועלט. האָט דאָכ די דאָזיקע שלעכטס פארמאָסטנ זיכ אפ דעמ גרויסנ הומאניסטישנ פרינציפּ פונ דער עכט-מענטשלעכער געשיכטע פונ פעלקער אונ לענדער, דעמ פרינציפּ, וואָס באוואכט בערגעלסאָנס ווערק אונ וואָס בערגעלסאָנ האָט שטענדיק געזוכט סײַ אינעמ לעבנ סײַ אינ דער ליטעראַרישער שאפונג פונ די לענדער אונ פעלקער.

יעדער גרויסער שרײַבער איז פארבונדנ מיט דער קינסטלערישער דערפארונג פונ זײַנע ליטעראַרישע פאָרגייער. אומיטלבאר — מיט די שעפער פונ זײַנ אייגענעמ פאָלק אונ שפּראַכ, אונ דורכ פארשיידענע פארמיטלונגענ — מיט די שרײַבער פונ אנדערע פעלקער, וואָס באוועגנ זײַנע שאפונגס-אידייענ דורכ פארשיידענע קינסטלערישע טראנסמיסיעס, ארײַנפלעכטנדיק זיי אינעמ גאנצנ געוועב פונעמ פּראָגרעסיוונ אלמענטשלעכנ געדאנקענ- אונ געפילנ-גאנג.

מענדעלע, פּערעצ, שאָלעמ-אלייכעמ זײַנענ בערגעלסאָנס אָוועס לויט דער דירעקטער ליניע. די רוסישע: פּושקינ, טורגעניעוו, טאָלסטאָי, טשעכאָוו אונ שפּעטער גאָרקי, ווי אויכ די מײַרעוו-אייראָפּײַשע: באלזאק, פלאָבער, מאָפּאסאנ — זײַנענ די רערנ, דורכ וועלכע בערגעלסאָנ האָט פונ דער ווײַט אונ פונ דער נאָענט באקומענ זײַנ גײַסטיק-שעפערישע נערונג. וועגנ דעמ אלעמ וואָלט אוואדע דאָ אינ בוכ געדארפט מערער אונ אויספירלעכער גערעדט ווערנ, ווענ דאָס וואָלט ניט געווענ קיינ גרויסע קאָמפּליצירטע טעמע, וואָס פאָדערט א באזונדערע אָפּהאנדלונג.

ס'פעלנ אויכ אינעמ בוכ די פאנאנדערגעארבעטע צווישנשײַכעסנ פונ בערגעלסאָנס שאפונגענ מיט דער שאפונג פונ זײַנ אייגענעמ דאָר ייִדישע שרײַבער אפ די גאָרע לענגענ אונ ברייטנ פונ זײַנ דורכגעמאכטנ

קינסטלערישנ וועג. אָבער די אלע מער דעטאליזירטע אויספּאָרשונגענ קאָנענ, דאכט זיכ, קומענ בלויז נאָכ דעמ, ווי די איקער־ארבעט איז אָפּגעטאָנ, נאָכ דעמ, ווי דער ליטעראריש־קריטישער אקער האָט אופגע־רירט די פּלאסטנ, די פּרוכטבארע ערדנ פונ בערגעלסאָנס שאפונג גופע. ביפּראט, אז פאר זײַנ אייגענעמ שרײַבער־דאָר איז בערגעלסאָנ ניט דער רעזולטאט, נאָר די סיבע, ניט מע האָט אימ באוועגט, נאָר ער האָט צו־זאַמענ מיט אייניקע אנדערע באוועגט דעמ קינסטלערישנ געדאנק פונ דער ייִדישער ליטעראטור פונ זײַנ צײַט אונ טקופע.

דעריבער איז אפּריִער טאקע נייטיק ארײַנדרינגענ אינ בערגעלסאָנס שאפונג גופע, ביכדיי צו מאכנ גרייט דעמ באָדנ פאר דער ווײַטערדי־קער פאָרשונגס־ארבעט. פאנאנדעראקערנ דעמ דאָזיקנ באָדנ, אופדעקנ דעמ באהעפט פונעמ אינהאלט מיט דער פּאָעטיק, אײַנווײַזנ דעמ לעזער אָפּ דער נייטיקײַט צו לייענענ בערגעלסאָנענ, האָבנדיק פאר די אויגנ א גרעסערנ געשיכטלעכנ קאָמפּלעקס אידייענ אונ סאָציאלע אויסזיכטנ— דאָס איז הויפּטזאכלעכ דער אויסגאנג־פּונקט אונ דער צוועק פונ דער דאָזיקער גרעסערער ארבעט אינ געביט פונ דער בערגעלסאָנ־פאָרשונג.

דער קאָמפּאָזיציאָנעלער פּרינציפּ פונעמ דאָזיקנ בוכ איז ניט דער אויסגעהאלטענער פּרינציפּ פונ א מאָנאָגראפיע, אויכ ניט דער אלגע־מיינ־אָנגענומענער פּרינציפּ פונ א ליטעראטור־פאָרשערישער ארבעט. גיכער גייט דאָ א רייד וועגנ א בוכ, וואָס וואָלט גרײַלעכ בארעכטיקט דעמ אופשריפט: „לייענענדיק בערגעלסאָנס ווערק“, נעמענדיק דערבײַ אינ אכט, אז די אנטוויקלונגס־עטאפּנ פונ בערגעלסאָנס אידייִש־קינסט־לערישנ וועג שפּיגלענ זיכ אָפּ אינ אלגעמיינ אינעמ כראָנאָלאָגישנ גאנג פונ זײַנע שאפונגענ.

מאָסקווע, 1945.

י. דאָברושינ.

I. דער טויבער

1

זײַנע ערשטע צוויי ווערק — די גרויסע דערציילונג „ארומ וואָקזאל“ אונ די קלענערע, „דער טויבער“ — האָט דאָוויד בערגעלסאָנ פארענדיקט אייגנצײַטיק אינ יאָר 1909.

אפ „דעמ טויבנ“ האָט בערגעלסאָנ, אייגנטלעכ, אָנגעהויבנ ארבעטנ פריִער. אונ נישט געקוקט אפ דעמ, וואָס „ארומ וואָקזאל“ איז פארעפנטלעכט אינ 1909 אונ „דער טויבער“ אינ 1910, איז קלאָר, אז גראָד אינ „דעמ טויבנ“ האָט בערגעלסאָנ אָפּגעשפיגלט די צײַט, די טקופע, וואָס איז געווענ נעענטער פארבונדנ מיט דער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר. די דאָזיקע ערשטע דערציילונג בערגעלסאָנס דריקט דאָכ אויס בוילעטער אונ שארפער סײַ דעמ אָנגעזאמלטנ פראָטעסט־געפיל פונ דעמ קלאס, וואָס האָט געהאט פארנומענ דעמ אויבנאָנ אפ דער געשיכטלעכער ארענע, סײַ די ביטערע אנטוישונג, די אָפּהענטיקײַט, וואָס איז געקומענ נאָכ דעמ, ווי די צארישע רעאקציע האָט אפ א צײַט ארויפגעשוואָנקט די אופגעיווירטע מונטערע שטימונגענ אונ האָפענונגענ פונ דער ברייטערער געזעלשאפט אינ רוסלאנד.

דער הויפט־העלד פונ דער דערציילונג „דער טויבער“ איז אנ ארבעטער, אונ די טעמע פונ דער דערציילונג איז די טעמע פונ גרויזאמער עקספּלואטאציע: דער גוויר, דער באלעבאָס פונ א מיל, נעמט אָפּ אזוי צי אנדערש דאָס לעבנ בא זײַנעמ אנ ארבעטער אונ באמ דאָזיקנס פארפירט־אָפּגענארטער טאָכטער. דער טיפּאזש אונ טעמע האָבנ א שײַכעס צו די געשעענישנ פונ ארומ 1905 יאָר. אזא טיפּאזש אונ טעמע כאזערנ זיכ מער נישט איבער אפ אזא פארשארפטנ אויפנ בא בערגעלסאָנענ אינ די ווערק, וואָס ער האָט געשריבנ פאר דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע.

סײַ כראָנאָלאָגיש סײַ פונ שטאנדפּונקט פונ טעמאטישער אויסגעשפּראָכענער סאָציאלער געווענדטקײַט איז „דער טויבער“ אנ ערשטע דערציילונג, אנ אויסגאנג־פּונקט פאר בערגעלסאָנס שאפונגס־וועג. דער

דאָזיקער פּונקט באַשטימט באַלד פון אָנהייב בערגעלסאָנס אָרט אין דער ליטעראַטור, דאָס אָרט פון אַ שרײַבער, וואָס אַלע זײַנע ווערק פון יענעם פּעריאָד זײַנען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער צײַט, וואָס צווישן צוויי רעוואָליוציעס. די דאָזיקע דערציילונג איז אַן אָנהייב אין געביט פון אידיי, פון אינהאַלט. דאָס זעלבע איז אויך אין געביט פון פאָרם. בערגעלסאָנס „טויבער" פאַרמאָגט שוין פאָרם, בילד- און שפּראַך-אייגנשאַפטן, וואָס האָבן שפּעטער זיך צעבליט און געשאַפן דעם אייגנאַרטיקן פּראַכטפולן בערגעלסאָנישן סטיל אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

וועגן וואָס דערציילט בערגעלסאָן אין דער דערציילונג „דער טויבער"? אַ געשיכטע וועגן אַן אַרבעטער אַ טרעגער, וואָס האָט אַ לעבנ-לאַנג געאַרבעט בײַ אַ באַלעבאָס אין אַ בײַטל-מיל און איז טויב געוואָרן בײַ דער אַרבעט; אַ געשיכטע וועגן דעם טויבנס טאָכטער, אַ מיידל, וואָס האָט געדינט באַם טויבנס באַלעבאָס דעם ביק אין קיך, און דעם באַלעבאָס' זון האָט זי אָפּגענאַרט, פאַרפירט און דערפירט צו זעלבסט-מאָרד. בערגעלסאָן שילדערט די איבערלעבונגען פונעם אַלטן טויבן אַרבעטער, וויאַזוי ער דערוויסט זיך וועגן דעם אַלעם פונעם צווייפּע-נעמדיקן קאַסיר, וואָס אַרבעט אויך אין מיל און איז אויסן אופרייצן דעם טויבן קעגן דעם באַלעבאָס. דער טויבער פאַלט אַראָפּ פון דער הייב-מאַשין, אויף וועלכער ער האָט געאַרבעט, ער צעקלאַפּט זיך, און ליגנדיק קראַנק, טויב-אָפּגעשיידט פון דער גאַנצער וועלט, שפּינט ער זיך מיטן אומקלאָרן געדאַנק וועגן נקמה. אין איינער אַ נאַכט שטייט ער אויף פון געלעגער, נעמט אַ האַק און האַקט אָפּ דעם עק פון דעם באַלעבאָס' בעהיימע. ער פאַלט אַרײַן צום אוריאַדניק אין די הענט, און ווערט אָבער באַפרײַט. ער בלאָנקעט אין די נעכט מיט אַ האַק אַרום דעם באַלעבאָס' שטוב, און שפּעטער געפינט מען אים אַ טויטן לעבן אַ געהאַרגעטער בעהיימע, וואָס געהערט „פּעסי דער מילכיקערן",—אַ פרעמדע ייִדענע, וואָס האָט קיין שום שײַכעס צו דער דאָזיקער געשיכטע...

דער טראַגישער אינהאַלט פון דער געשיכטע וועגן די צוויי טויטן, דער פּאַרטיפּט-קאָמפּליצירטער סוזשעט פון דער דערציילונג, וואָלט גע-קענט דינען ניט נאָר פאַר אַ נאָוועלע, נאָר אויך פאַר אַ גרעסערן קינסט-לערישן לײַוונט, אַלנפאַלס — פאַר אַ גאָר גרויסער דערציילונג, אויב מע זאָל נעמען ביפּראַט אין אַכט די גרײַלעכע מעגלעכקײַט צו פאַרברייטערן די לאָקאַניש-אויפגעשטעלטע מאַסן-סצענעס, די קאַרגע אויסגע-צייכנטע דיאַלאָגן און מיסטעריִשע נאַטור-שילדערונגען, ווי אויך די גרויסע צאָל פּערזאָנען, וואָס ווערן אָפּ דעם אָדער יענעם אויפן אַרויס-

געפּירט אין דער דאָזיקער נאָוועלע. העכער צוואַנציק פּערזאָנען שיגורירן בא בערגעלסאָנען אין דער דערציילונג „דער טויבער“, פון זיי — א נײַן, וואָס שטייען אפן פאָדערגרונט, אויסער דער צענטראַלער געשטאַלט פונעם טויבן גופע. דאָס אַליין באַווײַזט די מײַסטערשאַפט פון דעם דעמלט נאָך יונגן שרײַבער אָנפאַנגער, וואָס האָט אויסגעזעצט זיי אַלעמען אפ א באַגרענעצטן שטעטעך פון א קלענערער נאָוועלע. ס׳איז דאָך ממש צו באַוווּנדערן, וויאַזוי די אַלע פיגורן פאַרפלעכטן זיך דאָ נאַטירלעך צווישנאַנאַנד, יעדערע פון זיי אינדיווידואַליזירט, יעדערע פון זיי—אָרגאַניש נייטיק פאַר דער האַנדלונג, פאַר דעם קאָלאָריט און סוויווע.

א סאַך אָנטיילנעמער אין א ווערק איז, אַגעוו, אַן אייגנשאַפט, וואָס בערגעלסאָן האָט מייסטנס קולטיווירט. אין זײַן צווייטן באַנד „באַם דניעפּער“ האָט ער די צאָל פּערזאָנען דערפירט ביז העכער אַכציק. וואָס פאָדערט זיך צו דעם? אויסעראָרדנטלעכע אינטענסיווקײַט פון געמעל, אויסערסט לאַקאָנישע קינסטלערישע כאַראַקטער־שילדערונג — און דאָס איז שוין דאָ אין דער פולער מאָס בא בערגעלסאָנען אין „דעם טויבן“. דאָ איז שוין צו זען, ווי דער קינסטלער הייבט אָן אויסאַרבעטן פאַר זיך א גאַנצע ריי פּלאַסטישע גענג, א גאַנצן קאָמפּלעקס פון קינסטלערישע מיטלען, וואָס בילדן, ווי געזאָגט, בערגעלסאָנס שאַפונגס־נוסעך. בערגעלסאָן באַווײַזט שוין דאָ די פּראַכט פון זײַן קליינמאָלערײַ, וואָס ווערט בא אים א וויכטיקער שאַפונגס־קאָמפּאָנענט. ער הייבט אָן אַרײַנצוברענגען אין זײַן געמעל אָן א שיר דעטאַלן, זײַענדיק בעקויעך זיי קינסטלעריש פאַראיינהײַטלעכן און באַרעכטיקן, אונטערוואַרפנדיק זיי דער הויפּט־פּראָבלעם, דער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער אויפגאַבע פונעם ווערק.

בערגעלסאָן איז א פּראָבלעמען־שרײַבער. אַזאַ האָט ער זיך אַנטפּלעקט גלײַך פון אָנהייב אין „דעם טויבן“. מיטן מינדסטן געמעל, מיט יעדן פּראַט פון זײַן שילדערונג פירט שוין דאָ בא אים אָן די צילגעווענדטע אידייִשקײַט.

די אידיי פון „דעם טויבן“: באַווײַזן די גוואַלדיקע הערשונג פונעם באַלעבאָס, פונעם אייגנטימער, באַווײַזן די פײַנטשאַפט צו אים מיצאַד דעם אַרבעטער, דעם יעניקן אפילע, וואָס איז ניט געווען אימשטאַנד פאַרוואַנדלען זײַן צאָרן אין רעוואָליוציאָנערן קלאַסן־טאַט, דעם, וואָס איז סײַ פיזיש סײַ גײַסטיק נאָך טויב געווען, געווינט מאַשמאָעס אין א פאַרוואָרפן ווינקל, וווהין די רעוואָליוציאָנערע אַרויסטרעטונגען פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט האָבן נאָך ניט דערגרייכט, נישט אָנגעפירט מיטן געדאַנק און באַוווּסטזײַן פונעם אַרבעטער.

און דאָ דאַרף דאָך גענומען ווערן אין אַכט, אַז דאָס, וואָס די דער־ציילונג אַפּ דער טעמע פון 1905 יאָר איז געשריבן געוואָרן שוין נאָך דעם, ווי די ברוויזנדיקע כוואַליעס פון דער ערשטער רעוואָלוציע זײַנען פאַריבער, נאָך דעם, ווי די צאַריש־קאַפּיטאַליסטישע רעאַקציע האָט דערשטיקט דעם אופשטורעם פון די אַרבעטער, — די דאָזיקע נײַע, געענדערטע ווירקלעכקײַט האָט געווייס געלייגט איר שטעמפּל אַפּ דעם אינהאַלט פון דער דערציילונג, פאַרשטאַרקט אין איר דעם עלעמענט פון געוויסער פאַרורטיילטקײַט פונעם געליטענעם הויפּט־פּערסאָנאַזש. איינס וואָלט געווען, ווען בערגעלסאָנס דערציילונג וואָלט געשריבן גע־וואָרן אין ברען פון די רעוואָליוציאָנערע געשעענישן, וואָס זײַנען פאָר־געקומען אַרום און אין 1905 יאָר, און אַנדערש איז, ווען זי ווערט גע־שאַפן אין דער טקופע און אַטמאָספער פון נאָך 1905 יאָר. אין דעם ערשטן פאַל וואָלט בערגעלסאָן, וואָס האָט געהאַט פולע רעכט אויסדער־ווייַלן דעם אָפּגעשטאַנענעם טויבן פאַרן הויפּט־טיפּ, דאָך נישט דער־פירט זײַן לאַגע צו אַזאַ גראַד, ווו ער הייבט אָן סימבאָליזירן קלוי־מערשט די טויבע אָפּגעשטאַנענקײַט, דעם אָנמאַכט פונעם אַרבעטער־קלאַס. אָבער בעשאַס עס האַנדלט זיך וועגן דער אַטמאָספער פון דער רעאַקציע־צײַט, ווערט פולשטענדיק באַרעכטיקט דעם טויבנס פאַר־שטאַרקטע טראַגיק. בעשאַס באַלעבאָס און הערשער איז צוריק געוואָרן דער גוויר, דער אייגנטימער און דער „אוריאַדניק", בעשאַס די גע־זונטע אַרבעטערשאַפט איז אַוועק אין הינטערגרונט, זײַנען אַפּ בערגעל־סאָנס פּאַליטרע צוגעקומען די שווערע פאַרבן אין דער שילדערונג פו־נעם טויבנס צושטאַנד און פון זײַנע צוזאַמענשטויסונגען.

פון דעם אָבער האָט די דערציילונג נישט אָנגעוואָרן איר שאַרפע סאָציאַלע אַנטבלויזונגס־קראַפט. בערגעלסאָן האָט ניט פאַרמינערט, נאָר, אַדרעבע, אַפּ אַן אייגנאַרטיקן אופן פאַרשטאַרקט דעם סאָציאַלן באַטײַט פון זײַן דערציילונג. פאַרשטאַרקנדיק די אויסגאַנגלאָזע ליידן פון זײַן פּערסאָנאַזש, האָט בערגעלסאָן דורך דער פּסיכאָלאָגישער פאַר־טיפערונג פונעם ווערק פאַרשטאַרקט דעם לײַדנשאַפטלעכן פּראָטעסט קעגן די מענטשן און אומשטענדן, וואָס פאַרשאַפן טראַגיק די באַליי־דיקטע און דערנידעריקטע.

„און אויב מיר האָבן פאַר זיך ווירקלעך אַ גרויסן קינסטלער, האָט ער כאָטש אייניקע פון די וועזנטלעכע זײַטן אין דער רעוואָליוציע גע־מוזט אָפּשפּיגלען אין זײַנע ווערק". — אַזוי האָט געשריבן לענין (לענין, ב. XII, ז. 331).

בערגעלסאָן איז אין זײַן ערשטער דערציילונג שוין געקומען ווי דער

רעאַליסטישער קינסטלער, וואָס שפּיגלט אָפּ וועזנטלעכע זײַטן אין דער רעוואָליוציע. געקומען איז בערגעלסאָן מיט אַ גרויסן כּוח פאַר דער געזעלשאַפט־קריטיק, פאַר דער קריטיק פון דער דעמלט הערשנדיקער אייגנטימערישער אָרדענונג. דער האַס צו דער דאָזיקער אָרדענונג האָט ניט אויפגעהערט צו גיין באַם שרײַבער פון ווערק צו ווערק, אָפּשפּיגלענדיק אין דער זעלבער צײַט די פאַרשיידענע שטאַפּלען פונעם שרײַבערס געזעלשאַפטלעכן באַוווּסטזײַן.

אַז בערגעלסאָן שילדערט דעם טויבנס לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט, שרײַבט ער: „אַזוי לאַנג און פינצטער זײַנען די נעכט געווען, און אײַנגעהילט האָבן זיי אין זייערע טונקעלע טיפקײַטן די גאַנצע פאַרכאָלעמטע וועלט, און פאַרשלעפּערט האָבן זיי אַלץ, וואָס האָט געלעבט און געטראַכט, כּולל אים, דעם איינציקן וועלט־דויפעק, וואָס האָט נישט געטאָרט רוען, נישט געטאָרט אַפילו טראַכטן וועגן דו.

הינ און צוריק האָט ער איבערן קליינעם שטיבל אַרומגעשפּאַנט, געקלאַפּט ווי אַן אומרו און געטראָגן אויף זיך די יעסורים מיט דער מאָרעשכוירע פון די שלאָפנדיקע".

און נאָך איינע אַ שילדערונג פון דעם אָרט: „נאָר דער טויבער הערט נישט און שפּאַנט ווידער, אַזוי האַרט און פעסט זײַנען זײַנע טריט, און די נאַכט איז אַזוי שטיל און שלינגט זיי אײַן שטיל און פאַרמעלעכ, אָט די האַרטע און פעסטע טריט, און וואַרט אויף נײַע. און באַלד קומען זיי, אָט די נײַע שווערע טריט, און קלאַפּן, ווי מיט אַ האַמער, אין פאַרשלאָפענעם מויעכ. עפּעס דערפּאַר, וואָס די נאַכט איז שטיל און קיינער אַחוץ דעם טויבן שפּאַנט נישט, ווײַזט זיך שוין אויס, אַז דער טויבער וועט זיך אייביק, אייביק אַרומדרייען און אַז די נאַכט וועט זיך אייביק, אייביק ציִען".

די פאַראַלגעמיינערנדיקע סאָציאַלע אָפּהילכן, וואָס שטראָמען דאָ פון יעדער וואָרט און שורע, איז ניט שווער פאַרבײַצוגיין. דאָ האַנדלט זיך דאָך קלאָר וועגן דעם הויפּט־געדאַנק, וואָס באַוואַכט בערגעלסאָנס דערציילונג. די האַרטע און פעסטע טריט פונעם טויבן, וואָס טראָגט אויף זיך די יעסורים, די מאָרעשכוירע פון די שלאָפנדיקע... דער טויבער — דער אומרו, דער וועלט־דויפעק... באַ אַן אַנדער שרײַבער, וואָס פאַרמאָגט ניט די קינסטלערישע רעאַליסטישע קראַפט צו פאַרייניקן שילדערונג פון כאַראַקטער מיט געזעלשאַפטלעכן עקוויוואַלענט, וואָלטן אַזוינע „סימבאָליזירנדיקע" שטעלן געקלונגען רעזאָנעריש און דידאַקטיש. בערגעלסאָן איז שוין דעמלט אָבער געווען בעיעכוילעם אויסגעפינען פאַר זײַן געשטאַלט די טיפּישע לאַגע, וואָס באַשטימט פולשטענ־

דיק אירע טיף־אינדיווידועלע טאט און אופירונג. דערפאר באקומען דעם טויבנס פערזענלעכע איבערלעבונגען א סאָציאַלן אספעקט. ער ווערט דעריבער איינציַיטיק באצייכנט אין אינדיווידועלן פּלאַן מיטן זעלבן בילד און וואָרט, וואָס אין סאָציאַלן פּלאַן. די ביידע פאלן צו־נויף בא דעם עכטן קינסטלער דעם רעאַליסט, וואָס אופדעקן דעם פּסי־כאָ־אידייִישן צושטאנד פונעם געשילדערטן מענטשן באַטײַט פאר אים אופ־דעקן זײַן שײַכעס צו די קויכעס־פארהעלטענישן פון זײַן צײַט און סוויווע.

אָט איז אין דער דערציילונג דאכט זיך גאָר א זײַטיקער עפּיזאָד, א פּראכטפול בילד, אין וועלכן ס'ווערט דערציילט וועגן דעם „יונגן אויס־גערוטן און גוטיטשקן" דאָקטער, וואָס קומט היילן דעם קראנקן טויבן.

„ער האָט אין טויבנס פּאָנעם געקוקט און געטראכט". — דער־ציילט בערגעלסאָן וועגן דעם דאָקטער.

„דער טויבער האָט אין זײַן פּאָנעם געקוקט און אויך געטראכט.

און דאָך האָט איינער דעם צווייטן ניט פארשטאנען. אזוי ווײַט און פארשיידן זײַנען זיי שוין געווען, אָט די צוויי ברוזמ, וואָס האָבן זיך גלײַך אין די אויגן געקוקט".

ווי מערקווירדיק די בערגעלסאָנישע פּסיכאָלאָגיש־שטייגערישע דע־טאל גיט דאָ צו וויסן וועגן דעם ווײַטן סאָציאַלן מעהאלעך צווישן דעם קליינבירגערלעכן „אויסגערוטן קלוגיטשקן" דאָקטער און דעם שטור־מיש־אופגעברויזטן אָרעמען טרעגער. דאָס זײַנען טאקע צוויי באזונדע־רע וועלטן, צוויי „ברוזמ", וואָס האָבן זיך באגעגנט פּאָנעם־על־פּאָנעם, זיך גלײַך אין די אויגן געקוקט און איינער דעם צווייטן ניט פארשטא־נען, ווי בערגעלסאָן דערציילט. און דערציילן דערציילט ער עס, דאכט זיך, גאָר צוליב אנדערע צילן, טאקע צוליב דער פּסיכאָלאָגיש־שטייגע־רישער וואָרהאפט.

בערגעלסאָן דערציילט, וויאזוי אפן פארהער באם „אוריאדניק" „בעבעט דער טויבער מיט שווערקײַט אלץ איינ־און־איינציק וואָרט...

— וואָווע ביק, אָ!"

מיטן זעלביקן וואָרט איז ער צוגעשטאנען שפּעטער צו יעדן מענטשן, וועלכן ער האָט אפן וועג באגעגנט.

„יעדער מאכשאָווע, — דערציילט בערגעלסאָן, — האָט זיך, אפּאָנעם, מיט אָט דעם וואָרט אין זײַן געפּרעסטן מויעך אָנגעהויבן, נאָר קיי־נער האָט נישט געוואָלט הערן אָט די מאכשאָווע, איז ער דערפאר באם ערשטן וואָרט געבליבן. גלײַך ווי ער מיט אָט דער מאכשאָווע וואָלטן אָפּ עמעצן געהאפּט און געוואָרט, אָט וועט ער סאפּקאָלסאָפּ קומען,

יענער מענטש, וואָס וועט אים וועלן אויסהערן, וועט ער דאָס ערשטע וואָרט אָפּלאָזן און וועט אים אַנטדעקן אַלע מאַכשאָוועס, וואָס אין זײַן טויבן און געפּרעסטן קאָפּ".

וואָס איז דאָ אין בערגעלסאָנס שילדערונג פאַראַן אַזוינס, וואָס שטימט ניט מיט די פּסיכאָלאָגישע אייגנשאַפטן, מיטן געפילן־גאַנג פונעם טויבן? איז דען ניט באַרעכטיקט דאָס, וואָס דער טויבער זוכט אַ מענטשן אַרויסצוריידן זיך פאַר אים, מיטצוטיילן אים זײַנע שווערע מאַכשאָוועס און איבערלעבונגען? אָבער אין דער זעלבער צײַט איז דאָך דאָ אין די שורעס אַזויפיל פּאַראַלגעמיינערונג, דאָ איז דאָ אַ קלאָר־רער אונטערטעקסט, די סאָציאַלע אָנדײַטונג וועגן דער קראַפט, וועגן דעם „מענטשן", וואָס וועט סאָפּקאַלסאָפּ קומען אויסהערן דעם טויבן און אים זײַנע שווערע מאַכשאָוועס אַנטדעקן און קלאָר מאַכן.

שפּעטער האָט בערגעלסאָן אין זײַנע ווערק טײלוויַיז טושירט די דאָזיקע ערשטע, שוין צו אָפענע „סימבאָליזירונג" פון זײַנע געמעלן. אָבער דער דאָזיקער וועג פון גרויסער פּאַראַלגעמיינערנדיקער שילדע־רונג איז געוואָרן בערגעלסאָנס ליבלינגס־וועג. אידייִשקײַט איז גע־וואָרן זײַן וועגווײַזער. באַלד פון אָנהייב אָן איז בערגעלסאָן געקומען מיט פאַרשטאַנד פאַר באַהעפטן דעם פּערזענלעכן גורל פון זײַן פּערסאָ־נאַזש מיטן סאָציאַלן, פאַרבינדן דעם מענטש מיט דער געזעלשאַפט. באַטרעטנדיק דעם דאָזיקן וועג, שלײַפנדיק זײַנע קינסטלערישע מיט־לען, פאַרטיפנדיק אַלץ מער און מער זײַן אייגענעם געזעלשאַפטלעכן באַוווסטזײַן, האָט בערגעלסאָן געשאַפן זײַנע קינסטלערישע ווערק, די ווערק, וואָס זײַנען אַרײַן אין דער קלאַסיק פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

2

די גרונט־טעמע פון דער ייִדישער קלאַסישער ליטעראַטור איז גע־ווען די טעמע פון פאָלקס־דאַלעס און די טעמע פונעם פאָלקס־טרוים. דאָס איז געווען די טעמע פונעם באַרויבטן הײַנט און פונעם האָפע־נונגס־פולן מאָרגן, וואָס איז בײַ די קלאַסיקער אין גרונט געווען פאַר־בונדן מיט דער פּראָבלעם פון וועלט־ענדערונג, פון „איבערמאַכן די וועלט", ווי שאָלעם־אַלייכעמס טעוויע דער מילכיקער זאָגט. ליבע צום פאָלקס־מענטש און קריטיק פון דער אָרעמיקער הערשנדיקער לעבנס־אָרדענונג, קריטיק, וואָס פירט קאָנסעקווענט צו דער וועלט־איבעראַנ־דערשונג — דאָס זײַנען די הויפּט־אייגנשאַפטן פון דער קלאַסישער ייִדישער ליטעראַטור.

אינ זײַנ ערשטער דערציילונג „דער טויבער" האָט בערגעלסאָנ אָפ זײַנ אייגענעם אויפנ פאָרגעזעצט די ליניע פונ די יידישע קלאַסיקער. דער אינטערעס צום אָרעמענ פארשטויסענעם פאָלקס־מענטש, די פראַגע פונעם קומענדיקנ מאָרגנ, די דעמאַסקירונג פונ דער הערשנדיקער געזעלשאַפט — די אַלע מאָטיוונ האָט בערגעלסאָנ אופגענומענ אינ זײַנ ערשטנ קינסטלערישנ ווערק, איבערגערוקט אָבער אינ זיי דעמ אַקצענט אַפ די אַלגעמיינע סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע און אינדיווידועלע אייגנשאַפטנ פונ דעמ באַהאַנדלטנ טיפּאַזש. די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמ, די אייגנאַרטיקײַט פונ דער יידישער נאַציאָנאַלער שטייגער־סוויווע, וואָס האָט פאַרנומענ אַזאַ אָרט אינ דער שאַפונג פונ די יידישע קלאַסיקער, איז אינ „דעמ טויבנ" אָפּגעטראָטנ אינ א זײַט בא בערגעלסאָנענ. דער יונגער בערגעלסאָנ האָט פונ אָנהייב אָנ געשטעלט דעמ טראָפּ אַפ די אַלגעמיינ־געזעלשאַפטלעכע קויכעס־פאַרהעלטעניש אינ דער יידישער שטייגער־סוויווע, אַפ דער אַלגעמיינ־מענטשלעכער ליניע פונעמ טויבנס ליידנ.

אינ איינעמ פונ זײַנע שפּעטערדיקע ראָמאַנענ, אינעמ ראָמאַנ „אָפּגאַנג", ווענדט זיך בערגעלסאָנס א פּערזאָנ צו א דאָקטער, א פאָרשטייער פונ די בירגערלעכע שיכטנ, און זאָגט: „איר קענט באַשטראָפנ א מענטשנ, וואָס צעברעכט מיר א ריפּ אָדער א ביינ, אָבער מיט וואָס וועט איר אימ באַשטראָפנ, אויב ער צעברעכט מיר א געדאַנק אָדער א געפיל?" דער פאַרשוועכטער, געלעסטערטער מענטשלעכער געדאַנק און געפיל, דער ניט אויסגעפילטער טרוימ, דאָס ניט דערגרייכטע גליק, — דאָס איז איינער א לייטמאָטיוו פונ בערגעלסאָנס שאַפונג פונ יענע יאָרנ. פונדאַנענ שטאַמט דער גרויסער הומאַניסטישער און אויך עטישער שטראָמ אינ בערגעלסאָנס דעמאָלטיקע ווערק, דער שטראָמ, וואָס האָט באַדינגט אינ טאָך בערגעלסאָנס פּסיכאָלאָגישע פאַרטיפערונגענ, זײַנ ארײַנדרינגענ אינ די פײַנסטע איבערלעבונגענ פונ זײַנע געליטענע ליבלינגס־העלדנ. דער ווײ פאַר זייער נישט געלונגענ לעבנ, דער עכט הומאַניסטישער מיטגעפיל און באַדויער פונעמ שרײַבער איבערנ גורל פונ די, וואָס האָבנ באַקומענ צעשעדיקטע געדאַנקענ און געפילנ, דער פאַרלאַנג צו באַשטראָפנ די, וואָס האָבנ פאַרורזאַכט די דאָזיקע צעשעדיקונג, האָט אָנגעפירט מיט בערגעלסאָנס פּענ, געשטעלט זײַנע ווערק אינ איינ ריי מיט די בעסטע שאַפונגענ פונ אַלע קינסטלער הומאַניסטנ.

אָט וועגנ דער דאָזיקער צעשעדיקונג רעדט זיך אויך אינ בערגעלסאָנס „דער טויבער". דעמ טויבנ, — באַווײַזט בערגעלסאָנ, — האָט מענ דאָך טאַקע בעפיירעש צעשעדיקט סײַ זײַנ ריפּ און ביינ סײַ

זײַנ געדאַנק און געפֿיל. נישט נאָר ווי א צעבראָכענע, צעמאַזיקטע פּי־זישע קראַפֿט קומט ער אויף פֿאַר אונדז, בערגעלסאָנס טויבער: „אַלײנ איז ער עפּשער נאָכ קרעפֿטיקער און געזינטער, ווי פֿאַר דער שלאָפֿקײַט געוואָרנ", — דערציילט וועגנ אים בערגעלסאָן. דאָ איז אָבער אויכ אונטערגעבראָכנ געוואָרנ זײַנ געדאַנק און זײַנ געפֿילנ־קראַפֿט, וואָס איז גרויזאַם געוואָרנ אינ איר אָנמעכטיקײַט און הילפֿסלאָזיקײַט.

די געשיכטע מיטנ טויבנס טאָכטער, עסטערנ, איר אומגליק, וואָס ברענגט זי צו זעלבסטמאָרד, נעמט נישט אָנ בא בערגעלסאָנענ דעמ כאַראַקטער פֿונ א געוויינטלעכנ סאָציאַלנ זשאַנער־בילד. אַדאַנק דעמ, וואָס די דאָזיקע געשיכטע גייט דורכ די טויבע געהירנ פֿונ דער „ווּקסיקער ברייטבייניקער ברױע", אַדאַנק דעמ, וואָס איבער איר פּנים־ניקט זיכ דער טויבער, אָבער אופגעברויזטער באַוווּסטזײַנ פֿונעמ גע־וויסנהאַפֿטנ מאַסנ־מענטש, באַקומט זי א פּאַטעטישנ פּראָבלעמענ־אינ־האַלט. עסטערס טויט ווערט א געשיכטע פֿונ גרויסער סאָציאַלער פֿאַר־אַלגעמיינערונג. ס'איז נישט קיינ זעלבסטמאָרד, ס'איז א מאָרד — דער מאָרד פֿונעמ אומשולדיקנ מיידל, פּונקט ווי דער מאָרד פֿונ איר טויבנ פֿאָטער, ווי אויכ דער מאָרד פֿונעמ מענטשלעכנ עטישנ באַוווּסטזײַנ, די פֿאַרניכטונג פֿונ דער מענטשלעכער עטישער נאָרמע, וואָס ווערט געלעסטערט און צעטראָטנ דורכ דעמ אייגנטימער „דעמ ביק" און זײַנ „בענ".

„און דער טויבער זיצט דאָ מאָרעשכוירעדיק בא דער הרובע, — דערציילט בערגעלסאָן וועגנ דעמ טויבנ, וואָס האָט געזענ זײַנ טויטע טאָכטער, נאָכדעמ ווי מע האָט זי פֿונ שטריק אַראָפּגענומענ, — זײַנ מויעכ איז אײַנגעפּרעסט, קאַלט, און געדענקט שוואַכ און נעפּלדיק א טרויעריקע געשעעניש מיט זײַנער א פֿאַרווונדעטער לאָפּעטקע, מיט א טאַפּטשאַנ, מיט א מעס און מיט אַנ אײַזערנעמ קרוק, וואָס צו אים איז א שטריק צוגעבונדנ. און אַרומ אַלעמ דרייט זיכ אַנ אָנגעהויבענע מאַכ־שאָווע מיט נישט קיינ געענדיקט וואָרט:

— דער ביק... אָ!..."

„דער ביק... אָ!.." — שטאַרקער פֿונ שטאַרק האָט בערגעלסאָנ אינ זײַנ ערשטנ ווערק אָנגעוויזנ אַפֿ דעמ שולדיקנ, אָנגעוויזנ אַפֿ דעמ, וואָס טראָגט די מוירעדיקע אַכרײַעס פֿארנ „מעס", פֿאַרנ טויבנס „פֿאַר־ווונדעטער לאָפּעטקע" און אויכ פֿאַר זײַנ צעשעדיקטער, נישט פֿאַרענ־דיקטער מאַכשאָווע... „אָ, דער ביק!" — די דאָזיקע רעפֿליק גייט דורכ לייטמאָטיוויש אינ בערגעלסאָנס דערציילונג. אָבער לייטמאָטיוויש גייט אויכ דורכ די פֿאַרכוישטקײַט פֿונעמ טויבנ, וואָס פֿאַרלירט טאָמיד דאָס

נייטיקע ווארט, וואס כאזערט טאמיד דעם אנהייב פון דעם, וואס ער קלײַבט זיך זאגן דער טאכטער: „א מענטש באדארף וויסן... א מענטש באדארף פארשטיין...״

דער מענטש און זײַן געוויסן, דאס עכט מענטשלעכע — דאס איז דער עצעם אינהאלט פון בערגעלסאנס ערשטער נאוועלע. פארטיפנדיק זיך אין דער קאמפליצירטקײַט פון די מענטשלעכע איבערלעבונגען, איז בערגעלסאן געקומען ווי דער שרײַבער פון דעם מענטשלעכן, אינער־לעכן, גײַסטיקן לעבן, ווי דער אנאליטיקער פון דער מענטשלעכער גע־פילן־וועלט, נישט פארלירנדיק אבער דערבײַ פון אויג דעם סאציאלן מעהוס, די סאציאלע שטייגערישע באדינגטקײַט פון די אלע מינדסטע פסיכאלאגישע שאטירונגען. דערצו דארף מען שוין זײַן א שרײַבער א דענקער, א דערקלערער. די פארייניקונג פון געדאנק און געפיל — דאס איז א הויפט־אייגנשאפט פון בערגעלסאנען דעם שעפער. ער קאנ־טראלירט דעם געדאנק דורכן געפיל און דאס געפיל דורכן געדאנק און געפינט אויס דעם הארמאנישן, דעם אײנהײַטלעכן בילדערישן אויס־דרוק פאר די ביידע.

די דאזיקע צוויי־אײניקײַט — דאס איז די אייגנשאפט פונעם דיכ־טער דעם לירעקער. און צי איז בערגעלסאן ניט געקומען אין דער לי־טעראטור ווי א ליריקער מיט דער שפראך און מיטן סטיל פון א שרײַ־בער א פאעט? צוליב דער פאעטיזירונג — בערגעלסאן האט אין יענע יארן געשריבן אפילו מײַסעלעך — האט ער, צו גלייבן, אויסגעאר־בעט אט די אייגנארטיקע מיטלען, וואס האבן געגעבן אים א מעגלעכ־קײַט צוזאמענגיסן אין איין אטעם, אין איין לירישן געפלעכט: רע־מארקע (האנדלונגס־ און כאראקטער־שילדערונג), דיאלאג און נאטור־געמעל, — די אלע סטיל־קאמפאנענטן, אן וועלכע דער פראזע־שרײַבער קאן זיך ניט באגיין. זיי זײַנען באוווסט, די בערגעלסאנישע דיאלאגי־שע רעפליקעס, ווי א פארטיקער פארטרעט אין אן אוואל, פאסן זיי זיך אײַן בא בערגעלסאנען צווישן איין שילדערישער רעמארקע און א צווײ־טער. דאס זעלבע איז אויך מיטן נאטור־געמעל, וואס איז בא בערגעל־סאנען מייסטנס פערזאניפיצירט, כאראקטערפול און טאטפול און פילט אויס, פונקט ווי זײַן רעפליק, די פונקציע פון האנדלונג, פארשפארנדיק די לענגערע שילדערישע באשרײַבונג.

„געשטאנען זײַנען דעמלט קורצע וויינענדיקע כעשוונ־טעג.

נאריש־פארמארעשכוירעטע הימלען האבן געמאכט פיסקעס און געוויינט, אף דער נאסער און שווארצער ערד קוקנדיק. קאוועיאכל א גויסעס באקלאגט:

— ווײַ איז אונדז... וואָס איז פונ דיר געוואָרנ...״

דאָס איז פונ „דעמ טויבנ״ — א מוסטער פונ בערגעלסאָנס פערזאָניפיצירטנ נאטור־געמעל, וואָס איז שטארק אייגנטימלעכ בערגעלסאָנס ווערק פונ יענעמ פעריאָד. די צײַט, די הימלענ, די ערד ווערנ דאָ אויפגעפאסט ווי פערסאָנאזשנ, וואָס נעמענ אָנטייל אינ דער געשיכטע, זיי באקומענ אפילע רעפליקעס, שפיגלענ אָפּ די הויפט־שטימונג אונ העלפנ דירעקט פארשטארקנ דעמ געדאנקענ־ אונ געפילנ־גאנג פונ דעמ געשילדערטנ מענטשנ אונ זײַנ לאגע. דאָס זעלבע איז אויכ מיטנ געמעל פונ די קעגנשטאנדנ, דאָס געמעל, וואָס קומט דאָ אינ „דעמ טויבנ״ אומיטלבאר נאָכ די ציטירטע שורעס:

„אונ דאָרטנ, אינ איינזאמענ טאָל, וואָס ארויס דער שטאָט, האָבנ שוינ באמ ביק אינ מיל א קײַלעכיקנ מעסלעמ די עלעקטרישע לאמטערנעס געברענט, זיכ טאָג אונ נאכט געלויכטנ אינ טיפעניש פונעמ גרויענ נעפל אונ ווי אויסגעמאטערטע געלע אויגנ געוווּנקענ צו דער נאָענטער בעשוועדיק־געפאלענער שטאָט:

— מיר מאָלנ מעל... מיר מאָלנ מעל...

אינ פײַכטנ נעפל איז די פירשטאָקיקע מיל אײַנגעהילט געווענ. דוּזק, ווי פארקלערט, האָט זי געברומט איר אוראלטנ מאָנאָטאָנישנ ברומ אונ זיכ געטרייסלט צוזאמענ מיט אירע פערציק מענטשנ ארבעטער. צווישנ גערויש אונ טומל האָבנ מענטשנ געארבעט מעכאניש אונ ערנסט־שטומ, ווי די מאשינעס אונ רעדער, וואָס האָבנ זיכ ארומ זיי געדרייט, נישט גערעדט אונ נישט געקלערט, גלײַכ ווי בא זיי אינ מויעכ וואָלטנ געלעגנ די גרויסע געפאקטע מיט ווייצ מיל־שאָפנ אונ בא זיי דעמ סייכל אָפּגענומענ:

— די שאָפנ זײַנענ אזוי ענג מיט ווייצ געפאקט... א ברײרע האָבנ זיי? מע מוז מאָלנ!״

די מיל מיט אירע לאמטערנעס אונ שאָפנ זײַנענ דאָ באלעבט, פארמענטשלעכט, ווי פריער דער פייזאזש. זיי אלע זײַנענ דאָ וווּנדערלעכ באלאָדנ מיט דער דירעקטער אידיי פונ דער דערציילונג, מיט דער אידיי, וואָס פארפלעכט אינ איינ בילדערישנ קנויל מענטש, פייזאזש אונ בייפעצ. „די אויסגעמאטערטע געלע אויגנ״ פונ די לאמטערנעס זאָגנ: „מיר מאָלנ מעל...״ די מיל, הייסט עס, איז פארשקלאפט אונ פארשקלאפט, אפ איר אויפנ, די פערציק ארבעטער, וואָס זאָגנ אויכ: „א ברײרע האָבנ זיי? מע מוז מאָלנ״. זיי מאָלנ, „ווי די מאשינענ אונ רעדער, נישט גערעדט אונ נישט געקלערט״, — דערציילט בערגעלסאָנ וועגנ די ארבעטער, געבנדיק דערבײַ צו וויסנ, אז מע האָט „בא זיי

דעם סײַכל אָפּגענומענ׳׳. פון דעם, וואָס מע האָט בײַ אים אָפּגענומען דעם סײַכל, „צעבראָכן זײַן געדאַנק׳׳, לײַדט דאָך אויך דער טויבער, אָפּ דער דאָזיקער הויפּט־אידײ בויט דאָך בערגעלסאָן, ווי געזאָגט, זײַן דערציילונג. אָט אַזוי פאַרייניקט זיך און פאַרשטאַרקט בערגעלסאָן די סאָציאַלע כאַראַקטעריסטיק פון זײַנע געשילדערטע מענטשן און געשעענישן.

„נאָר זעלטן־ווען, — דערציילט ווײַטער בערגעלסאָן, — האָט דאָס מיל־געררויש אַ פּלוצלינגדיקן ציטער געטאָן, און זיך מיט אַ טרויעריקן באַס־קאָל דורכגעשניטן:

— סטאָפּ!.. סטאָפּ!..

נאָר קיינער האָט זיך אָפּ דעם נישט אָפּגערופן, און געדאַכט האָט זיך שוין, אַז דאָס באַס־קאָל איז אַ ווײַטס און פאַרלוירנס, פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אַהער, אין אַ פרעמדער אומבאַקאַנטער וועלט, זוכט עמעצן און קען נישט געפינען׳׳.

פון די דאָזיקע שורעס איז צו זען בערגעלסאָנס אייגנאַרטיקן איבער־גאַנג צו האַנדלונג, ס׳איז צו זען, ווי ער פלעכט אַרײַן אָרגאַניש און אומבאַמערקט די סאָציאַלע ליניע אין דער פריִער אויפגעשטעלטער שטימונגס־אַטמאָספער. מיטן טויבנס, בײַ אַזאַ פאַל, נאַטירלעכן אויס־געשריי „סטאָפּ! סטאָפּ!׳׳, וועלכן בערגעלסאָן פאַרגלײַכט מיט אַ באַס־קאָל, הייבט זיך אָן אַרײַנרײַסן די שילדערונג פון דער עצם פאַסירונג מיטן טויבן, און דאָס בילדערישע פאַרבלאָנדזשעטע באַס־קאָל באַקומט דאָ אַ צווייענדיקע פונקציע: סײַ איבערגעבן די אומגעריכטקייט פון דעם אויסגעשריי, וואָס באַוואונדערט אַלעמען ווי פונעם הימל אַן אַראָפּ־געפאַלן באַס־קאָל, סײַ אַרײַנטראָגן, ווי ער האָט דאָס געטאָן פריִער אין דער שטימונגס־אינטראָדוקציע — די אידעייִשע ליניע. דאָס פאַרבלאָנ־דזשעטע באַס־קאָל, וואָס זוכט עמעצן און קען ניט געפינען — איז דאָס דען ניט די סימבאָליזירונג פון דעם סאָציאַלן באַוווּסטזײַן, וואָס האָט אַ שטראָל געטאָן אינעם טויבן און איז געגאַנגען פאַרלאָרן אין דער אָרומיקער „פרעמדער, אומבאַקאַנטער וועלט׳׳?.. דאָס איז דאָס עכט בערגעלסאָנישע פון יענע צײַטן: די אונטערטעקסטן, די בילדערישע סאָציאַלע אָנדײַטונגען, וואָס פאַראַלגעמיינערן, דערהייבן און פּאָעטי־זירן...

און אָקאָרשט איצט קומט די עצם געשעעניש, וואָס צו איר האָבן געפירט די אַלע ביזאַהעריקע שורעס:

„אַ באַרוועסער, מיט אַ גלײַכגילטיק שטויביק פּנים איז דער טויי־בער געזעסן אין דער אָנגעלאָדענער הייב־מאַשין און זיך אַראָפּגעלאָזן

פֿונעם פֿערטן שטאָק. עמעצער האָט פֿאַרבײַלויפֿנדיק עפּעס אָפּ דער־הייב־מאַשין באַמערקט און גענומען שרײַען מיט שרעקלעכע און ווילדע קולעס:

— שטעלט אָפּ! שטעלט אָפּ!

באַם טויבן אין האַרצן האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן, געשווינד אַרײַנגעגאָסן זיך אין מויעך און דאָרטן אַ בליץ געטאָן מיט אַן איבערגעשראָקענעם געדאַנק:

— דער שטריק... דער שטריק האָט געפּלאַצט.

מיט אַ נערוועזער שנעלקייט האָט ער זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פֿאַר דעם איבערגעבליבענעם גאַנצן שטריק. ער האָט זיך אויך אָנגעהויבן וווּנדערן:

— צי דען וועט ער אינעמעצן פֿון אַזאַ הייכקייט אַראָפּפֿאַלן?!

נאָר אין דער זעלבער צײַט האָט אים שוין מיט קויעך אַ שלײַדער געטאָן אין אַ זײַט. ער האָט געפֿילט, אַז ער פֿאַלט, און דאָך האָט זיך אים געדאַכט, דאָס עמעצער באַדויערט אים און שעפּטשעט אין איינעם פֿון זײַנע טויבע אויערן:

— צו שפּעט... צו שפּעט...

קיינמאָל האָט ער, דער טויבער, אַזאַ שטיל קאָל נישט געהערט, זיך איבערגעשראָקן און צוגעשלאָסן די גרויסע בלײַ־קאָלירענע אויגן".

בערגעלסאָן, דער פֿײַנער שילדערער פֿון נעשאָמע־איבערלעבונגען, איז דאָ אַרײַנגעדרונגען מיטן דינעם פּענדזל אין דער אינטימסטער פּסיכיק פֿונעם ניזעק־געוואָרענעם טויבן. אָבער דערבײַ האָט בערגעלסאָן טאקע דורך די דאָזיקע איבערלעבונגען געגעבן צו וויסן וועגן דעם גאַנג פֿון די געשעענישן. אין דעם דאָזיקן געמעל גייט, ווי שטענדיק בײַ בערגעלסאָנען, דער מערקווירדיקער איבערפֿלעכט פֿונעם העלדס צושטאַנד און געדאַנק מיט דער האַנדלונג, וועלכע ער מאַכט דורך. „דער שטריק!" „צי דען וועט ער אינעמעצן פֿון אַזאַ הייכקייט אַראָפּפֿאַלן?!" און „צו שפּעט!" — די אַלע רעפּליקעס, וואָס וואַקסן דאָ אַרויס פֿונעם טויבנס רעפֿלעקס, באַוועגן די האַנדלונג־ליניע און פֿאַרשפּאָרן דעם שרײַבער די לענגערע שילדערישע רעמאַרקע. אַזאַ רעמאַרקע וואָלט דאָך באַדאַרפֿט דאָ קומען און גאַנץ גענוי דערציילן, אַז ס'האַנדלט זיך וועגן אַ הייב־מאַשין, וועגן אַ געפּלאַצטן שטריק און וועגן אַ געוויסער הייך, פֿון וועלכער דער טויבער איז אַראָפּגעפֿאַלן...

אויסער דעם האָט דער דאָזיקער אינטענסיווער אַרט שרײַבן נאָך אַ מעלע: דאָס איז אַ מיטל אוועקצושטעלן טאָמיד אויפֿן ערשטן פּלאַן דעם מענטש, די באַשריבענע פּערזאָן. דורכן מענטש, דורך זײַן געדאַנק, גע־

פיל און רעפלעקסיע פירט דורך דער שרײַבער די נייטיקע שילדערונגס־קאָמפּאָנענטן פון דער פּראָזע: קאָמפּאָזיציע, האנדלונג, נאטור און דיאַ־לאָג. וואקסט אוים דורך דעם דער מענטש אין זײַן גאַרן פּסיכאָ־אידייִשן וווקס, ער ווערט דער צענטער פונעם ווערק און דער ציל פונעם ווערק. אָט אזא איז זי אפ דער וועלט געקומען, בערגעלסאָנס אייגנארטיקע פּאָעטיק, אונטערגעוואָרפן דעם שרײַבערס הומאניסטישער אידיי. וואָ־רעם, אז סע וואקסט דער מענטש דער געשילדערטער, איז א סימען, אז סע וואקסט דער מענטש, וואָס שילדערט, דער שרײַבער און שעפער פון דער עכט־מענטשלעכער געשטאלט.

בערגעלסאָן איז נישט קיין נאטוראליסטישער באָאבאכטער פון זײַנע געשאפענע געשטאלטן. בערגעלסאָן דער שרײַבער נעמט אָנטייל אינעם לעבן פון זײַנע פּערסאָנאזשן, ער דערנעענטערט זיי און שטויסט זיי אָפּ אין נאָמען פון זײַנע אייגענע הומאניסטישע און סאָ־ציאַלע אָנשויונגען. בענעגייע צו די פּאָזיטיווע געשטאלטן, צו די, וואָס דער שרײַבער האָט ליב, פארשטארקט ער די מאָס פון זײַן אָנטייל־נעמע־רישקײַט, מיט די דאָזיקע ווערט ער אינטים פארבונדן, דאָ פארשטארקט ער זײַן לירישן שטראָם. בערגעלסאָנס עכטע פּאָעטישע אייגנשאפטן רופן זיך אָפּ אפ יעדן פּלאסטיש־אויסגעקנאָטן וואָרט און בילד, אפ דער אייגנארטיקער ריטמיק פון דער שורע. וואָס איז בא בערגעלסאָ־נען אין טאָב א דיכטערישע, אָט־אָט א פּאָעטיש־אויסגעמאָסטענע און פארמאָגט אפילע די רעפרענארטיקע, זיך איבערכאזערנדיקע עפּיטעטן און גאנצע שטעלן.

דאָס דאָזיקע איז פארבונדן מיט דער אינערלעכער מוזיקאלישקײַט פון בערגעלסאָנס שאפונג, וואָס האָט שוין געפונען איר אויסדרוק אין דער ערשטער דערציילונג זײַנער. ס'דאכט שוין אפילע, אז בערגעלסאָנס געבוי פונעם סוזשעט און פאבול, אָט דער אייגנארטיקער עמאָציאָנעלער און פּאָעטיזירטער אָרט דערציילן וועגן די פּאסירונגען, האָט אויך א שײַכעס צו דער מוזיקאלער קאָמפּאָזיציע. אין „דעם טויבנ'ס" פיגורירן בא בערגעלסאָנען מערקווירדיקע קלענערע עפּיזאָדן און מערקווירדיק מיט צוויי—דרײַ שטריכן אויפגעשטעלטע פּערסאָנאזשן. אייניקע פון זיי האָבן אין פלוג ניט קיין דירעקטע שײַכעס צום סיפּער־האמײַסע, אָבער זיי געהערן אָרגאניש צו דער עצעם אידיי און שטימונג פונעם ווערק, וואָס בויט זיך, ווי די קאָמפּאָזיציע פון דער סימפאָנישער מוזיק, אפ די פארשיידענע מאָטיוון, וועלכע פלעכטן זיך ארײַן איינע אין די אנדערע און ציִען זיך נאָכאנאנד צו דעם הויפּט־מאָטיוו, צום אידייִשן לייטמאָטיוו.

אָט די אלע אייגנשאפטן פון בערגעלסאָנס פּאָעטיק האָבן זיך פאר־

שטאַרקט שפּעטער, באַזונדערס בעשאַס בערגעלסאָנ האָט געשילדערט איינע פונ זײַנע ליבלינגס־געשטאַלטנ, די פיגור פונ מירלענ אינ ראָמאַנ „נאָכ אַלעמענ״, וואָס שטייט אינ די אַלע פּראָטימ אַזוי נאָענט צו זײַנ ערשטנ ווערק „דער טויבער״.

בערגעלסאָנ דערציילט, וויאַזוי דער טויבער שטופּט זיכ גלײַכ מיט אַלע פרעמדע יידנ אינ קיכ צומ טאַפּטשאַנ, ווו סע ליגט זײַנ טויטע טאָכטער עסטער. אינ איינ רעגע דערקענט ער דעמ מעס.

„ — יאָ, ס׳איז עסטער, געווויס עסטער.

ער הייבט זיכ אַפילע נישט אָנ צו וווּנדערנ. אַדעראַבע, ס׳דאַכט זיכ אימ: ער איז שוינ דאָ אַמאָל באַ אָט דעמ זעלבנ טאַפּטשאַנ מיט דעמ זעלבנ טויטנ געשטאַנענ. שוינ לאַנג איז דאָס געווענ, זייער לאַנג, נאָר ס׳איז דאָכ געווענ. אַפילע די זעלבע פיל מענטשנ זײַנענ דאָרטנ אַרומ געשטאַנענ און אַ מאָרעשכוירעדיקער ווינטערדיקער פרימאָרגנ איז דעמלט, ווי איצט, אינ דרויסנ געווענ״...

אַזאַ „דאַכטעניש״, ווי דאָ, באַמ טויבנ, טרעפט דאַנ, ווענ אַ געוויסע סיטואַציע קומט אָנ צומ מענטשנס באַוווּסטזײַנ אָנ אויגנבליק שפּעטער, איידער צו דער אַפּערצעפּציע פונ די כושימ. אָט דער אויגנבליקלעכער מעהאַלעכ פונ דער אַפּערצעפּציע ביז דער באַוווּסטזיניקער אופאַסונג שפּיגלט זיכ שוינ אָפּ אינ זינענ ווי אַ צײַט־מעהאַלעכ, דאַכט זיכ שוינ דעריבער דעמ מענטשנ, אַז ער האָט מיט אַ צײַט צוריק איבערגעלעבט פּונקט אַזאַ סיטואַציע, פּונקט אַזאַ לאַגע. און אַזאַ „דאַכטעניש״ איז אַוואַדע כאַראַקטעריסטיש פאַרנ טויבנ. זײַנ באַוווּסטזײַנ אַרבעט דאָכ שווער, פּאַמעלעכ, און בעשאַס דער טאַפּטשאַנ מיט דער טויטער טאָכטער מיט אַלעמ אַרומ האָבנ זיכ אַרײַנגעריסנ פּלוצעמ צו אימ אינ די כושימ, האָט דער באַוווּסטזײַנ אַוואַדע נישט באַוויזנ נאָכ אופאַסנ, פאַנאַנדערקלײַבנ זיכ אינ דעמ, וואָס איז געשענ. אָט מיט אַזאַ פּאַרטיפּערטנ שטריכ דערגאַנצט בערגעלסאָנ די כאַראַקטעריסטיק פונעמ טויבנ, ער באַווײַזט אָפּ אַ נײַעמ אויפנ, וויאַזוי דעמ טויבנס „געהירנ״ אַרבעטנ שטאַרקער, שאַרפער איידער דער מויעכ, איידער דער סייכל, וואָס איז באַ אימ פאַרטויבט און פאַרטונקלט.

נאָכנ דערשײַנענ פונ „דעמ טויבנ״ האָט בערגעלסאָנ אינגיכנ פאַרעפנטלעכט אַ מײַסעלע מיטנ נאָמענ „די באַסמאַלקע „עמעס״. און ס׳איז זייער וויכטיק צו באַצייכענענ, אַז דאָס דאָזיקע מײַסעלע האָט זיכ געדרוקט אינעמ קיִעווער זאַמלבוכ „פונ צײַט צו צײַט״, אינ דער אַרומ־

רינגלונג פון ליטעראַרישן שטאָף, פון ראָמאַנטיש־מיִסטעריקן שטאָף. וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט די נאַציאָנאַליסטישע טשוווע־שטימונגען, די יערידע־שטימונגען, וועלכע האָבן אין יענער צײַט באַהערשט געוויסע שיכטן פון דער ייִדישער אינטעליגענץ. בערגעלסאָנס מיִסעלע איז אין דעם דאָזיקן זאַמלבוך געווען די איינציקע, וואָס איז ווײַט פון אָט דער נאַציאָנאַליסטישער כאַראַקטער. פאַרקערט, די טעמע פונעם מיִסעלע איז אַ סאָציאַלע, אַ דעמאַסקירנדיקע אפילע, און באַווײַזט, ווי שטאַרק ס'האָבן אינעם שרײַבערס באַוווסטזײַן פאַרקאַרבט זיך די הערשנדיקע אידייען פון 1905 יאָר, וואָס הילכן נאָכאַנאַנד אין דעם דאָזיקן מיִסעלע, נישט געקוקט אַפּ געוויסע אָפּשפּיגלענישן פון דער אָפּגאַנג־טקופע.

גאָט דער האַר, — דערציילט בערגעלסאָן אין זײַן מיִסעלע, — האָט באַשאַפן איינע „אַן אומגעוויינלעך־אומעטיקע שלאַנקוווקסיקע פרוי", וואָס האָט אַליין וועגן זיך געזאָגט: „איך האָב אַ האַרץ, וואָס לײַדט און ווייטעקט פון יעדן אומרעכט און קרומען דין. כ'האָב אַ נעשאָמע, וואָס נאָגט און בענקט צו יעדן אומגליקלעכן און געשטראָפטן. אַלעמען העלפן גלוסט זיך מיר אַזוי, און אַליין בין איך דאָך קלענער פון קליין און מוירע האָב איך פאַרן טויט". די דאָזיקע פרוי איז געווען די באַסמאַלקע „עמעס", וואָס איז באַלד אַראָפּגעשיקט געוואָרן אַפּ דער ערד מיט אַן אָנזאָג: „שטאַרבן וועט זי פּונקט אין יענער צײַט, ווען מענטשן וועלן צו איר נאָענט צוקומען". האָט זי געלעבט איינזאַם, פאַרשפּאַרט אין איר פּאַלאַץ, די באַסמאַלקע „עמעס", מיטן הייסן פאַרלאַנג אין האַרצן רופן די מענטשן צו מילכאָמע קעגן „אומגערעכטיקײַט און פאַלשקײַט", אָבער זי האָט דאָך מוירע געהאַט אויוועך זײַן אָפּן פאַרבאָט, נישט געטאָרט באַגעגענען זיך מיט מענטשן, מוירע געהאַט פאַרן טויט...

האָט די בענקענדיקע באַסמאַלקע, — דערציילט ווײַטער דער שרײַבער, — געשיקט דעם מאַלעך, דעם היטער אירן, ער זאָל שוועבן איבער דער ערד און קומען איר דערציילן, וויאַזוי מענטשן לעבן אַפּ דער וועלט. האָט דער דאָזיקער מאַלעך געבראַכט איר פאַרשיידענע געשיכטעס: וועגן אַ רויבער, וואָס האָט אַן אָרעמען אַרבעטס־מענטש אַרײַנגעשטעקט אַ מעסער אין האַרצן, וועגן אַ רײַכן, וואָס האָט געהאַרגעט זײַן אָרעמען ברודער פאַר דעם פאָטערס יערושע, וועגן אַ פרוי, וואָס איר קינד איז אויסגעגאַנגען פון הונגער און נויט... און אַז די מענטשן, — האָט איר דערציילט דער מאַלעך, — האָבן זיך דערוווּסט, אַז ער איז דער היטער פון דער באַסמאַלקע „עמעס", האָבן זיי אים געכאַפּט און

געפאָדערט אויסזאָגן, ווי זי געפינט זיך, דער מאַלער האָט זיי געבעטן באַפרײַען אים און געגעבן זיי אַ וואָרט, אַז נאָך דעם, ווי ער וועט פּלוצעם באַקומען אַ דערלויבעניש בײַ דער באַסמאַלקע, וועט ער קומען און געבן זיי צו וויסן, ווי זי געפינט זיך. די באַסמאַלקע האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם מאַלערס וואָרט, וואָס דראָעט איר מיט טויט: „פּלי באַלד אַוועק צו זיי, — האָט זי אים געזאָגט, — און זאָג, אַז דו האָסט מיך אַפילו פרײַריקן אָרט נישט געטראָפן...“ „ס'איז דאָך נישט עמעס!“ — האָט דער מאַלער שטאָלץ און שטרענג צו דער באַסמאַלקע געזאָגט.

און די באַסמאַלקע האָט, רויט ווערנדיק, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, — ענדיקט בערגעלסאָן זײַן מײַסעלע, — און, בײַסנדיק דעם נאָגל פון עם קלענסטן האַנט־פינגער, שעמעוודיק צוגעגעבן:

„ — נו, טאָ זאָג זיי אַ ליגן“.

אָט דאָס דאָזיקע שפּאַס־מײַסעלע טראָגט דאָך אַ דעמאַסקירנדיקן כאַראַקטער וועגן דעם עמעס. וואָס גאָט האָט באַשאַפן. אָט דער עמעס האָט מוירע פאַרן טויט און באַפוילט אליין זאָגן אַ ליגן, ניט זײַענדיק אימשטאַנד צו לינדערן די ליידן פונעם מענטשן, צו וועלכן ער טאָר נישט גענענען. ווארעם ס'איז זייער סימפּטאָמאַטיש דאָס, וואָס די געשיכטעס וועגן דעם לעבן פון מענטשן, וועלכע דער מאַלער ברענגט דער באַסמאַלקע, זײַנען גראָד וועגן סאָציאַלן אומרעכט, וועגן דער רישעס פון די רײַכע און די פּײַנען פון די אָרעמע און הונגעריקע... איז דאָך קלאָר, אַז אויך דאָ באַאומרויקט בערגעלסאָנען די סאָציאַלע און עטישע פּראָבלעם, די פּראָבלעם פון מענטש און מענטשלעכקײַט אין די אומשטענדן פון די רעאַקציע־יאָרן. די פאַרבינדונג מיט דער גרעניצן־ליניע, וואָס גייט דורך אין „דעם טויבנס“, איז דאָ אַ בולעטע. „דער טויבער“ ענדיקט זיך דאָך אויך בײַ בערגעלסאָנען מיטן אומדערוואַרטן פינאַל וועגן „פעסיע דער מילכיקערנס געהאַרגעטער בעהיימע“.

„זי האָט אַזוי — פאַרענדיקט בערגעלסאָן זײַן דערציילונג, — געוויינט אָט די פעסיע:

— אַדעראַבע, זאָלן ייִדן זאָגן, וואָס איז זי דאָ שולדיק?..“

אין די ביידע פינאַלן — סוף פון דער באַסמאַלקע „עמעס“ סוף פון „דעם טויבנס“ איז דאָ אַ ביטערער שפּאַס, ס'איז דאָ אַן איראָניע, וואָס ווײַזט אײַן אָן סאַפעק אף דער פאַרורטיילטקײַט פונעם „מענטשלעכן“ עמעס — אויך פונעם טויבנס עמעס — אין די הערשנדיקע אייגנטימערישע באַדינגונגען. אָבער אין די ביידע פינאַלן איז דאָ אויך די דעמאַסקירונג פון די דאָזיקע באַדינגונגען.

די לעצטע שורע פונ „דעמ טויבנ״ ווידמעט בערגעלסאָנ פּעסיע דער מילכיקערנ:

„זי האָט נישט געקאָנט ענדיקנ אונ זיכ פאר הארצווייטעק פאנאנ־דערגעכליפּעט. אונ יידנ זײַנענ דאָ פארקלערטע געשטאנענ אונ גע־שוויגנ״.

אוואדע איז בערגעלסאָנ אויסנ געוועג מיט זײַנ געשיכטע, אז מענטשנ זאָלנ זיכ פארקלערנ, האגאמ זיי זײַנענ אינ יענער צײַט פארור־טיילט געוועג צו שווײַגנ. מיט אזא גרויס לײַדנשאפטלעכ הומאניס־טיש געפיל האָט בערגעלסאָנ אָנגעשריבנ זײַנ ערשט קינסטלעריש ווערק, די געשיכטע וועגנ דעמ טויב־געוואָרענעמ טרעגער, די געשיכטע, אייגנט־לעכ, וועגנ דעמ פאריאָגטנ מענטשנ, וועגנ זײַנ שווערנ גרויזאמענ גורל אינ די באדינגונגענ פונ דער אייגנטימערישער אָרדענונג.

די דאָזיקע אידייִשע ליניע האָט אזוי צי אנדערש געפונענ איר אָפּהילכ אינ אלע בערגעלסאָנס שאפונגענ פונ פאר דעמ אָקטיאבער־פּעריִאָד.

II. ארום וואָקזאַל

1

אין זײַן ערשטער דערציילונג „דער טויבער" האָט בערגעלסאָן, ווי געזאָגט, אין א געוויסן פּראָט אײַנגעריסן מיט דער טראַדיציע פון די ייִדישע קלאַסיקער — אופצושטעלן די געשילדערטע מענטשן אין דער ענגער באַהעפטונג מיט דער פאַרוואָרצלטער נאַציאָנאַלער סוויווע און שטעטלשן לעבנס־שטייגער. אין זײַן ערשטער פאַרעפנטלעכטער דער־ציילונג „ארום וואָקזאַל", וואָס איז דערשינען אין 1909 יאָר, האָט דאָוויד בערגעלסאָן געמאַכט אין דער הינזיכט נאָך א שריט ווײַטער. אין דער דאָזיקער דערציילונג האָט ער שוין זײַנע פּאַרשוינען אינגאַנצן קימאַט ארויסגעפּירט פון שטעטל, אַפּ וויפל די גאַנצע האַנדלונג קומט בא אים שוין דאָ פאַר ארום וואָקזאַל, ווײַט, אויסערן ייִדישן ייִשעוו, א פּלאַץ, וואָס האָט קיין שום שײַכעס צו די דוירעסווײַז באַזעסענע שטעטלשע ייִדישע גאַסן און געסלעך מיט די דוירעסדיקע פאַרוואָרצל־טע טראַדיציעס פון שטעטלשן לעבן און אויסקומעניש.

בערגעלסאָן האָט, דאַכט זיך, בעקיוון דאָ א פּאָר מאָל געגעבן צו וויסן, אז די ארום־וואָקזאַל־לײַט פּאָרן נאָר אַפּ שאַבעס און יאָמטעווו אהיים אין שטעטל, ביכדיי אונטערצושטרײַכן, אז זייערע אַלע וואָכע־דיקע אינטערעסן, זייער טאָג־טעגלעכקײַט, זייער סאָציאַלער קיום און לעבנס־כאַראַקטער ווערן שוין אויסגעפורעמט און געפעסטיקט אין די נײַע באַדינגונגען פון זייער נײַער אויסער־שטעטלשער וואָקזאַלישער לעבנס־עקזיסטענץ.

אופשטעלנדיק באַלד אינעם אָנהייב פון דער דערציילונג דעם אַל־געמיינעם פּייזאַזש פון ארום וואָקזאַל מיט זײַן וואָקזאַל־פּלאַץ און צוגן, דערציילט בערגעלסאָן, אז ס'איז „פּאַראַן נאָך א צווייטע זײַט וואָקזאַל, וווּ קיין סאָכרים דרייען זיך נישט ארום". בערגעלסאָן שיל־דערט דאָ די דרימלענדיקע „שמײַסערס", וואָס וואַרטן מיט „אומענטש־לעכן געדולד" אַפּ זייערע אָנקומענדיקע באַלעבאַטים, און אַז דער

באלעבאָס קומט און פאָרט אָפּ פון וואָקזאַל, — דערציילט בערגעלסאָן,— הייבט ער זיך אָן צו וויגן אַפּ דער פאָרנדיקער בריטשקע און ווערט גיך אנדרימלט. „ער פארגעסט, אז ער פאָרט אהיים און ווערט ווידער אנשלאָפן. ערגעץ ווײַט, אין א שטעטל, וואָס אין טאָל, קוקט אַפּ אים ארויס א שטוב מיט אירע פענצטערס, כאַדאָרים און מענטשן. און א קליין קינד זײַנס לויפט דאָרט באָרוועס ארום און באַרימט זיך, אז עס וועט באַלד א מאַטאָנע באַקומען.

און ער וויגט זיך נאָך אַלץ אַפּ דער לויפנדיקער בריטשקע, וויגט זיך און דרימלט".

אזוי ווייניק כיישעק צו פאָרן אהיים, אזוי ווייניק גלוסטונג צום שטעטל איז שוין פאראן בא בערגעלסאָנען אין דעם דאָזיקן געמעל פון די אַלע, וואָס קערן זיך אום פון זייערע געשעפטן אַפּ די באַנען און פאָרן צו זייערע יִשוּוים און שטיבער... „פון דעמלסט אָן איז בײַנעש רובינשטיין שוין מער אין שטעטל ניט געפאָרן. ניט ווײַט פונעם וואָקזאַל האָט ער זיך בא א פויער א כיידער אָפּגעדונגען און דעם א נאָמען געגעבן „די היים". אזוי דערציילט בערגעלסאָן וועגן דעם הויפּט-פאַרשויג פון זײַן ווערק. א צווייטער העלד פון בערגעלסאָנס דערציילונג, אורעמציק קויפמאַן, בויט זיך שוין אפילע דאָ א שטוב, ער הייבט זיך אָן אײַנוואָרצלען דאָ ארום וואָקזאַל, ווו ס'הייבט זיך אָן ענדערן דער סאָציאַל-עקאָנאָמישער אויסזען פונעם יִדישן מיטלשטאנד, מיט וועלכן בערגעלסאָן האָט מייסטנס צו טאָן אין דעם דאָזיקן ווערק.

נאָך מער אפילע ווי אין „דעם טויבן" האָט דאָ דער שטעטלשער אײַנגעפּונדעוועטער שטייגער און קלאַריט שוין קיין שום שליטע ניט, קיין שום דירעקטע ווירקונג אפן געדאַנק און טאַט פון דעם בערגעלסאַניש געשילדערטן מענטשן-רומל, אַפּ די „קאָמיסיאָנערן, סאָכרים און מעקלערס", וואָס פילן אויס דעם ארומוואָקזאַלישן האַנדלונגס-שעטעכ. אין דער דאָזיקער נײַער דערציילונג האָט בערגעלסאָן זײַנע שטעטלשע פארשוינען מיטן פאָנעם אײַנגאַנצן אויסגעקערט צו די נײַע אופגעקומענע אַלגעמיין-בירגערלעכע און קליינבירגערלעכע לעבנס-אײַנמערעסן. אויסשליסלעך אַפּ אָט דעם פאָן האָט ער באַוויזן זייערע סאָציאַלע און פערזענלעכע איבערלעבונגען, זייערע שטרײַטן, שטרעבונגען און לײַדנשאַפטן.

דער סאָציאַלער פאָן פון בערגעלסאָנס „ארום וואָקזאַל" איז די עקאָנאָמישע קאָנקורענץ, די סאָציאַל-שטייגערישע פארהעלטענישן צווישן די סאָכרים, קאָמיסיאָנערן און מעקלערס, וואָס האָבן זיך א לאָז געטאָן צום וואָקזאַל אָנלעבן זיך אַפּ דעם וואַקסנדיקן טווע-האַנדל,

וועלכער האָט באַנאַנד מיטן שטײַגנדיקן קאַפּיטאַליזם זיך פאַרשטאַרקט אין רוסלאַנד אין די יאָרן פון נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע.

„נאָך עטלעכע יאָר שטילשטאַנד האָט די אינדוסטריע ווידער אויפגעלעבט: עס זײַנען אויסגעוואַקסן דער אַרויסבאַקום פון קוילן, די אויסאַרבעטונג פון מעטאַל, דער אַרויסבאַקום פון נאַפט, עס האָט זיך פאַרגרעסערט די פּראָדוקציע פון געוועבן, פון צוקער. עס איז שטאַרק אויסגעוואַקסן דער אַרויספיר פון טוויע קיין אויסלאַנד" (געשיכטע פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. קורצער קורס, ז. 119, ייד.).

ס'איז זייער וויכטיק אָפּצומערקן, ווי בערגעלסאָן, דער שרײַבער דער רעאַליסט, איז דאָ פאַרבונדן מיט קאָנקרעטער סאָציאַלער וואָר, מיט קאָנקרעטער צײַט, געזעלשאַפטלעכער לאַגע און לעבנס־אינטערעסן פון זײַנע געשילדערטע פאַרשוינען. אין זײַן גרעסערער דערציילונג האָט דאָך בערגעלסאָן אָט ווי בעקיוון פאַרשמעלערט דעם פּלאַצדאַרם פון דער האַנדלונג, בכדיי צו קאָנען וועגן די אויפמערקזאַמקײַט, קאָנצענטרירן די שטראַלן פון זײַן קינסטלערישן פּראָזשעקטאָר אַף די לײַט פונעם אַרום וואָקזאַל, דורך וועלכע דער שרײַבער האָט זיך פאַרמאָסטן אויפצודעקן דעם הערשנדיקן כאַראַקטער פון דער רעאַקציע־טקופע, אויפצודעקן, דעריקער, דעם כאַראַקטער פון די אומענטשלעכע הענדלערישע פאַרהעלטענישן, וואָס די דאָזיקע טקופע האָט באַדינגט און אַרויסגעבראַכט.

וועגן וואָס דערציילט בערגעלסאָן אין זײַן „אַרום וואָקזאַל"? ער דערציילט די געשיכטע וועגן ביינעש רובינשטיין, אַ מענטש, וועלכער איז לויט זײַן דערציִונג און טעווע נישט געווען אײַנגעאַנצן צוגעפּאַסט צו דעם יעניקן כאַראַקטער פון קאַמף פאַר רײַך ווערן, וואָס האָט געהערשט צווישן די אַרום־וואָקזאַל־סאָחרים פון יענער צײַט. ביינעש רובינשטיין, — דערציילט בערגעלסאָן, — האָט אין זײַן סאָחרים־קרײַז געכאַפּט אַ מאַפּאָלע נאָך אַ מאַפּאָלע דערפאַר, ווײַל אים איז שווער געווען גלײַך איבערנעמען די פאַרשטאַרקטע וועלפישע גענג פון די נײַע אויפגעקומענע הענדלערישע שיכטן. די געשיכטע פון ביינעש רובינשטיין איז אַף אַזאַ אויפן ווידעראַמאָל אַ געשיכטע וועגן דער דערנידערונג און אפילו אויסראָטונג פון מענטשלעכן גײַסט און געוויסן אין די באַלעבעטישע קרײַזן פון דער פאַרשטאַרקטער אייגנטימערישער געזעלשאַפט.

דאָס מאָל האָט בערגעלסאָן געשילדערט מענטשן פון איין קלאַס, פון איין שיכט, באַוויזן זייערע אַמאָראַלישע באַציִונגען פון איינעם צום צווייטן, די באַציִונגען, וואָס זײַנען פאַרורזאַכט דורך די סאָציאַלע קאָנ־

קורענץ־פארהעלטענישן און זײַנען אריין אין טעווע און לעבנס־שטייגער פונעם דאָזיקן שיכט. א מענטש א מענטשן איז א וואָלף — דאָס דאָזיקע ווערט א לעבנס־נאָרמע פאר די גיריק געוואָרענע באַלעבעס־לעך, וואָס באמערקן שוין אָפטמאָל אליין ניט, וויאזוי זיי קומען אָן צו דער מאדרייגע, וועלכע בערגעלסאָן כאראקטעריזירט אמשארפסטן דורך רובינשטיינס מאכשאָווע: „צום וואָקזאל איז ער נישט געגאנגען, — דערציילט בערגעלסאָן וועגן דעם געפאלענעם ביינעש רובינשטיין, — נישט דערפאר, וואָס ער האָט זיך פאר עמעצן געשעמט, נאָר דערפאר, וואָס ער האָט די סאָכרים נישט פארגונען:

„זיי, וואָס מאכן געשעפטן, קויפן און פארקויפן, קוקן דאָך אף זײַן אויסגעדארט פּאָנעם און האָבן האנאָע פון דעם, וואָס אף אים איז א ראכמאָנעס".

געגנוג איז געווען ביינעש רובינשטיינען אָנהייבן פאלן, דערציילט בערגעלסאָן, ווי די סטײַע מענטשן־וועלף האָט זיך א לאָז געטאָן אף אים און שיר נישט דערפירט צו מעשוגאַס, צו זעלבסטמאָרד. דערבײַ איז אינטערעסאנט דאָס, וואָס בערגעלסאָנס דערציילונג פארמאָגט ניט קיין באזונדערע אויסערלעכע דראמאטישע קאָליזיעס, קיין שום טראַגישע אויסברוכן, בערגעלסאָן טרעט ניט אָפּ פונעם געוויינטלעכן טאָג־טעגלעך־פליסנדיקן לעבן, א לעבן פון גרויער וואָך, פון אומבאדײַטנדיקער וואָר, און די דאָזיקע וואָר איז אזא שוידערלעכע אין טאָך, זי שלינגט לעבנס און הארגעט אוועק דאָס מענטשלעכע אינעם מענטשן...

נאָך איינע א פיגור פון דעם זעלבן ארט, וואָס ביינעש רובינשטיין, איז פאראן דאָ אין דער דערציילונג. דאָס איז די פיגור פון אוורעמיציק קויפמאנס פרוי קלארע. די דאָזיקע פרוי האָט אויך דאָ אין דער ארום־וואָקזאל־סוויווע אָנגעוואָרן איר טרוים וועגן א מענטשלעך לעבן, זי האָט אָנגעוואָרן „אירן אן אייגענעם האלב־טונקעלן כאָלעם, וועלכער האָט זי לאנג גענארט און צום סאָף נישט מעקויעם געוואָרן". אין „ארום וואָקזאל" זײַנען ביכלאל אלע געשילדערטע געשטאלטן סווזשע־טיש מער פארבונדן צווישן זיך, איידער די געשטאלטן אין דער דערציילונג „דער טויבער". מייסטנס פארמאָגן דאָ די אלע אפילע עפּיזאָדישע געשטאלטן זייער אייגענעם לעבנס־גוירל. דער דאָזיקער פערזענלעכער גוירל פארשטארקט די סאָציאל־פּסיכאָלאָגישע אינדיווידואליזירונג פון די געשטאלטן, פארשטארקט די הויפּט־אידיי פונעם ווערק, איבער־פלעכטנדיק די לעבנס־וועגן פון די אלע, וואָס שטעלן מיט זיך פאר דאָס ארום־וואָקזאלישע סאָכרישע געזעמל.

2

געוויס. א וויכטיקע ראָל שפּילט אינ דער דערציילונג נישט נאָר ביינעש רובינשטיינ, א וויכטיקע ראָל שפּילנ אויכ דער גליקלעכער סויכער אוורעמציק קויפמאנ אונ זײַנ פרוי קלארע, א וויכטיקע ראָל שפּילנ די סאָכרימ, מעקלערס אונ קאָמיסיאָנערנ: פּיניע ליסאק, לייווי פּיווניאק, שלוימקע פּערל, עליע דערבארעמדיקער, איציק-באָרעכ, מייער העכט אונ די זייער פּארמעגלעכע: מאָני דרעל, כאניגע שאפּירא אונ כאימ-מענדל מארגוליס. די אלע גיבנ א מעגלעכקײַט דעמ שרײַבער באווײַזנ פילזײַטיק דעמ סאָציאלנ פּארצעפּ פונעמ ארומ וואָקזאל, געבנ דאָס פולע געמעל פונ דער געזעלשאפט, פונ דעמ מענטשנ-באשטאנד, וואָס דורכ אימ ווערט אנטפּלעקט דעמ שרײַבערס גרונט-געדאנק.

וואָרעמ אויסער די אלע פיגורנ ווערנ בא בערגעלסאָנענ דערמאָנט נאָכ א גאנצע ריי פּארשוינענ — אינ סאכאקל א העכער דרײַסיק נעמענ — וואָס שטעלנ מיט זיכ פאָר די אזויגערופענע שטייגער-פּעריפּעריע פונ דער דערציילונג. די אלע דערגאנצנ די כאראקטעריסטיק פונ די הויפּט-אָנטיילנעמער, פירנ דורכ ליניעס צו זייערע שטיבער אונ היימענ, צו זייער פארגאנגענהײַט, לעבנס-סוויווע אונ כאראקטער-אויסבילדונג. אזוינע זײַנענ אינ דער ערשטער ריי ביינעש רובינשטיינס פרויענ, די פארשטאָרבענע אונ די לעבעדיקע, זײַנע פאָטער אונ מוטער, מייער העכטס אונ פּיניע ליסאקס פרויענ, איציק-באָרעכס ברודער אונ זײַנע באקאנטע מיידלעכ, דער לערער אונ די יוגנט בא מאָני דרעלנ אינ שטוב, דער סויכער יוזעפ יאשנעפּאָלסקי, הײַנט דער קאָמיסיאָנער מיט די פארדרייטע וואָנצעס, שלוימע ליפּ דער באלעגאָלע אונ דער „מיראָווי", דער טאָטער, דאָס וואָקזאל-מיידל אונ נאָכ אונ נאָכ. בערגעלסאָנ באהערשט שוינ דאָ מײַסטעריש דאָס מיניאטיור-געמעל, דורכ צוויי—דרײַ שטריכנ שטעלט ער אופ פאָר אונדז א פיגור מיט אלע אירע שײַכעסנ, דעריקער, צו דער אידיי אונ האנדלונג פונ דער דערציילונג.

די הויפּט-פּערסאָנאזשנ פונ בערגעלסאָנס „ארומ וואָקזאל" לאָזנ זיכ אײַנטיילנ אינ דרײַ קאטעגאָריעס: די פארמעגלעכע סאָכרימ, די קאָמיסיאָנערנ אונ מעקלערס, וואָס פּאסנ זיכ צו צו זיי אונ זוכנ א פּארדינסטל, אונ די פאָר אינטעליגענטנ, איציק-באָרעכ אונ מייער העכט, וואָס פילנ זיכ זײַטיקע, פרעמדע אינ דער דאָזיקער הענדלערישער סוויווע. זיי האָט אהער פארצויגנ דער צײַט-שטראָמ, אונ זיי טרוימענ באפרײַענ זיכ פונעמ ארומ וואָקזאל אונ אומקערנ זיכ צו זייערע אינטעליגענטישע באשעפטיקונגענ. דערבײַ איז מערקווירדיק דאָס, וואָס די דאָזיקע גרונט-אײַנטיילונג באווײַזט גרײַלעכ, אז בערגעלסאָנ נעמט אינ

באטראכט די סאָציאַלע לאַגע פון זײַנע פּערסאָנאַזשן: ער שטעלט זיי אַפּ באַשײַמפּערלעך לויטן גראַד פון זייער פאַרמעגלעכקײַט, לויט זייער אָרט אין דער סאָציאַל־ און עקאָנאָמיש־דיפערענצירטער בורזשואַזער געזעלשאַפט. לויט דער דאָזיקער ליניע גייען אויך אין דער דערציילונג די פּערזענלעכע סימפּאַטיעס פון די העלדן, זייערע צווישן־באַציִונגען און צווישן־פאַרהעלטענישן.

די האַנדלונג פון זײַן דערציילונג פירט בערגעלסאָן דורך אין די ראַמען נאָר פון איין קלאַס. אָבער דער שרײַבער ווייסט, אז דאָס איז א ק ל א ס. דער שרײַבער ווייסט און געדענקט, אז אויסער און הינטער אָט דעם קלאַס שטייט אַן אַנדער קלאַסן־וועלט, א וועלט, וואָס האָט אָקאָרשט אין 1905 יאָר געברויזט און געשטורעמט קעגן די בורזשואַזע פאָרשטייער פונעם פאַרדאָרבענעם לעבן און פאַרדאַרבערישער מאָראַל. בערגעלסאָן שילדערט דעם יונגן איציק־באָרעכן, וואָס האָט געבראַכט אהער צום וואָקזאַל זײַן אייגענע לעבנס־ביִאָגראַפיע, א ביִאָגראַפיע, וואָס רייצט מיט איר ראָמאַנטישער געהיימניספולקײַט און וואָס קיינער פון די וואָקזאַל־לײַט באַנעמט זי ניט אפילו. „די וואָקזאַל־לײַט, — דערציילט בערגעלסאָן, — האָבן פאַר אים דערעכ־ערעצ דערפאַר, וואָס ער איז א נײַ־אָנגעקומענער, א הויכער, א געזונטער, און טראָגט לאַנגע האָר, און אויך דערפאַר, וואָס ער איז אין די ווײַטע שטעט א רעוואָ־ליוציאָנער געווען און האָט מיט זיי וויניק שמועס".

און נאָך: „אָט איז איציק, לעמאַשל, א געזונטער און שיינער באָכער, און פון קיין יעסורים ווייסט ער קיינמאָל ניט, און פאַרטיפט איז ער ערגעץ אין א מערקווירדיקער וועלט, וווּ קיין סאָכרים זײַנען ניטאָ, און דאָס לעבן האָט ער מיט אַן אייגנאַרטיקער ליבע ליב, און קיין געלט דאַרף ער ניט האָבן".

דאָס איז ביינעש רובינשטיינס פאָרשטעלונג וועגן דעם יונגן איציק־באָרעכן, די איינציקע פיגור, פאַר וועלכער דער שרײַבער פאַרמאָגט מילדע וואַרעמע פאַרבן אַפּ זײַן פּאַליטרע. און אז ביינעש רובינשטיין קומט צום נאָגיד מאָני דרעלן מאָנען זײַנעם א כויוו, קומט אים אויס צו הערן א געשפּרעך, וואָס טראָגט אין זיך די אָפּהילכן פון די דיסקוסיעס פון 1905 יאָר. ער האָט געהערט, ווי א לערער האָט דערקלערט מאָני דרעלס מיידל דעם סייכל פון מערווערט:

„אָט, לעמאַשל, איר טאַטע האָט א געוועלב, ער פאַרדינט, לעמאַשל, בא יעדן אַרשין סכוירע 10 קאָפּ. און אַזויווי ער האָט די סכוירע אליין ניט אויסגעאַרבעט, קומט אויס, אז די 10 קאָפּ. זײַנען דעם אַרבעטערס. דאָס הייסט, אז ער לעבט אָפּ א פרעמדן כּעזשבן..."

„עמעס, ריכטיק.‟ — האָט אַפּ דעם דרעלם מיידל זיך אָפּגערופֿן.

„האָט אים אָבער אַפּ דעם מיידל פֿאַרדראָסן, — דערציילט בערגעל־סאָן וועגן רובינשטיינען, — און אַ שמייכל האָט זיך אין זײַנע אויגן באַוויזן:

„נו, און איר טאַטע... נו, און זי אַליין...‟

ער האָט שוין די נעגל געביסן:

„אַ רועך אין זייער... אַליין רויבט מען זיך אָן, מ׳גאַזלט, מ׳הארגעט, קליידער פֿאַר פֿרעמד געלט קויפֿט מען זיך, נאָכדעם זיצט מען אין אַ וואַרעמען געמאָלטן כיידער, מ׳קוקט דאָרטן אַפּ אַ ליבן באָכער און מע זאָגט:

„דו אַרבעטעסט ניט און לעבסט... אַ סימען, אַז דו לעבסט אַפּ אַ פֿרעמדן בעזשבגן...‟

סײַ די דאָזיקע ביטערע איראָנישע רעפּליקעס רובינשטיינס סײַ די געשטאַלט פֿון איציק־באַרעכן, צו וועלכן, אַגעוו, ס׳ציט רובינשטיינען יעדער מאָל, ווען ער ווערט דערנידעריקט און דערשלאָגן, — דאָס אַלץ באַווײַזט, אַז בערגעלסאָן האָט אין זײַן דעמאָסקירנדיקער געשיכטע וועגן דער סאָכרישער וועלט נישט פֿאַרגעסן, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ קלאַסן־דערשײַנונג. און ניט אַרופֿברענגענדיק אַפּ דער ליטעראַרי־שער אַרענע עלעמענטן פֿון קלאַסן־קאַמפּף, האָט בערגעלסאָן אין „אַרום וואָקזאַל‟, פּונקט ווי אין „דעם טויבן‟, אויפֿגעפּאַסט די עטישע פּראָב־לעם ווי אַ קלאַסן־פּראָבלעם. דעמאַסקירנדיק די דרעלם, די קויפֿמאַנס, די פּיווניאַקס, האָט בערגעלסאָן ווידעראַמאָל אַרויסגעטראָגן דעם פּסאַק־דין דער אייגנטימערישער קלאַסן־מאָראַל. ניט באַווײַזנדיק קיין פֿאַקטן פֿון מאַטעריעלער עקספּלואַטאַציע, ווי אין „דעם טויבן‟, האָט ער דאָך קינסטלעריש־אָנשוילעך באַוויזן די עקספּלואַטאַציע פֿון דער מענטשלע־כער נעשאָמע, די דערנידעריקונג פֿון דער מענטשלעכער ווערדע. דעם אַלעם איז דאָך אין טאָך געווידמעט אויך דער „אַרום וואָקזאַל‟, וווּ בערגעלסאָן האָט נאָך טיפֿער אויפֿגעדעקט און פֿאַרורטיילט די סיבעס פֿון דער דאָזיקער דערנידעריקונג — די בורזשואַזע סאָכרישע לעבנס־סיסטעם מיט איר פֿאַרשטאַרקטער אַמאָראַלישקײַט אין די רעאַקציע־יאָרן פֿון נאָך 1905 י.

די ערשטע מענטשן, וואָס בערגעלסאָן באַווײַזט אַפּן וואָקזאַל באַלד באַם אָנהייב דערציילונג, זײַנען: אַ שווײַגנדיקער, איבערגעשראָקענער מעקלער, אַ יוירעד, „וואָס... האָט אויך אַמאָל געלט געהאַט און גע־דענקט שוין איצט נישט, וואָרום ער האָט עס באַקומען און וואָרום פֿאַרלוירן‟. אַ „מעשולעך, אַ בלינדער אַפּ איין אויג... וועלכער האָט גע־

וואָלט עמעצן דערציילן וועגן זײַן אָרעמקייט...'' פּיניע ליסאַק, וואָס
,,גייט צו אַ פרעמדן סויכער צו, פאַרקרימט זיך, ווי אַף אַ נעדאָווע בעטן,
און איז אים אַף שטומלאָשן מוידיע:

,,כ'בין פּיניע ליסאַק, כ'האָב שוין אַמאָל געלט געהאַט און איצט אַ
מעקלער געוואָרן... עפּשער וועט איר עפּעס קויפן?''

די אָרעמקייט, ביפראַט דעם דאָזיקן פאַראָרעמטן פּיניע ליסאַק, שיל־
דערט בערגעלסאָן פון אָנהייב אָן ווי רובינשטיינס שרעק־בילד. די וואָק־
זאַל־לײַט, — דערציילט בערגעלסאָן, — האָבן געשפּאַסט און געשפּאָט
איבער ליסאַקס יאָרדישקייט, ביז ער האָט געמוזט מאַכן די פּליטע,
אַנטלויפן פונעם אַרום וואָקזאַל. דער כניפעדיק־צינישער מעקלער לייווי
פּיווניאַק — אַ מין יאַסעלע באַבצעס פון ,,דעם טויבן'' — האָט שפּע־
טער אַראָפּגעבראַכט איינעם אַ ייִדן, וואָס האָט וועגן ליסאַקן איידעס
געזאָגט: ,,מײַן שוועגער אַלײן האָט אים אין אָדעס געזען; ער גייט
אַרום אַף דעם לימאַן און זאָגט, אַז ער איז פון די קאַליבעלאָדער ניס־
ראָפּים''. און אַז די סאָכרים מאַכן דערנאָך צווישן זיך אַ נעדאָווע
פאַר ליסאַקס אומגליקלעכע ווײַבל, ווענדט זיך פּיווניאַק צו רובינשטיינען
מיט אַ פרעכן וואָרט: ,,גיט, גיט, אים־יירצע־שעם באַ אײַך וועלן מיר
אויך געבן''. רובינשטיין איז אויסער זיך, וואָס פונעם דאָזיקן וואָרטל
האָט ,,דער עולם.. האָנאָע געהאַט און געלאַכט'', ער קלאָגט זיך בײ־
טער פאַר דעם מאַסקל מייער העכטן: ליסאַקן ,,האָבן זיי פאַר אַ קאַפּצן
געמאַכט. אים האָבן זיי קיין אָדעס נעדאָוועס בעטן מעשאַלייעך געוועזן,
און איר מאַכן זיי דאָ אַ נעדאָווע.''

און וועגן זיך אַלײן טראַכט ער שפּעטער, רובינשטיין:

,,גיב יאָ, גיב ניט, סײַוויסײַ וועסטו, ביינעש, זײַן אַ קאַפּצן.''!

און נאָך טראַכט ער:

,,ער וועט זײַן אַ קאַפּצן, אַזאַ מאָרעשכוירעדיקער און איבערגעשראָ־
קענער קאַפּצן, ווי פּיניע ליסאַק. די וואָקזאַל־לײַט וועלן לאַכן פון אים
אַזוי, ווי זיי לאַכן פון ליסאַקן. ער וועט שוין דאָ ניט זײַן. ער וועט זיך
וואַלגערן ערגעץ אַן אָפּגעריסענער, מאָרעשכוירעדיקער און פאַר קאָס
מעשוגענער, און דער אַלטער און רויטער וואָקזאַל וועט נאָך שטיין
אַף דעם זעלביקן אָרט, קוקן מיט זײַנע פאַרגליווערטע און האַלב־אָפענע
אויגן אַף די אָנקומענדיקע און אָפּגייענדיקע צוגן, אַף די באַשעפטיקטע
און פריילעכע סאָכרים''.

די טעמע פון אָרעמקייט גייט שטענדיק באַ בערגעלסאָנען באַנאַנד
מיט דער טעמע פון טיפן מענטשלעכן פּײַן, באַליידיקונג און פאַרדראָס.
ס'איז דערפאַר, ווײַל פונקט ווי פאַר דער רוסישער קלאַסישער ליטעראַ־

טור, פּונקט ווי פאַר די ייִדישע קלאַסיקער מענדעלע, שאָלעמ־אַליכעמ, פּערעצ, איז פאַר בערגעלסאָנענ די טעמע פונ אָרעמקײַט — די טעמע פונ די „דערנידעריקטע אונ באַליידיקטע". ס'איז די טעמע פונ סאָציאַלנ אומרעכט, די טעמע פונ דער אונטערדריקטער פּערזענלעכקײַט, וואָס איז אָפּהענגיק פונ די געלט־הערשער. די דאָזיקע פּערזענלעכקײַט טרעט ארויס באַ די קלאַסיקער, אונ אויכ באַ בערגעלסאָנענ אינ זײַנ ערשטנ ווערק „דער טויבער", ווי א פיגור א טראַגישע נישט נאָר אינ מאַטעריעלנ, נאָר אויכ, אונ דעריקער, אינ מאָראַלנ אספּעקט.

„קאַפּצאָנימ?!.. כע־כע־כע, — יאַנקעוו־נאָסנ שעמט זיכ ניט אויסצוזאָגנ, אַז ער האָט פײַנט דאָס וואָרט „קאַפּצנ". מאָכאָרטאָוו געפינט ניט, אַז דאָס וואָרט איז צוזאַמענגעשטעלט פונ די דרײַ מיִעסטע „אויסיִעס", וואָס ס'קאָנ נאָר געבנ?" אַזוי זאָגט זיכ ארויס דער גווירישער גמאָרעמעלאַמעד יאַנקעוו־נאָסנ ווידערפּאָליער אינ בערגעלסאָנס שפּעטער פאַרעפנטלעכטע קאַפּיטלענ פונעמ ראָמאַנ „אינ פּאַרטונקלטע צײַטנ". נאָסנ ווידערפּאָליערס רעפּליק, זײַנ סינע צומ וואָרט „קאַפּצנ", דאָס איז די סינע פונעמ גווירישנ מעקורעוו, וואָס סטאַרעט זיכ מיט אַלע גערעכטע אונ אומגערעכטע מיטלענ אײַנקויפנ זיכ באַ די יעניקע, וואָס האָבנ אַליינ טאַכלעס־סינע פײַנט דעמ קאַפּצנ אונ געבירנ אימ טאָג־טעגלעכ, רופנ אימ ארויס צומ לעבנ מיט זייער אייגענער טאָג־טעגלעכער לעבנס־פּראַקטיק, מיט זייער אייגנטימערישער וועלט־אײַנאָרדענונג.

„רובינשטיינ האָט פּלוצעמ דערפילט, אַז ער איז א קליינ איינזאַמ באַשעפעניש, וואָס טרינקט זיכ אינ א יאַמ פונ גיפטיקער סינע, וואָס בעשאַס ער טרינקט זיכ, ווארגט אימ עמעצ הינטנאַרומ פארנ האַלדז, ווארגט אימ פּאַמעלעכ, אָנ מיטלײַד אונ אַלע טאָג שטאַרקער, אונ ער אַליינ ווייסט ניט, ווער ס'ווארגט אימ, אונ קיינמאָל וועט ער דאָס נישט וויסנ, אונ נישט וויסנדיק, וועט ער אַמאָל ברוינ אונ בלוי ווערנ, ארויסשטעקנ אויכ אַזאַ מינ ברוינע אונ בלויע צונג אונ ארויסלאָזנ פונ זיכ די נעשאָמע אַזוי מיִעס אונ נאַריש, ווי מיִעס אונ נאַריש ער האָט זי צו זיכ ארײַנגענומענ, ווי מיִעס אונ נאַריש ער האָט מיט איר די גאַנצע צײַט געלעבט".

וואָס קענ זײַנ שטאַרקער פונ דער דאָזיקער בערגעלסאָנישער כאַראַקטעריסטיק, ווו יעדער וואָרט מאַמעש באַווײַזט, אַז די געשיכטע מיטנ פּאַראָרעמטנ ביינעש רובינשטיינענ פּאַסט אופ דער שרײַבער ווי א געשיכטע א סאָציאַלע. דאָס איז פאַר אימ א דערשײַנונג, וואָס האָט טאַקע א שײַכעס צו דער סינע צומ וואָרט „קאַפּצנ", צו דער „גיפטיקער סינע" מיצאַד דער געזעלשאַפט, וואָס „ווארגט אימ, רובינשטיינענ,

פּאַמעלעך, אַן מיטלייד". עמעס, רובינשטיין אַליין, ווי בערגעלסאָן ווײַזט, ווייסט ניט, וועד ס'ווארגט אים. ער פאַרשטייט ניט דעם סאָ־צויאַלן מעהוס, דעם קאַפּיטאַליסטישן מעכאַניזם, וועגן דעם הייבט ער אָן צו טראַכטן ערשט שפּעטער, ווען ער הערט בײַ דרעלן אין שטוב דאָס אויבנדערמאָנטע געשפּרעך פונעם לערער וועגן מערוועדט און קאַפּיטאַל:

„און פון וואָס נעמט זיך טאַקע דער קאַפּיטאַל?.. ער, ביינעש, איז דאָך ניט קראַנק צו וויסן בעסער פאַר יענעם באָכער, וואָס זיצט פון דער זײַט טיר; אַ בעסערן קאָפּ פאַר אים האָט ער דאָך געווים, און כוץ דעם האָט ער דאָך שוין עפּעס אַ שטיקל קאַפּיטאַל געהאַט און האָט אים שוין ניט".

געוויס איז דאָ פאַראַנען אין די שורעס אַ באַהאַלטענע שרײַבערשע איראָניע בענעגייע צו רובינשטיינען מיט זײַן פאַרשטעלונג וועגן „קאַ־פּיטאַל". דאַרף מען דאָך אָבער ניט פאַרגעסן, אַז ביינעש רובינשטיין איז נישט קיין פּאָזיטיווע פיגור בײַ בערגעלסאָנען. ביינעש רובינשטיין איז דער אָביעקט פון דער סאַטירישער סינע, וואָס איז עפּשער מעסוגל אַליין צו ווערן דער סוביעקט פון דער דאָזיקער סינע. אין דעם באַשטייט דאָך די אינטערעסאַנטע קאָמפּליצירטקײַט פון דער דאָזיקער געשטאַלט בײַ בערגעלסאָנען. אָבער גראַד די דאָזיקע געשטאַלט דינט בערגעלסאָנען אָפּ צו באַווײַזן, וויאַזוי די אַרום־וואָקזאַל־לײַט פרעסן, ווי וועלף, איי־נער דעם אַנדערן, אָנפאַלנדיק אָפּ דעם, וואָס איז אָפּ אַ ווײַלע, קען זײַן, אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אויסגעגליטשט זיך און געפאַלן אָפּן וועג צו זייער אַלעמענס הענדלערישער אָנלעבונג...

3

„ער האָט אַ פּאָנעם אַ קליינס און באַקן שווארצע, נידעריק צוגע־שוירענע האָר און אַ נאָז אַ שפּיציקע און אויגן קליינע און שוואַרצע, וואָס לויכטן טאָמיד פונוויטן, מעגן די אויגן ווי שטאַרק וועלן וויינען, מוזן זיי אָנהייבן צו שמייכלען, ווען עמעצער שמייכלט צו זיי".

דאָס איז ביינעש רובינשטיינס פּאָרטרעט, אַ פּאָרטרעט פון אַן אומבאַ־דײַטנדיקן מענטשן, וואָס לײַדט אַליין פון זײַן אומבאַדײַטנדיקײַט, און איז דאָך גרייט אָנהייבן גלייבן יעדן איינעם, וואָס טוט צו אים אַ שמייכל און ווײַזט אים קלוימערשט אַ וועג. וויאַזוי אַרויסצוגיין פון דער דאָ־זיקער אומבאַדײַטנדיקײַט.

„וואָרעם ער אַליין איז אַ קליין מענטשעלע, וואָס טוט נארישקײַטן, פאַרבינדט זיך מיט אַ מיִעס און שלאָפּ ווײַב, קעדיי מענטשן זאָלן לאַכן, קעדיי ער זאָל זיך וואַלגערן אַן איבעריקער און אַן איינזאַמער באַם

וואָקזאַל; וואָרעם ער פאַרדינט קיין געלט ניט און נעמט אָפּ אַ גרויס פון דער שוויגער: פאַרדינט ער דאָרט עפּעס, מײַן איידעם? און וואָס וועט זײַן דער סאָף?"

און אַז מע גיט נאָך צו דעם צו, אַז ער האָט אַ טעווע בײַסן די נעגל, ביינעש רובינשטיין, אַז ער טראַכט שטענדיק וועגן זײַן ערשטן פאַרשטאָרבענעם ווײַב, „אַ שיינע מיט שטילע און ווייכע געפילן", און אַז זײַן נאַדאַן, וואָס ער האָט גענומען פאַרן צווייטן מיאוסן ווײַב, האָט ער „אופגעגעסן", — ווערט קלאָר, אַז דאָס איז דער טיפּ פונעם יידישן „לוי־יוצלעך", ווי מע פלעגט אַמאָל זאָגן אין פאָלק, אַ מענטש, הייסט דאָס, וואָס אים גילט ניט אין לעבן. אַז אים ווערט גאָר שלעכט, טרוימט ער נישט אומזיסט ווערן אַ מעלאַמעד אין אַ דאָרף. מיטן דאָזיקן שטריך האָט בערגעלסאָן גלענצנד אופגעדעקט דעם טאָך פון רובינשטיינס כאַראַקטער, אײַנגעוויזן אָפּ דער „געזעלשאַפטלעכער פונקציע", וואָס איז דעמלט געווען אַזוי אָנגעמאָסטן פאַר דעם דאָזיקן טיפּ מענטשן.

אין דער יוגנט האָט רובינשטיין געלערנט אין אַ בעסמעדרעש, געלייענט אַפילע ביכער און, פונקט ווי דער עקסטערן איציק־באָרעך, ווי דער אינטעליגענטישער, דער „יאָמטעוודיקער" מייער העכט, אַרײַנגעצויגן זיך אין דער סאָכרערײַ אַרום וואָקזאַל אין דער רעאַקציע־צײַט, ווען אַ סאַך מענטשן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן האַנדלען און רײַך ווערן. איז אים אָבער דאָ פון די דורכפאַלן באַם וואָקזאַל צוגעקומען גאָר אַ גרויסער פּײַנלעכער פאַרדראָס, וועלכן ער האָט אויסגעדריקט אין זײַן געשפּרעך מיט איציק־באָרעכן:

„ — איר פאַרשטייט, איציק, מע שטעלט אײַך אַנידער און מע זאָגט אײַך: נאַ, קוק און ווער צעזעצט! די זאַך איז פּאָשעט".

און ווײַטער: „אָפּ זײַן פּאָנעם איז פאַרקילט געווען אַ פאַרדראָס, אַ פאַרדראָס אָפּ זײַן ווײַב, אַ פאַרדראָס אָפּ די סאָכרים, וועלכע פאַרדינען, אַ פאַרדראָס אָפּ דעם גאַנצן לעבן, וועלכעס פירט זיך ניט אַזוי, ווי ס'דאַרף צו זײַן, און טוט אַלץ אָפּ צולאָכעס. די טיפע און קליינע אויגן האָבן געלויכטן און אויסגעזעצן באַליידיקט און הילפלאָז".

איינע נאָך איינע שילדערט בערגעלסאָן רובינשטיינס פאַרדרוסן און באַליידיקונגען, וואָס האָבן אים שיר נישט געבראַכט צו זעלבסטמאָרד. מיר זעען, פונקט ווי מיר וואָלטן געווען דערבײַ, רובינשטיינס זעלבסטפּײַניקונג, בעשאַס ער פאַרלירט דאָס רעשט ביסל געלט אין איינער אַ פּריצישער האַלוואַ, מיר הערן — אַזאַ איז בערגעלסאָנס איבערצײַגונגס־קראַפט — ווי די סאָכרים, פּיווניאַק ביפּראַט, דערנעמען אים מיט זייערע שטעכווערטער. רובינשטיין גיט אַ פּאַטש פּיווניאַקן און האָט

דערנאָכ מוירע פאַר פּיוניאַקס זונ, יענער זאָל אימ ניט מיימעסנ. רובינשטיינ ווערט קראַנק, נאָכנ געזונט ווערנ קומט פאָר דער מישפּעט איבער אימ באמ „מיראָווווי“, טאקע פאַרנ פּאַטש. ער ווערט פאַרמישפּעט אַפ צוויי וואָכנ טפּיסע. מיר זעענ דעמ דערשלאָגענעמ רובינשטייענ אינ טפּיסע, דערנאָכ אַפ דער פרײַ, צוריק באמ וואָקזאַל, ווהינ ער קומט פּונקט, ווענ אוורעמציק פּראַוועט א כאַסענע דער שוועסטער. דער גאַנצער וואָקזאַל־אוילעמ איז אופגעלייגט, אונ רובינשטיינ האָט מוירע, אַז מע וועט אימ דערזענ, וועט מענ אימ נעמענ אַפ „הורא“, ביפראַט פּיוניאַק...

דאָס זײַנענ אַלצ פּראַכטפולע זשאַנר־בילדער, כאַראַקטער־בילדער אונ אינ דער זעלבער צײַט זײַנענ דאָס בילדער פונ עכטער סאָציאַלער פאַראַלגעמיינערונג. בערגעלסאָנ שאַפט נישט נאָר די געשטאַלט פונעמ געשילדערטנ רובינשטייענ, ער שאַפט דערבײַ די סאָציאַלע געשטאַלט פונ דער אַרומיקער סאָכרישער ווירקלעכקײַט. בערגעלסאָנס געשטאַלטנ זײַנענ אַזוי אוועקגעשטעלט אינ זייערע צווישנ־באַציונגענ, אַז איבער זיי אונ דורכ זיי טרעט קלאָר אַרויס די סאָציאַלע אָרדענונג, וואָס האָט זיי געבוירנ. בערגעלסאָנ, דער גראָטעגער שטייגער־שילדערער, דרינגט ארײַנ אַפ אַזא אויפנ אינ די אומזיכטבאַרע טיפענישנ פונ רובינשטיינס קליינמענטשלדיקער נעשאָמע אונ דעמאַסקירט דורכ אימ אונ דורכ זײַנ אַרומרינגלונג די סאָציאַלע גרונטנ, די אַפ דורכ אונ דורכ עגאָיסטישע לעבנס־אײַנאָרדענונג פונ דער סאָכריש־אייגנטימערישער געזעלשאַפט, פונ דער סאָכריש־אייגנטימערישער פּערזענלעכקײַט.

„סאָכרימ“ אונ „סאָכרישע“ ווערט באַ בערגעלסאָנענ א פאַרביקער עפּיטעט, וואָס איז פול מיט אַנטבלויזנדיקנ אינהאַלט. פאַראַנ באַ בערגעלסאָנענ: „דער שטומ־סאָכרישער שמייכל“, „סאָכרישע קוילעס“, „סאָכרישע מויכעס“, סאָכריש ניט־פאַרגינענ, סאָכרישע גירִיקײַט, סאָכרישעס אופנעמענ די נאַטור, אייגענע באַציונגענ צו גערעטעניש אונ טריקעניש, וואָס שפּיגלט זיכ אָפּ גאָר באַזונדער אינ זייער אופירונג, טנועס אונ לעקסיקאָנ. אַז צוויי טוווע־סאָכרימ באַגעגענענ זיכ, צעשמועסנ זיי זיכ אַפ אַזא אויפנ:

„ — פונוואַנענ פאָרט מענ? פונ דער קאַצעכיפּקער פערמע?

— אונ איר? פונ די שלאַכטעקעס, מינאַסטאַמ?

— פונוואַנענ דענ? א טאַפּ געטאָנ דעמ וואָגנ.

— נו?

— וואָס נו?.. דער גוי בעט זיכ.

— פיל וואַגאָנעס וועט ער האָבנ?

— קיין מײַסע ניט.

— דעהײַנע?

— וואָס האָסטו וואָס צו קלערן, קוק...

און ביידע סאָכרים האָבן זיך פאַרקוקט אַף די גרינע פעלדער, וואָס אין די זײַטן פון דעם שמאָלן וועג. דאָס גראָז איז דאָרטן געוועגן שטאַרק באַשעפּטיקט מיטן וואַקסן, זיך געבוקט מיט לאַנגזאַמע און פרומע שאָקלען און איבערגעבאַזערט אַלץ איין טיפע און קורצע קאַוואָנע:

— אַ גערעטעניש... אַ גערעטעניש!״

אָנשטאָט דער פּרוּעריקער מענאַכעם־מענדלשער באַריידעוודיקײַט בײַ שאָלעם־אַלייכעמען קומט בײַ בערגעלסאָנען די נײַע סאָכרישע שפּראַכלאַקאָנישקײַט, וואָס טראָגט דאָך אין זיך אַזויפיל אימפּעט פון מענטשן, וואָס האָבן קיין צײַט ניט, וואָס זײַנען באַשעפּטיקט, פּונקט ווי דאָס גראָז איז „באַשעפּטיקט מיטן וואַקסן״...

און בעשאַס עס קומט די טריקעניש, די „זאַסוכע״, טוט בערגעלסאָן אַ שילדער דעם אויסזען און די טנועס פון די סאָכרים: „די סאָכרים זײַנען שוין געווען פאַרשמירט, אָפּגעברענט און דערשראָקן באַשעפּטיקט. דער שטויב איז שוין געלעגן בײַ זיי אַף די פּענעמער און די בערד, און אין די רויטע נישט דערשלאָפענע אויגן, נאָר זיי האָבן נאָך אַלץ ארומגעשנאָרעט אין דער גרויסער וואָקזאַל־סוויווע און אויסגעכאַפּט איינער באַם צווייטן די קנוּעס, זיך פון צײַט צו צײַט באַוויזן אַף דעם וואָקזאַל, זיך דאָרטן געלאָדן, געזידלט, פאַרקויפט און צוריק געקויפט״.

עס וואַקסט אויס אַף אַזאַ אופן אין בוך דער קאָלעקטיווער סאָכרישער פּאָרטרעט, אין וועלכן עס גיסן זיך אַרײַן אויך די אינדיווידועל געמאָלטע הענדלער: אוורעמציק קויפמאַן — „אַ דיקער סאָכרישער באָכער מיט ברייטע נעגידישע פּלייצעס״, פּיווניאַק מיט די „ווערטלדיקע אויגן״, דער „גרויסער פאַרלעבער״ באַוּם־מענדל מארגוליס, עליע דערבאַרעמדיקער מיט די צוויי קוילעס — „איינס אַ גראָבס, אַ מאַנצבלש, דאָס צווייטע אַ דינס און ווײַבערש״, באַנינע שאַפּיראָ — „אַ רײַכער ברייטביינערדיקער און הוסטנדיקער באַל־האַלוואָע״ און נאָך און נאָך. דורך די אַלע שטעלט בערגעלסאָן אוף די סאָכרישע מאָראַל און סאָכרישן אַרט דענקען, ווי אַ באַזונדער קאַטעגאָריע, וואָס געפינט איר מוסטער, בעשאַס בערגעלסאָן שילדערט רובינשטיינס באַזוך בײַ דעם אויבנדערמאָנטן מאָני דרעלן. ס׳קומט פאַר דאַן, ווען רובינשטיין האָט מאַמעש אײַנגעשטעלט און איז געקומען בעטן בײַ דרעלן דאָס געלט, וואָס דער רײַך־געוואָרענער אָנזעצער דרעל האָט אים ניט באַצאָלט.

אז רובינשטיין איז אריין צו דרעלן אין קאבינעט, האָט ער „זיך צוגעזוצט און דערזען:

א שיין אויסגעמעבלטער קאבינעט, א מאַרמאָרן שרייב־געצייג מיט א „מאַפּסיק", וואָס האַלט דאָס ווײדעלע אין דער הייך, גרייט אַפּ א כניפע צו מאכן, אַפּ די ווענט — בילדער מיט ברייטע אָפּגעגילטע ראַ־מען. דאָס אינגאנצן איז עפּשער פאר זיין געלט געקויפט געוואָרן... ווער ווייסט? און דאָך זיצט ער לעבן דעם, ווי לעבן פרעמדס, און האָט מוירע זיך צורירן צו דעם".

און ווייטער: „...לאָז ער נאָר א פּרוּוו טאָן זיך צושפּאַרן אפּן טיש, לאָז ער זיך, לעמאָשל, א וואַלגער טאָן אַפּ דער קאנאַפּע און אַרופּשלעפּן אַפּ איר זיינע פּיס..."

די פינטעלעך געהערן דעם שרייבער, וואָס דעמאַסקירט אזוי שאַרף די לאָגיק פון דער סאָכריש־אייגנטימערישער גרזעצגעבעריי. און נאָך שאַרפער ווערט די דאָזיקע „לאָגיק" אנטבלויזט אינעם ווייטערדיקן לענגערן געשפּרעך פון רובינשטיינען מיט דרעלן. ווען רובינשטיין דערפילט, — „וואָס פאַר א מיכיע־בזויע עס איז צו זיצן דאָ קעגן אָט דעם בלוטצאַפּער", ווי שווער אים קומט אָן דערציילן דרעלן, „אז ס'איז אים שלעכט, אז ער טרינקט זיך... טאָ בעט ער אים..."

„דרעל האָט אים אויסגעהערט מיט א גאנץ ערנסטן פּאָנעם, אזוי אז עס איז שוין עפּשער געווען צו גלייבן, אז געלט קומט בייִנעשן ניט בא אים, מאָני דרעלן, נאָר גאָר בא א צווייטן. דאָך הערט ער אים אויס מיט געפיל און זוכט א פּלאן, — וויאַרום ער, בייִנעש, זאָל זיין געלט קענען אָפּנעמען.

— פּאָני רובינשטיין, — האָט אים דרעל פּאַמעלעך און שטיל צו פאַרשטיין געגעבן, — איר זייט דאָך א יונגערמאַן א באַלסייבל. איר פאַרשטייט געוויס אַליין, אז לעבן מוז איך שטענדיק, ווי א מענטש. איך בין שוין אזוי געוווינט געוואָרן: מיין ווייב מוז פאָרן אַלע יאָר קיין אויסלאנד. זי איז, ניט פאָר אייך געדאַכט, ניט געזונט, זי האָט א לעבער־קרענק. מיינע צוויי יונגלעך מוז איך אין א גרויסער שטאָט האַלטן. זיי קאָסטן מיך געוויס 150 רובל א מאָנאַט. די איבעריקע קינ־דער מוז מען דאָך א לערער האַלטן... מע קאָן פאַר דער וועלט קיין פּאָנעם פון כויזעק ניט באַווייזן. צי נעמט, לעמאָשל, אָט מיך אַליין, איך באַגעגן זיך מיט מענטשן, כ'לעב עפּשער אינגאנצן פון מענטשן, טאָ מוז איך אַרויסגיין ווי א מענטש און אַרויספאָרן ווי א מענטש.

— הערט אויס, פּאָני רובינשטיין: אויב ס'וועט מיר נאָך אַלעם קאַפּי־

טאָל בלײַבנ, וועל איכ אײַכ דעמ ערשטנ מיט א גרויסנ דאנק אָפּגעבנ. איר פאַרשטייט? וועמענ איכ וועל ניט אָפּגעבנ, נאָר אײַכ, אײַכ...״

נאָכ דעמ געשפּרעכ האָט בײנעש רובינשטײנ נאָר מוירע געהאַט פאַר זײַנ באַלעגאָלע שלוימע ליפּ:

„ — אכ, אָט דער שלוימע ליפּ, ער זאָל כאָטש באַמ וואָקזאַל ניט דערצײלנ״.

אָט אַזוי פּלאַצנ בא בײנעש רובינשטײנס זײַנע „קלײנמענטשלדיקע״ אילוזיעס אונטער די קלעפּ פונ דער אכזאָריעסדיקער בורזשואזער ארומ־וואָקזאַלישער ווירקלעכקײַט. מיט א צײַט שפּעטער האָט בערגעלסאָנ אינעמ ערשטנ באַנד פונ זײַנ גרויסנ ווערק „באַמ דניעפּער״ אופגעדעקט די וואָרצלענ, דעמ קלאַסנ־מעכאַניזמ פונ דער דאָזיקער סאָכרישער „דרעלישער״ לאָגיק, ער האָט דעמאַסקירט די בורזשואזע וועלטאַנשויונג, די אײגנטימערישע פילאָסאָפיע, פאַרטיפערנדיק דערבײַ דעמ אַנאַליז פונ דער בורזשואזער עטיק און עסטעטיק. פונ דעמ „ארומ וואָקזאַל״ ציִענ זיכ די פעדעמ סײַ צו טאַראַבײַענ פונעמ „נאָכ אַלעמענ״ סײַ צו שײנדל דער גרויסער פונעמ „באַמ דניעפּער״. פונעמ „ארומ וואָקזאַל״ ציִענ זיכ ביכלאַל די גרונט־פעדעמ פונעמ קריטישנ רעאַליזמ, וועלכנ בערגעלסאָנ האָט נאָכ מער פאַרטיפערט און באַרײַכערט אינ זײַנע שפּעטערדיקע ווערק.

דאָ אינ „ארומ וואָקזאַל״ מאָלט בערגעלסאָנ א בילד, ווי אַזוי בײנעש רובינשטײנ גײט אײנמאָל מיט אַבראַמטשיק קויפמאַנס שײנער פרוי, וואָס הערט טאָמיד אויס זײַנע אומעטיקע געשיכטעס מיט מיטגעפיל און דערצײלט אימ וועגנ די איריקע איבערלעבונגענ.

„אַנטקעגנ איז פּלוצעמ אָנגעקומענ א גרויסשטעטישער סויכער... זײ האָבנ זיכ אָפּגעשטעלט. דער סויכער האָט פאַמעלעכ די ברילנ פונ נאָז אַראָפּגענומענ, זײ אויסגעווישט לאַנגווײַליק, געלאַכט און דערצײלט, אַז ער גײט, „סאָבסטווענאַ גאָוואָריא״, צו זײ — צו איר און צו אַבראַמטשיקנ: הײסט דאָס, אַז ס׳איז איצט באַמ וואָקזאַל אומעטיק און ס׳ווילט זיכ אינ קאָרטנ שפּילנ. נאָכדעמ האָט ער די ברילנ צוריק אָנגעטאָנ, ארומגעקוקט בײנעשנ פונ קאָפּ ביז די פיס, זיכ ווי איבערצײַגט, אַז ער איז קײנ מענטש ניט, און געזאָגט צו איר:

— קומט״.

„ער איז קײנ מענטש ניט״ — אָט אינ דעמ ליגט דער גרונט פונ בערגעלסאָנס געשיכטע וועגנ דעמ לוי־יוצלעכדיקנ בײנעש רובינשטײנ. דאָ ליגט די בערגעלסאָנישע איראָניע, די דעמאַסקירונג פונ דער סאָכריש־בורזשואזער לעבנס־אָרדענונג, וואָס שאַפט אַלײנ אָפּ דעמ מענטשנ,

מאכט פון אים א קריפּל. אַט אַזוינס האָט דאָך געטראָפן מיט ביינעש רובינשטיינען, א טיפּ, וואָס זײַן רעשטל מענטשלעכקייט האָט זיך נאָך בא אים געהאַלטן ניט מער ווי אַף א פּאָר געוויסנהאפטע רעפלעקסן, האָט זיי אויך דער גרויסשטאָטישער סויכער און מיט אים די גאַרע ארומ־וואַקזאַלישע „סאָכרעניו" געלעסטערט, דערנידעריקט און צעטראָטן...

4

„און זי האָט זיך שוין מער אַף אים נישט ארומגעקוקט און ערגעץ אוועקגעגאַנגען מיטן גרויסשטעטישן סויכער". אַט אַזוי פאַרענדיקט בערגעלסאָן די געשיכטע וועגן דער באַגעגעניש פון רובינשטיינען מיטן גרויסשטעטישן סויכער. דאָס איז אויך דער לעצטער אקאָרד פון ביי־נעשעס ווארעמע באַגעגענישן מיט דער פרוי — די איינציקע, וואָס האָט אים געצויגן דאָ באַם וואָקזאַל.

די דאָזיקע ליניע: ביינעש רובינשטיין — קלאַרע, אוורעמציקס פרוי, איז גוואַלדיק וויכטיק סײַ פאַר דער טעמע סײַ פאַרן אינהאַלט און אידיי פון בערגעלסאָנס דערציילונג. די מײַסע איז די, וואָס די גע־שטאַלט פון דער דאָזיקער פרוי טראָגט א צווייענדיקע פונקציע. ערשטנס, פאַרשטאַרקט זי דעם לירישן שטראָם, וועלכער איז איינער פון די הויפּט־קאָמפּאָנענטן פון בערגעלסאָנס שאַפונגס־סטיל. צווייטנס, דינט זי, ווי אַן אויסגעצייכנטער רעזאָנאַנס פאַר ביינעש רובינשטיינס איבערלעבונ־גען און באַטראַכטונגען, זײַענדיק אונטערגעוואָרפן דעם זעלבן דראַמאַ־טישן גורל, וואָס דער דאָזיקער הויפּט־העלד פון דער דערציילונג.

די לעבנס־געשיכטע פון אוורעמציקס פרוי, אַט אַזוי ווי זי אַנט־פּלעקט זיך דאָ אין דער דערציילונג, באַזערט איבער אַף איר אויפן די דראַמאַטישע שטריכן פון רובינשטיינס לעבנס־וועג. פון דעם נעמט זיך די מאָדנע אומדערוואַרטע דערנעענטערונג פון די צוויי, נישט גע־קוקט אַף די פאַרשיידענע ערטער, וואָס די ביידע פאַרנעמען אין דער סאָציאַל־ און עקאָנאָמיש־גראַדויִרטער סאָכרישער געזעלשאַפט. קלאַרע איז דעם גליקלעכן אוורעמציקס, דעם יונגן נעגידישן מוצלעכס א פרוי, און ביינעש רובינשטיין איז דער נישט־שיינער, פאַרשטויסענער, פאַרוו־מערטער, אויסגעלאַכטער לוי־יוצלעך אין דער ארום־וואָקזאַלישער סווי־וועַ. אָבער פונעם בערגעלסאָנישן קארגן לאַקאָנישן געמעל, פון דער קאַרגער שילדערונג פון קלאַרעס נעשאָמע־צושטאַנד, וואָס וואַקסט ארויס אין אירע געשפּרעכן מיט ביינעש רובינשטיינען, ווערט קלאָר, אַז פונקט ווי רובינשטיינען איז איר שווער געווען לעבאַטכילע שאָלעם מאַכן מיט די ארומיקע מענטשן און לעבנס־באַדינגונגען, פונקט ווי רו־

בינשטיינענ האָט זי פֿײַנט די ארומיקע סאָכרים. זיי געפֿינענ דעריבער איינער אינ דעמ צווייטנ אַנ אָפּהילכ פֿונ זייער אייגענער אומצופֿרידנ־קײַט אונ אנטוישונג.

בערגעלסאָנ האָט באַלד פֿונ אָנהייב שאַפֿונגס־וועג געקראָגנ אַפֿ זײַנ פּאַליטרע די ציכטיק־דינסטע פֿארבנ פֿאר די שיינע צאַפּלענ פֿונ דער טרוימערישער פֿרויענ־נעשאָמע. איז ער דאָכ דער מײַסטער, וואָס האָט אינגיכנ נאָכנ „ארומ וואָקזאַל” באשאפֿנ זײַנ מירל הורוויצ — איינע פֿונ די אָנגעזועענסטע פֿרויענ־געשטאַלטנ אינ דער יידישער ליטעראַטור. די דאָזיקע פֿרוי פֿונעמ „ארומ וואָקזאַל” קומט אויכ אַפֿ דער וועלט מיט געוויסע אָנפאנגס־צייכנס פֿונעמ מירל־קאָמפּלעקס — זי ברענגט מיט זיכ די טרוימערישע ווייפֿולע מילדקײַט, דעמ רייצ פֿונ איר נישט אויסגעלעבטער בענקשאפֿט, וואָס ציט צו זיכ דעמ פֿארבימערטנ זוכנ־דיקנ ביינעשנ, דעמ מענטש מיט דעמ נישט אויסגעלאָדענעמ דער־שטיקטנ פּראָטעסט־געפֿיל אונ קינע־געפֿיל...

„דערפֿאר, וואָס זי האָט געקוקט אַפֿ אימ מיט א שטומ־פֿרײַנטלעכנ בליק אונ מיט דער אופֿמערקזאַמקײַט פֿונ א שטארק נאָענטנ זיכ אײַנ־געהערט יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט ארויסגערעדט, האָט דאָס הארצ זײַנס שטיל געגודעט אונ שטיל מעקאַנע געווענ דעמ זאטנ אונ שמייכ־לענדיקנ אוורעמציקנ, וואָס נעמט פֿונ לעבנ אַלצ פֿאַמעלעכ אונ גרינג אונ שמייכלט נאָכ בעשאס־מײַסע צו מיט אייג אונ דעמ זעלביקנ זאטנ אונ פֿוילנ שמייכל. זאָל זי טאקע וויסנ!

ער וויל נימ, אז זי זאָל אַפֿ אימ פֿאריבל האָבנ... ס׳האָבנ שוינ אַפֿ אימ פֿאריבל דאָס ווײַב, די שוויגער; ס׳האָבנ אימ שוינ פֿײַנט, שפּעטנ, כויזעקנ פֿונ אימ סאָכרימ, קאָמיסיאָנערנ, טאָ זאָל זי... טאָ לאָז כאָטש בלײַבנ איינ מענטש, וואָס זאָל קלערנ וועגנ אימ אָנ סינע...”

צו וויפֿל ראפֿינירט־דינע, זיכ איבערקרייצנדיקע אונ קאָנטראַסטירנ־דיקע פּסיכאָלאָגישע לעבנס־ליניעס האָט בערגעלסאָנ מיט זײַנ מײַס־טער־פּענ זיכ צוגערירט אינ דער שילדערונג פֿונ ביינעשעס אונ קלאָרעס פֿרעמד־מאָדנע צווישנבאַציִונגענ אַפֿנ פֿאָנ פֿונ דער ארומיקער פּלאכער, פּיליסטערישער, מיט מענטשנ־פֿײַנטשאפֿט געזעטיקטער ווירקלעכקײַט...

„מאָרגנ וועט לאָכנ דער גאנצער וואָקזאַל, — דערציילט בערגעלסאָנ וועגנ ביינעשעס א מאכשאָווע, — ס׳וועלנ לאָכנ אַלע סאָכרימ, קאָמי־סיאָנערנ אונ מעקלערס דערפֿאר, וואָס צווישנ זיי וועט שטיינ א קוועלנ־דיקער פֿארשוינ אונ וועט דערציילנ, וויאַזוי ער, ביינעש רובינשטיינ, איז געקראָכנ צו אוורעמציקס ווײַבל”.

קלאָגט ער זיכ פֿאר איר, ביינעש רובינשטיינ:

„סאַכרים, איר פאַרשטייט! דאָס איז שוין אַזאַ מין אומע... זיי דער־וואַרגן פריער א מענטשן, און נאָכדעם האָבן זיי אַף אים ראַכמאָנעס, זיי דערוואַרגן... אָט לעמאָשל, מיך..."

„ער איז שוין אויך האַלב דערוואָרגן; ער, אַז ער וויל ניט זידלען יענעם, זידלט מען אים, און אַז ער וויל ניט וואַרגן יענעם, טאָ וואַרגט מען אים".

שפּעטער האָט די קלאַרע שוין רובינשטיינען געקלאָגט זיך:

„ — איר פאַרשטייט? — האָט זי זיך מיט א זיפץ געקלאָגט, — אַלץ האָט מיר ליגן געזאָגט, און איך בין א נאַר געווען און געגלייבט... דאַרפט איר דאָך וויסן: אַליין בין איך אויך מיִעס אַרײַנגעפאַלן: ליב געהאַט איינעם און כאַסענע געהאַט פאַר א צווייטן. נאָר וואָס איז דאָ שײַעך?.. אַפן וואָקזאַל שמועסן דאָך שוין פון מיר ווײַבער..."

דאָס דאַזיקע געשפּרעך איז פאָרגעקומען נאָך דעם, ווי די אָרומ־וואָקזאַלישע ווײַבער האָבן טאַקע געהאַט וואָס צו ריידן וועגן קלאַרען, נאָך דעם, ווי זי האָט זיך פאַרפּלאָנטערט מיט איינעם א „הויכן און געזונטן קאָמיסיאָנער, וועלכער האָט געהאַט פאַרדרייטע וואָנצעס מיט א נאַריש און שיין פּאָנעם". די דאַזיקע געשיכטע האָט רובינשטיינען דערציילט איציק־באָרעכס ברודער, דער סטודענט וואָלאָדיע:

„אָט א מאַזיק! — האָט זיך וואָלאָדיע אַפן קאָמיסיאָנער געוווּנ־דערט, — ער האָט געלייגט דעם קאָפּ, איר פאַרשטייט?

— אַזוי? — האָט ביינעש געפרעגט".

ער האָט בעשאַס־מײַסע געקלערט, דערציילט בערגעלסאָן, „אַז יע־נער, וועלכער האָט זײַן קאָפּ געלייגט און זײַן ציל דערגרייכט, דרייט זיך איצט רויִק אַרום אַפן וואָקזאַל־פּלאַץ און גענעצט פון צײַט צו צײַט מיט א שטאָלצער און זיכערער מיינונג וועגן זיך". און נאָך דערציילט בערגעלסאָן וועגן ביינעשן:

„ער האָט זיך פלוצעם דערמאָנט, אַז איר, דער זעלבער, האָט ער פיל מאָל דערציילט וועגן זיך, וועגן זײַן מיִעס און שלאָפּ ווײַב און גע־פילט א טעמפּן ווייטעק פון כאַראָטע און בושע".

אוודע האָט ביינעש רובינשטיין פּײַנלעך איבערגעלעבט די דאַזיקע געשיכטע: סאָפּקאָלסאָפּ האַנדלט זיך דאָ וועגן נאָך איינס א פאַר־שוועכט געפיל, וועגן נאָך איינעם א טליִענדיקן פונק פון מענטשלעכקײַט, וואָס דער אַרום וואָקזאַל האָט בא אים אוועקגערויבט. די דאַזיקע קלאַ־רע, מירלס פּראָטאָטיפּ אין א געוויסן פּראָט, איז דאָ בא בערגעלסאָנען ניט דערוואַקסן צו דעם צאָרנדיקן אויסגעשריי „נע סמעט!" פון דער עמעסער מירל, דעם אויסגעשריי, וואָס האָט אין „נאָך אַלעמען" דורכ־

געקלונגען ווי א וואָרענונג די ציניש־סאַכרישע טאַראַבנים. די ערשטע בערגעלסאָניש־טרוימערישע פּרווו, דאָס מיידל „מיט די אויגן שווארצע און קלוגע, וואָס האָבן געלויכטן און געטווויולט זיך אין טרוימען", האָט דאָ באַם וואָקזאַל נישט אויסגעהאַלטן דעם דרוק פֿון דער סוויווע, זי האָט זיך אויסגעגליטשט און איז דערטרונקען געוואָרן אינעם זומפּ פֿון דער אַרומיקער לעסטערנדיקער באַלעבעסלדיקייט.

דאָס זעלבע קומט דאַכט אויך פּאַר מיט ביינעש רובינשטיינען, וואָס פֿילט לעבאַטבילע און ווייסט, אַז ער וועט זיך נישט אַרויסרײַסן פֿון נעם סאַכרישן קלעם. וועגן דעם טאַקע דערציילט ער איר איינמאָל, ביינעש רובינשטיין:

„— א לעבן, וועגן א לעבן פֿרעגט זי? וואָס פֿאַר א לעבן קען דאָ זײַן? א מיעס לעבן, א נאַריש לעבן. ער אַליין לעבט אויך, ווי אַלע. אָט וועט ער איר דערציילן. ווי־אזוי מע פּליאַסקעט זיך דאָ אין בלאָטע און מ'ווייסט ניט צוליב וואָס. לאָז זי פּרוּוון אָפּשטעלן א סויכער, לאָז זי עמעצן פֿאַרהאַלטן, וועט ער זיך אויסרײַסן און ווידער מיסכערן". ער גיט איר צו פֿאַרשטיין: „זי האָט צום וואָקזאַל ניט באַדאַרפֿט קומען. זי האָט זיך ניט באַדאַרפֿט דערנעענטערן צו מענטשן, וואָס טראַכטן ניט פֿון זיך, נאָר פֿון זייער געלט..."

„אַמאָל, — דערציילט ער איר ווײַטער, — שלאָפֿט ער ניט גאַנצע נעכט; ליגט דאָרט און טראַכט, ווי מיעס די סאַכרים זײַנען. ער טראַכט ווי־אזוי פֿון די סאַכרים צו אַנטלויפֿן, ווי־אזוי צו אַנטלויפֿן פֿון זיך אַליין..."

אָט דאָס איז די מײַסע, וואָס ביינעש רובינשטיין איז דער מענטש, וואָס איז צוגעשמידט צו זיך אַליין; ער אַליין איז אין טאָג א שטיק קאָמפּלעקס פֿון קליינבירגערלעכע קינע־סינע און הילפֿלאָזע בעסמע־דרעשדיקע רעפֿלעקסן פֿון עמעס און יווישער. נישט אים און נישט קלאָ־רען האָט דער שרײַבער געקענט דעריבער אָנלאָדן דאָ מיט דער סאָציאַ־לער שליכעס פֿון וועלכער־ס'ניט־איז מערידע און פּראָטעסט פֿון אַפֿילע פּאַסיוון כאַראַקטער, ווי ער האָט עס געטאָן מיט מירלען אין שפּעטער־דיקן „נאָך אַלעמען". דאָ אין „אַרום וואָקזאַל" האָט דער שרײַבער, פּונקט ווי אין „דעם טויבן", אינגאַנצן פֿאַרשלאָסן דעם פֿינצטערן קרײַז אַרום זײַנע פֿאַרשוינען, זײַענדיק, צו גלייבן, אַליין נאָך איבער־ראַשט פֿונעם סאָציאַלן און מאָראַלן כווישעך, וואָס האָט א פֿאַרפּלייץ געטאָן און פֿאַרטרונקען די יידישע בירגערלעכע און קליינבירגערלעכע, בעטויכאָם אויך די אינטעליגענטישע, שיכטן אין די רעאַקציע־יאָרן פֿון נאָך דער ערשטער רעוואָליוציע.

אין דעם פּראט האָט דאָך בערגעלסאָן ניט אומזיסט אינעם דאָזיקן פארשלאָסענעם פּינצטערן קרײַז ארײַנגענומען אויך דעם דענקענדיקן מייער העכטן, וואָס האָט „פײַנט געהאט דעם מיסכער מיט אלע איידעלע געפילן און אליין א סויכער געווען". און ביינעש, וואָס האָט אליין פײַנלעך איבערגעלעבט די דאָזיקע „רעטעניש", ווי ער זאָגט, האָט געפרעגט בא העכטן: „ער, העכט, ווער פּאָדערט דאָס פון אים א סויכער צו זײַן? ווער דארף אים, לעמאָשל, אָט דאָ באם וואָקזאל האָבן?" און אז העכט האָט אים א פארווונדערטער געענטפערט: „ער דארף זיך אליין", איז ביינעש „מיט אים ניט אײַנשטימיק געווען און געטראכט:

— אָט דארף אים, לעמאָשל, זײַן הילצערנע ווײַב נישט האָבן, נו, אנטלויפט ער נישט פון איר?"

דאָס ניט קאָנען אנטלויפן פון דער ארום־וואָקזאלישער סוויווע, וואָס מאטערט באשײַמפּערלעך רובינשטיינען, נעמט אָן אוואדע דעם כאראקטער פון א סאָציאלן מוז, שיר ניט פון א מין סאָציאלער פארורטיילטקײַט באם שרײַבער. דאָס קומט פון דעם, וואָס בערגעלסאָן שטרעבט באווײַזן אמשטארקסטן די מענטשן אזוי, אז מיר זאָלן הינטער זייערע פּערזענלעכע פארלאנגען און אופירונגען דערזען די סאָציאלע געזעצן, וואָס בילדן זייער פּסיכיק און פירן אָן מיט זייער לעבנס־גורל. דערצו האָט זיך דאָך בערגעלסאָן גופע פארשלאָסן דאָ אין די ראמען פון די קלאסן, וואָס האָבן ניט געקאָנט לייזן די פראגע פון שטאנדפּונקט פון אן אנדער לעבנס־אײַנאָרדענונג.

„אונטערן טיש און בעט, — דאָס דאָזיקע האָט געטראכט רובינשטיין, זיצנדיק בא העכטן אין צימער, — האָבן זיך בא אים פיל ביכער געוואלגערט. צעטראָטן זײַנען די ביכער געווען, פארשמירט און פארגאָסן. ער האָט זיי קיינמאל אין האנט ניט גענומען און קיינמאל וועגן זיי ניט גערעדט. נאָר אמאל האָבן זיך אפ זיי זײַנע צופיל אָפענע אויגן אָפּגעשטעלט און געדראכט האָט זיך, אז זיי זאָגן:

— אז וויבאלד ער אליין, מייער העכט, הייסט דאָס, וואָס האָט סאָכרים אזוי פײַנט, קען זיך זעלבסט פון סאָכרערײַ נישט באפרײַען, טאָ צו וואָס זשע נוצן אָט די טיפ קלוגע ביכער, און וואָס פאר א הילף קענען זיי די מענטשן ברענגען?"

די פארוואָרפענע ביכער — דאָס איז א נײַער מערק־צייכן, ביז גאָר א וויכטיקער פאקט אין דער לעבנס־געשיכטע פון די העכטס, וואָס זײַנען אין יענע יאָרן אויך אוועק אין דער מיסכער־וועלט. בערגעלסאָן האָט ניט אויסגעמיטן צו פארצייכענען אויך דעם דאָזיקן פאקט, און־

טערשטרײַכנדיק מיט דעם נאָך מער די סאָציאַלע באַדינגטקײַט פון דער דאָזיקער דערשײַנונג פאַר די גאָר גרויסע און פאַרשיידענע שיכטן פון דעם ייִדישן מיטלשטאַנד. די דאָזיקע באַדינגטקײַט שפּיגלט זיך אָוואַדע אָפּ ווי פאַרורטיילטקײַט אין ביינעש רובינשטיינס געדאַנק, וואָס טרייסט זיך בעצעם מיט העכסט אויסגאַנגלאָזיקײַט. ווײַבאַלד די ביכער אפילו העלפן ניט, טראַכט רובינשטיין, איז אַ סימען, אַז די דערשײַנונג איז אַ פאַטאַלע און ס'איז דאָ טאַקע פאַראַנען נאָר איין טרופע — אונטערגעבן זיך. אַמאָל קאָן זיך דאַכטן, אַז דער דאָזיקער געדאַנק איז אויך דער געדאַנק פונעם שרײַבער, וואָס איז אויסן אָנ־בינדן אים דעם לייענער. אַזוינס קאָן זיך אַמאָל דאַכטן אדאַנק דער טי־פער סוגעסטיע פון בערגעלסאָנס לעבנס־שילדערונגען. די שטאַרק ווירקנדיקע שילדערונג פון רובינשטיינס, קלאָרעס און העכסט אויס־גאַנגלאָזיקײַט טראַגט, צו גלייבן, אַ צו פאַראַלגעמיינערנדיקן כאַראַק־טער דערפאַר, ווײַל ס'איז דאָ, ווי נאָרוואָס געזאָגט, ניט באַוויזן געוואָרן די סאָציאַלע קראַפט, וואָס איז באַרופן אויסגעפינען דעם אויסגאַנג, קעגנשטעלן זיך קעגן דער פאַרשטאַרקטער אַלץ־פאַרכאַפּנדיקער הענד־לערישער רעאַקציע.

אין יענע צײַטן איז אַליין דער שרײַבער געשטאַנען אויסער דער אופוירקונגס־קראַפט פון די סאָציאַלע באַפרײַערישע קויכעס. און אַוואַ־דע האָט זיך עס אויסגעדריקט אין דער אַלגעמיינער פאַרטונקלטקײַט פון בערגעלסאָנס פאַרבן־פּאַליטרע, אין דעם מינאָר פון זײַנע שטי־מונגען, אין וועלכע ער האָט דעמלט שטענדיק פאַרקלעמט די געשיל־דערטע אָרומיקע וועלט, ניט באַמערקנדיק קימאַט די פּאָזיטיווע העלע דערשײַנונגען, וואָס האָבן דאָך געווימלט אין זײַן אייגענעם פאַר־טונקלטן אָרום.

אין זײַן „אָרום וואָקזאַל" אָבער גייט בערגעלסאָן ניט אָפּ קיין שום פּשרה מיט דער סאָכרים־וועלט, ער טרויט איר ניט קיין ברעקל מענטש־לעכקײַט, קיין מינדסטע אַנטפּלעקונג פון ליבעראַלן הומאַניזם אפילו. ער פאַרורטיילט אומבאַראַכמאָנעסדיק, קאָנסעקווענט אירע עקאָנאָמישע, געזעלשאַפטלעכע און מענטשלעכע צווישנבאַציִונגען. פירט דאָס דען ניט צו דער סאָציאַלער שטעלונג פון דער פראַגע? די דאָזיקע ליריש־שטילע, אָבער מיט דראַמאַטישן ווײַ אָנגעזאַפּטע, לײַדנשאַפטלעכע דע־מאַסקירונג פירט דען ניט צו דער פּערספּעקטיוו, וואָס איז אָט דאָ גאָר ניט לאַנג אין 1905 יאָר געלעגן אָפּן פאַרן שרײַבער, און ער געדענקט וועגן איר, און ער דערמאָנט זי, און זי בלאָנדזשעט ערגעץ אָרום צווישן די שורעס און פירט אָן מיט זײַן האַס צו די פּאָרדאַרבער, די לעסטע־

דער פון אלדאס מענטשלעכע, וואס האבן צוריק באקומען די קראפט און מאכט.

נאך איינעם א ביטערן שמועס וועגן די סאכרים, וואס נארן איינער דעם צווייטן, און וועגן זיין אייגענער שלעכטער לאגע איז ביינעש רו־בינשטיין ארויס אין גאס, און „א קאלטע כוואליע האט אים מיטאמאל ארומגענומען. וועגן קראפט און מאכט האט זיך דער פראסטיקער ווינט מיט דער נאכט געסווידעט, און די טיפע פינצטערניש האט דעם טאג אין זיך געשלונגען און געשוויגן. ער איז געגאנגען און געטראכט: „אט, לעמאשל, איך...״

מע דארף קאנען נעמען אין אכט די קאנקרעטע אידייִשע פונקציע פון בערגעלסאנס נאטור־שילדערונג, וואס רעדט שטענדיק ווי דעם שרייבערס פערסאנאזש, פארשטארקט די נייטיקע שטימונג, דריקט אויס די אין דער רעגע נייטיקע געדאנקען און געפילן: אט די „קראפט און מאכט״, וואס וועגן זיי סוידעט זיך „דער פראסטיקער ווינט מיט דער נאכט״ — איז א קלארע, בוילעטע סימבאליזירונג. „די טיפע פינצטערניש״, וואס שלינגט דעם סאד און שווייגט, איז אויך פילדייטיק. אבער פראסט און פינצטערניש זיינען איבערגייענדיקע דערשיינונגען, און נאך זיי קומען די פארטאגן, די ליכט־אופשיינען, די ווייטן, וואס פארנעמען אין „ארום וואקזאל״ אזא ארט אין בערגעלסאנס פייזאזש און נאטור־שילדערונג. און וועגן דעם טאקע דארף מען ריידן באזונ־דער, ווען מע שטעלט זיך פאר א ציל מער ווייניקער פאנאנדערוויקלען דעם אידייען־קאמפלעקס פון בערגעלסאנס ווערק, דעם קאמפלעקס, וואס איז פארבונדן מיט אלע קאמפאנענטן פון בערגעלסאנס סטיל, מיטן גאנצן געוועב פון זיין פאעטיק.

5

בערגעלסאן הייבט אן זיין דערציילונג מיט א לענגערער באשריי־בונג פון דער געגנט, וווּ די האנדלונג קומט פאר. פונקט ווי אין „דעם טויבן״ פארמענטשלעכט ער דא אויך די געשילדערטע נאטור און די קעגנשטאנדן, ארייננעבנדיק אין דעם אלעם די דאמינירנדיקע סאציא־לע שטימונג, די פסיכא־אידייִשע אפהילכן פונעם ווערק.

די דאזיקע באשרייבונג איז אן און פאר זיך א קינסטלערישע צייכ־כענונג. האט דאך דאווויד בערגעלסאן אין יענע צייטן אין איינעם א זאמלבוך אפגעדרוקט קימאט א זעלבשטענדיק קאפיטל „צוויי וועגן״, וואס באווייזט זייער אינטערעסאנט דעם דערמאנט שוין אופגעקומענעם בערגעלסאנישן אויפן צו באלעבן דעם בלויזן פייזאזש אזוי, אז ער

באקומט בא אים א באזונדערנ אינהאלט אונ רעדט צו די כושים, ווי סע רייִדנ געשילדערטע מענטש אונ האנדלונג. דא הייבט אויכ אנ בערגעלסאנ זייַנ דערציילונג מיט דער באשרייַבונג פונ דער, אזוי צו זאגנ, אנימיזירטער געגנט.

„אינ פארשיידענע ארעמע שטעטלעכ הייבנ זיכ אנ ציִענ שמאלע וועגנ אונ שנייַדנ דורכ פארשלאפענע דערפער. אפ שטילע גרינע בערג דראפענ זיכ די וועגנ, צומ גרונט פונ טיפע טאלנ נידערנ זיי אראפ, אונ וויַט, ווייַט בא דער הייכ פונ א קליינעמ בארג, קומענ זיכ די וועגנ צונויפ אונ בוקנ זיכ פונ דארטנ צומ שטיינערנעמ אונ רויטנ וואקזאל".

אט אזוי הייבט אנ בערגעלסאנ דערציילנ וועגנ דעמ „פארשטיינערטנ" וואקזאל, וואס ווערט דער האר אונ געוועלטיקער איבער דער געגנט. אלייג דער וואקזאל, שילדערט ווייַטער בערגעלסאנ, ארייַנפירנדיק אינטאנאציעס פונ א מייַסעלע, איז שוינ פונ יארנ „א פארגליווערטער אונ טויטער... א פארקישעפטער היטער... דרימלענדיק היט ער אפ די וועגנ, וואס בוקנ זיכ צו אימ... אונ מיט א באהאלטענער בענקשאפט ארייַנגעקוקט אינ דער טיפעניש פונ דער בלויער אונ אומבאקאנטער ווייַטקייַט, גלייַכ ווי די ווייַטקייַט וואלט דא אינגאנצנ דער איקער געווענ, אונ נאר פונ איר האט אינ איינעמ א טאג געדארפט א שטארקער אונ שטאלצער העלפער זיכ מיט גערויש ארומטראגנ אינ אלע שלאפנדיקע ווינקעלעכ אונ מיט זייַנ קראפט אונ מאכט צומ לעבנ אומקערנ אלצ, וואס איז דא שוינ פונ יארנ פארשטיינערט אונ פארשמאכט".

אונ איינמאל איז אהער „פונ ווייַט... דער צוג געלאפנ, אונ געטראגנ האט ער מיט זיכ א גוטע אונ א פרייַלעכע בשורע פארנ וואקזאל אונ פאר דער געגנט, אונ געייַלט האט ער זיכ די בשורע צו ברענגענ. אבער נאכ אינעמ ערשטנ טרויעריקנ אפהילכנ פונ זייַנ לאנגנ אונ פרייַלעכנ פייַפ האט ער זיכ שוינ איבערצייַגט, אז די מארע־שכוירע איז דא זייער טיפ אונ אייביק. ער איז שוינ צומ וואקזאל צוגעקראכנ פאמעלעכ מיט א געפאלענעמ געמיט אונ דארט שטיינ געבליבנ מיט א שווערנ אונ לאנגנ זיפצ פונ דעמ באפרייַטנ אונ הייסנ טארמאז־דאמפ:

— אומזיסט... אומזיסט... אונ פארפאלנ... אלצ פארפאלנ — האט זיכ א טויבער קלאנג צוזאמענ מיטנ זיפצ ארומגעטראגנ".

איז דענ ניט קלאר, אז דא גייט א רייד וועגנ דעמ סאציאלנ פאנ, וועגנ דעמ שרייַבערס סאציאלער סימבאליזירונג פונ די צייַט־געשעענישנ אינ געשטאלט פונ דער געגנט? וואס קענ דענ אנדערש באדייַטנ אט די אויסדריקלעכ־ארגאניזירטע בילדער־סיסטעמ, אויב ניט קיינ

אייגנאַרטיקן אַרײַנפיר אינעם ווערק, וואָס רעדט וועגן אַ טקופע פון צווישן צוויי רעוואָליוציעס, אַ טקופע, וואָס האָט „אַרויסגעקוקט אַף דער אומבאַקאַנטער ווײַטקײַט", באַקומען פון דאָרט איינעם אַ צוג מיט אַ דורכגעפּאַלענער בסורע און וואַרט ווידעראַמאָל, אַז אַ „שטאַרקער און שטאָלצער העלפער", וואָס וועט „זיך מיט גערויש אַרומטראָגן אין אַלע שלאָפנדיקע ווינקעלעך און מיט זײַן קראַפט און מאַכט צום לעבן אומקערן אַלץ"...

יעדער מאָל, ווען בערגעלסאָן נעמט זיך שילדערן דעם וואָקזאַל־פּלאַץ, די באַן־אַקסעסוארן, טוט אַ גיי פון דעם געמעל דער אַלגעמיי־נער סאָציאַלער אַספּעקט, די אַסאָציאַציעס, וואָס האָבן אַ שײַכעס צום קאַמף פון אַרומיקער פינצטערניש מיט געגאַרטע ליכט און שײַן. אַמאָל איז דאָס: „אַ לאַנגע שורע פון רויטע לאַמטערנעס, וואָס האָבן געציטערט און זיך געבוקט אהין, פונוואַנען ס'איז געקראָכן די נאַכט". און אַמאָל איז דאָס פאַרקערט: דעם וועכטערס לאַמטערן, וואָס „בייגט זיך און פינקלט, ווי אַ גרויסע רויטע און פײַערדיקע אויג, וואָס קען ערגעץ אַוועקגיין, זיך ערגעץ באַהאַלטן, אָבער קיינמאָל ניט אויסגע־לאָשן ווערן"...

און אַמאָל האַנדלט זיך עס וועגן אַ היפּשער שילדערונג, ווו די גאַנצע געגנט נעמט אָנטייל אינעם קאַמף: דער „פּאַרוואָלקנטער הימל", די פּײַפן פון די רעזערוו־לאָקאָמאָטיוון, דער קאַלטער בייזער ווינט און דער וואַלד, וואָס „בייגט זיך און קניט מיט אַלע זײַנע געדיכטע און נאַקעטע ביימער". און דאָס דאָזיקע קאַמפּס־געמעל ענדיקט זיך מיט די שורעס: „אין דער פינצטערניש, וואָס הינטער די פּלייצעס, האָט געהודעט דער גרויסער וואָקזאַל־גלאָק. ער האָט דאָרט מילכאָמע גע־האַלטן מיטן ווינט און דערצייילט פּאַמעלעך און קאַלטבלוטיק וועגן אַ לאַנגן צוג, וואָס רוקט זיך שוין ערגעץ שנעל און שנײַדט דורך די פינצטערע נאַכט. ווי אַן ענטפער אַף דער דערציילונג זײַנען פון דער פינצטערניש באַלד אַרויסגעקראָכן צוויי וווקסיקע, אָנגעפּעלצטע און ניט קיין אויסגעשלאָפענע קאָנדוקטאָרן. באַ ביידע האָבן הינטער די אָרעמס געציטערט די רויט־גרינע לאַמטערנעס, און ביידע האָבן גע־שוויגן און געפּילט, ווי ס'פּאַטשט זיי אין פּאָנעם דער ווינט. דאָס פינצטערניש, וואָס אַנטקעגן, האָט אויסגעזען צופרידן צו זײַן דער־מיט, וואָס די צוויי אומרויִקע און וווקסיקע ברוִים זײַנען שוין ענדלעך פון איר אַרויסגעקראָכן, זי איז דערפאַר שטאַרקער און טיפער געוואָרן".

פאַרדערן זיי דען אַן אויסטײַטשונג, אַז די אַלע בילדערישע אָנדײַ־טונגען, וואָס האָבן נעטע און קלאָרע שײַכעסן צו די סאָציאַלע פּראָ־

צעסנ, מיט וועלכע דער שרײַבער באַשרײַבט די לאַגע און דעמ גורל פונ זײַנע געשילדערטע ארומ־וואָקזאַלישע פּאַרשוינענ. ער באַשרײַבט, אָבער ער אידענטיפיצירט נית. דער שרײַבער, הייסט דאָס, שליסט נית צוזאַמענ דעמ גורל פונ דער וועלט, ווי דאָס לאָזט זיכ איצט זענ, מיט רובינשטיינס גורל, מיט רובינשטיינס אויסזיכטלאָזיקײַט, געדענקענדיק נאָכאַנאַנד, אַז ס'איז נאָר א פראַגע פונ קויכעס־פאַרהעלטענישנ, א פראַגע פונ צוקונפט...

„ס'האָט געבלאָזנ א קאַלטער און נאַסער דאָרעמ־ווינט. בלאָזנדיק, האָט ער פאַרבלאָטיקט דעמ ריינעמ שניי און אימ צעגאָסנ אפ די ביימער, פעלדער און ארומיקע בערג, ווו שוואַרצע ערד־פלעקנ האָבנ שוינ ערטערווײַז צו די פאַרוואָלקנטע הימלענ געקוקט און שטומערהייט בא זיי געפרעגט:

— וועט איר אונדז נאָכאַמאָל באַשיטנ מיט ווײַסנ, ווײַסנ שניי?"

און אָט איז נאָכ איינע א נאַטור־באַשרײַבונג:

„אָט איז א לעצטער ווינטערדיקער פאַרנאַכט. פײַכט איז דער וואַרעמער אוויר, פײַכט דער וואָקזאַל מיט די אָפּגעשאָקלטע און נאַקעטעביימער, וואָס רינגלענ אימ ארומ, פײַכט זײַנענ די מענטשנס פּענעמער.

ערגעץ העכער פונעמ אווילעמ־האַטויהו קריגנ זיכ איבער די הימלענ דער ווינטער מיטנ פרילינג. שמייכלט דאָרט דער פרילינג און בעט:

— הימלענ, זײַט ריינ און לויטער, ס'וועט דאָכ אײַכ נאָכדעמ געווימ האַנאָע טאָנ".

אוואַדע גייענ די בערגעלסאָנישע נאַטור־געמעלנ פונ דעמ אָרט ווי אויסגעהאַלטענער אַקאָמפּאַנעמענט, ווי דערגאַנצונג צו די געשילדערטע סיטואַציעס און איבערלעבונגענ. אָבער גראָד דערפאַר דאַרפ מענ קאָנענ אײַנזענ זייער אונטערטעקסט, דעמ פאַרברייטערטנ זינ זייערנ. זיי פאַרנעמענ דאָכ אַזוי פיל פּלאַץ אינ בערגעלסאָנס שטאַרק לאַקאָנישנ שאַפונגס־נוסעכ, פאַרשפּאָרנ זיי אימ אָבער דערקלערערישע סענטענצנ: מיט די דיאַלאָגאַרטיקע רעפּליקעס, וואָס בערגעלסאָנ פלעכט אייגנאַרטיק ארײַנ אינ זײַנ נאַטור־געמעל, פאַרשפּאָרט ער א ריי אויטאָרישע ארויסזאָגונגענ און דערקלערערישע רעפּליקעס פונעמ פּערסאָנאַזש.

דאָס זעלבע איז אויכ, בעשאַס בערגעלסאָנ שילדערט באַלעבטע קעגנשטאַנדנ, פאַרשטאַרקנדיק דורכ זיי די שטימונג פונ זײַנע טיפּנ. שילדערנדיק, אַשטייגער, ווי רובינשטיינ איז נאָכ דער קרענק געגאַנגענ ווי א קליינ קינד, וואָס האָט זיכ נישט לאַנג גיינ אויסגעלערנט, דערציילט בערגעלסאָנ ווײַטער:

„אונטער די ווייכע זונען־שטראַלן האָבן די שטיבלעך געכאַפּט א באַטאָגעדיקן דרימל און דרימלענדיק זיך צוגעהערט צו יענע קלעפּ פונעם שמיד, וועלכע האָבן ערגעץ ווײַט דערציילט דער שטילקייט אלץ איין לאַנגזאמע און טרויעריקע מײַסע:

— א מײַסע מיט א דערשלאָגענעם.

— א מײַסע מיט אן אומגליקלעכן.

— א מײַסע מיט א טרויעריקן, וועלכער האָט דורך שווייס און שווערקייט זײַן פּאַרנאָסע באַקומען".

ווי שטאַרק איז דעם שרײַבערס פאַרקערפּערונגס־קראַפט, ווי פאַר־פּײַנערט־אָנגעשטרענגט עס זײַנען זײַנע אופנעם־כושים, וואָס האָבן אויפ־געכאַפּט אין דער רעגע צוזאַמען מיט רובינשטיינען די קלעפּ פונעם האמער, די דאָזיקע ערגעץ הילכנדיקע קלעפּ, וואָס דערציילן די גע־שיכטע פון רובינשטיינס לעבנס־גורל. „א מײַסע און א מײַסע" — און אָט פאַרשפּאָרן זיי שוין, די דאָזיקע קורצשורעדיקע „מײַסעס", א פיל לענגערע קוואַליפיקאַציע פון רובינשטיינס איבערלעבונגען אין דער דאָזיקער שווערער רעגע.

ביינעש רובינשטיין האָט זיך אומגעקערט אין א לעוואָנע־נאַכט פון טפיסע צוריק צום וואָקזאַל, און בערגעלסאָן שילדערט, וויאַזוי ער פאָרט: „דער פויער האָט די פערדלעך צופיל געשמיסן, האָבן זיי מיט די ווײַדלען די סימאָנים פון דער בײַטש אָפּגעווישט און געשווינד געשלעפּט דעם וואָגן מיט זײַן שאָטן, וואָס אַף דער ערד, און מיט דעם קליינעם וואָלקן פון פאַרגילדעטן, עטוואָס פּײַכטן שטויב. ס'האָט געדרימלט די טונקעלע, געל־טונקעלע וועלט. דער קאָפּ האָט זיך פאַ־מעלעך אַף דער ברוסט אראָפּגעלאָזט און פאַרגעסן אינעם פּײַן פו־נעם לעבן".

וווּנדערסט זיך אַף דער מאַלערישער פאַקטור פונעם שרײַבער, וואָס באַמערקט, אויסער אַלעמען, ווי די פערדלעך האָבן אָפּגעווישט די סי־מאָנים פון דער בײַטש, האָבנדיק אין אויג אוואדע דעם פאַרגלײַך מיט ביינעשן, וואָס וויל פאַרגעסן דעם פּײַן פון זײַן לעבן, וואָס שמײַסט אים...

פונעם זעלבן מין איז אויך בערגעלסאָנס פּאָרטרעטיק דאָ אינעם „ארום וואָקזאַל", די כאַראַקטעריסטיק און דער געשילדערטער אויס־זען פון מענטשן: קליינע לאַקאָניש־געצייכנטע באַזונדערע פּראָטזעסן, וואָס שנײַדן זיך אײַן אין אויג, אין די כושים, און ציִען אויך דורך אַסאָציאַטיווע פעדעם פון איין דערשײַנונג צו א צווייטער, פון איין אויסדערוויילטן כאַראַקטער־שטריך צו א צווייטן, דערבײַ איז בער־

געלאָסנ ליב די באַצייכענונג, דער עפּיטעט, די מעטאַפאָר, וואָס טראָגט שוינ אינ זיכ אקומולירטע שטייגער־שטריכנ אונ רופט גלײַכ ארויס א פאָרשטעלונג פונ טיפּ אונ כאראקטער.

אוורעמציק קויפמאנס פאָרטרעט: „א... סאָכרישער באָכער מיט ברייטע נעגידישע פּלייצעס". דער פּראָפעסאָר מארגוליס: „מיט אנ איידל פּריציש פּאָנעמ אונ אויכ אזעלכע איידעלע פּריצישע מאנירנ". וועגנ רובינשטיינענ: „א שטיק קאמצנ מיט נידעריק צוגעשווירענע באקנ אונ פארבליבענע בעסמעדרעש־טיפּקײַט". רובינשטיינס שוועסטער: „א... קליינשטעטלדיק מיידל מיט א בראָדעווקע אונטערנ נאָז". נאָכעס פּיאטקע: „א רויטער יונגערמאנ מיט א רויט קלײַענדיק פּאָנעמ, מיט א פארבונדענער באק אונ שטארק בלאסע ליפּנ..." קלארע, אוורעמציקס פרוי: „א מיטלוווקסיקע אונ גלײַכע... האָט געהאט אנ איידל שווארצ־ביינעוודיק פּאָנעמ אונ אויגנ שווארצע אונ קלוגע, וואָס האָבנ געלויכטנ אונ געטויוולט זיכ אינ טרוימענ". אוורעמציקס שוועסטער: „איר פּאָנעמ איז געווענ א מאנצבלשער, דער גאנג א מאנצבלשער אונ די מאנירנ מאנצבלשע". בא דעמ דאָזיקנ גראָטעסקישנ געמעל פארברײַטערט בערגעלסאָנ די שילדערישע רעמארקע מיט די שורעס: „קוקנדיק אפ איר האָט זיכ געדאכט, אז ווענ זי איז נאָכ א קינד געווענ, האָט זיכ עמעצ טויע געווענ אונ פארביטנ אירע מאנצבלשע קליידער אפ ווײַבערשע, נאָר סאָפּקאָלסאָפּ וועט מענ זיכ ארומזענ, אונ זי וועט מוזנ אָפּשערנ איר לאנגנ צאָפּ אונ צוריק אָנטאָנ א פּידזשאק מיט לאנגע הויזנ".

אוורעמציק קויפמאנס געשטאלט קומט אויכ אופ דורכ א פּארברייטערטער רעמארקע: „זײַנע הענט זײַנענ פארלייגט הינטער די פּאָלעס פונ זײַנ נײַעמ רעקל, דער קאָפּ ארויסגערוקט פּאָרויס, אונ אפ זײַנ דיקנ פּאָנעמ ליגט א שטענדיקער שמייכל. א רוזיקער איז דער שמייכל, א פּוילער אונ א זיכערער, ער ווארפט זיכ יעדנ אינ די אויגנ אונ גיט צו וויסנ:

— כאפּט זיכ נישט אונ קלערט נישט, אז איר וועט מיכ אָפּנארנ".

דאָס זעלבע איז אויכ אינ דער פארברייטערטער שילדערונג פונ מייער העכטס אינטעליגענטישנ פּאָרטרעט: „די נאָזלעכער זײַנענ בא אימ טאָמיד אָנגעשטרענגט געווענ, אונ דאָס פּאָנעמ טאָמיד אונטערגעהויבנ, גלײַכ ווי עמעצ וואָלט אימ מיט גרויס ליבע האלטנ פאר זײַנ שווארצ אונ נאָרוואָס שפּראָצנד בערדל אונ וואָלט בא אימ מיט ליבע פרעגנ:

— זאָג זשע נאָר, מײַן קינד: וואָס האָסטו הײַנט אין כיידער געלערנט?״

אין דיביידע פאַלן איז צו זען, ווי בערגעלסאָנען איז ליב פאַרוואַנדלען די שילדערישע רעמאַרקע אין געשפּרעך, אַרײַנפלעכטנדיק אין איר די רעפּליק. פאַרן ווילקענער העכטן איז אוואַדע שטאַרק כאַראַקטעריסטיש אָט דער דאָזיקער אויסזען זײַנער, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דער רעפּליק וועגן ביידער, פּונקט ווי פאַרן זעלבסטצופרידענעם סויכער אוורעמציקן איז אָנגעמאָסטן זײַן וואַרפן זיך אין די אויגן מיט דער רעפּליק וועגן דעם, אַז קיינער וועט אים ניט אָפּנאַרן. בערגעלסאָן איז אַף אַזאַ אויפן גלײַך געקומען מיט זײַנע אייגענע קינסטלערישע מיטלען, מיטלען פון אַזאַ אַרט סינטעטישן רעאַליזם, וואָס רעדט צום אויג און דערגלײַכן אויך צו דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון די אָנגעזאַמלטע שטייגער־ און קולטור־אַסאָציאַציעס.

אַף אַזאַ אויפן קומט אויך אויף די גאָרע נאַציאָנאַלע פאַקטור פון בערגעלסאָנס געשילדערטע מענטשן, כאַראַקטערן און טאַטן, ווען דער שרײַבער האָט אַפילע בלויז צו טאָן מיט זייערע אוניווערסאַלע, אַלגעמיין־מענטשלעכע אייגנשאַפטן. אין זײַן לעקסיק פירט בערגעלסאָן אַרײַן בילדערישע ווערטער און באַגריפן, וואָס זײַנען געזעטיקט מיט אַסאָציאַציעס פון יידישן דווירעסדיקן לעבן־שטייגער. די דאָזיקע ווערטער, וואָס טראָגן אין זיך אָנזאַמלונג פון לאַנגיאָריקע נאַציאָנאַלע געווינשאַפטן און פּסיכישע צושטאַנדן, קערט בערגעלסאָן אויס מיטן פּאָנעם צום נײַעם באַדײַט, צום נײַעם לעבנס־אינהאַלט.

קלאָל ניט אַרכאַיִש קלינגען דאָ בײַ בערגעלסאָנען די אויסדרוקן: „מעהייכעטייסעדיקער״, „פרישע שוואַרצע שאַבעס־ברייטיסדיקע בלאָטעס״, „עלעלדיקע פאַרנאַכטן״, „טרייפענע האַצלאָכע״, „פון העסעכ־האַדאַס וועגן״, „וואָס פאַר אַ מיכיע־בזויע״, „אַ כאַקראָניש־טרויעריקער געדאַנק״, „אַ מעסוקענע צאָראַאַס״, „ערגעץ העכער פון אוילעם־האַטויהו״, „איציק האַקט דאָס שליטל בידכילאָ־אורכימאָ״ און נאָך און נאָך. דאָס זײַנען בערגעלסאָנס ערשטע זוכענישן אין געביט פון נאַציאָנאַלן וואָרט־קאָלאָריט, וועלכן ער האָט שפּעטער געפונען אַף אַנדערע וועגן מיט מער קאָמפּליצירטע מיטלען.

בערגעלסאָנס צילגעווענדטע לאַקאָנישקײַט פירט אים צו באַגיין זיך בעכלאָל זייער אײַנגעהאַלטן מיטן עפּיטעט, מיטן כאַראַקטעריזירוואָרט, וועלכן ער האָט נישט ליב אָנהויפן סינאָנימיש איינס נאָך איינס, ווי מענדעלע אַשטייגער, און אַפילע ווי שאָלעם־אַלייכעם. דאָ איז ער גיכער געגאַנגען אין פּערעצעס וועגן. בערגעלסאָן האָט דערבײַ

ליבערשט איין קארג־באצייכנטן צושטאנד באַלויכטן מיט א צווייטן אפּן אָנשוילעכן אויפן: „זי האָט דעם קאָפּ אפּביידע הענט אָנגעשפּארט און געקוקט אפּ אים, ווי א קליין קינד, וואָס האָט זיך אָנגעהאָרעוועט". אָדער: „און א האמצאָעלע א מאָדניטשקע האָט עליע דערציילנדיק אופגעטאָן, א האמצאָע אן איידעלע און גוט־הערציקע, ווי איידל און גוטהערציק ער אליין איז געווען".

דאָס איז דער עצעם וועג פון בערגעלסאָנס באַלעבנדיקער טאָטפּאָר־לער בילדערישקײט, דער וועג, וואָס גייט דורך דער אָנשוילעכער פאַר־גלײַכונג און רופט ארויס אין פאָרשטעלונג אזוי פיל אייגנשאַפטן פון־נעם געשילדערטן מענטש, לאַגע און צושטאנד. דעם דאָזיקן וועג האָט בערגעלסאָן אין זײַנע שפּעטערדיקע ווערק דערפירט צו גרויסער שליי־מעס, אויסגעארבעט דעם אייגנארטיקן דערקענטנישפולן בערגעלסאָ־נישן שאַפונגס־נוסעך אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

6

מיט יאָרן שפּעטער האָט דאָוויד בערגעלסאָן, שילדערנדיק אין זײַן ראָמאן „באַם דניעפּער" דעם וועג פונעם יונגן שרײַבער פּענעקן, גע־געבן א כאראקטעריסטיק פון פּענעקס שאַפונגס־אייגנשאַפטן, וואָס טראָגן אַן אווטאָביִאָגראַפישן כאראקטער.

„אַלץ איז וויכטיק, יעדער כוש בא פּענעקן איז ביז גאָר פאַר־שאַרפט, האָט א זיקאָרן און פאָדערט, מע זאָל אים אָנפילן, ווי א ליי־דיקן מאָגן בא א פרעסערל, יעדע געשעעניש האָט א הויפּט־פּינטע־לע — אזא מין קריטשיקל. אז מע דערמאָנט זיך אַן דעם קריטשיקל, שווימט גלײַך ארויס די גאנצע געשעעניש, דער טאָג, דער פרימאָרגן, ווען זי האָט פּאַסירט, אפילע די לופט, ווי זי האָט דעמאָלט אויס־געזען, אפילע דער רייעך, וואָס די נאָז האָט דענסטמאָל אַרײַנגע־שמעקט. פּענעק פילט: ס'איז גוט, ס'איז א מעכײַע אָנצושטופּן דעם זיקאָרן מיט אָט די „קריטשיקלעך"...

שוין אין די ערשטע ווערק — אין „דעם טויבן" און ביפראַט אין „ארום וואָקזאַל" — איז צו זען, אז בערגעלסאָן האַלט זיך פעסט אָן דעם דאָזיקן קריטשיקל, אָן דעם קארב, דעם ספּעציִעלן טיפּיזירנדיקן צייכן, וואָס ער געפינט אויס נישט נאָר אין יעדער געשעעניש, נאָר אויך אין יעדן מענטשן פון די, וואָס פון זיי שטעלט ער אוף זײַן מענטשן־וועלט. בערגעלסאָן נייטיקט זיך אין דעם דאָזיקן קריטשיקל דערפאַר, וואָס מייסטנס שילדערט ער, ווי געזאָגט, דעם דורכשניט־לעכן מענטש אין דער טאָג־טעגלעכער איינאַרטיקער סוויווע. ער שיל־

דערט מענטשן, וואָס זײַנען ניט געבענטשט מיט העלדישקײט און ניט געשטראָפט מיט גרויסע אויסערגעוויינלעכע פאַרברעכנס, וואָס זאָל זיי אויסטיילן פונעם ארום, ביפראט, אז דער ארום בא בערגעלסאָנען איז אויך אזא וואָכעדיקער, ווי די געשילדערטע געשעענישן, וואָס צייכענען זיך אין פלוג מיט גאָרנישט אוים.

איז אין וואָס זשע באשטייט דאָס קריטשיקל, דער פאַרקאַרבטער סימען, וואָס גיט בערגעלסאָנען א מעגלעכקײט צו פאַרגעדענקען די דאָזיקע מענטשן און געשעענישן און זיי פאַרצושטעלן? אָט אין וואָס: ביינעש רובינשטיינס לעבן, לאָמיר זאָגן, איז אַן אומבאַדײַטנדר לעבן צווישן אומבאַדײַטנדיקע מענטשן און לעבנס־באַדינגונגען. האָט זיך בערגעלסאָן אָבער א גראָב געטאָן אין די טיפערע איבערלעבונגען פונעם דאָזיקן קליינמענטשל און דערזען דעם ווייפולן קאַרב, די טראַוומע בא אים אין באַוווּסטזײַן. און ווײַל די דאָזיקע טראַוומע איז א סאָציאַלע, זי שטאַמט פון דער צײַט, פון די קויכעס־פאַרהעלטעניש, פון די ארומיקע מענטשן און געשעענישן, ווערט זי שוין א קענצייכן פון דער טקופע, פון אָט די מענטשן און געשעענישן, וואָס בערגעלסאָן האָט אָרגאַניזירט ארום דעם דאָזיקן ביינעשן און באוויזן, אז די אַלע זײַנען וויכטיק און באַלערעוודיק אין זייער אומבאַדײַטנדיקײט און מיטלמעסיקײט.

גאָרקי האָט געשריבן וועגן טשעכאָוון: „די מוירעדיקע קראַפט פון זײַן טאַלאַנט באַשטייט נעמלעך אין דעם, וואָס ער האָט קיינמאָל גאָרנישט ניט אויסגעטראַכט פון זיך אַליין, נישט געשילדערט דאָס, וואָס ס'איז נישטאָ אפֿ דער וועלט". און נאָך האָט גאָרקי געזאָגט וועגן טשעכאָוון: „קיינער האָט אזוי קלאָר און פײַן, ווי טשעכאָוו, ניט באַנומען די טראַגישקײט פון קליינלעכקײטן אין לעבן. קיינער האָט ביז אים נישט געקענט אזוי אומבעראַכמאָנעסדיק און עמעסדיק שילדערן פאַר מענטשן דאָס שענדלעכע און פֿײַנלעכע בילד פון זייער לעבן אינעם טונקעלן כאַאָס פון דער באַלעבעסלדיקײט".

דאָוויד בערגעלסאָן, וואָס איז גלײַך פון אָנהייב אוועק אין טשעכאָווס וועגן, איז אויך געווען געבענטשט מיט די דאָזיקע ביידע אייגנשאַפטן: געקומען ווי אַן עכטער עמעסדיקער לעבנס־שילדערער, האָט ער אויסגעמיטן די פובליציסטישע באַדינגלעכקײט, אפילו די קינסטלערישע, ער האָט אויך אויסגעמיטן דעם גראָטעסק אין בילד, און דאָך געשאַפן דעמאַסקירנדיקע ווערק, שאַרף פאַרורטיילט דאָס נימעסע פּיליסטערישע אויסקומעניש אין דער הערשנדיקער באַלעבאַטישער לעבנס־אָרדענונג.

זײַנ דערצײלערישנ נוסעכ, די קאָמפאָזיציע פונעם ווערק האָט בערגעלסאָנ אָרגאַניש פאַרבונדנ מיטנ געוויינטלעכנ, ווי געזאָגט, טאָג־טעגלעכ־פליסנדיקנ לעבנ. לייענסטו בערגעלסאָנס „ארום וואָקזאַל“, אשטייגער, פילסטו, אז דו געפינסט זיכ אינ סאמע מיט פונעם לעבנ, קלוימערשט אינ מיט פונ א באַלעבטנ פלאַצ, ווו מענטשנ קומענ אונ גייענ אוועק, באַגעגענענ זיכ אונ צעגייענ זיכ, אונ דיר דאכט, אז ס׳איז אלצ צופעליק, ביז דו דערוויסט זיכ ניט, פונוואַנענ די אלע גייענ, וווּהינ אונ נאָכ וואָס? בערגעלסאָנס קאָמפאָזיציע פונעם „ארום וואָקזאַל“ איז מאָדנע־וווּנדערבאַר צוגעפאַסט צו קאָפּירנ די דאָזיקע פילאַרטיקע לעבעדיקעווירקלעכקײַט מיט אירע באַזונדערע, אינ פלוג צופעליקע דערשײַנונגענ, וואָס זײַנענ, ווי סע ווײַזט זיכ שפעטער ארויס, פאַרייניקט אינ איינ קאָמפּלעקס, געקייטלט, באַדינגט אונ פאַרורזאַכט.

„ס׳האָט זיכ געמאַכט“, — אזוי הייבט אָנ בערגעלסאָנ דעמ עפּיזאָד. ווו עס ווערט דערצײלט וועגנ ביינעשעס ערשטער וויכטיקער באַגעגעניש מיט אוורעמציקס פרוי. קלאָרעס פאַרפלאָנטערניש מיטנ קאָמיסיאָנער גיט אויכ בערגעלסאָנ אינ פלאַנ פונ א צופעליקײַט. ביינעשעס ווערט צופעליק קראַנק נאָכ דעמ, ווי ער האָט געגעבנ א פאַטש פיוניאַקנ, נאָכ דער טפיסע קומט ער אהיימ פונקט דעמלט, ווענ בא אוורעמציקנ אינ הויז קלאַפט דער כאַסענע־פויק. די לעצטע באַגעגעניש אפילע פונ ביינעשנ מיט אוורעמציקנ, וואָס באַשטימט זײַנ ווײַטערדיקנ פינאַלנ לעבנס־גורל, טראָגט אויכ א צופעליקנ כאַראַקטער. דאָס זײַנענ אָבער אלצ בערגעלסאָנישע נאַטירלעכע צופאַלנ, לעבעדיק־וואָרהאַפטיקע. פונ זיי וועבט בערגעלסאָנ זײַנ איבערצײַגעוודיקנ קאָלאָריטפולנ לעבנס־געוועב, ווו יעדע פאַרב העלפט שאַפנ די גאַנצע גאַמע, יעדער טראָט פונ בערגעלסאָנס פערסאָנאַזש באַדינגט, ווײַזט זיכ ארויס, די גאַנצע האַנדלונג אונ יעדער מינדסטער פאַקט ווערט א פאַקטאָר...

בערגעלסאָנ האָט ליב באַקומענ יעדנ קאַפּיטל פונ זײַנ ווערק טיילנ אפ אונטערקאַפּיטלענ, אָפּטיילנ מיט א פאַסיק איינס פונעם צווייטנ. כ׳דאַכט, אז דאָס דאָזיקע שטרײַכט אונטער די נאַטירלעכע אינטערוואַלנ צווישנ די געשעענישנ, וואָס ווערנ בא בערגעלסאָנענ געשילדערט ניט לויט דער אויסגעהאַלטענער כראָניקאַל־דערצײלערישער נאָכאַנאַנדיקײַט, נאָר מיט אזוינע מינע איבערײַסנ אינ צײַט אונ רוימ, אונ אמאָל אויכ סינכראָניש, ווי סע קומט פאָר אינ לעבנ.

דאָ אינ „ארום וואָקזאַל“ האָט בערגעלסאָנ אויסגעאַרבעט שוינ א גאַנצע ריי מיטלענ אפ צו שאַפנ די דיכטערישע, מע קאָנ זאָגנ, די

איינגנאַרטיקע ליגאַטור, דעם לירישן צוזאַמענפלעכט און איבערגאַנג פון איין עפּיזאָד צום אַנדערן, פון איין קאַפּיטל צום צווייטן. אַז איין אונטערקאַפּיטל ענדיקט זיך בײַ בערגעלסאָנען מיט בײנעש רובינ־שטיינס רעפּליק: „נו, איז דאָך בעמיילע נישטאָ וואָס צו ריידן, כ'וויל אַפילו דעם קאָפּ נישט ברעכן", שטעלט בערגעלסאָן באַלד נאָכדעם אַן אינטערוואַל־פּאַסיק און הייבט אָן דאָס פאָלגנדיקע אונטערקאַפּיטל מיט דער שורה: „האָט אָבער דער קאָפּ נישט געפאָלגט און זיך זעלבסט געבראָכן". דאָ איז אויסגעשפּילט סײַ די צײַט, וואָס דער קאָפּ האָט בײַ אים געבראָכן, סײַ די פּאָעטישע ליגאַטור, די באַהעפטונג פון די ביידע קאַפּיטלען.

אַן ענלעכע סטיל־אָנווענדונג געפינען מיר, אַגעוו, בײַ פּערעצן אין דער דערציילונג „אַ גילגל פון אַ ניגון". דאָרט ענדיקט פּערעץ איינס אַן אונטערקאַפּיטל: „די קִיעווער לײַט וועלן אויסגיין". און דאָס קומענ־דיקע קאַפּיטל הייבט זיך אָן נאָך אַ פּאַסיק מיט דער שורה: „די קִיע־ווער לײַט זײַנען נישט אויסגעגאַנגען". ס'איז קלאָר, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַן אייגנשאַפט, וואָס איז אייגנטימלעך דעם ייִדישן דער־ציילונג־נוסח, אויב נעמען בּיפּראַט אין אַכט, אַז סײַ בײַ פּערעצן סײַ בײַ בערגעלסאָנען האַנדלט זיך עס וועגן נעגאַציע־זאַצן, זאַצן, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיטן וואָרט: „נישט".

מיט אָט אַזוינע פאַרשיידענע אויסגעפונענע פּעדעמער פון געדאַנק און שטימונג פלעכט בערגעלסאָן די פּאָעטישע איינהייטלעכקײַט פון זײַנע קאַפּיטלען, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר, ווי ס'דאַכט שוין, אַ מין אייגנאַרטיקע סטראָפיק. פּונקט טאַקע ווי די סטראָפע אין דער דיכ־טונג טראָגן זיי אַרײַן דעם מוזיקאַלן איינהייטלעכן ריטם, זיי פאַר־שטאַרקן דעם פּאָעטישן כאַראַקטער און פאַרגרעסערן די עמאָציאָנע־לע אופווירקונג פון בערגעלסאָנס דערציילערישן נוסח.

איינע פון די שפּעטער פאַרשטאַרקטע הויפּט־אייגנשאַפטן פון בער־געלסאָנס דיאַלאָג איז די אייגנאַרטיקע באַליבטע אָנווענדונג פון דער דריטער פּערזאָן — אַן אייגנשאַפט, וואָס הייבט שוין אָן בולעט אַרויסצוטרעטן אין „אַרום וואָקזאַל", אַפילו דאָרט, וווּ צוויי מענטשן פאַרברענגען צווישן זיך און ווענדן זיך דירעקט איינער צום צווייטן. די אָנווענדונג פון „ער" און „זי" אָנשטאָט „איך" אָדער „דו" צי „איר" שטאַמט דאָ עפּשער פון דעם, וואָס בערגעלסאָן וויל ניט שאַפן אומעטום קיין אײַנרײַס צווישן דער דיאַלאָג־רעפּליק מיט דער פרִיער קומענדיקער אויטאָרישער רעמאַרקע, פאַר וועלכער די דריטע פּערזאָן איז אַ נויטווענד. צום בײַשפּיל:

„און ער איז אַרײַנגעגאַנגען, געזעסן קעגן איר באַם טיש, לאַנג־זאַם געטרונקען טיי און די גאַנצע צײַט גערעדט מיט אַ שוואַכן שטילן קאָל פון אַ הילפלאָזן און אַ זינדיקן:

— האָט ער עפּשער פֿאַר איר דאָס פּריִעריקע מאָל עפּעס־וואָס איבעריקס גערעדט, זאָל זי אַף אים קיין פּאַריבל ניט האָבן... ס'איז שווער צו שווײַגן... זי דאַרף אַליין פאַרשטיין...״

די אויטאָרשע רעמאַרקע מיט דעם דיִאַלאָג באַקומען אַוואַדע מער איינהײַטלעכקײַט, ווען זיי גייען דאָ אונטערן צייכן פון דער דריי־טער פּערזאָן. אַף אַזאַ אויפן ווערט דער פאַרגאַנצטער פּאָעטישער כאַ־ראַקטער פון די ביידע מער אויסגעהיט, איידער דאַן, ווען די דיִאַלאָג־רעפּליק וואָלט אַריבער אַף דער געוויינטלעכער אויסגעשפּראָכענער פּראָזע־פאָרם פון „איך״ און „איר״. צו דער באַשײַמפערלעכער פּאָע־טיזירונג פונעם סטיל געהערט אויך דאָס, וואָס בערגעלסאָן שטעלט אַוועק דאָס צײַטוואָרט מייסטנס אַפן סאָף פונעם זאַץ, וואָס דערפון באַקומט זײַן פּראָזע אַן אויסגעשפּראָכענעם ריטמישן אָטעם. שפּע־טער וועט נאָך אויסקומען ריידן וועגן דער אויסבילדונג פון דער נײַ־ער ייִדישער דיכטונג, וואָס איז געוויס געוואַקסן אונטער אַ באַשטימ־טער השפּעה פון בערגעלסאָנס פּאָעטיק.

אין „אַרום וואָקזאַל״ איז פאַראַן באַ בערגעלסאָנען איינער אַ מערק־ווירדיקער שטריך אין דער שילדערונג פון ביינעש רובינשטיינען. בייי־נעש רובינשטיין האָט, גייענדיק צו קלאַרען, באַשלאָסן איר זאָגן, אַז ער וויל „אַ מעלאַמעד ווערן, אַ מעלאַמעד אין אַ דאָרף״. און דאָ דער־בײַ מיט אַ פּאָר שורעס שפּעטער דערציילט שוין בערגעלסאָן, ווי ביי־נעש רובינשטיין „איז שוין ווידער אַרומגעגאַנגען לעבן אָווערעמציקס שטוב, אַרומגעשפּאַנט הין און צוריק, זיך צײַטנווײַז אָפּגעשטעלט און אַרײַנגעקוקט אין פענצטער. וואָס האָט דאָרט באַדאַרפט ער — ביי־נעש רובינשטיין — דער מעלאַמעד, וואָס אין דאָרף?״ און מיט אַ פּאָר שורעס ווײַטער: „ס'איז אים געוואָרן קאַלט. אים — דעם מעלאַ־מעד, וואָס אין דאָרף״. די נאַרוואָס געבוירענע מאַכשאָווע זײַנע האָט ביינעשן, הייסט דאָס, זיך שוין פאַרגעשטעלט ווי אַ פאַקט, ווי אַ גע־שעענע זאַך...

דאָס איז אַן אויסגעצייכנטער שטריך, וואָס וואַרפט אַ שײַן נישט נאָר אַף רובינשטיינס פאַרשטעלונגס־קראַפט, נאָר אויך אַף בערגעל־סאָנס אויפן פון צוזאַמענגיסן ווירקלעכקייט און דיכטונג. דאָס לעבן איז פאַר אים אַ שטיק דיכטעריש שטאָף, און אין פּראָצעס פון שאַפן גיסט ער צונויף די דיכטונג מיטן לעבן, נישט אָפּצוטיילן איינס פון דעם

אנדערן. אין דעם באשטייט די סוגעסטיוו־קראפט פון בערגעלסאָנס שאפונג, די אופווירקונגס־קראפט פון זײַנע קינסטלערישע מיטלען, וועגן וועלכע ס'וועט נאָך אויסקומען היפש צו ריידן.

די אלע סטיל־קאָמפּאָנענטן פארשטארקן אין בערגעלסאָנס דער־ציילונג דעם לירישן שטראָם, וואָס העלפט אים באַצײַגן זיך עמאָציאָ־נעל־אָנטיילנעמעריש צו דער געשילדערטער וואָקזאַל־ווירקלעכקײַט. די דאָזיקע ווירקלעכקײַט לעבט דער שרײַבער איבער, ער ווערט אליין אן אומגעזעענער אָנטיילנעמער, ער לעבט דאָ אינעם ווערק און נעמט אָנטייל אין דער האנדלונג ווי א צאד, וואָס טראָגט ארויס זײַן אור־טייל איבער די מענטשן און געשעענישן. אליין די לירישקײַט איז דאָך א באווײַז, אז דעם שרײַבערס געמיט איז דאָ אפּ טריט און שריט, און לירישקײַט באטײַט פרײַער פון אלץ עכט־מענטשלעך געפיל, דאָס איז די אנטפלעקונג פונעם שרײַבערס הומאניזם, אין נאָמען פון וועלכן ער, בערגעלסאָן, פארורטיילט די געשילדערטע בורזשואזע געזעל־שאפט.

דער דאָזיקער געזעלשאפט איז ער דאָך ניט מוחל די דראמאטישע איבערלעבונגען פון ביינעש רובינשטיינען אפילו. רובינשטיין איז גע־ווים א דראמאטישע געשטאלט בא בערגעלסאָנען. אָבער רובינשטיינס דראמאטיק איז א פוסטע, א פערספעקטיוולאָזע. און אין דעם, באַ־ווײַזט בערגעלסאָן, איז אויך שולדיק דאָס קליינלעכע נודנע באלעבא־טישע אויסקומעניש. ביינעש רובינשטיינס אומזיסט אויסגעבראכטע דראמאטישע ענערגיע איז פײַנטלעך און דערווידער דעם שרײַבער, פונקט ווי ס'איז אים פײַנטלעך און דערווידער די געזעלשאפט, וואָס האָט פארקריפּלט ביינעשעס לעבן און כאראקטער...

זײַן „ארום וואָקזאַל" ענדיקט בערגעלסאָן מיט אן אומגעריכטן ווענד־פּונקט אין ביינעש רובינשטיינס לעבנס־וועג. נאָך דעם, ווי ער איז געקומען פון טפיסע א גײַסטיק־צעבראָכענער, א דערוואַטעטער, אן אויסגעלאכטער פון דער גאנצער סאָכרישער קנופּיע, באגעגנט אים אוורעמציק קויפמאן און לייגט אים פאָר פאָרן מיט אים צום „לאָ־זאָווקער" קויפן באביק. מיט זיי, זאָגט אים אוורעמציק, דארף אויך פאָרן פּיווניאק, דער קאָמיסיאָנער, וואָס האָט אזויפיל צאר פארשאפט ביינעשן, שיר ניט דערפירט אים צו מעשוגאס און זעלבסטמאָרד. אפּן צווייטן טאָג זײַנען זיי שוין אינדרײַען אפּ איין באלעגאָלישער פור קיין לאָזאָווקע געפאָרן. און ביינעש רובינשטיין האָט שוין פארטראכט

אָנשרײַבן אַ בריוו צום ווײַב: „אַזוי ווי איך קלער קומען אַף שאַבעס אַהיים, בעט איך דיך...“

וויפל גאַליקע איראָניע איז דאָ בײַ בערגעלסאָנען אין די דאָזיקע שורעס, פּונקט ווי אין דעם גאַנצן פינאַל פון בײַנעשעס לעבנס־וועג. אָבער די זעלבע איראָניע האָט דאָך דורכגעהילכט אין דעם אומגעריכטן פינאַל פון „דעם טויבן“, די זעלבע איראָניע האָט דורכגעהילכט אויך אין דעם אומגעריכטן סאָף פון דעם מײַסעלע וועגן דער באַסמאַלקע „עמעס“.

אין די אַלע דרײַ ערשטע ווערק האָט בערגעלסאָן בעצעם דערציילט וועגן דעם צעטראָטענעם עמעס, וואָס קען קיין קיום ניט האָבן אין די סאָכריש־בורזשואַזע לעבנס־אומשטענדן. בײַנעשעס אופגעיוירטער געוויסן האָט, ווײַזט זיך אַרויס, נישט געקוקט אַף אַלע באַקומענע קלעפּ, באַדאַרפט אַזוי ווייניק אַף שאָלעם צו מאַכן מיט דער נימעסער ענדלערשער ווירקלעכקײַט. ער איז, ווי די באַסמאַלקע „עמעס“, גלײַך אײַנגעגאַנגען אַף אַ ליגן, אָט ווי קלאַרע, אוורעמציקס ווײַב, וואָס איז לעסאָף אויך פאַרזונקען אינעם אַרומיקן פּיליסטערישן לעבנס־זומפּ: „אַ מאַן איז ער, הייסט דאָס, ניט קיין שלעכטער, — האָט זי דערציילט וועגן אוורעמציקן — ער טוט, וואָס איך הייס. קומט אָבער די נאַכט, כראָפּעט ער פונעם שלאָף, כראָפּעט און סליונעט...“

די דאָזיקע קלאַרע האָט דאָך, ווי געזאָגט, נאָך פריִער דערציילט בײַנעשן: „אַלץ האָט מיר ליגן געזאָגט... האָב איך נאָכדעם אַליין אויך ליגנס געזאָגט“. איצט, הייסט דאָס, האָט זי, פּונקט ווי בײַנעש רובינשטיין, פאַרלאָשן אין זיך דעם לעצטן פונק פונעם עמעס, דעם לעצטן פונק פון פּראָטעסט־געפיל, און פון איצטער אָן, באַווײַזט בערגעלסאָן, וועט זייער ביידנס גײַסטיק לעבן זײַן נאָך מער כווישעכדיק און פינצטער, פאַרזונקען אינעם טונקעלן כאַאָס פון דער באַלעבעסלדיקײַט...

„און אַף יענעם ווײַטן באַרג, וואָס איז אונטער די פּלייצעס געבליבן, האָט געדרימלט דער רויטער וואָקזאַל און מיט פאַרגליווערטע, טאָמיד האַלב־אָפענע אויגן אַרײַנגעקוקט אין דער טיפער אומבאַקאַנטער ווײַטקײַט“.

דאָס זײַנען די לעצטע שורעס, דער גאָר לעצטער אַקאָרד פון בערגעלסאָנס דערציילונג וועגן דעם אַרום וואָקזאַל. אַזוי לערעך האָט דאָך בערגעלסאָן אויך אָנגעהויבן די דאָזיקע דערציילונג. איז זאָל זײַן, אַז די „ווײַטקײַט“ איז געווען טאַקע נאָך אַן „אומבאַקאַנטע“ פאַרן שרײַבער. אָבער די האַלב־אָפענע אויגן פונעם רויטן וואָקזאַל, זאָגט בערגעלסאָן, האָבן אַהין אַרײַנגעקוקט. און די דאָזיקע פּערספּעקטיוו

האָט אינ א באשטימטער מאָס אָנגעפירט מיט דער געזעלשאפט־קריטיק פונעמ שרײַבער, וואָס איז אינ דער צײַט צווישנ צוויי רעוואָליוציעס געקומענ ארויסטראָגנ זײַנ אורטייל איבער דער הערשנדיקער בורזשואזער מאָראל.

אינ זײַנ ערשטער פארעפנטלעכטער דערציילונג האָט בערגעלסאָנ פאָרגעזעצט די ליניע פונ זײַנ פריִער אָנגעשריבענער דערציילונג „דער טויבער". בערגעלסאָנ איז דאָ אויכ מיט עכטע קינסטלערישע מיטלענ ארויסגעטראָטנ קעגנ די ארומוואָקזאלישע פארדארבער פונעמ מענטשלעכנ געדאנק אונ געוויסנ. ער איז דעריבער גלײַכ ארײַנ אינ דער יִדישער ליטעראטור ווי דער פאָרזעצער פונ דער הומאניסטישער אידיי, ער איז ארײַנ אינ דער ליטעראטור ווי דער שרײַבער אונ שילדערער פונ דער יִדישער געזעלשאפט נאָכ דער רעוואָליוציע פונ 1905 יאָר.

III. נאָכ אלעמענ

1

עפשער איז דאָס א צופאל אונ עפשער ניט. ס'איז אָבער א פאקט. בערגעלסאָנס גרונט־ווערק פונ די יאָרנ 1909—1919 זײַנענ לויט דער אָרדענונג געבויט אפ אזא אויפנ: דאָס ערשטע ווערק „דער טויבער" פארמאָגט פאָזיטיווע געשטאלטנ, וואָס דריקנ אויס אינ א געוויסער מאָס די באציִונג פונעמ שרײַבער צו די געשילדערטע געשעענישנ. נאָכדעמ קומט א ווערק — „ארומ וואָקזאל", וואָס איז אויסשליס־לעכ געווידמעט דער שילדערונג פונ די נעגאטיווע פערסאָנאזשנ. אונ ווידעראמאָל א ווערק — „נאָכ אלעמענ", ווו דער צענטראלער העלד ציט צו זיכ פולקומ די סימפאטיעס פונעמ שרײַבער. אונ נאָכדעמ נאָכאמאָל א ווערק — „אינ א פארגרעבטער שטאָט", ווו ס'איז דאָ בלויז דער פאטאָס פונ דער געזעלשאפט־קריטיק. אונ אָבער־אמאָל א ווערק — „אָפגאנג", ווו די צענטראלע געשטאלטנ טראָגנ אינ זייער געדאנקענגאנג געוויסע עלעמענטנ פונעמ שרײַבערס וועלט־באנעמ אינ יענער צײַט.

דאָס דאָזיקע גייִנ לויט דער ריי פונ „דעמ טויבנ" צו „ארומ וואָק־זאל" אונ פונ „נאָכ אלעמענ" צו דער „פארגרעבטער שטאָט" באדײַט אלנפאלס, אז דער שרײַבער האָט מאָל נאָכ מאָל געשטרעבט צו פאר־ברייטערנ דעמ דיאפאזאָנ פונ זײַנ פארשארפטער געזעלשאפט־קריטיק. דאָס איז געווענ די איקער־פארב, אינ וועלכער ער האָט יעדער מאָל געטוקט זײַנ פענדזל אפ צו שילדערנ די פערסאָנאזשנ, וואָס זײַנענ ביז אינ א געוויסער מאָס געווענ דער רופאָר פונ זײַנע אייגענע גע־דאנקענ אונ אָנשויונגענ. דאָס הייסט, אז בערגעלסאָנ האָט זיכ יעדער מאָל אומגעקערט צו דער פארשארפטער אָפלייקענונג פונ דער ארומי־קער בורזשואזער געזעלשאפט, ביכדיי אויסצוקלאָרנ שעפעריש פאר זיכ אליינ אפילע, אז זי, די דאָזיקע נעגאטיווע ווירקלעכקײַט, אונ נאָר זי, געבירט די דראמאטישע אייגנשאפטנ פונ זײַנע אָט באלד נאָכדעמ פאָזיטיווע געשילדערטע פערסאָנאזשנ.

אין דער ערשטער ריי זײַנען דאָס די פּעדעמ, וואָס ציִען זיכ פונ „ארומ וואָקזאל“ צו „נאָכ אלעמענ“, צומ ראָמאנ, ווו דער שרײַבער פירט אונדז ארײַנ אינעמ קרײַז פונ דער בארײַכערטער פּערזענלעכער אינטימער געפילנ־וועלט. די דאָזיקע פּעדעמ האָבנ א שײַכעס סײַ צו דער אלגעמיינער פּראָבלעמ פונ די ביידע ווערק סײַ צו אייניקע פּערסאָנאזשנ פונ „נאָכ אלעמענ“. זייער אלעמערשטיק לעבנ, זייער סאָציאל־פּסיכאָלאָגיש געבורט איז פאָרגעקומענ באמ שרײַבער אינ „ארומ וואָקזאל“ אונ איז פארבונדנ מיט דער דאָרט געשילדערטער סאָציאלער לופּט אונ סוויווע, מיט דער בורזשואזער סוויווע פונ נאָכ דער ערשטער רעוואָליוציע.

ניט נאָר מירל, די העלדנ פונ „נאָכ אלעמענ“, האָט שיר ניט געהאט, ווי אויבנ געזאָגט, איר געוויסע פאָרגעשטאלט אינ דער פּערזאָנ פונ קלארענ, אוורעמציק קויפמאנס ווײַב פונ „ארומ וואָקזאל“, נאָר אויכ געדאליע הורוויצ, מירלס פאָטער, האָט, ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט זײַנ, געוויסע שײַכעסנ צו ביינעש רובינשטיינענ, דעמ סויכער דעמ לוי־יוצלעכ פונ בערגעלסאָנס ערשטער גרעסערער פארעפנטלעכטער דערציילונג. הײַנט די קארג געצייכנטע סאָכרימ אונ אינטעליגענטנ פונ „ארומ וואָקזאל“, אזוינע ווי מאָניע דרעל, ווי מייער העכט, וואָס יעדערער פונ זיי האָט זײַנ געוויסע פארברייטערונג אונ כאראקטער־פּארטיפערונג אינ בערגעלסאָנס גרויסנ ראָמאנ „נאָכ אלעמענ“. פונ דעמ איז צו זענ, אז ווי אלע גרויסע שרײַבער, וואָס שטעלנ אופּ קינסטלעריש א שטיק געשיכטע פונ זייער צײַט אונ טקופע, האָט בערגעלסאָנ נאָכאנאנד געזוכט צו אנטפּלעקנ די טיפסטע סאָציאלע וואָרצלענ פונ דער דאָזיקער געשיכטע. אונ האָבנדיק אָפּט צו טאָנ מיט איינעמ אונ דעמ זעלבנ קלאס מענטשנ, האָט ער אָבער געשילדערט זייער פארשיידענעמ לעבנס־וועג אינ פארשיידענע באדינגונגענ, בא פארשיידענע געזעלשאפטלעכע ווענדונגענ אונ קער־פּונקטנ. אינ דעמ גראָד ליגט די דערקענטעניש־קראפט פונ דעמ עכטנ סאָציאלנ שרײַבער אונ לעבנס־שילדערער.

דעמ ראָמאנ „נאָכ אלעמענ“ האָט בערגעלסאָנ פארענדיקט אונ פארעפנטלעכט אינ 1913 יאָר. געשריבנ האָט ער אימ א דרײַ יאָר לעערעכ, אינ פארלויפּ פונ וועלכע עס זײַנענ נאָכ בוילעטער ארויסגעטראָטנ די וועזנטלעכע צייכנס פונ דער וואקסנדיקער קאפּיטאליסטישער טקופע אינעמ געוועזענעמ צארישנ רוסלאנד נאָכנ 1905 יאָר. אינ 1914 יאָר האָט לענינ געשריבנ: „פונ דער שטורמישער עפּאָכע פונ 1905 יאָר טיילנ אונדז אָפּ נישט מער ווי

צענ יאָר, אונ פונדעסטוועגנ ווײַזט אויס, אז די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומענ פאר דער דאָזיקער קורצער צײַט אינ רוסלאנד, איז א גוואלדיק גרויסע. רוסלאנד איז אזוי ווי מיטאמאָל פארוואנדלט געװאָרנ פונ א פאטריארכאלנ אינ א הײַנטצײַטיקנ קאפּיטאליסטישנ לאנד" (לענינ. ב. VXII, ז. 263).

אונטער דעמ צײכנ פונ דער דאָזיקער קאפּיטאליסטישער פארוואנדלונג שטײט בערגעלסאָנס ערשטער גרויסער ראָמאנ „נאָכ אלעמענ", וואָס באהאנדלט קינסטלעריש די צײַט, ווענ וועלכער ס'רעדט לענינ. די הערשנדיקע סאָציאלע קראפט אינ בערגעלסאָנס ראָמאנ איז די אויסגעוואקסענע בורזשואזע קראפט פונ די בורנעסעס, טאראבײַס אונ זײַדענאָווסקיס. זײ זײַנענ דאָ די געוועלטיקער, די באלעבאטימ פונעמ לעבנ, פונ דער געזעלשאפט. איבער זײ גײט געדאליע הורוויצ צו זײַנ עקאָנאָמישנ אונ גײַסטיקנ אונטערגאנג, מיט זײ, מיט זײער גײַסטיקער אונ זיטלעכער הערשונג שלאָגט זיכ אינ טאָכ די עלנטע צווישנ זײ, די אײנזאמע מירל, קעגנ זײ טרעט זי ארויס מיט איר פאסיווע ווײפולנ שטרײַט, מיט איר דראמאטישנ יעכידישנ ווידערשטאנד.

נאָכ מער ווי אינ די פריִערדיקע ווערק „דער טויבער" אונ „ארומ וואָקזאל" איז דאָ אינ „נאָכ אלעמענ" צו זענ בערגעלסאָנס פארשטארקטנ אײַנרײַס מיט דער שטעטלשער יידישער טראדיציאָנעלער לעבנס־סיסטעמ, וואָס עקזיסטירט שוינ ניט מער פארנ שרײַבער ווי א פאקטאָר, ווי א לעבעדיקער מאטעריעלער אונ אידעאָלאָגישער אויסדרוק פונ די געזעלשאפטלעכע קויכעס־פארהעלטענישנ. אָט ערשט ניט לאנג האָט דאָכ אינ דער יידישער ליטעראטור דורכגעהילכט אשס באגײַסטערונג פאר דער טראדיציאָנעלער שטעטלשער יידישקײַט, וועלכע ער האָט אופגעפאסט ווי א דויערנדיקע לעבנספולע באוועג־קראפט פונ דער יידישער ווירקלעכקײַט, פונ דער יידישער אידײענ־וועלט. אונ אָט קומט בערגעלסאָנ מיט א גרויסנ ראָמאנ, מיט היפשע געמעלנ פונ שטעטלשנ לעבנס־שטײגער, וואָס ווערט באמ שרײַבער אָפּגעלײקנט, אפילע אופגעריסנ אינ גאנג פונ דער שילדערונג. די דאָזיקע לעבנס־סיסטעמ, ווײַזט זיכ ארויס, ווירקט שוינ זײער ווײניק ניט אפ דער אויסבילדונג פונ דער נײַער געזעלשאפט אינגאנצנ גענומענ, ניט אפ דער פסיכאָ־אידײיִשער אויספאָרמירונג פונ יעדער אײנצלנער אינדיווידואליטעט, וואָס די דאָזיקע געזעלשאפט געבירט.

דאָס דאָזיקע האָט ביפראט א שײַכעס צומ רעליגיעז־באפארבטנ לעבנס־שטײגער, וואָס האָט געלײגט זײַנ טיפנ שטעמפל אפ דער כא־

ראַקטער־אויסבילדונג פון דווירעס שטעטלשע שיכטן. דאָ אין ראָמאַן זײַנען באַ בערגעלסאָנען פאַראַן היפּש פאַרשטייער פון די דאָזיקע שיכטן. פאַראַן אַפילע, אַגעוו, נישט קיין סאַך, בילדער און שילדערונגען, וואָס האָבן אַ דירעקטע שײַכעס צום רעליגיעזן שטייגער־לעבן. אָבער די אַלע געמעלן גייען שוין אינגאַנצן אָן אַ זײַט, זיי פּלעכטן זיך שוין דאָ ניט איבער מיט דער סאָציאַלער האַנדלונג פונעם ראָמאַן, זיי פאַרורזאַכן ניט, זיי מאָטיווירן ניט אַפילע ניט די מאָראַל, ניט די אופירונגען, — קיין שום געדאַנק און טאַט פון די געשילדערטע בירגערלעכע און קליינבירגערלעכע שיכטן.

דער גוויר יאַנקעוו־יאָסל זײַדענאָווסקי דאַוונט מוסאָפים און פּראַוועט מעלאַווע־מאַלקעס באַ זיך אין שטוב, וועלוול בורנעסעס רײַכ געוואָרענער פאָטער האָט „באַ אַכט און פערציק יאָר אָנגעהויבן גיין אין נאָענטן בעסמעדרעש וואָכעדיקע מינכעס און מײַרעווס דאַוונען", פאַראַן אין דעם ראָמאַן אַ ראָוו, אוורעמל דער ראָוו, עס ווערט דערמאָנט אַ כאַזן, אַ שאַדכן „מיט אַ שאַבעסדיק צוגעקעמט בערדל", נאָך ייִדן און ייִדענעס פונעם אַלט־שטייגערישן רעליגיעזן גראַד, אָבער די אַלע פּאַרצייכענישן און אַפילע כאַראַקטער־שטריכן פון דעם אַרט זײַנען דאָ אינעם ראָמאַן פאַרבײַלויפיק, זיי זעען אויס ווי דעקאָראַטיווע רעשטלעך פון געוועזענע לעבנס־פאָרמען, זיי באַשטימען ניט נישט די אַלגעמיינע האַנדלונג, נישט די טאַטן, נישט דעם איצטיקן פּאַכ אַפילע פון די געשילדערטע פערסאָנאַזשן, זײַענדיק דאָך אַ שטריך פון זייער כאַראַקטער־וועזן.

„און נאָר אין דער היפּשער סאַדעגערער קלויז, וואָס האָט מיט אירע באַלויכטענע פענצטער פונעם קעגנייבערדיקן הינטערגעסל אַרויסגעקוקט, האָבן זיך געשאָקלט טשווועדיק־דערשלאָגענע ייִדן און האָבן מיט גוואַלדיק טרויעריקע קוילעס נאָכגעשריגן דעם כאַזן: „לעדאָוויד!" אָט אַזוי נישט ווירדיק, טרויעריק־דערשלאָגן זעען שוין אויס די דאַוונער באַ בערגעלסאָנען אין „נאָך אַלעמען". קענטיק, אַז דער שרײַבער גופע איז אויסן „אָפּכאַפּן" די דאָזיקע שילדערונג, פּונקט ווי די ייִדן פּלעגן „אָפּכאַפּן" אַ דאַוונען אין די צײַטן, ווען דער קאָפּ איז צו דעם ניט געלעגן, ווען דאָס דאַוונען האָט געהאַט אַ קנאַפּע שײַכעס צו דעם אַלעם, מיט וואָס דאָס האַרץ און דער זינען איז באַ זיי געווען באַשעפטיקט.

אָט אַזוי כאַפּן אויך אָפּ בערגעלסאָנס ייִדן גדאַליע הורוויצעס לעווײַע, אַ לעווײַע, וואָס דאַכט זיך, אַליין דער שרײַבער כאַפּט זי אָפּ אין זײַן שילדערונג. וועגן דער מיטע מיטן מעס דערציילט בערגעל־

מאָנ: „מ'איז מיט איר געלאָפּנ, ווי מיט עפּעס א זאַכ, וואָס מע דאַרפּ וואָס גיכער פּונ מענטשנ באַהאַלטנ". דאָ האַנדלט זיכ, הייסט דאָס, וועגנ דעמ טויט פּונ א מענטשנ, וואָס די ווירקלעכקייט האָט אימ באַמ לעבנ שוינ אָפּגעשטויסנ פּונ זיכ, פּונקט ווי זי האָט אָפּגעשטויסנ, אָפּגעשליידערט, געמאַכט נוצלאָז דעמ גאַנצנ אַלט־שטייגערישנ לעווייע־ריטואַל, וואָס האָט ביז אַהער פאַרנומענ אַזא בעקאָוועדיקנ פּלאַצ אינ דער ייִדישער ליטעראַטור, אַפּ וויפל ער האָט אינ א געוויסנ פּראַט אָרגאַניזירט אינ זײַנ צײַט דעמ געדאַנק אונ דאָס געפיל פונ די לעבעדיקע.

„דער רועב האָט אָנגעטראָגנ א דורכפאָרנדיקנ יונגנמאַנ א כאַזנ — א הויכנ אונ דאַרנ פאַרשוינ אינ א קורצ אָפּגעטראָגענעמ סורדוטל, מיט א ברודיקנ פּאַפּירענעמ קראַגנ אונ מיט א קאַמערטאָנ אינ טאַש. ער רעדט מיט א פּאָנפּעדיקנ קאָל אונ דערפרעגט זיכ אַפּ שמוליקנ". אָט אַזוי פאַרשאַרפט נעגאַטיוו טוט בערגעלסאָנ פאַרבײַגייענדיק א שילדער איינעמ פונ די יעניקע, וואָס אַפּ זיי האָט זיכ קלוימערשט באַדאַרפט האַלטנ די „היסטאָרישע ייִדישקײַט". מיט ענלעכע, ווײַט ניט סימפּאַטישע פאַרבנ טוט בערגעלסאָנ אויכ א שילדער דעמ יעניקנ „פרומענ לאַמדאָנישנ אונ שטאַרק טאַמעוואַטנ יונגנמאַנ", וואָס קומט צו געדאַליע הורוויצנ מאָנענ זײַנ כויוו — דעמ „שטוב־זיצער מיט א קליינ שוואַרצ בערדל אונ מיט א קרענקלעכ, בלאַס אונ געליזיכטיק פּאָנעמ".

„זיי זײַנענ אַזעלכע עקלדיקע, אָט די ייִדנ..." — טוט זיכ א זאָג בערגעלסאָנס מירל וועגנ דער גרופּע ייִדנ פונעמ הענדלערישנ קליינ־בירגערטומ, וואָס אַליינ דער שרײַבער, אַפּאָנעמ, וויל זיי ניט שאַנעווענ, ער איז אויסנ, אַדרעבע, אַז זיי זאָלנ אויכ אַרונטערפאַלנ אונטער דער אַנטבלויזנדיקער שײַנ פונ זײַנ געזעלשאַפט־קריטיק. גאַנצע פיר מאָל דריקט מירל אויס אינעמ ראָמאַנ איר מאָדנע סינע צו דער יונגער רעבעצנ ליבקעג. „אויב דער רויטער גלאָמפּ, — זאָגט איינמאָל מירל, — די רעבעצנ, הייסט עס, וועט זיכ באַלד פונ עסצימער נישט פאַרנעמענ, וועט זי א ווינטערדיק־פאַרקלעפּטנ פענצטער אופרײַסנ אונ וועט מיט אימ דאָ אַרומ אינ דרויסנ אַרויס".

די דאָזיקע רעבעצנ, אוורעמל דעמ ראָווס ווײַב, האָט, מאַשמאָעס, פאַרקערפּערט אינ מירלס אויגנ די שטעטלש־באַלעבאַטישע טעמפּקײַט, זי, די רעבעצנ, האָט געשטיקט מירלענ מיט איר בלויזנ אויסזענ, מיט איר באַציִונג צו מירלס ווייטעקדיק־בונטאַרישע אופירונגענ, וואָס זײַנענ געווענ געווענדט קעגנ די באַלעבעסלדיק־פאַרקלאַמערנדיקע לעבנס־נאָרמעס, פונ וועלכע מירל האָט זיכ לײַדנשאַפטלעכ געריסנ

מיט אלע אירע געפּענטעטע יוגנטלעכע קויכעס. אין דער שילדערונג פון ליבקעס מאַן, אוורעמל דעם ראָוו, האָט בערגעלסאָן אויך אײַנגע־ריסן מיט דער טראַדיציאָנעלער באַציִונג צו דער דאָזיקער געשטאַלט. דער דאָזיקער אוורעמל דער ראָוו — דער שטייגערישער „אוורעמל" אָנשטאָט „אווראָהאָם" רעדט דאָ אַליין פאַר זיך — איז בא בערגעל־סאָנען א וואָכעדיקע פיגור, א בלאָס באַגרענעצט מענטשל, וואָס דרייט זיך ארום לײדיקגייעריש בא זײַן קאָרעוו געדאַליע הורוויצן אין שטוב. דער שרײַבער, הייסט עס, געפינט ניט פאַר נייטיק באַווײַזן דעם דאָ־זיקן ראָוו א באַשעפטיקטן מיט זײַנע אייגענע איניאָנים, מיט זײַנע אייגענע ראַבאָנישע פונקציעס, א סימען, אז זיי זײַנען שוין לאַכלוטן ניט פאַרבונדן מיטן געשילדערטן ארומיקן לעבן, מיטן סאָציאַלן גאַנג פון די געשילדערטע געשעענישן.

„דורך דער אָפענער טיר, — שילדערט בערגעלסאָן איינעם א שאַ־בעס באַטאָג, — האָט זיך געהערט דער נאַריש־ברענענדיקער ניגן, מיט וועלכן אוורעמל דער ראָוו האָט געלערנט". און נאָך איין מאָל דער־ציילט וועגן אים דער שרײַבער, וויאזוי ער איז געשטאַנען און האָט געוויינט באַם טויטן געדאַליע הורוויץ צוקאָפּנס: „ער האָט געוואָלט, אז ער, וועלוול, זאָל זען, אז ער איז טאַקע בעעמעס רעב געדאַליעס א גוטערפרײַנט, און אז פון זײַנע ראַבאָנישע אויגן גיסן זיך איצט טרערן". ווי ווײַט איז די אָפּ אזא אויפן געשילדערטע „ראַבאָנישע" פיגור פונעם שאָלעם־אַלייכעמישן רעב יאָזעפּלען אפילע, וואָס געהערט שוין צו „די קליינע מענטשעלעך מיט קליינע האָסאָגעס", אָבער פאַר־מאָגן פאַרמאָגט ער נאָך די טמימעסדיקע גײַסטיקע שיינקײַט פונעם עמעסן פאָלקס־מענטש, וועלכע שײַנט מאַמעש אדורך דורך אַלע זײַנע פאָרורטיילן, דורך דער גאָרער קליינשטעטלשער באַלעבאַטישער באַ־גרענעצטקײַט...

פון בערגעלסאָנס באַטראַכט זײַנען באַם שרײַבן דעם ראָמאַן ארויס־געפאַלן די ברייטע פאָלקס־שיכטן, די גרויסע ײִדישע פאָלקס־מאַסן, וואָס האָבן אפילע אין די צײַטן פון רעאַקציע געהיט אין זיך די מענטשלעכע עטישע אָנזאַמלונגען. די דאָזיקע אָנזאַמלונגען האָבן זיי געפירט צו זײַן דורך פאַרשיידענע קאַנאַלן אָפּ דעם אָדער יענעם אויפן באַווירקט פון דער ארבעטער־באַוועגונג, אפילע אין די צײַטן, ווען זי איז געווען א דערשטיקטע, א פאַרבאַהאַלטענע, אַן אונטערערדישע. די ברייטע ײִדישע דעמאָקראַטישע געזעלשאַפט מיט אירע הומאַניסטישע שטרעמונגען און פאָדערונגען האָט בערגעלסאָן אויסגעמיטן צו שיל־דערן אין זײַנע ערשטע קינסטלערישע גרונט־ווערק. אַמשטאַרקסטן און

אמשאַרפסטנ האָט ער דעמלט באַוויזנ אונ אונטערגעשטראָכנ די קאַ־פּיטאַליזיר־פּראָצעסנ, וואָס האָבנ דאַנ געענדערט דעמ אויסזענ פונ דער שטעטלשער יִדישער בירגערלעכער אונ קלײנבירגערלעכער געזעלשאַפט. די דאָזיקע פּראָצעסנ האָבנ פאַרטריבנ אַלע רעשטלעכ פונ דער פאַרבליבענער לעבנס־זיטלעכקײט אונ פאַרמינדערווערטיקט די מאָראַל באַ געוויסע שיכטנ פונעמ שטעטלש־הענדלערישנ קלײנבירגער־טומ, אויסגעלײדיקט זײ ביז צו לעצט, אַרויסגעריסנ באַ זײ זײער פאַר־וואָרצלט אַלט־שטײגעריש ביסל מענטשלעכקײט.

בערגעלסאָנ האָט די מאָראַלע געשיכטע פונ דער יִדישער ביר־גערלעכער אונ קלײנבירגערלעכער געזעלשאַפט ביז אינ א געוויסנ גראַד פאַרבונדנ מיטנ גאַנג פונעמ גרויסנ אַלגעמײנעמ רוסלענדישנ קלאַסנ־שטראָמ, פאַרבונדנ מיטנ אָנגריפ פונ דער בורזשואַזיע, וואָס איז פאָר־געקומענ נאָכנ דורכפאַל פונ דער ערשטער רעוואָליוציע, באַוויזנ דערבײַ די סטירעס אונ ראַנגלענישנ פונ דער יִדישער אינטעליגענצ, וואָס איז ניט געגאַנגענ צו דער רעוואָליוציע אָדער אָפּגעגאַנגענ פונ איר אונ איז געבליבנ שטײנ פּאָנעמ־על־פּאָנעמ מיט דער הערשנדיקער בור־זשואַזער קלאַסנ־אידעאָלאָגיע, פּאָנעמ־על־פּאָנעמ מיט איר פאַרדאַרבע־נישער מאָראַל אונ דעמלטיקער פאַרשוועכונג פונ אַלדאָס מענטשלעכע אינעמ מענטשנ.

דאָ אינ „נאָכ אַלעמענ" שילדערט בערגעלסאָנ אײנע א באַגעגעניש פונ מירלענ מיטנ העברעיִשנ שרײַבער הערצנ: „אינ אָנהײב ערעוו־שאַ־בעסדיקנ שטעטל איז אײנער אַלײנ געשטאַנענ הערצ. פונ זײַנע קלײ־נע אַרײַנגעגראָבענע אויגנ האָט, ווי שטענדיק, אַרויסגעשמײכלט דער גרינער אָפּגלאַנצ, אונ אַלײנ האָט ער אײַנגעבויגענערהײט געקוקט אַפ די יִדנ, וואָס זײַנענ שוינ צוריק פונ מערבעצ געקומענ, שטײענ דאָ אונ דאָרט לעבנ זײערע פאַנאַנדערגעעפנטע טירנ אונ גרײטנ זיכ גײנ צו קאַבאָלאַס־שאַבעס. הערצס פּאָנעמ איז אינגאַנצנ געווענ אײַנגע־טונקט אינ דער שײַנ פונ דער אונטערגײענדיקער זונ. ער האָט אויס־געזענ א גאָלדענער, ער האָט דערזענ מירלענ, געטאָנ צו איר עטלעכע שפּאַנ אונ איר אָנגעוויזנ אַפנ שטעטל:

— זאָל זי א קוק טאָנ: מאַמעש א שאַבעסדיקער הימל. שאַבעסדיק זענ אויס אַפנ מײַרעוודיקנ באַרג אַפילע די אַרומיקע גרינע פעלדער.

מירל האָט מעכאַניש א קוק געטאָנ צומ באַרג אונ האָט דאָרט גאָר־נישט געזענ, אַכוצ דעמ מידנ גוי, וואָס דעראַקערט צו נאַכט זײַנ פעלד. א היפּשער צעאַקערטער פאַס האָט זיכ דאָרט שוינ געצויגנ איבערנ גאַנצנ רעליעפ פונ גרינעמ באַרג אונ אימ אַרומגענומענ, ווי מיט א

ברייטן שווארצן גארטל. זי האָט נאָך נישט געוווּסט, צי הערצס ווער־טער האָבן אַן איראָנישן זין צי ניין, און האָט געקוקט אַף אים מיט דערשראָקן־דערשטוינטע אויגן:

— ביכלאַל ווייסט זי נישט, וואָס ער וויל פון איר, אָט דער פאַר־שוין, און קען אים מיטן סייכל ניט טויפעס זײַן".

וויכטיק, ביז גאָר וויכטיק איז דאָס דאָזיקע פּראַכטפולע געמעל און געשפּרעך, וואָס באַווײַזט, אַז דאָרט, וווּ דער העברעיִשער פּאָעט הערצ זעט די „היסטאָרישע ייִדישקײַט", דעם „פֿײַערלעכן" שאַבעס־דיקן אַרום, זעט שוין מירל נישט מער ווי אַן איינפאַכן טאָג־טעגלעכן לאַנדשאַפט, אַי דאָס איז ער עכט־בערגעלסאָניש פאַרבונדן מיט דער האַרעוואַניע פון אַ „מידן גוי"... און אוודאי קאָן שוין מירל „מיטן סייכל ניט טויפעס זײַן", ווי זי זאָגט, הערצס איליוזאָרישע געדאַנקען וועגן דער שיינער שטעטלשער שאַבעסדיקײַט, בעשאַס זי אַליין זעט בעכוש, ווי די אופגעקומענע נײַע וועלט פון די זײַדענאָוווסקיס און טאַ־ראַבײַס שלינגט אײַן דאָס אַלטע שטעטל, אָט ווי זי וויל אײַנשלינגען איר ליבע און לעבן, ווי זי האָט שוין אײַנגעשלונגען דאָס שטעטלש־אַלטמאָדישע לעבן פון איר אונטערגייענדיקן פאָטער.

ניט אומזיסט ענדיקט בערגעלסאָן דאָס דאָזיקע געשפּרעך פון הערצן מיט מירלען אַף אַ באַזונדערן, אין פּלוג אומגעריכטן אויפן:

„און בײַ אים האָבן די אויגן נאָך איראָנישער צו שמייכלען אָנ־געהויבן. ער האָט זי באַטראַכט, ווי אַ קלוגיטשקער, און געפרעגט האָט ער שוין בײַ איר, אַפּאָנעם, גלאַט אַזוי, פון כוויזעק וועגן:

— זי האָט אַמאָל געטראַכט וועגן ייִדן?"

די דאָזיקע קלוימערשטע כוויזעק־רעפּליק איז דאָ גאָר ניט קיין צו־פעליקע בײַ הערצן, זי שטאַמט אַרויס פונעם פריִערדיקן געשפּרעך און באַרירט אַ טיפע פּראָבלעם, וואָס טיילט טאַקע אָפּ אים, הערצן, פון מירלען. בערגעלסאָנס מירל האָט שוין ניט קיין נאַציאָנאַל־איזאָליר־טע „ייִדן־פראַגע", ווי דער העברעיִשער פּאָעט הערצ. מירלס גורל האָט דער שרײַבער דאָ אינעם ראָמאַן, אַזוי צי אַנדערש, פאַרקניפּט מיטן אַלגעמיינעם גורל, מיט דער אַלגעמיינער געשיכטע פון קלאַסן און שיכטן. איר „ייִדן־פראַגע" קאָן מעמיילע געלייזט ווערן באַנאַנד מיט דער פראַגע פון מענטש, באַנאַנד מיט דער פראַגע פון מענטש־הײַט, וואָס וועט דאַרפן אויך לייזן אַף אַ סאָציאַלן אויפן די פראַגע פון פאָלק.

אַף אָט־אָ דעם ריכטיקן אַלגעמיינעם סאָציאַלן באָדן האָט בער־געלסאָן מער אויסגעשפּראָכן ווי אַלע ייִדישע שרײַבער פון זײַן צײַט

ארופגעפירט די פּערסאָנאַזשן פון זײַנע ערשטע ווערק, ביפראַט די פּערסאָנאַזשן פון זײַן „נאָך אַלעמען". געזוכט האָט ער אַף אַזאַ אויפן אַ מער ריכטיקע און פּאַרטיפּערטע שטעלונג צו אייניקע פּראָבלעמען פון דער דעמאָלטיקער ייִדישער געזעלשאַפט, די פּראָבלעמען, וואָס זייער טרעגערן איז מירל, די הויפּט־העלדן פון בערגעלסאָנס ערשטן ראָמאַן.

2

„איז זי געוואַקסן אַ באַסיעכידע בא רעב גדאַליע הורוויצן אין שטוב... האָט זיך איר עפּעס געוואָלט — איז זי געוואָרן אַפן 17־טן יאָר אַ קאַלע פאַר וועלוול בורנעס... איז דאָס געווען קאַרג, איז זי אוועקגעפאָרן אין קרײַז־שטאָט און גענומען לערנען דאָס, וואָס אַלע... האָט עס נישט געהאָלפן — איז זי צוריק אַהיים געקומען און, דוכט זיך, ליב באַקומען דאָ אין שטעטל נאָסן העלערן... איז דאָס אָבער אַלץ קאַרג געווען, און געדוכט האָט זיך אַלץ, אַז דאָס קומענדיקע לעבן באַדאַרף זײַן גאָר אַנדערש. נאָסענען האָט זי איינמאָל געזאָגט: ס'וועט פון דעם גאָרנישט זײַן. ער מעג פון שטעטל אוועקפאָרן. דעם כאָסן אירן האָט זי די טנאָים אָפּגעשיקט, און איצט איז זי ווידער פרײַ, און דער פאַרנעפּלטער ווילן איז ווידער מיט איר..."

אמקירצסטן און אמשאַרפסטן, מיט אַ גרויסער קראַפט פון זעלבסט־אַנאַליז האָט בערגעלסאָנס מירל אין די דאָזיקע שורעס אין מאַכשאָווע געצייכנט איר ביז אַהער דורכגעמאַכטן לעבנס־וועג. עס בלײַבט אָבער נאָך צוצוגעבן, אַז זי האָט אינגיכן כאַסענע געהאַט מיטן רײַכן שמוליק זײַדענאָווסקין, געהאַט ליבע־באַגעגענישן מיט דעם העברעיִשן דיכטער הערצן און מיט דעם גוויריש־צעטראָגענעם מאָנטשיק זײַדענאָווסקין, שפּעטער האָט זי געמאַכט אַן אַבאָרט, געגעט זיך מיט שמוליקן, איבערגעלעבט דעם פאָטערס טויט און געקומען צוריק אין שטעטל, ווידער קלוימערשט געוואָרן פרײַ און געבלאָנקעט ווידער מיטן „פאַרנעפּלטן ווילן"...

„קיין באַזונדערער אומגליק איז, דאַכט זיך, ניט געשען... אין איר לעבן" — אַזוי האָט געטראַכט אַליין מירל, מאַכנדיק דעם נאָרוואָס געבראַכטן סאַכאַקל אירן. אָבער נעמענדיק אין אַכט דאָס, וואָס ס'איז דאָ דערבײַ צוגעגעבן געוואָרן פון איר שפּעטערדיקער ביִאָגראַפיע, וואָלט דער שרײַבער ניט געקאָנט זי לאָזן טראַכטן אַזוינס. צום סאָף פונעם ראָמאַן שיילט זיך שוין בעפיירעש אויס מירלס טראַגישע פיגור, אַ פיגור אין פולן וווקס. „די קליינשטעטלדיקע טראַגעדיע" — האָט זי הערצ אָנגערופן. טאַקע בעעמעסן אַ טראַגעדיע פון אַן אינטע־

ליגענטיש מיידל, וואָס דער שרײַבער האָט אַפ אירע פלייצעס אַרופגעלייגט דעמ יאָכ פונ אַנ אומגליקלעכ לעבנ, אָפגעשפיגלט אינ דעמ די פּראָבלעמ פונעמ „איבעריקנ מענטשנ“, ווי מע פלעגט עס באַצייכענענ אינ דער רוסישער ליטעראַטור. דאָס איז ערשטנס, אונ צווייטנס — האָט דער שרײַבער אינ איר לעבנס־גורל פאַרקערפערט דעמ גורל פונ דער „צעשטערטער פערזענלעכקײַט“, לויט גאָרקיס פאָרמולירונג, וואָס האָט אַ שײַכעס צו די אַלע, וואָס זײַנענ נאָכ דער ערשטער רעוואָליוציע אַרונטערגעפאַלנ אונטער דער דעסטרוקטיווער, פאַרניכטנדיקער קראַפט פונ דער וואַקסנדיקער בורזשואַזער רעאַקציע.

מיט וואָס פאַר אַ סאָציאַלער געווענדטקײַט בערגעלסאָנ דערגרייכט אוועקצושטעלנ די הויפט־העלדנ פונ זײַנ ראָמאַנ אינ גײַסטיקנ שווערנ איינצל־געראַנגל מיט די טרעגער פונ דעמ, וואָס גאָרקי רופט אָנ „די צעשטערונג פונ דער פערזענלעכקײַט“! פונ זינט מירל האָט אָפגעלאָזט דעמ „היימישנ קליינשטעטלדיקנ שידעכ“, — פונ דעמ הייבט זיכ אָנ דער ראָמאַנ, — אינ האָט אָפגעשיקט די טנאָימ איר כאָסנ וועלוול בורנעסנ, דעמ אופגעקומענעמ גווירס זונ, פונ דעמלט הייבט זיכ אָנ, אייגנטלעכ, דאָס געיעג נאָכנ דאָזיקנ שיינעמ גײַסטרײַכנ מיידל, וואָס שלאָגט זיכ אַפ איר אייגענעמ אופנ פאַר איר אומאָפהענגיקײַט מיט אַ גאַנצער בורזשואַזער וועלט. הייבנ הייבט זי זיכ אָנ, די דאָזיקע וועלט, פונ די נעגידישע טאַראַבײַס אונ זײַדענאָווסקיס אונ ענדיקט זיכ מיט מירלס אייגענע פאָטער אונ מוטער אונ מיט די פאָרשטייער פונ דער גאָרער פינצטערער שטעטלשער אידיאָטיע, וועלכע פילט אויס בעעצעמ די פאַרדאַרבערישע שליכעס פונ דער הערשנדיקער גווירישער געזעלשאַפט.

אויב ניט וואָווע בורנעס, זאָגט די דאָזיקע געזעלשאַפט, דאַרפ מירל סײַווי וואַרפנ אַלע אירע טרוימענ וועגנ ליבע, וועגנ זעלבשטענדיקנ גליק, זי דאַרפ סײַווי אונטערגעבנ זיכ אונ ווערנ אַ מיטגליד פונ איינער פונ די גווירישע מישפאָכעס. די דאָזיקע זײַנענ דאָכ אימשטאַנד דריקנ אַפ איר מיטנ גאַנצנ פרעס פונ זייער אייגנטימערישער פאַרצווײַגטער געזעלשאַפטלעכקײַט, זיי קאָנענ זי אַפילע קויפנ, אָנבאָטנ איר, אַז זי קאָנ כאַסענע האָבנ פאַר אַ רײַכנ, ראַטעווענ די לאַגע פונ איר ייִכעס־דיקנ יאָרדישנ פאָטער, וואָס האַלט באַמ אָנזעצנ אונ פאַרלירנ דאָס לעצטע ביסל קאָוועד אונ אָרנטלעכקײַט.

אָבער ניט בלויז אינ דער דאָזיקער דעמאַסקירנדיקער אידייענ־ליניע, וואָס גייט דורכ דורכנ סוזשעט, ליגט דער איקער פונ בערגעלסאָנס ראָמאַנ וועגנ מירלענ. מירלס דראַמאַטיק באַשטייט ניט נאָר אינ דעמ,

וואָס מע וויל זי צווינגענ נעמענ פונעמ לעבנ אזוינס, וואָס זי וויל ניט, איר דראמאטיק באַשטייט אינ דעמ באַוווסטזײַנ, אז אזא לעבנ, ווי מע לייגט איר פאָר, טויג ביכלאל ניט, אז אזא לעבנ באַטײַט טויט, ווי עס ווערט דערציילט אינ הערצס מײַסעלע וועגנ דער טויטער שטאָט. אזא לעבנ טייט אוועק פריִער פאר אלצ אלדאָס מענטשלעכע, אלדאָס מאָראלע אונ עסטעטישע, וואָס זי, מירל, טראָגט אינ נעשאָמע, אינ הארצ אונ באַוווסטזײַנ.

די דראמע פונ מענטשלעכנ באַוווסטזײַנ — דאָס איז דאָס וויכטיקע אונ נײַע, וואָס בערגעלסאָנ האָט ארײַנגעטראָגנ אינ זײַנ ראָמאנ, ווו ער האָט אפ א נײַעמ, בארײַכערטנ, פארטיפערטנ אויפנ פאָרגעזעצט די ליניע פונ דער געזעלשאפט־קריטיק. אינ דער געשטאלט פונעמ טויבנ האָט בערגעלסאָנ געקאָנט נאָר באַווײַזנ דעמ באַליידיקטנ, פארשוועכטנ מענטשלעכנ בונטארישנ געוויסנ. די קליינלעכע ביינעש רובינשטיינ אונ קלארע פונ „ארומ וואָקזאל" האָבנ שוינ געלאָזט צעטרעטנ זייער געוויסנ אפילע צוזאמענ מיט זייער אומצופרידנקײַט. נאָר אינ מירלענ פונ „נאָכ אלעמענ" האָט דער שרײַבער צומ ערשטנ מאָל מיט דער פולער פראָטעסטירנדיקער קראפט געלאָזט אופשײַנענ די פראגע פונ מענטשלעכנ באַוווסטזײַנ, די פראגע פונעמ מענטשנ, וואָס זײַנ טיפער אונ שארפער מאָראלישער זעלבסטבאַוווסטזײַנ ברענגט אימ צומ טראַגישנ קאָנפליקט מיט אלדעמ ארומיקנ אינערטנ, פוילנ אונ טייטנדיקנ.

אינ זײַנ ראָמאנ האָט בערגעלסאָנ באַשאפנ א גרויסע וועלט פונ פארשיידענע מענטשנ, געפילנ, אידייענ אונ צווישנבאַציִונגענ. אײַנטיילנדיק באַשײַמפערלעכ זײַנע פערסאָנאזשנ אפ געוויסע דיפערענצירטע גרופנ, קלאסנ אונ שיכטנ, האָט בערגעלסאָנ אפילע אינ די רוימענ פונ איינ איינהײַטלעכער גרופע, אינ די רוימענ, לאָמיר זאָגנ, פונ דער אינטעליגענטישער גרופע געפונענ איבערגענג, סאָציִאלע שאטירונגענ, וואָס טיילנ אָפּ מענטשנ אונ כאראקטערנ לויט דער איקערדיקער ריכט־ליניע פונעמ ווערק, לויט זייער באַציִונג צו דער הערשנדיקער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג, צומ קאמפ פאר מענטשלעכער ווירדע, פאר מענטשלעכער גײַסטיקער בארײַכערונג.

אינ דעמ אינטעליגענטישנ קרײַז, אשטייגער, וואָס רינגלט ארומ מירלענ, זײַנענ, אייגנטלעכ, פאראנ דרײַ קאטעגאָריעס מענטשנ, אויב אויסשליסנ, זעלבסטפארשטענדלעכ, פונעמ קרײַז נאָסנ העלערנ אונ מאָנטשיקנ, וואָס האָבנדיק אזא נאָענטע שײַכעס צו מירלענ, געהערנ זיי דאָכ, פונקט ווי זײַדענאָווסקי אונ וועלוול בורנעס, צומ בורזשואזנ

פליגל פון דער געזעלשאפט. אָבער דער פּראָוויזאָר סאפיאן, דער סטודענט ליפקים, די לערערן פּאָליע צי דער סטודענט דער לערער בא די בורנעסעם זײַנען דאָך אויך שטארק אָפּגעשיידט פון מירלען מיט איר לעבנס־וועג. די אלע זײַנען ניט גאָר סימפּאטיש ניט דעם שרײַבער, ניט זײַן מירלען טאקע דערפאר, ווײַל זיי זײַנען אין טאָג באַלעבעסל־דיק־נייטראל צו די אלע פראגן, וואָס פּײַניקן מירלס לעבן און גײַסט.

בלײַבן, הייסט עס, פון דער גרופּע נאָר דרײַען: די אקושאָרקע שאַצ, הערצ און אליין מירל — טײלט זיי אויך אָפּ דער שרײַבער איינעם פונעם אנדערן מיט כאראקטער־שטריכן, וואָס זײַנען פארבונדן מיט זייער לעבנס־דערפארונג און לעבנס־אָנשויונגען. אָפּ טריט און שריט שטרײַכט אונטער בערגעלסאָן די איראָנישע באַציונג צום לעבן פון דער אקושאָרקע און פונעם העברעיִשן שרײַבער. „איר שטעלט אײַך פאָר, שאַצ? — ווײַל מירל זאָגן דער אקושאָרקע, — מיט אַן איראָנישן שמייכל אפ די ליפּן וועט מען אײַך סאָפּקאָלסאָפּ אין קייווער ארײַנ־לייגן". און וועגן הערצן דערציילט אליין שאַצ: „ס'איז אים שוין, זאָגט ער, גאָרנישט ניט געבליבן כוץ דעם שמייכלענדיקן שווײַגן". און נאָכ: „צווישן די שווייצארישע פארשטיינערט־שווײַגנדיקע בערג און שטילע אָזערעס שטארקט זיך אין אים די איבערצײַגונג, אז מענטשן וועלן סאָפּקאָלסאָפּ צו טומלען אופהערן און וועלן מיט איינעם און דעם זעלבן שמייכל דעם טויט מיטן לעבן באַגעגענען".

פון דעם דאָזיקן „שמייכלענדיקן" גלײַכגילט צו לעבן און טויט קומט דאָך אופ בא הערצן זײַן מײַסעלע וועגן דעם „פארשלייערטן טאָעם". פון דעם דאָזיקן מײַסעלע וועגן דער „טויטער שטאָט" ציִען זיך געוויסע פעדעם צו דער „טייטנדיקער וועלט", וואָס אין בערגעל־סאָנס שפּעטערדיקן „אָפּגאנג", אָט אזוי ווי פון הערצן ציִען זיך, אזוי צי אנדערש, געוויסע פעדעם צו מיילעכן און כאזים־מוישען — די הויפּט־געשטאלטן פון „אָפּגאנג". בינדט זיך דען אָבער די דאָזיקע „איראָנישע" באַרוִקטקײַט מיט מירלס כאראקטער, מיט אירע ברויזנ־דיק־פּײַנפולע איבערלעבונגען? צי דען שטימט אָט דער דאָזיקער אי־ראָנישער גלײַכגילט מיט מירלס אומרו, מיט איר אין טאָג בונטארישן גײַסט, וואָס זוכט דעם איקער אין לעבן, גרײַזט און האָט כאראָטע און טראָגט אין זיך א גרויסע שטאָלצע פּאראקשנטקײַט? די דאָזיקע פּאר־אקשנטקײַט באַמערקט אין איר אפילע איינער א זײַטיקער מענטש, דער סטודענט בא די בורנעסעם אין שטוב, וואָס שאַצט זי אָפּ, ווי א מענטשן, וואָס „האָט פיל איבערגעליטן און איז נאָך אלץ געבליבן אין

עפּעס פאַראַקשנט און רעכנט זיך ניט מיט קיינעם''. און אַליין מירל טראַכט אויך וועגן איר פאַראַקשנטקייט:

„גייענדיק אַהין איינע אַליין מיט דער גאַס, וואָס אַרויף דעם שטעטל, האָט זי געדענקט, אַז זי איז עלנט און איז דאָך עפּעס ווי פאַראַקשנט אין אָט דער עלנטקייט און באַדאַרף איצט נישט קיינעם, קיינעם, אַז פון צײַט צו צײַט קלערט זי נאָך, אַז אין איר לעבן פעלט אַן „איקער''. וועגן דעם דאָזיקן „איקער'' רעדט מירל באַ בערגעלסאָנען און טראַכט שטענ־דיק באַ פאַרשיידענע געלעגנהייטן. מירל דערפילט דעם ווייטעק פון איר ניט פאַרווירקלעכטן ליבע־געפיל. און ווען מע צווינגט זי כאַסענע האָבן פאַרן רײַכן שמוליק זײַדענאָווסקי, טראַכט זי: „מעגלעך, אַז איר וועט שוין קיין קויעך ניט בלײַבן אָט די כאַסענע נישט צו דער־לאָזן''. גראָד אין דער רעגע „פילט זי נאָך אַזאַ שטאַרקע בענקשאַפט נאָך ליבע'', און פונדעסטוועגן קומט איר אַפן רײַען, אַז עס זײַנען פאַראַן מענטשן, וואָס „ווייסן שוין, דוכט זיך, פון אַ לאַנגער צײַט, אַז ליבע איז ניט דער איקער. יעדערער פאַר זיך ווייסט דאָס און זאָגט נישט אויס. און דאָך דער איקער אַליין — ווו איז ער? עפּשער איז פאָרט פאַ־ראַן אַזאַ ווינקל אין לעבן, ווו מע קען וועגן אים אַ פּאָר ווערטער הערן?''

בעשאַס שמוליק זײַדענאָווסקי האָט מאַסקים געווען זי באַפרײַען, איר געבן געט, אין דער רעגע, ווען זי פילט, אַז „די נאַכט האָט פּלו־צעם אַ בליץ דורכגעלאָזט'', האָט זי „דערזען אַפן האָריזאָנט, — דערציילט בערגעלסאָן, — דאָס וויכטיקע און נײַע אין לעבן, וואָס זי זוכט''. „אַ קליינינקייט, דוכט זיך, סאַכאַקל איינע קליינינקייט באַדאַרף זי נאָך איצט מיטן מויעך און מיט די געפילן אָנכאַפּן, און איר וועט ווערן קלאָר דער איקער פון איר לעבן, וואָס זי זוכט אים שוין אַזוי לאַנג, פון קליינערהייט אָן''.

און טאַקע דערפאַר איז מירלען שווער געווען שפּעטער אַ ביסל מיטיילן מאַנטשיקן די מיינונג, וואָס אירער אַ „באַקאַנטער'' — הערצן מיינט זי — האָט אַרויסגעזאָגט וועגן איר: „איך אַליין, זאָגט אָט דער באַקאַנטער מײַנער, בין גאָרנישט און וועל אין ערגעץ נישט אָנ־קומען. דער איקער, זאָגט ער, זײַנען די, וואָס וועלן קומען נאָך מיר''. אוואַדע איז מירלען ווייטעקדיק געווען מאַסקים זײַן מיט הערצן, אַז זי איז „נישט מער ווי אַן איבערגאַנגס־פּונקט'', אַז זי דאַרף זיך אָפּזאָגן פונעם פּײַנלעך־געזוכטן „איקער'', איבערלאָזן אים פאַר די קומענדיקע דורות און אַליין, אייגנטלעך, ווערן אָפּהענטיק־איראָניש, שמייכלענ־דיק־פּאַסיוו, ווי ער, דער העברעיִשער דיכטער הערץ.

פון דעם אַלעם איז צו זען, אַז מירל איז אין די גרענעצן פון איר זעלבסטבאַוווסטזיין אַ לײַדנשאַפטלעך־זוכערישע נאַטור, זי פּאַרמאָגט אַ כאַראַקטער, וואָס לאָזט זי ניט גיין אויף קאָמפּראָמיסן אין לעבן, דאָס לעבן, הייסט דאָס, קאָן זי צעברעכן, אָבער ניט אײַנברעכן. גראָד מיט דעם איז זי דאָך טײַער, מירל, וואָס זי זאָגט זיך ניט אָפּ פונעם „איי־קער", ניט וויסנדיק אַפילו, ווו צו זוכן אים. מיט דעם פּירט זי בער־געלסאָן אַרײַן אין דער רײַכער גאַלעריי פון די פרויען־געשטאַלטן, וואָס די קלאַסישע רוסישע און אייראָפּעיִשע ליטעראַטור האָט באַ־שאַפן. אויסגעפינענע די עטישע און עסטעטישע אָנווענדונג פונעם ליי־בע־געפיל, אַרײַנפירן דעם דאָזיקן אינטימען פּסיכאָלאָגישן געפילן־אויסדרוק אין קאָנטעקסט פון סאָציאַלע און היסטאָרישע פּראָצעסן — דאָס איז דאָס, וואָס פאַרבינדט די מירל־שילדערונג מיטן אופן פון שיל־דערן די געשטאַלטן, וועגן וועלכע פלעכאַנאָוו האָט געשריבן: „די פּסיכאָלאָגיע פון די אָנטיילנעמער אין אַ קינסטלערישן ווערק באַקומט אין אונדזערע אויגן אַ גוואַלדיקע וויכטיקײַט, ווײַל דאָס איז די פּסי־כאָלאָגיע פון גאַנצע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן אָדער, לעפּאָכעס, שיכטן, און פונדאַנען איז געדרונגען, אַז די פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין געשאָמע פון באַזונדערע מענטשן, זײַנען אַן אָפּשפּיגלונג פון היסטאָ־רישער באַוועגונג".

אין איינער פון די שווערסטע מינוטן פון איר לעבנס־וועג לייענט מירל אַ בוך וועגן „דער פרוי אין אַלע צײַטן". עס כאַלעמען זיך איר דערנאָך פרויען פון מיטלאַלטער, זי הערט, ווי מע שרײַט: „די פרוי איז אַ מענטש צי ניין?" די דאָזיקע פראַגע פּלאָנטערט זי מיט די פאַר־שווינען פון איר אייגענערווירקלעכקײַט, מיט די געשטאַלטן פון איר שוויגער, פון מיריאַם ליובאָשיץ, וואָס זײַנען טאַקע קיין מענטשן ניט, ווי דער שרײַבער מיינט צו זאָגן, און געהערן דעם מיטלאַלטער. און פון אָט דעם קליינעם עפּיזאָד אַפילו טרעט אַרויס די מירל־פיגור, באַ־שײַנט מיט דער געזעלשאַפטלעכער שײַן פון צײַטן און דווירעס, אַ פי־גור, וואָס שלאָגט זיך מיט אירע אייגענע מיטלען קעגן די געשיכט־לעכע פאַרשקלאַפנדיקע פאָרורטיילן און אָנשיכטונגען אפן וועג צו איר מענטשלעכער באַפרײַונג און באַרײַכערונג.

די סאָציאַלע אַנטבלויזונג פון די געשילדערטע בורזשואזע פיגורן גייט ניט אומזיסט באַ בערגעלסאָנען לויט דער ליניע פון זייערע באַ־ציונגען צו מירלס לעבנס־גורל, צו אירע טרוימען, געדאַנקען און אָר־פּירונגען. לויט דער דאָזיקער ליניע גייען דאָך אַפילו מירלס באַציונ־גען צו אירע אייגענע פאָטער און מוטער, די באַציונגען, וואָס העלפן

אנטפּלעקן זייער יאָרדישקייט און קליינלעכקייט. וואָרעם אויב בערגעלסאָן האָט אין א געוויסן פּראט פּאַרווייכערט זײַן קריטיק. בע־נעגייע צו גערדאַליע הורוויצן — אָן קיין שום אידעאַליזיר־מאָמענטן, וועלכע מע האָט אים שפּעטער געפּרוּווט אָנבינדן, — בלײַבן דאָך באַם שרײַבער מירלס באַציִונגען צו אירע עלטערן ווי באַציִונגען, וואָס שטייען פּולשטענדיק אָפּ דער הייך פון איר שטרענג דורכגעמאַכטן פּראָטעסטירנדיקן לעבנס־גאַנג.

נישטאָ בא בערגעלסאָנען אינעם ראָמאַן קיין באַזונדערע באַווײַזן פון גײַסטיקער און אַפילע שטייגערישער פּאַרבונדנקייט צווישן מיר־לען און איר טאַטע־מאַמע, צווישן מירלען און איר שטוב און היים. גערדאַליע הורוויצעס געוויסנהאַפטע באַגיינג זיך מיט שטעטלשע יידן, הענדלער און קרעדיטאָרן רופט זיך ניט אָפּ אָפּ מירלס שווערע איבער־לעבונגען, פון וועלכע ער, דער טאַטע אירער, ווייסט ניט און וויל, אַפּאָנעם, ניט וויסן. אין איינעם א מאָמענט, ווען מירל קאָן שוין מער ניט דולדן איר כאָסן דעם גאַסט, שמוליק זײַדענאָווסקין, און וויל אים אָפּגעבן די טנאָים, פּאַרפירט מיט איר גערדאַליע הורוויץ אַן עכט־טאַ־טישן געשפּרעך. ער פרעגט בא איר: „וואָס וויל זי, זי קאָן זאָגן, וואָס זי וויל?״ ער וואָרנט זי, אַז ס׳איז „פּאָשעט א ביזאָיען פאַר דער שטאָט. און נאָך:

„ — עפּשער מיינט זי, אַז די געשעפטן זײַנען האָבן שוין גליקלעך צו גיין אָנגעהויבן? עפּשער קלערט זי, אַז די פּופּציק פּראָצענט, וואָס ער האָט אין קאַשפּעריווקער וואַלד, וועלן אים קלעקן מער, ווי אָפּ אויסצוצאָלן די כויוועס און אָפּצולעבן מיט גרוים בעזשבן א פּאָר שטילע יאָר?״

אָט אזא סאָכריש־אומבעראַכמאָנעסדיק געשפּרעך פּאַרפירט דעמלט מיט זײַן טאָכטער גערדאַליע הורוויץ, וואָס זאָגט איר ווײַטער, לויטן אײַנגעשטעלטן באַלעבעסלדיק־טאַטישן נוסעך: „זיי — ער מיט גי־טעלען, נעמען פון זיך אַראָפּ די אַכרײַעס. זאָל זי טאָן, ווי זי פאַר־שטייט״.

אָפּגערעדט שוין פון מירלס מוטער, גיטעלען, וואָס איז מירלען אין ערגעץ ניט סימפּאַטיש, געפינט דער שרײַבער ניט קיין מעגלעכ־קייט צו געבן ערגעץ־ווו א שילדערונג, ווו גערדאַליע הורוויץ זאָל זיך רעכענען מיט זײַן טאָכטער, ווי א פּאָטער, וואָס באַנעמט איר צאַר און הערט זיך צו אָפּ דעם אָדער יענעם אויפן צו אירע איבערלעבונ־גען און ליידן. בענעגייע צו מירלען איז גערדאַליע הורוויץ בא בער־געלסאָנען א מענטש פון זײַן באַלעבאַטיש־נעגידישן שטאַנד, א מענטש

מיט א געשטעלטן בירגערלעכן כאראקטער, מיט בירגערלעכע אייגנ־אינטערעסן, וואָס דערלויבן אים ניט נאָכגעבן מיטן הארץ די פּײַני־קונגען פון זײַן טאָכטער, איר שטרעבן צו אומאָפּהענגיקער ליבע און גליק...

וויפל מאָל אין פארלויף פונעם ראָמאן שטרײַכט בערגעלסאָן אונ־טער מירלס פארפרעמדטקײַט פון איר אייגענער שטוב און היים, ווי זי איז שטענדיק ניט מער ווי א גאסט, ניט האָבנדיק דאָרט מיט וועמען א וואָרט אויסצורײדן, ניט זײַענדיק דאָרט מיט קיינעם ניט פאַר־קניפּט, אויב ניט אינטים, איז לעפּאָכעס קרוויוויש־הארציק. „אָט האָט זי שוין נישט ליב אים אפילו, דעם טאטן אירן", — טראכט איינמאָל מירל. און נאָך עפּעס טראכט זי:

„דרײַ און צוואנציק יאָר האָט זי אָפּגעלעבט דאָרט אין שטוב.

נישט די שטוב טוט איר באנק און נישט די יאָרן. וואָרעם די יאָרן, וואָס האָט זי דען געקענט מיט זיי טאָן? און די שטוב...

מענטשן, וואָס ווערן געבוירן אין אזוינע שטיבער, קענען ניט לאכן, אָט ווי זי, מירל".

אָט די דאָזיקע מאכשאָווע מירלס איז דען ניט איינצײַטיק קיין שווערער אורטייל איבער געדאליע הורוויצן, איבער זײַן אויסגעצייכנט־געשילדערטער סאָבריש־עגאָיסטישער צעטראָגנקײַט, וואָס לאָזט אים ניט באמערקן דאָס לעבן און די אופאָדערנדיקע פּײַנען פון זײַן אייגן קינד? דערמאָנט מען זיך אָפּ איין רעגע טעוויע דעם מילכיקערס באַ־ציונג צו יעדער איינער פון זײַנע טעכטער, א באציונג, וואָס איז אויפ־געקומען קימאט אין דער זעלבער טקופע, באַ לעערעך די זעלבע פּסי־כאָלאָגיש־שטייגערישע פארהעלטענישן צווישן פאָטער און קינד, ווערט קלאָר דער כאראקטער פון בערגעלסאָנס דעמאסקירונג, וואָס דינט אופ־צודעקן פאַר אונדז דעם מאָראלן טהאָם צווישן דעם פאָלקס־מענטש טעוויען און דעם לאָמדישן סויכער רעב געדאליע...

און דאָס אלץ שטרײַכט נאָך מער אונטער מירלס „פאראקשנטע עלנטקײַט", ווי זי אליין זאָגט, און מאָטיווירט אין דער זעלבער צײַט אירע גרויסע דראמאטישע איבערלעבונגען. דאָס אלץ הייבט נאָך מער דעם ווערט פון דער דאָזיקער פערזענלעכקײַט, וואָס האָט אויסצושטיין פון פארשיידענע זײַטן אין קריג פאַר אירע אויסגעטראָגענע, פארהי־טע מענטשלעכע נעשאָמע־אייגנשאפטן.

אָט דער דאָזיקער קריג קאָן אויך, צו גלייבן, דערקלערן מירלס באַ־ציונג צו וועלוול בורנעסן, א באציונג, וואָס איז ווי סויסער בערגעל־סאָנס דעמאסקירנדיקע אײַנשטעלונג. און בעעמעס: בענעגייע צום דאָ־

זיקן אופגעקומענעם גווירס זון, דעם אייגנטימער און אונטערנעמער וועלוול בורנעס, האָט בערגעלסאָנס מירל פּארהיט היפּשע סימפּאַטישע געפילן. די דאָזיקע סימפּאַטישע געפילן גיט זיך אונטער דעריקער אליין דער שרײַבער, וואָס וויל ניט, אפּאָנעם, דיסקרעדיטירן זײַן העלדן און שענקט דעם דאָזיקן רײַכן יונג אַ געוויסע וואַרעמע אויפ־מערקזאַמקײַט. גראַד אים האָט בערגעלסאָן, מער ווי אַלע אַנדערע מירלס בורזשואַזע פּרעטענדענטן, געשילדערט מיט פאַרבן, וואָס מאַכן אים מענטשלעך און אפילו, אַפּ זײַן אויפן, אינטערעסאַנט.

„טי כאַראַשי!" — שרײַבט אים איינמאָל אַ צעטעלע מירל, וואָס איז גערירט פון וועלוול בורנעסעס מענטשלעכער טרײַהײַט און איבערגעגעבענער ליבע צו איר. און פונדעסטוועגן רעדט זי, מירל, פון זײַנע „נימעסע טאטע־מאמע", און אים אַליין כאַראַקטעריזירט זי איינמאָל: „וועלוול בורנעס — ער איז געווים מער פאַרגרעבט פון אים, שמוליקן, דאָך קיין עקל רופט ער אַלנפאַלס ניט אַרויס". פאַרשטייט זי דאָך, מירל, אַז מע דאַרף אים פאַרגלײַכן מיט שמוליק זײַדענאָווסקי, מיט אַ מענטשן, הייסט דאָס, פון זײַן סאָציאַלן גראַד און ניט מיט עמעצן אַנדערש. איז דאָס טאַקע, צו גלייבן, די הויפּט־סיבע, וואָס מירל קאָן ניט און וויל ניט זיך אָפּגעבן דעם פּרויען־געפיל, וואָס דער דאָזי־קער שיינער איבערגעגעבענער באָכער רופט אַרויס אין איר. זי קאָן עס ניט פּרינציפּיעל, טאַקע דערפאַר, ווײַל זי ווייסט, אַז פונקט ווי שמו־ליק זײַדענאָווסקי און זײַן גלײַכן, וועט ער איר סאָפקאָלסאָפּ ניט פאַר־ענטפערן די פראַגע וועגן „דעם איקער", וואָס זי זוכט אין לעבן.

אָט אַזוי איז בערגעלסאָן אויסן אויך דורך מירלס ווידערשפּרעכ־לעכן געפיל צו וועלוול בורנעסן באַווײַזן איר פאַראַקשנטע אויסגע־האַלטענע פּרינציפּיעלקײַט, וואָס פירט זי צום פאַרשטאַנד, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ לעבן, וועלכן מע דאַרף איבעראַנדערשן, „איבער־מאַכן", ווי מירל זאָגט. אָט אין דעם דאָזיקן געדאַנק, וואָס בערגעל־סאָן האָט אויסגעדריקט דורך מירלס אַן אַרויסזאָגונג, ליגט שוין ניט נאָר מירלס „איקער", נאָר אויך דעם שרײַבערס איקער. דאָס איז די קאָנסעקווענץ פון דעם שרײַבערס אַרויסטריט קעגן דער וועלט פון די טאַראַבײַס און זײַדענאָווסקיס, די קאָנסעקווענץ פון דער הומאַניסטי־שער, פון דער מאָראַלער פּראָבלעם, וואָס פירט אָן מיט דעם שרײַבערס פּען און פירט אָן אין הינטערגרונט אויך מיט מירלס געדאַנקען־גאַנג, מיט אירע טוונגען און זוכענישן.

ס'איז געווען דעמלט, דערציילט בערגעלסאָן, ווען מירל איז נאָך

איר באסענע געקומענ צוגאסט צום קראנקנ פֿאָטער אינ שטעטל. איז זי געגאנגענ, ווי אמאָל צו דער אקושערקע שאצ, געוווּסט, אז דאָרטנ בא גלעזער טיי וואַרטנ אפ איר אלע אירע פֿריִעריקע באקאנטע אונ פֿרײַנט. „נאָר איר, מירלענ, האָט שוינ אלצ איצט אויסגעזעענ אזוי איבעריק אונ נאריש. נאריש איז געווענ דאָס, וואָס פֿאָרנדיק אהער, האָט זי די גאנצע צײַט אפ עמעצנ א האָפֿענונג געהאט. נאריש איז געווענ דאָס, וואָס בא דער אקושערקע אינעם באלויכטענעם גויִשנ שטיבל האָבנ זיך איצט צונויפֿגעקליבנ פּונקט די זעלבע, וואָס האָבנ זיך שוינ אהינ צונויפֿגעקליבנ פֿארצווײַ־יאָרנ. אלע: די אקושערקע, פֿאָליע, סאָפֿיאנ, ליפּקים זײַנענ נישט צופֿרידנ מיטנ לעבנ, נאָר קיינער פֿונ זיי טוט גאָרניט, קעדיי אָט דאָס לעבנ איבערצומאכנ. אונ אפ דער וועלט זײַנענ פֿאראנ פֿיל אזעלכע נישט־צופֿרידענע אקושערקעס, פֿאָליעס, סאפֿיאנס, אונ אלע קומענ זיי זיך איצט אינ אָוונט צונויפֿ אינ באלויכטענע הײַזער, וואָס אינ פֿארשיידענע שטעט, אונ אלע גייענ זיי נאָכדעמ אוועק צו זיך אהיימ אונ טוענ דאָרט ווײַטער דאָס, וואָס זיי האָבנ שוינ געטאָנ נעכטנ, דאָס, וואָס ס'איז שוינ פֿיל מענטשנ פֿאר זיי נימעס געוואָרנ צו טאָנ... ערגעצ מוזנ דאָך איצט, סאָפֿקאָלסאָפֿ, זײַנ אזעלכע, וואָס פּרוּוונ טאָנ עפּעס אנדערש".

קאָנ מענ דענ איבערשאצנ די גוואלדיקע וויכטיקײַט פֿונ דעמ דאָזיקנ לענגערנ אויסצוג, עמעס, דעמ איינציקנ פֿונ דעמ דאָזיקנ ארט, ווו ס'איז דאָ אָבער די גרויסע באזינונג פֿונ דער גאָרער געשיכטע וועגנ מירלענ מיט אירע וואנדלונגענ, פּלאָגנ אונ זוכענישנ. ביפֿראט, אז דאָ, אינ דער דאָזיקער שטעל, איז פֿאראנ נישט נאָר דער אויספֿיר, דער אידיייִשער סאכאקל פֿונ בערגעלסאָנס קינסטלערישנ פֿארמעסט, נאָר אויכ דער וועג, מיט וועלכנ ער ברענגט צום דאָזיקנ אויספֿיר די העלדנ זײַנע, מירלענ. זי, מירל, לעבט דאָך ניט אומיטלבאר אינעמ אידייִשנ קאָנטעקסט פֿונ דער דאָזיקער פּראָבלעמ. אָנגעקומענ איז זי צום דאָזיקנ אויספֿיר דורכ אייגענער לעבנס־דערפֿארונג, מיטנ וועג פֿונ פּערזענלעכע ליידנ, אנטוישונגענ אונ דערוואַרטונגענ.

„פֿארקלערטערהייט האָט זי דענסטמאָל לאנג, לאנג אינ דער האלבנעפּלדיקער ווינטער־ווײַט ארײַנגעקוקט אונ מאָדנע שײַלעס דערבײַ אופֿגעגעבנ:

— ליפּקים, איר הערט, ווי די וועלט שווײַגט?"

אָט די דאָזיקע „מאָדנע" שײַלע ווערט, ווײַזט אויס, ניט גאָר מאָדנע באמ שײַנ פֿונ מירלס נאָרוואָס געבראכטער ארויסזאָגונג: די וועלט, וואָס שווײַגט, האָט אוואדע א שײַכעס צו דער בערגעלסאָניש־געשיל־

דערטער ארומיקער ווינטערדיק־פארגליווערטער נאטור. אָבער זי פאר־ מאָגט אין דער זעלבער צײַט אויך דעם בערגעלסאָניש־פאראַלגעמיי־ נערנדיקן באַטײַט. דאָס האַנדלט זיך וועגן דער וועלט פון די „נישט צופרידענע", וואָס מירל רעדט וועגן זיי. דאָס האַנדלט זיך וועגן א וועלט, וואָס טוט גאָרנישט, „קעדיי אָט דאָס לעבן איבערצומאַכן". אין דעם און ניט אין עפּעס אַנדערש, ווי מע האָט עס געפּרוּווט אויס־ טײַטשן, ליגט דער הויפּט־זין פון מירלס פראַגע וועגן דער וועלט, וואָס שווײַגט. די דאָזיקע פראַגע פאַרשטייט ניט דעריבער דער באַגרענעצ־ טער ליפּקיס און פרוּווט אָפּווענדן זי מיט א פּערזענלעכן איניען: „נישט קרום וואָלט געוועגן זיך אזוי אינצווייען איבער אָט די פעלדער אוועקלאָזן", — ענטפערט איר ליפּקיס, ארויסזאָגנדיק אַף אזא אויפן בא א געלעגנהײַט זײַן ליבע־געפיל צו מירלען. אָבער מירל „האָט צו זײַנע ווערטער נישט אָנגעהויבן זיך צוהערן", זי האָט זיך „דאָס אי־ ריקע ווײַטער גערעדט:

— ער שטעלט זיך פאָר, ווי איר איז איצט אלץ פרעמד און אל־ ציינס?

און אין א ווײַלע ארום ווידער וועגן דעם זעלבן:

— ווען מיט איר צוזאַמענן קערט זיך איצט איבער אָט די גאַנצע פארפרוירענע וועלט, וואָלט זי אפילו קיין געשריי ניט געטאָן פון שרעק".

מירל רעדט טאַקע וועגן דעם זעלבן: זי וויל, אז די „פארפרוירענע וועלט", די ש ווײַ ג נ ד י ק ע וועלט, זאָל זיך איבערקערן. מע דאַרף קאָנען נעמען נאָכאַנאַנד אין אכט דעם כאַראַקטער פון בערגעלסאָנס פּאָעטיק אום צו דערזען די ווײַט־גייענדיקע באַטײַטן פון בערגעלסאָנס דאָ אָנגעווענדטער פאראַלגעמיינערנדיקער בילדער־סיסטעם.

„ליפּקיס געפינט נישט דאָס זעלבע, וואָס זי?.. אלע מענטשן זײַ־ נען שוין, אייגנטלעך, צו אלט און צו קלוג אַף ווײַטער צו לעבן. צײַט איז שוין עפּשער, אז אלע זאָלן זיי וואָס גיכער אויסשטאַרבן און אז אַף זייער אָרט זאָלן געבוירן ווערן נײַע".

איז דען ניט קלאָר, אז אפילו אָט דער ביטער־יִיִעשדיקער שפּאַס מירלס, אָט דער פאַראַדאָקס, שטאַמט אויך פונעם קרײַז געדאַנקען וועגן דעם לעבן, וואָס מע דאַרף איבערמאַכן? ס'איז קלאָר, אז דאָס האָט אויך א שײַכעס צום „איקער", וואָס מירל זוכט נאָכאַנאַנד, פאַר־ בינדנדיק די דאָזיקע זוכעניש מיט דער אויסגעשפּראָכענער סינע צו דעם ארומיקן סטאַנדאַרטיזירטן לעבנס־שטייגער, אין וועלכן מירל פילט, און מיט רעכט, איינס פון די מיטלען, וואָס פירן צו דער ניוועַ־

לירונג פונ מענטשנ, זיי פירנ צו דער בורזשואזער אויבנדערמאָנטער „צעשטערונג פונ דער פּערזענלעכקייט״...

די דאָזיקע סינע דריקט אויס מירל איבערצייגנדיק שטארק גראָד אינ דעמ אויסצוג, וואָס רעדט וועגנ איבערמאכנ די וועלט, ווו מירל רעדט אויכ וועגנ די, וואָס „קומענ זיכ אינ אָוונט צונויפ אינ באַלויב־טענע הייזער, וואָס אינ פארשיידענע שטעט, אונ אַלע גייענ זיי נאָכ־דעמ אוועק צו זיכ אהיימ אונ טוענ דאָרט ווייטער דאָס, וואָס זיי האָבנ שוינ געטאָנ נעכטנ, דאָס, וואָס ס׳איז שוינ פיל מענטשנ פאר זיי ני־מעמ געוואָרנ צו טאָנ״...

די דאָזיקע סינע צומ סטאנדארטיזירטנ לעבנ וואריִרט דאָכ בער־געלסאָנס מירל אפּ פארשיידענע אויפאנימ, וועגנ וועלכע ס׳איז קעדייִ א רעד טאָנ לענגער אונ אויספירלעכער.

3

אינ 1890 יאָר האָט שאָלעמ־אַלייכעמ אינ א בריוו צו מענדעלע מויכער־ספאָרימ געשריבנ:

„מיינ טייערער געטרייער, הארציקער זיידע לעבנ! זייט וויסנ, אז איכ מיט מיינ ווייב קלייבנ זיכ מירצעשעמ היינטיקנ זומער צו פאָרנ קיינ אָדעס ווי ג ע וו יי נ ט ל ע כ. ארויספאָרנ וועלנ מיר אינ דער ג ע־וו יי נ ט ל ע כ ע ר צייט אונ פארפאָרנ אפּ דער ג ע וו יי נ ט ל ע כ ע ר סטאנציע אונ שטיינ א ג ע וו יי נ ט ל ע כ ע צאָל טעג. זיצנ זיצנ מיר לעסאטעס דאָ אפּ דער ג ע וו יי נ ט ל ע כ ע ר דאטשע אונ זיינענ פאר־נומענ מיט ג ע וו יי נ ט ל ע כ ע ר ארבעט. די געשעפטנ גייענ ווי ג ע־וו יי נ ט ל ע כ, די דריטע ביבליאָטעק וועט מיסטאמע אויכ ארויסגיינ אינ דער ג ע וו יי נ ט ל ע כ ע ר צייט מיטנ ג ע וו יי נ ט ל ע כ נ מאטע־ריאל. קיינ בריוו פונ אייכ האָב איכ ניט ווי ג ע וו יי נ ט ל ע כ. אונ רעכנ, אז געוויס איז אייכ אפנ הארצנ ווי ג ע וו יי נ ט ל ע כ... מאכ־מעמ מיר איז אויכ שטארק אָנגעזאָלעט די לעצטע צייט, עפּעס ווי איכ וואָלט געהאלטנ בא אוועקגיינ פונ דער וועלט, כ׳לעבנ. נאָר מיסטאמע וועלנ מיר דאָכ אַלע שטארבנ אינ דער ג ע וו יי נ ט ל ע כ ע ר צייט. זייט זשע מיר געזונט, גריסט אייער הויזגעזינד אונ אַלע אונדזערע ג ע וו יי נ ט ל ע כ ע פריינט אונ שרייבט ענטפער. אייער פארזאָרגט איייניקל שאָלעמ־אַלייכעמ״.

ווי אַלצ, וואָס איז ארויס פונ אונטער שאָלעמ־אַלייכעמס געניאַלער פען, שטעלט אויכ פאָר דער דאָזיקער בריוו מער ווי „געוויינטלעכע״ שפּאס אונ שמייכל. אינ דעמ דאָזיקנ בריוו האָט דער גרויסער פאָלקס־

שרײַבער מיט העכער צוואַנציק יאָר פאָר „נאָך אַלעמען" דערלאַנגט די האַנט דעם קומענדיקן שעפער פון דער מירל־געשטאַלט, אַז אַן אייגנאַרטיקן אויפן אויפגעדעקט די טראַגיק פונעם סטאַנדאַרטיזירטן לעבנס־שטייגער, וואָס נעמט אָפּ יעדע שעפערישע איניציאַטיוו באַם מענטשן, באַגרענעצט אַלע זײַנע מעגלעכקײַטן און פאַרלאַנגען. אָט דער דאָזיקער שאָלעם־אַליכעמיש־אונטערגעשטרײַכטער „ווי געוויינט־לעך" הילכט אין מירלס צאַר און באַדויער איבער די אַלע, וואָס טוען אין לעבן דאָס, וואָס זיי האָבן געטאָן נעכטן, דאָס, וואָס זיי וועלן טאָן מאָרגן. אָט ווי ער הילכט אין מירלס פרוער ציטירטער פאַרבײַ־גייענדיקער רעפּליק: „איז זי געפּאָרן אין קרײַז־שטאָט און גענומען לערנען דאָס, וואָס אַלע"...

אין בערגעלסאָנס מירלען האָט שאָלעם־אַליכעמס ביטערער איראָ־נישער בריוו געפונען זײַן קינסטלערישע פאַרקערפּערונג. בערגעלסאָנס ראָמאַן באַווײַזט בעכוש, ווי די געוויסנהאַפטע פּערזענלעכקײַט שלאָגט זיך ביטער מיט דער ניוועלירנדיקער קראַפט פון די בורזשואַזע לעבנס־אײַנאָרדנער, מיט דעם האָפענונגסלאָזן „ווי געוויינטלעך" פון דער באַלעבאַטיש־אייגנטימערישער ווירקלעכקײַט. נאָך מירלס כאַסענע מיט שמוליק זײַדענאָווסקי — דערציילט בערגעלסאָן אַפּ זײַן אַנטבלויזנ־דיקן שטייגער — זיצט די פאַרומערטע מירל און זעט, ווי די שוויגער „שטעקט אַרוים דעם קאָפּ דורך אַן אָפּגערוקטן פענצטער און שרײַט:

— מירעלע, דעם האַלבן פונט טיי... האָסט געלײגט אַ האַלבן פונט טיי, פאַרוואָס האָסטו נישט אין זינען אָפּצושיקן?

נישט אין האַלבן פונט טיי גייט איר, דער שטאַרק רײַכער ייִדענע, נאָר ס׳פאַרדריסט זי, און זי וויל זי אויסלערנען:

— אַ ווײַבל באַדאַרף איין מאָל פאַר אַלע מאָל געדענקען, אַז מ׳אַנטלײַט, מוז מען אין זינען האָבן אָפּצוגעבן.

מירל ענטפערט ניט, — דערציילט דער שרײַבער, — די שוויגער איז איר מיאוס". הערט זי זיך אײַן אינעם גערויש פון אַ לויפנדיקער פור, און ס׳דוכט זיך איר: „נישט קיין רעדער קלאַפּן דאָרט, נאָר אַ טרוקענער באַסקאָל האַלט זיך דאָרט אין איין כאַזערן:

— מאָרגן וועט דאָס זעלבע פאָרקומען... איבערמאָרגן וועט דאָס זעלבע פאָרקומען".

דאָס איז דאָך ער, דער שאָלעם־אַליכעמישער „ווי געוויינטלעך", וואָס ווערט פאַרוואַנדלט בא בערגעלסאָנען אין אַ „באַסקאָל", לאָזט מירלען ניט רוען און ברענגט זי שפּעטער שיר ניט צום גרויליקן גע־דאַנק, אַז פאַרפאַלן, מע קען זיך שוין קיינמאָל פון דעם נישט ראַטע־

וועג. געוועג איז דאָס דאָג, ווען מירל האָט באַשלאָסן געטן זיך מיט שמוליקן, און דאָך דערציילט זי נאָכן העלערן:

„ס'איז גענוג, זי, מירל, זאָל שמוליקן אייגן וואָרט זאָגן, און ער וועט איר באַלד געבן געט. ס'איז מער נישט:

— מיט אָנדערהאַלבן כאַדאָשים צוריק האָט זי אַזוי קלאָר געוווּסט, צוליב וואָס זי באַדאַרף דעם געט האָבן, און איצט ליגט זי און טראַכט וועגן די מײַסים, וואָס זי האָט ביז הײַנטיקן טאָג אָפּגעטאָן:

אַלץ, וואָס זי האָט ביז הײַנטיקן טאָג אָפּגעטאָן, איז געווען נישט פון אייגענעם ווילן, נאָר מאַכמעס נײַגעריקײַט און ראַכמאָנעס.

זי אַליין האָט אַזוי ווינציק פון איר לעבן האַנאָע געהאַט, זי וואָלט בעעצעם איצט געמעגט אַלט זײַן אַכצן יאָר, נאָר ווען זי וואָלט איצט בעעמעס אַכצן יאָר אַלט געווען, וואָלט איר דאָך קיין נײַער שריט אין לעבן נישט פאַרגעשטאַנען, און איר וואָלט ווידעראַמאָל געבליבן נישט מער, ווי ראַכמאָנעס האָבן אַף איר פאָטער און אַף זיך, און כאַסענע האָבן נאָכאַמאָל מיט שמוליקן, זיך מיט אים געטן און ווידער ליגן און טראַכטן:

— נו, גוט: זי האָט זיך שוין מיט אים גענעט. און וואָס וועט זי טאָן ווײַטער?"

מיט יעדן וואָרט און שורע באַווײַזט דאָ מירל, ווי טיף, שנײַדנדיק זיך אַליין ביז אין ביין אַרײַן, באַנעמט זי דעם אומבעראַכמאָנעסדיקן דעסטרוקטיווען כאַראַקטער פון דעם פאַרקלאַמערנדיקן אייגנטימערישן לעבנס־שטייגער, וואָס האָט בײַ איר אָפּגערויבט איר אייגענעם ווילן, איר פּערזענלעכע פרײַהײַט.

נאָך פרײַער, בעשאַס נאָכן העלער האָט אין מירלען דערוועקט ליבע־געפילן, דערציילט בערגעלסאָן, אַז:

„אין די שטילע פרילינגס־אָוונטן איז זי געזעסן מיט אים אַפן היפּשן בערגל, וואָס אַרום דעם שטאָטישן דאָרף, געהאַלטן דעם קאָפּ אַף זײַן אַקסל און אומעטיק געהערט, ווי ער כאַזערט איבער דאָס זעלבע, וואָס ער האָט שוין איבערגעכאַזערט נעכטן און אייערנעכטן.

— וועט זי זיך מיט איר כאַסנע וועלוול בורנעס פאַנאַנדערגיין, און ער וועט דעם פּאָליטעכניקום ענדיקן, וועט אַן אינזשעניער אין אַ ווײַטער פאַבריק ווערן און וועט דאָרטן מיט איר, מירלען, אײַנײַנעם אין אַ פאַרוואַקסן שטיבל וווינען.

נאָר איינמאָל אין שפּעטן פרילינג—בײַן־האַשמאָשעס האָט זיך איר, מירלען, אַזוי קלאָר פאָרגעשטעלט, ווי אין צוויי יאָר אַרום נאָך דער כאַסענע מיט העלערן ליגט זי נאָך דער פאַרנאַכטיקער טיי אַפן די־

וואַנ, וואָס אינ יענעמ פאַרוואַקסענעמ פאַבריק־שטיבל, ליגט דאָרט אײנע אלײנ אונ טראַכט גלײַכגילטיק אונ אָנ א שומ ווילנ אינ האַרצ:

— ער... נאָסנ... ער האָט זיכ שוינ אזויפיל מאָל פונ דער פאַבריק אהײמ אפ נאַכטלעגער אומגעקערט... געווים וועט ער הײַנט אויכ אהײמ קומענ''.

ס'איז וויכטיק צו באַמערקנ, אז בא די בײדע געשפּרעכנ פונ מירלענ מיט העלערנ געפינט זיכ מירל אינ אײנער אונ דער זעלבער לאַגע. אינ אײנ געשפּרעכ נאָר האַנדלט זיכ וועגנ אָפּשיקנ די טנאָימ, באַפרײַענ זיכ, הײסט דאָס, פונ וועלוול בורנעסנ, אונ אינעמ צווײטנ — וועגנ פאָטער ווערנ פונ שמוליק זײַדענאָווסקינ. ווי מערקווירדיק דער שרײַבער באַווײַזט מיט דעמ גופע די אומפאַרמײַדלעכע קימאַט פאַטאַלע איבערכאַזערונגענ אינ מירלס לעבנ. ניט אומזיסט גײט בא איר אזוי ווײַט די סינע אונ די מוירע פאַרנ „ווי געווײנטלעכ'', וואָס מירל געפינט אויס אפ טריט אונ שריט, אפילע אינ העלערס רײד, וואָס ער האָט, באַמערקט מירל, „איבערגעכאַזערט שוינ נעכטנ אונ אײערנעכטנ''. דאָס איז מירלס מוירע פאַר דער באַנאַליטעט, פאַר דער באַלעבאַטישער פיליסטערישער אויסקומעניש, וואָס ווערט איר שרעקבילד, איר אידײע־פיקס.

אינ סאַמע פרײלעכנ געטומל פונ אירע טנאָימ מיט זײַדענאָווסקינ טראַכט מירל ווידעראַמאָל אפ דעמ זעלביקנ אויפנ. דאָס מאָל טראַכט זי שוינ וועגנ זיכ מיט שמוליקנ: זי שטעלט זיכ פאָר די גאַס, די שטאָט, ווו זײ וועלנ וווינענ:

„ — ערגעצ וועלנ זײ שוינ דאָרט אינ א זומער־פאַרנאַכט אזוי אינצווײיענ גײנ, גײנ פאַמעלעכ אונ נישט האָבנ וועגנ וואָס צו רײדנ, זיכ אומקערנ אהײמ אונ דאָרט ווידער נישט האָבנ וועגנ וואָס צו רײדנ.

שטאַרק גוט אפנ האַרצנ וועט שוינ נישט זײַנ סײַ פונ אָט דעמ פאַרנאַכטיקנ שפּאַציר סײַ פונעמ אומקערנ זיכ אהײמ''.

נישט דער זעלבער געדאַנקענ־גאַנג איז דאָס דענ, וואָס פרוּװט, בײמ איר געשפּרעכ מיט העלערנ? „אונ נאָכדעמ? נאָכ דער כאַסענע?''— פײַניקט זיכ מירל נאָכאַנאַנד אונ שטײט צו מיט דער דאָזיקער פראַגע אי צו נאָסנ העלערנ, אי צו שמוליק זײַדענאָווסקינ, אי צו זיכ אלײנ. מאַמעש לײטמאָטיוויש קלינגט די דאָזיקע טעמע פונ „וואָס וועט זײַנ נאָכדעמ'' בא בערגעלסאָנס העלדנ. מירלס געשטאַלט, גאָר איר לעבנ דריקט אויס באַמ שרײַבער לײַדנשאַפטלעכנ פּראָטעסט, נעשאָמעדיקע בינטאַרישקײַט, ווײטעקפולנ געדאַנקלעכנ אופשטאַנד קעגנ דער געזעלשאַפט, וואָס אווטאָמאַטיזירט די פערזענלעכקײַט, נעמט בא איר אָפּ

יעדער מעגלעכקייט פון זעלבשטענדיקן וווּקס און אנטוויק־
לונג.

מירל איז א שיינע פרוי. אז זי איז געשטאנענע אין דרויסן נעבן די טרעפלעך פון איר פאראד־טיר, „האבן אלע פארבייפארנדיקע געדרייט אהער די קעפ און פון איר די אויגן נישט געקאנט אפרייסן, און אלע האבן זיך געפילט אזוי מאדנע, גלייך זיי וואלטן נאך קיינמאל נישט געזינדיקט, און זי וואלט זיי יארנלאנג, ווי אן אומבאקאנטע קאלע, צו כאלעם געקומען". אט אזוי, אף זיין פאעטיש־לירישן אויפן, רעדט בערגעלסאן א זעקס, זיבן מאל וועגן מירלס שיינקייט, ניט אפרייסנ־דיק קיינמאל איר פיזישע שיינקייט פון דער גייסט־שיינקייט, פון מירלס נעשאמע־איינגנשאפטן, פון איר שטאלצער ווירדיקייט, וואס צווינגט אלעמען באקומען דערעכערעצ פאר איר פונעם ערשטן בליק. אז דער צוגעשיקטער יונגערמאן, וואס איז געקומען ריידן איר דעם שידעך מיט שמוליק זיידענאווסקין, דערזעט זי צום ערשטן מאל, איז ער געווארן אופגערעגט און האט נישט אופגעהערט „שעמעוודיקערהייט צי שמייכלען און צו שטאמלען". „פלוצעם האבן זיך אלע אין כיי־דער מיטאמאל פון די ערטער א הייב געטאן, — דערציילט בערגעל־סאן, שילדערנדיק, ווי מירל איז דערשינענע אינעם צימער, ווו די געקו־מענע גאדלעסדיקע זיידענאווסקים זיינען געזעסן, — דער מעכוטן האט אנעם ראוו פארגעסן און זיך פונדערווייטנס גענומען וועלטלעך נייגן אקעגן מירלען".

מיט דער דאזיקער צווייפאכיקער שיינקייט מירלס דערקלערט דער שרייבער דאס, וואס זי ליבט איין אין זיך, זי פאנגט מאמעש יעדן איינעם פון די יונגעלייט, וואס זי באגעגנט אף איר וועג. וועלוול בור־נעס, ליפקים, נאסן העלער, שמוליק זיידענאווסקי, מאנטשיק און הערצ, און סאפיאנ אפילע — די אלע פילן אף זיך, יעדערער אף זיין אויפן, די קראפט פון מירלס צווייפאכיקן צויבער, וואס דערלויבט, אגעוו, דעם שרייבער נעמען אף זיך די געוואגטקייט צו פארבינדן זיין העלדן מיט אזויפיל „ליבעס". אין פלוג האט דאך אזא צאל ליבעס בא איין פרוי באדארפט שאפן ארום איר א געוויסע ערָאטישע אטמאספער אי־נעם ראמאן. בערגעלסאן האט אבער קינסטלעריש סובלימירט מירלס ליבע־פארהעלטענישן, ארייננגעפלאכטן זיי מערקווירדיק אין דעם אלגע־מיינעם סאציאל־פסיכאלאגישן געפלעכט פון דער האנדלונג, — צייכע־נען זיי און פארשטארקן, אדראבע, מירלס גייסטיקן דראמאטישן לעבנס־וועג. מירלס ליבע־באגעגענישן באטייטן פאר איר א פוסטן פרווו צו געפינען דעם מענטשן, וואס האט א שייכעס צום „איקער" אין

לעבן, א פּרווו צו געפֿינען גליק. מירל שלאָגט זיך פֿאַר דער שיינקייט אין לעבן מיט א געזעלשאַפֿט, וווּ מירלס צווייפּאַכיקע שיינקייט גופֿע ווערט ניט געשאַצט, נאָר אויסגענוצט. די דאָזיקע געזעלשאַפֿט, באַוויזט דער שרייבער, טיילט אָפּ און נוצט עגאָיסטיש אויס דאָס ביזאַלאָגישע און פֿאַרשוועכט דאָס גייסטיקע, דאָס מענטשלעכע און דער־הייבנדיקע, וואָס אין דער שיינקייט.

דער שטראָם פֿון דער געזעלשאַפֿט־קריטיק, וואָס איז געווענדט קעגן די פֿאַרדאַרבער פֿון דער עסטעטיק, איז גרויס אין בערגעלסאָנס „נאָך אַלעמען". אין „דעם טויבנ" און אין „ארום וואָקזאַל" האָט בערגעלסאָן, ווי פֿריער געזאָגט, באַוויזן, ווי די בורזשואזע געזעלשאַפֿט צע־ברעכט דעם געדאַנק און דאָס געפֿיל, ווי זי פֿאַרדאַרבט דאָס עטישע געפֿיל, דאָס געפֿיל פֿון מאָראַל, און דאָ, אין „נאָך אַלעמען", איז צו־געקומען די באַשולדיקונג, אַז די דאָזיקע געזעלשאַפֿט „צעברעכט" אויך דאָס געפֿיל פֿון שיינקייט, זי פֿאַרדאַרבט די עסטעטיק, וואָס איז פֿאַרן שעפֿער פֿון „נאָך אַלעמען" נישט אָפּצוטיילן פֿון דער מענטש־לעכער עטיק.

אין איינעם פֿון די מאָמענטן, ווען מירל פֿילט, אַז אָט־אָט מוז קו־מען איר באַשלוס אונטערגעבן זיך דער דאָזיקער „פֿאַרדאַרבונג" און באַסענע האָבן פֿאַר שמוליק זײַדענאָווסקין, דערציילט בערגעלסאָן וועגן מירלס א מאַכשאָווע, וואָס זי טיילט מיט דער אַקושערקע שאַצ, בא ווענען זי געפֿינט זיך איצט:

„ — אזעלכע מענטשן, ווי זי, מירל... אָדער זיי ווערן זינגערנס אין די שאַנטאַנען, אָדער זיי נעמען זיך דאָס לעבן".

צו אזא שאַרפֿער אומבעראַכמאָנעסדיקער קאָנסעקווענץ דערקלייבט זיך מירלס געדאַנק, ווען זי טראַכט וועגן די מאָראַלע דערנידעריקונגען, וואָס די אַרומיקע געזעלשאַפֿט האָט פֿאַר איר פֿאַרגרייט אין פֿאַל, ווען זי וועט ווידערשפּעניקן אין די בירגערלעכע פֿאַמיליען־געבאָטן. דערביי טוט בערגעלסאָן נישט אומזיסט א שילדער, ווי:

„דער אַקושערקע איז פֿון אָט די ווערטער געוואָרן מאָדנע. זי האָט זיך באַלד באַלעבאַטעווען אין שטוב גענומען און אָנגעהויבן צונויפֿ־זוכן די קליינע נאָזטיכלעך:

— ווי קלערט מירל? ס'וואָלט, דוכט זיך, לאַכלוטן נישט איבעריק געווען, ווען זי, די אַקושערקע אַליין, נעמט זיי איצט, בימבילע, אָט די טיכלעך איבערוואַשן".

דאָ ליגט אָן סאַפֿעק די קראַפֿט פֿון בערגעלסאָנס פּאָעטיק, די קראַפֿט פֿון זײַן שטייגער־דעטאַל, וואָס פֿאַרמאָגט שטענדיק איר באַזונדערן

מײַן, איר גערדאנקלעכן אונטערטעקסט. דאָס אײנ װאָרט „בימכילע״ איז דאָ גענוג אונטערצושטרײַכן די שײַכעס פון מירלס רייד װעגן איר לאגע צו די אומרייגע נאָזטיכלעכ. װאָס די אקושערקע נעמט זיך װאשן פונקט אינ אָט דער רעגע, װעלנדיק, דאכט זיך, מיט דעם נאָר אָפּ־װענדן מירלען פון אירע גרויל־געדאנקען.

„נאָר מירל האָט זיך דעריג ניט אײַנגעהערט, — דערצײילט װײַטער דער שרײַבער, — אונ װידער דאָס אירע איריקע װײַטער גערעדט:

— קענ זי אָבער פאר די שאנטאנ־הײַזער ניט זינגענ אונ ניט לאכן. אונ קעדייי צו באגיינ זעלבסטמאָרד...

דאָ האָט זי, ליגנדיק אינ בעט, איר שלאנקנ אונ בייגיקנ קערפּער אזוי שטארק ארפּגעבויגנ, אז אינ פּאָנעם האָט זיך איר דאָס גאנצע בלוט ארײַנגעגאָסנ, אנטפּלעקט די הענט ביז צו די אקסלענ, זיי פּאַ־מעלעך פונ אלע זײַטנ באטראכט אונ זיי אויך אזוי פּאמעלעך גענומען גלעטנ:

— אזעלכע שיינע הענט... זיי טוענ איר באנק יעדעס מאָל, װאָס איר קומט אוים װעגנ זעלבסטמאָרד צו טראכטנ״.

„װײַ לעהײַ שופּראָ דעבאָלי בעאראָ״ — װיי איז צו דער דאָזיקער שיינקײַט, װאָס פוילט אינ דער ערד. צי איז ניט געקומענ דעם שרײַ־בער אפנ געדאנק די דאָזיקע שיינע טאלמודישע סענטענצ, בעשאס ער האָט געשריבנ די שורעס װעגנ מירלס טיפ מענטשלעכן טראגישן זעלבסטבאדויער? ס׳איז דאָך אלנפאלס קלאָר, אז אינ דער מירל־געשטאלט, אינ איר טיפ דראמאטישן לעבנס־גוירל, האָט דער שעפער פונ „נאָך אלעמענ״ געשטעלט דעם טראָפּ אפ דער אומזיסט פארלאָרנ־געגאנגענער שיינקײַט, אפ דער שיינקײַט, װאָס װערט געלעסטערט אינ די הערשנדיקע בורזשואזע לעבנס־באדינגונגען, פונקט װי ער האָט דעמאסקירט די באציונגענ פונ די דאָזיקע הערשער צו די פראגנ פונ מאָראל אונ מענטשלעכן געװיסן.

„גליק קאָנ מענ געפינענ נאָר בא קאָמי־װאָיאזשאָרנ״, — זײַנענ מאסקימ מיט הערצס געדאנק מירל אונ די אקושערקע, זיי טרייסטן זיך נאָר מיט דעם, װאָס „אליינ די קאָמי־װאָיאזשאָרנ זײַנענ מיט קאָרטנשפּיל פארנומענ, װייסן זיי ניט װעגן זייער גליק״. אָט אזוי גייט די אָפּלייקענונג פונעם הערשנדיקן לעבנס־סיידער בא דעם אינ־טעליגענטישן דרײַלינג: שאצ, הערצ אונ מירל, װאָס זיי האָט דער שרײַבער פארטרויט פאַרשטעלנ יעדערנ אפ זײַנ אויפן די דענקענדיקע געװיסנהאפטע אינטעליגענצ, װעלכע איז איבער דער אָדער יענער כיבע נישט געװענ מעסוגל צו זײַנ פארבונדנ מיטנ ריכטיקנ באזינען

די אַרומיקע בורזשואַזע ווירקלעכקייט און האָבן זיך אומגעטראָגן דע־ריבער מיט יערידע־שטימונגען.

מירל דערגייט ביז אַפּצולייקענען די ליטעראַטור־געברויכער פון יענער צייט. און אויב ביינעש רובינשטיין פון „אַרום וואָקזאַל" רעדט וועגן העכטן, וואָס האָט אופגעהערט לייענען ביכער, דערציילט שוין מירל וועגן די לייענער, וואָס דאָס לייענען גופא איז זיי שוין אומנוצ־לעך. מירל דערציילט: „אין איינעם אַ ווינטערדיקן פרייטיק־צונאַכטס האָט זיך פאַר איר זייער דינסטמיידל געקלאָגט:

— ווי וועט זי דאָס אָן יאָדערן איינע אַליין ביז עלף אַזייגער אויס־זיצן. מעשוגע וועט זי דאָך ווערן!

און אין אַ קליין שטיקל צייט אַרום האָט זי, שפּאַצירנדיק אין קרייז־שטאָט, אונטערגעהערט, ווי אַ קורסיסטן האָט זיך פאַר אַ סטו־דענט געקלאָגט:

— גאָט אירער! זי האָט לאַכלוטן נישט אין דער היים וואָס צו לעזן, פונעם זינען וועט זי דאָך דאָרט איינע אַליין אַראָפּ".

„ — איר פאַרשטייט, סאַפּיאַנ, — האָט מירל איר געדאַנק פאַר־ענדיקט, — איינע און די זעלבע פּוסטקייט וויל מען פון זיך מיט יאָ־דערן און מיט אַ בוך פאַרטרייבן".

די דאָזיקע סאַטירישע פּאַראַלעל כאַפּט אַפילע דעם אָנבליק פון אַן אַווטאָרשער אַרויסזאָגונג, וואָס פאַרורטיילט מיט מירלס מויל דעם פּיליסטערישן לייענער פון יענער צייט. און ניט נאָר דעם פּסעוודאָ־אינטעליגענטישן לייענער טרעפט מירלס אָפּלייקענונג, זי רעדט אויך דאָ גופא וועגן דער ליטעראַטור, וועגן די ביכער פון יענער צייט. „אַ בוך אַ לוי־יוצלעך", — רופט זי אָן איינעם פון די דאָזיקע ביכער, וואָס איז דאַן געקומען „פאַרטרייבן" די לייענערישע „פּוסטקייט", ווי זי זאָגט:

„אַלע האָבן זיי ליב, — דערציילט מירל וועגן די שרייבער פון די ביכער, — אָנצוהייבן זייערע ביכער פון עמעצנס אַ טרויעריקן פרי־לינג און דערמיט יעדן די אייגענע יעסורים פאַרשטאַרקן... ווען אַפּנ האַרצן איז גרינג, איז מען זיי דאָס מויכל און מע לייענט זיי. נאָר ווען מ'געפינט זיך אין אַזאַ געדריקטער שטימונג, ווי אירע איצט, זעט שוין אין זיי אויס יעדער פראַזע, ווי אַן איינגעגעסענע פליג, וואָס שטעלט זיך אַלעמאָל אַפּ דער נאָז און רייצט זיך: „אָבער ס'איז דיר שלעכט... שלעכט... שלעכט..."

די דאָזיקע שאַרפע כאַראַקטעריסטיק דערמאָנט דען ניט אָן די ביכער, וואָס דער וואַגאָן־ייִד רעדט פון זיי אין שאָלעם־אַלייכעמס

פּראָבּטפּולער דערציילונג „קיינוער־אָוועס'' (געשריבּן אין 1909 יאָר): די דאָזיקע בּיכער זײַנען „ערגער פון א בּאָמבּע'', זאָגט וועגן זיי דער שאָלעם־אַליכעמישער ייִד, וועהאָרבּע, זיי האָבּן געבּראַכט צו זעלבּסט־מאָרד זײַן איין־און־איינציקע טאָכטער, וועלכע ער האָט, ווערליק ער דערציילט, באוויזן אויסהיטן פון „די רעוואָליוציעס מיט די קאָנ־סטיטוציעס'' און גענומען שוין אפילע „א טראַכט טאָן וועגן עפּעס א שידעך''. שאָלעם־אַליכעמ גופע קאָנסטאַטירט אין איינעם א בּריוו, אז די דערציילונג „קיינוער־אָוועס'' „איז א שטיק טראַגעדיע, שטאָף פאר א מאָדערנעם ראָמאַן אפ א האלבּ יאָר''.

דעם מאָדערנעם ראָמאַן פון אזא ארט האָט אין יענע יאָרן טאַקע געשריבּן שוין דאָוויד בּערגעלסאָן. און אויבּ מירל פון זײַן ראָמאַן „נאָך אַלעמען'' ענדיקט ניט מיט זעלבּסטמאָרד, ווי די טאָכטער פון שאָלעם־אַלייכעמס ייִדן, איז דאָס דערפאר טאַקע, ווײַל בּערגעלסאָן האָט אין „נאָך אַלעמען'' זײַן העלדן גופע געגעבּן דעם פארשטאַנד אָפּצושאַצן דעם ווערט פון אָט די „זלידנע בּיכער''. זי שאַצט אָפּ דערבּײַ דעם מאָראַלן אויסזען פון די רעאַקציע־יאָרן, ניט האָבּנדיק, עמעס, דעם פארשטאַנד פאר די סאָציאַלע קויכעס־פארהעלטענישן, פאר דער סאָציאַלער פּערספּעקטיוו, וואָס וואָלט איר העלפן געפינען די אָביעקטיווע אָנשפּארן פאר איר סוביעקטיוו־עמאָציאָנעלן און עטיש־פּרינציפּיעלן האס צו די פארדארבּער פון מענטש און אלדאָס מענטשלעכע.

עס פארקריצט זיך מאמעש אין זיקאָרן דאָס בּילד בא די טאַראַ־בּײַס, ווען די באַליידיקטע מירל שרײַט אויס צאָרנדיק איר „נע סמעט!'' באַצויגן האָט זיך דאָך דער דאָזיקער אויסגעשריי נישט נאָר צום פּרעבּן פּאָליטעכניקער, וואָס האָט מירלען באַליידיקט, נאָר אויך צו דער גאַנ־צער טאַראַבּײַשער וועלט, וואָס בּערגעלסאָן האָט מיט אזא קינסטלע־ריש־פּאָרטרייטלנדיקער קראַפט דאָ אַרום מירלען אופגעשטעלט. מירל, מיט איר מיידלש־שטאָלצער צווייפאַכיקער שיינקײַט, פון איין זײַט, און די גאַנצע אנטבּלויזטע גײַסט־אָרעמע גווירישע טשאַטע, פון דער צווייטער זײַט — אָט די ביידע איז דאָך בּערגעלסאָן אויסן געווען קעגנשטעלן דאָ אין דעם געמעל, ווו די סאָציאַלע דעמאַסקירונג איז אזוי שארף, ווי די מײַסטערישע זשאַנר־בּילדער, ווי די כאַראַקטערים־טיק פון יעדן איינעם פון דער נעגידישער מישפּאָכע, וואָס בּערגעלסאָן האָט געשילדערט. אין דער דאָזיקער סוויווע, ווו עס הערשט די טעמפּע זעלבּסטצופרידנקײַט פון „די בּרוים מיט רויט־פארשוויצטע פּענעמער'', האָט מירלס „נע סמעט'' דורכגעהילכט ווי עפּעס א וואָרענונג דער דעמלטיקער בּירגערלעכער געזעלשאַפט.

דערציילנדיק, וויאזוי מירל איז מיט דער אקושערקע שאַץ געפֿאָרן אהיים פֿונעם אָוונט, שילדערט בערגעלסאָן אַן אומפֿארגעסלעכע מערקווירדיקע דעטאַל וועגן דעם אָנטרײַבער, דעם קליינעם „שייגעץ", וואָס האָט מירלען געפֿירט צו די טאַראַבײַים און צוריק.

„שטיל און אידיאָטיש־צעקראָכן, — דערציילט בערגעלסאָן, — האָט, טרײַבנדיק די פֿערד, געוויינט דער קליינער שייגעץ און זיך געקלאָגט אַף די געזונטע אויסגעפּוצטע קוטשערס, וואָס האָבן אים אין קיך און אין שטאַל איינער צום צווייטן געוואָרפֿן און אים דערבײַ פֿון אַלע זײַטן מיט די פֿינגער־קנעכלעך אין קאָפּ געקנאַקט".

אָנשטאָט דער טיף באַליידיקטער מירלען, הייסט עס, האָט געוויינט דער צעמאַזיקטער אָנטרײַבער, וואָס דער צופֿאַל מיט אים טײַטשט פֿולשטענדיק אויס דעם צופֿאַל מיט מירלען. דער אָנטרײַבער, זאָגט בערגעלסאָן, האָט דאָך געוויינט דערפֿאַר, וואָס אים האָבן באַליידיקט די געזונטע אויסגעפּוצטע קוטשערס...

„נישט געווען קעדײַ... אָט דער גאַנצער נארישער אָוונט איז שוין עפּשער נישט געווען קעדײַ", — טראַכט מירל נאָכן אויסגעשריי בײַ די טאַראַבײַים און פֿאַרענדיקט מיט נאָך אַ מאַכשאָווע: „נישט דער אָוונט איז דער איקער". בערגעלסאָן פֿאַרגעסט ניט יעדער מאָל אונטערזאָגן זײַן העלדן דעם געדאַנק וועגן „דעם איקער". אָבער דער דאָזיקער איקער ליגט דאָך שוין סײַווי אויסער די גרענעצן פֿון מירלס פֿאַרשטאַנד, געפֿינט זי אים ניט איצט אויך און הייבט זיך אָן אַראָפּלאָזן פֿון שטאַפּל צו שטאַפּל איבער די לעבנס־טרעפּ, וואָס פֿירן זי צו טאָן דעם ווילן פֿון דער אַרומיקער הערשנדיקער בורזשואַזער ווירקלעכקײַט.

נאָך די דערנידערונגען פֿונעם דאָזיקן אָוונט קומט רעב גדליה הורוויצעס געפֿערלעכע קרענק, זײַן באַנקראָט, דאָס געשפּרעך מיט דער טאָכטער וועגן דעם „סודעבני" און מירלס נישט געלונגענע באַגעגעניש מיט הערצן. בערגעלסאָן קלאַמערט אײַן איין רינג פֿון די געשעענישן אין דעם צווייטן און שאַפֿט די סאָציאַל־שטייגערישע און פּסיכאָלאָגישע קייט, וואָס ברענגט אײַן מירלס האַרטנעקיקײַט און צווינגט זי פֿון אויסגאַנגלאָזיקײַט און פֿון ראַכמאָנעס וועגן אַפֿן פֿאָטער אָנעמען אַ באַשלוס — כאַסענע האָבן פֿאַר שמוליק זײַדענאָווסקין. מירלס נעשאָמע־צושטאַנד, איר זעלבסטגעפֿיל איז דעמלט אַזאַ, „אַז זי לעבט נישט, ווי אַלע מענטשן, נאָר זי גייט איינע אַליין אַרום בײַ דער זײַט פֿון לעבן, אַפֿן אויִלעם־האַטויהו, און פּלאָנטערט זיך דאָרט פֿון קליינערהייט אין אַ לאַנגן פֿאַרוואָגלטן כאָלעם, וואָס האָט נישט קיין אָנ־

הייב און קיין סאָף... איינע אַליין וועט זי נאָר ווײַטער אַרומבלאָנדזשען, ווי אַן אייביקער כאַלעם פֿון טויהו־וואָוויהו און וועט אין ערגעץ נישט אָנקומען״.

דאָס דאָזיקע אינטענסיווע ווײ־געפֿיל פֿאַרלאָזט ניט מירלען, ביז עס גייט ניט אַריבער נאָך אין איינס אַ זעלבסטגעפֿיל, וואָס איז ביז גאָר וויכטיק סײַ פֿאַר מירלס זעלבסטבאַוווּסטזײַן סײַ פֿאַר דער דערקענטעניש פֿונעם שרײַבערס שאַפֿונגס־פּראָצעסן. אפֿן קאָנסמאָל מיט שמוליק זײַדענאָווסקין, דערציילט דער שרײַבער, האָט זיך מירלען „מינוטנווײַז געדוכט, אַז אָט דער גאַנצער גערויש קומט פֿאַר נישט צוליב איר, נאָר צוליב אַ צווייטער מירל, וואָס איז מיטן קאָנסמאָל שטאַרק צופֿרידן, און זי, די עמעסע מירל, זעט דאָס אַלץ נאָר פֿון דער זײַט און האָט דערצו קיין שײַכעס ניט״.

דאָס דאָזיקע זעלבסטגעפֿיל, דאָס געפֿיל פֿון צעצווייטקייט, איז געווען איינס פֿון בערגעלסאָנס באַליבטע קינסטלערישע כאַראַקטעריזיר־מיטלען אין די ווערק פֿון יענע יאָרן. דאָס דאָזיקע זעלבסטגעפֿיל געפֿינט דער שרײַבער מיט רעכט אײַן יעדער מאָל, ווען דעם געשילדערטן מענטש איז אין אַ געוויסן פֿראַט פֿרעמד דאָס, וואָס עס קומט פֿאָר אַרום אים און מיט אים, פֿרעמד פּסיכאָלאָגיש, פֿרעמד זײַן נאַטור, זײַן געפֿילן־גאַנג און געדאַנקען־גאַנג. דאָס איז ערשטנס, און צווייטנס, דינט דאָס דאָזיקע געשילדערטע זעלבסטגעפֿיל ווי אַ פֿאַראַלגעמיינערונגס־מיטל דעם שרײַבער. אַזאַ אַרט צעצווייטקייט — אוועקשטעלן אין געדאַנק אַ צווייטן אָנשטאָט זיך — איז דאָך נאָר מעגלעך דאַן, ווען די געשילדערטע לאַגע איז אַזאַ, וואָס זי קאָן געשען אויך מיט אַן אַנדערן, ווען די לאַגע כאַזערט זיך איבער, קורץ, ווען די לאַגע איז טיפּיש פֿאַרבונדן מיטן שטייגערישן „ווי געוויינטלעך״, ווי דאָ בײַ מירלען. מירל זעט טאַקע אין געדאַנק די צווייטע מירל, וואָס איז „מיטן קאָנסמאָל שטאַרק צופֿרידן״, דאָס הייסט, אַז זי, די עמעסע מירל, נעמט ניט אָן דאָס, וואָס די „געוויינטלעכע״ מירל וואָלט יאָ אָנגענומען, פֿאָלגנדיק דעם „געוויינטלעכן״ געזעץ פֿונעם לעבן, וואָס דער שרײַבער שטרײַכט אָפּ אַזאַ אויפֿן אונטער און פֿאַראַלגעמיינערט.

אָט וויאַזוי בערגעלסאָן דעקט אויף דעם סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן קוויל אין די איבערלעבונגען פֿון זײַנע העלדן. ער דעקט אויף די טראַגישע לאַגע פֿון אַ מענטשן, וואָס מיטן באַוווּסטזײַן ווידערשפּעניקט ער אינעם אַרומיקן בירגערלעכן לעבנס־סיידער, זײַענדיק פֿאַקטיש מיט אים פֿאַרבונדן מיט אַלע פֿעדעמער פֿון זײַן סאָציאַל־שטייגערישער אויס־

קומעניש. ס'איז קלאָר, אַז די פּראָבלעם פֿון מירלען איז בײַ בערגעלסאָנען ניט בלויז די פּראָבלעם פֿון דער פֿרוי, וואָס שלאָגט זיך פֿאַר דער ליבעראַלער פֿרויען־עמאַנסיפּאַציע, ווי מע האָט געפּרוּווט אַמאָל אָנבינדן דעם שרײַבער פֿונעם דאָזיקן ראָמאַן.

מירל פֿײַניקט זיך אין טאָג, אַליין ניט באַנעמענדיק, קעגן די גרונטן פֿון אַ געזעלשאַפֿט, ווי דאָס באַקומט זיך בײַם שרײַבער אין זײַן קינסט־לערישער עכטער און עמעסדיקער לעבנס־אָפּשפּיגלונג. און דאָ הייבט זיך אָן די אונטערגרונטיקע פֿאַרבינדונג פֿון דער פֿרויען־פּראָבלעם מיט דער סאָציאַלער לייזונג פֿון דער פֿראַגע, די לייזונג, וואָס וואָלט דעם שרײַבער מיט אַן אויסגעקלאָרטער רעוואָליוציאָנערער לעבנס־פּראָגראַם געפֿירט צו דער רעוואָליוציאָנערער לעבנס־ענדערונג.

4

„גאַנצע פֿיר יאָר האָט זיך צווישן זיי געצויגן דער היימישער קליינשטעטלדיקער שידעך, און געענדיקט האָט ער זיך אָט וויאַזוי".

אַזוי הייבט אָן בערגעלסאָן זײַן ראָמאַן. און די דאָזיקע שורעס וועגן „שידעך", וואָס שטײַנען צו זײַן פֿרעמדלעך דעם מאָדערנעם און פּראָבלעמענפֿולן אינהאַלט פֿונעם ווערק, זײַנען אין טאָג דער גרונט־יעסאָד פֿונעם ראָמאַן. אין זיי ליגט די איקערדיקע טעמע, וואָס אַרום איר הויפּן זיך די דראַמאַטישע געשעענישן אויפֿן לעבנס־וועג פֿון דער הויפּט־העלדן פֿון „נאָך אַלעמען".

אין זײַן בוך „די אַנטשטייונג פֿון דער מישפּאָכע, פּריוואַט־אייגנטום און מעלוכע" שרײַבט ענגעלס, אַז שליסן אַ שידעך האָט בײַ די הערשנדיקע קלאַסן שטענדיק באַטײַט „אַ געשעפֿט, וואָס די עלטערן אָרדענען אײַן". כאַסענעס „ווערן דיקטירט דורך דער קלאַסן־לאַגע פֿון די צדאָדים", — שרײַבט ענגעלס. און נאָך: די כאַסענע־געהאַטע פֿאַר „שטעלט פֿאָר מיט זיך דאָס גרונט־קעמערל פֿון דער ציוויליזירטער געזעלשאַפֿט, לויט וועלכן מיר קאָנען שוין פֿאַרשן די נאַטור פֿון די קעגנשטעלן און סטירעס, וואָס אַנטוויקלען זיך פֿולקום אין דער געזעלשאַפֿט".

אַוועקשטעלנדיק אין צענטער פֿון זײַן קינסטלערישן ווערק דעם „שידעך", האָט בערגעלסאָן אַזויאַרום געקענט שטעלן דעם טראָפּ סײַ אויף די קלאַסן־אינטערעסן פֿון די צדאָדים, ווי ענגעלס זאָגט, סײַ אויף דעם פּונקט, וווּ עס קרייצן זיך איבער אַמשטאַרקסטן און אַמפּילבאַרסטן די ווידערשפּרעכלעכע אינטערעסן פֿון דער פּערזענלעכקייט מיט דער בירגערלעכער געזעלשאַפֿט. האָט דאָך בערגעלסאָן אָנגעהויבן

פונעמ „קליינשטעטלדיקנ שידעכ“, אריבער דערנאָכ אפ א גרויסשטאָטישנ שידעכ, וואָס ער האָט געשטעלט אונטערנ צייכנ פונ א „וועלט־שידעכ“ אפ אזויפיל, אפ וויפל די פראגנ פונ מירלס פאמיליענ־לעבנ האָבנ באמ שרײַבער באקומענ א שײַכעס צו די פראגנ פונ גרעסערנ סאָציאלנ באדײַט.

נישטאָ דאָכ בא בערגעלסאָנענ אינ ראָמאנ קיינ אנדערע קאָנפליקטנ, דראמאטישע קאָליזיעס, צוזאמענשטויסנ אויסער די, וואָס זײַנענ אזוי צי אנדערש גרופירט ארומ דער פראגע פונ מירלס „שידוכימ“. ווערנ די דאָזיקע שידוכימ אינ ברייטנ זינ פונ וואָרט דער זאמלפונקט פונ גרויסע בערגעלסאָניש־געשילדערטע שטייגער־פלאסטנ, ארומ זיי און דורכ זיי שיילנ זיכ אויס כאראקטערנ, באציִונגענ, אינטערעסנ, לאגעס און נעשאָמע־צושטאנדנ. מיטנ פאָנעמ צו מירלס „פאמיליענ־אָנגעלעגנהײַטנ“ — פונ טנאָימ, כאסענע, געט, ביז ליבע־פארהעלטענישנ — זײַנענ דאָכ דאָ אויסגעקערט נישט נאָר מירלס פרעטענדענטנ, נאָר אויכ די טאטעס און מאמעס זייערע, זייערע מישפאָכעס, ארײַנגייער, די גאנצע שטאָט, טאקע שיר ניט די גאנצע וועלט, אויב נעמענ אינ אכט בערגעלסאָנס אויסשליסלעכע קינסטלערישע פאראלגעמיינערונגס־קראפט.

און איזנ איז דאָס דערפאר, ווײַל מירלס פאמיליענ־אָנגעלעגנהײַטנ גופע זײַנענ באמ שרײַבער, דעמ עכטנ לעבנס־שילדערער, באַשײַנט אזוי, אז דורכ זיי לאָזט זיכ פאָרשנ, ווי ענגעלס זאָגט, „די נאַטור פונ די קעגנשטעלנ און סטירעס, וואָס אנטוויקלענ זיכ אינ דער געזעלשאפט“. דורכנ שידעכ, אשטייגער, דורכ דער פראגע פונ מירלס כאסענע האָבנ, ווערנ אנטפלעקט אינעמ ראָמאנ די סטירעדיקע באַציִונגענ צווישנ מירלענ מיט אירע עלטערנ, אינעמ אספעקט פונ זייער קאָנפליקט ארומ דעמ שידעכ וואקסנ אויס די פיגורנ פונ געדאליע הורוויצ און גיטעלע, א קאָנפליקט א פארבאהאלטענער, וואָס דערגייט אָבער ביז כורבנ פונ א שטוב, ביז טראגיק.

די מישפאָכע הורוויצ שילדערט בערגעלסאָנ ווי א מישפאָכע פונ אלטנ יִדישנ יִכעס, „פונ אנ אלטער גערמאנישער מישפאָכע“, ווי מירל זאָגט איינמאָל, און זי גיט צו דערבײַ: „די דאָזיקע מישפאָכע האָט זיכ א לאנגע צײַט מיט זיכ אלייג מעשאדעכ געווענ און ווערט, אפאָנעמ, פונ אלטקײַט דעגענערירט. מעגלעכ, אז דערפאר פילט שויג צײַטנווײַז זי, מירל, אזא פוסטקײַט און טויג נישט צו גאָרנישט“. די דאָזיקע דערקלערונג מירלס דארפ ניט נאָר מירל, עס דארפ זי אויכ דער שרײַבער, וואָס דערקלערט מיט דעמ נישט נאָר, פארוואָס מירל

„טויג נ י ש ט", ווי זי זאָגט, נאָר אויב פּארוואָס זי טויג יאָ. זי טויג דעם שרײַבער ווי א פּערסאָנאַזש, וואָס געהערט צו איר קלאַס און ווערט דאָכ פון אים געפּײַניקט. מיט איר באוווסטזײַנ, מיט איר צוגאנג צו דעם אלעמ, וואָס עס קומט פאָר אינ איר אייגענער געזעלשאפט, שטייט זי אינ א קאָנפליקט מיט די אידייענ פונ איר אייגענער וועלט און סוויווע.

דאָס, וואָס געדאליע הורוויצ דעגענערירט, ווי מירל רופט עס אָנ, דאָס, וואָס ער פארלירט זײַנ שטאַמ־פארמעגלעכקײַט, זײַנ נעגידישע מאראָכע — ער ווערט אנ אָנזעצער אינ גאנג פונעמ ראָמאנ, ער ווערט דערנידעריקט, כאָרעוו, — דאָס אלצ העלפט דעם שרײַבער אויפשטעלנ מירלענ ווי א טיפּ, וואָס צערײַסט אלצ מער און מער מיט איר אייגענער שטוב און לעבנס־סיידער. די לאגע פונ איר פאָטער, איר אייגענע לאגע ברענגענ זי צו דער שארפער קריטיק, צו א נעגאטיווער באציִונג צו דער ארומיקער וועלט פונ די טאראבײַס, בורנעסעס און זײַדענאָווסקיס, וואָס פרעטענדירנ אפ איר שיינקײַט, אפ איר לעבנ און בלײַבנ דערבײַ אינ בעסטנ פאל גלײַכגילטיק צו איר פאָטערס צאָרעדיקער יאָרדישקײַט און געפאלנקײַט.

גיט דאָכ אונדז בערגעלסאָנ א ביז גאָר שארפ געמעל, וואָס שטעלט פאָר, וויאזוי דער געפאלענער רעב געדאליע האָט געפילט זיכ בא זײַנ אייגענער טאָכטער אפנ קנאסמאָל, וויאזוי „ער האָט געהאט אנ אראָפּגעלאָזענעמ קאָפּ מיט יאָרדישע געדאנקענ און געוווסט, אז אָט די אלע געסט זײַנענ זיכ שוינ איצט אהער צונויפגעפאָרנ נישט צוליב אימ, רעב געדאליע דעמ אָנזעצער, נאָר צוליבנ רײַכנ מעכוטנ יאנקעוו־יאָסלענ, וואָס האָט בא א האלבנ מיליאָנ און קנאקט אפנ גווירישנ שטייגער. אז ער, דער גײַוועדיקער און מונטערער מעכוטנ, ווייסט דערפונ און קוקט זיכ דערפאר צו אימ נישט אומ".

אנ ענלעכ געמעל גיט אונדז בערגעלסאָנ, בעשאס ער שילדערט מירלס עלטערנ, ווענ זיי קומענ צו איר נאָכ דער כאסענע צוגאסט. ער דערציילט, וויאזוי זיי זײַנענ געזעסנ „ווי פרעמדע צווישנ די פיל רײַכע שטאָט־געסט, וואָס זײַנענ אפ דער מעלאווע־מאלקע געקומענ אהער, אינ איר מיט שמוליקס נײַ־אויסגעמעבלטנ פליגל, און אוועקגעפאָרנ זײַנענ זיי פונדאנענ שטיל, מיט א פארבאָרגענעמ געפיל פונ א פאָר דערוויטערטע קרויווימ יאָרדימ".

צי דענ האָט די דאָזיקע באציִונג פונ די ארומיקע צו איר פאָטער און מוטער ניט געווירקט אפ דער אויספורעמונג פונ מירלס קריטישנ אָפּלייקענערישנ באוווסטזײַנ? צי דענ האָט זי ניט באנומענ דאָס, וואָס

ביינעש רובינשטיינ פונ „ארומ וואקזאל" האט באנומענ? צי האט זי, הייסט דאס, ניט אײנגעזעג דאס, צו וואס דער שרײבער האט אינ טאכ געשטרעבט: באװײזנ דעמ פארצעפ פונעמ קלאס, וואס שוינט ניט דעמ מענטשנ פונ זײנ אייגענער געזעלשאפט אפילע, וויבאלד יענער האט אנגעווארג דאס איינציקע, וואס דער דאזיקער קלאס שעצט אינעמ מענטשנ,— זײנ געלט, זײנ פארמעגנ.

דאס איז ערשטנס. אונ צווייטנס — ווערנ דאכ פונ דעמ אלעמ באשײמפערלעכער די פערדעמער, וואס ציענ זיכ פונעמ ארומ־וואקזא־לישנ ביינעש רובינשטיינ צו געדאליע הורוויצ, נישט געקוקט אפ דעמ, וואס רעב געדאליע איז א מענטש פונ גאר אנ אנדער כאראקטער־פארמאציע, ער איז א מענטש קוידעמקאל פונ אנ אנדערנ, א גרעסערנ שניט אונ נוסעכ. ס'האנדלט זיכ אבער וועגנ איינער אונ דער זעלבער סאציאל־עקאנאמישער לאגע, וועגנ איינע אונ די זעלבע פארמעגנס־פארהעלטענישנ, אינ וועלכע דער שרײבער האט אוועקגעשטעלט זײנ „יזכעסדיקנ" ביינעש רובינשטיינ אונ זײנ מעיוכעס רעב געדא־ליע.

רעב געדאליע, געפינט בערגעלסאנ פאר נייטיק מיטצוטיילנ, האט דאכ אויכ „אזויפיל אייגענע אונ פונעמ שווער געיארשנטע געלט אי־בערגעפירט", ער האט אויכ „אומגליקלעכע אונ פארדרייטע גע־שעפטנ", ער איז, הייסט עס, א לוי־יוצלעכ, ווי געזאגט, אונ האט מוי־רע בלײבנ אנ ארעמאנ, פונקט ווי ביינעש רובינשטיינ. אנ ארעמאנ — זאגט זיי ביידנ אונטער דער שרײבער — באטײט בא זיי, אינ זייער געזעלשאפט — אונטערטעניקײט, באליידיקונגענ, פאראכט מיצאד די דײניקע, ארומיקע, רײכ־געבליבענע. דאס איז דאכ דער „עמעצער", וועגנ וועלכנ עס רעדט ביינעש רובינשטיינ, דערפילנדיק, ווי דער עמע־צער „ווארגט אימ הינטנ ארומ פארנ האלדז, ווארגט אימ פאמעלעכ, אנ מיטלײד אונ אלע טאג שטארקער, אונ ער אליינ ווייסט ניט, ווער ס'ווארגט אימ, אונ קיינמאל וועט ער דאס ניט וויסנ, אונ ניט וויסנ־דיק, וועט ער אמאל ברוינ אונ בלוי ווערנ, ארויסשטעקנ אזא מינ ברוי־נע אונ בלויע צונג אונ ארויסלאזנ פונ זיכ די נעשאמע"...

האט עס דענ ניט ווארט בא ווארט געטראפנ באמ שרײבער מיט געדאליע הורוויצנ, וואס איז געשטארבנ, ניט וויסנדיק וועגנ די קויי־כעס־פארהעלטענישנ, וואס האבנ אימ אזא עלנטנ, איינזאמענ טויט פארשאפט, א טויט אנ א יוירעש אפילע, ווי ער קלאגט זיכ. ניט גע־קאנט האט ער וויסנ, אז די זעלבע קויכעס־פארהעלטענישנ האבנ בא אימ דעמ דאזיקנ יוירעש אוועקגערויבט, דערפירנדיק זײנ טאכטער צו

סינע, צו פֿאַרניכטנ איר פּרוכט אינ אירע געדערימ, די פּרוכט פונ איר מאנ, וואָס זי האָט געוואָלט אויסמעקנ פונ איר לײַב אונ לעבנ...

געווענ אמאָל קריטיקער, וואָס האָבנ, דערפרייענדיק זיכ, אײַנגעזונג אינ בערגעלסאָנס גדאַליע הורוויצנ אַנ עלעגישע שילדערונג אפנ ארט פונ איינהאָרנס „לעצטנ באַל־טפילע”. געווענ אזוינע, וואָס האָבנ, פאַרקערט, אופגעוואָרפנ דעמ שרײַבער די אידעאליזאציע פונעמ אַלטיידישנ פרומענ סויכער. דיביידע האָבנ בעעמעסנ פאַרזענ דעמ ניכטערנ געזונטנ סאָציאַלנ גאַנג פונ בערגעלסאָנס רעאליסטישנ גרויסנ שטייגער־בילד.

אינעמ „מאַניפעסט פונ דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי” ווערט געזאָגט:

„וו נאָר די בורזשואזיע איז געקומענ צו דער הערשאַפט, האָט זי צעשטערט אַלע פעאָדאַלע, פּאטריארכאַלע, אידילישע פאַרהעלטענישנ... מיט איינ וואָרט — די עקספּלואטאציע, וואָס איז געווענ אײַנגעהילט אינ רעליגיעזע אונ פּאָליטישע אילוזיעס, האָט זי פאַרביטנ אפ אַנ אָפענער, אומפאַרשעמטער, דירעקטער, הארצלאָזער עקספּלואטאציע” (ז. 45, „דער עמעס”, 1941).

אונ וואָס דערציילט אונדז בערגעלסאָנ? געווענ א גדאַליע הורוויץ, א פאָרשטייער פונ א גאַנצנ פּאטריארכאַלנ האַנדל־שיכט, וואָס האָט געקאָנט דעמ „אבארבאַנעל” אונ דעמ „קוזרי” אונ איז דערבײַ, ווי אַלע סאָכרימ, טאָג אונ נאַכט געווענ פאַרטראָגנ אינ מיסכער. זײַנע אָבער געקומענ צײַטנ פונ קאַפּיטאַליסטישנ אופשווונג, דעמ אופשווונג פונ די טאראַבײַס, זײַדענאָווסקיס אונ בורנעסעס, וואָס האָבנ לויט די אופגעקומענע עקאָנאָמישע געזעצנ איבערגעבויט דעמ האַנדל, אוועקגעשטעלט אימ אפ די רעלסנ פונ פאַרשטאַרקטנ שווינדל, קאָנקורענצ אונ ספּעקוליאציע. האָט דאָס דאָזיקע געבראַכט צומ אָנזעצ דעמ „פּאַרייסעקטנ” רעב גדאַליענ מיט זײַנ פאַרעלטערטער „מידעסדיקער” האַנדלס־סיסטעמ. פּרוווט ער זיכ אָבער, רעב גדאַליע, דורכפירנ „לײַטיש” דעמ באַנקראָט זײַנעמ. ער שיקט אָפּ דאָס ווײַב קיינ אויסלאַנד צו קרוווימ, ער שרײַבט איבער זײַנ פאַרבליבענעמ פאַרמעג אפ א פרעמדנ נאָמענ אונ קומט דורכ מיט אייניקע מער נויטבאַדערפטיקע קרעדיטאָרנ, וואָס זײַנענ אימ, אגעוו, זייער דאַנקבאַר פאַר זײַנ „אָרנטלעכער” באַהאַנדלונג.

פרעגט זיכ: איז דאָס דענ אידעאליזאציע אָדער פאַרקערט — גוואַלדיקע איראָניע איבער דער „עקספּלואטאציע, וואָס איז געווענ פאַרדעקט מיט רעליגיעזע אונ פּאָליטישע אילוזיעס”, איראָניע איבער דעמ אײַנרײַס צווישנ רעב גדאַליעס עטישנ זעלבסטבאַוווסטזײַנ אונ זײַנ פאַקטישנ לעבנ אונ טאַט? אָט דעמ אײַנרײַס האָט דאָכ

בערגעלסאָנס אנטפּלעקט אין דער פּולער מאָס שפּעטער אין דער גע־שטאַלט פון מיכאָעל לעווינ אינעם ערשטנ באַנד „באַם דניעפּער“, וואָס ער האָט געשריבנ אַ באַוואָפנטער מיטנ פולנ רעוואָליוציאָנערנ פאַר־שטאַנד פאַר די דאָזיקע פאַר זייער צײַט באַלערעוודיקע פיגורנ פונ דער אַלטער ייִדישער בורזשואַזער געזעלשאַפט.

אוואדע זײַנענ פאַראַנ עלעגישע שטימונגספולע שטריכנ באַ בער־געלסאָנען, בעשאַס ער שילדערט מיט פּראַכטפולע ריינדיקע פאַרבנ רעב גדאַליעס טויט, דאָס עלנטע שיווע זיצנ, דעם חורבנ פונ דער שטוב, די אויסגעבראָכענע שויבנ — אָבער גראָד די דאָזיקע עלעגיש־קײַט שטרײַכט דאָך אונטער די פאַרעלטערטקײַט און נוצלאָזיקײַט פונ גדאַליע הורוויצעס איליוזיאָנערישקײַט אונ לעבנ. אונ נאָך מער שטרײַכט זי אונטער דעם גרויסנ גלײַכגילט פונ זײַנ אייגענער געזעל־שאַפט צו רעב גדאַליעס אָנדענק אינ לעבנ. איינ אוורעמל דער ראָוו, דערציילט בערגעלסאָנ, האָט גענומענ אָפּ זיך בויענ אַ שטיבל אָפּ רעב גדאַליעס קייווער פאַר דעם קאָהאָלשנ געלט, וואָס ער האָט „ערגעצ דערטאַפּט“. שפּעטער האָט ער אינ דער „אַסאַטינער קלויז“ מיט אַ מיניענ ייִדנ באַטלאָנים גענומענ אַ נעבעכדיקע קאָפּ בראַנפנ פאַר רעב גדאַליעס „אַליאָס־נעשאָמע“, בעשאַס אינ קלויז, דערציילט דער שרײַ־בער, איז געווענ „וואָכעדיק אונ שטיל“...

דאָס אַלצ וויל זאָגנ, אַז דער „פּאַטאָס“ פונ לעבנ, דער „פּאַטאָס“ פונ גדאַליע הורוויצעס געזעלשאַפט, איז שוינ דעמלט געווענ גע־ווענדט גאָר אינ אַנ אַנדער זײַט. ער איז געווענ געווענדט אינ דער זײַט פונ דעמ, מיט וואָס ס'האָבנ זיך באַשעפטיקט די דעמלטיקע הערשער פונ דער בורזשואַזער געזעלשאַפט — די טאַראַבײַס, זײַדענאָווסקים אונ בורנעסעס.

„רײַכע פּריצים געסט, וואָס מאַכנ זיך דאָרטנ אינעם אָנגערייי־בערטנ קאַבינעט האַלוואָעס; וועלט־סאָכרים ספּעקוליאַנטנ, וואָס האָבנ קיינ מוירע ניט צו מאַכנ קנײעס אָפּ איבעראַיאָר, אונ אַ היפּש האַלב־ליכטיק פּעדער־שטיבל, אַ פּול געפּאַקטס מיט וואַרטנדיקע עקאָנאָמענ אונ מעשולאָכים, וועלכע זײַנענ אינ יעדער רעגע גרייט זיך אָקעגנ דעם אַרויסגייענדיקנ באַלעבאָס אופשטעלנ, אָפּנעמענ זײַנע באַפעלנ אונ זיך אינ פאַרשיידענע ערטער פאַנאַנדערפאָרנ“.

דאָס שילדערט בערגעלסאָנ אַ מינ „אינטעריער“ באַ אוואָם־מוי־שע בורנעסנ אינ שטוב, אַנ אינטעריער, וואָס צייכנט דעם צווייטנ שטראָם — אויסער דעם ליריש־פאַרבענקטנ מירל־שטראָם — אינ בערגעלסאָנס ראָמאַנ. דער דאָזיקער שטראָם פּלייצט אַדורכ אינ „נאָך

אַלעמענ" מיט כוצפּעדיקער הערשערישער קראַפּט, אימ שטעלנ פאַר די בערגעלסאָניש־אויסגעפורעמטע אינדיווידואַליזירטע מוסטער־פּערסאָנאַזשנ פונ דער דעמאַלטיקער ייִדישער גווירישער געזעלשאַפט.

דאָ אינ ראָמאַנ „טראַסקעט" מיט זײַנ נעגידיש־פּריציש פּאַרמעסט דער קלײנוווּקסיקער טאַמיד פרײלעכער נאָכעמ טאַראַבײַ. באַלעגופיש־געלאַסנ זאַמלט דאָ פּאַרמעג דער אופגעקומענער גוויר, דער „אויס־געיידלטער אַמהאָרעצ" אַוראָמ־מוישע בורנעס. פונ טאָג אַפ טאָג ווערט דאָ רײַכער דער קאָוועד־זוכערישער יאַנקעוו־יאָסל זײַדענאָווסקי מיטנ האַלבנ מיליאָנ געלט, ייִדישנ פּירעכצ אונ „אויסזעג פונ א פּאָשעטנ איבערגעטאָנענעמ זשוליק". עס לעבט זיכ אָנ פונ דער בירזשע דער שטענדיק אינ געשעפט פאַרטראָגענער זעקס־אונ־צוואַנציק־יעריקער מאָנטשיק זײַדענאָווסקי, אונ אַפילע דער יונגער נאָסנ העלער וואַרפט זײַנ פּאָליטעכניקומ אונ טראָגט זיכ ארומ מיטנ געדאַנק רײַכ צו ווערנ פונ זײַנ „קאָפּעקע־צײַטונג" (וויפל שרײַבערשע איראָניע אינעמ וואָרט „קאָפּעקע"), וואָס ער קלײַבט זיכ ארויסצוגעבנ...

בערגעלסאָנ איז א מײַסטער צו שילדערנ א פּאָרטרעט. דורכ צוויי־דרײַ שטריכנ שטעלט ער אופ א געשטאַלט פונ קינסטלערישנ בלוט אונ פלייש. ער איז דערצו א מײַסטער פונעמ אַזויגערופענעמ גרופּנ־פּאָרטרעט. די מישפּאָכע טאַראַבײַ, וואָס ער האָט געשילדערט אַפנ אָוונט, ווהינ מירל איז געקומענ, די מישפּאָכע זײַדענאָווסקי בא שמור־ליקס פּאָטער אינ אײנעמ א שאַבעס־צונאַכט — דאָס זײַנענ מאָלערישע שעדעוורענ, ווו ס'איז דאָ, ווי אינ יעדער קאָלעקטיווּנ פּאָרטרעט, די אײנהײַטלעכע אידיי, וואָס פאַרײניקט אַלע פּענעמער, נישט געקוקט אַפּ דער געשטאַלטלעכער דיפערענצירונג פונ יעדער פיגור באַזונדער.

פונ אײנ גוס, געראָטנ אײנע אינ אײנע, זעענ אויס בא בערגעלסאָנענ טאַראַבײַס מישפּאָכע־לײַט, וואָס זײַנענ אַלע מאַנירלעכ־וועלטלעכ, ווי טאַראַבײַ אַלײנ, א פולשטענדיק פיליסטערישע מישפּאָכע, געשילדערט אַפּ צו וועקנ עקל צו דער ציגישער אַפּ דורכ אונ דורכ באַנאַלער קולטורלאָזער גווירישער געזעלשאַפטלעכקײַט. פונ אַנ אַנדער אַרט, פונ א ייִדישלעכ־טראַדיציאָנעלנ אַרט, איז זײַדענאָווסקיס מישפּאָכע — אונ די זעלבע באַנאַליטעט, דער זעלבער עגאָיסטיש־קלײנלעכער לעבנס־אינהאַלט. דאָס ברייטע פּאַטריאַרכאַלע פּירעכצ מאַסקירט דאָ די דור־כויסיקע מאָראַלע באַלעבעסלדיקע פאַרדאָרבנקײַט אונ פאַלשקײַט. די דאָזיקע מאַסנ־געמעלנ פונ די ביידע מישפּאָכעס, פונ יעדער מיטגליד באַזונדער פונ די ביידע מישפּאָכעס, — דאָס זײַנענ גרויסאַרטיקע מוסטער־

שילדערונגען, זשאנר־צייכענונגען, שטייגער־פיגורן פון פּוילן ווּקס, אַזוי גרויס איז זייער דערקענטעניש־באַדײַט פאַר דער פאָרשונג פון די אייגנ־טימערישע קלאסן און שיכטן פון יענער צײַט.

און ווייטיק איז צו באמערקן, אַז די ביידע דעמאַסקירנדיקע מיש־פּאָכע־געמעלן, די דאָזיקע פּולשטענדיקע מישפּאָכע־פּאַנאָראַמעס פּירט דורך דער שרײַבער פּאַרבײַ מירלס אויגן, ער מאָלט זיי, אַזוי צו זאָגן, אין מירלס אָנוועזנהײַט, בעשאַס זי געפינט זיך אַפ דעם דאָזיקן אָרט, אין דער דאָזיקער סוויווע. ס'איז דערפאַר, ווײַל דאָס אַלץ האָט דאָך א שײַ־כעס צו דעם אַלעם, מיט וואָס מירל שלאָגט זיך, צו דעם אַלעם, פון וואָס זי שטרעבט אַנטלויפן. דאָס האָט טאַקע א שײַכעס צו דער צענ־טראַלער פּראָבלעם פונעם „שידעך", צו די מישפּאָכע־פאַרהעלטענישן, וואָס דורך זיי שיילט דער שרײַבער אויס, ווי געזאָגט, „די נאַטור פון קענגנשטעלן און סטירעס אין דער געזעלשאַפט".

די רײַכע בורגנעסעס באַקומען מיר דאָך אויך באַם שרײַבער מישפּאָכע־דיק־געשילדערט פון קליין ביז גרויס—ביז דעם קליינעם יינגעלע אַפּילע, זיאַמקע, וואָס „ווייסט, ווער טאָלסטאָי איז". די קאָנצענטרירונג פונעם שרײַבערס אויפמערקזאַמקײַט אַפ די מישפּאָכע־נעסטן איז דאָ אין ראָ־מאַן א בוילעטע, א באַשײַמפּערלעכע. אַזוויאַרום קאָנצענטרירט דער שרײַבער די טעמאַטישע ליניעס און די געשטאַלטן אַרום דער הויפּט־אידיי, אַרום דער הויפּט־פראַגע, וואָס פאַרניקט די הויפּט־העלדן, — די פראַגע פונעם פאַמיליען־לעבן, וואָס ווערט דער שטרויכל־שטיין אַפ מירלס זוכערישן לעבנס־וועג.

דאָ דאַרפן דערמאָנט ווערן נאָך און נאָך זײַטיקע ליניעס, וואָס ריידן פון דעם זעלביקן, פון שידוכים און פאַמיליען־אָנגעלעגנהײַטן: וועלוול בורנעסעס געפּלאָגטער שידעך מיט טאַראַבײַס טאָכטער און דערנאָך מיט דעם „שיינעם מיידל דער ברונעטן", נאָסן העלערס שידעך מיט דער „קראַנקער און רײַכער יעסוימע", שאָלעם זײַדענאָווסקי, וואָס האָט „באַסענע געהאַט צוליבן נאַדאַן", און די שוועסטער זײַנע ריקל, וואָס „וויל נישט הערן וועגן שידוכים, וואָס מע רעדט איר". הײַנט איז דאָ די געשיכטע מיט דער אידאַ שפּאַליאַנסקאַיאַ, וואָס פעלשט אינעם מאַן, און, פאַרקערט, די פּיליסטעריש־גליקלעכע מיריאַם ליובאַשיץ מיט איר אַפּישירטן מישפּאָכע־לעבן. אַפּילע די „מײַסעס", וואָס בערגעלסאָן פלעכט אַרײַן אַפ דעם אָדער יענעם אויפן אינעם געוועב פונעם ראָ־מאַן, האָבן אויך א שײַכעס צו דער טעמע:

„א שווײַגנדיק און פּאַראַקשנט ווײַבל — א שנור בא א רײַכער פאַמיליע דיזשור — הייבט זיך אויף אין איינעם א פרימאָרגן פונעם

אײַנגעזעסענעם אָרט, זאָגט פארן אװעקגײן קײן װאָרט נישט דעם מאַנ און די שװער־און־שװיגער און קומט מער אהײמ נישט צו גײנ". א מײַסע „װעגן עפּעס א פּארמעגלעכ מײדל — א יעסױמע פון היגנ קאנט, װאָס האָט שױנ יאָרנלאנג א כאָסנ און האָט נאָכ ביז הײַנט פאר אימ נישט כאסענע געהאט". „א מײַסע מיט א שײנ און יונג װײַבל, װאָס האָט לאנג געפּעלשט איר מאנ און איז צולעצט דאָ ארומ מיט איר געליבטנ קײנ מעװינאס־האיאמ אנטלאָפנ". און די ארבעטער, די פארבער בא מירלענ אינ שטוב, דערצײלנ אױכ: „צוריק מיט א יאָר אכט איז דאָס געװענ... און א יונג שנירעלע איז דאָרט באמ באלעבאָס געװענ — א רירעװודיקס, א דורכגעטריבנס". און װעגנ איר שװער, דעמ פּרומאק, װאָס „האָט צו יערנ לאנגנ שאלעשודעס נית אנדערש װי א גאנצנ מיניענ באדארפט", טראכט אױכ מירל: „נית קוקנדיק אפ זײַנ ײִדישער פּירעכצ, בלײַבט ער אָפּט אונטערװעגנס אומגעטרײַ זײַנ אײגענעמ װײַב און טוט אָפּ גאָר מיִעסע מײַסימ".

דאָ האָבנ מיר מאמעש א געפּלעכט פון די אזױגערופענע „מאטרימאָניאלע" ליניעס, װאָס מיט זײ קאָנדענסירט בערגעלסאָנ די לופט, די שטימונג ארומ זײַנ הױפּט־טעמע װעגנ דעמ פאמיליענ־לעבנ, װעגנ דעמ אלעמ, װאָס טרײַבט מירלענ צו איר עלנטקײַט, צו פארבלײַבנ אײנזאמ מיט איר אױסגעװײטעקטער עטישער און עסטעטישער געפילנ־װעלט אינ קריג מיט דער גראָבער בורזשואזער ארומיקער געזעלשאפטלעכקײַט.

„— װאָס האָט מענ שױנ דאָ װאָס צו קלערנ? פאר קײנ נאָרמאלנ מענטשנ קענ מענ שױנ מירלענ געװױמ נישט רעכענענ".

אזױ זאָגט ארױס איר מײנונג װעגנ מירלענ די געװעזענע קורסיסטנ מיריאָמ ליובאָשיצ, װענ זי באהאנדלט מירלס באציִונגענ צו איר מאנ, צו שמוליקנ, און מירלס שװיגער, װאָס האָט געהערט די װערטער, האָט דערבײַ אירס צוגעגעבנ:

„— װער שמועסט שױנ דאָ װעגנ „נאָרמאל"?

די דאָזיקע שװיגער האָט שפּעטער נאָכאמאָל דאָס זעלבע געזאָגט בײסנ דערצײלנ, װי מירל „האָט איר די רײד איבערגעשלאָגנ און איר געענטפערט װי א מענטש, װאָס איז שױנ געװױמ נית באמ קלאָרנ זינענ".

אָט װיִאזױ די ארומיקע שאצנ שױנ אָפּ מירלס אופירונג, װאָס איז פאר זײ, פאר די „נאָרמאליזירטע" בירגערלעכע שיכטנ, לאכלוטנ אומבאגרײַפלעכ. װי צו א מענטשנ, װאָס איז נישט באמ זינענ, באציט זיכ דאָכ אױכ צו מירלענ דאָס שטעטל, דאָס בערגעלסאָנישע באגרענעצטע שטעטל, װאָס נעמט מיט אלע קױכעס אָנטײל אינ מירלס לעבנס־גױרל, ביפראט אינ אירע כאסענע־ און ליבע־איניאָנימ.

אז מירל איז צוריק שפּעט געוואָרן מיט איר כּאָסן, מיט שמוליק זײַדענאָווסקין, האָט דאָס שטעטל געשמועסט, דערציילט בערגעלסאָן, „וועגן די שפּאָגל־נײַע צוויי טנאָים, וואָס מירל האָט פונסנײַ מיטן כּאָסן אויסגענומען:

— לעבן מיט איר, ווי א מאַן מיט א ווײַב, זאָל ער זיך נישט ריכטן. און זי, מירל...

זי מעג אוועקגיין אַפ אייביק פון אים און פון זײַן שטוב אין יעדער צײַט, וואָס איר וועט זיך פאַרוועלן.

— וועגן וואָס איז דאָ שוין געוועןן שײַעכ צו קלערן".

ווײַטער דערציילט בערגעלסאָן, ווי דאָס שטעטל האָט באַדויערט שמוליקן, וואָס האָט „געפּויעלט לעבן מיט מירלען אייביק, ווי אום יאָם־קיפּער", „די מײַסע אליין איז דאָך שטאַרק אינטערעסאַנט און טשי־קאַווע געוואָרן, קעדײַ איז פונסנײַ געוועןן צו באַלעגערן טיר און פענצ־טער און צו זען, ווי אַט דאָס פּאָרל שפּאַצירט איבער דער לאַנגער גאַס — א פּאָרל, וואָס וועט לעבן נישט ווי מאַן־און־ווײַב, נאָר עפּעס מעשונע און אַנדערש, ווי קיין פאָרפאָלק האָט נאָך ביז הײַנטיקן טאָג דאָ אין שטעטל ניט געלעבט".

בערגעלסאָניש־קלוג איז דאָ כאַראַקטעריזירט סײַ דער אייגנאַרטיקער אָנטייל פון שטעטל אין מירלס אָנגעלעגנהײַטן סײַ די באַציִונג צו מיר־לען, ווי צו א מענטשן, פאַר וועלכן עס זײַנען אָנגעמאָסטן אַלערליי אומבאַגרײַפלעכע אויסטראַכטענישן. אינמיטן שפּאַציר מיט שמוליקן, דערציילט ווײַטער בערגעלסאָן, האָט זיך מירל „עפּשער אַפ א האַלבער שאָ" אוועקגעשטעלט ריידן מיט בראָכע דער שוסטערן:

„ארום און ארום זײַנען לײַט אַפ זייערע גאַנקעס געשטאַנען און האָבן געגאַפּט:

— גוואַלד געשרײַען: אַט דאָס טוט מען, בעשאַס מ'גייט שפּאַצירן מיט א כּאָסן?"

„אין שטעטל איז מען באַלד געוואויר געוואָרן", — טיילט מיט עט־לעכע מאָל דער שרײַבער וועגן דער אָדער יענער געשעעניש אין מירלס לעבן. „אין שטאָט האָבן דאָך אייניקע ווײַבער נאָך אדהײַעם פאַרזוי־בערט". אָדער: „אין שטעטל האָט מען געוווּסט, אז עפּעס א סקאַנדאַל איז דאָרט אין קאָרידאָר פון האָטעל צווישן איר מיט איר מאַן פאָר־געקומען און פון דער גובערניע־שטאָט האָט זי געמוזט אַנטלויפן". אַן אַנדערש מאָל דערציילט בערגעלסאָן: „מ'איז דאָרט געשטאַנען ארום א מיזרעכ־באַלעבאָס, וואָס איז אָקאָרשט פון גובערניע־שטאָט געקומען, און געהערט, ווי ער דערציילט וועגן די זײַדענאָווסקיס, וואָס ווינען

דאָרט אין פאָרשטאָט, און וועגן זייערן א קאָרעוו, מיט וועמען ער אליין האָט גערעדט:

— זי וווינט נאָך אלץ אין האָטעל, מירל, און ס'איז א ליגן, וואָס מע זאָגט, אז דער מאַן אירער האָט זי קלוימערשט געגעט".

צוליב בערגעלסאָנס קינסטלערישער קראַפט צו אידענטיפיצירן די „דיכטונג" מיט דער „וואָרהײט", די קראַפט צו שילדערן זאַכן אזוי, ווי זיי וואָלטן אָט דאָ פאַר די אויגן געשען, באַקומט זיך אָפט, ווי אליין ער, דער שרײַבער, וואָלט זיך אזויארום דערוווסט פון שטעטל וועגן דעם נײַעס, וואָס איז פאָרגעקומען מיט מירלען. אלנפאלס ווערט דאָס דאָזיקע קינסטלערישע מיטל איינס פון בערגעלסאָנס סטיל־קאָמפּאָנענטן דאָ אין „נאָך אלעמען", אף אזויפיל אף וויפל בערגעלסאָנס שטעטל האָט גענומען בא אים אונטערן קאָנטראָל מירלס אופירונג, שטייענדיק געווים ניט אף מירלס צאַד, נאָר אָבּן צאַד פון די, וואָס האָבן אײַנגעשטעלט, אז „שליסן א שידעך איז א געשעפט, — ווי ענגעלס זאָגט, — וואָס די עלטערן אָרדענען אײַן".

„ — ס'איז דאָך נאָך אזא בײַשפּיל, זינט די וועלט שטייט, נישט געהערט געוואָרן!" — אזוי היציק באַגלייבט פאַרופט זיך אף דער „וועלט" מירלס שוויגער, בעשאַס זי רעדט וועגן דעם, וואָס מירל וויל זיך צעגיין מיט איר זון, מיט שמוליק זײַדענאָווסקין. און אליין שמוליק קוקט אויך, דעריקער, מיט דער דאָזיקער „וועלטס" אויגן אף דעם, וואָס מירל וויל מיט אים זיך גטן. ער טראַכט: „וויאזוי ער וועט גיין דאַוונען אלע שאַבעס אין שול, ווו מע וויל אים פאַר גאַבע אויסקלײַבן, וויאזוי עמעצער וועט שוין דאָרט צום מיזרעך־וואַנט אף אים אָנווײַזן:

— נעבעך א גאַרעש־אָט דער יונגערמאַן, און נישט געוואָלט האָט זי אים, דאָס ערשטע ווײַב זײַנס".

די דאָזיקע „וועלט" פון שול און האַנדל איז אזויארום מאַמעש מאָנומענטאליזירט בא בערגעלסאָנען אינעם ערשטן ראָמאַן זײַנעם. זי איז באַוויזן אין דער גאַנצער קראַפט פון אירע הערשערישע אַפּעטיטן. אָט זײַנען, אשטייגער, פאַראַן אין „נאָך אלעמען" פינף פרויען־פּאָרטרעטן פון די, וואָס האָבן יעדערע אף איר אופן א שײַכעס צו די דאָזיקע אַפּעטיטן. דאָס זײַנען צום אלעם ערשטן נאָכעם טאַראַבײַס, יאַנקעוו־יאָסל זײַדענאָווסקיס און אוראַם־מוישע בורנעסעס פרויען — די גווירישע ווײַבער. צו זיי קאָן מען אויך צורעכענען ליבקע די רעבעצן, די פאַרקערפּערונג פון דער שטעטלשער קליינבירגערלעכער אידעאָלאָגיע, און אפילע גיטעלען, מירלס מוטער, גערעליע הורוויצעס פרוי. אזוינע, דאַכט

זיך, פון איינע זײַנע זײַ, די דאָזיקע װײַבער, מיט זייער פּײַנטלעכער באַציִונג צו דעם אַלעם, מיט וואָס עס נערט זיך מירלס גײַסט און גע־פֿיל, און אַזוינע פֿאַרשיידענע אינדיווידואַליזירטע גייען זיי אַרויס פֿון אונטער בערגעלסאָנס מײַסטערישן פּענדזל — מאַמעש לעבעדיקע, יעדערע מיט איר באַזונדער אויסזען, געשטאַלט און כאַראַקטער.

אָט זײַנען קורצע אויסצוגן פֿון בערגעלסאָנס כאַראַקטער־געמעלן פֿון די אַלע פֿרויען. וועלוול בורנעסעס מוטער: „אַ נידעריקע און שטאַרק גראָבע ייִדענע, וואָס האָט איבער איר אַסטמאַ־פֿעלער געאָטעמט הייזע־ריק און שווער, ווי אַ געשטאָפּטע גאַנדז". טאַראַבײַס פֿרוי נעכאַמע — אַ פֿאַרביסענע קלוגע פֿרוי מיט שוואַרצע ליגנערישע אייגעלעך. שמוליק זײַדענאָווסקיס מוטער: „אַ הויכע, אַ דאַרע און עטוואָס מידע ייִדענע, האָט אַ מאַט־טונקל און לענגלעך באַלעבאָסטע־פּאָנעם, אַ קליינעם שטאַרק טעמפּן מויעך מיט אומגעווייִנלעך גרויסע הענט און פֿיס". ליבקע די רעבעצן: „אָט דער הויכער און קלײַענדיק־רויטער האַלבער מאַנצבל, וואָס קראַצט שטענדיק מיטן שטומפּן שפּיזל אין פּאַריק". און גיטע־לע, געדאַליע הורוויצעס פֿרוי: „אָט די טאָמיד־שווײַגנדיקע און פֿאַר־אַקשנטע ברױע אינעם שוואַרצן זײַדענעם קאָפּטל, אינעם שאַבעסדיקן פּאַריק מיט די בריליאַנטענע אויררינגלעך"...

די לאַקאָנישע פּאָרטרעטיק, אָט דאָס פּאָרטרעטן־געזעמל רעדט גע־נוג וועגן דעם שרײַבערס אײַנשטעלונג — אַרומרינגלען מירלען מיט די פֿרויען, אין וועלכע זי זעט אײַן דעם שאַרפֿסטן קאָנטראַסט צו אירע אייגענע פֿאָרשטעלונגען וועגן מענטש און פֿרוי, אַ קאָנטראַסט צו איר אויסגעטרוימטער וועלט פֿון עטישן און עסטעטישן איקער. נישט אומ־זיסט לאָזט בערגעלסאָן מירלען בײַזײַן בײַ דעם, ווי מירלס שוויגער שמײַסט איינס פֿון אירע, דער שוויגערס, ייִנגלעך.

„הערנדיק דאָס געשריי פֿונעם וויינענדיקן קינד, — דערציילט בער־געלסאָן, — האָט זיך געמאַלט, ווי די שוויגער האַלט אים דאָרט אַרײַ־בערגעבויגן איבער די קני און בייגט די קורציכטיקע אויגן גאָר נאָענט צום אָרט, וווּהין זי שמײַסט". פֿון דער דאָזיקער געשיכטע מיט די שמיץ קומט מירל צום באַשלוס, אַז „שמוליק וואָלט בעעצעם באַדאַרפֿט האָבן אַ ווײַב, וואָס זאָל אים זײַנע קינדער, פּונקט ווי זײַן מאַמע, שמײַסן".

אַליין דער שרײַבער, הייסט דאָס, ציט פֿונעם דאָזיקן עפּיזאָד אַ ליניע, וואָס פֿירט צו מירלס פּײַניקונגען איבער די בורזשואַזע פֿאַמי־ליען־זײַטן:

„און זי, מירל, האָט געמיינט, אַז זי האָט כאַסענע אָפּ קאַטאָ־

װעס״, — אַזױ יִעשדיק־פאַרביטערט טראַכט שױנ מירל, נאָכדעמ װי זי האָט זיכ אָפּגעגעבנ דעמ מאַנ אירנ, שמוליקנ, דערשפּירנדיק דעמ גאַנצנ עקל צו דעמ פאַמיליענ־לעבנ, װאָס קומט אינ רעזולטאַט פונ דער בורזשואַזער כאַסענע־סיסטעמ: „אונ פיל מײדלעכ, װאָס װײסנ ניט, װאָס זײ װילנ, האָבנ װי זי געמײנט, אַז זײ האָבנ כאַסענע אָפּ קאַטאָ־ װעס, אָפּ דערװײַל״... אינ די דאָזיקע אַלע װערטער איז שױנ דאָ די גרױסע טראַגיק פונ מירלס לאַגע, װאָס זי אַלײנ דערפירט צו פאַראַל־ געמײנערונג, אונ דער שרײַבער פאַרשטאַרקט די דאָזיקע פאַראַלגעמײ־ נערונג, בעשאַס ער טוט באַלד אַ שילדער:

„ס׳דערהערט זיכ סאָפּקאָלסאָפּ דער גערױש פונ שמוליקס אָפּפאָרנ־ דיקער בריטשקע, אונ ס׳װערט עטװאָס גרינגער, װאָס ער פאָרט אַװעק אָפּ אַ גאַנצער װאָכ. אונ נאָכדעמ איז שױנ אַזױ טרױעריק אונ שטיל אינ אַלע פיר נײַ־אױסגעמעבלטע כאַדאָרימ, אונ ס׳הערט זיכ, װי אינ קיכ צעװאַשט מענ אָפּגיכ די געפּעס. טעלער צו טעלער פאַלנ דאָרט צו מיט אַ װײנענדיק־טױבנ קלאַנג, גלײַכ ס׳טוענ זײ װײ די קלעפּ, װאָס זײ כאַפּנ״.

אָפּ זײַנ בילדערישנ שטײגער רעדט דאָ דער שרײַבער װעגנ מירלס „קלעפּ״, װאָס זי אַלײנ כאַפּט שױנ איצט נאָכאַנאַנד. אָפּ זײַנ שטײ־ גער שטעלט דער שרײַבער שטענדיק באַשײַמפּערלעכ דעמ טראָפּ אָפּ דעמ פאַרברײטערטנ אונ פאַרטיפערטנ זינ פונ דער פּראָבלעמ, װאָס הײבט זיכ אָנ בײַ בערגעלסאָנענ מיטנ „קלײנשטעטלדיקנ שידעכ״.

5

העכער זעכציק פּערסאָנאַזשנ װערנ דערמאָנט אונ געשילדערט אינ בערגעלסאָנס ערשטנ גרױסנ ראָמאַנ. נישט אַלע זײ, דאַרפ געזאָגט װערנ, נעמענ דאָ אָנטײל אינ דער האַנדלונג, אינ דער דירעקטער אַנטװיקלונג פונעמ סוזשעט אונ פאַבול. אינ זײַנ פּאָעטיק דערלױבט זיכ בערגעל־ סאָנ דורכ אַגעװודיק־דערמאָנטע אָדער אַפילע געשילדערטע פּערזאָנענ העלפנ אױסקלאָרנ דעמ אָדער יענעמ פּסיכאָ־אידײִשנ צושטאַנד פונ זײַנע צענטראַלע פיגורנ. אָט װי ער טוט עס דורכ אָביעקטנ — דורכ כפײציימ אונ דורכ דער נאַטור.

טאַקע דערפאַר, װאָס בערגעלסאָנ פּערזאָניפיצירט שטומע אָביעקטנ, אָביעקטיװיזירט ער אױכ צומאָל, אַזױ צו זאָגנ, לעבעדיקע מענטשנ, װעלכע דינענ אימ אינ דער רעגע אָפּ צו באַװעגנ די האַנדלונג, פאַר־ שטאַרקנ כאַראַקטער, שאַפנ די שטימונג פונעמ דיאַלאָג אָדער פונ דעמ העלדס נעשאָמע־צושטאַנד. אינ די פריִעריקע װערק האָט זיכ די דאָזיקע

סטיל־דערשײַנונג ניט אזוי ארויסגערוקט, ווי דאָ אינעם ערשטן גרויסן ווערק, אין „נאָכן אלעמען“, ווו עס זײַנען באַ בערגעלסאָנען פון די זעכציק נעמען פאראנען באַ א צוואנציק, וואָס זײַנען דערמאָנט נאָר איין מאָל צוליב ריין פּלאסטישע צילן.

אָט איז א מוסטער פון אזא ארט פערסאָנאזשן־שילדערונג: „קיין איינציקע פור איז דאָרט פארן גאנעק נישט געשטאנען, און קיין מענטשן האָבן זיך פאר איר נישט באוויזן. א וווּקסיקער פויער א „שליאבטיטש“, וואָס האָט, אפּאָנעם, א קליינע האלוואָע אפּ דער קומענדיקער זומער־ארבעט געבעטן, איז נאָר מיט ליידיקע הענט פון דאָרט ארויסגעגאנגען, זיך אָפּגעשטעלט, געטאָן א הילכיקן זיפץ, אָנגערוקט דאָס ווינטערדיקע היטל איבער די אויערן און זיך באטראכט, אז ס׳איז אים איצט אלציינס, וווהין ער זאָל נישט אָנקומען, און אז דערפאר מעג ער שוין גיין אהין, וווהין די אויגן זײַנע וועלן אים טראָגן“.

אוואדע פיגורירט ער מער אין ערגעץ ניט, דער דאָזיקער „שליאבטיטש“, וואָס איז ארויס פון בורנעסעם הויז. אָבער זײַן פונקציע איז אן איינמאָליקע און א פּלאסטישע טאקע: ער איז בארופן אונטערצושטרײַכן און פארשטארקן די שטימונג פון אָפּהענטיקײַט און צוועקלאָזיקײַט באַ מירלען, וואָס דרייט זיך דאָ ארום אין גאס און ס׳איז איר אויך אלציינס וווהין צו גיין, ווי דעם דאָזיקן באאוולטן פויער. וועגן דער דאָזיקער „פוסטקײַט“ זאָגט טאקע מירל „דעם געוועזענעם כאָסנס 18־יאָריקן געשוועסטערקינד“, וועלכן זי באגעגנט דאָ באלד,— א פארשוין, וואָס ווערט אויך מער אין ערגעץ ניט דערמאָנט.

נישט מער ווי א כאראקטעריזיר־פונקציע האָט, אשטייגער, אויך דער באָכער דער עקאָנאָם אין די הויכע שטיוול, וואָס שטעלט אָפּ וועלוול בורנעסן און שרײַט אים, אז „זיי זײַנען נישטאָ אין דער היים, דער טאטע מיט דער מאמען“... דער דאָזיקער עפּיזאָד דינט דאָך ניט מער, ווי כאראקטעריזירן וועלוול בורנעסעם פּילבארקײַט צו זײַן נעגידישן קאָוועד. דער באָכער פילט אויס דעריבער זײַן פונקציע און פארשווינדט פונעם ראָמאן אפּ טאָמיד. און דער היימישער ייִד, „א גײַוועניק, א יוירעד און א ליידיקגייער“, וואָס גייט צו צו מירלען דערציילן איר וועגן זײַן טאָכטער, וואָס „לערנט שוין דעם דריטן יאָר אין פאריז“, ווערט דאָך אויך נעלעם אפּ אלעמאָל, נאָכדעם, ווי ער האָט מיטגעטיילט וועגן דער טאָכטער און וועגן די געסט, וואָס זײַנען געקומען צו טאראבײַען.

אזא איז אויך דער אקושערקעס באָבע, די ראָזנבוימיכע, דער לערער פון טאלמעד־טוירע, דער טעלעגראפיסט, דאָס ווײַבל און דאָס דינסטמיידל, וואָס קומען דערציילן וועגן טאראבײַעס זין, די ייִדענע, די אלמאָ־

נע, וואָס קומט געזעגענען זיך, ווען מירלס מוטער פאָרט אָפּ, און נאָך און נאָך. די אַלע עמעסדיק־קאָלאָריטפולע פאַרבײַגייענדיקע פיגורן פאַרפילן די שטייגער־לופט, אָבער זיי באַוועגן אויך דערבײַ די האַנד־לונג פון דעם ראָמאַן. פונקט ווי די ייִדן און ייִדענעס, וואָס גייען צו וויסן וועגן דעם, וואָס סע טוט זיך מיט מירלען, זײַנען די אַלע פיגורן מערקווירדיק פאַרוועבט אין דעם סיפּער־האַמײַסע און פאַרבײַטן בײַ בערגעלסאָנען אַף אַן אייגנאַרטיקן אופן די רעמאַרקע, די אווטאָרשע דערקלערונג, וואָס בערגעלסאָן מײַדט אויס מיט אַלע מיטלען פון זײַן קינסטלערישער פּאַליטרע.

די דאָזיקע אַלע מיטלען, וואָס הייבן זיך בײַ אים אָן אויסשיילן אין „דעם טויבן", האָט בערגעלסאָן דאָ אין „נאָך אַלעמען" דערפירט צו גרויסער שליימעס, פאַרגאַנצט און פאַרפולקומט אַף אַזאַ אופן דעם אינדיווידועלן, אייגענעם בערגעלסאָן־סטיל אין דער ליטעראַטור. אַ פּאָר בײַשפּילן:

„עמעצנס אַ ווײַבל איז אַהער פון דער קראָם אָנגעקומען, געטראָגן אַ קלומעק מעל, צוגעדריקט צום בויך, און דאָ, נישט ווײַט פון רעב גערשאָליע הורוויצעס שטוב, דערציילט:

— זיי זײַנען אַזעלכע שיינע ייִנגלעך, טאַראַבײַעס קינדער, און דאָס מיידל זײַנס... דאָס מיידל איז אויך אַ גאַנץ פײַנע.

דאָס דינסטמיידל האָט זיך אַהער מיט דער גרויסער פלאַש קעראָ־סין אומגעקערט, זיך אָפּגעשטעלט לעבן מירלען אַף די טרעפּלעך פון גאַנעק און איבערגעגעבן דאָס, וואָס זי האָט דאָרט געזען און געהערט:

„— האָט, הייסט עס, דער פּאָליטעכניק דער גאַסט צום קרעמער גע־זאָגט: „בײַ אײַך אין שטעטל איז פאַראַן אַ „באַרישניע" מירל הורוויץ, וואָס האָט ליב מילך־שאָקאָלאַד, מוזט איר דאָך צוליב איר אָט דעם שאָקאָלאַד האַלטן".

אָט די ביידע אַרײַנגעפירטע זשאַנר־פאַרשוינען, וואָס זײַנען, אַגעוו, גלענצנד לאַקאָניש טיפּיזירט, דאָס „עמעצנס ווײַבל" און דינסטמיידל ברענגט דאָך דער שרײַבער אַהער אַראָפּ אָנשטאָט אַן אווטאָרשער רע־מאַרקע, וואָס האָט געזאָלט פאַרבינדן די האַנדלונג, דערציילן וועגן טאַ־ראַבײַעס „ייִנגלעך", וואָס זײַנען אַהער אין שטעטל געקומען און וואָס וועלן אָט באַלד פאַרבײַפאָרנדיק פאַרבינדן באַציונגען מיט מירלען, אַרויסרופן בײַ איר דעם ווידערשפּרעכלעכן כיישעק פאָרן צו די טאַראַ־בײַעס אַפן אָוונט, ווו ס'וועט פאָרקומען דער באַליידיקנדיקער אינצי־דענט מיט איינעם פון אָט די „ייִנגלעך".

און נאָך איינער אַ בײַשפּיל:

„פון די אָרומיקע כאַדאָרים האָט זיך געהערט, ווי מ'פּאַקט קערב און מע פאַרקלאַפּט קעסטלעך און ווי גיטעלעס פרעמד־שטעטלדיקע קרויווע קלינגט מיט די שליסעלעך און שרײַט צו עמעצן אַרויס דורכן אָפענעם פענצטער:

— קומט מאָרגן צוועלף אַזייגער. האַלב איינס וועלן מיר שוין זײַן אַרויסגעפאָרן".

דורכן מעדיום, דורך דער קרויווע, געפינט בערגעלסאָן פּאַר נייטיק געבן צו וויסן וועגן דעם טאָג און שאָ פון מירלס אָפּפאָר צו זיך אַף כאַסענע. אָט באַלד וועט דאָך דער שרײַבער דערציילן, אַז „מאָנטיק, אַ פּאָר שאָ פאַרן אַרויספאָרן איז מירל איינע אַליין אַרום און אַרום דעם שטעטל צו דער אַקושערקע שאַצ אַוועק". איז אַוואַדע געווען נייטיק פיקסירן אַפּריער באַם לייענער דעם טאָג פון מירלס אָפּפאָר, אויסקלאָרן און אונטערשטרײַכן אַף אַזאַ אויפן, ווי מירל נוצט אויס איר לעצטן איבערגעבליבענעם טאָג אַף צו זען זיך מיט הערצן, וועלכן מירל געפינט שוין ניט אין שטעטל...

און אַ דריטער בײַשפּיל פון אַן אַנדער אַרט:

„אומגעוויינלעך פּאַמעלעך האָבן זיך אַהין די מידע פערד אַרויף דעם פאַרבויטן באַרג געשלעפּט און אַלעמאָל די קעפּ צו דער ערד געבויגן. און אַזאַ טרויעריקע פרײַטיק־פאַרנאַכטיקע זאָרג האָבן שוין די אָרומיקע הײַזער מיט זייער פרעמדן בליק דערוועקט, אַ זאָרג פון אַ פאַרשפּעטיקטן ערעוו־שאַבעסדיקן ייִדן, וואָס שלעפּט זיך נאָך מיט זײַן פור אין די געהייליקטע ביין־האַשמאָשעס איבער דער טיפער בלאָטע, וואָס אַף די פעלד־וועגן, שלעפּט זיך פּאַמעלעך און געדענקט"...

אָט דאָס גאַנצע גאָר זײַטיקע געמעל מיטן ערעוו־שאַבעסדיקן פאַרשפּעטיקטן ייִדן פאַרשטאַרקט דאָך דאָ די געשיכטע וועגן דעם, אַז מירל האָט פאַרשפּעטיקט אָפּן אָוונט צו די טאַראַבײַס, וווהין זי איז געפאָרן. טאַראַבײַ האָט איר אַפילע אַף זײַן „עלעגאַנטישן" אויפן אַן אויסרייד געמאַכט, און פאַרן שרײַבער איז דאָ זייער וויכטיק געווען מיט נאָך אַ פּאַראַלעלן שטייגער־געמעל פאַרקריצן אין זיקאָרן מירלס לאַנגזאַמע, יאָרדישע נעסיע, וואָס ער האָט אונטערגעשטרײַכט דורך מירלס באַגעגעניש אַפן וועג מיט די בורנעסעס, אַ באַגעגעניש, וואָס האָט מערקווירדיק בילדעריש געצייכנט די באַציִונגען צווישן מירלען מיט דער גאַנצער מישפּאָכע פון איר געוועזענעם כאָסן.

אַלע זײַטלעך פון „נאָך אַלעמען" זײַנען פול מיט אַזעלכע אַרײַנגעבראַכטע פיגורן, וואָס זײַנען אויסן סײַ שאַפן דעם לעבעדיקן קאָלאָריט פונעם גרויסן נאָך־אַלעמענישן שטייגער־לײַוונט סײַ באַוועגן, ווי גע־

זאָגט, די האַנדלונג, פאַרשפּאַרנדיק דעם שרײַבער די רעדנערישע רע־מאַרקע. מערער ווי אין זײַנע פריִערדיקע ווערק זײַנען דאָ אינעם ראָ־מאַן באַ בערגעלסאָנען די פּערסאָנאַזשן, די מענטשן — מערהויפּט, אַזוי צו זאָגן, וואָס דורך זיי, דורך זייער דיאַלאָג, כאַראַקטעריזירט דער שרײַבער די סיטואַציע, די איבערלעבונגען און דעם גאַנג פון די גע־שעענישן. אויסער דעם שטאַמט דערפון די אַקטיווע צוזאַמענגעפּלאָכטנ־קײַט פון טאָן און ריידן, פון האַנדלונג און שטימונג אין בערגעלסאָנס ווערק.

וועגן אַלע געשעענישן, האַנדלונגען און נעשאָמע־צושטאַנדן דער־ציילט שטענדיק עמעצער דאָ אינעם ראָמאַן מער, איידער דער שרײַ־בער אַליין אין דער שילדערישער רעמאַרקע. אומעטום אין „נאָך אַלע־מען" „דערציילט מען", „זאָגט מען", „ס'האָט זיך געטראַכט", „ס'האָט זיך פאַרגעדענקט", און אַפילו: „ס'האָט זיך געמאָלט דעם פאַרבײַגייענדיקן מענטשישן מויעך". יאָ: אומעטום — מענטש, דורך מענטש, מיט מענטש, ער פאַרמענטשלעכט דעריבער די נאַטור אַפילו, די טויטע אָביעקטן, וואָס ווערן באַ אים דאָ אין ראָמאַן אַף אַ נײַעם אויפן באַלעבט, באַקומען מענטשלעכן כאַראַקטער און לאַשן.

בערגעלסאָן האָט אין „נאָך אַלעמען" אין זײַן שילדערונג פון דער נאַטור און זאַכן אַראָפּגענומען אָט יענעם אָפענעם סימבאָליזירנדיק־אויסטײַטשערישן באַטײַט, וואָס ער האָט געברויכט אין די פריִעריקע „דעם טויבנס" און „אַרום וואָקזאַל". די שילדערונגען פון דעם אָרט זײַנען דאָ מער קאָנקרעטע, מער שטייגערישע אַפילו. זיי פאַרהיטן אָבער זייער לירישקײַט, וואָס קומט פון דער אינטימער לײַבלעכער פאַרבינדונג מיטן פּערסאָנאַזש, מיט זײַן נעשאָמע־צושטאַנד, זיי פאַר־היטן, דעריקער, זייער כאַראַקטערפולע פאַרמענטשלעכונג, די אַנימי־זירנדיקע הויפּט־אייגנשאַפטן פון בערגעלסאָנס נאַטור־ און זאַכן־שילדערונג.

„ווײַט, ווײַט אינעם באַנאַכטיקן האָריזאָנט, וואָס קעגניבער די פאַרשנייטע פעלדער, האָבן זיך נאָר אין איין לאַנגער שוואַרצער שורע די דעמבענע וועלדלעך געצויגן, און געדוכט האָט זיך, אַז זיי ווילן דרימלען און קענען נישט, אַז סע שטערט זיי פונדאַנען די לאַנגע שײַן פון דער אַקושערקעס שאַצם רויט־באַלויכטענעם פענצטער, און ס'וועקט זיי אַלעמאָל אַן אַנדער שטיל־בלאָנדזשענדיק ווינטל, וואָס קומט אַהין צווישן די יונגע ביימער צו לויפן און לאָזט איבער צווישן זיי די באַ־נאַכטיקע מאָרע־שכוירע פון ערגעץ־ווו אַ נײַגעבוירענעם אומגליק".

און נאָך: „אין וועלדל איז געווען שטיל. די צווײַגן האָבן אין דער

הייך קוים, קוים געדרוישט, און א בלעטל, אָן אָפּגעפֿאַלן געלס, האָט זיך פֿון זיי צײַטנווײַז פֿאַמעלעך מיט דער לופֿט אַראָפּגעלאָזן. און די שטילע ביימער האָבן עפּעס געוווּסט. זיי זײַנען זיך אַזוי מיט זייערע וווקסיקע אַרומגערייניקטע שטאַמען אַרום און אַרום געשטאַנען, געהערט דעם קוים מערקזאַמען געדרויש פֿון זייערע אייגענע צווײַגן און געטראַכט וועגן מירלען, וואָס האָט מער ווי א וואָך צײַט אין נאָענטן אײַנפֿאַר־הויז געוווינט".

אוואדע איז די דאָזיקע נאַטור באַלעבט, פֿאַרמענטשלעכט, ענג צוזאַמענגעבונדן מיט דער אַרומיקער שטימונג פֿון די פּערסאָנאַזשן און דינט דערבײַ ווי א האַנדלונגס־מיטל אָפּ צו פֿאַרייניקן, וואַרפֿן א בריקל פֿון איין געשעעניש צו א צווייטער. אָבער די דידאַקטיש־בוילעטע אווטאָרשע אונטערטעקסטן ווערן דאָ פֿאַרשוווּנדן. פֿאַראַן שוין פּייזאַזשן אין „נאָך אַלעמען", וואָס זײַנען איינפֿאַך ליריש: „אָט איז מיט א טויב־שטילקײַט פֿאַרגליוועט געוואָרן די מיטלמעסיקע קאַלטע לופֿט, און די ערשטע שנייען האָבן זיך אויסגעלייגט אָפּן דערשלאָגענעם שטעטל און אָפּ דער אַרומיקער ווינטערדיק־פּוסטער געגנט". אין אַלגעמיין איז צו זען, אַז באַם שרײַבער האָט זיך געפֿעלט יענע דאָרשטיקע לאָהעטקײַט צום לענגערן פּייזאַזש, צו וועלכן ער איז יעדער מאָל צוגעפֿאַלן אין זײַנע פֿריִערדיקע ווערק, מאַמעש פֿערזענלעך פֿון אים האַנאָע געהאַט.

איצט איז אים ליבערשט אַרײַנפֿלעכטן יעדער מאָל דעם מענטש אומיטלבאַר אין דער אַרומיקער נאַטור, נישט נאָר אַנימיזירן זי גופֿא, נאָר אויך פֿאַרבינדן זי מיט קאָנקרעטע דערבײַיִקע פֿיגורן, מיט קאָנקרעטן געפֿילן־אויסדרוק פֿון לעבעדיקע באַשעפֿענישן:

„אין דער ווײַטער פֿאַרקילטער לופֿט, וואָס צווישן קויטיקע הימלען מיט שניי־ווײַסער ערד, — צוויי מענטשן, וואָס בלאָנקען אַרום און ריידן זעלטן איינער צום צווייטן. עס שווײַגן אַרום זיי מיט א שטילקײַט פֿון אוויילעם — פֿון אָן איינזאַם פֿויערים־שטיבל, וואָס אונטער א ווײַסן פֿאַרשאָטענעם דאַך, ביז א פֿאַרפֿרוירענעם טײַכל, וואָס ערגעץ אין א נאָענטן טאָל. דרימלען ערגעץ אין פֿאַרשיידענע האָריזאָנט־ווינקלען יענע אָפּגעווײַסטע וועלדלעך, וועלכע האָבן זיך טיף־טיף אין שניי אײַנגעגראָבן, זעען אויס פֿון דאָרט פֿרעמד און נײַ און נאַרן דאָס אויג פֿון א מענטשן, וואָס טראָגט זיך דאָרטן זעלטן־ווען אָפּ א לויפֿנדיקן שליטן אַדורך:

— זע נאָר? ס'זאָל שוין זײַן די דעמבענע וועלדלעך, זאָל עס שוין זײַן?"

די פאַרוועבטקייט פון מענטש אין נאַטור, די איבערגעפלאָכטנקייט פון דיביידע איז דאָ באַוויזן פאַרן אויג און אויער, באַוויזן מיט קלאַנג און פאַרב מיט אַ קינסטלערישער קראַפט, וואָס איז ניט איבערצושאַצן. און אָט זײַנען נאָך בײַשפּילן:

„און ס'ציִען זיך אַזוי די קורצע, פֿינצטערע טעג און יאָגן דאָס שטעטל אַלץ טיפער און טיפער אין ווינטער אַרײַן. ס'באַרירן שוין נישט סײַ די הײם סײַ דער דרויסן און ס'פילט זיך שוין אַזאַ גלײַכגילטיקע אומ־צופרידנקייט צו אַלץ, וואָס אַרום, כאָטש נעם שטעל אָפּ יעדעס אײַ־בערגעוואַקסן מיידל, וואָס גייט אַמאָל גײַוועדיק־פאַרפּוצט די גאַס אַדורך, לאָז אויס צו איר דײַן האַרץ און זאָג צו איר מיט אַ קאָל פון אַן עלטערער אומצופרידענער ייִדענע:

— דו, וואָס קלויבסטו אַזוי?... פאַרוואָס האָסטו שוין נישט כאַסענע, פאַרוואָס?".

די נאַטור, דער טיפער האַרבסט, גייט שוין דאָ גלײַך אַריבער אָפּ מענטש, דורך מענטש, און האָבן האָט אָט די גאַנצע געשיכטע מיטן אײַ־בערגעוואַקסענעם מיידל אַ קלאָרע שײַכעס צו מירלען, וואָס וואַנדערט איבערן שטעטל, צו מירלען מיט אירע שידוכים און איבערקלײַבערישע גענג.

אַז בערגעלסאָן שילדערט די ערעוו־כאַגעדיקע קליינע פּרעסט און די „ברודיק־פאַרפרוירענע, אָפּגעדעקטע געגנט", וואָס וואַרט אָפּ אַ נײַעם „אומגליקלעך־פאַרוואָגלטן שניי", ענדיקט ער דאָס געמעל מיט אַ רעפּ־ליק, ווי זײַן שטייגער איז:

„ — ער מוז דאָך ענדלעך אויסברעכן, אָט דער נײַער שניי"...

און טייקעף פאַרשטאַרקט ער די דאָזיקע שטימונג מיט אַ פּאַראַ־לעלער רעמיניסצענץ וועגן קינדער, וואָס גייען אין כיידער, און מיט אַ פּאַראַלעלער רעפּליק: „זיי זײַנען געגאַנגען פאַמעלעך און פויל, זיך אַלעמאָל מיט די פּלייצעס צום ווינט אָפּגעשטעלט און זיך פאַרקלערט:

— זי וועט קומען, די בלינדע נאַכט... אינגיכן וועט זי שוין געוויס קומען."

אַ פרילינג־געמעל גיט ער שוין אויך איבער דורך אַ קינד, וואָס איז פון שפּאַציר „צוריק אַהיים געקומען אַן אַנציקטס, מיט פאַרביק־רויטע בעקלעך, מיט אַ פרישן, שמייכלדיקן פּענעמל און מיט אַן איינ־און־איינציק נײַ־מאָדנעם וואָרט: „מאַמאַ, וועסנאַ!.. וועסנאַ!.."

נאָך איינעם אַ פרילינג שילדערט ער ווידעראַמאָל דורכן אַרומיקן לעבוואַרג און דורך רעמיניסצענצן, וואָס גייען פון לעבנס־שטייגער: „דענסטמאָל זײַנען אָפּ די גאַסן־ביימער צווישערנדיקע פייגעלעך

פון די קוילים ארויס, און דערצוערנס האָבן זיך מיט זייערע קינדער אהיים אומגעקערט. און אין דער לופט האָט געגומען שמעקן מיט גרינגן פראָסט, מיט יונג־מיידל און מיט סימכע פון קליינשטעטלדיקע קינ־דער, וואָס הערן שוין אויף „גיין באנאכט״.

זיי הערן ניט אוף, בערגעלסאָנס אייגנאַרטיקע און אייגנטימלעכע־זובעגישן אין געביט פון נאַטור־שילדערונגען, וואָס באַקומען דאָ אין „נאָך אלעמען״ א נייע „מענטשלעכע״ ווענדונג, נאָך מער פארשטאַרקט און מיט שאַרף־אינטענסיווער בילדערישקייט. מיט מער אייגנאַרטיקייט און בילדערישער אינטענסיווקייט איז דאָ אויך בא בערגעלסאָנען די שילדערונג פון קעגנשטאַנדן: פון גאַסן, פון הייזער, פון באלעבאַטים, פון כפייצים, וואָס העלפן אים מיט אַ טריט און שריט סיי כאַראַקטע־ריזירן די פערסאָנאַזשן סיי באַוועגן די האַנדלונג.

„הייזער הויערן שווער, ווי די גרויסע כייעס, אונטער זייערע שווע־רע שנייאיקע דעכער, און דרימלען מיט א דרימל, וואָס האָט ניט קיין סאָף.

ס׳דוכט זיך:

אויערן האָבן אָט די הייזער, פארהוילענע אָנגעשטרענגטע אויערן, הערן זיך טאָמיד איין אין דער גרויסער סוויווע־שטילקייט, וואָס ציט זיך אהער פון נאָענט און פון וויט.

ס׳דוכט זיך:

גרייט זיינען זיי צוליב יעדן מינדסטן און וויטן פעלד־געוויש פון די ערטער אופשפּרינגען און זיך לאָזן אהין יאָגן מיט גרויס צאָרן און איילעניש, ווי אָט די הונגעריקע הינט, וואָס יאָגן זיך מעקאַבל־פּאָנעם זיין זייערן א פרעמדן כאָוועער — א ניט אָנגעלייגטן גאַסט.״

די דאָזיקע כייישע טעווע פון די באלעבטע שטעטלשע הייזער האָט געוויס א שייכעס צו די באַלד נאָך זיי קומענדיקע געמעלן: סיי צום שטעטלשן מאַרק, ווו מאַרק־לייט מאַכן לייצאָנעס פון א פאַראַקשנטן פּויער און „דערצערנען אים מיט זייערע שטעכ־ווערטלעך״, סיי און דעריקער — צום געשילדערטן אויבנדערמאָנטן „אינטעריער״ מיטן ספּעקוליאַנטיש־סאַכרישן געזעמל בא די בורנעסעס אין הויז. און אוואַ־דע האָט עס א שייכעס צו מירלען, וואָס פילט זיך פאַריאָגט און דער־שלאָגן פון אלעמען אַרום.

וועגן דער סטעזשקע אין רעב געדאַליעס שטוב דערציילט בערגעל־סאָן, ווי זי רעדט זיך איבער מיט נאָך איינער א וויטער סטעזשקע — וועגן מירלס אומגליקלעכער כאַסענע: „ליגט זיך אזוי א סטעזשקע אין זאַל אַף דער ריינער פּאָדלאָגע, ליגט מיט איר גאַנצער אויסגעצויגע־

נער לענג און איז זיך מיסקאנע אין א צווייטער סטעזשקע, וואָס ליגט ערגעץ ווײַט אין א צווייטער כאַסענעדיק־צוגעקליבענער שטוב:

— די קאַלע איז אין יענער שטוב גליקלעך, קלערט, דוכט זיך, אָט די סטעזשקע.

טוט זיך קוים א ריר דער לאַנגער פאָרהאַנג, וואָס אַפּן פענצטער, און וויל, דוכט זיך, אומעטיק צוגעבן:

— זי האָט ליב דעם כאָסן, יענע קאַלע."

אזוי אויך גרויסהאַלטעריש, ווי די באַלעבאַטים, ריידן זיך איבער בא בערגעלסאָנען די שאַבעסדיקע שאָטנס אין שטעטל:

„ — מײַן שאָטן איז גרעסער.

— און מײַנער נאָך גרעסער."

אז שמוליק זײַדענאָווסקי וויינט, באַקומט זיך בא בערגעלסאָנען אָט וואָס: „זײַנען שוין בא אים אין די אויגן געשטאַנען טרערן. צוויי טראָפּנס זײַנען פאַמעלעך פון זיי אַרויסגערונען און זיך פאַמעלעך אַי־בער דער נאָז געשלעפּט. און די נאָז האָט זיי דערפילט און געענטפערט אַפּ זייער נאָסן קריכן מיט א שטילן שמאָר אַרופּ."

קעדיי אונטערצושטרײַכן שמוליקס סענטימענטאַליטעט, דינט אויך בערגעלסאָנען דאָס מיטל פון באַלעבן דעם אָביעקט, פונקט ווי עס דינט אים פאַר יעדן געפילן־אויסדרוק. שטוב, גאַס, פענצטער, בוים, פור, קאָבריץ, דער בופעט בא די בורנעסעס אין שטוב — אַלץ אַרום דערציילט און רעדט, אַלץ אַרום איז דורך מענטש און מענטשלעכס צוזאַמענגעפלאָכטן און פאַרייניקײַטלעכט, אַלץ איז אַזויאַרום באַהעפט מיטן מענטשלעכן אַרט לעבן און דענקען און שאַפט די מאָנאָליטיש־קײַט פון בערגעלסאָנס סטיל, — פאַרקניפּט אַפּ אַזא אויפן די פער־סאָנאַזשן מיט דער האַנדלונג, מיטן דיִאַלאָג און מיט די לעבעדיקע און טויטע אָביעקטן, וואָס בילדן איין גרויסן בילדערישן געדאַנקען־און געפילן־קנופּ.

בערגעלסאָנס פּאָעטיק האָט ביפראַט דאָ אין „נאָך אַלעמען" גע־פונען אָן א שיר פּלאַסטישע מיטלען אַפּ צו זײַן אַן אַקטיווע, א ריידנ־דיקע, א בילדעריש־באַווײַזנדיקע און דערווײַזנדיקע. די פאַקטאָר פון בערגעלסאָנס שילדערישער רעמאַרקע איז דאָ א קאָמפּליצירטע, ניט אַזא אָפּגעטלעכ אויסטײַטשערישע, נאָר דורכויס א פאַרטיפערטע און א סאָציִאַל־באַדײַטנדיקע. אז די געוועזענע קורסיסטן מיריאַם ליובאַשיץ רעדט שלעכטס וועגן מירלען און האַלט בעשאַס־מײַסע דאָס קינד אַפּ די הענט, דערציילט בערגעלסאָן, אז דאָס קינד „האָט מיט ביידע שוואַ־כע פויסטלעך איבער דער מוטערס פּאָנעם געשאַרט, געשפּריצט פונעם

מײַלכל און מיט גרויס אימפעט אויסגעברומט איבערן שטילן עס־צימער:

— בבבבע!..

גלײַך דאָס פּאָנעם וואָלט א שויב זײַן, און דאָס קינד וואָלט זיך אײַנגעשפּאַרט זי אויסצושלאָגן. די מוטער האָט געדרייט דאָס פּאָ־נעם אָן א זײַט, ווי מוירע האָבנדיק פאַר א פּאַטש פון אָט די צוויי קלײנע פויסטלעך"...

זאָל די דאָזיקע בילדערישע סיטואַציע זײַן א צופאַל פאַר בערגעל־סאָנען, וואָס קאָנטראָלירט שטענדיק מיטן געדאַנק און באַוווּסטזײַן זײַן בילדער־סיסטעם?

און אָט איז נאָך א בײַשפּיל:

„און אויך אין אזעלכער בלאָטיק־ברודיקער, ערטערווײַז פאַרבלי־בענער שטרוי האָבן דאָרפישע כאַזיירים מיט יִידישע בעהיימעס זייערע נעזער געשטופּט. ערגעץ־ווו לעבן טירן פון קלײנע מעל־געוועלבלעך זײַנען דאָ און דאָרט אָנגעפּעלצטע און שטאַרק פאַרבונדענע ווײַבלעך קרעמערנס געשטאַנען און איר נײַגעריקערהייט מיט די אויגן נאָכגע־קוקט:

— איז זי שוין, זאָגט מען, קימאַט ווי א קאַלע, מירל?"

די טראַנסמיסיעס, וואָס פירן בערגעלסאָנס אַסאָציאַציעס פון די כאַזיירים און בעהיימעס, וואָס שטופּן די נעזער, ביז די יִידענעס, וואָס דולן זיך וועגן מירלען, — די דאָזיקע טראַנסמיסיעס אַרבעטן ניט באַ בערגעלסאָנען „אַפּ א ליידיקן גאַנג", ווי מע זאָגט אין רוסיש.

„שטייט זיך דענסטמאָל אזוי אוראָם־מוישע בורנעסעס שטוב מיט דורכווים אָפּענע פענצטער, קוקט עטוואָס אומעטיק אַפּ די יונגע ביימ־לעך, וואָס וואַקסן פאַר איר אין איין שורע, און טרייסט זיך:

— באַ יעדן אופגעקומענעם גוויר זײַנען שוין, אַפּאָנעם, יונג און קלײן די ביימעלעך, וואָס פאַר די פענצטער."

אָט זײַנען זיי, בערגעלסאָנס אויסגערײַפטע פּלאַסטישע מיטלען, די קינסטלערישע פאַקטור, די מעגלעכקײַט צו באַלעבן דעם קעגנשטאַנד, ביכדיי צו באַלעבן, דעריקער, דעם סאָציאַלן געדאַנק, אַרויסרופן דעם דינסטן געוועב פון אַסאָציאַציעס, מיט איינע צוויי—דרײַ בילדער־שטריכן אַרײַנשנײַדן אין אויג, אין זיקאָרן א געדאַנקען־קאָמפּלעקס, וואָס דאָ האָט ער א שײַכעס צו בורנעסעס גווירישער אופגעקומענ־קײַט, צו זײַן אָרט אין דער געזעלשאַפטלעכער היִעראַרכיע פון יענער צײַט.

6

בערגעלסאָנס פּראָבלעמענ־ראָמאַנ איז אינ דער זעלבער צײַט א גרויסער שטייגער־ראָמאַנ. טאקע אויסנוצנדיק אפ זײַנ אויפנ די נאטור, די קעגנשטאנדנ, די לופט אפילע, ברענגט אונדז בערגעלסאָנ אַרײַנ אפ טריט און שריט זאפטיקע שטייגער־געמעלנ, לאקאָנישע פּארצייכענונגענ, כאראקטערפולע, לעבנספולע:

„אינ די כאַדאָרימ איז שטיל און קיל. ס׳הערט זיכ, ווי נאָגנדיק און שטיל ס׳רוישנ אינ דרויסנ די בלעטלעכ, און ס׳פילט זיכ, אז די באלעבאָסטע איז נאָרוואָס אפ א היפשער צײַט פונ דער היימ אוועקגעפאָרנ. אז די שטוב וועלנ איצט פירנ די בײדע מיידלעכ, וואָס גערענקענ נישט, ווּהינ זיי לייגנ אוועק די שליסעלעכ, און דערפאר וועט דאָ שוינ זײַנ פרייליכער און פרײַער, ווי טאָמיד, און געסט וועלנ זיכ בא די קינדער ביז שפּעט אינ דער נאכט פארזיצנ, און א קליינ קינד וועט זיכ עפּעס אײַנשפּארנ און וועט וויינענ, וועט שוינ ניט זײַנ, ווער ס׳זאָל אפ דעמ אָנשרײַענ, און מ׳וועט דעמ מוזנ געבנ פינפ קאָפּעקעס, ס׳זאָל שווײַגנ“.

און ווידעראמאָל זעצט אײַנ בערגעלסאָנ אפ א קארג־שורעדיקנ שעטעכ אנ אויסערסט כאראקטעריסטישנ שטייגער־געמעל: „אָרומ צוועלפ אזייגער באטאָג האָט זיכ נאָכ געדענקט, וויפל ווײַבער האָבנ זיכ מיט זונ־אופגאנג ארומ עטלעכע פורנ מיט גרינס געריסנ, און דורכ אָפענע טיר און פענצטער האָבנ זיכ נאָכ פונ ערגעצ ארויסגעשפּארט גיכע, פּארשפּעטיקטע קלעפּ, וואָס פאלנ אפנ פיש־ברעטל און זײַנענ אויסגעמישט מיט די ווערטער, וואָס איינ שכיינע האָט צו דער צווייטער אינ שטוב ארײַנגעשריִענ. א ייִד א קרעמער האָט אפדערגיכ א גמילעכעסעד אָפּגעטראָגנ, און דער פּראָוויזאָר סאפּיאנ האָט זיכ פונ ערגעצוווּ צו זיכ אינ אפּטייק אומגעקערט.“

אָנ דער גרויסער שטייגער־מאָלערײַ איז זיכ ניט פאָרצושטעלנ דעמ דערקענטעניש־באדײַט פונ בערגעלסאָנס ראָמאַנ, וואָס ציט אוואדע אינ דעמ פּראט די טראדיציע פונ די גרויסע ייִדישע שטייגער־שילדערער — מענדעלע, שאָלעמ־אלייכעמ און פּערעצ. נישט מער, וואָס בערגעלסאָנ האָט דעמ שטעטלשנ שטייגער שוינ אינגאנצנ אויסגעקערט מיטנ פּאָנעמ צו דער פארגאנגענהײַט, גייט ער דורכ דעריבער מייסטנס, דער דאָזיקער שטייגער, דורכ דערמאָנונג, דורכ אזא מינ „אָנשוווּמ“, וואָס צייכנט די אינערצ פונעמ שטעטלשנ לעבנס־אויסקומעניש.

פאראנ אינ „נאָכ אלעמענ“ איינס א פּאָרטרעטנ־געמעל, וואָס זאָגט היפּש וועגנ בערגעלסאָנס באציִונג צו לעבנס־אינערצ, צו אלטווארג,

צו פאַרגאַנגענהייט. ס׳האַנדלט זיך וועגן דעם סימבאָליזירנדיקן פאַר־טרעט פון דער אקושערקעס 82־יאָריקער באָבע, „א פויגלש־אײַנגעדאַר־טע און קליינוווקסיקע זקינע״, ווי בערגעלסאָן שטעלט זי פאָר.

„גאַנצע זומערדיקע טעג, — שילדערט בערגעלסאָן, — האָט אָט די אַלטיטשקע מיט פאַרמאַכטע אויגן געקאָנט אָפּזיצן אין דער הייך אױף די בעט־קישנס און אויסגיין פונווייטנס, ווי אַן אײַנגעמאַטערטער און שטאַרק מידער אויסלענדישער פּאָפּוגײַ, וואָס קען שוין די בענקשאַפט נאָך דער אַלטער היים נישט איבערטראָגן און האַלט נאָר אין איין טרוימען וועגן ווײַטע מעדינאַס־האיאָם, ס׳האָט זיך געדוכט, אַז זי דרימלט גאַנצע וואָכן מיט איינעם אַ לאַנגן פויגלשן דרימל, הערט נישט, וואָס אַרום איר קומט פאָר, און באַמערקט שוין נישט אפילו די יונגע מענטשן פון שטעטל, וואָס קומען אַהער צו איר אייניקל און ריידן דאָ וועגן פאַרשיידענע אינטערעסן. אייניקע זײַנען שוין אפילו זיכער געווען, אַז די זקינע איז טויב, אויווער־באָטל און רעדט שוין נישט פון יאָרן, פון יאָרן.

נאָר איינמאָל זײַנען דאָ מיידלעך און יינגלעך לאַנג געזעסן, לאַנג געכקירעט וועגן זיך און וועגן זייער לעבן און נאָכדעם לאַנג געשוויגן. און פּלוצעם האָבן אַלע אַ ציטער געטאָן און זיך איבערגעשראָקענער־הייט פאַרן האַרץ געכאַפּט.

די אַלטיטשקע האָט הינטער זייערע פּלייצעס דאָס אײַנגעפאַלענע מויל געעפנט, און איבערן גאַנצן כיידער האָט זיך געלאָזט הערן איר הילצערן קאָל — אַ פאַרשלאָפן און נאָגנדיק קאָל, וואָס טראָגט זיך פון ערגעץ אַ ווײַטער האַלב־אײַנגעפאַלענער כורווע.״

נעמענדיק אין אַכט בערגעלסאָנס פּרינציפּיעלקייט באַם אָרגאַני־זירן זײַנע בילדער, איז שוין ניט שווער פאַרבײַצוגיין אָט דעם אַרט מאָלן די „בענקשאַפט נאָך דער אַלטער היים״, די באַציִונג צו דער אַלטקייט, ווי צו אַ כורווע, וואָס האָט קיין שום שײַכעס צו די „יונגע מענטשן פון שטעטל״, צו זייער לעבן און אינטערעסן. אַזאַ בערגעל־סאָנישע שילדערונג קאָן ניט נישט אויסדריקן דעם שרײַבערס אַן אײַנ־שטעלונג, זײַן אינווייניקסטע אָפּשאַצונג פון די אַלע אַלטוואַרג־פּלאַסטן, פון דער לעבנס־אינערצ, מיט וועלכער בערגעלסאָנס הויפּט־העלדן, מירלען, קומט אויס צו באַגעגענען זיך, צו לײַדן פון זיי אין דראַנג צו דער נײַער עטישער און עסטעטישער זעלבסטדערקענונג.

בערגעלסאָנס לעבנס־פילאָסאָפיע פאַרנעמט אַ גרויס אָרט אינעם ראָמאַן, וואָס שילדערט דאָס לעבן. זי דריקט זיך אויס אין די קלייני־קייטן ווי אין די גרויסיקייטן, זי דריקט זיך נאָכאַנאַנד אויס אין דער

פּאָעטיק, אין דער געשטאַלטנ־ און בילדער־סיסטעם, וואָס פאַרקער־פערט דעם אידייען־אינהאַלט פונעם ווערק. אַזוי איז אויך אָרגאַניזירט די אַרכיטעקטאָניק פונעם ראָמאַן, וואָס איז צוגעפּאַסט אַרויסצוברענ־גען די הויפּט־ליניע פון מירלס דראַמאַטישע זוכענישן, פון איין זײַט, און די דעמאַסקירונג פון דער בורזשואַזער ווירקלעכקײַט — פון דער צווייטער.

אין צענטער פון דער אויסגעבויטער האַנדלונג שטייט מירל מיט אירע איבערלעבונגען, וואָס פליסן ווי אַ הויפּט־שטראָם, אין אים גיסן זיך דאָך אַרײַן, ווי בײַטײַכן, די איבערלעבונגען פון די אַלע, וואָס צײַען זיך צו איר און האָבן ווי אַ שטייגער־פאַן דאָס לעבן פון שטעטל און דאָס לעבן פון די מישפּאָכעס, מיט וועלכע מירל איז אומיטלבאַר פאַרבונדן. מירל ווערט דער ברענ־פּונקט און ציט אַרויס אָפּ דער שײַנ איינע נאָך איינע די פיגורן פון די, וואָס פאַרבינדן זיך מיט אירע פּלאָנטערנישן און זוכענישן. מיר דערוויסן זיך באַלד פון אָנהייב וועגן אויס שידעך מיט וועלוול בורנעסן, מירל דרייט זיך דערנאָך אַרום מיט ליפּקיסן, סע שווימט אַרויף די רעמיניסצענץ וועגן דער ליי־בע מיט נאָסן העלערן, עס קומט די באַגעגעניש מיט הערצן, די כאַסענע מיט שמוליק זײַדענאָווסקין און דער לעצטער, דער נײַער אײַנגעליב־טער — מאָנטשיק.

באַנאַנד מיט דער דאָזיקער אָנהויבונג, וואָס גייט קעסיידער אומ־באַמערקט אין די ערשטע צוויי טיילן פונעם ראָמאַן, גייט אויך דער אָנוווקס פון מירלס דראַמאַטיק, וואָס דערגרייכט איר געוויסע הייך אין דריטן טייל, אין דער צײַט פון מירלס געט און אַבאָרט. דעריבער זאַמלט דאָן אויף דער שרײַבער אַרום מירלען אין איין צײַט און אָרט אי שמוליק זײַדענאָווסקין, אי נאָסן העלערן, אי מאָנטשיקן, אי הערצן, וואָס מירל רופט אַהער צו זיך אַרויס. נאָכדעם גייט אין לעצטן טייל אַלעמענס „אָפּגאַנג״ פון מירלען. זי פאַרלירט זיי באַוווסטזיניק איינעם נאָכן אַנדערן, האָבנדיק פאַרלאָרן די האָפענונג צו געפינען אינעם אַרומיקן לעבן דעם „איקער״, מיט וועלכן זי האָט פאַרבונדן די פראַגע פון ליבע און גליק.

די גרונט־שטאַפּלען פון מירלס לעבנס־וועג צייכנט דאָך בערגעל־סאָן אָפּילע אין די שורעס, מיט וועלכע ער הייבט אָן יעדער טייל פו־נעם ראָמאַן. דער ערשטער טייל, ווו אין צענטער שטייט מירלס באַ־צײַונגען מיט וועלוול בורנעס, הייבט זיך טאַקע אָן מיט די שורעס וועגן דעם קליינשטעטלשן שידעך, וואָס האָט זיך געצויגן גאַנצע פיר יאָר. דער צווייטער טייל פאַרמאָגט אין צענטער רעב גדאַליעס שלעכטע גע־

שעפטנ, וואָס האָבנ געפירט מירלענ כאַסענע צו האָבנ פאַר שמוליק זײַדענאָווסקינ. דער טייל הייבט זיכ אָנ מיט די שורעס: „געפלאָנטערט האָבנ זיכ אַלצ מער אונ מער רעב גדאַליע הורוויצעס געשעפטנ”. אינ דריטנ טייל איז דער צענטראַלער פונקט די צעשיידונג. דער גײט מיט שמוליקנ. הייבט ער זיכ אָנ מיט דער פילזאָגנדיקער שורע: „שמוליק, גיי דיר אַוועק”. אונ דער לעצטער טייל באַהאַנדלט רעב גדאַליעס טויט, די צעפאַלונג פונ מירלס שטוב, מירלס צוריק־קער אינ שטעטל אונ מירלס טראַגישע אויסגאַנגלאָזיקײַט. דאָ גייט אינ אָנהייב דער שטימונגספולער זאַצ וועגנ דער שטורמישער נאַטור: „דאָס איז געווענ אינ די פראָסטיקע שטורעם־שנייענ”...

אויסגערעכנט אונ אָרגאַניזירט זײַנענ באַם שרײַבער מירלס אַלע באַגעגענישנ, פאַסירונגענ אונ איבערלעבונגענ, וואָס ווערנ געשילדערט אינ פאַרלויפ פונ דער האַנדלונג פונ טייל צו טייל, פונ קאַפיטל צו קאַפיטל אונ פונ עפיזאָד צו עפיזאָד. אָבער די דאָזיקע אויסגערעכנטקײַט אונ אָרגאַניזירטקײַט איז געשאַפנ אַזוי, אַז זי גייט אינ דער ריכטונג צו לאָזנ פליסנ דעמ פרײַענ אומבאַצוווּנגענעמ נאַטירלעכנ לעבנס־גאַנג, וואָס דער שרײַבער קאָפירט קינסטלעריש. אינעמ ראָמאַנ רעדט, דאַכט זיכ, אַליינ דאָס לעבנ, ס'רעדט א מינ פאָעטישער סייסמאָגראַפ, וואָס רעגיסטרירט מירלס אונ אַלעמענס געדאַנקענ, געפילנ אונ איבערלעבונגענ. טאַקע דערפאַר, וואָס בא בערגעלסאָנענ ווימלט אינעמ ראָמאַנ מיט מענטשנ, מיט אָנ א שיר פאַרשיידענע שטייגער־דעטאַלנ, מיט פייזאַזש אונ מיט עכטנ לעבנס־אַנטוראַזש, באַקומט דער ראָמאַנ דעמ כאַראַקטער פונ עכטער לעבנס־אָפשפיגלונג מיט אַלדי אומגעריכטקײַטנ אפילע אונ קלוימערשטע צופעליקײַטנ, וואָס פאַסירנ אינ דערווירקלעכקײַט.

נישט אומזיסט גייט אינ ראָמאַנ א רייד וועגנ מירלס באַסיעכידישע קאַפריזנ. אָט די קאַפריזנ נוצט דאָכ אַמאָל אויס דער שרײַבער אפ צו שילדערנ אייניקע טאַטנ אונ אופירונגענ, וואָס בלײַבנ ניט מאָטיווירט אונ ניט דערקלערט, טאַקע ביכדיי צו פאַרשטאַרקנ די אילוזיע, אַז דאָ האַנדלט זיכ וועגנ לעבעדיקנ לעבנ אונ וועגנ לעבעדיקע מענטשנ: דער שרײַבער, הייסט דאָס, דערציילט וועגנ דעמ, וואָס ער ווייסט, וועהאָרײַע, דאָס, וואָס ער ווייסט ניט, דערציילט ער ניט. אַזא כאַראַקטער טראָגט מירלס באַציִונג צו וועלוול בורנעסנ, וואָס בלײַבט קלוימערשט ניט אופגעדעקט באַמ שרײַבער גופע. אַזא כאַראַקטער, לעערעכ, טראָגט דאָכ די געשיכטע מיט מירלס נעסיִע אינ קרײַז־שטאָט, ווו זי באַגעגנט זיכ צומ ערשטנ מאָל מיט שמוליק זײַדענאָווסקינ. אָט וו:אַזוי בער־

געלסאָן שילדערט די דאָזיקע נעסיע נאָך דעם, ווי מע האָט מירלען פאַרגעלייגט דעם שידעך מיט שמוליקן, און נאָך דעם, ווי זי האָט געזאָגט דעם שאדכן, אַז „ס'וועט פון דעם גאָרנישט זיין...‟

„זי איז שוין אפילע צופיל אופגערעגט געווען, בעשאס זי האָט אָט די ווערטער געזאָגט, און דאָך, ווען אין עטלעכע טעג ארום איז זי גלאַט אזוי אין קריַיז־שטאָט אוועקגעפאָרן, איז עמעצער פון דאָרט אהער געקומען און דאָ וועגן איר איבערן גאנצן שטעטל ניַיע קלאנגען פאַר־שפּרייט:

— יאָ, מ'האָט זי דאָרט מיט שמועל זיַידענאָווסקין ארומגיין געזען.

אין מאלאָראָסישן טעאטער האָט מען זי דאָרט מיט אים געזען, און נעבן דער טורמע, וואָס ארויס דער שטאָט, האָט מען זי מיט אים געזען.

שווער איז שוין געווען אַן עק דערגיין, צי פאָרנדיק אין קריַיז־שטאָט, האָט מירל געוווּסט, אַז זי וועט זיך דאָרט מיט אים טרעפן, צי דאָס טרעפן זיך איז שוין א צופעליקע און אומגעריכטע זאך אפילע פאַר גי־טעלען מיטן קאסיר געווען‟.

צי דאכט זיך ניט, אַז אליין פארן שריַיבער איז דאָס אויך גע־בליבן אומבאוווּסט, ער האָט דאָך אלנפאלס אין ערגעץ וועגן דעם ניט דערציילט, שאפנדיק אָפּ אזא אויפן די איליוזיע, אַז ס'איז טאקע בעעמעסן געבליבן מירלס סאָד און ס'איז טאקע בעעמעסן אלץ אזוי פאָרגעקומען. דער איליוזיע דינען דאָך אויך די אונטערגעשטריַיכטע פראָטועסן וועגן דער באגעגעניש „אין מאלאָראָסישן טעאטער‟, ווי עס דינט דער פאקט, אַז אזוי האָט מען דערציילט אין שטעטל, פון וועלכן אליין דער שריַיבער, קלוימערשט, האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם.

אין דעם אלעם באשטייט די קלוגשאפט פונעם שריַיבער, די קלוג־שאפט, וואָס ווערט בעפיירעש א קאָמפּאָנענט פון סטיל בא בערגעלסאָ־נען. אָט די קלוגשאפט האָט אָפּ טריט און שריט פארינהאלטלעכט און מיט דעם גופע קאנאָניזירט בערגעלסאָנס פאַר יענער ציַיט גאָר ניַיע סטיל־איינגשאפטן, זיַינע ניַי־באשאפענע, אויסגעדראכטע שפּראך־פאָר־מען, סינטאקס, לעקסיק און וואָרט־שאפונג. אויסגעקערט דאָס שטעטל אינגאנצן מיטן פּאָנעם צו וועלט און וועלטלעכס, האָט בערגעלסאָן אויך באניַיט און באריַיכערט דעם נוסעך פון דעם מער טראדיציאָנעלן יידיש, וואָס די יידישע קלאסיקער האָבן קינסטלעריש פארברויכט. אין יענע יאָרן האָט בערגעלסאָנס באניַיונג פון סטיל און פון די שפּראך־פאָרמען באטיַיט אפילע א געוויסע דעפאָרמירונג.

אין „נאָך אלעמען‟ האָט בערגעלסאָן פארשטארקט און פארפול־

קומט דעם געברויכ פונעם צײַטוואָרט, וואָס ער שטעלט שטענדיק אפנ סאָפ פונ דער פראזע. ער האָט נאָכ מער פארגרונטעוועט אינ דער שפראכ די צונויפגעזעצטע ווערטער, וואָס פריער האָט דער ערשטער אָנגעווענדט אינ אזא גרויסער מאָס. ער האָט אקצענטירט נאָכ מער דעם נײַעם סינקרעטישנ, אזוי צו זאָגנ, פילדײַטיקנ עפיטעט. גרויסע צענדליקער באשאפענע מעטאפאָרעס באווײַזנ, ווי בערגעלסאָנ נוצט סובסטאנטיוונ אונ אדיעקטיוונ, ווי ער באזיניקט זיי איבער, אריבערטראָגנדיק סינקרעטיש די אסאָציִאטיווע פארבנ פונ איינ באדײַט פונ וואָרט אפנ צווייטנ. בערגעלסאָנ שרײַבט: „שאבעס־צונאכטיקע פענעמער", א „ווארטנדיקע פויזע", „אָפגעווײַסטע וועלדלעכ", אנ „אָפגעפליקטער פארשוינ", „ארבעטסלאָזער פולווארעק", „די יונגע רעבעצנ קראצט וועגנ אימ מיטנ שטומפיקנ עק שפיזל אינ פאריק", אָדער: „צופיל פארקלערט ארופ מיט דער נאָז געשמאָרעט". ער שרײַבט אויכ: „ניצאָכנ־פאָנעמ", „מעטושטעשדיק־נאָגנדיקער", „קאָוועד־זוכערישער", „איבערפלי־שמייכל", „פארפינצטערט־ליִב", „שטארק־שוואכנ", „אומעטיקער בייז־ווונדער־יעלאָלע", „שלעכט־שווײַגנדיקע", „אנ אמעראציש־אומעטיקער", „ליגנעריש־ערנסטנ" אונ נאָכ אונ נאָכ אָנ א שיר אלערליי בילדערישע פאָרמענ אונ וואָרט־באהעפטונגענ, וואָס צייכענענ פארשיידענע כאראקטער־ניואנסנ, פארשיידענע נעשאָמע־צושטאנדנ, פארהיטנדיק דערבײַ די אָרגאנישקײַט פונעם שפראכ־גײַסט.

בערגעלסאָנס מאָדערנער סטיל ווערט, צו גלייבנ, אמאלגאמירט פונ דרײַ פראזעאָלאָגישע קוועלנ: יִידיש, העברעִיש, רוסיש. אמאָל טיילט ער אויס, ער דיפערענצירט יעדנ קוואל באזונדער. פונעם העברעִישנ: „ס'איז אפ אימ ארופגעשפרונגענ דער צאָרנ", „פארשלאָסנ די אויצרעס פונ ווינט", „דער מאלעכ־האמאָוועס לאָקערט", „דער באָבעס קאָל פונ א כורווע" אונ נאָכ. פונעם יִידישנ: „ער וועט בא זײַנ מאמעס פארטעכ זיצנ", „ווי א הונט אפ דער שטריק", „קיינ דיבורים אינ מויל נישט געהאט", „אָט דער, איר זאָלט מיר מויכל זײַנ" אונ נאָכ אונ נאָכ. פונ רוסישנ: „פיל האָבנ ביז הײַנטיקנ טאָג געגעבנ די מעטאפיזיקער?", „וועמענ, מיינט מירל, נארט זי, זיי צי די שטאָט?", „נו, אונ ליבע? נו, אונ יעדער געדאנק, וואָס גייט איבער אינ „אָשטשושטשעניִע?". דאָ האנדלט זיכ וועגנ אנ אינטעליגענטנ־דיִאלאָג, וואָס האָט געקאָנט פאָרקומענ אינ רוסיש, אונ דערפאר טרעפט בא בערגעלסאָנענ אינ אזוינע פאלנ אזא אָרגאנישער איבערגאנג צו דער אומיטלבארער רוסישער פראזע „טי כאָראָשי", „טי גלופי", „נע סמעט!" אונ נאָכ.

באַ דער גאַרער סטיל־ און שפּראַך־נאָוואַטאָרישקייט האָט אָבער בער־געלסאָן שטענדיק געדענקט אָריענטירן זיך אָפּ דער אָרגאַנישער טעווע פון דער פאַרוואָרצלטער פאָלקס־שפּראַך, אָפּן גאַנג און גייסט פון די אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער אויסגעפורעמטע שפּראַך־פּלאַסטן. בער־געלסאָן איז אַ טיפער קענער פונעם יידישן רייד־שטייגער, פון דער יידישער ספּעציפישער פראַזעאָלאָגיע, וואָס איר צאָל איז אַ גרעסערע איידער אין אַ ריי אַנדערע שפּראַכן. ער האָט דאָך עס באַוויזן ביפראַט, ווען ער איז צוגעטראָטן שפּעטער שילדערן די יידישע פאָלקס־מאַסן און פאַרפאַסט די עמעסע פאָלקסטימלעכע, אין טיפן יידיש אָפּגעטוקטע שפּריכווערטער און ווערטלעך. אָט פאַרוואָס בערגעלסאָנס מאָדערנע שפּראַך־ און סטיל־באַרייכערונג פון יענע יאָרן האָט זיך געלייגט אין גרונט פון דער ווייטערדיקער שפּראַך־אַנטוויקלונג און האָט באַווירקט די גאַנצע ליטעראַטור פון דער ווייטערדיקער טקופע.

באַנאַנד מיטן צווייטן שפּראַך־ און סטיל־מייסטער פון יענער צייט, דעם ניסטער, האָט בערגעלסאָן באַזונדערס באַווירקט די נייע, אינגיכן אויפגעקומענע יידישע דיכטונג. פאָעטיזירנדיק זיינע פּראָזע־ווערק, האָט בערגעלסאָן באַווירקט מיט זיין לירישן געמיט די ניי־געקומענע דיכטער פון דער נאָך־אָקטיאַבער־טקופע. האָפּשטיינס באַוווסטע שורעס: „אין ווינטער־פאַרנאַכטן אָפּ רוסישע פעלדער, ווו קען מען זיין עלנטער, ווו קען מען זיין עלנטער"; אַזוינע שורעס ווי: „אוועק דער שאַבעס שוין. אָפּ ווייטע שנייען אַ גרויסער עמעצער שיט גראָווע אַש. אין קליינעם קלייטעלע שוין וואַרטן צווייען: אַ טונקל שיקסעלע, אַ שוואַרצע פלאַש"; אַפילע קוויטקאָס „אַ שווייגן" — און אַ סאַך אַנדערע לידער פון דעם אַרט זיינען בעפּיירעש באַשיינט דורך בערגעלסאָנס לירישן פּייזאַזש און שטימונגס־איבערלעבונגען, אָפּגערעדט שוין פון דער פּאָעטיק פון די דאָזיקע דיכטער, וואָס ציט איר יעניקע אין אַ היפּשער מאָס פון בערגעלסאָנס אַלע אויסגערעכנטע געפינסן אין געביט פון וואָרט און סטיל.

וועגן בערגעלסאָנס פּאָעטיזירונג פון „נאָך אַלעמען" דאַרף גיין באַזונדער אַ רייד, אַ רייד וועגן דעם גרויסן לירישן שטראָם אין בער־געלסאָנס ערשטן ראָמאַן. דאָ האַנדלט־זיך וועגן ליריק ווי אַ סטיל, וועגן לירישער וועלט־שפּירונג, וואָס דרינגט דורך דעם גאַנצן ראָמאַן, וועגן ליריק ווי אַן אויסדרוק פונעם שרייבערס הומאַניסטישער שטרע־בונג צו אַנטפּלעקן דאָס עמאָציאָנעלע, טיף־מענטשלעכע, וואָס עס קאָן געבן אין מענטש און וועלט, אין קעגנזאַץ צו דער דעמאַסקירטער אומ־מענטשלעכקייט פון דער געשילדערטער בורזשואַזער געזעלשאַפט. וואָס

נעענטער צו מירלס דראמאטישע זוכענישן, אלץ שטארקער דער לירי־שער גײַסט אינעם שרײַבערס געמעל, אלץ אויסגעשפּראָכענער די פּאָע־טיזיר־מיטלען פונעם שרײַבער, וואָס האָט דעם ראָמאַן „נאָך אלעמען" געשריבן ווי א מין דיכטערישע פּאָעמע, פון איין גוס און אָטעם.

אין „נאָך אלעמען" ווערט אויך קלערער דער פּרינציפּ פון באַנוצן די דריטע פּערזאָן אינעם דיאַלאָג. דאָס איז, מאַשמאָעס, ביכדיי אײַנ־צוהיטן טאקע דעם מאָנאַליטישן כאראקטער פון דער פּאָעטישער שיל־דערונג, וואָס איז בא בערגעלסאָנען, ווי אין דער לירישער ליד, פאר־בונדן מיט דעם דערציילערס פּערזענלעכקײַט.

צוויי בײַשפּילן:

„אז ער האָט דערזען מירלען, האָבן בא אים די אויגן צו שמייכלען אָנגעהויבן. ער איז צו איר צוגעגאנגען און האָט געזאָגט:

— ער האָט נעכטן אין אָוונט וועגן איר געטראכט און פיל מיט דער אקושערקע גערעדט, אים געפעלט, וואָס זי האָט אים נעכטן גע־הייסן שווײַגן".

און נאָך א בײַשפּיל:

„צו איר אין ביידער איז דאָך אין א ווײַלע ארום די אקושערקע ארײַנגעקומען און געפרעגט:

— מירל איז נישט א באַלן צו גיין א ביסל שפּאצירן?"

אין דיביידע פאלן איז צו זען, אז דער דיאַלאָג איז אין דער דאָ־זיקער פאָרם נישט מער, ווי א פאָרזעצונג פון דער רעמארקע. ווען מע שטעלט אוועק פאר דער רעפּליק דאָס בינדוואָרט „אז" אין דעם ערשטן בײַשפּיל און דאָס בינדוואָרט „צי" אין דעם צווייטן — וואָלט מען נישט באדארפט אויסטיילן באזונדער און אוועקשטעלן א פּאסיקל, א דיאַלאָג־צייכן, הייסט דאָס, פאר דער שורע, וואָס הייבט אָן דאָס גע־שפּרעך אין דער דריטער פּאָרם. און אזוי קעסיידער: אומעטום, וווּ בער־געלסאָן ברויכט אין דיאַלאָג די דריטע פּערזאָן אָנשטאָט דער ערשטער און צווייטער, איז צו זען, אז דאָס אויסטיילן די דיאַלאָג־שורע באטײַט פאר אים נישט מער ווי א גראפיש מיטל, ווײַל בעצעם איז די דאָ־זיקע שורע פּאָעטיש פארבונדן מיט דער פאר איר קומענדיקער רעמארקע, נישט אָפּגעריסן פון איר אין סטיל און כאראקטער.

וואָרעם טאקע דאָרט, וווּ דער שרײַבער גייט צו נעענטער צו דער שטייגער־האנדלונג, נעענטער צו דער שטייגערישער פּראָזע־פּאָרם, דאָרט ברויכט ער אויך אין דיאַלאָג דעם פּראָנאָם אין דער ערשטער און צוויי־טער פּערזאָן, וואָס ווערט בא אים שלאָגעווודיק און אויסדריקלעך גע־שפּרעכמעסיק.

„פלוצעם האָט זי צו אים איר פּנעם אויסגעדרייט און בא אים א פרעג געטאָן:

— טאטע, וויפל געלט איז דיר געבליבן?"

ס'איז פון דעם צו באמערקן, אז דער דריט־פּערזאָניקער פּראָנאָם אינעם דיאַלאָג איז טאקע בא בערגעלסאָנען מער אָדער ווייניקער פאַר־בונדן מיטן פּאָטישן קאָמפּלעקס פונעם ווערק, מיט די פּאָטישע סטיל־איינגשאפטן פונעם שרײַבערס לירישער פּערזענלעכקייט, מיטן לירישן אינהאלט פון דער געגעבענער שילדערונג.

צום דאָזיקן קאָמפּלעקס געהערן אויך, צו גלייבן, אייניקע טעמעס און מאָטיוון, וואָס בערגעלסאָן באזערט איבער אינעם ראָמאן. איצט האנדלט זיך שוין ניט וועגן די רעפרענאַרטיקע שטימונגס־שורעס, וואָס דער שרײַבער באזערט איבער, ווי פריער אין „דעם טויבן" און „ארום וואָקזאַל". איצט האנדלט זיך וועגן איינע און די זעלבע לי־ניעס, גאנצע טעמאטישע ליניעס, צו וועלכע בערגעלסאָן קערט זיך אום פיל מאָל אין פארלויף פון דער האנדלונג.

בא אכט מאָל גייט דורך אינעם ראָמאן די אויבן באהאנדלטע טע־מע וועגן דעם „ווי געוויינטלעך", וועלכע בערגעלסאָן וואריִרט אף פארשיידענע אויפאנים. א צען מאָל רעדט זיך אינעם ראָמאן וועגן מירלס אויסזען, וועגן איר שיינקייט. די טעמע פון מירלס פאַר־פרעמדטקייט פון איר אייגענער היים און שטוב גייט דורך בא א זעקס מאָל. וועגן מירלס סינע צו דער רעבעצן רעדט זיך א פינף מאָל. בא אן אכט מאָל דערמאָנט בערגעלסאָן די טעמע וועגן דעם „איקער" אין מירלס לעבן. העכער צוועלף מאָל וואריִרט בערגעלסאָן דאָס מיטל, וואָס גיט א מעגלעכקייט איבערגעבן אין נאָמען פון שטעטל אלץ, וואָס עס קומט פאָר מיט מירלען און מיט די איריקע. עטלעכע מאָל גייט דורך דער מאָטיוו פון איראָנישן שמייכלען בא הערצן און בא דער אקושערקע, און א צוועלף מאָל רעדט זיך אינעם ראָמאן וועגן שווײַגן: מירל שווײַגט, און גיטעלע איר מוטער שווײַגט, און דער יונגערמאן, וואָס קומט מאָנען דעם כויוו בא רעב גדאליען, שווײַגט, און וועגן אכאד־האָאָמען דערציילט זיך פארבײַגייענדיק: „ער קאָן אַײַך אָפּשווײַגן א גאנץ יאָר", און דער פעלדשער, וואָס ווערט אייך מאָל סאכאקל דערמאָנט, איז „א שאסקן", און די פלעשלעך מיט רע־פועס, וואָס שטייען אפן פענצטער, „האָבן שווײַגנדיק דערמאָנט אָן דער גלײַכגילטיקייט פון די אויסלענדישע פּראָפעסאָרן"...

אָט די אלע איבערכאזערונגען גיבן דען ניט קיין רעכט צו ריידן וועגן דער לירישער קאָמפּאָזיציע פונעם ווערק? בערגעלסאָן פלעגט

איבער זײַן ראָמאַן, ער פאַרוועבט אים מאַמעש מיט די דאָזיקע רע־פרענאַרטיקע אינהאַלטלעכע הויפּט־ליניעס, ביכדיי צו ווירקן עמאָ־ציאָנעל, פּאָעטיש, ווירקן ניט נאָר אפן געדאַנק, נאָר אויך אפן געפיל און שטימונג, אַזוי ווי מע ווירקט אין דער מוזיק מיט א זיך איבער־כאַזערנדיקן קלאַנגען־אַקאָרד. א געוויסע צאָל פיגורן פירט אַרײַן בער־געלסאָן אין „נאָך אַלעמען" אויך לויטן פּרינציפּ פון דער מוזיקאַלער קאָמפּאָזיציע. אין מוזיק קומט אמאָל צום ערשטן אן איינצלנער קלאַנג, א מאָטיוו, וואָס צעוואַקסט זיך דערנאָך אין א גאַנצער און גרויסער מוזיקאַלער טעמע. אַזוי דערמאָנט בערגעלסאָן אפריער, פאַרבײַגייענ־דיק, די נעמען פון העלערן, פון שמוליקן, פון הערצן, וואָס קומען אוף ערשט שפּעטער אין זייער גאָרער כאַראַקטער־גרייס.

לויט דער מאָלערישער ליניע דאַרף מען פאַרצייכענען דאָ דעם אויפן, ווי:אַזוי בערגעלסאָן שאַפט זיך קינסטלעריש מיט שײַן און פאַרב אינעם ראָמאַן. אין זײַן שפּעטערדיקן „באַם דניעפּער" וועט בערגעלסאָן שרײַבן וועגן פּענעקס קינסטלערישע זעלבסטבאַטראַכטונ־גען, וואָס טראָגן מייסטנס אן אווטאָבי:אָגראַפישן כאַראַקטער: „פּע־נעקס קלאַל: אין יעדער געשעעניש איז גוט צו מאַכן א סימען, און דער בעסטער סימען איז די שײַן, ווען די געשעענישן האָבן פּאַסירט".

אָט דאָס דאָזיקע זעען מיר דאָך אין „נאָך אַלעמען" — אן אומע־טומיקע שפּיל פון לאָמפּ און פענצטער — לאָמפּן־שײַן און פענצטער־שײַן — בא בערגעלסאָנען. הײַנט דאָס קלייד מיטן שלעפּ אפּ מיר־לען. דער ווײַסער טישטעך, די ראָזע גאַרדינען, דער אָפּגעגאָלטער קאָפּ באַם קראַנקן רעב געדאַליען, דאָס בענקל מיטן אָפּגעשיילטן מאַ־ראַנץ לעבן פאַרשוואַכטן שמוליקן, דער בלוי־גרינבלעכער פלאַם פון־נעם דאַמפּ־מאַשינדל — אַפּ יעדער טריט און שריט צעשאָטענע קאָ־לירטע און ליניי:שע מאָלערישע שײַן־פלעקן: דאָ א געהויקערטע פּליי־צע, דאָרט א לענגלעך פּאָנעם, די לענגלעכע שורע פון בערד, „ברוינ־בלויע אָדערן אונטערן הויט פון נאָז", די סאַרווערן, די י:דענע מיט די בלויע ברילן, די „זעכציק קײַענדיקע און טרינקענדיקע מײַלער", „דאָס יונגע בלאָנד־רויטלעכע און פריש־אַרומגעשוירענע בערדל, וואָס האָט, אויספעלנדיק די אויערן, זיך מיט די שאָטענע קאָפּ־האָר צונויפ־געגאָסן און זיך געצויגן אַרום פּאָנעם, ווי א שטרענג־גלײַכע רעצוע"— קעסיידער אײַנדרוקספולע פלעקן און ליניעס, וואָס סיגנאַליזירן צו אונדזער אויג־ און אויער־דערפאַרונג. אָט די פלעקן און ליניעס פאַר־וואַנדלען אויך בערגעלסאָנס שפּראַך, זײַן י:דיש, יעדעס וואָרט באַ־זונדער אין א לעבעדיק באַשעפעניש, פון יעדן וואָרט גייען אויף אָן א

שיר אַסאָציאַציעס פֿון קלאַנג, פֿון פֿאַרב, פֿון דופֿט, וועגן וועלכע ס'גייט אויך אַ רייד אין פֿענעקס זעלבסטבאַטראַכטונגען. אַפֿילו בעד־געלסאָנס נעמען — די פֿאַמיליע־נעמען אויך ביכלאַל: וואָווע בורנעס, טאַראַבײַ; אין די שפּעטערדיקע ווערק: בורמאַן, עסטער פֿיכ, נאָסג ווידערפֿאָליער, מאָכאָרטאָוו — אַלע זײַנען נעמען זײַנען אַזויאַרום קינסטלעריש באַהעפֿט מיט די טיפֿן גופֿע, ווײַל אין די דאָזיקע קלאַנג־געגן ליגן עפּעס פֿאַרבאָרגן אייגנאַרטיקע אימפּרעסיווע באַטײַטן, זיי וועקן ווײַטע און טיפֿע אָפּהילכן פֿון טעווע, אייגנשאַפֿט און איבער־לעבונג.

אוואַדע קען מען ניט אויסמײַדן די ראָל פֿון דער מאָלערישער און מוזיקאַלער אימפּרעסיע באַם באַהאַנדלען די ספּעציפֿיק, די אייגנ־שאַפֿטן פֿון בערגעלסאָנס פּאָעטיק. און אוואַדע איז די דאָזיקע פּאָע־טיק געענדערט געוואָרן, בעשאַס ער האָט אופֿגעעפֿנט אַלע כּוחים פֿארן סטיל פֿונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם אין העסקעם מיטן דערוואַרבע־נעם אָפּענעם רעאַליסטישן וועלטבאַנעם, דאַן זײַנען באַם שרײַבער פֿאַרשוווּנדן לאַכלוטן די טונקלקײַטן, וואָס זײַנען געווען אַן אויס־דרוק פֿון זײַן פֿאַרטונקלטער לעבנס־אופֿאַסונג.

אָבער פֿונדעסטוועגן איז בערגעלסאָן אין פֿראַט פֿון זײַנע קינסט־לערישע אימפּרעסיע־מיטלען דאָך געגאַנגען אין וועג פֿון די גרויסע שרײַבער י.־ל. פּערעץ, טשעכאָוו און מאָפּאַסאַן. די אַלע האָבן די קינסטלערישע לירישע אימפּרעסיע, הייסט דאָס, די אויגנבליקלעכע פֿאַרשאַרפֿטע אופֿנאַמס־מעגלעכקײַטן פֿונעם שרײַבערס כּוחים פֿאַר־וואַנדלט אין אַ מיטל, וואָס פֿאַרשטאַרקט זייער אַרײַנדרינגען אינעם לעבנס־שטייגער, העלפֿט מיט אופֿדעקן און דערקלערן די לעבנס־פּראָ־צעסן פֿון דער אַרומיקער סאָציאַלער ווירקלעכקײַט.

דער דאָזיקער דערקענטעניש־באַטײַט פֿון דער קינסטלערישער אימ־פּרעסיע האָט ניט קיין געמיינשאַפֿט מיטן אימפּרעסיאָניסטישן מע־טאָד, אַשטייגער, פֿון קנוט האַמסונס שאַפֿונגס־סטיל. אימפּרעסיע הייסט ניט קיין אימפּרעסיאָניזם, אָט ווי עקספּרעסיע הייסט ניט קיין עקס־פּרעסיאָניזם, פּונקט ווי האָבן אַן אידעאַל, לאָמיר זאָגן, באַטײַט ניט האָבן אַן אידעאַליסטישע וועלט־אָנשויונג. אימפּרעסיאָניזם ווי אַ קינסטלערישע וועלט־שפּירונג — און אַזאַ איז דער אימפּרעסיאָניזם פֿון דער האַמסונישער שול — באַטײַט אופֿאַסן די ווירקלעכקײַט אַ צעשפּליטערטע, אַ צעפֿאַלענע אַף אייניצלנע, באַזונדער אופֿגענומענע דערשײַנונגען.

לעניג שרײַבט אין זײַן בוך „מאַטעריאַליזם און עמפּיריאָקריטי־

ציזם״: „דער סאָפיזם פונ דער אידעאליסטישער פילאָסאָפיע באַשטייט אינ דעמ, וואָס די שפירונג ווערט אופגענומענ ניט ווי א פאַרבינדונג פונעמ באַוווסטזײַנ מיט דער אויסערלעכער וועלט, נאָר ווי א צאַמ, א וואַנט, וואָס טיילט אָפּ דעמ באַוווסטזײַנ פונ דער אויסערלעכער וועלט״ (ז. 41—42. אויסג. 1931).

אזא איז אויכ לעערעכ די שפירונג בא די אימפּרעסיאָניסטישע קינסטלער. דער מענטש איז אינ דער דאָזיקער קינסטלערישער אופאַכונג אנ איזאָלירטע אונ סטיכייִשע באַשעפעניש, אָפּ אַזוי־פיל, אָפּ וויפל פאַרנ דאָזיקנ קינסטלער עקזיסטירט ניט קיינ לאָגישע געזעצמעסיקײַט, קיינ אָביעקטיווע, סאָציאַל־פאַרורזאַכטע, געמיינשאַפטלעכע לעבנס־פּראָצעסנ. די מענטשלעכע ליידנ, וויפולע קאָנפליקטנ זײַנענ אינ דער דאָזיקער קינסטלערישער פאָרשטעלונג ניט קיינ סאָציאַלע דערשײַנונגענ, זיי געהערנ צומ מינ אַבסאָליוטיזירטע אומפאַרענדערלעכע „וועלט־שמערצנ״. צו דעמ מינ געהערנ אויכ די קלוימערשט אימפאַרמײַדלעכע ליבע־ליידנ — אויכ קלוימערשט אנ אייביקע אומפאַרענדערלעכע סובסטאַנציִעלע דערשײַנונג, איינע פונ די טיפסטע אַנטפּלעקונגענ פונעמ זעלבנ „אייביק מענטשלעכנ וועלט־שמערצ״ אינ פאַרבינדונג מיטנ „אייביק־מענטשלעכנ״ עראָטישנ ליבע־געפיל...

איז וואָס האָט דאָס אַלצ פאַר א שײַכעס צו דער סאָציאַלער אונ מאָראַלער פּראָבלעמ, וואָס בערגעלסאָנ האָט אַוועקגעשטעלט אינ זײַנ ראָמאַנ, ווו ער שאַפט קוידעמקאָל א רעאַליסטיש בילד פונ מענטש אונ געזעלשאַפט אָפּנ סמאַכ פונ זייערע געזעצמעסיקע סאָציאַל־שטייגערישע צווישנפאַרהעלטענישנ? וואָס האָט דאָס אַלצ פאַר א שײַכעס צו מירלס געשילדערטנ וויפולנ פּראָטעסט, א פּראָטעסט אינ גרונט א סאָציאַלער, פאַרבונדנ מיט דער קאָנקרעטער היסטאָרישער לאַגע, מיט דער לאַגע פונ דער פרוי אינ איר קאַמפּ פאַר איר מענטשלעכער ווירדע אונ פרײַענ זעלבסטבאַוווסטזײַנ?

ניט די האַמסונישע וויקטאָריע אונ אינגא, נאָר פושקינס טאַטיאַנא, טורגעניעווס ליזא, אָבלאָמאָווס ווערא, אָסטראָווסקיס קאַטערינאַ, — זי האָט באַקומענ איר ייִדישע פאַרקערפּערונג אינ שאָלעמ־אַליישעמס ראָכעלע פונ „סטעמפּעניו״, — טשעכאָווס לײַדנדיקע, פּראָטעסטירנדיקע פרויענ פונ זײַנע פאַרשיידענע דערציילונגענ: „מיִוס, נאַדיא, קאַטיא, אַניא, וועראָטשקא, פּערעצעס אינ זיכ ברענענדיקע, לײַדנשאַפטפולע אונ לײַדנדיקע פרויענ — אָט ווער עס זײַנענ די ווײַטערע אונ נענטערע פאָרגייערנס פונ בערגעלסאָנס צענטראַלער פרויענ־געשטאַלט פונ „נאָכ אַלעמענ״. אינ זײַנ צײַט אונ אָפּ זײַנ אויפנ האָט בערגעלסאָנ

אין זײַן מירלען קינסטלעריש פֿארקערפּערט די שטרעבונגען פֿון דער פּראָגרעסיווער יידישער יונגפֿרוי, איר לײַדנשאַפֿטלעכן פֿארלאַנג געפֿינען דעם איקער אין לעבן און נעמען אין אירע אייגענע הענט איר לעבנס־גורל, וואָס ווערט צעטראָטן פֿון דער שטײַגנדיקער רעאַקציע אין די סאָציאַלע באַדינגונגען פֿון נאָך דער ערשטער רוסלענדישער רעוואָלוציע.

7

אין יעדן גרעסערן ווײַרק פֿון יענע יאָרן האָט בערגעלסאָן, ניט דאַטירנדיק פּינקטלעך, אַזוי צו זאָגן, פּובליציסטיש, דאָך געגעבן צו וויסן, אַז די האַנדלונג קומט בײַ אים פֿאָר נאָך דער ערשטער רעוואָליוציע פֿון 1905 יאָר. אין „ארום וואָקזאַל", אין „נאָך אַלעמען", פּונקט ווי שפּעטער „אין אַ פֿאַרגרעבטער שטאָט", אין „אָפּגאַנג", — אומעטום געדענקט בערגעלסאָן אַרײַנצופֿירן די געוועזענע סטודענטן, קורסיסטקעס, רעוואָליוציאָנערן, די טיפֿן, וואָס זײַנען אַוועק פֿון דער בונטאַרישער געזעלשאַפֿטלעכקײַט, מיט וועלכער זיי זײַנען אַפּ דעם אָדער יענעם אופֿן געווען פֿריִער פֿאַרבונדן.

דערבײַ איז גרײַלעך צו באַמערקן, אַז בערגעלסאָן באַציט זיך אָן אַכטונג, אין אַנדערע ווערק אויסגעשפּראָכן פּײַנטלעך, צו די אַלע „געוועזענע", צו דער יוגנטלעכער „אינטעליגענץ", וואָס האָט זיך צוגעפּאַסט צו דער הערשנדיקער לעבנס־אָרדענונג פֿון דער רעאַקציע־צײַט. דאָ אין „נאָך אַלעמען" רעדט ער דאָך, דער שרײַבער, מיט מירלס מויל זאָגט ער זיך אַרויס, וועגן די אַלע, וואָס „טוען דאָס, וואָס זיי האָבן שוין געטאָן נעכטן, דאָס, וואָס ס'איז שוין נימעס געוואָרן צו טאָן". מאַכמעס דעם עפּעשער האָט מירל בײַ בערגעלסאָנען געוואָרפֿן לערנען דאָס, וואָס אַלע, ווי זי זאָגט, ביכדיי זי זאָל נישט ווערן מיסטאַמע אַזאַ ווי אַלע, זי זאָל ניט ווערן אַזאַ ווי די אַלע בערגעלסאָנישע קורסיסטקעס, „וואָס זעען טאָמיד אויס צעטראָגן, און געפֿינענדיק זיך אַפּ איינע גאַס, מיינען זיי, אַז זיי פֿאַרשפּעטיקן עפּעס אַפּ דער צווייטער".

אין איר, אין מירלען, האָט דאָך דער שרײַבער פֿאַרקערפּערט דעם גײַסטיקן סאָציאַלן אומרו, זײַן אייגענעם אומרו, צו גלייבן. אָט דעם אומרו, דעם „וועלט־דויפעק", האָט ער פֿריִער אײַנגעפֿונען אינעם טויבן, און איצט האָט ער אַפּ אַן אַנדער אופֿן, אין אַן אַנדער לעבנס־סוויווע אײַנגעזען אים אין דער געשטאַלט פֿון מירלען. מירל איז אַ לעבעדיקער מענטש בײַ בערגעלסאָנען, אַ מענטש מיט מענטשלעכע

ווידערשפּרוכן און שוואַכקייטן. איר טוט אַמאָל אַ ציִ צום באַגרענעצטן, אָבער פּראָסט־געזונטן שיינעם וועלוול בורנעסן. אָט־אָט, דאַכט זיך, לאָזט זי דער שרײַבער פּאַרזינקען באַ די רײַכע זײַדענאַוואָסקיס, זי פּלאָנ־טערט זיך אַ ווײַלע מיט העלערן, מיטן בירזשע־מענטש מאָנטשיקן, אָבער אין לעצטן סאַכאַקל קאָן קיינער פון זיי ניט בײַקומען אין איר איר גרויסן מאָראַלן געפיל, זי קאָן ניט זאָגן קיין ליגן, ווי די באַס־מאַלקע „עמעס", זי גייט ניט אַף קאָמפּראָמיסן, זי איז פּאַרורטיילט בלײַבן באַ איר דראַמאַטישן טרוים, ניט וויסנדיק וויאַזוי איינמאָל פאַר אַלעמאָל אײַנצורײַסן מיט איר וועלט און געזעלשאַפט.

אַז מירל קומט צוגאַסט אַהיים, קערט זיך אום צו זיך אין צימער נאָך דער כאַסענע, נאָכדעם ווי זי איז געקומען צום באַשלוס, אַז „ער־געץ דאַרפן דאָך זײַן אַזעלכע, וואָס פּרוּווּן טאָן עפּעס אַנדערש", — דערזעט זי, אַז „אַלץ איז דאָרט באַ איר אין צימער געווען וואָכעדיק. אין דער ליידיקער שאַפע איז געהאַנגען אירס אַן איבערגעלאָזט קליידל אַף וואַטע. דער געלעגער איז געווען נישט פאַרבעט, נאָר איבערגעדעקט, אַזוי אַז די קאָפּ־קישנס האָבן פון אונטער דער קאָלדרע גלײַך מיט דער איבערבעט אַרויסגעשטעקט. און געדוכט האָט זיך איבער עפּעס, אַז ס'איז פיל גרינגער אייביק נאָווענאַד צו זײַן, איידער אין אָט דער בעט זיך נאָכאַמאָל אַרײַנצולייגן".

באַנאַנד מיטן מערקווירדיק־אַנטבלויזטן אויגנבליקלעכן פּיזיאָלאָ־גישן רעפלעקס גייט דאָ באַם שרײַבער, ווי שטענדיק, דער קינסטלע־רישער אונטערטעקסט, וואָס מיינט צו זאָגן: ס'איז פיל גרינגער פאַר מירלען אייביק נאָווענאַד זײַן איידער ווידער צום פריִערדיקן שטייגער־לעבן זיך אומקערן, אומקערן זיך צו רעשטלעך פון אַ לעבן — אַ קליידל אַף וואַטע, אַ צעבורעטע בעט...

פונוואַנען נעמט מירל פאַרשטאַנד פאַר אָט דער לאַגע אירער, פון־וואַנען קומט צו איר די סינע צו אָט די אַלע היימישע כאַרעור־געוואָרע־נע רעשטלעך, די באַזינונג, וואָס מאַכט זי פּאַראַקשנט אין איר עלנט־קײַט, ווי זי זאָגט, און שטויסט זי לעבן, נישט ווי אַלע לעבן, נישט אונטערגעבן זיך דער הערשנדיקער טעמפּער קראַפּט פונעם „ווי גע־וויינטלעך?" נעמען נעמט זיך עס טאַקע פון דעם, וואָס „ערגעץ אַרום, — ווי זי טראַכט, — דאַרפן דאָך זײַן אַזעלכע, וואָס פּרוּווּן טאָן עפּעס אַנדערש?", אָט דער דאָזיקער שטראַל פון מירלס באַוווּסט־זײַן טוט מאַמעש אַ באַשײַן בערגעלסאָנס ראָמאַן, באַלײַכט און באַ־זינט די גאַנצע האַנדלונג מירלס און פאַרבינדט איר לעבנס־וועג מיטן געשיכטלעכן וועג פון דער פּאָרויסגייענדיקער געזעלשאַפט.

אין אַלע דעמאָלטיקע ווערק בערגעלסאָנס איז צו באַמערקן, אַז פון דער גאָרער האַנדלונג, פון די געזעלשאַפטלעכע צווישנבאַציִונגען, פון דער שטימונג און לעבנס־שטייגער גייט אויף דער אָטעם פון דער נאָכ־רעוואָליוציאָנערער צײַט. עס געדענקט זיך נאָכאַנאַנד, אַז ס׳איז געווען אַ רעוואָליוציע, וואָס האָט אַ בלענד געטאָן מיט איר נײַער מאָראַל, אַ שײַן געטאָן און איז פאַרגאַנגען, אַז נאָך דער געקומענער רעאַקציע איז די וועלט געוואָרן אַן אַנדערע: אַ דרעלישע, אַ טאַראַבנײַשע, אַ פּויזנערישע, און די מענטשן, די בעסערע מענטשן, גייען אַרום אָפּ אָט דער וועלט, און סע ברענט זיי די רעוואָליוציע אין פּלייצע. יאָ, זי ברענט זיי אין פּלייצע, זי לאָזט זיי ניט רוען, צי דענקען זיי וועגן איר צי ניט, סײַווי זײַנען זיי שוין אומרויִק, סײַווי זוכן זיי שוין עפּעס, וואָס איז פאַרלאָרן און וואָס לאָזט זיי נישט קומען צו זיך און אײַנגיין אָפּ אָט דער באַרויִקטער, מיט פּעטס פאַרשוווימענער וועלט אַרום און אַרום זיי.

ס׳איז אוואדע ניט שײַער, אַז מירל זאָל טראַכטן וועגן די פאַרגאַנגענע רעוואָליוציע־יאָרן, אָבער אָנשטאָט איר און אַרום איר טראַכט וועגן זיי דער שרײַבער, ער געדענקט, אַז ס׳איז דאָ אַ מיריאָם ליובאָשיץ, „אַ ווזקסיקע, אַ שיינע און גרויסגופיקע, מיט אַן אָוואַר פון אַ געזעצט־קלוגער רעוואָליוציאָנערן“, וואָס האָט איצט כאַסענע געהאַט, „אָנגעהויבן באַלד נאָך דעם ערשטן קימפּעט פעט ווערן, צופיל שמייכלען און נאָכאַמאָל גיין צום פעטער יאַנקעוו־יאָסלען אין שטוב“ — אומגעקערט זיך, הייסט דאָס, צוריק צו די אינטערעסן פון איר גווירישער מישפּאָכע. דער שרײַבער געדענקט צו דערציילן, אַז „ווען הערצ באַגעגנט ערגעץ־ווו אַ פּויער שפּאַנען, שטעלט ער זיך אָפּ און פאַרפירט מיט אים אַ לאַנגן שמועס:

— פון וואָסער דאָרף שטאַמט ער? צי האָט ער אַ ווײַב און קינדער? און וועמענס ערד באַאַרבעט ער: אייגענע, צי פרעמדע?“

אין דעם דאָזיקן שמועס איז דאָך דאָ געווים פאַראַן אַן אָפּהילכ פון די פראַגן, וואָס האָבן אַזאַ ראָל געשפּילט אין די רעוואָליוציע־יאָרן.

באַנאַנד מיטן שרײַבער האָט מירל פײַנט אָט די מיריאָם ליובאָשיץ, וואָס אַמאָל „האָט מען אין די קרײַזלעך באַ יעדער נאַרישקײַט איר נאָמען דערמאָנט“, און איצט איז זי דער גאַנצער באַל־יויעץ באַ מירלס שוויגער. דערפאַר אָבער באַציט זיך דער שרײַבער שטרענגער פון מירלען צום העברעיִשן שרײַבער הערצן, וואָס זאָגט אַליין וועגן זיך, אַז: „שרײַבן באַטאָג איז אים שוין אַ ביזאָיען פאַר זיך אַליין און פאַרן

גאַנצן שטעטל יורן, וועלכע באַדאַרפֿן עס נישט. טוט ער עס שוין נאָך באַנאַכט, ווען מענטשן שלאָפֿן. „באַנאַכט, זאָגט ער, איז בא יעדן די בושה קלענער".

דעם גורל פֿונעם דאָזיקן מענטשן, וואָס האָט בלויז אַן איראָנישן שמייכל אויף די ליפּן און האָט אָנגעוווירן דעם גלויבן אין לעבן, האָט דאָך בערגעלסאָן פּאַרט צוליב עפּעס פֿאַרבונדן מיט יענעמס דיכטעריש שאַפֿן אין העברעיש. בערגעלסאָן האָט געפֿונען פּאַר נייטיק דורכצופֿירן אַ גלײַכהײַט־צייכן צווישן הערצס העברעיִשער שאַפֿונג מיט זײַנע פּעסימיסטישע אָנשויונגען, די ביידע, וואָס זײַנען, קענטיק, בערגעלסאָנען קלאָר נישט צום האַרצן. אָבער אויב זיי זײַנען אויך נישט צום האַרצן מירלען, איז דאָך הערצ פֿאַר איר פֿונדעסטוועגן דער איינציקער מענטש פֿון איר קרײַז, וואָס קען, לעפּאָכעס, באַנעמען איר אומרו. זי וויל פֿון אים דעריבער אַן ענטפֿער אויף אירע פּײַנלעכע פֿראַגן, ווען אפֿילו זי האָט אַ ווידערווילן צו זײַנע פּעסימיסטישע אויספֿירן און וויל ניט אײַנגיין אָפּזאָגן זיך פֿון צו זוכן דעם „איקער" אין לעבן און ווערן אַ שוימער פֿון דער טויטער שטאָט, וועדליק דאָס מײַסעלע, וואָס הערצ דערציילט.

אין דעם דאָזיקן זייער שיינעם בערגעלסאָנישן מײַסעלע גייט אַ רייד וועגן איינעם, וואָס טראַכט וועגן זיך: „קראַפּט און מאַכט שלאָפֿט אין מיר, נאָר צי קאָן איך האָפֿן, אַז איך אַליין וועל זיך נאָך אַמאָל אין זיך נייטיקן?" איז קעדײַ צו דערמאָנען: וועגן דעם זעלבן האָט גערעדט ביינעש רובינשטיינס פֿון „אַרום וואָקזאַל" מיטן אינטעליגענט, וואָס איז געוואָרן אַ סויכער, מיט העכטן. אויף ביינעש רובינשטיינס פֿראַגע: ווער דאַרף אים דאָ, העכטן, באַם וואָקזאַל? האָט העכט געענטפֿערט: „וואָס הייסט, ווער ס'דאַרף אים דאָ? ער דאַרף דאָ זיך אַליין". העכט האָט נאָך ערגעץ געדאַרפֿט זיך אַליין, און דער העלד פֿון הערצס מײַסעלע ווייסט שוין ניט, צי וועט ער זיך אַמאָל אין זיך נייטיקן. בערגעלסאָנען באַאומרויִקט, מאַשמאָעס, נאָכאַנאַנד די פֿראַגע פֿונעם אינטעליגענטישן זעלבסטבאַוווּסטזײַן. ס'האַנדלט זיך דאָך פּאַרט וועגן דער פּראָבלעם פֿון „דער צעשטערונג פֿון דער פּערזענלעכקײַט". אין די צײַטן פֿון מירלען און הערצן איז די דאָזיקע צעשטערונג שוין ווײַט אוועק, מירל אָבער האָט נאָך געפֿונען אין זיך קראַפֿט זיך ווערן, זיך קעגנשטעלן, בעשאַס הערצ האָט שוין געשאַפֿן די טעאָריע פֿון שמייכלענדיקן גלײַכגילט, פֿון פּאַסיווער איראָנישער באַאָבאַכטונג.

מיט בערגעלסאָנס פּען פֿירט אַן קעסיידער די סאָציאַלע געוועגדטקײַט, וואָס באַוואַכט אויך הערצס לירישן מײַסעלע. דער פּערסאָנאַזש

פונ דער דאָזיקער געשיכטע, א פארטריבענער נאווענאד, ווי הערצ דערציילט, איז צומ אלעמ ערשטנ געצווונגענ ארויסווארפנ פונ זײַנ פּאק, וואָס ער טראָגט אָפ דער פּלייצע, אלע זײַנע זאכנ איינע נאָכ איינע:

„— נישט איכ אונ נישט קיינער, — טראכט דער מענטש פונ דעמ מײַסעלע, — באדארפ שוינ אָט די זאכנ האָבנ. נאָכ וואָס זשע זאָל איכ זיי נאָכ אָפ זיכ טראָגנ אונ אונטער זייער שווערקײַט מײַנע פּלייצעס בייגנ?" מיינט דענ ניט דאָ דער שרײַבער די מאָראלע מענטשלעכע ירושע, וואָס די צעשטערטע כאָרעוו געוואָרענע פּערזענלעכקײַט האָט טאקע געפּרוווט ארויסווארפנ דעמלט, ווענ זי איז אָנגעקומענ צו דער מאדרייגע, אז זי האָט אויפגעהערט נייטיקנ זיכ אינ זיכ אליינ?

דער דאָזיקער בלאָנדזשענדיקער נאווענאד, דערציילט דאָכ ווײַטער דער שרײַבער, קומט אָנ אינ דער „טויטער שטאָט" אונ דערזעט: „פּארגליווערטע קערפּער ליגנ אומעטומ אָפ די בעטנ אונ האלטנ אינ די פויסטנ הארט־געדריקטע שטיינער — אָפ עמעצנ האָבנ זיי שוינ, אפּאָנעמ, פארנ טויט אָט די שטיינער געוואָלט ווארפנ". איז דאָס דענ ווידעראמאָל א צופעליקע דעטאל אינ דעמ דאָזיקנ ליריש־געדאנקלעכנ מײַסעלע, וואָס דער אנטוישטער דיכטער דערציילט בא בערגעלסאָנענ?

„אונ אָט, — פארענדיקט הערצ דאָס מײַסעלע, — זיצ איכ שוינ אזוי לאנג אפנ טויער פונ אָט דער שטאָט, וואָס אינ איר קומט קיינער נישט ארײַנ — אונ פונוואנענ ס'גייט קיינער ניט ארויס.

— אלצ, וואָס כ'האָב אמאָל געוווּסט, האָב איכ שוינ לאנג פארגעסנ, אונ אינ מויעכ אינ מײַנעמ איז שוינ מער נישט, ווי איינער א געדאנק געבליבנ:

— אלע, אלע זײַנענ זיי שוינ געשטאָרבנ, אונ נאָר איכ אליינ לעב אונ ווארט שוינ נישט אָפ קיינעמ.

אונ ווענ איכ קוק נאָכאמאָל זיכ אליינ ארומ אונ דערפיל די קראפט אונ מאכט, וואָס שלאָפט אינ מיר, טו איכ שוינ אפילע קיינ זיפצ נישט אונ טראכט:

— כ'בינ א שוימער פונ א טויטער שטאָט".

די סאָציאלע סימבאָליזירונג פונ דער שלאָפנדיקער קראפט אונ מאכט, וואָס גייט, אגעוו, בא בערגעלסאָנענ פונ „דעמ טויבנ" אונ פיגורירט אויכ אינ „ארומ וואָקזאל", די דאָזיקע סימבאָליזירונג, ווי אויכ די סאָציאלע סימבאָליזירונג פונ דעמ גאנצנ מײַסעלע איז א באשײַמפערלעכע. בא הערצנ ציילט זי פרוער פאר אלצ — מיט דער

געשטאַלט פון דער פרוי אפילע — אין מירלען, אין אירע פרוּוון צו קעמפן פאַר איר נעשאָמע, פאַר איר געוויסן, פאַר איר ווערדע, די פרוּוון, וואָס הערץ רעכנט שוין פאַר איבעריקע און נוצלאָזע.

„ — אָט דער פאַרשוין, וועלכן די אקושערקע רופט הערץ... עפּעס לעבט ער אָן ווילן און שרײַבט אָן ווילן... ווי קלערט די אקושערקע: כ'איז אים נאָך געבליבן עפּעס, אבוצ מעשוגע צו ווערן?"

אזוי שאַרף רעאגירט מירל אף הערצס מײַסעלע, וואָס זי האָט אויסגעהערט פון דער אקושערקעס מויל. און די דאָזיקע שאַרפע געֿרעכטע רעפּליק געהערט בערגעלסאָנען פונקט ווי מירלען. און מאַכֿמעס דעם טאקע ווערט נאָך טראַגישער מירלס טרויעריקער סאָף, מיט וועלכן בערגעלסאָן פאַרענדיקט זײַן ראָמאַן. ווײַל נישט געקוקט אף איר מיינונג, אף איר מוירע אפילע פאַר הערצן און זײַנע אָנשוויוּנגען, האָט זי זיך דאָך צו אים געצויגן, געפאָדערט בא אים אַן ענטפער אף אירע האַרבע אויסגעווייטעקטע פראַגן:

„איר קאָל האָט נאָך מידער צו קלינגען אָנגעהויבן, — שילדערט בערגעלסאָן, — און געדוכט האָט זיך, אז זי איז געקומען צו אים בעטן א נעדאָווע:

— הערץ, מיר דוכט זיך נאָך אַלץ, אז דו ווייסט עפּעס מער פון מיר".

געווען איז דאָס שוין אין שטעטל, וווּהין מירל איז געקומען נאָכן גט, נאָכן אבאָרט, נאָכן טויט פון איר פאָטער, נאָכן כורבן פון שטוב און לעבן. איז זי געקומען צוריק אין שטעטל, אַראָפּגעבראַכט אהערֿצו הערצן און אים געזאָגט:

„ — הערץ, — האָט מירל ווײַטער געזאָגט, — איך פאַרשטיי שוין די לעצטע צײַט אזוי ווינציק, וואָס מיט מיר טוט זיך. איך ווייס נישט, פאַרוואָס איך האָב וועגן דיר אזויפיל געטראַכט — איך ווייס שוין אפילע ניט, צוליב וואָס איך בין אהער אין שטעטל אַראָפּגעקוּמען".

איינע נאָך איינע קומען איצט אוף באַם שרײַבער גרויסאַרטיקע מײַסטערישע בילדער, וואָס שילדערן די פּײַנלעכע טיף פון מירלס שווערע אַנטוישונגען. בעקיוון האָט זי דער שרײַבער דאָך איצט באַזעצט בא ליבקע דער רעבעצן — אין סאַמע געדיכטעניש, אין דער נעסט, הייסט דאָס, פון דער דורך איר פאַרהאַסטער שטעטלשער טעמפּקײַט און באַגרענעצטקײַט. דאָס געררייד אַרום איר אופירונג וואַקסט. ס'קומט צו די רעכילעס־טרײַבערײַ פון נאָסן העלערן. נאָכאַמאָל דערווײַטערט זי איצט פון זיך דעם אײַנגעליבטן מאָנטשיקן, וואָס איז געקומען אײַנֿ

ריידן זי אומקערן זיך צו שמוליק זײַדענאָוסקין. וועלוול בורנעס לעבט איבער איבערראַשונגען זײַן אומזיסטיקע ליבע. מירל איז פול מיט יאוש און האָפענונגסלאָזיקייט: מיט וואָס פאַר אַ שטאַרקער פאַרב בערגעלסאָן מאָלט איצט איינע אַ נאַכט, אַ שווערע נאַכט פון מירלס פּײַן און געוויין:

„און נאָכדעם, — דערציילט בערגעלסאָן וועגן דעם ראָוו מיט דער רעבעצן, — זײַנען זיי שוין ביידע האַלב־וואַכנדיקע אין די בעטן געלעגן, געהויבן די קעפּ אין דער פינצטער און געהערט, ווי מירל וויינט דאָרט קעגניבער דער וואַנט מיט דער געשלאָסענער טיר. איר קאָל איז געווען אַן אײַנגעהאַלטענער, אַ נאָגנדיקער און אַ האַלב־דערוואָרגענער. אַלעמאָל האָט ער זיך געשטאַרקט מיט אַ נײַ־צוגעקומענעם שטראָם פון וויינענדיקן כּליפּען און דערמאָנט אָן אירע קינדערשע באַסיעכידע־יאָרן. דענסטמאָל האָט זיך געהערט, ווי אונטער איר טרייסלענדיקן קערפּער סקריפּעט די בעט, און געדוכט האָט זיך, אַז עמעצער שטייט דאָרט אָנגעבויגן איבער איר קאָפּ, וואַרגט זי פאַרן האַלדז און דערמאָנט איר:

— האָסט עס אומגעבראַכט, דײַן לעבן... און פאַרפאַלן איז דאָס שוין, אָפּ אייביק פאַרפאַלן...“

איצט עפנט אויף דער שרײַבער דעם פּײַנפולן טהאָם פאַר מירלס אויגן. ער טוקט זי אָפּ מאַמעש, ער פאַרפילט איר נעשאָמע מיט די דינסטע ניואַנסן, מיט די דין־דינסטע שאַרכן פון פּסיכאָלאָגישע איבערלעבונגען, וואָס דערגרייכן שוין ניט אַפילו צו מירלס אייגענעם זעלבסטבאַוווסטזײַן. דער שרײַבער פאַרפלאָנטערט זי אין דער נעץ פון אַן אומבאַשטימטער, ספּאָנטאַנער געפילן־וועלט, וואָס קומט אוואַדע דאַן, ווען די קאָמפּליצירטע אינדיווידואַליטעט פאַרלירט די ציל־געוועונדטקייט, די באַזיניקטע ריכט־ליניע פון אירע טאַטן און קען שוין ניט באַהערשן, ניט מאָטיווירן אַפילו אירע באַציִונגען און אויפירונגען. וואָרעם אָט איז איר, מירלען, צו גלייבן, אַליין נישט קלאָר, פאַרוואָס האָט זי געלאָזט הערצן אוועקפאָרן קיין אויסלאַנד און טייקעף געלאָזט זיך צום וואָקזאַל אופּזוכן אים, געלאָזט זיך אַפילו פאָרן מיט דער באַן אין דער וועלט אַרײַן, שיר ניט קיין אויסלאַנד, צו וואָס?.. דער שרײַבער אַליין, ווײַזט אויס, וויל דאָ נישט אויסקלאָרן די סיטואַציע. בערגעלסאָנען איז ניכע אָט די ניט דערזאָגטקייט, וואָס פאַרשטאַרקט די וואָרהאַפט פון דער שילדערונג, דאָס פּינקטלעכע קאָפּירן פון מירלס איבערלעבונגען, קלוימערשט געטוי, ווי דאָס איז פאַרגעקומען אין לעבן, אָן קיין שום אוטאָרשע דערקלערונגען...

מיט יאָרן שפּעטער וועט בערגעלסאָן אַליין אינעם ערשטן באַנד „באַם דניעפּער" מיט טיפסטן זעלבסט־אַנאַליז אָפּמערקן די דאָזיקע אידענטיפיציר־איינגעשאַפטן פונעם שרייבער מיט זיין געשטאַלט, בעשאַס ער וועט געבן אין אַוטאָביאָגראַפישן פּלאַן די זעלבכט־כאַראַקטעריסטיק פון פּענעקס שעפערישע פּראָצעסן.

„ער, פּענעק, — וועט בערגעלסאָן דאָרט שרייבן, — איז צו יענער צייט טיילוויז שוין געווען צוגעוווינט צו דער אַרבעט, וואָס האָט אים שפּעטער מיט יאָרן אי פיל גענוצט, אי פיל געשאַט — אַן אַרבעט, וואָס באַשטייט אין ניט פילן, וויאַזוי ער, פּענעק, באַהעפט זיך צו איינעם פון די אַרומיקע מענטשן און קוקט מיט אָט דעם מענטשנס אויגן אָפּ אַלץ, וואָס אַרום און אַרום קומט פאָר".

אָט איז זי דאָ אין דער שילדערונג פון דער מירל־געשטאַלט, די גרעסערע אידענטיפיקאַציע פונעם שרייבער מיט זיין געשאַפענעם פּערסאָנאַזש. און אַוודאי באַקומט זיך דאָ אין א געוויסן פּראַט, אַז מירלס אייגענע פּערזענלעכע אויסגאַנגלאָזיקייט איז די מאָס פון דער אָביעקטיווער וועזנשאַפטלעכער לאַגע, ביפּראַט באַ בערגעלסאָנס קראַפט פון פּאַראַלגעמיינערונג. פּאַרשטאַרקנדיק דאָ אַרום אין מירלען די קוויהעלעסדיקע מאָטיוון פון „האַווייל־האַוואָלים" און דעם מאָטיוו פון „טויהו־וואָוואָהו", און נישט אַרויספירנדיק דערביי די פיגורן, די געשטאַלטן, וואָס זאָלן פאַרקערפּערן דעם סאָציאַלן באַפרייערישן גאַנג אין דער אָביעקטיווער געשיכטע פון דער געזעלשאַפט, וואָס האָט א וועג און אַן אויסוועג, — האָט דער שרייבער, וואָס איז געווען דערווייטערט פון די סאָציאַלע באַפרייערישע קויכעס, ניט געפונען די אויסלייזונג פאַר מירלס טראַגיק. ער האָט פאַרשאָטנט די אָביעקטיווע אָפּשאַצונג פון מירלס לאַגע. ער האָט באַדאַרפט נעמען אין אַכט, אַז אַקאָרשט איז פאָרגעקומען א רעוואָלוציע, וואָס האָט אין דער געזעלשאַפטלעכער ריכטונג אַזויפיל דערקלערט און אופגעעפנט...

דאָס דאָזיקע אָבער קאָן ניט פאַרמינערן דעם גרויסן קינסטלערישן דערקענטענישפולן באַטייט פון בערגעלסאָנס קאָנקרעט־געשיכטלעכע געשילדערטע לעבנ און לאַגע פון דעם יעניקן אינטעליגענטישן שיכט, וואָס איז אין יענע יאָרן אַליין ניט אימשטאַנד געווען צו געפינען דעם וועג צו דער געזונטער לעבנס־אידיי, צו דעם איקער אין לעבן. דערפאַר געפינט אים ניט ניט דער פּעסימיסטיש געשטימטער הערץ, ניט מירל אַפילו, אָפּגערעדט שוין פון די אַלע, וואָס זיינען מיט איר פאַרבונדן.

„א שיראַם־דאָר", „אַן איבערגאַנגס־פּונקט" — אַזוי זאָגט הערץ

וועגן מירלען און אויך וועגן זיך מיסטאמע. אָבער יעדער איבערגאַנג באַטײַט דאָך גאַנג, ער באַטײַט דאָך א שטאַפּל צו דעם, וואָס גייט, וואָס דאַרף קומען. נישט מער, וואָס הערצ זעט ניט אָט דאָס, וואָס דאַרף קומען, און דערפאַר קומט ער צו פּעסימיסטישע פאַטאַלע אָנ־שוויוּנגען, דערפאַר רעדט ער אײַנ מירלען, אז זי איז שוינ פאַרורטיילט, זי מיט איר אומרו, מיט איר טרוים. דער אונטערשייד, דער צוזאַ־מענשטויס אפילע צווישנ הערצנ מיט מירלען איז איינע פונ די הויפּט־אידייען פונ בערגעלסאָנס ראָמאַנ, אנ אידיי, וואָס זאָגט גענוג וועגנ דעם שרײַבערס ארײַנדרינגען אינ די סאָציאַלע פאַרהעלטענישנ פונ יענער צײַט.

„איר דוכט זיך נאָך ביכלאַל, אז ערגעץ־ווו זײַנען נאָך פאַראַנ אזעלכע איינציקע, וואָס ווייסנ „עפּעס" און האַלטנ „עס" בעסאָד... זאָל איר הערצ מויכל זײַנ, וואָס זי האָט אים אהער ארויסגערופנ... איר איז שוינ געבליבנ אינ לעבנ אזוי ווינציק, אכוצ דעם, וואָס איר דוכט זיך. און איצט זיצט זי דאָ אינ שטעטל... זי נודעט זיך און טראַכט וועגנ דעם. גאַנצע פאַרנאַכטנ זיצט זי לעבנ ליבקע דער רע־בעצנ אפנ גאַנעק און קוקט קיינ מײַרעוו צום ברענענדיקנ רויטנ הימל־עק. און איינמאָל פאַרנאַכט האָט זיך איר שוינ געדוכט, אז פונ דאָרט, פונעם רויטנ עק הימל, קוקט צו איר ארויס א צווייטע פײַערדיקע מירל און ווינקט צו איר פונ דער ווײַט: „קיינער, ווינקט זי צו איר, ווייסט נישט, צוליב וואָס ס'בלאָנדזשעט ארום מירל הורוויצ. און איכ, מירל, וואָס איכ ברענ אינ פײַערדיקנ עק הימל אפנ האָריזאָנט, — כ'האָב שוינ אמאָל אויך ארומגעבלאָנדזשעט און האָב אויך נישט גע־ווּוסט צוליב וואָס".

„הערצ, — זעצט פאָר בערגעלסאָנ, — האָט ניט געוווּסט, וואָס זי וויל, און דאָס איראָנישע פּאָנעם האָט בא אים קוים, קוים גע־שמייכלט. די גאַנצע צײַט, וואָס זי האָט גערעדט, האָט עס אזוי גע־שמייכלט".

ווידעראמאָל האָט הערצ נישט באַנומענ צי ניט געוואָלט באַנעמענ מירלס לאַנגע באַדײַטפולע רעפּליק. נאָך די אלע פלאָגענישנ וויל זי דאָך ניט באַנוגענען זיך מיט הערצס פּאַסיווּנ איראָנישנ שמייכל, זי האַלט זיך אלצ בא אירס וועגנ די „איינציקע", וואָס ווייסנ דעם סאָד. די געשיכטע מיט דער צווייטער פײַערדיקער מירל איז, עמעס, א מיטל ארײַנצוברענגענ דורכ דער צעצווייטקײַט א קינסטלערישע פאַר־אלגעמיינערונג: מירל, הייסט עס, איז נישט איינע, פאַראַנ נאָך א מירל, נאָך א סאַך אזוינע מירלס, וואָס בלאָנדזשענ אפּ דער וועלט.

נאָר אויסער דעם האַנדלט זיך עס וועגן איינעם א נײַעם ווענדפּונקט אין דער שילדערונג פֿון מירלס לעבנס־וועג. דאָס איז א נײַע טעמאַ־טישע ליניע, וואָס איז אופגעקומען (בא בערגעלסאָנען באַם סאָף, באַם סאַמע שלוס פֿונעם ראָמאַן.

עס גייט אין דעם, וואָס מירל פֿאַסט זיך אַליין שוין אוף ווי א טרוים. אָנגעקומען צו א וויסטער אַנטוישונג, אַפּלעבנדיק פֿיר און צוואַנציק יאָר, וואָס זײַנען, ווי זי זאָגט, געגאַנגען פֿאַרלאָרן, דאַכט זיך איר, אַז די אַלע יאָרן אירע האָבן זיך פֿאַרוואַנדלט אין א טרוים, זי גופֿע, מיט אירע שטרעבונגען, מיט איר אויסגאַנגלאָזן קאַמף פֿאַר גליק האָבן זיך פֿאַרוואַנדלט אין א טרוים. אָט אַזוי בעצעם טראַכטן איצט בא בער־געלסאָנען וועגן מירלען אי וועלוול בורנעס אי דער סטודענט ליפּ־קיס, וואָס האָט זיך געמאַכט אַן אָפּעראַציע, אופגעהערט הינקען, גע־קומען אין שטעטל צו מירלען און טרעפֿט נאָר א בריוו, מירלס א בריוו בא ליבקע דער רעבעצן אין שטוב. פֿון מירלען, וויל מיט דעם זאָגן דער שרײַבער אין זײַן לעצטן אַקאָרד פֿונעם ראָמאַן, איז געבליבן נאָר „א ניט פֿאַרענדיקטער", ניט קיין אָפּגעשיקטער בריוו, ווי זי דערציילט, אַז עמעצער האָט, אַפּאָנעם, איבערגעלעבט איר פֿרילינג, אַז זי האָט אומזיסט געטרוימט פֿון גליק...

און אָט דערציילט בערגעלסאָן באַם סאָף פֿון ראָמאַן וועגן וועלוול בורנעסן, וואָס איז געקומען צום וואָקזאַל זוכן מירלען אינעם אײַנ־פֿאָר־הויז, זי נישט געפֿונען און געלאָזט זיך גיין מיט דער סטעזשקע, וואָס פֿירט פֿונעם אײַנפֿאָר־הויז צום וועלדל:

„אין וועלדל איז געווען שטיל, די צווײַגן האָבן אין דער הייך קוים, קוים געשרוישט, און א בלעטל, אַן אָפּגעפֿאַלן־געלס, האָט זיך פֿון זיי צווישנווײַז פֿאַמעלעך מיט דער לופֿט אַראָפּגעלאָזן. און די שטילע ביימער האָבן עפּעס געוווסט. זיי זײַנען זיך אַזוי מיט זייערע וווק־סיקע אַרומגערייניקטע שטאַמען אַרום און אַרום געשטאַנען, געהערט דעם קוים מערקזאַמען גערויש פֿון זייערע אייגענע צווײַגן און גע־טראַכט וועגן מירלען, וואָס האָט מער ווי א וואָך צײַט אין נאָענטן אײַנפֿאָר־הויז געוווינט:

— יאָ... זי איז דאָ אַמאָל באַטאָג אַרומגעגאַנגען, מירל... זי האָט דאָ צו קיינעם נישט גערעדט, נאָר צווישן אונדז, יונגע ביימער־שטאַ־מען, איז זי שוין אַמאָל, אַן א שום באַדערפֿעניש, פֿאַמעלעך אַרומגע־גאַנגען".

בערגעלסאָנען קומט שטענדיק צו הילף זײַן פּאָעטיק, די שפּראַך פֿון זײַן אינהאַלטספֿולן באַלעבטן נאַטור־געמעל: פֿאַר די וואַלד־ביימער

האָט זי זיך דאָך אויך פארוואנדלט אין א טרוים, אַט דאָס שיינע, שטאָלצע, געוויסנפולע מיידל, וואָס האָט, דאַכט זיך, א שײַנ געטאָנ אפ דער דאָזיקער וועלט אונ פארשווונדנ, געלאָזט נאָך זיך א בענקשאפט בא די אלע יונגעביימער־שטאמענ, ווי בערגעלסאָנ דערציילט...

אזא געפיל פונ בענקשאפט האָט דאָך מירל איבערגעלאָזט אינ הארצ פונ די אלע בעסערע, וואָס רינגלענ זי ארום אינ ראָמאַנ. אזא געפיל פונ בענקשאפט האָט די דאָזיקע מירל אויך דערוועקט אינ הארצ פונ די לייענער, ביפראט פונ א סאך יוגנטלעכע לייענער פונ איר דאָר. דער דאָזיקער לייענער האָט אינ זײַנ צײַט געלייענט בערגעלסאָנס ראָמאַנ, געזענ פאר די אויגנ אַט די ברויזנדיק־פּאראקשנטע, זיך לײַטערנדיקע מיידל־געשטאלט, וואָס האָט געװעדט צו זײַנ אייגענעם אינ יענער צײַט דערשטיקטנ באוווסטזײַנ, אונ אזויארום גערופנ אימ שטרעבנ צו גײַסטיקער שיינקײַט, גערופנ אימ טרוימענ וועגנ מענטשלעכנ עמעס, וועגנ מענטשלעכנ גליק, וועגנ דעם „איקער" אינ לעבנ.

אַט אינ דעם איז פריִער פאר אלצ געלעגנ די אופווירקונגס־קראפט פונ בערגעלסאָנס ראָמאַנ, די קינסטלערישע ווירקונגס־קראפט פונ ..נאָך אלעמענ".

IV. אינ א פארגרעבטער שטאָט

1

די גרעסערע דערציילונג „אינ א פארגרעבטער שטאָט“ האָט בערגעלסאָנ פארעפנטלעכט אינ 1914 יאָר. הייבנ הייבט זי זיכ אָנ, די דערציילונג, אָט ווי:

„דער דרײַסיק-יאָריקער בורמאנ — א געוועזענער סטודענט, געגאָלט ווי אנ אקטיאָר, איז צופעליק פארזונקענ אינ פוסטנ, צו דער גרענעצ פארוקטנ דובראָוויטש. ער האָט זיכ דאָרט אינ א שפּאס געלאָזט אויסקלײַבנ פאר ראבינער, געוואָרנ צו פארשלאָפנ אונ צו פויל; אופגעהערט שרײַבנ בריוו זײַנ איינציקער שוועסטער, דער האָרבאטער מאסאזשיסטנ, זיכ פארלאָזט גרויסע בלאָנדע וואָנצעס אונ האָט אפּ אייביק פארשפעטיקט דעמ אוניווערסיטעט“.

באלד פונ אָנהייב ווערט קלאָר, אז בערגעלסאָנ נעמט זיכ ווידעראמאָל פאר דער טעמע פונ די „געוועזענע“. ער שילדערט דעמ צײַטאָפּשניט, וואָס ער שטעלט ווידעראמאָל אונטערנ צייכנ פונ די פארגאנגענע רעוואָליוציע-אופטרייסלונגענ, ווענ א מענגע מענטשנ, דעריקער פונ דער אינטעליגענצ, איז געווענ ארײַנגעצויגנ אינ קרײַז פונ די אָדער יענע געזעלשאפטלעכע אינטערעסנ, האָט געלעבט א ווײַלע מיט גײַסטיקע ווערטנ, פונ וועלכע זי איז דערנאָכ אוועק, פארזונקענ אינעמ זומפּ פונ דער ארומיקער אייגנטימעריש-טעמפּער באלעבעסלדיקער ווירקלעכקײַט.

אָט אזא איז בורמאנ. אָט אזא איז פרויקע טשערקיס — די געוועזענע סטודענטנ, די העלדנ פונ דער „פארגרעבטער שטאָט“. אָט אזא איז די גאנצע געזעלשאפט, וואָס פיגורירט אינ דער דאָזיקער דערציילונג, א געזעלשאפט, וואָס שפּיגלט אָפּ די טקופע פונ דער נאָכרעוואָליוציאָנערער רעאקציע, די טקופע פונ צעוואקסענער מאָראַלער געמיינקײַט, גרענעצלאָזער געלט-גיריקײַט, באלעבאטישער זעלבסטצופרידנקײַט אונ פארדאָרבנקײַט. „די וועלט איז בלאָטע, ווי איכ

בין א ייִד!". דאָס איז בורמאנס לאָזונג, וואָס ווערט דער דערווייז פון בערגעלסאָנס געשילדערטער אייגנטימערישער געזעלשאַפט, דער דערווייז פון דער „פאַרגרעבטער שטאָט", ווי בערגעלסאָן האָט זי אָנגערופן.

די טעמע און די האנדלונג פון בערגעלסאָנס דערציילונג איז א ווײַטערדיקער שריט אין דער געשיכטע פון דער פעסט־געוואָרענער רעאַקציע, א ווײַטערדיקער שריט צו דער גליווערנדיקער וועלט, צום פינצטערן שטייגער־לעבן פונעם ייִדישן שטעטלשן מיטלשטאנד און פון זײַן אינטעליגענץ. וואָס ווײַטער פונעם 1905 יאָר, אלץ מער כווישעב אין די מויכעס און הערצער פון די דאָזיקע שיכטן, וואָס בערגעלסאָן האָט אוועקגעשטעלט אונטערן שאַרף פון זײַן דעמאַסקירנדיקן קינסטלערישן אנאליז, ארויסגעפירט זייער לעבנס־סיידער, זייערע געשטאלטן, דעמאָראַליזירטע זיטן און ברוטאלע צווישנמענטשלעכע באַציונגען.

וועגן פרויקע טשערקיסן, דעם געוועזענעם פּראָוויזאָר, וואָס האָט דאָ ניט לאַנג כאסענע געהאַט, געגומענע דרײַ טויזנט רובל נאדאן און געעפנט א טיפּאָגראַפיע, דערציילט דער שרײַבער, אז „ער האָט זיך איין מאָל פאר אלע מאָל פאַרגענומען אָנצוזאָגן אין געשעפט און אין דער היים דאָס, וואָס ער האָט פארשפּעטיקט אין די זיבן און צוואנציק יאָר פון זײַן פוסטן עקסטערנישן לעבן". דאָס זעלבע איז אויך מיט בורמאנען, וואָס קײַקלט זיך פון שטאָפּל צו שטאָפּל, פארלירט יעדער באַציונג צו זײַן גײַסטיקער „געוועזנהײַט" און פארכלינעט זיך אין טהאָם פון דער ארומיקער אומווירדיקײַט.

אין דער דאָזיקער שטאָט וויל שוין ניט דער שרײַבער אײַנזען די געשטאלטן פון א מין טויבן, פון א מין מירלען, צי אפילו פון א ביינעש רובינשטיין, צי א קלארע קויפמאן מיט זייערע ארום־וואָקזאַלישע רעשטלעך פון רעפלעקסן און ספּייקעס וועגן אָרנטלעכקײַט און מענטשלעכקײַט. בערגעלסאָנס אויג איז איצט קאָנצענטרירט נאָר אַף דער שטעטלשער פאַרגרעבטקײַט און טעמפּקײַט, ער ווײַזט נאָר איין פארב, די דורכוים שווארצע פארב פון א לעבן, וואָס דארבט און דעגראַדירט.

אין די ערשטע זײַטלעך פון זײַן דערציילונג שילדערט בערגעלסאָן דעם געוועזענעם סטודענט בורמאנען, וואָס איז געקומען אין שטעטל, געוואָרן א ראבינער, געוואָרן „נאָך אָפּגעלאָזענער, פארשלאָפענער און פוילער און האָט ווידער אָנגעהויבן ארײַנצוגיין צו דער פארמעגלעכער אלמאָנע פערלים און צו איר ציטעריק רויטהאָריק מיידל, וואָס האָט געהאַט אַכט טויזנט נאדאן מיט אן אונטערגעקויפטן גימנאזיע־אַטעס־

טאט. אין שטאָט האָט מען שוין עטלעכע מאָל געזאָגט, אַז בורמאַן וועט זי נעמען".

שילדערט בערגעלסאָן דערנאָך די שטוב פון דער דאָזיקער רײַכער אלמאָנע, דערציילט, ווי בורמאַן זיצט דאָרט, לאַנגווײַלט זיך מיט דעם רויטהאָריקן מיידל, וואָס לייענט אים זייער אַ נודנע בוך, און ער ווערט „אײַנגעדרימלט מיט אַ נעפּלדיקן אָנדענק וועגן דעם, וואָס אין דרויסן הייבט זיך אָן דער זעלבער הארבסט, וואָס באַ אים אין דער ראַבינערשער נעשאָמע, און וועגן דעם, וואָס ערגעץ־ווו ארום דעם פּוסטן, צו דער גרענעץ פּארוואָרפענעם שטעטל זײַנען געווים פאראַן גרויסע ראַשיקע שטעט, און מענטשן פּילדערן דאָרט און לעבן. נאָר אים איז דאָס שוין אַלציינס, און קיין האָנאָע וועט ער שוין קיינמאָל דערפון ניט האָבן — ער האָט געדרימלט".

פון אָנהייב איז צו זען אַ געוויסע קרויוועשאַפט פון בורמאַנס נעשאָמע־צושטאַנד מיט דער בענקשאַפטלעכער שטימונג פון בערגעלסאָנס פריִערדיקן יוגנטלעכן טיפּאַזש. אָבער די דאָזיקע שטימונגספולע נעפּלהאַפטיקײַט צערינט באַלד אין און אַרום בורמאַנען. דעם קומענדיקן קאַפּיטל הייבט בערגעלסאָן אָן מיט די שורעס, וואָס האָבן אין זיך ווי טאָמיד אַ קינסטלערישן גאַנג אַפּ צו פּאַרוואָרהאַפטיקן די דערציילטע געשיכטע, שאַפן דעם אײַנדרוק, אַז דער דערציילער דערציילט וועגן דעם ווירקלעכ געשעענעם: „צו יענער צײַט, — הייבט אָן בערגעלסאָן זײַן צווייטן קאַפּיטל, — איז אין שטאָט געשטאָרבן דער אָנגעשטאָפּט־רײַכער מיילעך גוי, און פון ניקאָלײַעוו האָט זיך אומגעקערט זײַן אייניקל עלישע — אַ קרעפּטיק און דאַר־גופיק באָבערל פון אַ יאָר נײַן און צוואַנציק".

איצט קומט דער עצעם סיפּער־האַמײַסע וועגן דעם, ווי בורמאַן פאַרבינדט זײַן גוירל מיטן גוירל פון דעם דאָזיקן עלישע און זײַן שיינער יונגער פרוי, די דאָזיקע ווערט אייִנצײַטיק אויך דעם ראַבינערס ווײַב, און ווען דעם מאַן אירן, עלישען, וואָס יאַרשנט די טאַקסע אין שטאָט, האַרגענען אָוועק די שטאָטישע קאַצאָווים צוליב אַ געלט־סיכסעך, ווערט פאַר בורמאַנען פרײַ און אָפן זײַן ווײַטערדיקער וועג אין לעבן. ער באַקומט אַלץ פונעם גרייטן, אָדער ווי פּרויקע טשערקיס זאָגט עס אים אַרוים מיטן אָפן־ציניש לאַשן פון דער פאַרגרעבטער שטאָט: „נאָר איינער, אַ שלעכטע יערושע מיט אַ שלעכט ווײַב האָט דיר עלישע צוגעגרייט?"

אינעם דאָזיקן לעבנס־וועג בורמאַנס האָט בערגעלסאָן קינסטלעריש פאַראַלגעמיינערט דעם קאָנסעקוועטן יערידע־וועג פון די אַלע

אָפּטריניקע, וואָס האָבנ זיכ אײַנגעלעבט אינ דער הערשנדיקער סוויווע פונ דער רעאַקציע־צײַט אונ פאַרמױעסט זיכ, זייער וועלט אונ לעבנ. בורמאַנ איז די אַנטיטעזע פונ מירלען, פונ הערצנ, אָט ווי פּראַדאָטשקע, עלישעס שיינע פרוי, איז בײַ בערגעלסאָנען א לעבעדיקער בײַשפּיל פונ דער פרוי, וואָס מירל האָט געהאַסט מיט דער גאָרער לײַדנשאַפט פונ איר זויבערנ געוויסנ. פּראַדאָטשקע איז דער מוסטער פונ דער שיינער פרוי, וואָס האָט זיכ אָפּגעגעבנ דעמ שטראָמ פונ די לעבנסזיטנ, וועלכע האָבנ געהערשט אינ די באַלעבאַטיש־בירגערלעכע קרײַזנ פונ נאָכ דער ערשטער רעוואָליוציע.

מיט יעדנ בילד אונ געמעל אַנטבלויזט דאָ בערגעלסאָנ דעמ לעבנסאינהאַלט פונ די בורמאַנס, טשערקיסעס, עלישעס אונ פּראַדאָטשקעס,— די אַלע, וואָס געהערנ צו דער קאַטעגאָריע פונ די „נײַױנקע", אָקאָרשט אופגעקומענע געלט־זאַמלער. די אַלע, באַווײַזט בערגעלסאָנ, פאַרמאָגנ שוינ ניט דאָס יעניקע פײַנגבלעטל פונ אָנשטענדיקײַט, וואָס עס באַנוצנ די זײַדענאָוסקיס, די טאַראַבײַס, די בורנעסעס, די דרעלס אפילע אָפּ צו פאַרדעקנ זייער עגאָיסטישע מאָראַל אונ גײַסטיקע אויסגעליידיקטקײַט.

אינ זייער „דײַטשער אידעאָלאָגיע" רײדנ מאַרקס אונ ענגעלס וועגנ דעמ בורזשואזנ „ווערטער־מאַסקאַראַד", וועגנ די „מאַסקעס", מיט וועלכע דער בורזשואזער באַוווסטזײַנ דעקט צו דעמ אייגנטימלעכנ, ווירקלעכנ, ספּעציפישנ, ווי זיי זאָגנ, אינהאַלט פונ די מענטשלעכע געפילנ אונ באַציױנגענ; אַזוי אַז די גאַנצע טעטיקײַט פונ די אינדיווידומענ, אינ זייערע צווישנפאַרהעלטענישנ, צומ בײַשפּיל, שפּראַכ, ליבע אונ אַזוי ווײַטער, ווערט געשילדערט ווי פאַרהעלטענישנ פונ „נוצנ אונ אויסנוצנ". אַזוי שרײַבנ מאַרקס אונ ענגעלס וועגנ דער בורזשואזער אופאַסונג פונ די ווערטער, וואָס באַצייכענענ דאָס בעסטע מענטשלעכע געפיל.

די מערעוו־אייראָפּעיִשע אונ רוסישע קלאַסישע ליטעראַטור האָט א סאַכ אופגעטאָנ אָפּ אופצודעקנ די בורזשואזע אופאַסונג פונ מענטשלעכע צווישנפאַרהעלטענישנ ווי פאַרהעלטענישנ פונ „נוצנ אונ אויסנוצנ". די דאָזיקע אופאַסונג דעמאַסקירט אויכ בערגעלסאָנ אינ זײַנע ווערק, וואָס זײַנענ געווידמעט דער אייגנטימערישער לעבנס־אײַנאָרדענונג. אינ דער „פאַרגרעבטער שטאָט" ביפּראַט באַווײַזט בערגעלסאָנ דעמ בורזשואזנ „ווערטער־מאַסקאַראַד", וועגנ וועלכנ ס'רײדנ מאַרקס אונ ענגעלס, ער דעמאַסקירט קינסטלעריש דעמ אייגנטימערישנ אינהאַלט פונ די באַגריפנ ליבע אונ פרײַנטשאַפט, וואָס באַקומענ

אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט אַלע אייגנשאַפטן פון „נוצן און אויסנוצן".

די מאָטיוון פון טשערקיסעס, עלישעס, בורמאַנס און פּראָדאָטש־קעס אופּירונגען זײַנען דאָ באַ בערגעלסאָנען שאַרף אָנטבלויזט, זיי זײַנען דורכויס אָפּן־עגאָיִסטישע, זיי שטאַמען אויסשליסלעך פון אייגנ־נוצן, פון גאָלע פּערזענלעכע אינטערעסן. אַף זײַן שטייגער טײַלט מיט וועגן דעם פּרויקע טשערקיס דעם ראַבינער:

„— דו פאַרשטייסט? — האָט ער דעם ראַבינער פּריילעך געטו־מען טײַטן אַף זיך, — דער איקער איז, אַז מ'בלײַבט באַם סייכל און מ'הייבט אָן פאַרדינען געלט..."

דאָס, וועגן וואָס נאָסן העלער, מאָנטשיק, וועלוול בורנעס פון „נאָך אַלעמען" האָבן ניט גערעדט, אויסגעבאַהאַלטן, צו גלייבן, פון זיך אַליין, דערציילט אַרויס דאָ פּרויקע טשערקיס, וואָס האָט שוין אין דעם פּראַט אַ פּאַרטיקע, אַן אויסגעטראָגענע, אַ פאַרגאַנצטע „לעבנס־פי־לאָסאָפיע". דער דאָזיקער „אינטעליגענט", וואָס טראָגט אַ „שטרויע־נעם הוט מיט צוויי דאַשעקעס", „אָנגעטאָן אינדערוואָכן אין אַ נײַעם גרינבלעכן אָנצוג און בלאַנקענדיק־נײַסע אייבערשטע וועש און אין אויך אַזאַ נײַעם גרויסשטאָטישן „האַלדז־שטיק", דער דאָזיקער „קלור־גיטשקער" פּרויקע טשערקיס, וואָס קאָמאַנדעוועט פּרעך מיט די זעצער פון זײַן טיפּאָגראַפיע, זאָגט זיך אַרויס פאַרן ראַבינער:

„— מענטש איינער, וויבאַלד איך האָב מיר אָנגעהויבן פאַרדינען און לעב מיר, ווי אַ מענטש, וואָס זשע האָב איך כאָלילע עפּעס צו דיר, צו מאַניען, צי אַפילע צו עלישען, לעמאַשל?"

„— אַ מענטש, לעמאַשל, — קערט ער זיך אום צום פּרזערדיקן געדאַנק, — אַז ער פאַרדינט זיך, וויפל ער דאַרף, און איז אָנגעטאָן, און איז זאַט, הייבט ער זיך אָקאָרשט אָן צוצוקוקן און ראַכמאָנעס האָבן אַף זיך און אַף דער אַרומיקער פּרעמדער וועלט... אַ מענטש איז שוין גאָרניט אַזוי שלעכט..."

און נאָכאַמאָל:

„— ...אַז דו האָרעוועסט אַף פּאַרנאָסע און ביסט פאַרטראָגן, איז דיר גוט, נאַר איינער. נאָר אַז דו באַקומסט, וואָס דו דאַרפסט, און טראַכסט זיך אַרײַן אין אָט דעם אַרום־און־אַרום, זעסטו, אַז ס'איז פאַ־ראַן אַ שיינע וועלט, און דו האָסט אַף איר עפּעס ראַכמאָנעס, אַף אָט דער וועלט, און ס'ווערט דיר עפּעס אַזוי אומעטיק ווערט דיר..."

דעם שרײַבערס איראָניע שנײַדט זיך דאָ אַרײַן אין דער טיף פונעם באַלעבעסלדיקן קלוימערשט הומאַניסטישן סענטימענט, דעם סענטי־

מענטן פונעם זאטן נעפעש, וואָס דערלויבט זיך שוין א קיצל טאָן זיך גופע מיטן גערדאנק, אז „א מענטש איז שוין גאָר נישט אזוי שלעכט״. אז מע פארדינט געלט, מע איז אָנגעטאָן און מע איז זאט, הייסט דאָס, קאָן מען אמאָל א טראכט טאָן וועגן מענטשלעכקייט, וועגן ראכמאָ־נעס... אָט דערזעט ער „טונקעלשטיינס יונגערן זונס ווייבל, אָט די, וואָס האָט קיין קינדער ניט:

„ — א ראכמאָנעס, — טוט ער וועגן איר א טראכט, — א יונג ווייבל וויל נעבעך האָבן קינדער״.

אים פארכאפּט זיין אייגענער זיסער סענטימענט „איך אים, — דערציילט וויטער בערגעלסאָן, — פארבענקט זיך שטארק נאָך אן אויסגעיידלטן ליטישן מענטשן, וואָס וואָלט איצט האנאָע געהאט פון ארומגיין א ביסל ליידיק, אָט אזוי ווי ער, און וואָס וואָלט אים איצט געקאָנט אויסהערן:

אָך, א גוטן ברודער צו האָבן...״

אזוי פארענדיקט זיין זיסע מאכשאָווע דער זעלבסטצופרידענער פרויקע, וואָס כאזערט איבער אפילע עטלעכע מאָל דעם גערדאנק: „א פארגרעבטע שטאָט דובראָוויטש...״

אָן קיין שום גראָטעסק, מיט עכט־רעאליסטישע מיטלען דערגרייכט בערגעלסאָן אין דעם אלעם צו די הייכן פון שארפסטער סאטירע, צום פאמפלעט אפילע, וואָס כאראקטעריזירט אין טאָך די גאנצע דערציי־לונג. אָט אזוי גוטמוטיק, קלוימערשט איינפאך־שטייגעריש מאָלט בער־געלסאָן אויך די סצענע פון בורמאנס א וויזיט צו עלישען, ווו ס׳איז דאָ אָן א שיר סאטירע און איראָניע. בערגעלסאָן דערציילט, ווי עלי־שעס ווייב, די פּראָדאָטשקע, איז אָפּ בורמאנס „פארלאנג שוין געזעסן בא דער גלאנציק־שווארצער פיאנע, וואָס זי האָט פון דער היים מיט־געבראכט, און האָט אים אויסגערעכנט א גאנץ צעטל פון פיעסעס״, האָבנדיק דעם אָנבליק פון דעם מיידל בא שאָלעם־אליכעמען: „ניט קיין סאָניע, נאָר א גאנצער סאָניעשניק״, וואָס שפּילט „טיודן״ פאר מענאכעם־מענדלען דעם שאדכן.

„ — זי קאָן אים שפּילן „בוריא נא וואָלגע״, און די רומענישע „דעדוינא״, און „אווע מאריא״, נאָר אויב „אווע מאריא״, קען זי עס אויסוויניק און דארף דערצו די נאָטן ניט האָבן: ס׳הייבט זיך אָן אָט אזוי...

נעמענדיק גרויסע געשווינדע פּאסאזשן, זיינען אירע פינגער... ארומגעלאָפן איבער דער גאנצער לענג פון דער קלאַוויאטור און האָבן געוואָרפן אין דער ביידער־לופט איינע כוואליע טענער נאָך דער צוויי־טער. לויט בורמאנס מיינונג האָט זי געשפּילט קונציק, אויסגעצייכנט.

נאָר זי אַליין האָט דערויף קיין מינדסטע אָנשטרענגונג ניט געמאַכט און האָט נאָך אין דער זעלבער צײַט געערדט צום דינסטמיידל, וואָס האָט זיך באַוויזן רעכטס פון פּיאַנע, אין דער טיר; איבעררײַסנדיק דאָס שפּילן, האָט זי דעם דינסטמיידל געזאָגט, אַז מאָרגן וועט זי שוין אַליין גיין מיט איר אין מאַרק און אַז די ווײַסע כאַלע איז גוט צו באַשיטן ניט מיט קימל, נאָר מיט מאָן".

אָט וועגן וואָס פאַר אַ פאַרגרעבטקייט עס האַנדלט זיך בײַ בער־געלסאָנען, ס'האַנדלט זיך וועגן דער שרעקלעכסטער באַנאַליטעט פון די באַלעבאַטישע פּיאַנע־שפּילער, וואָס האָבן אין יענע יאָרן אַרײַנגעבראַכט אין שטעטל די „ציוויליזאַציע" און האָבן אַפּ אַ נײַעם אויפן פאַרמאַסקירט זייער פּיליסטערישע טעמפּקייט און באַלעבעסלדיקע באַגרענעצטקייט. ס'האַנדלט זיך וועגן דער פינצטערער טעמפּקייט פון אַ גאַנצן באַלעבאַטישן שטעטל, וואָס מאַכט דורך, ווי בערגעלסאָן באַווײַזט, דעם נײַעם, דעם „פאַרגרעבטן" עטאַפּ פון זײַן עקזיסטענץ אין פאַרבינדונג טאַקע מיט די נײַ אויסגעפּאַרמירטע אייגנטימערישע געפילן בײַ מענטשן און שיכטן פון דער יעניקער רעאַקציע־תּקופֿה.

2

וואָס ווײַטער, ענדערט זיך בײַ בערגעלסאָנען דער כאַראַקטער פון עם שטעטלשן לעבן, עס ענדערט זיך דער עצעם אינהאַלט פונעם שטעטלשן לעבנס־שטייגער, וואָס בלײַבט אויסערלעך אין פלוג דער זעלבער, וואָס פריִער.

אין דעם דאָזיקן דובראָוויטש גייט דאָך בײַ בערגעלסאָנען אַ רייד וועגן דער דווירעסדיקער טאַקסע, אַרום וועלכער עס קומט פאַר דער בלוטיקער קריג פון עלישען מיט די שטאָט־קאַצאָווים. דאָ פיגורירן די אַלט־שטייגערישע שטאָט־באַלעבאַטים, דער ראָוו, די שאָכטים, אַ ייִד אַ שאַרבן, אַ ייִדישער פעלדשער, עס רעדט זיך וועגן מאַרק, יאַטקע, שול, יאָמטויווים, זכאָר־ברים, ערעוו יאָמקיפּער, קאַפּאָרעס, מע שלאָגט זיך פאַר קוורע־געלט, פאַר באָסאָר־כוץ, ס'איז, דאַכט זיך, אַלץ, ווי געוועגן בײַ מענדעלען אַפילו.

געפינט מען אָבער דען אין דעם אַלעם אַ וועלכע־ס'איז־ניט שײַכעס צום רעליגיעזן געדאַנקען־גאַנג, צו פרומקייט, צום טראַדיציאָנעלן שטייגער, צו דעם באַטײַט פון דער קהילע מיט אירע די אָדער יענע לעבנס־נאָרמעס און געזעלשאַפטלעכע מידעס? נאָך מער ווי אין „אַרום וואָקזאַל" און „נאָך אַלעמען" איז דאָס „שטעטלשע" דאָ אויסגעלײדיקט פון יעדן אַלט־ייִדישן זין און אינהאַלט. דאָ אין דער פאַרגרעב־

טער שטאָט איז שוין אַלץ מיט אַלעמען אויסגעקערט מיטן פּאָנעם
צו אייגענע, עגאָיסטישע אינטערעסן, צום קאַמף פאַר אייגנטימערי־
שער באַרײַכערונג, אָן קיין שום שײַכעס צום עצעם טאָכ פון ריטואַל,
פון דין און מינהעג צי פון אַלט־שטייגערישע וואָכ און יאָמטעוו.
דער שאַדכן, וואָס פיגורירט אין דער דערציילונג, איז אַ שיקער.
דער ראָוו — אַן „אַרטיקער טיפּעש". די שטאָט אינגאַנצן־גענומען איז
אַפּ אַ נײַעם אויפן פאַרגרעבט און טראָגט אַ סינע צו אַלעמען אַרום.
ביכלאַל האָט מען זיך דאָ פײַנט איינער דעם צווייטן. פרויקען האָט
די שטאָט פײַנט דערפאַר, „וואָס ער האָט זיך, ווי עלישע, צו שפּעט
אומגעקערט פון זײַן עקסטערנישן לעבן, וואָס אין די גרויסע שטעט,
און האָט דאָ, ווי יענער, ניט באַדאַרפט אָנקומען ניט צום שויכעט, ניט
צו קאָהאַל, ניט צום ראָוו". עלישען האָט קאָהאַל פײַנט באַקומען אוי־
סער דעם אויך דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרײַנטראָגן די
פיר טויזנט רובל אַפּ אוילעמעס, קוורע־געלט פאַר זײַן פאַרשטאָר־
בענעם זיידן.
עלישע צעקריגט זיך מיט קאָהאַל און באַלד נאָכדעם מיט די קאַ־
צאָווים פאַר דער טאַקסע, וואָס ער האָט באַקומען דאָ בעיערושע. פרוי־
קע איז לעבאַטכילע אין קריג מיט עלישען פאַר דער טיפּאָגראַפיע,
וואָס עלישע וויל עפענען אַפּ צו קאָנקורירן מיט פרויקען. שפּעטער
צעקריגט זיך פרויקע מיטן געוועזענעם ווײַב דער קורסיסטקע פאַר
דער טיפּאָגראַפיע טאַקע. דערנאָך גייט אַ סעדרע געשלעגן: פרויקע
שלאָגט דעם ווײַבס קאָרעוו, וואָס האָט אים אופגעהאַנגען אַ שלאָס
אַפּ דער טיפּאָגראַפיע. עלישע שלאָגט דעם שאַדכן, וואָס האָט אָנגע־
רעדט אַפּ זײַן פאַראָטשקען. די קאַצאָווים שלאָגן און דערשלאָגן אַפּ
טויט עלישען...
אָט די זאָאָלאָגישע געפילן אין בערגעלסאָנס באַלעבאַטישן דובראָ־
וויטש קומען אין רעזולטאַט פונעם אופגעקומענעם אידיייִשן פּוסט־
און־פּאַס, זיי זײַנען אַ פּרוכט פונעם אַמאָראַלישן בורזשואַזן לעבנס־
שטראָם, וואָס האָט אַ גיי געטאָן אַפּ דער שטעטלשער באַלעבאַטישער
געזעלשאַפט, אַנטבלויזט און פאַרשאַרפט אַלע אַנטאַגאָניזמען, וואָס
ווערן שוין מער ניט געלינדערט מיט קיין שום קלאַל־אינטערעסן, מיט
וואָסערע־ניט־איז פערזענלעכע, עטישע אײַנשטעלונגען. דאָס איז ניט
די סטיכייִשע אורפאַרגרעבטקײַט, די האַמוינישע אופגעברויזטקײַט פון
אַשם קוילער־געסל. דאָס איז די פאַרגרעבטקײַט פון דער נײַער פאַר־
מאַציע, די פאַרגרעבטקײַט, וואָס גייט פון דער ציוויליזירט־מעשטשאַ־
נישער אינהאַלטסלאָזער שטוב און גיסט זיך צונויף מיטן אויסגעליי־

דיקטן לעבנס־אינהאַלט פונעם איצטיקן שטאָט־באַלעבאָס, קרעמער, ראָוו און קאַצעוו...

וועגן עלישען דערציילט בערגעלסאָן: „די גאַנצע שטאָט, די קאַ־צאָווים, קרעמער און כּאָשעווע באַלעבאַטים האָט ער געפילט ווי איין מעכטיק אַכזאָריעסדיק געשטאַלט — ס'איז אויסגעגאָסן פון איין שטיק, ס'איז שווער ווי אײַזן און ס'דריקט שטומערהייט..." אָבער אַזוי אַכזאָריעסדיק, ווי די דאָזיקע אַלע, איז דאָך אויך דער רבֿ געוואָרע־נער עלישע, פּרויקע און פּראַדאָטשקע, אָט די אין זיך אײַנגעליבטע, זאַטע, שיינע, אויסגעלאַסענע כּלה. אַזאַ איז אויך בורמאַן, וואָס מער ווי אַף אַ פּוסטן סענטימענט קלעקט אים ניט, בעשאַס ער טוט אַ טראַכט וועגן זײַן אייגענער שוועסטער: „מעגלעך, אַז זי האָט דאַרט ניט פון־וואַנען צו לעבן..."

דער איקער באַציִונג פון די קאַצאָווים צו עלישען דריקט זיך אויס אין דער ווענדונג זייערער:

„ — האָט קיין יעסורים ניט... ער וועט בלײַבן אַ קאַפּצן".

די פּיזיִאָלאָגישע סינע געפינט איר אויסדרוק אין די כּייִשע מאָ־טיוון, וואָס די קאַצאָווים שטעלן אַרויס, בעשאַס זיי באַשליסן געבן עלישען פּעטש:

„ — די קישקעס וועט מען אים אַרויסלאָזן!

— ער איז דאָ אַ פרעמדער".

„באַטאָג, — שילדערט בערגעלסאָן די זײַטן פון שטעטל, — האָט בעוורע קאַצאָווים דערזען בורמאַנען מיט פּרויקען אין עק מאַרק אַדורכ־גיין און געמאַכט אַף זיי אַ „טיוהאַ", ווי אַף האָזן:

— ס'איז איין קאָמפּאַניע מיט עלישען, נאָר איינער.

— געענדיקט די קלאַסן".

אָבער די דאָזיקע, וואָס האָבן „געענדיקט די קלאַסן", האָבן דאָך אויך געלעבט פּונקט אַזאַ פּיזיִאָלאָגיש לעבן, — אַ טאָג פאַרהאַוועט אין געלט און אין אָוונט „זיך... אַוועקגעזעצט צום פּרעפּעראַנס, צו דער איקער־אַרבעט, וואָס אַף איר האָט מען געוואַרט אַ גאַנצן טאָג".

טאַקע דעמלט, בעשאַס איינעם פון די דאָזיקע פּרעפּעראַנסן, האָט זיך פּרויקע דערוווּסט וועגן די פאַרהעלטענישן צווישן פּראַדאָטשקען און דעם ראַבינער בורמאַן: „צווישן עלישעס ווײַב... און צווישן בור־מאַנען, וואָס זיצט איר אַנטקעגן, — האָט פּרויקע זיך דערוווּסט, — קומט די גאַנצע צײַט פּאָר אונטערן טיש עפּעס אַ גאַנץ ערנסטער שמו־עס אַף פּיס־לאָשן". און ווען פּראַדאָטשקע האָט אײַנגעלאַדן צו זיך בור־

מאַנעכ קומענ מאָרגנ אפ וואַרמעס, האָט פּרויקע דערנאָכדעמ ארויסגייענדיק, אפ זײַנ אויפנ, א זאָג געטאָנ צומ ראַבינער:

„— נאַר איינער, ביסט דאָכ א גליקלעכער מענטש! מיינסטו, אַלעמענ גילט אזוי אפ, ווי דיר?

אימ האָט זיכ געדוכט, אז בורמאַנ ווייסט ניט, אנטקעגנ וואָס ער זאָגט עס. האָט ער צוגעגעבנ:

— וואָס הייסטו? עלישע האלט דאָכ דיכ אויס מיט א ווײַב, מיט א שטוב אונ מיט א קיכ אפילע!”

אָט אזא איז זי, די קאָנסעקוועטע עוואָליוציע פונ דער ליבע, אינ די דאָזיקע קרײַזנ. צו אָט דער דאָזיקער „ליבע” האָט זיכ אראָפּגעקײַקלט דער געוועזענער סטודענט בורמאַנ, וואָס איז מיט זײַנ גאַנצנ „שווערנ זעקס־פּודיקנ קערפּער” פונ טאָג אפ טאָג געזונקענ אינ זומפ פונ דער ארומיקער פּיליסטערישער אויסקומעניש.

בערגעלסאָנ גיט איינע נאָכ איינע שטעטלשע זשאַנר־פּאַרצייכענונגענ, וואָס שטעלנ פאָר איינ גרויס בילד פונ גײַסטיקער געמיינקײַט, פאַרדאָרבנקײַט אונ באַנאַליטעט. פאַראַנ נאָר איינ מאָמענט, ווענ בערגעלסאָנ טוט א רייד וועגנ „אידיי” אינ שטעטל, ער טוט א רייד וועגנ ציוניזמ, אָנווענדנדיק דערבײַ, ווי אומעטומ, די אנטבלויזנדיקע סאַטירישע פאַרב. ער דערציילט וועגנ דעמ שטעטלשנ דראָגיסט ראַבקינ, וואָס איז שטאַרק צעטראָגנ איבערנ קאַמענעצער קאָמיסיאָנער, וואָס ער פאָרט ניט צו נאָכ דער פאַרזאָגטער באַשטעלונג. דער דאָזיקער דראַבקינ שטייט נעבנ דער גלעזערנער טיר פונ זײַנ אויסגעפּוצטנ מאַגאַזינ, „אונ הינטער אימ שטייט זײַנ רויטהאָריק, פונ טאָמיד אָנ שטאַרק אויסגעדאַרט ווײַב אונ עסט אימ מיט א שטילנ קוויטש, ווי א וואָרעמ.

— ביסט א מיוונ?! ער איז ביז האלבנ טאָג געווענ צעטראָגנ מיט זײַנע ציוניסטישע בריוולעכ איז ער געווענ צעטראָגנ... ער האָט ניט געקענט באַשטעלנ דעמ קאָמיסיאָנער גאַנצ פרי האָט ער אימ ניט געקאָנט באַשטעלנ.

פרויקענ איז געפעלנ אָט דאָס קאָמישע פּאָרל: ער — א פּעמפּיקעוואַטע אונ קאַרג יידל מיט א צוגעשוירנ בערדל, וואָס פאַרקויפט באַהאלטנ פונעמ ווײַב ציוניסטישע מאַרקעס, אונ זי — אַנ אויסגעבויגענע, ווי א צו פאַרטיקע, אײַנגעטריקנטע זאַנג, אונ וואַרגט זיכ, בעשאַס זי רעדט אפ איר קוויטשיק קעלכל, גלײַכ דער שלאַק איז אינ איר צו גרויס, ער זאָל זיכ דורכ איר שמאָלנ האלדז ארויסרײַסנ”.

דער דאָזיקער פּעמפּיקעוואַטער דראָגיסט איז דער איינציקער „אידייענ־טרעגער” אינ בערגעלסאָנס פאַרגרעבטער שטאָט, ווו ס'איז

נישטאָ בא קיינעם קיין דורכלויכט פון ערנסטן געדאנק און איבערלע־בונג. דער טויט אפילע, עלישעס טויט, האָט בערגעלסאָן געשילדערט מיט פארבן, וואָס רופן ארויס עקל און פײַנטשאַפט צום שטארבנדיקן. בערגעלסאָן דערציילט וועגן בורמאנענס און פרויקענס, וואָס זײַנען גע־גאנגען געוווירע ווערן צום קראנקן:

„...ווי נאָר זיי זײַנען ארײַנגעקומענ צו עלישען אין פאָדער־שטיבל, האָבן זיי גלײַך דערפילט, אז די שטוב איז פול מיט שטימונג פון מע־סוקנעם קראנקן, וואָס לעבט שוין נאָר, קעדיי זיך צו מאטערן און ארויסצונעמען דאָס כּעס בא די, וואָס דרייען זיך ארום אים".

בערגעלסאָן האָט דאָ פארבײַגייענדיק געשאפן א געשטאלט פון א דינסט־מיידל, א שלעקל, ווי ער זאָגט. דורך איר, דורך אירע שטייגער־רייד און טנועס, וואקסט אויס די גאָרע פוסטקײַט פון עלישעס לעצ־טע רעגעס, וואָס זײַנען, פונקט ווי זײַן גאנצע לעבן, טעמפּ־אוילעמ־האזעדיק און פּרעסעריש־באנאל. ביזן סאמע טויט יאָגט ער זי ארום, דערציילט דאָס מיידל, קריגן אים און קאָכן פארשיידענע פּאַטראוועס: „מילכיקע קנישעס", „א פייסעכדיק קעזל", צו וועלכע ער איז שוין ניט אימשטאנד צורירן זיך אפילע.

דערציילט בערגעלסאָן, ווי בורמאן זיצט לעבן דעם שטארבנדיקן און דערזעט אף דער פאָדלאָגע „א פארטריקנט שטיקל בלאָטע... ער האָט זיך זיצנדיקערהייט אײַנגעבויגן צו דעם, ווי אף צו פארוויילן זיך, און האָט אף דעם געקוקט לאנג־לאנג, ווי ווארטנדיק, אז אָט־אָט וועט עס זיך אָנהייבן רירן און וועט אוועקריכן איבער דער גאנצער לענג פון זאל". דאָס איז פּסיכאָלאָגיש ריכטיק, און ווי טאָמיד — מיט א מיין צו קוואליפיצירן, געבן די שרײַבערשע אָפּשאצונג פון דער גע־שילדערטער לאגע און צושטאנד.

אין אלגעמיין איז בערגעלסאָנס בילדער־סיסטעם דאָ אין דער „פאר־גרעבטער שטאָט" א מער אָפענע און דירעקט שילדערישע. דאָ זײַנען ווייניקער מעטאפאָריסטישע פארמיטלונגען צווישן דעם שרײַבערס גע־דאנק און אויסדרוק. ס'איז צו באמערקן, אז אין דער דאָזיקער דער־ציילונג האָט זיך געפעלט בא בערגעלסאָנען אין דיאלאָג דער פראָנאָם אין דער דריטער פערזאָן. א סימען, אז די דאָזיקע סטיל־אייגנשאפט איז בא אים פאָרט פארבונדן, ווי אויבן געזאָגט, מיטן אלגעמיינעם פּאָעטישן כאראקטער פון דער שילדערישער רעמארקע. די ליריק, די פּאָעטישע שטימונג, טרעט דאָ אָפּ דאָס אָרט דעם פּינקטלעכן פּאַק־טישן געמעל, וואָס גיט איבער די יעניקע דעטאלן, דורך וועלכע דער געשילדערטער מענטש ווערט אנטבלויזט און דעמאסקירט.

די וואָרהאַפט דערגרייכט דאָ בערגעלסאָן דורך דער געוויסער פּראָ־
טאָקאָל־אַרטיקײַט אין דער צייכענונג פון די געשעענישן, וואָס זײַנען
אָזוינע בוילעטע, קאָנקרעטע, זאַפטיקע, קימאַט נאַטוראַליסטישע, ווײַל
דאָ האַנדלט זיך דאָך וועגן שאַפן דעם כאַראַקטער פון ברוטאַלע מענטשן
און זייערע ברוטאַלע טאַטן. די קאָנקרעטקײַט דערגייט ביז די שטעט,
וואָס בערגעלסאָן רופט דאָ אָן בײַ די נעמען: דובראָוויטש, מעזשביזש,
קאַמענעץ, אָנשטאָט די אַלגעמיינע: שטעטל, קרײַז־שטאָט, הויפּט־
שטאָט, וואָס בערגעלסאָן האָט געברויכט אין אַלע זײַנע ביזאהעריקע
ווערק.

און אָט איז אַ מוסטער פון דעם, ווי דער קאָנקרעטער נאָמען פון
דער שטאָט באַקומט אַ פּאַראַלגעמיינערנדיקע פאַרב אין בערגעלסאָנס
איראָנישן געמעל. ער דערציילט וועגן די דובראָוויטשער לײַט, וואָס
זײַנען געשטאַנען בײַ די טירן און געקוקט אויף עלישעס ווײַב, אויף דער
שפּאַצירנדיקער מעזשביזשער פּראַדאָטשקען: „און אַז זי האָט אין
שוואַרצן שמאָלן קליידל אָנגעשטעלט אַ פוס אויף אַ שפּאַן צו טאָן, האָבן
זיך צו אים ניט ווילנדיק אַראָפּגעלאָזן אַלע אַרומיקע מאַנצבלשע
אויגן, גלײַך אין אָט דעם היפּשן און שלאַנקן פוס ליגט עפּעס אַ גאַנ־
צער מעזשביזשער קונץ און ס'איז קעדײַ צו זען, וואָס וועט פאַרקומען
מיט אים און מיט איר גאַנצער וווקסיקער פיגור, בעשאַס זי וועט דעם
פוס נאָכאַמאָל אַ הייב טאָן און וועט אים נאָכאַמאָל אויף דער ערד
אַראָפּשטעלן".

יעדער קאָנקרעטע דעטאַל דינט בערגעלסאָנען אויף צו דעמאַסקירן
די טעמפּקײַט, באַנאַליטעט און פּראָווינציעלע קליינקעפּלדיקײַט פון די
„פאַרגרעבטע" פאַרשוינען. דער „מעזשביזשער קונץ" — דאָס איז
איינס פון די מיטלען, וואָס דינט דעם סאַטירישן כאַראַקטער פון בער־
געלסאָנס שילדערונג, אַרײַנפלעכטנדיק זיך אָרגאַניש אינעם רעאַליס־
טישן סטיל פון דער שטייגערישער דערציילונג.

די אָפּלייקענערישע קראַפט געבירט אָפּטימיזם, ווען זי איז געווענדט
קעגן די באַדינגונגען, וואָס שאַפן די נעגאַטיווע דערשײַנונגען. בער־
געלסאָנס דערציילונג וועגן דער „פאַרגרעבטער שטאָט" איז געוויד־
מעט דער איראָנישער אָפּלייקענונג פון דער דעמלטיקער הערשנדיקער
לעבנס־סיסטעם. די דערציילונג איז געווענדט נישט נאָר קעגן די
מענטשן, נאָר אויך קעגן די סיבעס, וואָס האָבן די דאָזיקע מענטשן
צום לעבן אַרויסגערופן. פונדאַנען שטאַמט דער געזונטער שטראָם, וואָס

גייט פונ בערגעלסאָנס איראָניע אונ אָפּלייקענונג, נישט געקוקט אַפֿ דעמ, וואָס אינ בערגעלסאָנס דערציילונג זײַנענ ניט געשילדערט ניט די קויכעס, ניט די אָנשויונגענ, וואָס זײַנענ בארופֿנ אָפּראַמענ פונ דער וועלט די אופגעדרעקטע הערשנדיקע באנאליטעט אונ העסלעכקײַט.

בערגעלסאָנס „פארגרעבטע שטאָט" איז אנ אויסגעשפּראָכענער באשולדיקונגס־אקט. אונ הינטער יעדער עכטנ באשולדיקונגס־אקט שטייט שטענדיק די וועלט, די געזעלשאפט, וואָס באשולדיקט, סע שטייט דער עמעס, וואָס אינ זײַנ נאָמענ ווערט די דאָזיקע באשולדי־קונג ארויסגעטראָגנ. „א מענטש איז שוינ גאָר ניט אזוי שלעכט". די דאָזיקע רעפליק קלינגט איראָניש באמ פארדאָרבענעמ פרויקע טשער־קיסנ אינ מויל טאקע דערפאר, ווײַל דער גוטער מענטש אונ די מענטש־לעכקײַט זײַנענ דאָך פאראנ אַפֿ דער וועלט.

די הומאניסטישע אידיי — דאָס איז די אידיי, אינ נאָמענ פונ וועלכער בערגעלסאָנ פארמישפּעט די פארגרעבטע שטאָט, די פאר־גרעבטקײַט פונ די מענטשנ פונ דער נײַער אייגנטימערישער פאָרמאַ־ציע. אינ דעמ ליגט דער דערקענטעניש־באטײַט פונעמ ווערק. דער דאָזיקער באטײַט ליגט אינ דער אָפּשפּיגלונג פונ דער ווירקלעכקײַט, אינ דער רעאליסטישער קינסטלערישער שילדערונג, וואָס איז דאָ, אינ דער דאָזיקער קינסטלערישער דערציילונג, געקומענ אינ בארירונג מיט דער פאָרשריטלעכער סאָציאַלער אָפּלייקענונג.

V. אינ פארטונקלטע צײַטנ

1

„אינ פארטונקלטע צײַטנ" — מיטנ דאָזיקנ נאָמענ האָט בערגעלסאָנ אָנגערופנ אײנעמ א טײל פונ א ראָמאנ. דעמ דאָזיקנ טײל האָט ער פארעפנטלעכט אינ 1918 יאָר, האגאמ געשריבנ האָט ער אימ מיט יאָרנ פריִער.

ס'דאכט שוינ אָבער, אז דער דאָזיקער נאָמענ געהערט צו דעמ אלעמ, וואָס בערגעלסאָנ האָט געשאפנ אינ יענע מילכאָמע־יאָרנ, אינ די יאָרנ, וואָס ערעוו דער פעווראל־רעוואָליוציע. אונ ס'דאכט אפילע, אז דער דאָזיקער נאָמענ געהערט א סאכ מער צו אלע איבעריקע ווערק, צו די דערציילונגענ, אשטייגער, פונעמ בוכ „דרויב", איידער צו די דאָזיקע קאפיטלענ פונעמ ראָמאנ, וואָס בערגעלסאָנ האָט, ווארשײַנלעכ, געהאט בעדייע סאָציאל אויסטײַטשנ מיטנ נאָמענ „אינ פארטונקלטע צײַטנ". וואָרעמ גראָד אינ די דאָזיקע קאפיטלענ איז פאראנ וויניקער אָפשפיגלונג פונ דער געזעלשאפטלעכ־פארטונקלטער טקופע, איידער אינ די דערציילונגענ: „דרויב", „אָנ א נאָמענ", „יאָרדימ", „דער לעצטער ראָשעשאָנע", „באנאכט" אונ „אינ איינעמ א זומער", ווו די פארטונקלטקײַט פונ דער געשילדערטער צײַט שפיגלט זיכ אָפ אזוי בוילעט סײַ אינ דער טעמע סײַ אינ דער שרײַבערשער אינטערפרעטאציע פונ דער טעמע.

נאָכנ גרויסנ געזעלשאפטלעכנ אומרו, מיט וועלכנ עס זײַנענ געווענ אָנגעזעטיקט בערגעלסאָנס ביזאהעריקע ווערק, נאָכ דעמ קריטישנ שטראָמ, וואָס האָט אינ „דער פארגרעבטער שטאָט" געבראכט צו פארשארפטנ סאָציאלנ פאמפלעט אפילע, — איז פארנ שרײַבער לאכלוטנ ניט בארעכטיקט אָט די רויִקע, ערטערווײַז אידילישע שילדערונג פונ די גווירישע מישפאָכעס, פונ די רײַכע ראפאָפאָרטס, לעווינס אונ שורס פונ די „פארטונקלטע צײַטנ". אינ דער דאָזיקער שילדערונג איז דאָכ אלנפאלס נישטאָ קיינ צייכנ פונ דער געזעלשאפט־קריטיק, קיינ סימענ פונ אומצופרידנקײַט מיט דעמ ארט מענטשנ, וואָס

בערגעלסאָנ האָט ביז אהער אינ טאָכ געהאלטנ אינ איינ אנטבלויזנ אונ אזוי צי אנדערש דעמאסקירנ אפ זײַנ אייגענעם קינסטלערישנ אויפנ.

עמעס, דער דאָזיקער טייל פונעם ראָמאנ „אינ פארטונקלטע צײַטנ" איז, אייגנטלעכ, קיינ טייל ניט. דאָס זײַנענ נישט מער ווי עטלעכע גרעסערע קאפיטלענ, ווו ס'פילט זיכ נאָכ ניט אפילע דעם שרײַבערס אײַנשטעלונג, די אלגעמיינע אידייִישע צילגעוועװנדטקײַט פונעם ווערק. אזוי ווײַט איז די דאָזיקע אידייִישע אָפּוועזנהײַט, אז זי האָט געווירקט אפילע אפ דער קינסטלערישער צילגעוועװנדטקײַט פונ די קאפיטלענ אינגאנצנ גענומענ, נישט געקוקט אפ אייניקע מײַסטעריש געשילדערטע עפיזאָדנ אונ מײַסטעריש געשילדערטע כאראקטערנ. אונ דערבײַ איז צו זענ, אז אינ איינצלנע שילדערונגענ פעלט ניט אינגאנצנ אוים דער גע־וויסער קריטישער אָטעמ, ער פעלט ניט אוים, צומ בײַשפיל, אינ דער גרעסטענער שילדערונג פונעם גווירישנ געמאָרע־מעלאמעד אונ שאדכנ נאָסנ ווידערפאָליער, וואָס שטעלט מיט זיכ פאָר די קינסטלעריש בווי־לעטסטע פיגור אינעם דאָזיקנ ווערק.

מיט דער געשטאלט פונעם דאָזיקנ קאָלאָריטפולנ גווירישנ געמאָ־רע־מעלאמעד הייבט אָנ בערגעלסאָנ זײַנ ראָמאנ, פארבינדנדיק אָט די פיגור מיט דער געשיכטע וועגנ א שידעכ, וואָס ווערט דאָ נאָכ מער ווי אינ „נאָכ אלעמענ" די הויפּט־טעמע פונעם ווערק. דער שידעכ בינדט דאָ צונויפ די געשילדערטע פערסאָנאזשנ, דורכנ שידעכ גייט די האנד־לונג, דער שידעכ פלעכט צונויפ די קאפיטלענ פונעם דאָזיקנ ערשטנ טייל פונעם ראָמאנ. דער ראָמאנ הייבט זיכ אָנ מיט דער געשיכטע פונעם געמאָרע־מעלאמעד, וואָס האָט זיכ אונטערגענומענ אויספירנ דעמ שידעכ צווישנ יויסעפ שורנ, דעמ יונגנ גווירישנ באָכער פונ גרויס־סעטרעניצ, מיט סאָרעלענ, „מיכאָעל לעווינס מיידל", וואָס געפינט זיכ אינ הויז פונ איר פעטער אבראמ ראפּאָפּאָרט, דעמ קיִעווער „רײַכנ אדיר" אונ פילאנטראָפּ.

בערגעלסאָנ פירט אונדז ארײַנ אינ דער סוויווע פונ די יִדישע געלט־מאגנאטנ, ער שילדערט יענעמ טייל פונ דער גווירישער געזעל־שאפט, וואָס איז געווענ פארבונדנ מיט דער גוויריש־יִכעסדיקער פי־לאנטראָפּישער טראדיציע. אינ דער געשטאלט פונ אבראמ ראפּאָפּאָרט האָט בערגעלסאָנ געשטרעבט, אפּאָנעמ, אופצושטעלנ דעמ יִדישנ מי־ליאָנער, וואָס איז געווענ פארבונדנ אפ זײַנ גווירישנ אויפנ מיט די יִדישע בורזשואזע געזעלשאפטלעכע באוועגונגענ פונ יענע יאָרנ, אָנ־הייבנדיק מיט דער ציִעניסטישער פּראָפּאגאנדע אונ ענדיקנדיק מיט דער בילדונגס־פארשפרייטונג פונ דער „כעוורע מעפיצײ־האסקאָלע"

און מיט דער בורזשואז־פילאַנטראָפּישער טעטיקייט. קענטיק, אַז בער־געלסאָן האָט זיך לעבאַטכילע פאַרמאָסטן אַפּ גאָר אַ גרויסן לייוונט, אַפּ אַ גרויסן געמעל פון געשטאַלטן, כאַראַקטערן, זיטן און זשאַנר־בילדער פון דער יידישער גרויס־בורזשואַזער געזעלשאַפט פון יענער צייט.

בערגעלסאָן ציט גלייך פון אָנהייב אויס ווייטע מאָלערישע ליי־ניעס, וואָס פירן פון די דאָזיקע גרויס־גווירישע מישפּאָכעס צום לעבן פון זייערע קינדער מיט זייער לערנען אין אויסלאַנד, אין פּעטערבורג, מיט זייערע שייכעסן צו פראַגן פון קונסט און ליטעראַטור. דעם רייכן אַבראַם ראַפּאָפּאָרטס טאָכטער איז אַ סקולפּטאָרן, זי ברענגט אַהער צום פאָטער אין שטוב די בילדער פון אַ יונגן באַרימט געוואָרענעם יידישן מאָלער יויעל ווייַנטרויב פונעם זעלבן שטעטל, וואָס יויסעפ שור. דער דאָזיקער מאָלער איז פאַרבונדן צוליב עפּעס מיט דער סאָ־רעלע לעווין און שפּאַצירט מיט איר ערגעץ איבערן שטאָט, בעשאַס דאָ בא ראַפּאָפּאָרטן קומט פאָר וועגן אים אַ געשפּרעך מיטן אָנטייל פון יויסעפ שורן, וואָס איז געקומען אַהער זי אָנקוקן, סאָרעלען.

דאָס אַלץ קומט פאָר אין איינעם אַ שאַבעס־צונאַכטס, וואָס בער־געלסאָן שילדערט, האָבנדיק פאַרזאַמלט אַהער צום גוויר אין שטוב אַ רייַ געסט — פּערסאָנאַזשן, וואָס געהערן דאָך צו איינער און דער זעלבער געזעלשאַפטלעכער גרופּע. דאָ געפינען זיך: „דער מיטלמעסיק־געפּאַקטער רויטלעכער סטודענט" דער ציוניסטישער רעדנער, דער ניט גאָר יונגער העברעישער פּאָעט, „אַ געגאָלטער, ווי אַן אַקטיאָר", דער אַלטער גאַסט אין ברילן מיט די לאַנגע האָר, וואָס האָט מיט אַבראַם ראַפּאָפּאָרטן גערעדט העברעיש, און די מאַדאַם קוירע — אויך אַן אַלטן העברעישן שרייבערס אַ טאָכטער. אַלנפאַלס גייט דאָ אַ רייד וועגן גאָר אַנדערע אינטערעסן איידער די, וואָס הערשן בא בערגעל־סאָנען אין „נאָך אַלעמען" בא די זיידענאָוועסקים אין שטוב.

אין „נאָך אַלעמען" האָט דאָך בערגעלסאָן אויך געשילדערט אַ נעגידישן שאַבעס־צונאַכטס, אָבער דאָרטן איז די אַטמאָספער בא די זיידענאָוועסקים אויסשליסלעך אַ רעליגיעז־שטייגערישע און אַ מיש־פּאָכעדיקע, און דאָ וואַקסט אויס ערגעץ אין הינטערגרונט אַ קרייז פון פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פראַגן. ווען בערגעלסאָן וואָלט פאַר־געזעצט זיין ראָמאַן, וואָלטן די דאָזיקע פראַגן מיסטאָמע געפונען זייַ־ער ווייטערדיקע אַנטוויקלונג און קאָנפליקטישע האַנדלונג. און אַוואַדע וואָלטן די דאָזיקע קאָנפליקטן אַנטפּלעקט די אָדער יענע באַציִונג פון־נעם שרייבער צו די אָנגעמערקטע געזעלשאַפטלעכע גרופּן און אָנ־

שוויונגענ אונ מיט דעמ גופע באַשטימט דעמ סאָציאַלנ כאַראַקטער, די געזעלשאַפטלעכע ווענדונג פונעמ ראָמאַנ.

די מײַסע איז די, וואָס אויסער די פּאָר גראָטעסקישע שטריכנ אינ דער שילדערונג פונ די געסט, איז אינ די איבעריקע אַלע געמעלנ פונ די הויפּט־פיגורנ אונ פונ זייערע טאַטנ נישטאָ קיינ אויסגעשפּראָכענע טענדענצנ פונ וועלכער־ס'איז־ניט סאָציאַלער אָפּשאַצונג מיצאַד דעמ שרײַבער. עס פעלט דעמ שרײַבערס באַציִונג צו די געשילדערטע מענטשנ אונ לאַגעס, אָט ווי עס פעלט ביכלאַל די צענטראַלע פּראָבלעמ אינעמ פאַרעפנטלעכטנ טייל פונעמ ווערק. אינעמ פאַרלויפ פונעמ גאַנצנ טייל האָט דער שרײַבער ניט באַוויזנ שאַפנ דעמ צענטראַלנ קנופּ פונ דער האַנדלונג, די אידיי אָדער דעמ טאַט, וואָס איז באַרופנ בילדנ דעמ איקערדיקנ דראַמאַטישנ קאָנפליקט אונ צוזאַמענשטויס, אויב ניט רעכענענ די ליניע פונעמ יונגנ שורנ, וואָס איז געקומענ פאַרשאַדכענענ סאָרעלע לעווינ אונ איז געוווִיר געוואָרנ, אַז זי איז גאָר אַוועק שפּאַצירנ מיטנ מאָלער — א מאָמענט א צו וויינִיק באַדײַטנדיקער פאַר דער ברייט אונ גרייס פונ די שטייגער־געמעלנ, וואָס דער שרײַבער האָט באַוויזנ פאַנאַנדערצוּוויקלענ אינ די דאָזיקע קאַפּיטלענ.

דאָס אַלצ באַווײַזט דענ ניט, אַז צוטרעטנדיק צו די דאָזיקע קאַפּיטלענ, האָט דער שרײַבער פאַר זיכ גופע ווײַט ניט אויסגעקלאָרט די צענטראַלע אידיי פונעמ ווערק. ער האָט פונ אָנהייב אָנ ניט קלאָר געמאַכט פאַר זיכ דעמ וועג, וועלכנ ס'וועלנ באַטרעטנ זײַנע הויפּט־פּערסאָנאַזשנ, דעמ וועג, וואָס דאַרפ זיי פירנ צו זייער אייגענעמ גורל אינ לעבנ. אינ די דאָזיקע קאַפּיטלענ איז בערגעלסאָנס מײַסטערישע שילדערונג פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ זשאַנר־שילדערונג, אַפ אַזויפיל אַפ וויפל דאָ פעלט די מער פאַרטיפערטע סאָציאַלע באַלײַכטונג, צו וועלכער מיר זײַנענ ביז אַהער געוווינט בא בערגעלסאָנענ. די צענטראַלע געשטאַלט פונ די קאַפּיטלענ, די געשטאַלט פונ אַבראַמ ראַפּאַפּאָרט, איז אויכ אַרויס נישט מער ווי א גראָטענע שטייגער־געשטאַלט, אָנ יענער גרעסערער פאַראַלגעמיינערונג, וואָס באַקומט זיכ דאַנ, ווענ אינ דער געשטאַלט לעבט דעמ שרײַבערס אָפּשאַצנדיקע אידיי, וועלכע מאַכט די געשטאַלט פאַר א סאָציאַל־באַדינגטער אונ היסטאָריש־פאַרוואַכטער.

שילדערנדיק דעמ וועג, וואָס פירט פונ גרויס־סעטרעניצ קיינ סקווירע, מאָלנדיק אַפ זײַנ שטייגער דעמ פּראַכטפולנ קינסטלערישבאַלעבטנ פּייזאַזש, דערציילט בערגעלסאָנ וועגנ דעמ דאָזיקנ וועג, אַז אַפריִער זעט ער אויס „פאַרשמאַכט, ווי א יוירעד, וואָס גייט צופוס... נאָכדעמ באַגלייטנ אימ שוינ דורכויס די גלײַכע פעלדער פונ

סטעפ — ברייטע צוגעטריקנטע פעלדער, וואס שפרייטנ זיכ אינ דער
ווײַט זייערע גרוילעכ־גרינע פארבנ אונ זײַנענ טאמיד גרייט צו שווערנ:
— בא אט דעמ איינציקנ בוימ, וואס שטייט דארט אינ האריזאנט
אנגעבויגנ איבער א ברונעמ, — פאראנ שטילקײַט אפ דער וועלט״.

אונ די דאזיקע פראכטפול־שיינע שטילקײַט, די דאזיקע עלעגישע
פאעטיזירונג האט געלייגט דעמ שטעמפל, באפארבט די שילדערונג
פונ די געשטאלטנ, באפארבט דאס מאל אויכ די שילדערונג פונ דער
גווירישער שטוב אונ אפילע פונעמ באלעבאס פונ דער שטוב —
דעמ גוויר אבראמ ראפאפארט. בערגעלסאנ האט אפ אימ געלאזט פאלנ
די שײַנ פונעמ שרײַבערס אייגענעמ הארציקנ סטיל. גייט ער אומ,
דער אבראמ ראפאפארט, א טרוימעריש־דענקענדיקער, פול מיט לירישער
זארג וועגנ זײַנע אייגענע געשעפטנ, אונ אויכ וועגנ דער וועלטס
געשעפטנ, וועגנ די געזעלשאפטלעכע איניאנימ, וואס רינגלענ אימ
ארומ אונ גרײַפנ אנ אפ אימ פונ אלע זײַטנ...

אוואדע האט בערגעלסאנ נישט אנ א מיינ ארײַנגעפירט אינ דער
גווירישער מישפאכע די זויבער־געשילדערטע הויקערדיקע נעסי, גע־
מאכט זי פאר אבראמ ראפאפארטס טאכטער, אנגעמערקט א געוויסע
טראגישע ליניע, וואס גיט דאכ א מעגלעכקײַט דעמ שרײַבער אירא־
ניש א זאג טאנ: „בא א גוואלדיקנ רײַכנ אדיר א טאטנ איז געבוירנ
א קינד — א פאשעט קאפצאניש קינד...״

אינ דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פונ די געשעענישנ וואלט די
דאזיקע ליניע געקאנט ווערנ א דראמאטישע, זי וואלט פארטיפערט
עפשער דעמ אײַנרײַס צווישנ אט דער גוטער נעסי מיט אירע גווירישע
עלטערנ אונ וואלט געשטעלט צומ אויספרווו די צווישנבאציִונגענ
פונ דער גווירישער מישפאכע מיטנ דאזיקנ „קאפצאניש קינד״. דער־
ווײַל אבער דינט די דאזיקע ליניע אפ צו פארטיפערנ די שטילע טרא־
גיק פונ דער גווירישער שטוב, וואס פארמאגט, הייסט דאס, אירע איי־
גענע טיפ מענטשלעכע ווייענ אונ אומגליקנ. דערווײַל האט זיכ באקו־
מענ, אז די קינעטישע, די פאטענציִעלע סאציִאלע אונ קלאסעווע לי־
ניעס, וואס וואלטנ געקאנט געפינענ זייער אנטוויקלונגס־וועג, קומענ
דא אינ א ווידערשפרוכ מיט דער שטילער לירישער אונ אפילע אידעא־
ליזירנדיקער נעמיטלעכקײַט, וואס שוועבט איבערנ ווערק, איבער דער גע־
שיכטע וועגנ דעמ שידעכ צווישנ די צוויי גרויס־גווירישע מישפאכעס.

אט־א דער אײַנרײַס, די דאזיקע לעבאטכילעדיקע, ניט אויסגע־
קלארטע אידייִשע אײַנשטעלונג איז געווענ, צו גלייבנ, די סיבע, וואס
בערגעלסאנ האט זיכ אפגעזאגט פארצוזעצנ ווײַטער דעמ ראמאנ,

וואָס זײַנע עצעמ, אָט אזוי ווי ער האָט זיך אנטפּלעקט אינ די דערשינענע קאַפּיטלעך, האָט לאַכלוטנ ניט געשטימט מיט דעמ שרײַבערס ביזאהעריקער קינסטלערישער פּראַקטיק, די פּראַקטיק פונעמ שעפער פונ „דעמ טויבנ", „ארומ וואָקזאל", „נאָכ אלעמענ" אונ „אינ א פּאַרגרעבטער שטאָט".

צו דער טעמע פונ דער אופגעקומענער יִידישער אינדוסטריעלער בורזשואזיע איז בערגעלסאָנ דעמלט צוגעטראָטנ מיט א צו קנאַפּנ קלאסנ־אנאליז. ביפראַט, אז ס'האָט זיך געהאנדלט וועגנ א צײַט, ווענ אינ הינטערגרונט האָבנ שוינ גערודערט די איבעראַנגעס דערוואַכטע ארבעטנדיקע מאסנ. בערגעלסאָנס פּאַרמעסט ארויסצוגיינ אפ דער גרויסער סאָציאַל־געשיכטלעכער ארענע פונ דער בורזשואזער לעבנס־איינאָרדענונג האָט שוינ געפּאָדערט אוועקשטעלנ דערבײַ די אויסגעשפּראָכענע פּאָליטישע פּראָבלעמענ פונ יענער צײַט אונ אויכ די פּראָבלעמ פונ קלאסנ־קאַמפּ. אונ אזוי האָט טאַקע בערגעלסאָנ געטאָנ מיט יאָרנ שפּעטער אינעמ צווייטנ טייל „באַמ דניעפּער". ווו ער האָט אוודע אויסגענוצט אויכ די לעבנס־דערפאַרונג, די קינסטלערישע אָנזאמלונגענ, וואָס האָבנ געזאָלט דינענ פאַר דער ווײַטערדיקער האנדלונג פונעמ ראָמאנ „אינ פּאַרטונקלטע צײַטנ".

דער נאָמענ „אינ פּאַרטונקלטע צײַטנ" איז, ווי געזאָגט, אינ די דאָזיקע דערשינענע קאַפּיטלענ פונעמ ראָמאנ געבליבנ הענגענ אינדערלופטנ. אָבער אינ דער זעלבער צײַט האָט דאָכ בערגעלסאָנ געשאַפנ א ריי קלענערע דערציילונגענ, וואָס באַווײַזנ בעפיירעש דעמ שרײַבערס פּארשטאנד פאַר אָט די פּאַרטונקלטע צײַטנ, ווענ דאָס מענטשלעכע געפיל איז געווענ דערשטיקט אונ דערשלאָגנ אונ ס'איז גרויס געווענ באַמ מענטשנ די בענקשאַפט נאָכ א שטיקל עכט אונ עמעסדיק־מענטשלעכ גליק.

אָט־אָ די גליק־באַרויבטע, זייער ווייִ אונ בענקשאַפט האָט בערגעלסאָנ געשילדערט אינ די קלענערע דערציילונגענ, וואָס ער האָט געשריבנ אינ די יאָרנ 1911 — 1917, פּאַרייניקט אונ ארויסגעגעבנ אינ 1918 יאָר אונטערנ נאָמענ „דרויב".

2

„דרויב" — אזוי האָט בערגעלסאָנ אָנגערופנ די ערשטע דערציילונג פונ דער זאמלונג. די דערציילונג פּאַרמאָגט אנ אָריגינעלנ אינהאלט אונ א מײַסטערישע נאָוועליסטישע פּאָרמ. איצט האָט בערגעלסאָנ געווענדט זײַנ אופמערקזאמקײַט אפ די שטעטלשע, אזוי גע־

רופענע אמאָל, נידעריקע שיכטן, וועלכע ער האָט אין די פּרוּעריקע ווערק געשילדערט נאָר פאַרבײַגײיענדיק, אופגעפּאסט נאָר ווי הילפס־פּערסאָנאַזשן, וואָס זײַנען געווען באַרופן אויספּילן די אָדער יענע קינסטלערישע הילפס־פונקציע אין דער אַלגעמיינער האַנדלונג. דאָ אין דער דערציילונג זײַנען זיי די הויפּט־פּערסאָנאַזשן: דער שטעטל־שער שמיד, דער טאָטער, ווי מע רופט אים אין שטעטל, זײַן שפּעטער געגעט ווײַב ביילע־העניע און דער אַלטער מעלאַמעד דאָוויד־לייזער.

די דערציילונג „דרויב" הייבט זיך אָן מיט א פּראַכטפולן זשאַנר־געמעל פון איינעם א סימכאַס־טוירע־טאָג אין שטעטל. זי הייבט זיך אָן מיט א געשיכטע וועגן דעם „טאָטער", וואָס שלאָגט זײַן ווײַב ביילע־העניען, א געשיכטע וועגן דעם גווירס שנור, באַ וועמען די ביילע־העניע האָט אַמאָל געדינט און וואָס צווינגט איצט דעם טאָ־טער געטן זי, די דאָזיקע ביילע־העניע. פאַר דעם געט טראָגט די גווירנ־טע אַפילע אַרײַן אירע פּופּציק רובל. נאָכן געט קוקן אַלע, „ווי ס'עפנט זיך דעם ראָווס טיר, נאָר אַז דער אוילעם שיט זיך אַרויס פון שטוב, קומט ווידער עפּעס פאָר, און מ'נעמט אַהער געשווינד לויפן פון אַלע עקן שטאָט. די, וואָס פאַרשפּעטיקן, פרעגן, וואָס ס'איז געשען, און מ'ענטפערט זיי, אַז גאָרנישט, גאָרנישט:

„דער טאָטער האָט נאָך נאָכאַמאָל איצט שוין נאָכן געט אויסגע־פּאטשט ביילע־העניען... צום לעצטן מאָל".

בערגעלסאָנס רעאַליסטישע שורע איז דאָ וווּנדערבאַר־לאַקאָניש. אָט ווי אים קומט צוניץ זײַן מײַסטערישע קליינמאָלערײַ, זײַן קענט־שאַפט אופצושטעלן א פּאָרטרעט, א געשעעניש בלויז דורך צוויי — דרײַ שטריכן, וואָס שטעלן אַרײַן דאָס געשילדערטע אין א פולבלוּ־טיקער שטייגער־סוויווע, אופגראָבנדיק דערבײַ די סאָציאַלע וואָרצלען פון דער געשטאַלט און פון דער דערשײַנונג. און נאָכאַמאָל ווערט דאָ שאַרף אונטערגעשטראָכן בערגעלסאָנס באַציונג צום אַלט־שטעטלשן לעבנס־סיידער, צו דעם רעליגיעזן ריטואַל, צום אַלט־ייִדישן דין און מינהעג. אופשטעלנדיק די אַלע רעליגיִעזע עלעמענטן מיט דער גרוי־סער קראַפט פון א רעאַליסטישן שילדערער, נעמט ער אַרויס פון אונ־טער זיי דעם לעבנס־באָדן, ער נעמט אָפּ באַ זיי זייער ביזאַהעריקע ווירקעוודיקע פונקציע, זיי זײַנען שוין מער נישט דער פאַקטאָר פון די געשעענישן, זיי באַוועגן ניט ניט די טאַטן, ניט דעם פּסיכישן שטיי־גער פון די געשילדערטע מענטשן.

בערגעלסאָן שילדערט א סימכאַס־טוירע אין שטעטל. אָבער פון דעם יאָמטעוו וואַקסט נאָר אויס דער עפּיזאָד, ווי דער טאָטער שלאָגט

דאָס ווײַב. ער שילדערט א געט, און אפ דעם פּאָן באַווײַזט ער די
גראָטעסקישע שטריכן פון דער נעגידישער שנור, וואָס איז דאָ אפּן
געט, „און אייזלעכס מאָל, וואָס דער טאַטער זאָגט נאָך דעם ראָוו
די געט־ווערטער, הערט זי זיך אײַן און שאָקלט צו מיטן קאָפּ, מיט
א מינע פון א מייונג און מיט אזא אויסזען, גלײַך זי באשליסט, אז
מע נארט זי וישט אָפּ און אז דאָס אלץ איז ווערט — ס'ווערט די
פּופּציק רובל, יואָס זי באצאָלט". און אז בערגעלסאָן טוט נאָכדעם א
שילדער, ווי דער טאַטער פּאטשט אוים באלד נאָכן געט ביילע־הע־
ניענ צום לעצטן מאָל — איז שוין קלאָר די קינסטלערישע פונקציע
פונעם געט־ריטואל בא בערגעלסאָנען אין דער דערציילונג.

אין דער שילדערונג פונעם יאָרצײַט־מיניען איז בערגעלסאָן ווי־
דעראמאָל ניט אויסן דעם ריטואל, ער איז אויסן די קאָפּ בראנפן,
וואָס די מיניען־יידן נעמען נאָכן דאווענ. און פון דעם שטאמט ארוים
דער שידעך פון דאָוויד־לייזערן, בעשאס די יידן דערוויסן זיך, אז
דאָוויד־לייזער וואָס איז געקומען אהער פראווען יאָרצײַט, איז שוין
לאנג אן אלמען, און זיי צווינגען אים שטעלן א כופּע מיט דער געגע־
טער ביילע־העניען.

פאראן נאָך איינער א ריטועלער מאָמענט אין דער דערציילונג —
די שילדערונג פונעם בייסאלמען מיטן קייווער־אָוועס. און דאָ איז
שוין אוואדע צו זען, ווי בערגעלסאָן נעמט דעם דאָזיקן פאַרוואָרצלטן
יידישן ריטואל און פירט אים ארויס פון די רוימען פון רעליגיעזן
באוווסטזײַן, ער באקומט בא אים גאָר אן אנדערע, א וועלטלעכ־
מענטשלעכע פונקציע. אז ביילע־העניע קומט אפן בייסאלמען קלאָגן
איבערן פאַרשטאָרבענעם דאָוויד־לייזערן און באזוערט מיטן שטיל־
וויינענדיקן קייווער־אָוועס־נוסעך: „האָסט ליב געהאט קאבאק... האָב
איך דיר געקאָכט קאבאק..." — ווערט דאָס אין דער זעלבער צײַט אי
פּאראָדיע אי טיפע אלגעמיין־מענטשלעכע איבערלעבונג.

די דאָזיקע געשטופּלטע מיעסע ביילע־העניע האָט א לעבן געטרוימט
כאסענע האָבן פאר א יידן א לאמדן. דאָס איז געוואָרן איר געהיימע
„אידייע־פיקס", איר פארבאהאלטענער גײַסטיקער ווונטש, און אז
זי האָט צופעליק דערגרייכט איר ציל און כאסענע געהאט פאר דאָוויד־
לייזערן, האָט זי אים אָפּגעקאָכט איינמאָל א קאבאק, וואָס ער האָט
ליב געהאט. מיטן דאָזיקן געשמאקן מײַכל האָט ער זיך איבערגעגעסן
און איז געשטאָרבן. קומט זי איצט צו דאָוויד־לייזערן אפ קייווער־
אָוועס און באקלאָגט מיט די דאָזיקע פאראָדיסטישע ווערטער וועגן
„קאבאק" איר אייגן לעבן, א לעבן פון א קליין מענטשל אָן קיין

שום שײַנ פונ פערזענלעכ גליק, א לעבנ פונ גרויסער בענקשאפט נאָכ מענטשלעכנ מיטגעפיל, נאָכ א מענטשלעכ ווארעמ וואָרט. וואָרעמ דאָס דאָזיקע באקומט זי דאָכ ניט אויכ בא דאָוויד־לייזערנ, וואָס בלײַבט צו איר לאבלוטנ פרעמד, אונ אז זיי עסנ אפילע איינינעמ, מאָלט בערגעלסאָנ, ווי „זיי שטופנ ביידע די לעפל אינ איינ שיסל אונ קוקנ נישט איינער צומ אנדערנ אונ ריידנ נישט איינער מיטנ צווייטנ".

נאָר ווענ זי קאָכט אימ אָפ דעמ קאבאק, „רעדט ער אויס צו איר צומ ערשטנ מאָל א וואָרט:

— א טײַערער מײַכל, — זאָגט ער, — א ווײַלער קאבאק.

בא ביילע־העניענ רייטלט זיכ דאָס געשטופלטע פאָנעמ. זי מוז אוועקגיינ א ווײַלע אינ קיכ. צומ ערשטנ מאָל דערפילט זי גליק, אונ ס'פארדרייט זיכ איר דער קאָפ". אָט וואָס פארא איבערלעבונגענ ביילע־העניע באהאלט אויס אינ איר שטילנ געוויינ, אינ איר אויסטײַנענ זיכ וועגנ דעמ קאבאק בא דאָוויד־לייזערנ אפנ קיוועו.

אינ דער דאָזיקער שטײַפער, פראכטפול־קאָנצענטרירטער דערציילונג איז יעדער שטייגער־צייכענונג, יעדער גראָטעסקישער שטריכ אפילע געווענדט מיטנ פאָנעמ צו דער הויפט־אידיי; פונ דער דערציילונג וואקסט ארויס די געשטאלט פונעמ עלנטנ מאסנ־מענטש, וואָס איז טראגי־קאָמיש אינ זײַנ באגרענעצטער קליינשטעטלשער „אידיאָטיע", וועלכע בערגעלסאָנ, דארפ מענ זיכ מוידע זײַנ, האָט דאָ צופיל ארויסגערוקט אפ פאָרויס. אונ דאָכ זײַנענ די אלע פאָלקס־טיפנ אזוי מענטשלעכ רירנד אינ זייער גארעניש נאָכ גליק, אינ זייער בענקשאפט נאָכ א שטראל פונ מענטשלעכקײַט, פונ מענטשלעכער גוטפרײַנטשאפט.

אזויארומ איז אינ בערגעלסאָנס דערציילונג „דרויב" פאָרגעזעצט זײַנ גרונט־ליניע, ווידעראמאָל, אפ א נײַעמ אויפנ געשטעלט געוואָרנ די הומאניסטישע פראָבלעמ, די פראָבלעמ פונ דער פארקריפלטער געזעלשאפט, וואָס שאפט אפ אלע שטאפלענ פונעמ לעבנ גליק־בארויבטע, באליידיקטע אונ פאריאָגטע, פאר וועלכע דער שרײַבער פאָדערט אונ מאָנט בא דער געזעלשאפטלעכקײַט פונ די „פארטונקלטע צײַטנ".

צו דעמ זעלבנ ארט געהערנ דאָכ אויכ אינ א געוויסנ פראט די פיגורנ, וואָס בערגעלסאָנ האָט אופגעשטעלט אינ זײַנ דערציילונג „יאָרדימ". די צוויי פארזעסענע מיידלעכ אונ דער אלטער פאָטער וייערער דער בלינד־געוואָרענער קאלמענ פוזים — דאָס זײַנענ די יאָרדימ, וואָס בערגעלסאָנ שילדערט אינ דער דאָזיקער דערציילונג. אפ די אלע דרײַ הויערט די מאָרעשכוירע פונ געוועזענע, וואָס האָבנ מער

נים קיינ שום אויסזיכט אפ גליק, אפ לעבנ, ניט געקוקט אפ דעמ, וואָס זיי פארמאָגנ א רײַכנ זונ און ברודער, וועגנ וועלכנ דער אלטער רעדט שטענדיק. דער דאָזיקער האָט אָבער קיינ צײַט ניט אפילע קומענ זענ זיכ, שיקט ער נאָר ארײַנ אלע כוידעש הונדערט און פופציק רובל מיט א קופאָנ פונ זײַנ קאָנטאָר, אינ וועלכנ סע שטייט געשריבנ:

„בפקודת בנכם הגביר שיק איכ אײַכ רצוף פה" אאוו"...

איינמאָל האָט דער זונ געגעבנ צו וויסנ, אז ער פאָרט דורכ פאַרבײַ איינער א נאָענטער באַנ־סטאנציע. די מישפּאָכע פאָרט אהינ זענ זיכ, אָבער דער צוג שטייט דאָרט נאָר איינ ווײַלע, דער אלטער בלינדער פוזים באווײַזט נישט מער, ווי אָנטאפּנ מיטנ האנט דורכנ וואַגאָנ־פענצטער דעמ זונס פינגער אינ דער לײַקענער הענטשקע. ער קערט זיכ אום אהיימ מיט זײַנע טעכטער צוריק צו זייער אָפּגעקומענער לאנגווײַליק־מאָרעשכוירעדיקער אויסקומעניש. אָט אזוי שווינדלט דורכ דאָס גליק פארבײַ דעמ אלטנ פוזיסנ. פארבײַ זײַנע בלינדע אויגנ שווינדלט דורכ זײַנ טרוימ, וואָס זײַנ אייגענער רײַכער זונ האָט פאַרשוועכט און צעטראָטנ...

נאָכ שארפער רעדט בערגעלסאָנ וועגנ דער בענקשאפט נאָכ גליק אינ זײַנ דערציילונג „אָנ א נאָמענ". דאָס איז א געשיכטע וועגנ איינעמ א שרײַבער, וואָס איז געקומענ אפ א באַנ־סטאנציע אויסזוכנ זײַנעמ א כאווער, ארײַנגעפאלנ אפ א כאסענע און באקאנט זיכ דאָרט מיט א דאָרפיש מיידל, געשלאָסנ מיט איר א ליבע, אָפּגערעדט פארנ אָפּפאָר קומענ צו איר וווינענ אינ דאָרפ און, זײַענדיק שוינ אינ וואַגאָנ, געכאפּט זיכ, אז ער ווייסט ניט איר נאָמענ: „כ'האָב באדארפט בא איר פרעגנ, „ווי רופט מענ דיכ?" האָב איכ באדארפט בא איר פרעגנ". אזוי ענדיקט בערגעלסאָנ די דאָזיקע געשיכטע, וואָס איז דורכגעדרונגענ מיט א נאָגנדיקער בענקשאפט, א בענקשאפט נאָכ גליק, נאָכ ליבע, וואָס ווערנ, קלוימערשט, פארשטערט איבער א פארדריסלעכער קלייניקײַט...

די אלע דערציילונגענ ווערנ אוואדע ערטערווײַז פעסימיסטיש באַפארבט. גערנ צי אומגערנ טוט אינ זיי א ווינטל דער געדאנק, אז אינ לעבנ איז ביכלאל אומעגלעכ צו געפינענ גליק, אזוי איז, הייסט דאָס, די וועלט באשאפנ און — טו, מאכ. און אוואדע איז אזא לעבנסאופאסונג פארבונדנ מיטנ אינדיווידואליזמ, וואָס פירט צומ פעסימיזמ און וואָס איז ווידערשפּרעכלעכ צו די געזונטע אָפּטימיסטישע אָנשויונגענ פונ די פאָרויסגייענדיקע פאָלקס־שיכטנ. אָבער אינ דער זעלבער דערציילונג טיילט דאָכ מיט דער שרײַבער:

„ — נישט קעדײַ צו לעבן?.. נײן, דערופ בין איך שוין בעשומ־אויפן נישט מאסקים.

אז איך וועל זײַן שוין גאָר א זאָקן, וועל איך ליגן אין בעט און דרייען מיטן צײנלאָזן מויל: כ׳וויל נאָך א וועסנע... נאָך א וועסנע״.

און נאָך דערציילט דער שרײַבער, דער קלוימערשטער פארפאסער פון דער דאָזיקער געשיכטע:

„ — איינמאָל האָב איך געגעבן פינף רובל איינעם א בעטלער, וואָס האָט זיך געוואלגערט אין שטויב. ער האָט לאכלוטן נישט געהאט קיין פיס, אָט דער בעטלער, זיי זײַנען אים געווען אָפּגעהאקט א סאך העכער פון די קני. כ׳האָב געזען, ווי האלטנדיק די פינף רובל אין מויל, איז ער געשווינד אוועקגעקראָכן. כ׳האָב געמיינט, ער וועט זיך קויפן א טרונק, נאָר ער האָט זיך אָפּגעגאָלט און געקויפט א נײַ בלוי העמדל, ער האָט געוואָלט גליק״.

דאָ קאָנסטאטירט מאשמאָעס דער דערציילער, ביטער איראָני־זירנדיק אפילע, די גרויסע קראפט פון לעבן, דעם מענטשלעכן דאָרשט נאָך גליק. און מיט דעם גופע, וואָס ער שילדערט די רעאליסטישע אומגעבונג, דעם קאָנקרעטן לעבנס־שטייגער פון די אלע גליק־באָרויב־טע, מיט דעם גופע איז ער אויסן זאָגן: — אָט איז זי, די וועלט־אײַנאָרדענונג, אָט זײַנען זיי, די לעבנס־באדינגונגען, וואָס פארשאפן סײַ דאָס גליקלאָזע לעבן, סײַ די אָנשווינגענע וועגן אומעגלעכקײַט פון גליק, סײַ אפילע, דארף מען צוגעבן, דעם שרײַבערס אייגענע פונויבנ־אראָפּיקע באציִונג צו די טיילווײַז אקצענטירטע זאָלאָגישע מעגושעמ־דיקע שטריכן פונעם געשילדערטן מאסן־מענטש.

ניט אומזיסט אָבער פירט בערגעלסאָן ארײַן אין דער דערציילונג דעם מאָטיוו פון „ווי געוויינטלעך״, וואָס פארנעמט אזא אָרט אין „נאָך אלעמען״ אין מירלס פײַניקונגען. דאָס מיידל פון „אָן א נאָ־מען״ דערציילט אויך, אז זי „לייענט די זעלביקע ביכער, וואָס פרוִער פלעגט לייענען עסטער״. פרוִער פלעגט זיי, הייסט דאָס, לייענען איר עלטערע שוועסטער עסטער, וואָס האָט כאסענע געהאט פאר א שניט־קרעמער פונעם נאָענטן שטעטל. „זי האָט אים נישט ליב געהאט״, — טיילט מיט דאָס מיידל, — אָבער ער „האָט געזאָגט, אז צוליב איר איז ער גרייט זיך אָפּטיילן פון זײַן מוטער און עפענען א באזונדערע קלייט״. און עסטער האָט מאסקים געווען:

„ס׳איז שוין אלציינס, האָט זי געזאָגט, כ׳האָב עס שוין בא זיך געפּויעלט. עלעהיי איך שנײַד זיך אָפּ א האנט, האָט זי געזאָגט״.

איז דאָך קלאָר, אין וועלכער צײַט ס׳קומט פאָר די האנדלונג און

ווענן וועלכער סוויווע דאָ גייט א רייד בא בערגעלסאָנען. און אז דער שרײַבער געפינט פאר נייטיק וועגן דעם צו ריידן, איז דאָך א סימען, אז ער באדינגט מיט דער דאָזיקער צײַט און סוויווע סײַ די געשעע־נישן סײַ די אָנשווינגען, וואָס ער באהאנדלט.

און אָט שרײַבט בערגעלסאָן אין יענע יאָרן א דערציילונג „אין איינעם א זומער" און שטעלט שוין באשײַמפערלעך אוועק דעם טראָפּ אָפּ די סאָציאַלע באדינגונגען, אָפּ די סאָציאַלע קויכעס־פארהעלטע־נישן, וואָס צעשטערן דאָס מענטשלעכע גליק, וועגן וועלכן עס גייט א רייד אין די דאָזיקע אַלע דערציילונגען פונעם בוך „דרויב". די טעמע פון דער דאָזיקער דערציילונג איז א פארשפּילטער שטרײַק און א פארשפּילטע ליבע. בערגעלסאָן שילדערט א ייִשעוו, ווו סע געפינט זיך א ראפינאד־פאבריק און וווהין עס קומט פארברענגען בא א פעֿ־טער זײַנע זומער־וואקאציעס איינער א סטודענט פון דער גרויסער שטאָט. דער דאָזיקער סטודענט אײַזיק באקומט דאָ ליב באסיען, די שיינע יונגע טאָכטער פונעם רײַכן באל־יויעץ פון דער פאבריק. ווי אומעטום וואקסט דאָ אויס בא בערגעלסאָנען די טרוימערישע, מיט בענקשאפט־פארב פארגאָסענע יוגנטלעכע ליבע, ווו ס'איז דאָ אזוי־פיל נאטור און אזויפיל מענטש...

די דאָזיקע ליבע קומט פאָר אפּן פאָן פון א שטרײַק אין פאבריק, מיט וועלכן עס פירט אָן א יונגער מעכאניקער, בעשאס די אינטעלי־גענץ, וואָס ארבעט אפּן פאבריק, איז קעגן דעם שטרײַק. באזונדערס צייכנט זיך אויס אין דעם פראט דער ייִד דער אינזשעניער פון פאבריק, וואָס ווערט א כאָסן פאר דער דאָזיקער באסיען. אז דער שטרײַק ווערט דערשטיקט, פירט מען אוועק דאָס דאָזיקע מיידל און מע שפּילט איר אָפּ כאסענע מיטן אינזשעניער. די פּאָר פאָרט אָפּ אין א לוסט־רײַזע, און דעם סטודענט אײַזיק, פארענדיקט בערגעלסאָן די דערציילונג, „וועט זיך געדענקען א טאָג א זומערדיקער, א בארג, וואָס שיט מיט פריסיק־שטיינדלעך און מיט זאמד, א פּאָר שפּיגל־קײַקן, וואָס שטראַלן איבערן דאָרף מיט זילבערשײַן און מיט זון, און א מיידל אין א העל־גרינע זײַדן קלייד וועט אָפּ א רעגע א שווינדל טאָן צווישן שטאמען פון ביימער, א שווינדל טאָן און פארשווינדן".

אזוי פּאָעטיש באצייכנט בערגעלסאָן דעם טרוים, דאָס געדעכע־ניש וועגן דעם ניט פארווירקלעכטן גליק, וואָס דער דאָזיקער סטו־דענט אײַזיק פירט אוועק מיט זיך פון זײַן דאָרפישן וואקאציע־זומער. „ער איז א פּארטיי־כאָווער", דערציילט וועגן אים בערגעלסאָן. איז טאקע מאָדנע, וואָס ער נעמט ניט קיין שום אָנטייל אינעם שטרײַק,

וואָס קומט פֿאַר פֿאַר זײַנע אויגן. אָבער אויסער אָט דער דאָזיקער פֿעלערהאַפֿטער, נוצלאָזער און אַפּילו שעדלעכער כאַראַקטעריסטיק איז ער בײַ בערגעלסאָנען געשילדערט פּולבלוטיק, פּונקט ווי אַלע איבעריקע קאָלאָריטפֿולע פּערסאָנאַזשן פֿון דער דאָזיקער זאַפּטיק־שטײגערישער דערציילונג, ווו דער איקער איז טאַקע דער גדאַנק וועגן דער שײַכעס פֿונעם פֿאַרלאָרענעם שטריך צו דער פֿאַרלאָרענער ליבע. די דאָזיקע קינסטלעריש פֿאַרקערפּערטע אידייע באַווײַזט, אַז דער שרײַבער האָט פֿאַרשטאַנען, ווער האָט געשטערט דער פֿאַרווירקלעכונג פֿונעם מענטשלעכן גליק אין דער צײַט, ווען ער האָט געשריבן די דאָזיקע דערציילונגען, וואָס זײַנען אַלע קימאַט פֿון איין פּראָבלעמען־אינהאַלט בײַ דער פֿאַרשיידנאַרטיקײַט פֿון טעמע און מענטשן־באַשטאַנד.

3

צווישן די „דרויב"־דערציילונגען איז פֿאַראַן בײַ בערגעלסאָנען איינע אַ דערציילונג מיטן נאָמען „דער לעצטער ראָשעשאָנע", וואָס ער האָט געשריבן אין 1911 יאָר. גיין גייט דאָרט אַ רייד וועגן אַ גאַנץ שטעטל „מיסטיפֿקע", וואָס האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע, ביז ס'איז ניט געבליבן קיין מיניען אין שול אַפּילו באַם אָרטיקן גוויר דעם באַלעבאָס פֿון דער זעגמיל. אין דער דערציילונג וואַקסט אויס די פֿיגור פֿונעם יונגן ייִדישן מיל־בוכהאַלטער, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט אײַנריידן ייִדן פֿאָרן קיין אַמעריקע, ער גיט זיי אייצעס וועגן דער רײַזע, העלפֿט זיי קריגן שיפֿסקאַרטן און האָט אַ גוואַלדיקע האַנאָע פֿון די ליידיק־געוואָרענע פֿאַרקלאַפּטע ייִדישע שטיבער.

„אָט אַזוי באַדאַרפֿן דאָ בלײַבן אַלע שטעטלעך!.." — האָט זיך געפֿרייט דער יונגער בוכהאַלטער, בעשאַס ער איז געבליבן אָפּ יאָמטעוו איינער אַליין, בלויז מיט איין פֿאַרבליבענעם כאָווער אומגעגאַנגען איבערן פּוסט־געוואָרענעם ייִדישן ייִשעוו.

די דאָזיקע זייער שטאַרקע און אָריגינעלע דערציילונג איז די איינציקע אַפּ אָט דער טעמע בײַ בערגעלסאָנען. נישט געקוקט אַפּ איר שמייכלדיק־שטייגערישן אינהאַלט, צייכנט זי אַ געוויסן מאָמענט פֿון האָפֿענונגסלאָזיקײַט באַם שרײַבער, וואָס האָט אין יענע צײַטן פֿון דער פֿאַרשטאַרקטער צאַרישער רעאַקציע פֿאַרטראַכט זיך וועגן דעם גוירל פֿון די ייִדישע שטעטלעך די באַזונדערס געפּלאָגטע און גערויבעפּטע. די דאָזיקע פּלאָגן האָבן זיך נאָך מער פֿאַרשטאַרקט אין די יאָרן פֿון דעם ערשטן וועלט־קריג. דאָס האָבן זיי, צו גלייבן, אויך פֿאַרשטאַרקט די טענער פֿון האָפֿענונגסלאָזיקײַט, אומעט און בענק־

שאפט, וואָס רײַסן זיך היפּש אַרײַן אין דער טעריע דערציילונגען „דרויב'', ווי ביכלאַל אין בערגעלסאָנס שאַפונג פון דער דאָזיקער שווער־רער צײַט, ווי אויך אין בערגעלסאָנס ראָמאַן „אָפּגאַנג'', וואָס גע־הערט צו יענער טקופע.

אין אָנהייב 1917 יאָר האָט בערגעלסאָן אָנגעשריבן אַ קליינע דער־ציילונג „באַנאַכט'', וואָס שליסט בײַ אים דאָס ביכל „דרויב'' און איז גוואַלדיק כאַראַקטעריסטיש פאַר די דעמלטיקע גרעאַנקען און שטי־מונגען פונעם שרײַבער. „באַנאַכט'' איז, אייגנטלעך, ניט קיין דער־ציילונג, דאָס איז אַ פּאָעטיש קליין ווערק אין פּראָזע, אַ ווערק, אין וועלכן ס'הילכט אָפּ דעם שרײַבערס קינסטלערישע טריט, זײַן קינסט־לעריש דורכגעמאַכטער וועג פון „דעם טויבן'' ביז די שפּעטערדיקע פינצטערע צײַטן, וואָס בערגעלסאָן האָט אָנגערופן מיטן נאָמען „פאַר־טונקלטע''.

„באַנאַכט איינמאָל האָב איך זיך אופגעכאַפּט אין דעם ענג־גע־פּאַקטן טונקעלן און שווערשנאָרכנדיקן וואַגאָן, איך האָב אים גלײַך דערזען זיצן אַקעגן מיר אָפּ דער באַנק און איך האָב אים גלײַך דער־קענט. דאָס איז געווען ער, דער אַלט־באַקאַנטער נאַכט־ייִד, וואָס שטענדיק, אַז ער פאָרט מיט דער באַן, קאָן ער ניט שלאָפן באַנאַכט, און אַז ער קאָן ניט שלאָפן באַנאַכט, נודעט ער, און אַז ער נודעט, זוכט ער עפּעס בײַ יעדן אין די אויגן און מאָנט עפּעס יעדן — בײַ דער נעשאָמע, מאָנט שטום, נאָר נאָגנדיק און אָן אַן אופהער''.

אַזוי הייבט אָן בערגעלסאָן זײַן דערציילונג „באַנאַכט'', אַרײַנ־פירנדיק אין די ערשטע שורעס די רעמיניסצענצן, וואָס האָבן אַ שײַ־כעס צו דעם טויבן מיט זײַן מאָנענדיקער נאָגעניש און מיט זײַנע שלאָפלאָזע נעכט. ווײַטער צעוואַקסן זיך די דאָזיקע רעמיניסצענצן נאָך מער, בעשאַס בערגעלסאָן שילדערט דעם באַנאַכטיקן שלאָפנדיקן וואַ־גאָן און דערגרייכט, נאָך מער ווי אין „דעם טויבן'', צו דער סאָציאַ־לער סימבאָליזירונג פון דער שלאָפנדיקער וועלט...

„באַקן האָבן זיך געבלאָזן, — דערציילט בערגעלסאָן וועגן די אין שלאָף־פאַרזונקענע וואַגאָן־מענטשן, — נעזער האָבן געפּײַפט, און אַלץ אָפּ פאַרשיידענע שטייגערס. געווען איז אַ פּײַף אַ געזעצטער, אַ לײַטישער, אַ פּײַף, וואָס איז גאָט די נעשאָמע שולדיק און האָט בעדייע צו זאָגן:

— נו יאָ, איך שלאָף, אַוואַדע שלאָף איך...

געווען איז אַ פּײַף אַ ייִעשדיקער, וואָס לאָזט זיך אָפּ העפּ־קער:

— איך שלאָף, וואָרעם ס׳איז א טויהו־וואָוויהו־וועלט... א טויהו־וואָוויהו־וועלט....

געוועז איז א פּײַפ א געציקלטער, וואָס פאַרדרייט זיך ווי א „תביר״ און פרעגט א קאשע:

— וואָס זשע וועט שוין דאָ זײַן?.. אז אלע וועלן שלאָפן, וואָס זשע וועט דאָ שוין זײַן?

און א פּײַפ א שטאַרקערער, וואָס וויל פון גאָרנישט ניט וויסן און וואָרנט:

— וועקט ניט, ס׳וועט ניט העלפן״.

דער טויהו־וואָוויהו־מאָטיוו איז אין דער דאָזיקער באַשײַמפּער־לעכ־סימבאָליזירנדיקער שילדערונג מער פאַרשטאַרקט ווי אין „דעם טויבן״. דער פאַרשטאַנד פאַר דער פאַרשטאַרקטער בורזשואַזער רעַ־אַקציע האָט מיטגעהאָלפן בערגעלסאָנען אַרײַנצודרינגען אין דער שטײַגנדיקער פאַרדאָרבנקײַט פון דער בורזשואַזער וועלט־אָרדענונג. דערבײַ אָבער ווערט בערגעלסאָן אין זײַן שאַפונג אלץ מער און מער אָפּגעריסן פון די געהיים קעמפנדיקע פאָלקס־קויכעס, וואָס האָבן דעמלט פון יאָר צו יאָר אלץ שטאַרקער גערודערט, געגרייט די נאָך דעם וועלט־קריג פאָרגעקומענע רעוואָליוציאָנערע געשעענישן.

פון דעם שטאַמען די צוויי באַזונדערע, מיט דער צײַט אלץ וואַקסנ־דיקע, אָפּטמאָל קעגנזיצלעכע שטראָמען אין בערגעלסאָנס דעמלטיקער שאַפונג, וועגן וועלכע עס וועט בא אונדז גיין א רייד באַזונדער. עס דאַרף אָבער אונטערגעשטראָכן ווערן, אז בערגעלסאָן האָט באַדערבײַ שטרענג אָפּגעהיט דעם סאָציאַלן און הומאַניסטישן טאָן פון זײַן וועלט־אויפֿאַסונג. ער האָט שטענדיק וועגן דעם געדענקט און שטענ־דיק וועגן דעם געשריבן. די הומאַניסטישע אידיי איז שטענדיק און אומעטום אויסגעוואַקסן אין זײַן שאַפונג, ווי סע וואַקסט אויס דאָ אין „באַנאַכט״ דער פּאָסעק „ונח מצא חן״. וואָס דער נאַכט־ייִד לערנט מיטן רויטבאַקיקן באָבער.

דער דאָזיקער „רויטבאַקיקער באָבער אין א לײַבל און אין שטיוול״ געפינט זיך דאָ אויך בא בערגעלסאָנען אין וואָגאָן, ער קאָן אויך ניט אײַנשלאָפן, און דער נאַכט־ייִד לערנט מיט אים:

„...און די שלעכטיקײַט פון מענטשן האָט זיך געמערט, און גאָט האָט זיך באַדענקט, וואָס ער האָט דעם מענטשן באַשאַפן. גאָט האָט געזאָגט:

— איך וועל אָפּמעקן פון דער ערד אלץ, אלץ, פונעם מענטשן, וואָס איך האָב באַשאַפן, ביז א שערעץ און אן אָף, וואָס פליט אין דער

הייב, וואָרעם איך האָב זיך באַדענקט, וואָס איך האָב זיי באַשאַפן.

און פּלוצעם... פּלוצעם איז באַם פאַרנודעטן נאַכט־ייִדן אויסגע־וואַקסן עפּעס איינער אַ מענטש, וואָס הייסט נויעך.

— כאָזער איבער וואָרט באַ וואָרט, — האָט ער געזאָגט צום רויט־באַקיקן באָכער, זאָג:

— און נויעך האָט געפונען כיין אין די אויגן פון גאָט".

און בערגעלסאָן פאַרענדיקט די דערציילונג:

„ארום און ארום איז נאָך אַלץ געשטאַנען די געשמאַקע און שווע־רע שנאָרכעריי. דער צוג איז נאָך אַלץ געלאָפן איבער שוואַרצע זומפּן און וויסטע וואַסערדיקע פעלדער, און די נאַכט האָט נאָך אַלץ גע־שמיסן מיט רעגן־טרערן אין די פענצטער. ניט געשלאָפן זיינען נאָר איך, דער פאַרנודעטער נאַכט־ייִד און דער רויט־באַקיקער באָכער, וואָס אינעם לייבל און אין די שטיוול. דער ייִד מיטן באָכער זיינען געזעסן, ווי פאַרגליווערטע, און זיך געקוקט איינער דעם צווייטן אין די פּענעמער, און איך בין געלעגן און געטראַכט:

— אַ גוט וואָרט: „און נויעך האָט געפונען כיין". ס'האָט מאָל געוועזן די וועלט".

אין דעם דאָזיקן מערקווירדיק־פּאַטעטישן מיסעלע וואַקסט אויס אַפּ אַזאַ אויפן סוף די טקופע, ווען „די שלעכטיקייט פון מענטשן האָט זיך געמערט" סוף דעם שרייבערס גלייבן אין דער קראַפט פונעם מענטשנס מענטשלעכקייט, וואָס דאַרף מאָל זיין די וועלט. פון אַלע דערציילונגען פון „דרויב" שיינען אַרויס בערגעלסאָנס זוכענישן, זיין שטרעבונג צו באַפרייען די מענטשלעכע געפילן־וועלט פון אונטערן יאָך פון דער הערשנדיקער אייגנטימערישער לעבנס־נאָרמע.

אין זיינע נאָוועלן פון יענער צייט האָט בערגעלסאָן באַנאַנד מיט דער אימפּרעסיע־שטימונג פאַרשטאַרקט דעם רעאַליסטיש־שטייגערישן שטראָם. בערגעלסאָן האָט אין די דאָזיקע דערציילונגען באַוויזן, אַז ער איז אַ גרויסער קענער פונעם ייִדישן לעבנס־שטייגער און פונעם וואָרט־שטייגער. בערגעלסאָנס שפּראַך־נוסעך און לעקסיק וואָרצלען זיך אין די אָרגאַנישע פּלאַסטן פונעם ייִדישן רייד־אַרט.

„איטלעכס מאָל, וואָס אין שטעטל טרעפט אַ כאַסענע, שיט מען אַלע אַרויס אין דרויסן, און וואָס מער פּאַרזעסן איז די קאַלע, אַלץ מער האָט מען צו איר אינטערעס. מ'הערט זיך איין, ווי קלעז־מער פירן אָן אַלטע איבערוואַקסענע מויד צו דער כופּע. און נאָכדעם קלעפּט מען אַ גאַנצע נאַכט נעבן באַלויכטענעם הויז, ווו די כאַסענע קומט פאָר".

און נאָכ: „ — נייג, — גוואַלדעוועט זי, — ס'פאַרדריסט דאָכ: אַלעמען זאָל זיכ אַזאַ פאַסקודסטווע אײַנריידן, אַז זי וועט כאַסענע האָבן נאָר מיט אַן איידעלן ייִדן?!”

אַפ טריט און שריט טרעטן אַרויס די דאָ אונטערגעשטראָכענע פּראָזעאָלאָגישע אייגנשאַפטן פון בערגעלסאָנס שטייגערישן שפּראַכ־נוסעכ, וואָס האָבן שפּעטער אין דעם סאָוועטישן פּעריאָד פון זײַן שאַפונג געהאָלפן בערגעלסאָנען, בעשאַס ער האָט אַ קער געטאָן זײַן סטיל אין דער זײַט פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם.

דער פאָרשטאַרקטער שטייגער־כאַראַקטער האָט אויכ אַרויסגערופן די פאַרשטאַרקונג פונעם סוזשעט און פאַבול אין בערגעלסאָנס נאָ־וועלן. יעדער דערציילונג בערגעלסאָנס פון „דרויב” און אויכ אַנדערע דערציילונגען זײַנען געבויט אַפ קאָנצענטרירטער האַנדלונג, וואָס פירט באַם ענדע צו איינעם אַ סוזשעטישן איקער־פּונקט, ווי די געשיכטע מיטן קאַבאַק אין דער דערציילונג „דרויב”, די באַגעגעניש מיטן זון אין „יאָרדים”, דאָס פאַרגעסן אַ פרעג טאָן דעם נאָמען אין דער דער־ציילונג „אָן אַ נאָמען”, דער פּאַראַלעלער דורכפאַל פון שטרײַק און ליבע אין דעם „אין איינעם אַ זומער” און נאָכ.

דער קאָמפּאָזיציאָנעלער צענטער פון די אַלע דערציילונגען, זייער אויפלייזונג קומט ניט פּאַר באַ בערגעלסאָנען דורכ דער אינטים־פּסי־כישער קאָנפליקטן־איבערלעבונג, ווי, לאָמיר זאָגן, באַ די אימפּרע־סיאָניסטישע שרײַבער פון אַזאַ אַרט, ווי די דאַן באַוווּסטע שניצלער און פּעטער אַלטענבערג. בערגעלסאָנס דערציילונג לייזט זיכ אויף גראָד דורכ סאָציאַל־באַפאַרבטער האַנדלונג, דורכ טאַט, דורכ פּאַסירונג, זי וואַקסט אַרויס פון דער אַזוי גערופענער פּסיכאָלאָגיש־שטייגערישער אַנעקדאָטיק, ווי באַ די גרויסע רעאַליסטישע שרײַבער נאָוועליסטן: מאָפּאַסאַן און טשעכאָוו און אין ייִדיש — שאָלעם־אַליינעם און פּע־רעץ אין זייערע רעאַליסטישע דערציילונגען.

דאָס דאָזיקע איז ווידעראַמאָל זייער וויכטיק אָפּמערקן, ביכדיי צו באַנעמען בערגעלסאָנס שפּעטערדיקן וועג, וואָס האָט אים געפירט פאַרנעמען דאָס געהעריקע אָרט צווישן די שאַפער פון דער סאָוועטי־שער ייִדישער נאָוועלע.

אין איינעם פון זײַנע אַרטיקלען, ווו ער האָט געקעמפט מיט דעם אידייענלאָזן אימפּרעסיאָניסטישן מאָדערניזם אין דער ליטעראַטור, האָט י. ל. פּערעץ געהאַט געשריבן:

„און האָט מען נישט קיין וועלט־אַנשויונג, האָט מען קיין וועלט נישט, נאָר אָפּגעריסענע, צעוואָרפענע פאַקטן, און ניט צוזאַמענגע־העקלטע דערשײַנונגען. שפּילט מען זיך אין זאַמד... און מע האָט ניט מיט וואָס די צײַטן צו פאַרבינדן, דער הײַנט קומט נישט אַרויס פון נעכטן, און דער מאָרגן, — נישט פון הײַנט. „נאָך מיר זאָל זײַן אַ מאַבול!"

אָנהייבנדיק פון „דעם טויבן", איז בערגעלסאָן געגאַנגען צו וועלט־אַנשויונג. אין זײַן געשלענגלטן קינסטלערישן וועג האָט ער אין אַלע ווערק געזוכט די סאָציאַלע, אידייִשע און מאָראַלע באַזינונג פון די „צוזאַמענגעהעקלטע" לעבנס־פאַקטן און לעבנס־דערשײַנונגען פון זײַן צײַט. ער האָט געזוכט דעם שולדיקן פאַרן מענטשלעכן לעבנס־אומ־רעכט, ער האָט זיך צוגעהערט אין זײַן דערציילונג „באַנאַכט" צום קאָל, וואָס „טראָגט זיך פון ערגעץ ווײַט און פאָדערט דין־וועכעזשבן". און דערפאַר איז ער אין זײַן שאַפונג געבליבן טרײַ נאָך איינעם אַ פּערעצישן געבאָט:

„באַ אונדז, אויב מיר ווילן געטרײַ בלײַבן זיך אַליין, — האָט גע־שריבן פּערעץ, — איז די לעבנס־פראַגע: געוויסן־פרײַהײַט, מענטש־לעכע קולטור און עטיק".

דענקענדיק קאָנסעקווענט וועגן פאַרווירקלעכן די אַלע פּרינציפּן באַ־טײַט קומען צום געדאַנק וועגן וועלט־ענדערונג.

VI. אָפּגאנג

1

ס'איז נאָרוואָס געזאָגט געוואָרנ: דער פארשטאנד פאר דער פארשטארקטער בורזשואזער רעאקציע האָט מיטגעהאָלפנ בערגעלסאָנענ ארײַנצודרינגענ אינ דער שטײַגנדיקער פארדאָרבנקײַט פונ דער בורזשואזער וועלט־אײַנאָרדענונג. דערבײַ אָבער ווערט בערגעלסאָנ אינ זײַנ שאפונג פונ יענע יאָרנ אלצ מער אונ מער אָפּגעריסנ פונ די געהיימ קעמפנדיקע פאָלקס־קויכעס, וואָס האָבנ דעמלט פונ יאָר צו יאָר אלצ שטארקער גערודערט, געגרייט די נאָכ דעמ ערשטנ וועלט־קריג פאָרגעקומענע רעוואָליוציאָנערע געשעענישנ.

פונ דעמ שטאמענ די צוויי באזונדערע מיט דער צײַט אלצ וואקסנדיקע, אָפּטמאָל קעגנזעצלעכע שטראָמענ אינ בערגעלסאָנס דעמלטיקער שאפונג: פונ איינ זײַט די שטײַגנדיקע אָפּלייקענונג פונ דעמ בורזשואזנ וועלט־סיידער, אונ פונ דער צווייטער — די סאָציאלע אויסוועגלאָזיקײַט, וואָס האָט געפירט בערגעלסאָנענ צומ „אָפּגאנג", צו שילדערנ די פראָצעסנ פונ געזעלשאפטלעכער אָפּהענטיקײַט אונ פעסימיזמ אפילע. די ביידע שטראָמענ זײַנענ דאָכ אזוי שארפ אויסגעדריקט אינ ראָמאנ „אָפּגאנג" טאקע, מיט וועלכנ בערגעלסאָנ האָט פארענדיקט דעמ פאר־רעוואָליוציאָנערנ פעריאָד פונ זײַנ שאפנ.

זײַנ ראָמאנ „אָפּגאנג" האָט בערגעלסאָנ פארעפנטלעכט אינ 1920 יאָר אינעמ צווייטנ זאמלבוכ „אייגנס". אָבער אויכ דאָס דאָזיקע ווערק האָט בערגעלסאָנ געשריבנ פריִער, פאר דער פעווראל־רעוואָליוציע, אינ די צײַטנ, וואָס דער שרײַבער גופע האָט כאראקטעריזירט מיטנ נאָמענ „פארטונקלטע צײַטנ", אינ די צײַטנ, צו וועלכע עס געהערט די האנדלונג, די טעמע פונעמ דאָזיקנ ראָמאנ. וועגנ די הויפּטהעלדנ פונעמ ראָמאנ, וועגנ מיילעכנ אונ כאַימ־מוישענ, דערציילט בערגעלסאָנ, אז אינײנעמ מיטנ אלטנ יִצכאָק־בערנ האָבנ זיי געלערנט אסטראָנאָמיע: „אינ די פארנעפּלטע ספערנ האָט מענ א ביסל א ידִיעה נאָכ פונ פריִער. דערצו העלפט נאָכ גאָט א קאָמעטע צו יענער

צײַט״. און אוואדע גייט דאָ א רייד וועגן גאַלעס קאָמעטע, וואָס האָט זיך באַוויזן אין 1910 יאָר...

זאַלקער דער אגענט פון זינגערס ניי־מאשינעס, א קאָלאָריטפולער פערסאָנאַזש בא בערגעלסאָנען, פרעגט בא כאַים־מוישען, צי איז ער א רעוואָליוציאָנער? „ניין, ער ווייסט ניט, עפשער אמאָל געווען״, — ענטפערט כאַים־מוישע. דערנאָך דערציילט דער זאלקער, אז ער האָט א „בראַטאָק״ א רעוואָליוציאָנער, „באַגעגנט ער אים... איינמאָל... און זאָגט צו אים אזוי:

— וואָס זשע הערט זיך עפּעס, יוינע? — זאָגט ער צו אים.

— וואָס זאָל זיך הערן, — ענטפערט יוינע, — ס׳וועט זײַן גוט.

— ניין, ניט דאָס מיין איך, — זאָגט ער צו יוינען, — ס׳איז דאָך שוין א פּאָר יאָר אינגאַנצן שטיל בא אײַך.

— האָב קיין יעסורים ניט, — ענטפערט יוינע.

— טאָ זע זשע, — זאָגט ער צו יוינען, — זע זשע, ס׳זאָל די גוויי־רים נאָכאמאָל א קיל טאָן אין פּופּיק, בע־כע־כע!״

אין זײַנע אַלע ווערק פון יענער טקופע האָט בערגעלסאָן שטענ־דיק גערעדט וועגן דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר, פּוסטריט נאָכ־געגאַנגען נאָך די געזעלשאַפטלעכע פּראָצעסן, וואָס האָבן דערוויי־טערט די בירגערלעכע און קליינבירגערלעכע אינטעליגענץ פון דער דאָזיקער רעוואָליוציע, וואָס ווײַטער פון איר אַלץ גרעסער דער אָפּ־גאַנג און אלץ בוילעטער די דיפערענצירונג צווישן דער דאָזיקער אינ־טעליגענץ: א טייל גייט אָפּ אריבער אפן צאַד פון די קאפּיטאַליסטן, וואַקסט אפּילע אַליין ארײַן אינעם קאפּיטאל, א טייל דעגענערירט אפ דעם אָדער יענעם אויפן, און א טייל פאַרנעמט זיך מיט אנארכאָ־אינ־דיווידואַליסטישע זוכענישן און קולטיווירט פּעסימיסטישע אידייען פון זעלבסטפאַרניכטונג.

אין זײַן ארויסטרעטונג אפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון סאָוועטישע שרײַבער אין 1934 יאָר האָט מאקסים גאָרקי געזאָגט: „די גרונט־טעמע און די הויפּט־טעמע פון דער פאַררעוואָליוציאָנערער ליטעראַטור איז די דראַמע פונעם מענטשן, וואָס דאָס לעבן דוכט זיך אים צו זײַן ענג, ער פילט זיך איבעריק אין דער געזעלשאַפט, זוכט אין איר פאַר זיך א באַקוועם אָרט, געפינט עס נישט און ער לײַדט, קומט אום, אָדער שאָלעמ מאַכנדיק מיט דער אים פײַנטלעכער געזעלשאַפט אָדער גאָר אראָפּלאָזנדיק זיך ביז צו שיקרעס, ביז צו זעלבסטמאָרד״.

„די דראַמע פונעם מענטשן״ אין בערגעלסאָנס ראָמאַן „אָפּגאַנג״ איז די דראַמע פונעם געוועזענעם רעוואָליוציאָנער מײַלעך, וואָס ענ־

דיקט מיט זעלבסטמאָרד, און די דראַמע פון כּאָזמ־מוישענ, וואָס נעמט זיך פאַנאַנדערוויקלען דעם קנויל פון מיילעכס איבערלעבונגען און שטייט אַליין אַפּן ראַנד פון זעלבסטפאַרניכטונג. דערבײַ פיגורירט דאָ דער געוועזענער פּאַרטייִשער רעדנער דער דאָקטער גראַבײַ, וואָס „האַלט שוין אויסגעבאַהאַלטן דרײַסיק טויזנט ערגעץ אין קרײַז־שטאַט אין א באַנק", עס פעלט דאָ אויך ניט אויס דער פאַרוואַלטער פון דער טאַלמוד־טוירע, דער אינטעליגענט פּרעגער, וואָס באַקומט ליב דעם ביטערן טראָפּן און מאַכט שטענדיק א שנאַפּס מיט „א לעכאַזם, זאָלן פלאַצן אַלע ראַקיטנער פּײַנע און לײַטישע באַלעבאַטים".

די טעמע פון „אָפּגאַנג" ווערט אַזויאַרום די טעמע, דעריקער, פון דער בירגערלעכער און קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ אַפּ א נײַעם עטאַפּ פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, אַפּן עטאַפּ פון פאַר־שטאַרקטער בורזשואַזער רעאַקציע און יערידע ערעוו די מילכאָמע־יאָרן, וואָס האָבן אָט באַלד ווידער אויפגערודערט די קלאַסן־ווידער־שפּרוכן און געבראַכט צו די רעוואָליוציאָנערע אויפטרייסלונגען פון פּעווראַל און דערנאָך אָקטיאַבער.

נאָך מער ווי אין די פריִערדיקע ווערק בערגעלסאָנס ווערט דאָ אין „אָפּגאַנג" אונטערגעשטראָכן די פּראָבלעם פון דער וועלט־אײַנאָר־דענונג, וואָס ווערט דאָ אויך אַוועקגעשטעלט אינעם אַספּעקט פון מאָ־ראַלן וועלט־באַנעם, און פּונקט ווי אין די פריִערדיקע ווערק איז דאָ אויך די דאָזיקע פראַגע געשטעלט אַפּן סאָציאַלן באָדן, אַפּן באָדן פון פּאַרמעגנס־פאַרהעלטענישן. די רײַכע: אַזריִעל פּויזנער, אויזער ליובער, בראָמבערג, דער דאָקטער גראַבײַ און דערהויפּט דער אינ־זשעניר דעסלער — די אַלע טראָגן אַפּ זיך אויס דעם שרײַבערס קריטיש־דעמאַסקירנדיקע באַציִונג, וואָרעם ניט באַצייכענענדיק דירעקט זייער קלאַסן־אָנגעהעריקײַט, טיילט זיי דאָך דער שרײַבער אויס און באַווײַזט זייער באַפרידיקונג, זייער האַנאָע פון דער וועלט, וואָס כּאָזמ־מוישע און מיילעך פירן מיט איר א קריג און שטעלן די פראַגע פון איר קיִעמ, פון זייער אָנטייל אין „אונטערהאַלטן דער וועלטס עקזיס־טענץ", ווי כּאָזמ־מוישע דריקט זיך אויס.

„ — גאָטס באַקאַליי־קלייט — רופן זיי אָט די ערדישע וועלט און דערמאָנענ זי טאָמיד נישט צו גוטן".

אַזוי גיט איבער דער אַלטער יִצכאָק־בער מיילעכס און כּאָזמ־מוישעס מיינונג: „א באַקאַליי־קלייטל מיט א גלעקל, און נאָך וואָ־סער א גלעקל!"

און ס'איז קלאָר, אַז צווישן די באַלעבאַטים פונעם דאָזיקן „קלייטל"

רעכנט דער שרײַבער אויך אריַן די דערמאָנטע רײַכע לײַט, וואָס פי־גורירן דאָ אינעם ראָמאַן, און נישט געקוקט אַף דעם, וואָס בערגעל־סאָן אָרדנט דאָ ניט איַן קיין שום צוזאַמענשטויס, קיין שום באַגע־געניש אַפילע צווישן די געשילדערטע פּראָטעסט־טרעגער מיט די בורזשואזע פּאַרטיידיקער פון דער „וועלטס־עקזיסטענץ", גייען דאָך די ביידע אַריַן אינעם קינסטלערישן אינווענטאַר פונעם ראָמאַן, ווי פּאַרשטייער פון צוויי באַזונדערע און פײַנטלעכע געזעלשאַפטלעכע לאַגערן, און אַף זייערע אַנטאַגאָניסטישע באַציִונגען צום אַרומיקן לעבן און צום לעבנס־סיידער בויט בערגעלסאָן די הויפּט־אידיי פון זײַן ראָמאַן.

די פּויזנערס, די בראָמבערגס און די דעסלערס, — דענקט קלאָר דער שרײַבער, — רופן אַרויס כּאַזם־מוישעס און מיילעכס באַציִונג צו דער וועלט, ווי צו אַן אומווירדיקער. אָט צוליב וואָס עס באַווײַזט זיי דער שרײַבער אינעם ראָמאַן, אין דעם באַשטייט זייער סאָציאַלע שליכעס אינעם „אָפּגאַנג". און אויב כּאַזם־מוישע און מיילעך קעמפן ניט מיט די פּויזנערס און דעסלערס, איז דאָס אַ פראַגע פון זייער פּאַסיווער וועלט־אַנשויונג, וואָס ענדערט אָבער ניט דעם פאַקט און דעם שרײַבערס אָפּשאַצונג פונעם פאַקט, דעם שרײַבערס, הייסט דאָס, באַציִונג צו די דאָזיקע באַלעבאַטים פונעם „באַקאַליי־קלייטל".

אָבער אויב ניט כּאַזם־מוישע און ניט מיילעך האָבן ניט קיין דירעק־טע צוזאַמענשטויסן מיטן גווירישן דעסלערן, לאָמיר זאָגן, צי מיטן רײַכן קרעמער אזריעל פּויזנער, איז פאַראַנען דאָ אינעם ראָמאַן נאָך איינע אַ ליניע, די פרויען־ליניע, דורך וועלכער די ביידע וועלטן באַ־געגענען זיך און באַקומען אַ שײַכעס איינע צו דער צווייטער. דאָס איז די ליניע פון באַנקע ליובער און, דעריקער, פון כאַווע פּויזנער, וואָס איז אויך אַ צענטראַלע פיגור אינעם ראָמאַן, וואָרעם מיט איר, מיט איר לעבנס־גורל, איז פאַרפלאָכטן דער לעבנס־גורל פון מיילעכן פון איין זײַט, און פון דער צווייטער — איז זי פאַרפלאָכטן מיט דעסלערן און מיט איר רײַכן פאָטער. זי איז מיט זיי פאַרפלאָכטן לויט איר גאַנצן סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן כאַראַקטער־קאָמפּלעקס, וואָס בער־געלסאָן שטעלט בעפיירעש אַוועק אונטערן שײַן פון איר קלאַסן־אָנגע־העריקײַט.

פונקט ווי אין „נאָך אַלעמען" פיגורירט דאָ די פרוי, דאָס מיידל, וואָס ווערט דער קנופּ פון דער האַנדלונג. צי האָט די שיינע כאַווע פּויזנער אַ שײַכעס צו מירלען פון „נאָך אַלעמען"? געוויס ניט. אָבער, ווי מירל, ווערט זי דאָ דער צוציִונגס־פּונקט. אין איר ליבן זיך איַן

קימאט אלע די, וואס באגעגענעג זיכ מיט איר, אונ צווישנ זיי אויכ מייִלעכ, פרעגער אונ אפילע שיר־שיר ניט כאזימ־מוישע. זי פארקנאסט זיכ אבער מיטנ רייכנ דעסלערנ, וואס האט כוצפעדיקע קראפט אוועקצורייבנ די נעשאמע פונ דער, וואס געהערט אימ לויט איר קלאסנמעהוס. מיט אט די צווישנ־באציִונגענ פונ כאווע פויזנער מיט מייִלעכנ אונ פרעגערנ, ווי אויכ מיט די צווישנ־באציִונגענ פונ כאנקע ליובער אונ כאזימ־מוישענ שעפט זיכ אויס, אייגנטלעכ, די ליבע־ליניע פונעמ ראמאנ, וואס פארמאגט ניט קיינ שומ פארצווייגטע דראמאטישע געננג אונ געשעענישנ אונ וואס איז פאבוליסטיש איינפאכ.

אינעמ דאזיקנ ווערק בערגעלסאנס ליגט ניט דער אקצענט אפ די געשעענישנ, דעמ טראפ האט דא דער שרייבער געשטעלט אפ דער פילאסאפישער אונ פסיכאלאגישער פארטיפערונג פונ די פערסאנאזשנ, וואס לעבנ זיכ אויס וווייניקער דורכ טאט אונ מערער דורכ זייערע ארויסזאגונגענ אונ זעלבסטבאטראכטונגענ. זיי זיינענ שטארק ניט אינ דער עצעמ האנדלונג, נאר אינעמ שרייבערס מאטיווירונג פונ זייער אופירונג, אינעמ שרייבערס אריינדרינגענ אינ דער טיפ פונ זייערע געדאנקענ אונ איבערלעבונגענ, וואס גיבנ בערגעלסאנענ א מעגלעכקייט שאפנ פאראלגעמיינערטע כאראקטערנ, באלערעוודיקע געשטאלטנ, מוסטערהאפטע פארשטייער פונ זייער צייט אונ שיכט.

אינ דער ערשטער ריי גייענ די צוויי הויפט־העלדנ פונ ראמאנ, די געוועזענע רעוואליוציאנערנ מייִלעכ אונ כאזימ־מוישע. אינ ראמאנ לעבט, אייגנטלעכ, נאר איינער פונ זיי — כאזימ־מוישע. גלייכ פונ אנהייב אינ די ערשטע זייטלעכ פונ „אפגאנג” ווערט באשריבנ מייִלעכס קווורע. כאזימ־מוישע קומט צו פארנ אינ שטעטל ראקיטנע, נאכדעמ ווי מייִלעכ איז געשטארבנ, דארט באקענט ער זיכ מיט די פראטימ פונ זיינ טויט. אונ אינ פראצעס פונ באקענענ זיכ וויקלט ער פאנאנדער פאר אונדז דאס בילד פונ מייִלעכס זעלבסטמארד. בערגעלסאנס קינסטלערישער גאנג איז דא זייער אנ אריגינעלער; מייִלעכס רעטראספעקטיוו אופגעשטעלטע לעבנס־געשיכטע וואקסט אפ אזא אויפנ אריינ אינ כאזימ־מוישעס לעבנ דא אינ ראקיטנע. כאזימ־מוישע פארברענגט נאכאנאנד מיטנ טויטנ מייִלעכנ, ער דולט זיכ דא וועגנ אימ, ווי וועגנ א לעבעדיקנ, אפ אימ גופע, אפ כאזימ־מוישענ, פאלט שוינ דורכויס מייִלעכס שאטנ. ס'איז זיי שוינ ניט אפצוטיילנ איינעמ פונעמ צווייטנ. כאזימ־מוישע גייט דא באנאנד מיט מייִלעכנ, צומ טויט גייט ער באנאנד מיט אימ, ער גייט צומ זעלבסטמארד, ווען ער האט פארטראכט אויסצופילנ דא אינ ראקיטנע, פונקט ווי מייִלעכ...

„גייענדיק איינער אליין צוריק אין וואלד אריין, — דערציילט בערגעלסאָן וועגן כאַזים־מוישען, — האָט ער אומבאַמערקט פאַר זיך אליין אָנגעהויבן טראַכטן וועגן מײלעכן, אומבאַמערקט פאַר זיך אליין גענומען פירן מיט אים אין געדאַנק א שמועס: „ער, כאַזים־מוישע, און מײלעך — דאָס זיינען, אין טאָג גענומען, איין מענטש: ער, כאַזים־מוישע, איז אָפּגעזונדערט און שטרענג, ווייל ער ניט מוחל זיין קיי־נעם, ווייל ער אָנשמעקן אין לעבן מער, ווי אין דעם איז פאַראַן — ער מוז סאַפּקאָלסאָפּ אין זיך גרויזער זיין זיין אייגענעם ווייך שמייכ־לענדיקן מײלעכן, וואָס האָט אָפּ יעדערן א זכות און קומט אריין אין יעדער שטוב און לאָזט דאָרט איבער זיין בראָכע. נאָר אָט איז א פאַקט: מײלעך האָט דאַפקע איצט נאָכן טויט באַקומען מער וואָג — מײלעך מיט זיין שעמעוודיקן ווייך־שמייכלדיקן פּאָנעם...”

און דאָ פאַרפירט שוין כאַזים־מוישע א שמועס מיט מײלעכן ווי מיט א לעבעדיקן:

„ — וואָס איז אזוינס א מענטש, מײלעך?

— גאָרנישט, כאַזים־מוישע, א פּרווו אָדער א צווײטוויליקער צופאַל.

— נו, און א מענטשנס ליידן?

— פונעם זעלבן מין, כאַזים־מוישע.

— און ווער איז אייביק?

— אייביק בין איך, דער געשטאָרבענער מײלעך.

— האָסט נאָכן טויט באַקומען מער זיכערקייט, מײלעך”.

די דאָזיקע פאַנטאַסטישע פאָרם שטערט ניט דעם קלאָר און דײַט־לעך ארויסגעזאָגטן געדאַנק, אָט ווי די אלע מיסטעריעזע געשפּרעכן צוזאַמען שטערן ניט דעם רעאַליסטישן כאַראַקטער פונעם ווערק. כאַזים־מוישעס דיאַלאָגן מיטן פאַרשטאָרבענעם מײלעך שטאַמען ניט פון דער אָדער יענער מיסטעריעזער לעבנס־אויפפאַסונג. זיי שטאַמען פון בערגעלסאָנס סטיל־אייגנשאַפטן, פון זיין פּילן זיך באַקוועם מיט דער רעפּליק, וואָס איז אומעטום אַן אייגנטימלעכער קאָמפּאָנענט פון זיין פּאָעטיק. די דאָזיקע געשפּרעכן זיינען פּלאַסטיש, זיי מאַכן לעבעדיק מײלעכס געשטאַלט, זיי שטעלן אוף זיינע אָנשוויונגען, זיי העלפן אויס־קלאָרן דעם סאָציאַלן טאָג פון כאַזים־מוישעס ספּייקעס און איבערצײ־גונגען, וואָס זיינען ביז גאָר וויכטיק סיי פאַרן עצעם אינ־האַלט סיי פאַר דער אידייִשער ציל־אײַנשטעלונג פון בערגעלסאָנס ראָמאַן.

2

א מענטש, זאָגט כאַים־מוישע, איז א פּרווו אָדער א צײַטווײַליקער צופאַל, מענטשלעכע לײַדן זײַנען פונעם זעלבן מין. אײביק איז דער טויט, דער געשטאָרבענער מײלעך. דאָ הײבן זיך שוין אָן די פּעסימיסטישע ארויסזאָגונגען, וואָס ציִען צו א פּעסימיסטישער וועלט־אָנשויונג, צו א פארגאנצטער לעבנס־אופּאסונג און פארנעמען אזא אָרט אין כאַים־מוישעס סאָציאַל־פילאָסאָפישן געדאנקען־גאנג. אײנע נאָך אײנע קומען זײ אין ראָמאן, די פילאָסאָפישע סענטענצן, וואָס באווײַזן קוידעמקאָל, ווי טיף דער שרײַבער האָט אופגעפּאסט און פארטראכט זיך איבער דעם דעמלטיקן אָפּגאנג פון דער רעוואָליוציע פון א גרויסן טײל פון דער קלײנבירגערלעכער אינטעליגענץ.

בערגעלסאָן האָט קאָנסטאטירט דעם פאקט און געזוכט די וואָרצלען פון דער דאָזיקער דערשײַנונג, ער האָט זײ געזוכט, ערשטנס: אין די סוביעקטיווע, פּערזענלעכע איבערלעבונגען פון דער דאָזיקער אינטעליגענץ, און צווייטנס — אין איר אָביעקטיווער לאגע אלס א סאָציאַלער שיכט, אלס אן אויסגעבילדעטע געזעלשאפטלעכע קאטעגאָריע. דערנאָך קומט דריטנס: דעם שרײַבערס אײגענע באציִונג צו די בײדע פראגן, צי דער שרײַבער, הײסט דאָס, איז מאסקים מיט זײַנע העלדן, צי אידענטיפיצירט ער זיך מיט די פּעסימיסטישע מײלעך און כאַים־מוישע, צי האָט ער ניט געזען און ניט געוואָלט זען קײן אנדער לײזונג אויסער דער, וואָס ס'האָבן אויסגעפונען זײַנע פּערסאָנאַזשן?

אָט די אלע דרײַ פראגן דארף מען צעגלידערן, אויסזוכן זײ יעדערע באזונדער אין ראָמאן און אפּן סמאך פון בערגעלסאָנס טעקסטן גופע באשטימען דעם באדײַט פון „אָפּגאנג" פאר דער דערקענטעניש און פאר דעם קינסטלערישן וועג פונעם שרײַבער, פאר דער אידײיִשער און קינסטלערישער אנטוויקלונג פון זײַנע שאפונגס־פּראָצעסן.

איז אָט וועגן דער פּעסימיסטישער וועלט־אָנשויונג. יִצכאָק־בער דערצײלט, וויִאזוי מײלעך האָט געשמײכלט פארן טויט:

„אײנ שמײכל, — האָט יִצכאָק־בער מעפּוירעש געוועזן, — פאר זײַן מוטער דער אלמאָנע, וואָס האלט ערגעץ אין זײַן געבורטסשטעטל דעם טאָפּטאק און לאָזט דאָרט אלע יאָר עפּעס אראָפּ פונעם נאַכעס, וואָס זי האָט געקלערט אין אים צו האָבן; אײנ שמײכל פאר זיך אלײן, פארן אײגענעם ניט־אײַנגעגעבענעם לעבן, הײסט עס; און אײנ שמײכל... אײנ שמײכל מעג זײַן פאר זײַן כאווער כאַים־מוישען,

וואָס פּלעגט זאָגן, אַז פאַרן טויט וועט ער זיך נאָך אָפּרעכענען מיט גאָט מיט אַ „נו?״, מיט אַ „נו, וואָס וועט זײַן די טײַטש: נו, האָט מען מיך אַהער אַראָפּגעבראַכט, נו, בין איך דאָ געווען, נו?...״

פון דעם אַליין טוט אַ פליִיץ דער פּעסימיסטישער שטראָם, וואָס טראָגט אין זיך אַזוי פיל ניט־גלייבן אין גליק, אין וועלטס־גערעכטיקייט, אין סאָציאַלער צילגעווענדטקייט, אין טאַכלעס און פּערספּעקטיוו. „בענעגייע צו ביידן, — אַזוי קלערן די יונגלעך, — איז זיך גאָט זייער ניט לײַטיש באַגאַנגען — נאָך אין סאַמע אָנהייב, בעשאַס ער האָט זיי באַשאַפן, איז ער זיך ניט לײַטיש באַגאַנגען, גלײַך ער וואָלט דעמלט האָבן אַ סאַך שיינע וועלטן אַפּ אויסצוקלײַבן און האָט זיי, ווי אַפּ צולאָכעס, אַראָפּגעלאָזן דאַפקע אַפּ אָט דער — דער אומווירדיקער. איז אָבער קלאָגן זיך ניט שײַעך, מישן זיך — אויך ניט, איז גאָרניט: איז מען דאָ גיירים... וועט מען זיך אַזוי אַרומדרייען, מ׳וועט זען, הערן און מ׳וועט שווײַגן. מ׳האָט אַן אייגן־צוגעטראַכט וואָרט און מ׳כאַזערט עס אַלעמאָל איבער:

— דער שטומער פּראָטעסט, דער אייביקער שטומער פּראָטעסט.

און איינמאָל באַגעגנט מען זיך מיט אים, יִצחאָק־בערג, און ער דערציילט זיי, אַז זינט ער האָט בא זיך געפּויעלט, אַז די וועלט בלײַבט אַזוי, ווי זי איז, ניט צום איבערמאַכן, קאָן ער זיך באַגיין אָן איר, און זי אָן אים — אים אַרט שוין לאַכלוטן ניט, וואָס קיינער רופט אים דאָ ניט נישט אַפּ קיין כאַסענעס און נישט אַפּ קיין בריסן... געפעלט עס זיי, די יאַטן. זיי קוקן זיך פאַרוואונדערט אַדורך און שמייכלען.

— זע נאָר, פאַראַן נאָך איינער...

און אַ נאָמען גיט מען אים באַלד אַ גרייטן:

— רעב גער נומער 3״.

ס׳בעט זיך פון דעם אַלעם אַ פאַרגלײַך מיט „נאָך אַלעמען״: דאָרטן האָט זיך נאָך ניט געהאַנדלט וועגן „גיירים״, דאָרטן האָט נאָך מירל געטראָגן אַ פאַרדראָס אַפּ די, וואָס ווילן ניט „איבערמאַכן״ די וועלט, מירלס פּראָטעסט איז דאָך ניט קיין שטומער, ער איז טאַטפול אין זין פון פאַרטיידיקן זיך, מיט אַלע אירע יוגנט־קויכעס האָט מירל נאָך געזוכט די, וואָס „טוען עפּעס אַנדערש״... אָבער אינעם געשפּרעך וועגן די גיירים איז אין פלוג פולע רעזיגנאַציע, פולע האַכנאָע — די וועלט, זאָגן זיי, איז ניט איבערצומאַכן. און גיין גייט עס ניט פון מירלען, נאָר פון הערצן, פון זײַן מײַסעלע וועגן דער „טויטער שטאָט״, וואָס ווערט דאָ פאַרוואַנדלט אין אַ טויטער וועלט. „טאַקע אַ מעלאַנכאָלישע מעלאָדיע, — טראַכט באַזמ־

מוישע, — אנ אייביק אומעטיקע מעלאָדיע, וואָס באגלייט דעם שטורמענ אומגליק פֿונ גאָר דער וועלט״.

דאָס שווייַגנ, וואָס האָט דאָרט אינ „נאָכ אלעמענ״ געקאָנט גילטנ ווי א פּריוואטער פּסיכאָלאָגישער כאראקטער־שטריכ, ווערט דאָ אינ „אָפּגאנג״ פֿארוואנדלט אינ א סיסטעם, אינ א לעבנס־אופֿאסונג. כאים־מוישע זאָגט צו מייַלעכנ:

„ — שווייַג, שווייַג, — האָט ער אים געזאָגט, — וועסט סאָפּקאָלסאָפּ אויסשווייַגנ א שיינ לעבנ״.

אונ ווייַטער דערציילט דאָ כאים־מוישע:

„אונ אזוי האָבנ זיי געלעבט, ער מיט מייַלעכנ, איינזאם אונ אינצווייענ; אינצווייענ אונ איינזאם... וואָרעמ ער, כאים־מוישע, האָט געזאָגט, אז אינ דער ארומיקער אומווערדיקייַט דארפֿ מענ דורכגיינ אייער אליינ, נאווענאד ווי א שאָטנ, אונ שטארבנ דארפֿ מענ אויכ איינזאם ערגעץ־ווו אינ א פֿרעמדער גרויסער שטאָט, אונ די לעווייַע זאָל פֿאָרקומענ אינ ביינ־האשמאָשעס, אונ קיינער זאָל זי ניט באגלייטנ. אפֿנ שלעכטנ ברוק זאָל זיכ דעמלט טרייסלענ דער אומצופֿרידענער קאָברענ מיטנ אָרנ, אונ נאָר איינער א דורכגייער זאָל, קוקנדיק אפֿנ אָרנ, זיכ אָפּשטעלנ אונ זאָל דערפֿילנ, אז ס׳איז נאָכ איינער א קאָרבנ:

— א שטומער רעמעז אפֿנ אייביקנ שטומענ פּראָטעסט״.

אונ אָט דערציילט כאים־מוישע די קרעמער פֿונ ראקיטנע וועגנ דעם טאָג, ווענ ער האָט באקומענ א בריוו, אז דער פֿאָטער זייַנער האָט זיכ געפֿעלט: „פּלוצעמ האָט ער, כאים־מוישע, דאנ דערהערט, ווי ערגעץ ווייַט־ווייַט קעגניבער דעמ וואָקזאל, וואָס ארומ גרויסער שטאָט אפֿ א בארג, פֿייַפֿט ארייַנ אינ אָט דער וועלט־פּוסטקייַט ארייַנ א רעזערוו־לאָקאָמאָטיוו. קיינמאָל האָט ער צו זיכ אינ צימער ניט געהערט דעמ פֿייַפֿ אינ דער וועלט־פּוסטקייַט ארייַנ פֿונ קעגניבער דעמ וואָקזאל, נאָר דאנ האָט ער אים דערהערט.

— אונ וואָס מיינענ זיי, די קרעמער, איז געווענ נאָכדעמ?

בא אים, כאים־מוישענ, אינ צימער איז דאנ געזעסנ א יונגע בלאָנדע גימנאזיסטקע אונ האָט געהאלטנ אינמיטנ „אוראָק״. אונ בא אים אליינ זייַנענ שוינ די הענט סעוויסיי געווענ צונויפֿגעלייגט, ווי צו „לישועתך קויתי״, אונ טיפֿ פֿארוקט צווישנ די קניענ, האָט ער זיכ צו איר, צו דער גימנאזיסטקע, צוגעבויגנ אונ האָט ווייַטער געזאָגט, ווי זייַנ שטייגער איז, מיטנ ניגנ פֿונ פֿייַרעק:

— איטאק... טשעמו ראווניאיעטסיא $(a+b)^2$“.

אָט אזוי טוקט אָפּ בערגעלסאָנ זייַנ פּערסאָנאזש אינ די טיפֿסטע

טיפֿן פֿון פּעסימיסטישע איבערלעבונגען, וואָס קומען אויף אַף יעדער קער און ווענד פֿון כּאָזים־מוישעס געדאַנק און געפֿיל. ס׳איז בעפּיירעש קעדײַ אַ בלעטער טאָן די אַלע באַשרײַבונגען, די עפּיזאָדן, דורך וועל־כע בערגעלסאָן ברענגט אַרויס נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל כּאָזים־מוישעס פֿאַרשיידנפֿאַרביקע מאַמעש קויהעלעסדיקע געפֿילן־וועלט.

אָט דערציילט כּאָזים־מוישע וועגן זײַן באַגעגעניש אין ראַקיטנע מיטן אַלטן ייִדן. כּאָזים־מוישע האָט „גלײַב דערזען פֿאַר זיך אַ פּאָר אַלטע גרינבלעך־אויסגעלאָשענע אויגן, פֿײַכטע און טויטע, ווי די נאַסע שטיינדלעך, געוואַשן מיט די כוואַליעס אַפֿן פּלאַכן ברעג ים. די אויגן האָבן אַרום זיך געהאַט אַ סאַך קנייטשן פֿון אַ פּאַרמעט־געלן פּאָנעם — פּונעם באַגעגנטן ייִדנס פּאָנעם. זיי האָבן פֿרעגנדיק אַרויפֿ־געקוקט צו אים, כּאָזים־מוישען:

— כ׳מיין, דו דאַרפֿסט שוין ניט זײַן קיין יונגערמאַן, אַ?״

אַזוי דערזען ייִדישע אויגן, אַ ייִדיש געמיט האָט בערגעלסאָן גע־קאָנט נאָר דורך זײַן קויהעלעסדיקן כּאָזים־מוישען, וואָס פֿאַרוואַנדלט דעם ייִדנס פֿראַגע וועגן זײַן עלטער אין אַ קוואַל פֿון פּײַן. פֿאַר אים, פֿאַר כּאָזים־מוישען, באַטײַט די דאָזיקע פֿראַגע: ווו האָסטו אַהינגעטאָן דײַנע יאָרן, דײַן דורכגעגאַנגענע צײַלאָזע יוגנט?...

בערגעלסאָן דערציילט, אַז אין וואַלד אַרײַן צו ייִצחאָק־בערן, דאָרט, ווו כּאָזים־מוישע געפֿינט זיך, איז געקומען צו פֿאָרן ייִצחאָק־בערס שוועסטער מיט אַ מיידעלע „אַ יאָר אַכט — צען אַוודע. ריידן רעדט עס שעפּעליאַווע, און אַליין איז עס געבליבן באַם קינדערשן סייבל — זיצט גאַנצע טעג אין דרויסן בײַ דער שטוב אַף דער ערד און שפּילט אין טשעריק. ציילט און ציילט און שפּילט נאָכאַמאָל, און ציילט נאָכ־אַמאָל. האָט ער געקענט אַזוי אָפּזיצן אַקעגן איר גאַנצע שאָען, כּאָזים־מוישע, און קוקן, ווי זי שפּילט.

— איז וויפֿל האָסטו שוין געמאַכט? — פֿרעגט ער אַזוי באַם מיי־דעלע.

— שוין טוידנט, — ענטפֿערט דאָס מיידעלע, — אַ טאָג, אַ טאָג מאָל טוידנט.

— און איצט, וואָס וועסטו טאָן?

— איך וועל מאַכן נאָך טוידנט.

— יאָ, יאָ, — זאָגט ער און קוקט איר אין פּאָנעם אַרײַן, — מאַך נאָך אַ מאָל טוידנט״.

אָט וואָס פֿאַרא געדאַנקען און באַטראַכטונגען ליגן אין יעסאָד פֿון כּאָזים־מוישעס וועלט־דערקענטעניש, ער פּאַסט אויף אין אַלץ אַרום

נאָר נוצלאָזיקייט, פוסטקייט און לעפּישקייט. מײלעך — כּאַזמ־מױשעם צווילינג און געוויסן — שרײַבט אַרײַן צו כאַנקע ליובער אין אַלבאָם: „יעדער מענטש וואַרפט אַרײַן זײַן נעץ אין יאַם אַרײַן, און יעדערן שיקט זײַן מאַזל עפּעס צו, יעדערער האָט פאַר זיך אַ טרייסט.

אַמאָל קאָן דאָך טרעפן: נאָך לאַנגע יאָרן שלעפּט אַ מענטש זײַן נעץ פון יאַם אַרויס און זעט, אַז זי איז פּוסט, זײַן מאַזל האָט אים גאָרנישט ניט צוגעשיקט. „ — מײלע, — זאָגט דער מענטש צו זיך, — וועט שוין זײַן אַזוי... וועל איך שוין ווי־ס׳ניט־איז דורכקומען אָן אַ טרייסט, אָן אַ פרייד בא זיך אין האַרץ״.

און נאָך. כּאַזמ־מױשע דערציילט וועגן איינער אַ מעשוגענער האַלב־נאַקעטער פרוי מיטן צעריסן לײַב, וואָס „דערציילט וועגן אומגליק, וואָס האָט זי געטראָפן:

— אַלע יאָרן, דערציילט זי, — האָט זי בא זיך אין דער היים געוואַרט אַפ גאָט; זי איז געווען זיכער, אַז ער וועט קומען — נאַרישקייטן, ער האָט געמוזט קומען. און הײַנט אינדערפרי איז ער צו איר געקומען און האָט זי ניט געטראָפן אין דער היים: זי איז אַפּ אַ רעגעלע אַוועקגעגאַן פון דער היים״.

הײַנט וואָס באַטײַט כּאַזמ־מױשעס אַפאָריסטיש ווערטל וועגן געשיכטע: „פאַר געשיכטע... זײַנען שטענדיק די טויטע לעבעדיק און די לעבעדיקע — טויט״. וואָס באַטײַט אָט דאָס ווערטל, אויב ניט קיין דערגאַנצונג צו אָט דער אויסגעבויטער גערדאַנקען־סיסטעם, וואָס לייקנט אין דער רעאַליטעט פון לעבן, געפינט ניט קיין רעאַלע טרייסט אין לעבן, אַ לעבן, וואָס האַלט אין איין ציילן ביז „טוידנט״ און צוריק, אַ לעבן, ווו דער מענטש מײַדט זיך אויס מיטן גליק, ווי די מעשוגענע פרוי מיט גאָט, אַ לעבן מיט אַ שטעטל, וואָס פירט אום זײַנע געסט באַווײַזן דאָס אָפּגעקומענע הויז מיטן קרומען דאַך, ווו „אַ מיידל אַ קורסיסטן דערשווײַגט דאָרט אַליין איר נישער יוגנט״.

וויפל לירישע קראַפט דער שרײַבער האָט צוגעטיילט אָט די אַלע שילדערונגען און זעלבסט־באַטראַכטונגען, וואָס פאַרוואַנדלען כּאַזמ־מױשעס מאַמעש אין אַ פאַרטיפטן דיכטער, אַ דיכטער פון אַ זיך פײַנדיקער וועלט, וואָס האָט פאַר אים קיין זין און באַזינונג. דערציילט דער „דיכטער״ כּאַזמ־מױשע דעם פאַרשטאָרבענעם מײלעכן וועגן דער גרויסער שטאָט, ווו איבער די גאַסן „גייט... אַרום דער אַלטער קאַפּצן דער בלינדער און טאַפּט מיטן שטעקן דעם שטיין. ער הערט נישט גאָרנישט און זעט נישט גאָרנישט, מײלעך; ער געדענקט נאָר זיך און זײַנע נײַנציק יאָר און די נעדאָווע, וואָס אים קומט פאַר זיי:

— כ׳בין אלט נײַנציק יאָר, — כאַזערט דער אלטער, — איך בין אלט נײַנציק יאָר — גיט מיר א נעדאָווע״.

אָט אין דער דאָזיקער גרויסער שטאָט, דערציילט כאַזים־מוישע מייִלעכן, האָט ער „ליב די זון, וואָס באַקט דעם שטיין, און דעם קילן שאָטן, וואָס אין דער זײַט, פאַרשיידענע גליקלעכע און אומגליקלעכע מענטשן אײַלן אין פאַרשיידענע זײַטן, און אויך ער, כאַזים־מוישע, אײַלט מיט זיי... אינמיטן ברוק איז געפאַלן א פערד און גויסעסט, און מענטשן דערשיסן עס דאָ אפן אָרט, מענטשן זײַנען גרויסשטעטי־קע און באַשעפטיקט; זיי האָבן קיין צײַט ניט צו וואַרטן, ביז דאָס פערד וועט אליין אויסגיין, און דערשיסן עס מיט זיכערקײַט, אז זיי טוען רעכט... נעכטיקע טעג, זיי קוקן זיך ניט אום צו אים, כאַזים־מוישען, זיי פרעגן באַ אים ניט, צי ער גיט דערויף זײַן האסקאָ־מע...״

אין וויפל טויבע ווינקעלעך פון לעבן, אין וויפל פינצטערע קע־מערלעך פון דער נעשאָמע האָט דער שרײַבער געלאָזט ארײַנקוקן דעם דאָזיקן העלד זײַנעם, ביכדיי ארויסצוטראָגן דעם פסאַק־דין איבער דער וועלט, וואָס ער איז ניט מאסקים מיט אירע מידעס און אָנשווינ־גענ? צוליב דעם האָט דער שרײַבער ניט אנדערש ווי אליין אויך ארײַנ־געקוקט אין טהאָם פון פאַרצווייפלונג, וואָס האָט געמאכט אָפּהענ־טיק די מייִלעכס און כאַזים־מוישעס, אוועקגענומען זיי פון דער רעוואָ־ליוציע און געבראַכט זיי צום מאכטלאָזן שטומען פראָטעסט.

דאָ קומען מיר צום צווייטן פונקט פון דער אויבנדערמאָנטער צע־גלידערונג. מיר קומען צו דער פראגע וועגן בערגעלסאָנס פארשטאנד פאר דער אָביעקטיווער לאגע פונעם געשילדערטן שיכט, וועגן דעם פארשטאנד פאר די סאָציאלע סיבעס, וואָס שפיגלען זיך אָפּ אין כאַזים־מוישעס פסיכאָ־אידעאָלאָגיע. ס׳האנדלט זיך טאקע וועגן די באַ־ציִונגען צו די קרעפטן פון דער רעוואָליוציע, וואָס באַגלייטן ניט מער כאַזים־מוישען אפּ זײַן אידיישן לעבנס־וועג און וואָס דער שרײַבער האָט געלאָזט ריידן וועגן זיי אים אליין, כאַזים־מוישען.

3

בעשאַס כאַזים־מוישע האָט זיך געפּײַניקט איבער דעם אלטן ייִדנס פראגע וועגן זײַנע יאָרן, האָט ער געטראַכט: „דעם ייִדנס גרינבלעכע נאַסע שטיינדלעך, די אויגן — דאָס איז די אייביקײַט, וואָס זעט גלײַכ־גילטיק צו, ווי יונגע ווערן אלט און בלײַבן באַ ניט־באַפרידיקטע פאַרלאַנגען. וואָס איז אַזוינס אָט דער ייִד? א פּײַן פון אָפּגעלעבטע

דוירעס, אנ אלטער גלײַכגילטיקער ווזנ, וואָס אנערקענט דיכ ניט. וואָס וואָלט ער דענ געזאָגט וועגנ דיר, ווענ ער זעט, ווי דו פלאטערסט צווישנ פארטיי־כאוויירימ אונטער באריקאדנ? ווארט, ס'איז א געדאנק — ער וואָלט וועגנ דיר גאָרנישט ניט געזאָגט: ער וואָלט נאָר א פאטש געטאָנ איבער זײַנ פושקעלע אונ וואָלט געטאָנ וועגנ דיר א קלוגיטשקנ שמעק טאבאק. ער איז דיר פרעמד, אָט דער אלטער, דארפסט פארגעסנ אָנ זײַנע צונויפגעצויגענע אויגנ אונ אָנ זײַנע ניט־דערזאָגטע שײַלעס...

— אונ צווייטנס:

וואָס וואָלט דענ ער, כאִמ־מוישע, געטאָנ מיט זײַנ יוגנט, ווענ ער האָט זי איצט נאָכאמאָל? צי וואָלט ער געפאָלגט דעמ ייִדנ אונ וואָלט געעפנט דאָ אינ ראקיטנע א באקאליי־קלייטל?

— נארישקײַטנ".

איז דאָכ קלאָר, אז דער ייִעש, די אנטווישונג פונ בערגעלסאָנס פערסאָנאזש אינ דער ארומיקער וועלט ברענגט אימ ניט צו שאָלעמ מאכנ מיטנ אלטנ ייִדנ, צו אנערקענענ, אז די געשיכטע מיט די באריקאדנ איז געווענ א טאָעס, אז מע דארפ זיכ אומקערנ צו דער „באקאליי־קלייט", אז עס זײַנענ ביכלאל פאראנענ אנדערע וועגנ וויאזוי צו ראטעווענ זיכ אונ די געזעלשאפט אויסער די, וואָס גייענ לויט דער ליניע פונ וועלט־ענדערונג. ריידנדיק שוינ וועגנ דער רעוואָליוציע, געבנדיק צו וויסנ, אז זײַנע ביידע העלדנ זײַנענ געווענ מיט איר פארבונדנ, וואָלט דאָכ דער שרײַבער, אזא פאראנטוואָרטלעכער אונ סאָציאַל־דענקענדיקער שרײַבער, ווי בערגעלסאָנ, געווים מיטגעטיילט וועגנ די סיבעס פונ זייער אָפגאנג, ער וואָלט דערציילט וועגנ זייער באציונג צו דער רעוואָליוציע גופע, צו אירע וועגנ אונ מיטלענ. אונ צי איז ניט ריכטיק דעריבער צו דענקענ, אז אינ דער געשטאלט פונ כאִמ־מוישענ אונ מײלעכנ האָבנ מיר צו טאָנ בא בערגעלסאָנענ ניט מיט באוווסטזיניק אנטווישטע אינ דער נייטיקײַט פונ א רעוואָליוציע, נאָר מיט אָפגעריסענע, דערווײַטערטע, מיט די, וואָס די ציַיט, די אומשטענדנ, אפילע דאָס, וואָס מײלעכ האָט א פאָר יאָר פארבראכט אינ טפיסע, ווערליק דער שרײַבער דערציילט, האָט זיי באזײַטיקט, אָפגעפרעמדט פונ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אונ געשאפנ א יערידע־פלאָנטער בא זיי אינ די מויכעס. א סאכ פונ דעמ מינ זײַנענ דאָכ אינ יענע צײַטנ געבליבנ עלנט, ניט האָבנדיק קיינ מעגלעכקײַטנ פארבינדנ זיכ ווידעראמאָל מיט דער באוועגונג, וואָס איז אוועק אינ אונטערערד, אונ נישט זיי, די אָפּהענטיק־געוואָרענע, האָבנ געקאָנט זי

געפינען און זיך צו איר באהעפטן. די דאָזיקע זײַנען טאַקע אָפּטמאָל פון טאָג צו טאָג געזונקען אין דער אייגענער אויסגעטראכטער וועלט פון פארצווייפלונג און פעסימיזם.

אין די יאָרן 1910 — 1913 זײַנען אין ייִדיש דערשינען צוויי פיעסן פון דערמלט צוויי באוווסטע שרײַבער — א. ווײַטער און ה. ד. נאָמבערג. די ביידע פיעסן באהאנדלען, אייגנטלעך, די טעמע פון „אָפּגאנג‟, זיי ריידן וועגן די, וואָס זײַנען נאָכן 1905 יאָר אוועק פון דער רעוואָליוציע, כאראַטע באקומען אפ זייערע רעוואָליוציאָנערע אָנשוויונגען און פארביטן זיי אפ נאציאָנאליסטישע, רעאקציאָנערע. ווײַטערס העלד פון זײַן פיעסע „דער שטומער‟ רופט „צוריק אין שול ארײַן‟, און דער העלד פון נאָמבערגס „מישפּאָכע‟ טרוימט וועגן שאפן א געזעלשאפט אונטערן נאָמען „נילי‟ — דאָס זײַנען די ראָשע־טייוועסן פון די העברעיִשע ווערטער: „נצח ישראל לא ישקר‟, דער טײַטש איז דאָ: די ייִדישע אייביקײַט וועט ניט אָפּנארן. דעם וועג צוריק צו דער רעליגיעז־נאציאָנאליסטישער טראדיציע, צוריק צו דער באלעבאטישער אייגנטימערישער היימישקײַט — דעם דאָזיקן וועג האָבן אין יענע יאָרן דורכגעמאכט א גרויסער טייל פון דער געוועזענער רעוואָליוציאָנערער אינטעליגענץ און צוזאמען מיט זיי אויך געוויסע שילדערער זייערע פון יענער צײַט.

אנדערש אָבער שטעלט בערגעלסאָן פאָר זײַן אינטעליגענץ אין „אָפּגאנג‟.

„דער עלטסטער ליגנער — דער קינדערשער סידער זײַנער וואלגערט זיך דאָ ערגעץ אפ א בעסמעדרעש־בוידעם צווישן אלטע פארשטויבטע שיימעס.

און ער האָט ווי נעקאָמע געהאט אין אָט דעם אלטן גרויסן ליגנער‟.

אזוי דענקט בערגעלסאָנס כאַזם־מוישע וועגן זײַנע שטעטלש־פרומע קינדער־יאָרן. און אז פרעגער, דער לערער פון טאלמוד־טוירע, דערהערט דעם שאבעסדיקן נוסעך פון דער טפילע „ברוך שאָמר‟, גיט אים ארײַן בערגעלסאָן די מאכשאָווע: „ס׳ארא אלטער אײַנגעגעסענער נוסעך! ער לייקנט אלע נײַסן, וואָס זײַנען אופגעטאָן אפ דער וועלט‟. וועגן דעם אלטן ייִצכאָק־בערן, כאַזם־מוישעס און מיילעכס אייגנארטיקן גוטן פרײַנט, דערציילט דער שרײַבער: „ער האָט געקאָנט גוט לערנען, נאָר ער איז געווען אן אפּיקוירעס, קיינמאָל ניט געגאנגען אין שול און האָט שטארק פײַנט געהאט פרומע ייִדן. אפן בעסוילעם מיט דער לעווײַע איז ער ניט געגאנגען, ווײַל ער האָט ניט

פאַרגונענ די פרומע ייִדנ, וואָס זיי פאָרענ זיכ איצט לעבנ מיילעכנ, אונ האָט ניט געוואָלט הערנ „די פסוקים, וואָס זיי זאָגנ דאָרט‟‟.

דער אַנטירעליגיעזער אונ אַנטיקלעריקאַלער שטראָם הערשט אַזוי־אַרום אינ בערגעלסאָנס ראָמאַנ באַנאַנד מיטנ פאַרשאַרפטנ אַנטיבור־זשואַזנ. די העלדנ פונ בערגעלסאָנס „אָפּגאַנג‟ האָבנ זיכ, הייסט דאָס, ניט אָפּגעזאָגט פונ זייער סאָציאַלער לעבנס־אופּאַסונג. אָפּגייענדיק פונ דער רעוואָליוציע, זײַנענ זיי ניט אַוועק צו „גאָט־זוכערײַ‟, ווי די מאָדע איז דעמאָלט געווענ בא א טייל אינטעליגענצ פונ דעמ גראַד, זיי זײַנענ אויכ ניט אַוועק צוריק צו דער באַלעבאַטיש־אייגנטימערישער נאָמבערגישער „מישפּאָכע‟. אָנגעקומענ זײַנענ זיי נאָר צו געוויסע אַנאַרכאָ־אינדיווידואַליסטישע אָנשוויונגענ, וואָס האָבנ דעמאָלט גע־הערשט צווישנ א טייל פונ די דאָזיקע אָפּגאַנג־קרײַזנ. דעמ באַרוּיקטנ דאָקטער גראַבײַ, דעמ געוועזענעמ פּאַרטייִשנ רעדנער, מיט זײַנע איצ־טיקע דרײַסיק טויזנט אונ איראָנישע קליינלעכע שפּאַסנ איבער די רעוואָ־ליוציאָנערע „זיגער‟ — טיילט דאָכ אָפּ בערגעלסאָנ פונ כאַיִמ־מוי־שענ אונ מיילעכנ, וואָס לעבנ א לעבנ פונ גרויסנ סאָציאַלנ אונ וויפול־דראַמאַטישנ אומרו...

„דער איקער איז אומרו‟ — מאַכנ עטלעכע מאָל דעמ אויספיר די ביידע. אונ נאָכ ווייסנ זיי: „פונ אומצופרידענע וועט געהאָלפנ ווערנ די וועלט‟. אונ כאַיִמ־מוישע באַשליסט איינמאָל וועגנ דער גרויסער שטאָט, וואָס „שלינגט מענטשישע ווילנס‟:

„זאָלנ אָנ אופהער שיטנ אָפּ אָט דער שטאָט געדיכטע נעפּלדיקע שנייענ; זאָל זײַנ כוישעכ, אונ אינ איינ צוזאַמענגאָס זאָלנ דערוואָרגנ ווערנ אַלע ווילדע געשרייענ פונ אָט דעמ לעפּישנ טויהו־וואָוויהו — מע דאַרפ ניט, זאָגט ער, קיינ וועלט, וואָס טייט מענטשנ, איידער זי באַפרידיקט זייערע פאַרלאַנגענ‟.

כאַיִמ־מוישע ווייסט אָבער דערבײַ, ווער זײַנענ די, וואָס געווינענ פונ אָט דעמ טויהו־וואָוויהו. דאָס זײַנענ: „די גרויסשטעטיקע טאַ־טעס... זיי זאָגנ זיכ ניט אָפּ פונ שיינע איידעמס צו האָבנ, נאָר אַליינ זײַנענ זיי דערווײַל שטאַרק באַשעפטיקט אונ באַוועגנ דאָרט אַרומ די ייִנגלעכ מיט פאַבריקנ, וואָס לאָזנ רויכ, מיט צוגנ, וואָס ברענגענ מענטשנ, מיט קלייטנ, וואָס זײַנענ איבערגעפּולט מיט שעפע, אונ מיט טײַכנ, וואָס וויגנ האָלצוואַרג אָפּ זייערע שויסנ‟. אָט דאָס אַלצ רופט דאָכ כאַיִמ־מוישע: „גאָטס באַקאַלייִ־קלייט‟.

בערגעלסאָנס „געוועזענע‟ קומענ מיט א גרויסנ אָנלאָד פונ סאָ־ציאַלנ פּראָטעסט, מיט א גרויסער סינע צו דער אייגנטימערישער

וועלט און מיט א ליבע צו די מענטשן פון די „אונטערשטע ניט־ברוקירטע געזעלעכ", פאר וועלכע כאזמ־מוישע האט אזא ווארעמ, הארציק־איבערגעגעבנ ווארט. און דערפאר לאזט זיי ניט דער דאזי־קער סאציאלער פארשטאנד און געוויסנ בארויקנ זיכ מיטנ בלויזנ שטומענ פראטעסט, בארויקנ זיכ מיטנ פעסימיסטיש־פאסיווג גערדאנק, אז ס'איז ניט שייעכ קלאגנ זיכ און „מישנ זיכ — אויכ ניט". די דאזיקע פאסיווקייט האלט דאכ ניט אויס קוידעמקאל אליינ כאזמ־מוישע, וואס קלייבט זיכ ענדיקנ מיט זעלבסטמארד און פארפירט מיט זיינ טויטנ מיילעכנ אזא ארט געשפרעכ:

„ — און דו האסט דאכ אויכ ניט אנערקענט די וועלט, מיילעכ; פארוואס זשע ביסטו אזוי שטיל אוועקגעגאנ?

אדעראבע:

— אוועקגיינ דארפ מענ מיט א שטארקנ קלאפ פונ טיר, און זאל א ציטער טאנ די שטוב — זאלנ זיכ אופכאפנ די קליינע קינדער".

און נאכאמאל קערט זיכ אומ כאזמ־מוישע צומ זעלבנ שמועס:

„ — פארוואס ביסטו אזוי שטיל אוועק, מיילעכ?

— דו ווייסט, כאזמ־מוישע.

— קעדיי ניט אופצוועקנ קליינע קינדער?

— יא, כאזמ־מוישע, זאלנ דרימלענ קינדער; זאלנ דרימלענ קינ־דער מיט בלאסע בעקלעכ.

— אבער ס'איז דאכ הוילער שעד, מיילעכ, הוילער שעד — אינ גוטסקייט און אינ שעמעוודיקנ שמייכל..."

בערגעלסאנ האט ניט אויסגעטייטשט אינ ערגעץ ניט, וואס מיינט ער דערמיט זאגנ, כאזמ־מוישע, וואס פאר א „קלאפ פונ טיר" קאנ ער געבנ פארנ אוועקגיינ. ס'איז נאר פאראנ אנ אנדייטונג, אז אינ דעמ באשטייט כאזמ־מוישעס „ניסגאלע ווערנ", וועגנ וועלכנ עס רעדט שטענדיק דער אלטער יזצכאק־בער. אז כאזמ־מוישע טראכט וועגנ דעמ, וואס אימ איז געבליבנ צו טאנ, אז ער טראכט וועגנ די דריי אויסוועגנ, וואס ער האט, איז איינער פונ זיי: „זיכ שלעפנ פאר די האר און אופרייסנ, ווי ס'פאדערט יזצכאק־בער, ניסגאלע ווערנ און טאנ דעמ שטארקנ קלאפ מיט דער טיר".

און ס'איז מאדנע דערביי דאס, וואס דאס דאזיקע מיטל, וועדליק כאזמ־מוישע טראכט דא, איז גראד ניט פארבונדנ און איז אפילע קעגנ דעמ באשלומ פונ „אוועקגיינ פונ דער וועלט", וואס כאזמ־מוישע רעכנט פארנ דריטנ און לעצטנ מיטל. אינ דעמ דאזיקנ ראמאנ איז ביכלאל צו זענ, אז בערגעלסאנ האט זיכ דערלויבט ערטערווייז ריידנ

פאַרשטעלט אין גײַסט און סטיל פון כאַזים־מוישעס פּאַרהוילענע גע־דאַנקען, וואָס ווערן דאָך ווירקלעך געטראַכט און ניט אַרויסגעזאָגט, ניט אַנטפּלעקט, הייסט דאָס.

אַז כאַזים־מוישע קומט איינמאָל אַרײַן אין אַ פרעמדער שטוב און דערזעט הענגען אַ פּאָר רעק, טוט ער אַ טראַכט: „גוט, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — רעמאָזים אַפּ מענטשן". און מיט די זעלבע רעמאָ־זים רעדט ער דאָ באַלד, ווי זײַן שטייגער איז, מיטן פאַרשטאָרבענעם מײַלעכן, בעשאַס ער דערציילט אים וועגן דעם דאָזיקן פאַל: „טירן זײַנען אָפן... אין די אַרומיקע צימערן, נאָר אויך דאָרט איז קיינער נישטאָ. ער רופט, נאָר קיינער ענטפערט ניט. ער וויל אַוועקגיין, נאָר ער קען ניט — ער האָט מוירע, טאָמער... טאָמער קומט אַרײַן דער גאַנעוו...

— איז אָט, מײַלעך, וואָס זשע דאַרף איך, נאָך דײַן מיינונג, טאָן?

— היטן, כאַזים־מוישע, היטן, ביזוואַנען ס'וועט קומען דער באַ־לעבאָס.

— נו, און דו, מײַלעך? וואַרט... ווי־אַזוי ביסטו אַוועק?"

אַליין בערגעלסאָן גיט זיך אונטער, ווי געזאָגט, דעם „רעמאָזים־דיקן" סטיל פון כאַזים־מוישעס אַפּאָריסטישן אַרט דענקען, ניט מאַכנ־דיק קלערער אין ערגעץ ניט אָט די וויכטיקע רעפּליקעס. אָבער פון דעם אַלעם איז אַלנפאַלס קלאָר, אַז בערגעלסאָן פאַרבינדט זײַנע ביידע העלדן מיט דער פּראָבלעם פון וועלט־אויסלייזונג, זיי דענקען וועגן דער דאָזיקער פּראָבלעם, זיי זוכן מיטלען, זיי מיינען, אַז דער שטור־מער פּראָטעסט איז אויך איינס פון די מיטלען, זיי גייען פון דער וועלט מיטן געדאַנק, אַז דאָס פעלן זיי אויס אַ סאָציאַלע שליכעס, אַפּי־לע קלוימערשט אַ וועלט־ענדערנדיקע שליכעס, זיי האָבן זיך דאָך ניט אָפּגעזאָגט פונעם געדאַנק וועגן דער נייטיקייט פון וועלט־ענדע־רונג, נאָר דערווײַטערט זיך פון אים, זיך אָפּגעריסן, און גרײַזן, און געפינען מער ניט דעם ריכטיקן וועג צו אים...

נישט נאָר דעם דאָקטער גראַבײַ, דעם רײַך־געוואָרענעם געוועזע־נעם פאַרטייִישן רעדנער, האָט בערגעלסאָן אָפּגעטיילט פון זײַן כאַזים־מוישען און מײַלעכן, ער האָט אויך אָפּגעטיילט פון זיי דעם טאַלמוד־טוירע־פאַרוואַלטער פרעגערן, שילדערנדיק אים אין זײַן פולער און פולשטענדיקער העפקערדיק־אינדיווידואַליסטישער שטעלונג צום אַרו־מיקן לעבן און לעבנס־אײַנאָרדענונג.

פרעגער האָט אויך פײַנט די וועלט, די וועלט פון די פּויזנערס און דעמפּלערס, ער טראָגט אַ סינע צו די גווירים און צו זייער גאָט,

דאָס דאָזיקע קומט בא אים אָבער מער פון אייגנליבע איידער פון איבערצײַגונג. ס'איז אַנאַרכיסטיש־עגאָיִסטישע און אַמאָל אויך ציני־שע אָפּלייקענונג פון א דעקלאַסירטן, וואָס וויל לעבן פרײַ־הפקער־דיק, ניט האָבן קיין שום יאָך, קיין שום צאַם, שיקערן אַף צולאָכעס גאָר דער וועלט, אײַנליבן אין זיך די שיינע רײַכע כאַווע פויזנער אויך פאַר צולאָכעס וועגן, לויט זײַן שטענדיקן הפקר־ווערטל: „זאָלן פּלאַצן אַלע ראַקיטנער פּײַנע און לײַטישע באַלעבאַטים". ניט אוֹמ־זיסט הויזט בא אים דאָס דאָזיקע ווערטל מיט נאָך איינס: „ער איז זיך ניט מעכוּיעוו שפּײַען פאַר מיילעכן". אַזוי טראַכט ער, פּרעגער, בעשאַס ער גייט נאָך מיילעכס לעווײַע. „ — געשיקט זיך, אַז אָט דער מענטש, — טראַכט ער וועגן מיילעכן, — האָט קיינמאָל אין זײַן לעבן קיינעם ניט געוואָלט אָנשפּײַען אין פּאָנעם אַרײַן?" „זאָל יעדער, — זאָגט ער ווײַטער, — שפּײַען פאַר זיך אַליין". און שפּײַען „איינער אַליין פאַר זיך", — טײַטשט אויס בערגעלסאָן, — באַטײַט פאַר פּרעגערן: „ער נעמט אַרײַן צו זיך אין צימער זאַלקער דעם אַגענט מיט שאָולקע שנײַדער און טרינקט מיט זיי לעכאַיִם". און ווידעראַמאָל: „זאָלן פּלאַצן אַלע געהויבענע און פּײַנע לײַט!"

כאַיִם־מוישע אַליין ווײַזט איינמאָל אַײַן פּרעגערן דעם כילעק צווישן אים, פּרעגערן, מיט מיילעכן. בעשאַס דער אויסגעטרונקענער פּרעגער צעגייט זיך מיט זײַן קאַעסדיקן אויסרוף קעגן דעם „זײַדע־נעם אַזריִעל פויזנער": „דאַלוי דאָס זײַדנס פון די קרעמער!" און נאָך: „לעכאַיִם! זאָלן ברענען אַלע זײַדענע קרעמער!" — זאָגט אים כאַיִם־מוישע, אַז „מיילעך וואָלט מיט פּרעגערן געוויס ניט מאַסקים געווען, מיילעך וואָלט געזאָגט: „מע דאַרף אַראָפּציִען פונעם זײַדנס דעם קרעמער". דער כילעק איז דאָ טאַקע א פּרינציפּיִעלער: דער כילעק פון סטאַם־הפקרדיקײַט ביז א געוויסער סאָציאַלער פאָרמולירונג.

דעם רײַכן אינזשעניער דעסלער, דעם דאָקטער גראַבײַ, דעם פאַר־וואַלטער פּרעגער, דעם ציִעניסט אַנשל צודיק, דעם רײַכן סטודענט מיט די מאָנאָגראַמעס אַפן שטעקן, כאַווע פויזנער, עטל קאַדיס, עס־טער פּיק, — די אַלע האָט בערגעלסאָן מער אָדער ווייניקער פאַר־גאַנצט אויפגעשטעלט, ווי געשטאַלטן, וואָס זייערע כאַראַקטערן האָבן זיך אויסגעפורעמט אין דער צײַט פון נאָך דער ערשטער רעוואָליו־ציע. און די אַלע האָט בערגעלסאָן אָפּגעוואָרפן, אָפּגעשטעלט זײַן ליבלעכע אויפמערקזאַמקײַט אַף מיילעכן און כאַיִם־מוישען טאַקע דער־פאַר, וואָס זיי טראָגן אַף זיך אַף זייער אויפן דעם אָל פון סאָציאַלע פּײַנען, דערפאַר, וואָס די דאָזיקע פּײַנען גייען בא זיי לויט דער עטי־

שער ליניע, לויט דער ליניע פון מערידע קעגן דער פאַרדאַרבערישער מאָראַל פון דער בורזשואזער וועלט, מיט וועלכער עס קעמפט שטענ־דיק אין אַלע זײַנע ביזאַהעריקע ווערק אַליין דער שרײַבער.

און אַקאָרשט קומען מיר צום דריטן פּונקט פון די אויבן אָנגע־צייכנטע דרײַ. מיר קומען צו דער פראַגע: צי אידענטיפיצירט זיך בערגעלסאָן מיט די דאָזיקע צוויי באַשאַפענע געשטאַלטן, צי ריידן זיי פולשטענדיק אין נאָמען פון זײַן שרײַבער? אַפּלייקענענדיק צוזאַ־מען מיט מײַלעכן און כאַזם־מוישען די בורזשואזע ווירקלעכקײַט, נעמט ער אויך אָן זייערע פּעסימיסטישע אויספירן, זייער אויסגאַנג־לאָזיקייט אָדער ניט? צי האָט ער דעמלט אין יענע יאָרן געגעבן גע־רעכט כאַזם־מוישען ניט נאָר אין זײַן מיינונג וועגן דעם „באַקאַליי־קלייטל", נאָר אויך אין זײַן פאַרלאַנג אוועקצוגיין פון דער וועלט, צו וועלכער ער קען זיך ווענדן, ווי זײַן העלד, נאָר מיט איין פראַגע: „נו, האָט מען מיך אהער אַראָפּגעבראַכט, נו, בין איך דאָ געווען, נו?"

פון די צײַטן פון „דעם טויבן" ביז די צײַטן פון „אָפּגאַנג" איז פאָלגן מיך א גאַנג. פאַר דער צײַט איז דער אומרו בײַ בערגעלסאָנס פערסאָנאַזשן פון א מיטל שיר ניט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א ציל. בײַ כאַזם־מוישען איז דער אומרו צומאָל געוואָרן אַן עסטעטישע קאַ־טעגאָריע אָנשטאָט צו זײַן א סאָציאַלער באַוועגער, וואָס פירט צו סאָציאַלן טאַט, צו קאַמף אפילו. דער מענטש פונעם שיכט, וואָס בערגעלסאָן שילדערט נאָכאַנאַנד, איז פאַר דער צײַט אוועק צו זײַן אייגענעם איך. בערגעלסאָן זוכט דאָס מענטשלעכע אינעם מענטשן, ווערט ער איצט פאַרכאַפּט פון די פּסיכאָלאָגישע וויברירונגען, וואָס ער אַליין אַנטפּלעקט, נידערט ער מיט זײַנע פערסאָנאַזשן אין די טי־פענישן פון זייערע אינדיווידואַליסטישע איבערלעבונגען, אָפּרײַסנ־דיק זיך ערטערווײַז פון דער סאָציאַלער פערזענלעכקײַט, וואָס צוליב איר איז ער אוועק אין די דאָזיקע טיפענישן...

און דאָך האָט בערגעלסאָן אָפּגעזאָגט זיך פירן זײַן כאַזם־מוישען קאָנסעקווענט ביז צו די עקסטרע ראַנדן פונעם לעבן. צוזאַמען מיט זײַן העלד האָט ער אַרײַנגעקוקט אינעם אופגעעפנטן טהאָם און אָפּגע־זאָגט זיך לייקענען אינעם לעבן. וועגן דעם דערציילט דער סאָף פון בערגעלסאָנס ראָמאַן „אָפּגאַנג", וועגן דעם דערציילט אויך די אויס־געבויטע האַנדלונג פונעם ראָמאַן, וועגן וועלכער ס'דאַרף גיין א רייד, ווען מע וויל אַרײַנדרינגען אינעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון די צווישן־באַציִונגען פונעם שרײַבער מיט זײַנע געשאַפענע פערסאָנאַזשן.

4

בערגעלסאָנ איז אײנער פונ די שטאַרקסטע באַשעפער פונ דער פרויענ־געשטאַלט אינ דער ייִדישער ליטעראַטור. די קלאַסישע מירל האָט בא אים גופע פאַרשטעלט די אַלע איבעריקע פרויענ־פיגורנ פונ זײַנע ווערק, וואָס יעדערע פונ זײ איז ארויסגעבראַכט צומ לעבנ מיט אַלע מוסטערהאַפטע דינסטע צײכנס פונ איר צײַט אונ סוויווע. אַזוינע זײַנענ אויכ די צוויי פרויענ־געשטאַלטנ — כאַווע פויזנער אונ כאַנקע ליובער, וואָס פאַרנעמענ א הויפּט־אָרט אינ דער האַנדלונג פונ „אָפּגאַנג“. פאַראַנ נאָכ א דריטע — עטל קאַדיס, איז זי אָבער געבליבנ אינ שאָטנ. נישט געקוקט אפ דעמ, וואָס זי איז פאַרקניפּט מיטנ גורל פונ אײנעמ פונ די הויפּט־פּערסאָנאַזשנ, האָט זי דער שרײַבער צו פרי, צו גלײבנ, באַזײַטיקט פונ דער האַנדלונג. זי פאַרשווינדט בא אימ אומבאַמערקט קימאַט נאָכ מײלעכס טויט אונ קומט ניט מער צוריק. דערפאַר אָבער האָט ער געלײגט עמעסע קינסטלערישע אכט אפ דער געשטאַלט פונ כאַנקע ליובער אונ דעריקער אפ דער געשטאַלט פונ כאַווע פויזנער, וואָס שטעלט מיט זיכ עפּשער פאָר א פּראָטאָטיפּ פונ א שײנדל דער גרויסער פונ בערגעלסאָנס שפּעטערדיקנ „באַמ דניעפּער“, שײנדל די גרויסע מײדלוויַיז, בעשאַס זי האָט נאָכ פאַרמאָגט דעמ גאַנצנ רײצ פונ איר מײדלשנ יונגטלעכ־שײנעמ אונ אַזעסדיקנ וועזנ.

אײנער א בריוו, וואָס כאַווע פויזנער האָט געשריבנ מײלעכנ, הײבט זיכ אָנ מיט די ווערטער:

„דער טײַוול איז פאַרפירעריש אונ קלוג... דער טײַוול איז עפּשער מער אומגליקלעכ, ווי קלוג“. בערגעלסאָנ האָט אויסגעפונענ די שאַרפסטע זעלבסטכאַראַקטעריסטיק פונ אָט דעמ דאָזיקנ שײנעמ גווירישנ מײדל, וואָס איז אוואַדע געוועננ צעריסנ פונ אײגענע אינווייניקסטע ווידערשפּרוכנ: פונ אײנ זײַט די מײדלש־נאַטירלעכע ציִעניש צומ אינטערעסאַנטנ יונגנ מײלעכנ, אונ פונ דער צווייטער — די מײדלש־פאַרפירערישע שפּיל מיט אימ, אפ וויפל איר בורזשואַזע טעווע האָט זי ניט געלאָזט פאַרבינדנ איר גורל מיט אַזא אײנעמ ווי מײלעכ, ווענ ס׳האָבנ אפ איר שײנקײַט געוואַרט אינ לעבנ די גליקנ פונ די רײַכע דעסלערס.

„— גלײַכ איכ האָב דאָ אמאָל עפּעס געקויפט...“ טוט זי א זאָג, די כאַווע פויזנער, געפינענדיק זיכ אײנמאָל מיט כאַימ־מוישענ אינעמ אפּטײק־מאַגאַזינ פונעמ פאַרשטאָרבענעמ מײלעכנ. אונ כאַימ־מוישע בעסערט זי אויס:

„ — גלײַך איר האָט דאָ אמאָל עפּעס געקויפט, — זאָגט ער, — און האָט פאַרגעסן אָפּצוצאָלן.

— יאָ, טאקע, — כאַזערט איבער כאַווע פּויזנער מיט אזא פאַר־וווּנדערט פּאָנעם, גלײַך זי גלייבט ניט, אז ער, כאַזים־מוישע, האָט עס געזאָגט, — גלײַך איך האָב דאָ אמאָל עפּעס געקויפט און פאַרגעסן אָפּצאָלן".

מיט וויפל דורכדרינגלעכן פאַרשטאַנד פאַר איר נאַטור און פאַר איר צײַט שילדערט זי בערגעלסאָן סײַ אין איר פּלאַנטער מיט פּרעגערן סײַ אין איר באַציִונג צו מײלעכן. וויפל דערפינדערישקײַט באַם שרײַבער פאַר אירע „עקסטראַוואַגאַנטע" גענג, פאַר די אייגנטימלעכע שטריכן פון איר שטעטלשער כאַראַקטעריסטישער „אָריגינאַליטעט", וואָס דריקט זיך אויס סײַ אין דעם, ווי זי צינדט אָן געהיים אַן אַלזאָס־נעשאָמע־לעמפּל אין מײלעכס צימער נאָך זײַן טויט, סײַ אין דעם, וואָס באַם לעבן האָט זי אין איינעם פון אירע געזעגענונגס־בריוו צו מײלעכן אײַנגעוויקלט און געשיקט אים אַ קליין אָפּגעבראָכן שטיקל פּישבײן פון איר מיידלשן ליפ. זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר איר איז דאָך אפילע די געשיכטע, וואָס עטל קאַדיש האָט דערציילט וועגן איר מײלעכן: „וויאַזוי קינדוויַז, בעשאַס זי מיט כאַוועס האָבן געלערנט אין שטאָט־שול, פלעגט איר כאַווע איבערקערן דעם טינטער אפן העפט, קעדיי דער לערער זאָל איר שטעלן אַ צוויי".

אַז כאַזים־מוישע טראַכט וועגן כאַווע פּויזנער, געדענקט ער „דעם אַזעסדיק־קלוגן בליק פון אירע היפּשע, קימאַט בוילעטע אויגן, דעם גאַנצן שטאַלט פון איר גלײַכער בייגיקער פיגור", און אַז זי זעט אים, כאַזים־מוישען, שמייכלט זי טאָמיד אַזעסדיק, „גלײַך זי איז גרייט צו זאָגן:

„ — ער איז דאָך אַראָפּגעקומען אהער נאָר צוליב מיר, אָט דער כאַוועס מײלעכס, כאַזים־מוישע, ער האָט דאָך מער ניט געהאַט צוליב קיינעם אהער אַראָפּצוקומען. פאַרוואָס זשע גייט ער צו מיר גלײַך נישט צו און זאָגט ניט אויס דעם עמעס?..."

די דאָזיקע שורעס אליין זײַנען גענוג צו געבן אַ פּאָרשטעלונג וועגן אָט דעם מיידל, וואָס האָט ליב זיצן אַלע פאַרנאַכט אַף די טרעפּלעך פון איר פּאַטערס קלייט, נאָכדעם ווי מע שליסט זי צו. „טאָמיד, — דערציילט דער שרײַבער, — פלעגן זיך דאָרט לעבן כאַווען געפינען נאָך צוויי צי דרײַ יונגעלײַט, און כאַווע האָט פון זיי געלאַכט. זי האָט געזאָגט, אַז „ייִדישע יונגעלײַט גייען קיינמאָל צו קיין מיידל אַליין. טאָמיד, האָט זי געזאָגט, גייען זיי אינצווייען צי אינדרײַען."

און נאָך וועגן איינעם אַ מאָמענט דערציילט דער שרײַבער: „אַף דער שוועל פֿון זײַן גרויסער קאָלבוי־קלייט איז אין אַ שווארצן ליוס־טרינענעם סורדעט געשטאַנען אזרועל פּויזנער — דער אָרטיקער רײַכער קרעמער. ער האָט געהאַט אַ סאַמעט־פאַרגאָסן פּאָנעם פֿון אַ צעוואַקסענעם לײַטיש־אויסגעיידלטן גאָלעכ און האָט אַלעמאָל גע־פּרוווט מיט אַ גרינג הוסטל, צי די לונגען זײַנען בא אים ריין. אַמאָל האָט ער געליטן אָפּ דער לונג — שוין לאַנג איז דאָס געווען. איצט איז ער שוין אינגאַנצן געווען פאַרגאָסן מיט געלע גאָגל־מאָגלס און מיט אייער, און דאָס פּאָנעם זײַנס איז שוין אויך אזעלכעס — ס'האָט געשמעקט מיט געלן אייער־קיכל, מיט פּוטער־געבעקס און מיט שוויים. פּלוצעם האָט כאַזים־מוישע דערזען, אַז ער איז ניט אַליין, אָט דער רײַכער קרעמער — גאָר נאָענט הינטער זײַנע פּלייצעס שטייט די טאָכטער זײַנע, די יונגע און שיינע כאַווע פּויזנער; זי שמייכלט, זי שפּאַרט אונטער איר פּאָנעם באַם פאָטער אפֿן אַקסל און קוקט איניי־נעם מיט אים אַף כאַזים־מוישען, קוקט מיט אַזאַ מינע, גלײַך זי וואָרנט:

— מיר נעמען אים אַף זיך, דעם „פּאַפּקאַ" אונדזערן. מיר וועלן אים באַשיצן פֿון אַלע מענטשן, וואָס האַלטן פֿון אים ניט און ריידן אַף אים שלעכטס..."

דאָס איז אַ פּראַכטפֿולער צווייענדיקער פּאָרטרעט אי פֿון אזרועל פּויזנערן אי פֿון זײַן טאָכטער. די סאָציאַלע געווענדטקײַט פֿון אָט דעם צווייענדיקן פּאָרטרעט איז אויך אַ קלאָרע, פּונקט ווי ס'איז קלאָר, פאַרוואָס איז אָט דאָס שיינע מיידל אוועק פֿון מיילעכן צום רײַכן דעסלערן. און אַז מיר באַקאַנען זיך מיט בערגעלסאָנס מערקווירדיקן נעמעל פֿון כאַוועס קנאַסמאָל מיטן דאָזיקן דעסלער, שטייט זי שוין גאָר אינגאַנצן פֿאַר די אויגן, אָט דאָס שיינע און קלוגע מיידל, וואָס ציט מיט איר רייץ און צוליבער אַלעמען אַרום און וואָס דער שרײַבער וויל דורך איר טאַט באַצייכענען די פאַרשטאַרקטע רעאַקציע־צײַט, ווען אַזאַ אַרט מיידל, לעהייפּעך צו מירלען, אָרדנט אַליין אײַן מיט איר אייגענעם ווילן איר געלט־שידעך.

דער שרײַבער דערציילט, ווי כאַוועס פאָטער און מוטער האָבן אַליין וויניק־וואָס געוווּסט פֿון כאַוועס באַשלוס: „איז זי פּרוער אַ ביסל אַרויסגעגאַנגען, כאַווע, — טיילט מיט די מוטער דעם פאַרוווּנ־דערטן אזרועל פּויזנערן, — און האָט געזאָגט, אַז מע דאַרף עפּעס צוגרייטן: — הײַנט אין אָוונט, זאָגט זי, וועט זײַן דאָס קנאַסמאָל".

„ער איז רײַך, דעסלער, שטאַרק רײַך, — האָט שוין דערנאָכדעם

געטראַכט אַזױ, װי ער איז געזעסן אױף אַ ראָד פון דער פײגלבאַנק ... דעם שײדעל טוט דעסלער מיט כּאַװעס, און מער ניט מיט קײנעם".

„און געבליבן איז, אַז אױף דעם קאַנאַפּע װעט מען זיך ניט אױ־בערטאָן, „מע בלײבט אין דעם, װאָס מע טראָגט".

און אַט פֿאָרט זי אין פֿאַעטאָן מיט איר כּאָסן איבערן שטאָט, און דער שרײַבער דערצײלט:

„װײַבער קוקן אױף איר פֿון יעדער געעפנטער טיר; װײַבער שמועסן, אַז זי איז שױן רעכט שײן, אַט די כּאַװע פּױזנער:

— אַ מאַלכעסדיקע צורע.

— און ביכלאַל...

— װאָס זשע דען?

— מע האָט דען פֿריִער ניט געװוּסט, אַז ס'איז קינדערשע זאַכן: זי האָט זיך קלױמערשט דאָ ארומגעשלעפּט מיט פּרעגערן. זי האָט זיך סאַפּקאָלסאָף באַטראַכט און איז געקומען צום סײכל".

נישט נאָר בענקייִע צו פּרעגערן, אױך בענקייִע צו מײלעכן איז זי געקומען צום סײכל. דאָס איז אױך קלאָר. און נאָך אײנס איז קלאָר, — אַ זאַך, װאָס אַלײן דער שרײַבער האָט ניט געװאָלט, אַפּאָ־נעם, גאָר אײנגאַנצן קלאָר מאַכן: אײנער פון די מאָטיװן פון מײלעכס זעלבסטמאָרד איז געװען טאַקע כּאַװע פּױזנערס באַציִונג צו זײַן ליי־בע־געפיל צו איר. כּאַזים־מױשע, דערצײלט בערגעלסאָן, האָט אײנמאָל אין שלאָף געזען מײלעכן, װי ער זיצט מיטן שטיקל פּישבײן — כּאַװעס פּישבײן — אין האַנט און מיט אַ מינע, גלײַך װי ער װיל זאָגן:

„ — דאָס איז אַלץ, כּאַזים־מױשע, אַלץ, װאָס איך האָב גענומען פון דער געליבטער פֿרױ".

מײלעך איז געװען עטל קאַדיסעס כּאָסן, ליב געהאַט האָט ער אָבער כּאַװען און איז צוליב איר אװעק פון דער װעלט. דאָס הײסט, אַז מײלעכס גרױזאַמער טאַט שטאַמט ניט פון בלױזן פּרינציפּ, פון בלױזער פּעסימיסטישער לעבנס־אױפֿפֿאַסונג. צו דער דאָזיקער אופֿאַ־סונג האָט דער שרײַבער, מאַשמאָעס, געפונען פאַר נײטיק צוגעבן דעם פּערזענלעכן ליבע־מאָטיװ, אַ מאָטיװ, װאָס פֿאַרמינערט דאָך די קראַפט פון דעם פּעסימיסטישן פּרינציפּ, װײַבאַלד ער אַלײן איז ניט גענוג גע־װען אױף צו פירן מײלעכן צו זײַן טראַגישן לעבנס־סאָף. עמעס, דער ליבע־אומגליק האָט געטראָפן אַ צוגעגרײטן גרונטבאָדן, אָבער דאָך קאָן אַזױנס געשען מיט יעדן אײנעם, װאָס פֿאַרמאָגט ניט קײן צוגעגרײטע אױסגעהאַלטענע פּעסימיסטישע לעבנס־פֿילאָסאָפֿיע, װי מײלעך...

דאָס איז דער קאַרעקטיוו, וואָס דער שרײַבער האָט דורך דער האנדלונג ארײַנגעטראָגן אין דער פעסימיסטישער ריכטונג פונעם אָפּ־גאנג־ראָמאן. דער צווייטער קאָרעקטיוו פון דעם ארט איז נאָך א שטאר־קערער און האָט א שײַכעס צו כאַזם־מוישען, צו זײַן באַגעגעניש מיט דער צווייטער פרויען־געשטאלט פונעם ראָמאן, מיט כאנקע ליובער.

כאנקע ליובער איז בײַ בערגעלסאָנען אויך א נאָגידס א טאָכטער. זי האָט אָבער בערגעלסאָן פאַרגעשטעלט ווי א קאָנטראסט צום פאָטער, באוואָרענענדיק זיך מיט דעם, וואָס כאנקעס יונג־פארשטאָרבענע מו־טער איז „געווען א זעלטענער מענטש”, ווי מע האָט געזאָגט אין שטאָט. צו אויזער ליובערן האָט דער שרײַבער אָנגעווענדט א שטרענ־גע קריטישע אָפּשאצונג, ווי צו אלע גווירים, וואָס זײַנען דאָ אין „אָפּגאנג” ארויס פון אונטער זײַן פען.

„אויזער ליובער, — דערציילט וועגן אים כאַזם־מוישען זײַן כאַ־ווערס פרוי, — אויזער ליובער בלײַבט לאכלוטן ניט אומזיסט גאנצע דרײַ כאַדאָשים אין קיעוו.

ס'א סוואָרע, אז ער האָט שוין סייכל צו לעבן דאָרט מיט עמעצן, און דאפקע ניט מיט קיין ייִדישער... דאפקע מיט א גויע. וואָס הערט ער די שטאָט? אז ער מאכט פּאָרט גליקלעכע געשעפטן אין דער מיל. מע וועט געווירע ווערן וועגן דער גויע? וועט ער געבן נאָך א טויזנ־טער אף שטאָט־זאכן.

— און כאנקע ליובער? גאָר אן אנדער זאך איז כאנקע. זי איז ווי צוויי טראָפּן געראָטן אין דער מוטער אירער — זי, פישלס ווײַבל, האָט זיך אָנגעקוקט מיט איר ווײַטע קרויווים און האָט זי שוין איינ־מאָל גוט געקאָנט.

— אזוינס, — זאָגט זי, — איז גאָר אף דער וועלט נישטאָ”.

פאר כאנקען האָט דער שרײַבער טאקע געפונען די פײַנסטע זוי־בערסטע פארבן. דאָס איז איינער פון די שענסטע פרויען־פּאָרטרעטן בײַ בערגעלסאָנען, דער פּאָרטרעט פונעם מיידל, בײַ וועמען „די אויגן זײַנען געווען אומעטיקע, טיפע דורך זייער מאמעדיקער איבערגע־געבנקײַט”. זי איז, אין קעגנזאץ צו כאווע פויזנער, די צארט־שע־מעוודיקע, מילד־ליבנדיקע מיידל־פרוי מיטן „יאמל פרייד אונטער דער ברוסט”, מיט א מאמישער איבערגעגעבנקײַט צו איר „געגרײַזלטן זיבנ־יאָריקן ברודערל”, מיט וועלכן דער שרײַבער שילדערט זי שטענדיק אין דער פּאָר, שאפנדיק דורך דעם גופע א מין ביבליש פאסטאָראל־בילד. מאמעש עפּעס שיר־האשירימדיקס גייט דאָ פון בערגעלסאָנס גע־מעל, פון כאנקעס ליבע־געפיל, פון איר בענקשאפט און אופגערעגט־

קײט, וואָס פֿון זײ שטראָמט מיט גרעסטער צניעס און מיט שענסטן מײדל־טרױם באַנאַנד מיט הײמישקײט און שטײגערישער פֿאַרוואָרצלט־קײט.

„זי איז דעם פֿרימאָרגן אַ ביסל אױפֿגערעגט און געדענקט, אַז פֿון הינטן באַ דער טאַליע איז באַ איר אָפּ אײן אָרט נאָך געבליבן אױפֿגעשפּיליעט דאָס קאַפּטל, און ס'זעט זיך דאָרט אַרױס אַ שמאָלער װײַסער פּאַסיק". אַזױ דינ־דין, װי מיט אַקװאַרעל־פֿאַרב, שטעלט אױף בערגעלסאָן כּאַנקען אין אירע הײמישע אומשטענדן, אין שטוב און אין גאַס, אַלײן און מיט מענטשן, — אומעטום און שטענדיק באַלײַט זי דעם שרײַבערס ליבע־שײַן, װאָס שטראַלט טאַקע שיר־השירימדיק אַרױס פֿון יעדער געפֿיל אירן און איבערלעבונג.

„פֿאַרװאָס האָט זי פֿלוצעם דערפֿילט אין כּאַזמ־מױשען אַזאַ אײגענעם, אַזאַ נאָענטן, נאָענטן, גלײַך ער װאָלט געװען אירער אַן עלטערער גע־ראָטענער ברודער, נאָך אַ סך אַ נעענטערער װי איר אײגענער עלטע־דער ברודער — ער איז אַ סאַך, אַ סאַך יאָרן ניט געװען אין דער הײם, ער האַלט ניט פֿון דער הײם, און איצט איז ער אַראָפּגעקומען. נאָר פֿאַרװאָס האָט זיך געטראָפֿן, אַז פֿאַרפֿאָרן איז ער ניט גלײַך צו זיך — צו זײ אין הױז, נאָר אין װאַלד אַרײַן, צו דער יזצבאָק־בעריכע, װאָס װאָלט געװען צופֿרידן, װען ער קלײַבט זיך פֿון זײ אַרױס? פֿאַרװאָס זאָל זיך דאָ אין ראַקיטנע ניט געפֿינען עמעצער, װאָס זאָל אים דאָס זאָגן?"

פֿאַרמאָגן דען ניט די דאָזיקע שורעס דעם דופּט, דעם גאַנג פֿון אַ שולאַמיס־געדאַנק? דאָס איז ערשטנס. און צװײטנס — צי איז דאָס דען ניט פֿולשטענדיק קעגנגעשטעלט כּאַװע פּױזנערס אַזעסדיקן טראַכטן, אַז כּאַזמ־מױשע איז געװיס געקומען אַהער נאָר צוליב איר, און ס'װוּנדערט זי, װאָס ער זאָגט עס איר ניט?..

דער איקער איז אָבער דאָס, װאָס כּאַנקע האָט ליב באַקומען כּאַזמ־מױשען, ליב באַקומען מיט דער גאַנצער קראַפֿט פֿון איר לױטערער אומשולדיקער נעשאָמע.

„די ערשטע צײַט האָט זיך איר נאָר געדאַכט, אַז זי דאַרף גאָר־נישט פֿון אים, כּאַזמ־מױשען, — זי דאַרף אים אַפֿילע ניט זען. זאָל ער נאָר זײַן אין װאַלד. און זאָלן קלינגען צו זײ אין פֿאַראַד־טיר פֿאַרשײדענע מענטשן — זי װעט דאָך קלערן, אַז דאָס איז ער. דער־נאָך האָט זיך איר שטאַרק פֿאַרװאָלט אים זען".

און אַז זײ האָבן זיך געזען, איז פֿאָרגעקומען איר אײנגאַרטיקע ליבע־דערקלערונג, װאָס איז געשילדערט מיט דער גאָרער פֿאַרבן־גאַמע

פֿון בערגעלסאָנס רײַכער פּאַליטרע. ס'איז שווער זיך אײַנצוהאַלטן און ניט איבערגעבן עס דאָ אין דער גאַנצער גריים מיטן גאַנצן בערגעל־סאָנישן מוסטערהאַפֿטן איבערפֿלעכט פֿון אַרומיקער נאַטור מיט מענטשלעכ־אינטימען געפֿילן־אויסדרוק.

„זיי זײַנען געגאַנגען מיט אַ גרױלעכער שמיטעדיקן העפּקער־פֿעלד, געגאַנגען גלאַט אַזוי ווי אָן אַ ציל. און נאָכדעם זײַנען זיי מיט אַט דעם פֿעלד צוגעקומען ביז אַ גרינג־צעשאָקלטער זאַנגען־בײַט און ביז דעם שטילן באַהאַלטענעם וועג, וואָס צווישן אַט די זאַנגען, — אַ שמאָלן וועג, וואָס פֿירט צו אַ ווײַטן עק וואַלד אַקעגן — צו יענעם ווײַטן עק וואַלד, וואָס מע האָט אים שוין צוריק מיט אַ יאָר אַכט אײַנ־גאַנצן אויסגעהאַקט און איצט איז דאָרט זוניק, יונגע ביימלעך איבער גאָרן וואַלד צעשפּרייט, און פֿאַרהאַקטער טויער היט זיי דאָרט, און קיינער, קיינער דאַרף אַהין נישט פֿאָרן.

זיי האָבן אָפּגערוט. זיי זײַנען געזעסן אויפֿן פּריש־באַגרינטן הויכן גראָבן לעבן אַט דעם יונגן וועלדל און געהערט, ווי קריכוואַרג גרילצט אינעם גראָז.

— כאַזם־מוישע...

און מער האָט זי ניט געקאָנט ריידן. ער האָט זי אָנגענומען פֿאַר דער האַנט און האָט אַף איר אַ קוק געטאָן, מיט גוטן אַזוי האָט ער אַף איר אַ קוק געטאָן, נאָר בעשאַס זי האָט זיך באַגעגנט מיט זײַנע אויגן, וואָס באַהאַלטן עפּעס אויס ערגעץ אין דער טיף פֿון זייערע קלוגע גוטמוטיקע פֿײַערלעך, האָט זיך איר פּלוצעם געגומען דאַכטן, אַז דאָס אַלץ, וואָס זי וויל אים זאָגן, ווייסט ער שוין פֿון לאַנג — זי איז שוין איינמאָל געזעסן דאָ מיט אים אויפֿן גראָבן, זי האָט אים שוין איינמאָל געזאָגט. נאָר אויב אַזוי, וועט זי אים זאָגן נאָר איין וואָרט:

— איר איז גוט... פֿון אַלץ איז איר איצט אין אַט דער רעגע גוט, אַפֿילו פֿון דעם, וואָס מאַטיק האָט קיין מאַמע ניט... ווי מאָדנע דאָס איז!.. זי האָט אים נאָר געוואָלט זאָגן, אַז זי פֿאָדערט פֿון אים גאָר־ניט. זי וויינט... ניין, ס'איז גאָרנישט... ס'איז גאָרנישט אַט דאָס, וואָס זי וויינט, זי האָט זיך נאָר דערמאָנט אָן מײַלעכן... נאָר אַט...

זי האָט געטראָגן אַ יאָמל פֿרייד אונטער דער ברוסט און אין די אויגן. דעם גאַנצן וועג, וואָס כאַזם־מוישע האָט זי באַגלייט צוריק אַהיים, האָט זי ניט געקאָנט ריידן. זי האָט ניט געפֿרעגט, ווען זי וועט זיך נאָכאַמאָל זען מיט כאַזם־מוישען. דער איקער איז געווען, וואָס כוצן קליינעם מאַטיקן איז איר איצט אײַנמיטן הייסן זומער צו־געקומען אַ נײַ און גרויס לעבן. איר איז, אַפּאָנעם, געווען גוט, שטאַרק גוט".

פרעגט זיכ: אַט דאָס מיידל, צו וועלכנ באָזמ־מוישע האָט זיכ פונ איצטער אָנ א צי געטאָנ מיטנ גאַנצנ ווײַ פונ זײַנ פאַרצווייפלטער נעשאָמע, אַט דאָס ליכטיק־לויטערע הארציקע מיידל האָט דאָכ בערגעלסאָנ נישט אומזיסט אַרײַנגעבראַכט אינ ראָמאַנ. ווי יעדער מאָראַליש־זויבערע שיינקײַט אינ לעבנ, טראָגט דאָכ אויכ באַנקעס נעשאָמע־שיינקײַט אַרײַנ א פּאָזיטיווּ שטראָמ אינ דער געשילדערטער אָפּגאַנג־סטיכיִע. באַנקעס פערזענלעכקײַט איז דאָ די דערשײַנונג, וואָס באַשטעטיקט דאָס לעבנ, פונקט ווי איר שיינע ליבע, וואָס זי ברענגט מיט זיכ, באַשטעטיקט דאָס לעבנ, גיט צו א באַטײַט דעמ לעבנ. איז שוינ פאַראַנ באַמ שרײַבער, הייסט דאָס, אַזוינע ווערטנ, וואָס לייקענענ אָפּ באָזמ־מוישעס אַבסאָליוטנ פעסימיזמ, וואָס רײַסנ אונטער זײַנ געדאַנק וועגנ דער וועלט, ווי וועגנ א דורכויסיקנ „באַקאַליי־קלייטל“...

צווישנ אַלע זײַנע פּרינציפּיעלע ספייקעס פאַלט דאָכ אימ אַרײַנ, באָזמ־מוישענ, א געדאַנק: „נאָכגעבנ דעמ געפיל, וואָס האָט הײַנט א גאַנצע, א גאַנצע נאַכט צו איר, צו באַנקענ, געצויגנ, נעמענ מיט זיכ באַנקענ אַהינ צוריק אינ דער גרויסער שטאָט, אונ זאָל זי זיצנ דאָרט בא אימ הינטערנ פאָרהאַנג, זאָל זי הערנ, ווי ער קנעלט מיט היפּשע יִנגלעכ אונ מיט מיידלעכ מיטנ אַלטנ ניגנ פונ פייערק:

— איטאַק, טשעמו ראַווניאַיעטסיאַ $(a+b)^2$“.

איז וואָס באַטײַט דאָס דאָזיקע, אויב ניט א פרווו פונעמ שרײַבער דערוויַיזנ דעמ העלד זײַנעמ, אונ עפשער זיכ אויכ, אַז ס'איז פאַראַנ אַנ אויסוועג, אַז ס'איז פאַראַנ שיינקײַט אָפּ דער וועלט, פאַראַנענ גליק אָפּ דער וועלט, אונ אויב ער, באָזמ־מוישע, נעמט ניט אָט דאָס גליק, איז דאָס שוינ, ווי מע זאָגט, זײַנע א פּריוואַטע זאַכ, דאָס איז שוינ א פראַגע פונ זײַנע אינדיווידועלע אונ אינדיווידואַליסטישע אייגנשאַפטנ, וועלכע ער טאָר ניט פאַראַלגעמיינערנ, ער טאָר זיי ניט פאַרוואַנדלענ אינ א מוז פאַר אַלעמענ, פאַר דער גאָרער וועלט אונ מענטשהײַט.

אונ איז דאָס דענ ניט דער צווייטער אויבנדערמאָנטער קאָרעקטיוו, וואָס דער שרײַבער האָט דורכ דער האַנדלונג, ווי געזאָגט, אַרײַנגעטראָגנ אינ דער פעסימיסטישער ריכטונג פונ זײַנ אָפּגאַנג־ראָמאַנ. ביפראַט, אַז דער דאָזיקער קאָרעקטיוו ווערט נאָכ בוילעטער אונ שטאַרקער, ווענ מע נעמט אינ באַטראַכט דעמ סאָפּ, דעמ פינאַל פונעמ דאָזיקנ ראָמאַנ.

דער פינאַל פונעם ראָמאַן. כאַזמ־מוישע קומט פאַרטאָג אהיים נאָכן נימעסן פילאַנטראָפּישן אָוונט. ער האָט באשלאָסן, ווי מיילעכ, אוועק־גיין פון דער וועלט, אָט באלד, טייקעף. ער האָט גענומען זוכן דאָס „קליין פּעקעלע מיט א שווארצן מענטשן־שאַרבן אפן עטיקעטל און מיט צוויי איבערגעציילעמטע ביינער", וואָס ער האָט געפונען בא מיילעכן אין שופלאָד. ער ווייסט אָבער ניט, ווו האָט ער עס אוועקגע־לייגט. ער זוכט אומרויִק אין אַלע זײַנע טשעמאָדאַנעס. „און פּלוצעם האָט ער מיטאמאָל אופגעהערט — ער האָט אָנגעשטעלט אַן אויער צו דער שײַן פון איינעם א לאָדן־שפּאַלט און האָט זיך גענומען אײַנ־הערן:

מע האָט געקלאַפּט אינעם לאָדן... איז ער צוגעגאַנגען צום פענצ־טער און האָט עס געעפנט אין דרויסן ארויס, דאָס פענצטער, אינײנעם מיטן לאָדן — ס'איז שוין געווען אינגאַנצן טאָג, מאַמעש טאָג. ער־געץ ווײַט, פאַרשטעלט מיט די ווײַטסטע און העכסטע ביימער־שפּיצן פון וואלד, איז אופגעגאַן די זון..." דאָס האָט געקלאַפּט כאַנקע. „זי איז נאָך, אפּאָנעם, אלץ ניט געווען אין דער היים, און דאָס הארץ איז בא איר געווען פאַרשטאָרבן. אירע אויגן האָבן אף אים געקוקט גלײַך פון אקעגן — ווי פאַרגליווערטע האָבן זיי אף אים געקוקט, ווי גלעזערנע — זי האָט ניט געקאָנט ריידן.

— אכ, כאַנקע...

כאַזמ־מוישע האָט זי אָנגענומען פאַר דער האַנט, פאַר די קאַלטע, קאַלטע פינגער, ער האָט זי ארײַנגעפירט צו זיך אין צימער און זיך אנידערגעזעצט קוקן איר אין פּאָנעם ארײַן:

— נאָך וואָס איז זי אזוי פרי געקומען, כאַנקע?"

דאָס זײַנען גאָר די לעצטע שורעס, דער לעצטער פינאַלער אקאָרד פון בערגעלסאָנס ליריש־דראַמאַטישער דערציילונג. האָט דאָך דער שרײַבער, מאשמאָעס, נישט געוואָלט לאָזן כאַזמ־מוישען אויספילן זײַן פאַרטראַכט, האָט ער דאָך צוגעשיקט אהער כאַנקען, זי זאָל אין דער לעצטער רעגע ניט לאָזן אים זינקען אינעם אָפּגרונט פון זײַן פּעסי־מיסטישער אידייען־וועלט. האָט דאָך אַלנפאַלס דער שרײַבער ניט גע־געוואָלט ענדיקן זײַן ראָמאַן אף דער דאָזיקער אין פּלוג קאָנסעקווענ־טער געדאַנקען־ליניע. גיכער פאַרקערט: בערגעלסאָן איז בעפייִרעש אויסן צו באווײַזן דעם זיג פון כאַנקעס ליבע, דעם זיג פון דער וועלטס עטישער זויבערער שיינקײַט. ס'איז אופגעגאַנגען די זון, דערציילט

דער שרײַבער, „ס'איז שוין געווען אינגאַנצן טאָג, מאַמעש טאָג".
בערגעלסאָן איז אויסן דאָ געווים דעם מאַזשאָר, די סימבאָליזירנדיקע שײַן, מיט וועלכער כאַנקע איז געקומען אהער צום פאַרצווייפלטן באַזמ־מוישען, וואָס האָט אליין אויך ניט געקאָנט שוין געפינען דאָס פעקעלע מיטן שוואַרצן מענטשן־שאַרבן אפן עטיקעטל.

כאָווע פּויזנער האָט געהאָלפן מיילעכן גיין צום אָפּגאַנג, און כאַנקע איז געקומען ברענגען באַזמ־מוישען די שײַן פונעם שטראַלנדיקן אופגאַנג — דאָס איז דער אידייִשער אינהאַלט, וואָס שווימט אַרויס פון דער ליבע־האַנדלונג באַם שרײַבער, וואָס פירט דורך זײַן פּראָבלעמען־ליניע דורך אַלע קעמערלעך, דורכן גאַנצן קאָמפּלעקס פון זײַן קינסטלערישן געבוי, סוזשעט און פאַבול.

און איצט איז די צײַט צו ריידן וועגן דעם סטיל פונעם ווערק, וועגן די סטיל־אייגנטימלעכקײַטן פון „אָפּגאַנג", אַפּ וויפל דער דאָזיקער ראָמאַן האָט באַטײַט א נײַע פאַרטיפערונג אין דער אינדיווידואַליסטישער פּראָבלעם, אין דער פּראָבלעם פון דער אינטעליגענץ, וואָס האָט אַפּ א געווים סאָציאַל־געשיכטלעכן עטאַפּ זיך אָפּגעריסן פון דער רעוואָליוציע און אַפילע אַנטווישט זיך אין די רעוואָליוציאָנערע פּראָצעסן פון דער פאַרויסגייענדיקער געזעלשאַפט.

אין יעדן ווערק בערגעלסאָנס קומט אויס איבעראַנײַס אויסגעפינען די יעדער מאָל נײַע קינסטלערישע מיטלען, וואָס בערגעלסאָן ברויכט, ביכדיי צו פאַרוואָרהאַפטיקן זײַנע געשטאַלטן, ביכדיי צו מאַכן זײַנע שילדערונגען וואָס מער לעבהאַפט, וואָס נעענטער צו דער ווירקלעכקײַט, צום עצעם עמעס פונעם לעבן. אין דעם באַשטייט, ווי געזאָגט, די סוגעסטיע פון בערגעלסאָנס קינסטלערישן סטיל, וואָס דולדעט ניט קיין רעטאָריק, אפילע קיין קינסטלערישע, קיין זײַטיקע רעזאָנירנדיקע דערקלערונגען, וועגן זיי זאָלן קומען אפילע אָפּשאַצן די אופירונג און כאַראַקטער פון די אופגעשטעלטע פּערסאָנאַזשן.

בערגעלסאָן איז קינסטלעריש אימאַנענט, אזוי צו זאָגן, בענעגייע דער געשאַפענער געשטאַלט און האַנדלונג. וועגן דעם איז געווען געגנויער אַ רייד בא דער באַהאַנדלונג פון דער מיריל־געשטאַלט אין „נאָך אַלעמען". און דאָס דאָזיקע האָט אים געפירט צו די צוויי שטראָמען, וואָס מערקן זיך אָן אין „אָפּגאַנג", ווי צוויי באַזונדערע סטיל־ליניעס. ס'איז דאָך צו זען, אז דעמלט, ווען דער שרײַבער רעדט אין נאָמען פון מיילעכן און באַזמ־מוישען, בעשאַס ער האָט צו טאָן מיט זייערע געשפּרעכן און איבערלעבונגען, טראָגט בא אים די שילדערונג דעם כאַראַקטער פון א מין כראָניק, פון א מין אינטימען טאָגבוך,

ווי עס פאַרנעמט אַנ אָרט דער פילאָסאָפישער אַפאָריזמ, דער פּאַראַדאָקס אַפילע אונ דעריקער — די אימפּרעסיאָניסטישע באַדינגלעכע אופאַסונג פונ מענטשנ אונ דערשײַנונגענ. דאָס אַלץ איז דאָכ טיפּיש פאַרנ אינטעליגענטיש־אינדיווידואַליסטישנ גערדאַנק, וואָס איז אָפּגעריסנ פונ די אָביעקטיווע דיאַלעקטישע פּראָצעסנ פונ לעבנ אונ ציט דעריבער צו דער סכעמאַטיק פונעמ לאַקאָנישנ אַפאָריזמ. אָט איז, אַשטייגער, כאַיִמ־מוישעס ווערטל: „די גרעסטע קאַריקאַטור, — האָט ער געטראַכט, — איז אַ מענטש איז ענלעכ צומ טאַטנ" — אַ שאַרפזיניקער אַפאָריזמ, וואָס באַשטייט אינ שפּילנ אַפ דער סכעמע, זײַענדיק געבויט אַפ דער איינזײַטיקער אימפּרעסיווער דערפאַרונג, קאָנ ער זײַנ אי עמעס, אי ניט עמעס...

דורכ די אַלע סטיל־אייגנשאַפטנ האָט בערגעלסאָנ אופגעשטעלט דעמ גערדאַנקלעכנ אונ פּסיכישנ שטייגער פונ זײַנע אינטעליגענטישע מיילעכנ אונ כאַיִמ־מוישענ, אופגעשטעלט זיי מיט זייער ווייפולנ סקעפּסיס אונ מיט זייער געוויסנהאַפטער, געפילנרײַכער אַפילע, אָבער אינ טאָכ סאָציאַל־באַגרענעצטער יעכידישער לעבנס־אופאַסונג.

דאָס איז וועגנ איינ סטיל־ליניע אינ בערגעלסאָנס ראָמאַנ. דערנאָכ קומט די צווייטע ליניע, די, וואָס איז פאַרבונדנ מיטנ גרויסנ שטייגערישנ שטראָמ אינ בערגעלסאָנס „אָפּגאַנג", די, וואָס זעצט פאָר אונ פאַרפולקומט בערגעלסאָנס רעאַליסטישע טראַדיציע, דערפירט זי צו עכטער מײַסטערישער סאָציאַלער אינהאַלטלעכקײַט אונ אויסדרוקפולקײַט. אינ דעמ געמעל פונ די שטייגערישע געשטאַלטנ, אינ דער שילדערונג פונ די געשעענישנ איז אויסגעוואַקסנ בערגעלסאָנס קאָנדענסירטקײַט אונ לאַקאָנישקײַט. בערגעלסאָנס פּאָרטרעטיק באַקומט דערבײַ נאָכ מער אויסגעשפּראָכענע זאַפטיקע צייכנס פונ סאָציאַלנ שטאַנד אונ לאַגע:

אינ פולנ וווּקס שטייט פאַר די אויגנ דער דאָקטער גראַבײַ, דער געוועזענער פּאַרטיי־רעדנער, וואָס לאַכט איצט פונ פאַרשיידענע פּאָליטישע „זיגערס" אונ אַליינ זיכ רופט ער אויכ „אַ געוועזענער זיגער", ער, וואָס זײַנע יונגלעכ־גרויע אויגנ האָבנ געשמייכלט „אונ די פיל קנייטשנ אַרומ זיי האָבנ זיכ אויסגעלייגט אינ אַזאַ מינע, גלײַכ זיי ווילנ וועגנ זיכ זאָגנ: — קלוג ווי טויזנט רובעס אײַער דאָקטער גראַבײַ". קאָלאָריטפול איז דער ציִעניסט אַנשל צודיק. וועגנ אימ דערציילט דער שרײַבער: ער „האָט, ווי זײַנ טעווע איז דאָ אינ גאָלעס, געקוקט סקעפּטיש אַפ דער וועלט אונ אויכ אַפנ דאָקטער גראַבײַ".

אויזער ליובער אונ אַזריִעל פויזנער, כאַוועס „ליוסטרינענער טאַ־

טע", די ביידע שטעטלשע רײַכע סאָכרים, האָט בערגעלסאָן גאָר אַפּ א נײַעם אויפן און מיט נײַע מיטלען ארײַנגעשטעלט אין דער גאַלע־ריי פון זײַנע בעסטע סאָציאַלע פּאָרטרעטן. דאָס זעלבע איז אויך מיט דער ברייטער מערקווירדיקער צייכענונג פונעם יונגן אינזשעניער, דעם גוויר דעסלער, וואָס „טאָמיד איז... זײַן געלט נײַ און שמעקט מיט פּאַרפומען. ער קויפט אויס מיט אָט דעם געלט אַלע שענסטע זאכן אין געגנט, און איצט, זאָגט מען, ווערט ער אינגיכן א כאָסן פאר כאווע פויזנער — זי איז אויך דאָס שענסטע מיידל אין ראַקיטנע, דאָס שענסטע מיידל אין דער גאנצער געגנט". און אויב מאכן גע־וויסע פּאראַלעלן, ווי פרײַער צווישן מירלען מיט כאווע פּויזנער, איז אין דער געשטאלט פון דעסלערן — אפילע אין דער געשיכטע מיט זײַן פורמאַן יאַן — פאראַן דער ווײַטערדיקער בורזשואַז־אויסגעוואַק־סענער שוין כוצפּעדיקער גילגל פון וואָווע בורנעס פון „נאָך אַלעמען".

און אָט איז א געמעל פון א פּאָר נײַע שטעטלשע פּרויען־פיגורן: כאַנקע באַגעגנט זיך, דערצייַלט דער שרײַבער, „מיט דער מאַדאַם בראָמבערגס שוואַרץ־אַטלעסענעם פּאַלטאָ און מיט דער קורצפּיסיקער און קורצנעזלדיקער ראַבינערשע, וואָס איז דאָ אין שטאָט נאָך א נײַע. די פרוי בראָמבערג פירט זי טאָמיד אַרום אונטער דער האַנט; די פרוי בראָמבערג רעדט, און זי קוקט מיט די קלעפּיק־אָפענע שוואַרצע איי־געלעך און שווײַגט. ביידע זענען זיי איצט אויס אזוי יאָמטעוודיק, גלײַך זיי קערן זיך אום פון א באַדעקנס. איבערהויפּט די פרוי בראָמ־בערג — זי טראָגט איצט איר גאָלדענע פּענסנע, און אז זי זאָגט אָפּ א כאָכמע, שנורעוועט זי צונויף דאָס פּיסקעלע און ווארט, אז די גאַנ־צע וועלט זאָל קומען זי אויסקושן: זי געדענקט טאָמיד, אז זי איז א מוסטער — צוריק מיט א יאָר פערצן האָט זי די ערשטע דאָ אין געגנט כאַסענע געהאַט פאר איר געשוועסטערקינד „פּאָ ליובווי".

אין איין שורע מיט די דאָזיקע צוויי שטייט אין ראָמאַן די קאָלאָ־ריטפולע פיגור פון דער פרײַער צוהערערן עסטער פּיכ מיט די „לאַנ־גע שלעכט־געפּרעסטע פּראָשוועס" פון איר ווײַסן אָנצוג, מיטן „קליי־נעם מאָגערן קערפּער" און א מויל, וואָס „האָט גערעדט און גערעדט, אזוי, אז קוקנדיק אָפּ דעם, האָט זיך געדאַכט, אז ריידן רעדט עס פון זיך אַליין, אָט דאָס מויל; ס'הענגט ניט אָפּ ניט פונעם מויעך און ניט פונעם גאַנצן שלעפּעריקן קערפּער; ס'איז א באַשעפעניש אַליין פאר זיך און סע רעדט".

אזוי אויך געזונט־רעאַליסטיש מיט פאַרורטיילנדיקער געוועגדט־קײַט איז געשילדערט פּרעגער און זײַן באָהעמישע כאַוורײַע: דער

אגענט פון זינגערס מאשינעס זאלקער און דער העפקער־יונג שאָולקע שנײַדער, אויך די שטעטלש־קאָלאָריטפולע פיגור פון זײַנוויל פּאָטש־טער און די פּאר בערגעלסאָנען גאר נײַע, אָריגינעלע פיגור פונעם „גילגל", דעם יידישן האַרמאָניסט. בערגעלסאָנס רעאַליסטישער פּאָר־טרעט באַקומט דאָ אין „אָפּגאַנג" מאמעש א סקולפּטורישן כאַראַק־טער. די אַלע דרײַסיק פּערסאָנאַזשן, וואָס פיגורירן דאָ אין בוך, זײַנען געצייכנט מיט א פּינקטלעך אָנגעצילט־געשליפן וואָרט פון א מײַסטער מיט גרויסער רעאַליסטישער דערפאַרונג.

אין דער רײַכער סעריע געשטאַלטן פון די, וואָס האָבן זיך אויס־פאָרמירט צווישן צוויי רעוואָלוציעס, אין דער סעריע געשטאַלטן, וואָס בערגעלסאָן האָט אוועקגעשטעלט אַף אַזאַ הייך, ניט האָבנדיק אין דעם פּראָט קיין פאָרגייערשאַפט אין דער יידישער קלאַסיק, — אין דעם דאָזיקן בערגעלסאָנישן פּאָרטרעטן־געזעמל פון נאָך דעם 1905 יאָר פאַרנעמען די געשטאַלטן פון „אָפּגאַנג" א וויכטיק אָרט סײַ אין באַטײַט סײַ אין צאָל. דער גרויסגופיקער אַפּיקוירעס דער קאַ־ביר ייצחאָק־בער, כאַיִם־מוישע און מייַלעך, דער דאָקטער גראַבײַ און פרעגער, כאַווע פויזנער און כאַנקע ליובער — לויט איין ליניע, דעמ־לער און בראָמבערג, אוריעל פויזנער און אויזער ליובער — לויט דער צווייטער ליניע, די אַלע און נאָך און נאָך זײַנען גוואַלדיק באַלערעוו־דיק פאַר דער צײַט פון זייער אויפקום, און מיט מאָדנעם קינסטלע־רישן פּאָרגעפיל האָט דאָך בערגעלסאָן די גרעסטע מערהײַט פון זיי ריכטיק געשטעמפּלט מיטן צייכן פון אָפּגאַנג...

אָבער דאָ גופא אין ראָמאַן „אָפּגאַנג" דאַרף פאַרצייכנט ווערן איינער אַן אַנדערער — א נײַער סימפּטאָם אין בערגעלסאָנס שאַפונג. אויב ניט רעכענען די ערשטע דערציילונג „דער טויבער", האָט דאָך בערגעלסאָן אין פאַרלויף פון אַלע זײַנע דעמאָלטיקע שאַפונגס־יאָרן ניט אַרײַנגעקוקט קימאַט אין די שטעטלשע הינטער־געסלעך, ניט גע־וואָרפן קיין בליק צו דער יידישער אָרעמשאַפט, צו די פּאַראָרעמטע קליינהענדלער און מאַסן־מענטשן. דערפאַר איז גרײַלעך וויכטיק דער פאַקט, וואָס גראַד אין „אָפּגאַנג" און גראַד זײַן כאַיִם־מוישען האָט בערגעלסאָן באַהעפט מיט דער רעאַליסטישער שילדערונג פון די „אונ־טערשטע ניט־ברוקירטע געסלעך", ווו נאָך די לעבעדיקע זיך שפּילנ־דיקע קינדער „בלאָנדזשעט נאָך עפּעס" א „כאַלעם פון די כומעש־יאָרן", און ווו כאַיִם־מוישע האָט אַף זײַן פראַגע: „וואָס זשע הערט זיך?.." באַקומען דעם ענטפער: „וואָס זאָל זיך... הערן? קוויטיקע גע־שעפטן. קאַפּצאָנים, ווי אַמאָל". אין די קאַרגע, אָבער שטאַרק זאַפּ־

טיקע, לירישע געמעלן פון דער אַרעמשאַפט האָט בערגעלסאָן אַרײַנ־געטראָגן אַ ליבלעך־האַרציקן געפילן־שטראָם. דער דאָזיקער שטראָם מאַכט די פיגור פון דער קלוגער פּעסל זאַליוואַנסקי, אַשטייגער, פאַר אַ פאַרגייערן פון די יעניקע פאָלקס־מענטשן, וואָס וועלן שפּעטער, ווי פון אַ נײַעם קוואַל, אַ גיי טאָן באַ בערגעלסאָנען אין זײַן „באַם דניעפּער".

קומענדיק אין די שטעטלשע הינטער־געסלעך מיט זײַנע אָפּגאַנג־שטימונגען, האָט כאַזים־מוישע אַוואַדע געקענט נאָר דערזען דעם סאָף, דעם חורבן פונעם שטעטל: „זײַן אויג האָט דערזען, — דערציילט בערגעלסאָן, — אַ שטיקל צעפוילטן, אין דער ערד אײַנגעגראָבענעם סלופּ, אַן אויסגעקרישעטן און שוואַרץ־געוואָרענעם, מיט אַן אויס־געהוילטן לאָך אין דער מיט. ווי דער לאָך פון אַן אַלטן צעפוילטן באַקצאָן, האָט ער זיך אָנגעבויגן און האָט עס באַטראַכט — דאָס איז געווען אַלץ, וואָס דאָ אין ראַקיטנע איז פון זײַן פאָטערס הויז געבליבן". ער האָט אויך געזען, כאַזים־מוישע, דעם טיש באַ פּעסל זאַליוואַנסקי אין שטוב: „אַמאָל האָט ער געגעבן פאַרנאָסע דאָ אין שטוב, אָט דער טיש, און איצט האָט ער אויסגעזען, ווי אַ יוירעד, אַ פוסטע קיילע.

פּעסל האָט עפּעס דערציילט וועגן זיך און וועגן איר אַלמאָנע־שאַפט, און כאַזים־מוישע האָט נאָך אַלץ געקוקט אָפּ אָט דעם טיש. פּעסל האָט אַ זיפץ געטאָן.

— אַז ווער האָט מיך איצט אין זינען? — האָט זי געזאָגט, — אַז קיינער האַלט ניט אונטער אין אָט דער שלעכטער צײַט.

און פון אָט די לעצטע ווערטער אירע איז כאַזים־מוישע געוואָרן ווי צעטראָגן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן.

— עמעס, — האָט ער פאַרווונדערט איבערגעכאַזערט, — ס'איז אַ שלעכטע צײַט. קיינער האָט יענעם ניט אין זינען".

יאָ, בערגעלסאָן ציט נאָכאַנאַנד זײַן כאַזים־מוישען צו דער סאָציאַלער באַזינונג פון זײַנע פּעסימיסטישע אויספירן, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט דער טקופע. כאַזים־מוישעס באַגעגעניש מיט די „נידעריקע געמ־לעך" האָט בערגעלסאָן ווידעראַמאָל באַהעפט מיט זײַן פּײַניקן זיך אי־בער דער סאָציאַלער פּראָבלעם, וואָס באַהערשט כאַזים־מוישען. ער האָט נאָכאַמאָל באַוויזן, דער שרײַבער, אַז דער בוך „אָפּגאַנג", וואָס איז געווידמעט דער דאָזיקער פּײַן, האָט לאַכלוטן קיין שום שײַכעס צו די דעקאַדענטישע ביכער פון יענער צײַט. אין די אַלע קינסטלערישע דע־קאַדאַנס־ביכער זײַנען דאָך זייערע פאַרפאַסער קווירעמקאָל אויסג גע־

ווען אויסשליסן דאָס „שלעכטס פון דער וועלט‟ פון יעדער סאָציאַ־
לער סיבע, ביפראט פון אזא סיבע, וואָס האָט א שײַכעס צו וועלכע־
ס׳ניט־איז פארמעגנס־פארהעלטעניש.

ער לאָזט זיי ניט אויסן אויג, דער שרײַבער, די דאָזיקע פארמעגנס־
פארהעלטעניש, ער געדענקט זיי ארײַנצופירן אין די באַציונגען אפילע
צווישן איין נאָגיד מיטן צווייטן, אין די באַציונגען צווישן דעסלערן
און אזריעל פויזנערן אָפּ זײַן טאָכטערס קנאסמאָל און אויך אין די
צווישן־באַציונגען פון אזריעל פויזנער און אויזער ליובער. בעשאָס
פרעגער וויל אים א שטאָך טאָן און זאָגט אים, אז אויזער ליובער
האָט מער געלט פון אים, טוט ער א מאך מיט דער האנט, אזריעל
פויזנער, און ענטפערט:

„— עט! — זאָגט ער, — בא אויזער ליובער האָט קיינער ניט
געציילט...‟

„ — ...א קרעמער האָט ליב צו ציילן‟. — מאכט פון דעם דעם
אויספיר מיילעך, און כאָזם־מוישע ציט פון דעם זײַן אייגנטימלעכע
געדאנקען־ליניע און דערציילט דאָס באדײַטונגספולע געשיכטעלע וועגן
גאָט, איזעו און דעם טײַוול, אריבערפירנדיק די קרעמערשע מידע אָפּ
דער „טײַוולשער‟ קרעמערשער וועלט.

6

די פארשטארקטע געדאנקלעכע ליניע פון „אָפּגאנג‟ טראָגט ארײַן
א נײַעם שטראָם פון באדײַטונגספולקײַט אין בערגעלסאָנס קינסטלע־
רישער דעטאל, אין די אָרנאמענטאלע וואָרט און בילד. עס פאר־
שטארקט זיך נאָך מער די לאָקאָנישקײַט פון דער סאָציאלער און פסי־
כאָלאָגישער כאראקטעריסטיק.

„מעכוטנ!

האָט זיך געראכט, אז דאָס רופט מען ניט אים, נאָר עמעצן א
צווייטן, א סאך אן עלטערן און בעקאָוועדיקערן, וואָס איז שוין לאנג
געשטאָרבן, לאנג אוועק און פארשוווּנדן פון דער וועלט‟.

דאָס איז בערגעלסאָנס בילדעריש געפינס איבערצוגעבן אזריעל
פויזנערס שטימונגס־צושטאנד בא זײַן טאָכטער אָפּ דעם קנאסמאָל,
ווו ער האָט זיך, ווי נאָרוואָס געזאָגט, געפילט א פרעמדער, א בא־
זײַטיקטער. „דערפאר, וואָס דעסלער אינעם נײַעם וויזיט־רעקל און
מיטן ווײַסן טיפּ־אויסגעשניטענעם הארץ איז געזעסן באם טיש אָן
א היטל און גערעדט רוסיש, האָבן זיך דער ראָוו, דער שויכעט און
דער כאזן געהאלטן אין הערט, געזעסן אין איין שורע און אין אלץ,

ווי מאלפעס, נאָכגעטאָן איינער דעם צווייטן. זיי האָבן דערפאר אויסגעזען, ווי סטאטיסטן אין געליגענע קאפאָטעס מיט צוגעקלעפּ־טע בערד".

דאָ האנדלט זיך ניט נאָר וועגן א קינסטלעריש דורכדרינגלעך אויג און זיקאָרן, דאָ איז צו זען פריִער פאר אלץ א קינסטלער, וואָס דענקט סאָציאַל און אָרגאניזירט סאָציאַל זײַן לעבנס־דערפארונג, זײַן גרויסע באהאוונטקײַט אין לעבנס־שטייגער פון שטאנדן און שיכטן. אָט אזוי טוט ער א קלײַב אוים א פּאָסעק פון כומעש און לייגט אים ארײַן אין מויל פונעם „שלימאזל דעם מעלאמעד", א פּאָסעק, וואָס הילכט אי־בערן שטעטל, ווי דער גאָרער אומזין פונעם ארכאַישן אומגעלומפּערטן אלטווארג־לעבן:

„ — ואם — און אויב, בבית — אין שטוב, ישוב — וועט זיך אומקערן, ופרח—און וועט בליִען, הנגע—די פּלאָג, ואם—און אויב..."

מיטן זעלבן סארקאזם רײַסט ער אויך אוף דעם נײַעם „פּאָסעק" פונעם „גאָר... יונגן באָכער... וואָס איבער זײַן צופיל פּלײַסיקן לער־נען האָט ער באקומען א לונגען־פעלער און האָט זיך אויסגעהיילט מיט קארבאָל... אפ זײַן מאצייווע איז געווען אויסגעקריצט מיט גאָלדענע רוסישע ווערטער:

„א קאָרבן פון ליבע צו הייליקער וויסנשאַפט".

מיילעכן האָט מען אפן בעסוילעם געלייגט לעבן אָט דעם באָכער. און עפּעס גייט דאָ דורך באַם שרײַבער א שאָטן פון איראָניע אויך איבער מיילעכס זעלבסטמאָרד, בעשאס ער דערציילט די געשיכטע וועגן דער דאָזיקער אופשריפט...

אין אלע זײַנע ווערק פון יענער צײַט האָט בערגעלסאָן שארפ אונ־טערגעשטראָכן די באנאליטעט, דעם שטאמפּירטן לעבנס־נוסעך, וועגן דער האָט געשטאמט אפילע פונעם „נײַעם" ארט דענקען, געגאנגענע פון די זיך לאנגווײַלנדיקע קורסיסטקעס און סטודענטן, וואָס אליין בערגעלסאָן האָט, דאכט זיך, שרײַבנדיק די דאָזיקע ווערטער, גענומען זיי געדראנקלעך אין גענדזן־פּיסלעך. באנאנד מיט דער סינע צו באנא־ליטעט ווערט אויך אין בערגעלסאָנס „אָפּגאנג" פארשטארקט די סי־נע צו העסלעכקײַט, וואָס איז בא אים שטענדיק דער סינאָנים, דער אויסדרוק פון אָפּגעשטאנענעם און אומזיסטיקס:

„און אָט איז א הייסער שאבעסדיקער פרימאָרגן — א טאָג א היי־ליקער, א שטאָט א שאבעסדיקע, א זון, וואָס בריט, און ווײַסע טשאָלנט־אויוונס זײַנען דורכוים באקלעפּט מיט שווארצע פליגן — מיט אָן א שיר שווארצע פליגן". אָט וווּהין עס פירן דעם שרײַבער זײַנע

אסאָציאַציעס, בעשאַס ער טראַכט וועגן דער איצט אומזיסטיקער שאַ־בעסדיקער הייליקייט. און דאָס זעלבע איז אויך בענעגייע צו די מענטשן, וואָס בערגעלסאָן רעכנט פֿאַר אומזיסטיקע, איבעריקע. וועגן זאַלקערס צעקראָכן און בייז ווײַב טראַכט ער, זאַלקער: „אַז זי לייגט זיך שלאָפֿן, נעמט זי אַרויס די צוויי קאַסטנס פֿרעמדע ציין פֿון מויל, ווייקט זיי אײַן אין אַ גלאָז וואַסער און שטעלט זיי אַנידער אָפֿן נאַכט־שאַפֿקעלע צווישן ביידע בעטן; און נאָכדעם שלאָפֿט זי שוין אַזוי אַ גאַנ־צע נאַכט — אַ גאַנצע נאַכט אָן איין צאָן אין מויל".

„אַ גאַנצע נאַכט אָן איין צאָן אין מויל"! — דאָס איז בערגעלסאָנס פּלעטנדיקע כאַראַקטעריסטיק פֿאַר אַלדאָס בייז און העסלעכס אין לעבן. מיט פּלעטנדיקע בילד און אויסדרוק האָט ער געמאָלט דעם אָוונט לעטויוועס דער טאַלמוד־טוירע אין שטעטל, אַ מוסטערהאַפֿט געמעל, וואָס לאָזט ניט קיין סאַריד־אופֿאַליט פֿון אַלדעם, וואָס איז אים דערווידער אין דעם דאָזיקן „באַקאַליי־קלייטל".

„אַלע האָבן דאָ געוואָלט קאָוועד, ווי אַפֿ אַ כאַסענע", דערציילט בערגעלסאָן וועגן דעם דאָזיקן פֿילאַנטראָפּישן אָוונט. וווהין יעדערער פֿון די געשילדערטע פּערסאָנאַזשן האָט געבראַכט זײַנע מידעס, אינ־טערעסן, באַציִונגען און פּאַרדראָסן. ס'דאַכט, אַז בערגעלסאָן האָט זיי אַלעמען צוליב דעם טאָקע אַהער פֿאַרזאַמלט, אַלע זײַנע פּערסאָנאַזשן פֿונעם ראָמאַן אַהער אַראָפּגעבראַכט, כּדי צו באַווײַזן יעדערן פֿון זיי אין זײַן גאָרער באַנאַלער נישטיקייט, אויסער כאַזם־מוישען און כאַנ־קען, וואָס דער שרײַבער טיילט אויס פֿונעם אַרומיקן מענטשן־רומל. דאָ אין דער שילדערונג פֿונעם אָוונט צעשפּילט זיך בערגעלסאָנס זשאַנער־מײַסטערשאַפֿט, זײַן קאָמפּאָזיציאָנעלע קענטשאַפֿט, וואָס דער־לויבט אים אַזוי איבערפֿלעכטן פֿאַרשיידענע צווישנפֿאַרהעלטענישן, פֿאַנאַנדערוויקלען אופֿגעפֿלאַמטע מאָמענטאַלע בילדער אַפֿ פֿאַרשיידע־נע פֿלאַכן, שאַפֿנדיק דאָך איין פֿאַרגאַנצטן פּאָן פֿון דער כאַראַקטער־פֿול־געשילדערטער אונטערנעמונג „לעטויוועס דער שטאָט־ישער טאַל־מוד־טוירע".

דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ קאָלעקטיוון פּאָרטרעט — איינס פֿון די שענסטע געמעלן אין דער ייִדישער דעמאָסקירנדיקער ליטעראַטור. איר האָט דעם אײַנדרוק, אַז איר האָט פֿאַרבראַכט אַ גאַנצן לאַנגן אָוונט פֿון פֿרי ביז שפּעט און ביז פֿאַרטאָג אפֿילע — איין לאַנגע קייט פֿון פֿאַרשיידענע זשאַנער־עפּיזאָדן, אַזוינע אַנטבלויזנדיקע מאָמענטאַלע שטייגער־סצענעס, וואָס שאַפֿן דעם אינהאַלט און די דורכויסיקע שטי־מונג פֿון דער האַנדלונג.

„ארום איינם אזייגער באנאכט איז עמעצער אנדרימלט געוואָרן אין עק מאגאזאן אפ א בענקל, אנדרימלט געוואָרן זיצנדיק און אזוי אָפּגעדרימלט א ווײַלע מיט א צעשאָקלטן קאָפּ, וואָס באָמבלט זיך פארלוירענערהייט אראָפּ און ארופּ, נאָר פּלוצעם געגעבן אן אומגעריכטצעשראָקענעם בליק מיט די שווערלעכע פארשלאָפענע אויגן אקעגן זיך און האָט דאָס אָרט ניט דערקאָנט — אזוי פארענדערט און טיף־נאכטיק האָט אויסגעזען אלץ אין מאגאזאן...״

דורכן „עמעצן״, וואָס איז אנדרעמלט געוואָרן, פירט בערגעלסאָן אריבער אָרגאניש די האנדלונג אין טיף נאכט ארײַן, און דערנאָך גייען נײַע בילדער, וואָס זײַנען שוין אזוי באַפארבט מיט אָט דער טיף נאכט, אפ אן אָוונט, ווו ס׳איז דאָ גאנץ שטאָט, ווו ס׳איז דאָ קלעזמער און דער אוילעם דרייט זיך אין גאנצע וואָלקנס שטויב.

„ס׳האָבן זיך געזעצט אלע דרײַ הענגענדיקע בליץ־לאָמפּן און זיך געוויקלט צי אין נעפּל צי אין שטויב. אפ דער פּויק איז שוין לאנג, אָפּאָנעם, געהאט אנדרימלט געוואָרן די טאצ, און געקלאפּט האָט זי דערפאר איינטאָניק, פויל און פון זיך, ווי אין כאָלעם. די קלעזמער האָבן געשפּילט דרימלדיק און מיד, און דער אוילעם אין דער גרויסער בלײַענער ראָד האָט נאָך אלץ, ווי פארשיקערטע, ווי אפ צעפּוקעניש עמעצן א שטארקן און גרויסן, זיך געריגגלט אין א פארשוויצטער שווינדלענדיקער אײַלעניש, געהיפּעט און געטופּעט דעם מאָדנע לאנגן טאנצ...״

אין דער דאָזיקער שילדערונג איז אוואדע פאראן עפּעס פאנטאסטישעס פון יענעם שטראָם, וואָס גייט פון מיילעכס און כאַים־מוישעס שטימונג.

אין בערגעלסאָנס נאטור־געמעל אין „אָפּגאנג״ קומען אויך אופּ פארבן, וואָס שטימען מיט דער גרונט־געשיכטע וועגן די צוויי הויפּט־העלדן פונעם ראָמאן. אין די אלע נאטור־געמעלן איז אוואדע פארבאָרגן א געוויסער מיסטעריעזער צאפּל, וואָס קומט פון פּאָעטישן געדאנק וועגן טויט, וועגן אונטערגייענדיקער וועלט און מענטש.

„דער רעגן האָט שוין נאָכדעם געגאָסן א גאנצע נאכט — דאָס איז געווען דער ערשטער לאנגער און רעגלמעסיקער זומערדיקער רעגן.

מיט יעדן אומגעריכטן בליץ האָבן זיך פּלוצעם, ווי אומגעריכט, אופגעכאפּט דער מיל־קוימען מיט די צוויי קלויסטער־שפּיצן, וואָס אין ביידע עקן יִשעוו, אונטער די בערג. מאָדנע נאקעט, ווי ניט קיין היגע, האָבן זיי א שימער געטאָן מיט זייער צעשראָקן גאָלד אין דער ווײַט, נאָר ניט דערקאָנט ניט זיך אליין און ניט די געגנט ארום און האָבן

אײַנגעדרימלט צוריק מיט א מינע פֿון אויסגעװעפּטן פּאכער און פֿון באטלענ כאלוימעס:

— טפֿו, טפֿו! צו סאָנימס קעפּ.

א גאנצע צװײטע האלבע נאכט האָט ראקיטנע די שטאָט געהערט אין שלאָף, װי רו:ק ס'טריפֿנ די רינװעס פֿון אירע דעכער. טראָפּנס פֿאלנ דאָ אינ א פֿעסל אנ אונטערגעשטעלטנ, דאָ אָפּ א שטײנ אנ אײַנ־געפּלאסטערטנ און דערמאָנענ, אז אינ שטאָט האָט זיך געפֿעלט א מענטש:

— טאקע געװאָרנ װינציקער מיט א מענטש".

דאָס שילדערט בערגעלסאָנ די נאכט פֿון מײלעכס לעװײַע אינ ראַ־קיטנע. אינ דער דאָזיקער נאטור־שילדערונג פֿלעכטנ זיך אויך איבער די צװײ סטיל־שטראָמענ: די ערשטע שורעס מיט זײער ראָמאנטיש־שטימונגספֿולער, אָבער דאָך מיט מיסטעריעזקײַט באפֿארבטער ביל־דערישקײַט, צי:ענ זײער יעניקע פֿון דער ליניע כאָ:מ־מוישע — מײ־לעכ, און די לעצטע שורעס װעגנ דעם רעגנ, שטײגערישע, זאפֿטיק־קאָנקרעטע, גײענ אינ העסקעם מיטנ גאָרנ רעאליסטישנ געמעל פֿון דער שלאָפֿנדיקער שטאָט. און אזוי די גאנצע צײַט: שורעס װעגנ „אויס־געװעפּטער שטאָט", „אויסגעװעפּטער װאָכעדיקײַט", „אויסגעװעפּטנ גאָלד" אפֿילע, גלעקער־קלאנגענ, װאָס קומענ „פּארדײַגעטע, אָפּגע־שװאכטע און דערצײלנ דאָ דעם טאָגס שװאָכימ:

— געװענ א שײנער טאָג, א רײנער טאָג".

דאָס איז פֿונ אײנ זײַט. און פֿון דער צװײטער — דער מעכײַע־דיקער פֿרימאָרגנ בא י:צכאָק־בערנ אינ װאלד, די פֿארטאָגיקע בײמער, די „כראָמטשענדיקע" פֿערד, געשילדערט מיט א באזונדערער לויטערער פֿרישקײַט פֿון א מענטשנ, װאָס זײַנ אויג איז דאָרשטיק צו יעדער לעבעדיקער שטײגער־דעטאל און גאָר זײַנ װעזנ איז פֿול מיט לעבנ און מיט דאָרשט צו לעבנ.

אינעם פֿראכטפֿולנ יאריד־געמעל — אויכ דאָס זעלבע: שילדערונגענ רעאליסטישע, ראַשיק־לעבנספֿולע און שילדערונגענ, װאָס פֿארװאנד־לענ דעם יאריד אינ א פֿרעמדװעלטישנ געזעמל, באשײַנט מיט א גע־הײמניספֿולער, שיר ניט יענזײַטיקער שײַנ: „דער שעכעיאָנו־בלויער הימל" און „לאנגאָנענדיקער טויזנט־מײַלערדיקער געמורמל, אנ אויס־געמישטער מיט עפּעס אנ אײביקנ האװײל־האװאָלימ".

די באגעגעניש פֿון די בײדע זיך איבערפֿלעכטנדיקע און שטרײַטנ־דיקע סטיל־שטראָמענ איז אָרגאניש פֿארנ אינהאלט, אָרגאניש פֿאר דער אידײ פֿונעם ראָמאנ, װו ס'קומט פֿאָר דאָס געראנגל צװישנ טויט

און לעבן, צווישן האַס צו וועלט און זויבערע ליבע צו מענטש, צווישן אונטערגאַנג און אופגאַנג...

„א וואָלקן, אַלעמאָל א נײַער, לויפט נאָר געשווינד איבערן בלויען הימל, לויפט אויך א שאָטן אין דער נידער, יאָגט איבער גאָרער לענג פון גאַס און איבער קײַלעכיקן מארק. יאָמטעוודיק גאָלד אנטלויפט, און וואַכעדיקער שאָטן יאָגט איבער. און אויך אזוי איז שוין דאָרט בא עמעצן אין הארץ — יאָמטעוודיק גאָלד אנטלויפט, און וואָכעדי־קער שאָטן יאָגט איבער". מיט אָט אזא נאָך מער אויסגעוואַקסענער ווונדערלעך־געשליפענער באַדײַטונגספולקײַט מאָלט איצט בערגעלסאָן זײַנע, ווי טאָמיד, באַלעבטע נאַטור־געמעלן.

מיטן „בא עמעצן אין הארצן" מיינט דער שרײַבער אויך זיך אליין. אין זײַן ראָמאַן „אָפּגאַנג" האָט בערגעלסאָן טיף אופגעאַקערט א שטיק געזעלשאַפטלעכן באָדן, אַפּ וועלכן ס'איז אין יענער צײַט אָנ־געגאַנגען דאָס ביטערע געראַנגל צווישן יאָמטעוודיקן גאָלד און וואָ־כעדיקן שאָטן, און האַגאַמ, טרוימענדיק וועגן גאָלד, האָט בערגעלסאָן זיך דאַן צופיל פארקוקט אַפּן דאָזיקן שאָטן, האָט ער דאָך אָפּגעשפּיגלט קינסטלעריש די קאָנקרעטע היסטאָרישע צײַט, און דאָס באַטײַט אָפּ־טאָן א דערקענטעניש־פולע קונסט־ארבעט.

צום דאָקטער גראַבוי, דערציילט בערגעלסאָן אינעם דאָזיקן ראָ־מאַן, האָט איינע א מוטער געבראַכט אין שפּיטאָל „א געלבלעכ, דאַר און בלאַס עקסטערן־יינגל", וואָס האָט זיך געווענדט צום דאָקטער מיט א טײַנע:

„ — איר קענט, — זאָגט ער, — באַשטראָפן א מענטשן, וואָס צע־ברעכט מיר א ריפּ אָדער א ביין. אָבער מיט וואָס וועט איר אים באַ־שטראָפן, אויב ער צעברעכט מיר א געדאַנק אָדער א געפיל? איר האָט אפילע קיינמאָל ניט געטראַכט, אז ס'קומט אים באַשטראָפן".

דאָס איז אין טאָך די פּראָבלעם פון בערגעלסאָנס „אָפּגאַנג", ווי אויך די הויפּט־פּראָבלעם פון בערגעלסאָנס אַלע ווערק פאַרן פּערױאָד, וואָס צווישן צוויי רעוואָליוציעס. דאָס איז דאָך די פּראָבלעם פון דער „צעשטערטער פּערזענלעכקײַט", וואָס דער ווײַטערדיקער אָנגריף פון די בורזשואזע קויכעס האָט דערפירט צום ראַנד פון אומקום. באַשעפ־טיקנדיק זיך אזוי פיל צײַט מיט די פאַרקריפּלער פון דעם מענטש־לעכן געדאַנק און געפיל, באַשעפטיקנדיק זיך אויך מיט די געוויסנ־האַפטע, וואָס לײַדן פון דער דאָזיקער פאַרקריפּלונג, האָט בערגעלסאָן

אָקאָרשט דאָ אינעם „אָפּגאנג״ אזוי קלאָר און שארף פֿאָרמולירט די דאָזיקע טײַנע וועגן שטראָף. ס׳איז עפּשער דערפֿאר, ווײַל גראָד דאָ אינ „אָפּגאנג״ איז דער שרײַבער אָנגעקומען צו דער טעמע וועגן דער גרעסטער פֿארקריפּלונג אינ געביט פֿון געדאנק און געפֿיל, ער איז דאָ אָנגעקומען צו מײלעכס און כאַים-מוישעס קלאָר אויסגעדריקטע אָנשווינגען וועגן שטומען פּראָטעסט, וועגן אוועקגײן פֿון דער וועלט...

„קלאָר אויסגעדריקטע״ דערפֿאר, ווײַל אויב ס׳האנדלט זיך ביכלאל וועגן דעם געדאנק אוועקצוגײן פֿון דער וועלט, האָט ער שוינ א שײַנ געטאָנ בא רובינשטיינען פֿון בערגעלסאָנס „ארום וואָקזאל״, שפּעטער נאָך שטארקער — בא מירלען פֿון „נאָך אלעמען״, און עסטער פֿון „דעם טויבנ״ האָט דאָס דאָזיקע אויסגעפֿילט אפֿילע, אָבער צו א פּרינציפּ, צו א לעבנס-אופֿאסונג האָבנ דעם דאָזיקנ פֿארלאנג דערפֿירט כאַים-מוישע און מײלעך פֿונעם „אָפּגאנג״.

— ס׳קומט באשטראָפֿנ! — זאָגט זיך איצט דעריבער ארויס דער שרײַבער. ער האָט געוווסט, די גאנצע צײַט האָט ער געוווסט וועמענ צו באשטראָפֿנ און פֿארוואָס צו באשטראָפֿנ. אָבער דאָס איז די מײַסע, וואָס קאָלזמאנ דער שרײַבער האָט ניט געוווסט, ווער עס זאָל באשטראָפֿנ און, דעריקער, וויאזוי צו באשטראָפֿנ, איז די דאָזיקע פֿאָדערונג באַם שרײַבער גופֿע געבליבנ הענגענ אינדערלופֿטנ, זי האָט געדינט אדעראבע אפֿ שיר ניט צו בארעכטיקנ די הילפֿלאָזיקײַט פֿון די פֿארפֿלאָנטערטע מײלעכס און כאַים-מוישעס, אפֿ צו פֿארשטארקנ זײער געדאנק וועגן אונטערגאנג, וואָס קומט פֿון אויסגאנגלאָזיקײַט.

„מידאס-האדינ״ — אזוי האָט בערגעלסאָנ אָנגערופֿנ דעריבער דעם ערשטנ ראָמאנ נאָך „אָפּגאנג״, דעם ראָמאנ, ווו ער האָט געשטעלט די פֿראגע נישט נאָר פֿון די באשטראָפֿטע, נאָר אויך פֿון די, וואָס זײַנען געקומען באשטראָפֿנ, ריכטיקער, פֿון די, וואָס זײַנען געקומען באפֿרײַען דעם געדאנק פֿון דער וועלט און די מאָראל פֿון דער וועלט, וואָרעם דעם דאָזיקנ ראָמאנ, דעם „מידאס-האדינ״ האָט בערגעלסאָנ שוינ געשריבנ נאָך דער גרויסער אָקטיאבער-רעוואָליוציע.

VII. מידאס־האדיב

1

דעם ערשטן ראָמאַן, וואָס בערגעלסאָן האָט געשריבן נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע אין די יאָרן 1924 — 1927, האָט ער אָנגע־רופן „מידאס־האָדיב" און פּאַרעפנטלעכט אין 1929 יאָר. דער דאָזי־קער ראָמאַן איז געווידמעט דער טעמע פון בירגערקריג, דער אָפּשפּיג־לונג פון בירגערקריג אין שטעטל, אין דאָרף, דעם קאַמף מיט די קאָנטררע־וואָליוציאָנערע קויכעס און דער פאַרפעסטיקונג פון דער ראַטנ־מאַכט, פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט אונטער דער אָנפי־רונג פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.

בערגעלסאָן איז ניט מיטאַמאָל צוגעטראָטן שאַפן א ראָמאַן אַף דער דאָזיקער טעמע. אין די יאָרן 1921 — 1923 האָט בערגעלסאָן אָנגעשריבן א ריי דערציילונגען: „באַטשקאָ", „איינזאַמס א וועג", „אַף דער הונדערט אי איינטער וויאָרסט" און נאָך קלענערע ווערק פון די, וואָס זיינען אריין אין דעם באַנד „שטורעם־טעג" און זיינען געווידמעט דער טעמע פון רעוואָליוציע און בירגערקריג. פון די אַלע דער־ציילונגען — אויספירלעכער וועגן זיי שפּעטער — איז צו זען בער־געלסאָנס דראַנג צו דער דאָזיקער טעמע. ס'איז צו זען, אז נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט דער שעפער פון „נאָך אַלעמען" און „אָפּגאַנג" אופגעעפנט אַלע זיינע קינסטלערישע כוחות פאַר דער שיל־דערונג פון די רעוואָליוציע־יאָרן, פאַר דער שילדערונג פון די רעוואָ־ליוציאָנערע געשעענישן, וואָס האָבן געענדערט די וועלט, געענדערט די געזעלשאַפט, מיט וועלכער בערגעלסאָן איז ביז אהער געווען פאַר־בונדן אין אַלע זיינע גרונט־ווערק.

ניט אַלץ האָט בערגעלסאָן לעבאַטכילע ריכטיק אופגעפאַסט אין דער רעוואָליוציע־טעמע. ס'איז אים אויסגעקומען א קורצע צייט דורכצו־מאַכן געוויסע שוועריקייטן, ביז ער האָט געפונען דעם ריכטיקן וועג, וואָס האָט אים געבראַכט צום קינסטלערישן באַזינגען די רעוואָליו־ציאָנערע ענדערונגען. היפשע שפּורן פון די דאָזיקע שוועריקייטן איז

צו מערקן אין די ערשטע ווארׂיאנטן פון זײַנע דעמלטיקע דערציילונ־גען, ווי אויך אפילו אינעם ראָמאן „מידאס־האדינ", וואָס שפּיגלט אָפּ אין אַלגעמיין בערגעלסאָנס פּארטיפּערונג אין די געזעלשאפטלעכע פּראָצעסן, אינעם אופגעקומענעם גרויסן און שווערן, אָבער זיגרײַכן קאמף פאר דעם נײַעם רעוואָליוציאָנערן לעבנס־אינהאלט.

און נאָכ. א שרײַבער, ווי בערגעלסאָן, וואָס האָט דורכגעמאכט א גרוים און רײַכ שעפעריש לעבנ ביז דער רעוואָליוציע, אזא שרײַבער איז שווער געווענ צו דענקען, אז ער פארלירט, ווי אים האָט זיכ אינ פלוג געדאכט, זײַנ טיפּאזש און פּראָבלעמ, אז ער פארלירט, אייגנט־לעכ, זײַנע ביזאהעריקע ווערק, ווערט אָנ זײַנ קינסטלערישנ איכ. אָבער אינגיכנ איז פארנ שרײַבער קלאָר געוואָרנ, אז ס'איז פאראנ א וועג, וואָס פירט פונ זײַנ אייגענער שאפונג צו דער פּראָבלעמאטיק פונ דער רעוואָליוציאָנערער וועלט־ענדערונג. ער האָט דערזענ, וויאזוי זײַ־נע אייגענע פאררעוואָליוציאָנערע טיפּאזש און פּראָבלעמ זײַנענ אינ דער רעוואָליוציאָנערער צײַט געקומענ צו זייער געשיכטלעכער קאָנסעק־ווענצ, באקומענ זייער געשיכטלעכע אופלייזונג, וואָס דער שרײַבער האָט אלע זײַנע שאפונגס־יאָרנ געגארט פאר זיי און ניט געקענט געפינענ.

אינ איינער א שריפטלעכער מיטיילונג וועגנ זײַנ שאפונגס־צו־שטאנד אינ די צײַטנ פונ „אָפּגאנג" האָט בערגעלסאָנ דערקלערט: „מיר האָט זיכ אויסגעדאכט, אז מיטנ „אָפּגאנג" שרײַב איכ דאָס לעצטע ווערק. מער האָב איכ ניט וואָס צו זאָגנ, וואָס צו שרײַבנ... כ'האָב אינ די פריִערדיקע ווערק געוויזנ דעמ סאָפּ פונ שטעטל, דעמ סאָפּ פונ דער בורזשואזיע אינ אירע פארשיידענע שיכטנ און שאטי־רונגען, איצט געוויזנ דעמ טויט פונ דער אינטעליגענצ, וואָס האָט ניט צו וועמענ ריידנ... כאָמ־מוישע רעדט דאָכ שוינ בלויז צו א טויטנ, צו מיילעכנ".

וואָרעמ שטעלנדיק אינ די אלע ווערק א געוויסנ סאָציאלנ דיאגנאָז, איז בערגעלסאָנ דאָכ ניט אימשטאנד געווענ דערפירנ אים צו א סאָ־ציאלנ פּראָגנאָז, ניט זײַענדיק פארבונדנ מיט די קלאסנ־קויכעס, וואָס זײַנענ געווענ בארופנ דעמ דיאזיקנ פּראָגנאָז צו פארווירקלעכנ, דורכ־צופירנ אינ לעבנ. און איצט, נאָכדעמ, ווי די דאָזיקע קויכעס זײַנענ ארוים אפנ היסטאָרישנ אויבערפלאַכ, האָט פארנ שרײַבער פונ „מי־דאס־האדינ" אופגעשײַנט די פולע סאָציאלע און געשיכטלעכע באַ־זינונג פונעמ טויבנס טראגישנ אומקומ, פונ מירלס אומרו־פּײַנער און פונ כאָמ־מוישעס פינצטערע געדאנקענ. גראָד איצט איז פאר אים קלאָר געוואָרנ, ווהין האָט געזאָלט אים פירנ די דעמאסקירונג פונ די

בורמאנס, זייַדענאָוסקיס אונ דעסלערס, ווהינ האָט ער געזאָלט ריכטנ די אָפּלייקענונג פונעמ בורזשואזנ וועלט־סיידער. די רעוואָליוציע־צייַט האָט אנטפּלעקט די קאָנסעקווענטע געזעלשאַפטלעכע פונקציע פונעמ האס צו דער פאַרדאַרבערישער אייגנטימערישער עטיק אונ עסטעטיק. בערגעלסאָנס ארויסזאָגונג וועגנ „דינ־וועכעזשבנ‟, בערגעלסאָנס פאָדערונג „באַשטראָפנ!‟ האָט די רעוואָליוציע אפּ איר אויפנ שווינ לאַנג אוועקגעשטעלט אפנ טאָג־סיידער.

דערפאַר איז מיט רעכט געקומענ איצט בא בערגעלסאָנענ דער „מידאַס־האַדינ‟, דער ראָמאַנ, וואָס שטעלט אוועק פּאָנעמ־על־פּאָנעמ די פאַרדאַרבער פונ דער וועלט מיט די לייַטערער פונ דער וועלט, די, וואָס האָבנ געלעסטערט דאָס מענטשלעכע אינעמ מענטשנ, אונ די, וואָס האָבנ באַפרייַט דעמ מענטשלעכנ געוויסנ אונ באַוווסטזייַנ. אונ מיט דעמ גופע איז בערגעלסאָנס „מידאַס־האַדינ‟ די פּאָרזעצונג פונ זייַנ שאַפונג אפּ א נייַעמ עטאַפּ, אנ עטאַפּ, וואָס האָט ארייַנגעטראָגנ א גרינטלעכע איבעראָריענטירונג אינעמ שרייַבערס פּראָבלעמאַטיק אונ וועלט־אָנשויונג.

„דער, ווער ס׳אנערקענט *בלויז* קלאַסנקאַמפּ, דער איז נאָכ ניט קיינ מאַרקסיסט, דער קאָנ נאָכ פאַרבלייַבנ אינ די ראַמענ פונ בורזשואזנ דענקענ אונ בורזשואזער פּאָליטיק. באַגרענעצנ דעמ מאַרקסיזמ מיט דער לערע וועגנ קלאַסנקאַמפּ — דאָס הייסט ארומשנייַדנ דעמ מאַרקסיזמ, פאַרקריפּלענ אימ, פאַרוואַנדלענ אימ אינ אזא זאַכ, וואָס טויג פאַר דער בורזשואזיע. א מאַרקסיסט איז נאָר דער, ווער עס *שפּרייט אויס* די אנערקענונג פונ קלאַסנקאַמפּ ביז צו אנערקענענ די *דיקטאַטור פונ דעמ פּראָלעטאַריאַט*. דאָ שטעקט דער טיפער אונטערשייד צווישנ א מאַרקסיסט אונ א געוויינלעכנ קליינ־ (אונ אויכ גרויס־) בירגער (לענינ, ווערק, ב. 21, ז. 392).

איז דאָכ קלאָר, אז ווענ א שרייַבער קומט אופדעקנ די קלאַסנ־וואָרצלענ פונ די געשילדערטע רעוואָליוציאָנערע דערשייַנונגענ, וועט ער אָנ דעמ פאַרשטאַנד פאַר דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור ניט זייַנ אימשטאַנד צו באַזייַקנ מאַרקסיסטיש די וועגנ, וואָס פירנ די געזעלשאַפט צו פאַרווירקלעכנ די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע. דערפאַר איז מער ווי וויכטיק צו באַמערקנ, אז שטעלנדיק זיכ די אופגאַבע צו שילדערנ די געזעלשאַפט אינ דער צייַט פונ דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, האָט בערגעלסאָנ אינ צענטער פונ זייַנ קינסטלערישנ אנאַליז פאַרשטאַנענ אוועקצושטעלנ די פּראָבלעמ פונ דער דיקטאַטור, די פּראָבלעמ, וואָס לענינ האָט וועגנ איר געשריבנ:

„די דיקטאטור פון פראָלעטאַריאט איז אַן אָקשאַנעסדיקער קאַמף, א בלוטיקער און בלוטלאָזער, אַן איבערגוואַלטיקער און פרידלעכער, א מיליטערישער און ווירטשאַפטלעכער, א פּעדאַגאָגישער און אדמיניסטראַטאָרישער קעגן די קויכעס און טראַדיציעס פון דער אַלטער געזעלשאַפט. די קראַפט פון געוווינהייט בא מיליאָנען און צענדליקער מיליאָנען — איז די סאַמע שרעקלעכסטע קראַפט. אָן א פּאַרטיי אַן אַייזערנער און פאַרהאַרטעוועטער אין קאַמף, אָן א פּאַרטיי, וועלכע האָט דעם צוטרוי פון אַלץ, וואָס איז ערלעך אינעם געגעבענעם קלאַס, אָן א פּאַרטיי, וועלכע קאָן נאָכשפּירן נאָך דער שטימונג פון די מאַסן און ווירקן אַף איר, איז פירן דערפאָלגרייך אַזא קאַמף אומעגלעך" (לענין, ווערק, ב. 25, ז. 190).

און ס'איז ווידעראַמאָל וויכטיק צו באַמערקן, אַז אין בערגעלסאָנס „מידאַס־האַדינ" געפינט א היפּשן פּלאַץ דער קאַמף דער איבערגוואַלטיקער און פרידלעכער, מיליטערישער, אַדמיניסטראַטיווער און פּעדאַגאָגישער, דער קאַמף קעגן די קויכעס און טראַדיציעס פון דער אַלטער געזעלשאַפט. אינעם ראָמאַן איז דאָ אויך די שטרעבונג צו באַווייזן דעם פּאַרטייער, וואָס איז פאַרהאַרטעוועט אין קאַמף, באַקומט דעם צוטרוי, שפּירט נאָך נאָך דער שטימונג פון די מאַסן און ווירקט אַף איר. אַף דעם אָדער יענעם אויפן ווערן די אַלע מאָטיוון דירעקט באַרירט אין בערגעלסאָנס שילדערונג פון דער רעוואָליוציע־צייט, ווו דער שרייבער האָט אין אַלגעמיין ריכטיק אויפגעפּאַסט די קויכעס־פאַרהעלטענישן צווישן דער רעוואָליוציע און דער קאָנטער־רעוואָליוציע.

ס'איז קלאָר, אַז די האַנדלונג פון בערגעלסאָנס ראָמאַן קומט פאָר אין 1918 יאָר. וועגן דעם דאָזיקן יאָר ווערט געזאָגט אינעם קורצן קורס פון דער געשיכטע פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס) אין קאַפּיטל 7. ערשטנס: „לויטן דעקרעט פון 11־טן יוני 1918 יאָר זיינען געשאַפן געוואָרן אָרעמשאַפט־קאָמיטעטן (קאָמבעדן)". און ווייטער: „די אָרגאַניזירונג פון די אָרעמשאַפט־קאָמיטעטן איז געווען א ווייטערדיקער עטאַפּ אין דער פאַנאַנדערוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע אין דאָרף. די קאָמבעדן זיינען געווען די אָנשפּאַר־פּונקטן פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט אין דאָרף".

בא בערגעלסאָנען אין ראָמאַן גייט טאַקע א רייד וועגן די „קאָמבעדן" אין דאָרף, וואָס די אָרגאַנען פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור זיינען מיט זיי געווען פאַרבונדן. און נאָך גייט א רייד אינעם ראָמאַן וועגן דער קאָנטער־רעוואָליוציאָנערער אַרבעט פון די עסערן,

אַנ אַרבעט, וואָס האָט זיכ פאַרשטאַרקט צו יענער צײַט. אפנ פינפטנ ראַטנ־צוזאַמענפאָר, וואָס האָט זיכ געעפנט דעמ 4־טנ יול 1918 יאָר, האָבנ די „לינקע״ עסערנ אָרגאַניזירט א בונט אינ מאָסקווע. „אינ א ריי פונקטנ פונעמ לאַנד האָבנ די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פונ די „לינקע״ עסערנ אויכ געפרוווט אופשטיינ, אָבער אומעטומ איז די דאָזיקע אַוואַנטיורע שנעל ליקווידירט געוואָרנ״ (געשיכטע פונ דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פאַרטיי, ז. 266, ייִד. אויסגאַבע).

„אינ אָט דעמ שווערנ מאָמענט, — ווערט דערציילט נאָכ אינעמ „קורצנ קורס״ וועגנ דעמ 1918 יאָר, — האָט א באַזונדערע געפאַר מיט זיכ פאָרגעשטעלט די קליינבירגערלעכע סטיכיִע פונ ספעקוליאַציע אונ הענדלערײַ. אונ די פרוווג פונ די קליינע באַלעבאַטימ אָנצורלעבנ זיכ אפ דער פאָלקס־נויט״. לענינ רופט אינ יענער צײַט צו קאַמפ מיט „די באַלעגופימ, ספעקוליאַנטנ, מאַראָדיאָרנ, כאַבאַרניקעס אונ דעזאָרגאַניזאַטאָרנ״. אויכ דער דאָזיקער קאַמפ פאַרנעמט א היפש אָרט אינ בערגעלסאָנס ראָמאַנ, וואָס איז געווידמעט דער שילדערונג פונ יענער צײַט, דער שילדערונג פונעמ 1918 יאָר. אַזויאַרומ איז צו זענ, אַז בערגעלסאָנ האָט פילאַרטיק אונ פילזײַטיק באַוואָרנט די אַלגעמיינע פאָליטישע אונ סאָציִאַלע אַטמאָספער פונ זײַנ ראָמאַנ „מידאַס־האַדינ״, וואָס איז געבויט אפ די דאָזיקע אַלע נאָרוואָס דערמאָנטע געשעענישנ.

געווענ א שטעטל מיטנ נאָמענ גאָליכאָווקע, דערציילט בערגעלסאָנ אינ זײַנ ראָמאַנ „מידאַס־האַדינ״, א גרענעצ־שטעטל, וואָס האָט פאַרנומענ זיכ מיט ספעקוליאַציע אונ קאָנטראַבאַנדע, מיט אַריבערפירנ אפ יענער זײַט גרענעצ די אַלע, וואָס זײַנענ געלאָפנ פונעמ ראַטנפאַרבאַנד, אַנטלאָפנ פונ דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע אונ געפירט מיט זיכ פאַרשיידענע סכוירעס אונ האָב־אונ־גוטס.

דעמ דאָזיקנ שמוגל אָבער פאַרפאָלגט דאָ אינ שטעטל דער נאַטשאַלניק פונ איינעמ א באַזונדער־אָפטייל, וואָס האָט זיכ באַזעצט מיט זײַנ רויטאַרמייִשנ טייל אינ א געוועזענעמ מאָנאַסטיר נישט ווײַט פונעמ שטעטל — קאַמינאָ־באַלקע הייסט דאָס אָרט — אונ באַשטראָפט שטרענג די אַלע, וואָס גאַנווענענ די גרענעצ אונ באַגייענ פאַרברעכנס קעגנ דער רעוואָליוציִאָנערער געזעצלעכקײַט. דער דאָזיקער נאַטשאַלניק דער באָלשעוויק, דער אַרבעטער פיליפאָוו, אונ זײַנע געהילפנ פירנ אָנ מיטנ באַזונדער־אָפטייל, היטנ די גרענעצ אונ פילנ אויס די פונקציעס פונ ריכטער.

אפ אָט דעמ הויפט־פאָנ קומט פאָר די האַנדלונג פונעמ ראָמאַנ,

אינ וועלכנ ס׳נעמענ אַנטייל בא א פינפ אונ דרײַסיק פּערסאָנאַזשנ,
מענטשנ פונ פארשיידענע שטאַנדנ אונ שיכטנ, — יִדנ אונ רוסנ,
פאָרשטייער פונ דער אָרטיקער בורזשואַזיע, ספּעקוליאַטיווע קליינ־
הענדלער, שטעטלשע אינטעליגענצ, באַלמעלאָכעס, אָרעמע פּויערים,
באַלעגופים אונ פאָרשטייער פונ דער עסערישער פּאַרטיי, וואָס אַר־
בעטנ געהיימ דאָ אינ געגנט. אָט די אַלע געשטאַלטנ האָט בערגעל־
סאָנ אופגעשטעלט לויט זייער שײַכעס צו דער רעוואָליוציע. די באַ־
צי̇ונג צו דער רעוואָליוציע איז דאָ פאַר אימ אינ ראָמאַנ דער איינצי־
קער קריטעריִ, דורכ וועלכנ ער שאַצט מענטשנ, זייערע כאַראַקטערנ
אונ טאַטנ. ווי פרי̇ער אינ זײַנע ביזאַהעריקע ווערק דער אַלגעמיינער
הומאַניזמ, די עטיק אונ עסטעטיק, ווערט איצט די מאָס פונעמ שרײַ־
בערס באַצי̇ונג צו מענטש — די אינטערעסנ פונ דער סאָצי̇אַליסטישער
רעוואָליוציע.
סאָצי̇אַליזמ איז געוויס קאָנסעקווענטער הומאַניזמ, אָבער פונ בלוי־
זע הומאַניסטישע אידייענ קומט מענ ניט אָנ צומ קאַמפ פאַר סאָצי̇אַ־
ליזמ. אונ דאָ ליגט סײַ די פאָרזעצונג פונ דער אַלגעמיינער הומאַניס־
טישער פּראָבלעמ בא בערגעלסאָנענ אינ זײַנ „מידאַס־האַדינ״ סײַ דער
בילעק פונ בערגעלסאָנס צוגאַנג צו דער דאָזיקער פּראָבלעמ פרי̇ער
אונ איצט אינ זײַנ נאָכאָקטיאַבערישנ ווערק. דער טויבער, מירל אונ
באַי̇מ־מוישע קאָנענ פאַרמאָגנ אַלגעמיינע הומאַניסטישע שטרעבונ־
גענ אונ אָנשוי̇ונגענ. ניט זײַענדיק אָבער פאַרבונדנ מיט די סאָצי̇אַלע
קוי̇כעס, וואָס קעמפנ פאַר וועלט־ענדערונג, איז זייער הומאַניזמ
מייסטנס אינ טאָכ א פּרוכטלאָזער אונ פירט אָנ אונ פאַר זיכ נישט מער
ווי צומ פּאַסיווּנ שטומענ פּראָטעסט אונ נאָכ מער אָפּטמאָל צו יעכי־
דישער אָפּהענטיקײַט אונ יִי̇עש.
אַנ אַנדערער איז אָבער פּיליפּאָווס הומאַניזמ אינ בערגעלסאָנס
„מידאַס־האַדינ״. פּיליפּאָווס קאַמפ פאַר דער סאָצי̇אַליסטישער עטיק
איז אַנ אַקטיווער, א רעוואָליוצי̇אָנערער, ער שפּאַרט זיכ אָנ אָפּ די
וועלט־ענדערנדיקע קלאַסנ־קוי̇כעס, אָפּ דער דיקטאַטור פונעמ אַרבע־
טער־קלאַס, אָנ וועלכנ דער קאַמפ פאַרנ קאָנסעקווענטנ הומאַניזמ איז
א בלויזער ווונטש, א ניט דערגרייכבאַרער אידעאַל.
א וועלכער זשע איז ער, אָט דער קעמפערישער רעוואָליוצי̇אָנערער
הומאַניזמ, וואָס אינ זײַנ נאָמענ טראָגט פּיליפּאָוו אַרויס זײַנע אַנט־
שיידנסטע האַרבע אורטיילנ, אונ ווער זײַנענ זײַנע טרעגער? דאָס איז
די הויפּט־פראַגע, אָפּ וועלכער ס׳האָט געצויגנ איצט בערגעלסאָנענ
געבנ אַנ ענטפער — אימ, דעמ שרײַבער, וואָס די פראַגע פונ דער

מענטשלעכער עטיק האָט אים א צײַט באומרויקט אין אלע זײַנע ביז־אהעריקע ווערק.

דאָ אין „מידאס־האדינ‟ טראכט יוזי ספיוואק, איינער פון פילי־פּאָווס ארעסטירטע: „אלע זײַנען, ווי ער, בלוטיק פארינטערעסירט צו וויסן: אין וואָס באשטייט אָט דער אײַזערנער, קאלטער טראָפּן יווישער און ווער איז דער, וואָס טראָגט אים אין זיך — ווער איז פילי־פּאָוו אליין?‟

און אָט אַפ דעם ענטפערט בערגעלסאָן אין זײַן ערשטן נאָכאָקטיאַ־בערישן ראָמאַן. ער ענטפערט מיט פילי־פּאָווס פראקטיק, מיט זײַנע טאטן, מיט דער סאָציאַל־פילאָסאָפישער בארעכטיקונג פון פילי־פּאָווס מידאס־האדינ.

2

בערגעלסאָן שאצט אָפּ זײַנע פערסאָנאזשן פונעם ראָמאַן לויט זייער באציונג, ווי געזאָגט, צו דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע און צו דער דיקטאטור. אין דער ריכטונג שטעלט בערגעלסאָן אוף א גאנצן געזעלשאפטלעכן לייטער מיט א ריי שטאפּלען, וואָס פירן פון רעכטס אַפ לינקס, פון רעאקציע ביז רעוואָליוציע: אָנגעהויבן פון די הארט־נעקיקע, וואָס באגייען באוווסטזיניק הארבע פארברעכנס קעגן דער רע־וואָליוציאָנערער געזעצלעכקײַט און וואָס פיליפּאָוו מישפּעט זיי אין נאָמען פון דער רעוואָליוציע, און געענדיקט מיט די, וואָס האָבן גע־גרײַזט, באגאנגען א פעלער און כאראָטע באקומען — און פיליפּאָוו באגייט זיך מיט זיי אדמיניסטראטיוו און פּעדאגאָגיש, ווי לעניו האָט געלערנט.

אין זײַן פולער גריים שטייט אוף פאר אונדזערע אויגן דער רײַ־כער סויכער ארן לעמבערגער, וואָס האָט געגאנוועט מעלוכישן לעדער און האָט באקומען די העכסטע שטראָף. בערגעלסאָן גייט דאָ צו גוואַל־דיק דרייסט צו דער דאָזיקער טעמע. די דרייסטקײַט באשטייט דאָ אין דעם, וואָס דער שרײַבער דעקט אוף דעם גאָרן ווידערשפּרוך צווישן לעמבערגערס געיארשנטע פאטריארכאלע מידעס, צווישן זײַן קלױ־מערשטער טראדיציאָנעלער רעכט־פאָרכטיקײַט מיט דער שווינדלערי־שער לעבנס־פּראקטיק פון א קאָנטר־רעוואָליוציאָנערן סויכער, וואָס וויל ניט, בעמייזיד וויל ער ניט, אופנעמען די געזעצן פון דער סאָ־ציאַליסטישער גערעכטיקײַט, די געזעצן, וואָס דינען דעם ווויל פּו־נעם פאָלק און ניט די עגאָיסטישע אפּעטיטן פונעם פריוואטן אייגנ־טימער. ריכטנדיק זיך אַפּן הארבן פּסאק־דין, פירט זיך לעמבערגער, ווי איינער פון די אמאָליקע קדושים — מיטן מעלאווע־מאלקע, וואָס

ער פראוועט, מיט דער אנטשפּרעכנדיקער מישנע פון סאנהעדרין, וואָס ער דערמאָנט בעשאס־מײַסע. בערגעלסאָן האָט דערבײַ די דרייסט צו פירן די דאָזיקע שילדערונג ביז צום ראנד פון פּאַראָדיע, אופּדעקנדיק מיט דעם גופע דעם טהאָם, וואָס די רעוואָליוציע האָט געעפנט פאר די אלע, וואָס האָבן אין פארלויף פון דורות געדעקט זייער אייגנטימערישע רויב מיטן שלייער פון פארצײַטיקער ריטועלער מידעסדיקײַט, פארהילט מיט פארשיידענע עטישע סענטענצן.

„ — וואָס איז עס אזוינס פארמעגן־גיריקײַט, וואָס שיקט מענטשן אָפּ טויט דורך אלע שיינע טוירעס און פײַנסטע דראָשעס?" — אזוי לאָזט בערגעלסאָן טראכטן יוזין, וואָס איז בײַגעוווינט בא לעמבערגערס געזעגעניש מיט אלעמען און געוווּסט, אז פארן טויט האָט דער דאָזיקער לעמבערגער „איבערגעגעבן זײַן ווײַב, ווו עס ליגן אויסבאהאלטן אין דער היים „די עטלעכע רובל":

— די „עטלעכע רובל" פון דער ספּעקוליאַציע..."

די קראפט פון בערגעלסאָנס מײַסטערישן געמעל באשטייט דאָ אין דעם, וואָס די פיגור פון דעם דאָזיקן סויכער האָט ער אופגעשטעלט פארוואָרצלט אין דער בורזשואזער געדאַנקען־סיסטעם, באוויזן דורך אים די אויסגעהוילטקײַט פונעם בורזשואזן מענטש, פון זײַן געדאַנקען־וועלט אין קעגנזאץ צו דער קוואַליטאטיוו־נײַער רעוואָליוציאָנערער וועלט. דאָס זעלבע איז אויך מיט דער צווייטער געשטאלט, וואָס בערגעלסאָן האָט שארף פארורטיילט. אויך א מײַסטערישע געשטאלט, געשילדערט מיט אלע וואָרצלען פון איר קלאסן־אָפּשטאמונג, מיט אלע פארבאָרגענע אייגנשאפטן פון איר פארדאָרבענעם געדאנק און געפיל.

ס'האנדלט זיך וועגן איינער א פרוי פון אדל, וואָס האָט צוליב שפּיאָנאזש געוואָלט אריבער די גרענעץ און איז אויך, פונקט ווי לעמבערגער, ארונטערגעפאלן אונטער פיליפּאָווס מידאס־האדין. מײַסטעריש־אייגנארטיק שילדערט בערגעלסאָן די דאָזיקע שיינע יונגע פרוי, וואָס אליין דער שרײַבער, דאכט זיך, האָט צוליב קאָנספּיראציע — מע דארף נעמען אין אכט בערגעלסאָנס אויפן צו שילדערן געשעענישן פון אינווייניק — אויסבאהאלטן זי א לאנגע צײַט אונטערן נאָמען „די בלאָנדע". די דאָזיקע „בלאָנדע" איז גוואַלדיק רעליגיעז, אָדער זי מאכט זיך, אז זי איז רעליגיעז. דאָ דינט אויך דעם שרײַבער זײַן גאנג צו פארשטארקן דעם וואָרהאפט פון דער שילדערונג דורך דעם, וואָס ער אידענטיפיצירט זיך מיט די אלע אָנטיילנעמער פונעם ראָמאן מיט זייער נישט וויסן וועגן דעם עצעם כאראקטער פון דער דאָזיקער פרוי, וואָס קיינער קאָן זי ניט דאָ אין שטעטל.

די געשטאַלטנ פונ דער כלאַנדער אונ פונ לעמבערגערנ האָט בערגעלסאָנ דערנעענטערט אײנע צו דער אנדערער מיט דעמ, וואָס ער האָט די בײדע געגעבנ א מעגלעכקײַט צו עקספּלואַטירנ די רעליגיע, ווי א מיטל אפ צו סימולירנ — פאַר זיכ גופע אפילע — זײער אײבערגעגעבנקײַט צו אידײ אונ אָנשוױונג. אָבער בא לעמבערגערנ דעמ סױכער גרײכט עס ניט ווײַטער ווי האַכנאָעדיק גײנ אפ דעמ, וואָס בערגעלסאָנ האָט אײנמאָל אזוי טרעפלעכ־שאַרפ אָנגערופנ אינ אײנעמ פונ זײַנע דעמלטיקע ארטיקלענ — גײנ „אל־קידעש־האַקאָפּעקע“. די בלאָנדע אָבער קומט מיט א מוטנעמ קוואַל פונ קוואַזי־פּאַטריאָטישנ שאָוויניסטישנ האַס, זי איז פאַרביסנ אונ גיריק, איר סינע איז טיפ, ווי די סינע פונ א הערשער, וואָס מע האָט בא אימ אוועקגענומענ זײַנ הערשערישנ כױעס, געטײט די קראַפט פונ זײַנ כײַישער עקזיסטענצ, כאָרעוו געמאַכט זײַנ פאַרגיפטנדיקע אלמעכטיקײַט.

זײער שטאַרק איז בא בערגעלסאָנענ די שילדערונג פונ דער בלאָנדערס זעלבסט־היפּנאָז, בעשאַס זי גאַנוועט די גרענעצ מיט אנ אנטלױענ קינד אפ די הענט אונ רעדט זיכ אלײנ אײַנ, אז זי איז א הײליקע מאַדאָנע אונ מיט איר דאַרפ געשענ א נעס. דאָ איז שווער געפינענ באַמ שרײַבער די גרענעצ צווישנ שאַרפסטער פאַראָדיע אונ טיפנ פּסיכאָלאָגיש־באַרעכטיקטנ גלײבנ פונ דער פרוי אינ דעמ וווּנדער, וואָס דאַרפ אָט באַלד מיט איר פּאָרקומענ. פונ דעמ דאָזיקנ בילד ציִענ זיכ, דאַכט זיכ, געוויסע פעדעמ צו דער כאַראַקטעריסטיק פונ די קאָנטררעוואָליוציאָנערע פאַרשטײער פונ דער באַווּסטער „רעליגיעז־פילאָסאָפישער געזעלשאַפט“, וואָס האָט עקזיסטירט ביז דער רעוואָליוציע אונ האָט ארױסגערוקט די באַווּסטע מערעזשקאָווסקיס אונ בולגאַקאָווס מיט זײער גאָרנ קנויל פונ רעליגיעז־מיסטישע קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע אָנשווּנגענ. די דאָזיקע פעדעמ ציִענ זיכ, צו גלײבנ, ביז אינ דער טיפ פונ דער דערשײַנונג, וואָס איז אינ דער רוסישער ליטעראַטור באַצײכנט מיטנ גרויל־נאָמענ „קאַראַמאַזאָווסטשינאַ“.

שטאַרק איז אויכ בא בערגעלסאָנענ געצײכנט דער בלאָנדערס אויפירונג אינ טפיסע, אינ די רעגעס, ווענ זי וואַרט אפ איר ענדגילטיקנ אורטײל. בערגעלסאָנ האָט אינ דער דאָזיקער שאַרפער צײכענונג דעמאַסקירט דעמ צוזאַמענמיש פונ עראָטיק אונ מיסטיק אינ דער בלאָנדערס בונט קעגנ דער קראַפט, וואָס איז געקומענ אָפּרײניקנ די דאָזיקע אוממווירדיקײַט. אונ אפילע דאָ אינעמ געמעל פונ דער בלאָנדערס בונטאַרישער לײַדנשאַפט הילכנ באַמ שרײַבער זײַנע אומעטומיקע טענער פונ ווײפולנ באַדויער איבער דער אומקומענדיקער געלעבטערטער, פאַר־

שוועכטער שײַנקײַט, וואָס די דאָזיקע פּרווי האָט דערפירט ביז צו דער לעצטער מאָדרייגע פון דעגענעראַציע, די דעגענעראַציע פון איר קלאַס און וועלט.

די פיגור פון דער „בלאָנדער" איז איינע פון די שטאַרקסטע אין ראָמאַן, איינע פון די שטאַרקסטע אין דער יעניקער ליטעראַטור, וואָס האָט געשילדערט די אונטערגייענדיקע שטאַרבנדיקע קלאַסן פונעם געוועזענעם צאַריש־קאַפּיטאַליסטישן רוסלאַנד.

צו אַ היפּשן גראַד פון קינסטלערישער פּאַראַלגעמיינערונג האָט בערגעלסאָן דערפירט אויך די געשטאַלט פונעם גאַלעכס טאָכטער סאָפיאַ פּאָקראָווסקאַיאַ, די פאָרשטייערין פון דער אָרטיקער עסערישער גרופּע, וואָס האָט געפּרוווט אופהייבן אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן בונט צוזאַמען מיט די באַלעגופישע באַנדיטישע עלעמענטן פון די אַרומיקע דערפער. בערגעלסאָן האָט געפונען די עמעסדיקע זשאַנער־פאַרבן פאַר דער דאָזיקער קאָלאָריטפולער עסערישער פרויען־פיגור, אופדעקנדיק דעם באַלעגופישן טאָכ פון איר כאַראַקטער און טעטיקײַט. פונקט ווי אין דער „בלאָנדער", האָט בערגעלסאָן אַנטפּלעקט אין סאָפיאַ פּאָקראָווסקאַיאַ דעם שטראָם פון סאָציאַלער היסטעריק, וואָס האָט כאַראַקטעריזירט די דעמלט ספּאָנטאַנישע אָנשטרענגונגען פון דער עסערישער פּאַרטײַ — „דער לעצטער עקסט־לינקער פראַקציע פון דער אימפּעריאַליסטישער בורזשואַזיע" (סטאַלין. „פראַגן פון לענינעיזם". ז. 43, יוד. אויסגאַבע).

נאָך די דאָזיקע שטרענג פאַרורטיילטע פּערסאָנאַזשן קומען בײַ בערגעלסאָנען די, וואָס זײַנען אַרונטערגעפאַלן, ווי געזאָגט, אונטער פיליפּאָווס „אַדמיניסטראַטיווער" אופווירקונג, צווישן זיי טיילט זיך אויס אינעם ראָמאַן „מידאַס־האַדינג" די פיגור פונעם האַמויגישן מאַסנמענטש שמועל וואָלצים, וואָס בערגעלסאָן האָט געמאָלט מיט אַלע זאַפטיקע פאַרבן פון זײַן שטייגער־פּאַליטרע. אַ געוועזענער אַרבעטער אין אַ זעגמיל, האָט דער דאָזיקער שמועל וואָלצים געוואָרפן די אַרבעט און אָנגעהויבן, ווי אַלע דאָ אין גאָליכאָוווקע, נעמען צו זיך אין שטוב „געסט", וואָס „זײַנען געלאָפן פון דער רעוואָליוציע":

„וואָס דען, — האָט ער געטײַנעט, — מעשוגע בין איך? איך'ל גיין אַרבעטן אַפן טאָג אין זעגמיל? איך'ל בלײַבן אַ קאַפּצן, און זיי אַלע, וואָס האָבן אין גאָליכאָוווקע הײַזער, וועלן שאַרן פון דורכפאָרער מיט די לאָפּעטעס?"

פאַר דעם, וואָס ער האָט געהאַלטן בײַ זיך די „בלאָנדע", איז ער געוואָרן אַרעסטירט. בײַ פיליפּאָוון אין קאַמינאַ־באַלקע האָט ער אָנגעַ־

הויבן אויסצולייגן: „וויאזוי „ביז אַט דעם אומגליק" האָט ער שווער געאַרבעט אַף דער זעגמיל... און וויאזוי איצט, ווען „אַ נאַש־בראַט" איז גאָר געוואָרן אַ שטיקל מעיוכעס..." פיליפּאָוו האָט אָבער איבער־געשלאָגן זיינע טיינעס:

„אַלציינס ווער דו ביסט געווען פריער... האָסט אויסבאַהאַלטן אַט דאָס גוטס בא זיך אין שטוב, איז צעצאָל זיך — ווּעסטו איצט גיין אַף עטלעכע כאַדאָשים אין קאָנצענטראַציע־לאַגער... טשטאָ ווי?... שוטי־טע?!"

שמועל וואָלצים, פּונקט ווי זיין ווייב נעכע, איז פון אונטער בער־געלסאָנס פּענדזל אַרויס ווי סקולפּטוריש פאַרהאַרטעוועט, אַרוים מיט אַלע האַמעטנע כאַראַקטער־קנייטשן פון זיין מעגושעמדיקן וועזן, דער־ביי אָבער — מיט דער גאָרער ליבלעכקייט פון זיין פאַרהיטער אַמכאָ־דיקער אָפנהערציקייט. ניט אומזיסט איז זיך פיליפּאָוו באַגאַנגען מיט אים מילד, אַט ווי דער שרייבער, וואָס האָט אים געגעבן אַ מעג־לעכקייט אויסקויפן זיין שולד מיט דער אין אים דערוואַכטער האַמוי־נישער סינע צו דער בלאָנדער, וואָס האָט אים פאַרפירט, און צו יאָכל־זאָנען און דער יאָכלזאָניכע — נאָך צוויי קאָלאָריטפולע פיגורן פון בערגעלסאָנס גאַליכאָוועקער רייכער פאַרשוינען־גאַלעריי.

אינעם בילד, ווו מע פירט שמועל וואָלצים אין קאַמינאָ־באַלקע, באַווייזט בערגעלסאָן זיין גאָר נייע גרויסע שפּרודלדיקע באַהאַוונט־קייט אינעם רייד־שטייגער און געפילן־וועלט פונעם פאַרגרעבטן אַמ־כאָ־מענטש, וואָס איז, דאַכט זיך, אַזוי ווייט געווען פון בערגעלסאָנס ביזאַהעריקער לעבנס־דערפאַרונג. אַז מע נעמט שמועל וואָלצים פירן קיין קאַמינאָ־באַלקע, דערציילט בערגעלסאָן, האָט ער „נאָר ראַכ־מאָנעס אַף זיין ווייב, וואָס ווייינט און גוואַלדעוועט איבער אים, ווי איבער אַ מעס, און וויל ניט אַנדערש, ווי צעקלאַפּן זיך דעם קאָפּ אָן דער וואַנט.

פון ראַכמאָנעס זאָגט ער צו איר:

— נעכע, הער אויף... הער אויף צו קאַוויטשען, זאָגט מען דיר... נו, גוט, נעכע... מע וועט מיך דאָרט געוויס דערהאַרגענען. מע האָט מיך שוין דערהאַרגעט!.. הער אויף צו קאַוויטשען, דו הערסט, וואָס איך רייד צו דיר?.. אַט צעזאָטע איך דיר אַרויס די קישקעס, נעכע...

דאָס אַלץ זאָגט ער פון גרויס ראַכמאָנעס צו איר — פון ראַכמאָ־נעס אָן אַ ברעג.

— נעכע, הער אויף... אָנווערן זאָל איך דיך, נעכע...

ער האָט פאַרקריצעטע ציין און וויל איר דערלאַנגען מיט אַ פּוס.

— אז דו ביסט געווען א בעהיימע גלײַך מיט מיר און האָסט ביז דער לעצטער מינוט געהאַלטן דעם אומגליק בא זיך אין שטוב, איז וואָס רעוועסטו איצט, ווי א קאַלב?

ער רײַסט זיך צו איר די גאַנצע צײַט, ביז מע פירט אים אַרויס פון שטוב. גייט שמועל וואַלצים אינמיטן דער נאַכט, אַרומגערינגלט מיט באַוואָפנטע רויטאַרמייער, און איז שטומער פון אַלע שטומע, ווײַל זײַן גרויסער ענטפער, וואָס ער האָט שטענדיק געהאַט דער וועלט צו זאָגן — זײַן טערעץ: „וואָס ווייס איך, שמועל וואַלצים, אז א מענטש בין איך א פּאַשעטער״, איז שוין מער קיין טערעץ ניט.

פאַרטויבט פון די צאָרעס זײַנע, לאָזט ער זיך איצט פירן.

— אַן עק!.. — באַטראַכט ער אין געדאַנק זײַן אייגענע לאַגע, — נאַקעט און בלויז ביסטו, שמועל... אָן א שטוב, אָן א ווײַב, אָן אַן ענט־פער אפילע — א האָלאָדראַנעצ אַף דער וועלט...

די וועלט?

בעסער איז פאַר איר, זי זאָל איצט ניט אַרײַנפאַלן צו אים, שמועל וואַלצים, אין די הענט... איצט, ביים ער גייט אינמיטן דער נאַכט א גערעשטעוועטער און האָט פאַרקלעמטע ציין... ער וועט רײַסן פון איר שטיקער...

געאַרבעט האָט ער שווער פון נאָך זײַן כאַסענע אָן אַף דער זעג־מיל. נאָר פּאַרנאָסע ווי געהעריק האָט מען פאַר זײַן אַרבעט געבן ניט געוואָלט. ער, שמועל, האָט די אַרומיקע גוט געקענט.

— ווייכהאַרציקע, — פלעגט ער וועגן זיי טראַכטן, — כאַפּט זיי די כאַראָבע.

פּלוצעם ווערט מען צו אים, א מאַקע זיי, גוטינקע און מע הייבט אים אָן צוצושאַרן גרינגע פּאַרנאָסעלעך. וואָס ווייסט ער?.. אז אין גאָט גלייבט קיינער ניט. ער זעט, וואָס אַלע טוען, טוט ער אויך...

נו... האָט זי אים איצט פײַן געשטעלט צום צעטל — זי, די וועלט, הייסט עס, א כאַראָבע אַף איר...

און עס איז דאָך קאָשער פאַרדינט — אָט דאָס, וואָס מע פירט אים איצט אינמיטן דער נאַכט... די גאַנצע צײַט אויסבאַהאַלטן אָט די בלאָנדע סטערווע בא זיך אין שטוב... וואָס זשע דען?

— בסאָמים זאָל מען דערפאַר געבן שמעקן?

שמועל וואַלצים וואָלט נאָר א באַלן זײַן איין זאַך:

— אויב שוין יאָ יוישער, טאָ זאָלן איצט נאָכגיין מיט אים אַליין זיי — אַלע פּײַנע שכיינים זײַנע — א מאַקע זיי אין גאָרגל!.. וואָס איז עפּעס נאָר ער אַליין? א קאַפּאָרע־הינדל איז ער?״

ס'איז זייער וויכטיק א לייגנ צו טאָנ דעמ דאָזיקנ גרויסנ אויס־צוג, ביכדיי צו דערזענ, ווי אזוי בערגעלסאָנ האָט איצט נאָכ דער רע־וואָליוציע אופגעעפנט פאר זיכ דעמ ברייטנ וועג צו דער סאָציאַלער אונ סאָציאַליסטישער פראָבלעמ, וואָס האָט קוועלנדיק א גיי געטאָנ פונ הארצ אונ מויל פונ די סאמע אָפגעשטאנענע שיכטנ פונעמ פאָלק. בערגעלסאָנ דערציילט, ווי אזוי פיליפּאָוו איז אראָפגעקומענ אינ שטעטל, פארזאמלט די באלעגאָלעס, וואָס האָבנ געפירט שמוגל, אונ מיט זיי זיכ דורכגעטײַנעט:

„— די רעוואָליוציע, — האָט ער געזאָגט, — איז ווי א זאק. מיר שטאָפנ אימ אונ שטאָפנ, אונ איר זײַט דאָ בא דער גרענעצ, ווי די מײַז. איר עסט אויס א לאָכ אינ סאמע עק — אלצ פונעמ זאק שיט זיכ אויס... וואָס מיינט איר?.. מע ווערטלט זיכ מיט אײַכ?"

דערנאָכ קומט בא בערגעלסאָנענ אנ אויסגעצייכנטע זשאנר־סצע־נע, ווו עס ווערט געשילדערט איינער „אנ אלטיטשקער באל־אכסאניע מיט קאליע, קלעפּיקע אויגנ, א געלבלעכער זאָקנ, וואָס הערט שלעכט אונ פארשטייט שלעכט. ער האָט זיכ אײַנגעקלאמערט אינ עמעצנס אנ ארבל אונ זיכ געהאלטנ אינ איינ דערפרעגנ:

— וואָס זאָגט ער... א?

דעמ אלטיטשקנ האָט מענ געענטפערט:

— ער זאָגט: ער האָט פאָלנאָמאָטש.

דער אלטיטשקער האָט זיכ געקרימט:

— וואָס הייסט עס, א?

— פונ דער רעוואָליוציע... ער האָט, זאָגט ער, פאָלנאָמאָטש פונ דער רעוואָליוציע צו מאכנ אש פונ די אלע, וואָס שטייענ דאָ, אונ פונ גאנצ גאָליכאָווקע.

— פארוואָס?.. א?

— ווײַל מע פעקלט אריבער איבער דער גרענעצ אלערליי שווארצ־יאָרנ.

דער אלטיטשקער האָט אלצ געפינטלט מיט די קאליע אויגנ:

— אונ איצט וואָס זאָגט ער?

— זיכ נישט פלאָנטערנ בא דער רעוואָליוציע צווישנ די פיס, זאָגט ער... ער ווינטשט אונדז, מע זאָל זיכ צוזוכנ לײַטישערע פארנאָסעס".

שמועל וואָלציסנ האָט טאקע די רעוואָליוציע גענומענ לערנענ „צו־זוכנ לײַטישערע פארנאָסעס". ער האָט באקומענ זײַנ „אדמיניסטרא־טיווע" שטראָפ טאקע דערפאר, וואָס ער האָט זיכ געפלאָנטערט בא דער רעוואָליוציע צווישנ די פיס. איצט איז שמועל וואָלציסעס צאָרנ

געווענדט קעגן דער וועלט, וואָס האָט אים צוגעשאַרט די גרינגע פּאַרנאָסעלעך", בעסער, זאָגט ער, די וועלט זאָל ניט אַרײַנפאַלן צו אים איצט אין די הענט. דער פאַרגרעבטער פאָלקס־מענטש אַפילע, באַוויזט בערגעלסאָן, האָט גראָד באַנומענע פילפּאָוּוס מידאָס־האָדיג בענעגייע צו זיך, ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די וועלט האָט באַקומען א דין און א דײַען, און די ביידע זײַנען גראָד אויסן זײַן טויווע, און דערפאַר נעמט ער אַף זיך די שולד, ער, שמועל וואָלצים, אַנערקענט, אַז ער איז אַליין שולדיק.

3

און פונקט ווי די רעוואָליוציע האָט אָפּגענומען בא שמועל וואָל־ציסן זײַן טערעץ, אַז „א מענטש איז ער א פּאַשעטער", אַזוי האָט זי אָפּגענומען באַם דאָקטער באַביצקי דעם טערעץ, אַז „א מענטש איז ער א זײַטיקער".

דער דאָקטער באַביצקי, וואָס בערגעלסאָן שילדערט אין זײַן ראָ־מאַן, איז אויך איינער פון די, וואָס האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן די פיס בא דער רעוואָליוציע. דער דאָקטער באַביצקי איז אין דער יוגנט געווען פאַרשיקט פאַר שטונדיזם, מיט דער פעווראַל־רעוואָליו־ציע האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט, ער האָט אַפילע זײַן טויב־שטומ־מען זון אויסגעלערנט דעמלט אַרויסזאָגן דאָס וואָרט „רעוואָליוציע" אַף זײַן טויב־שטומען אויפן, און נאָר א גענויטער היימישער אויער האָט געקענט אין די קלאַנגען דערהערן דאָס וואָרט:

„ — רררררר־ווווו־וואָלוצצ־יאַ!!!

דאָס איז געווען דאָס וואָרט, וואָס דער דאָקטער האָט אויסגעלערנט דעם טויב־שטומען... נאָך אין די ערשטע יאָמטעוודיקע וואָכן, ווען די רעוואָליוציע האָט אויסגעבראָכן.

איצט איז דער דאָקטער שוין לאַנג מיט דעם געווען אומצופרידן, אים האָט דאָס וואָרט „רעוואָליוציע" געשטאָכן אין די אויערן — עס איז א צו קנאַקנדיק וואָרט, א געפּערלעכס.

דער דאָקטער האָט זיך פון דעם געקרימט און האָט געוווּנקען צום טויב־שטומען, אַז מע דאַרף עס מער ניט זאָגן.

נאָר אָפּנעמען דאָס וואָרט באַם טויב־שטומען איז געווען פיל שווערער, איידער דאָס וואָרט מיט אים אײַנצוכאַזערן. אַז מע האָט דעם טויב־שטומען עפּעס אויסגעלערנט, איז דאָס געווען אַף אייביק".

דער דאָזיקער עפּיזאָד איז אַליין גענוג אַף אָפּצומאָלן דעם דאָק־טער באַביצקי אין זײַן פולער „ליבעראַל־אינטעליגענטישער" גרייס.

בערגעלסאָן שילדערט דעם הויף, ווו עס וווינט דער דאָקטער באַביצקי, א חויף, אין וועלכן „מע האָט געקאָנט אַרײַנקומען, פון וועלכער זײַט מע וויל":

„דער טויער איז דאָפּקע געבליבן גאַנץ, נאָר דאָס איז געווען א טויער, וואָס לעבט מיט זײַן אייגענעם באַזונדערן לעבן און איז מיט דעם אַרומיקן הויף געבונדן אַזוי ווייניק, ווי דער דאָקטער באַביצקי מיט דער אַרומיקער שטאָט — דער טויער האָט אין ערגעץ ניט געפירט".

וועגן די דערוואַרטע געשעענישן, וועגן די נײַסן, וואָס גייען פון פּיליפּאָווס טעטיקײַט, האָט באַביצקי געטראַכט:

„אויב זיי וועלן קומען, די דאָזיקע געשעענישן, וועלן זיי אַרומ־כאַפּן, ווי א סרייפע, די גאַנצע געגנט, און נאָר זײַן שטוב — דעם דאָקטערס שטוב מיטן אומגעוואַלגערטן פּלויט און מיטן געבליבענעם טויער — וועלן זיי דורכלאָזן, ווײַל „ער איז א מענטש א זײַטיקער". און אפילע וועגן דעם, וואָס „ער איז א מענטש א זײַטיקער", זאָגט ער אויך ניט קיינעם. ער שווײַגט. אָט וואָס: מענטשן האָבן קיין סייכל ניט, וווּאַזוי אין אַזא צײַט צו לעבן".

„און אַליין האָט ער מוירע געהאַט אַראָפּצולאָזן דעם שמייכל פון דער שפּיץ פון זײַן נאָז. באַגלײַך צוזאַמען מיטן שמייכל קאָן ער פאַרלירן זײַן גלײַכגעוויכט אין לעבן".

אין די אַלע אויסגעצייכנטע שטעלן פון דעם אָרט איז דעם שרײַבערס פּאַרניכטנדיקע איראָניע איבער דער דאָקטערשער פּילאָ־סאָפיע אוואַדע שטאַרקער, איידער דעם דאָקטערס „קלוגיטשקע" איראָנישע פילאָסאָפיע גופע. דורך אָט דעם דאָקטערשן „געדאַנקענ־וועג" פאַרקריצט בערגעלסאָן אין זיקאָרן די פּאַראַלגעמיינערטע פי־גור פון איינעם פון דער „באַדערזײַטיקער" אינטעליגענץ, וואָס די רעוואָליוציע האָט דאָך געצוווּנגען אָדער זעלבסט־באַשטימען זיך אָדער אָפּטרעטן טאַקע אין דער זײַט און באַגראָבן זיך אין די ווײַטע פינצ־טערע ווינקלען, וואָס די רעוואָליוציע האָט שפּעטער א ביסל צעשטערט און אָפּגעראַמט.

געווען א מאָמענט אינעם דאָקטערס לעבן, ווען מע האָט אים א רוף געטאָן צו פּיליפּאָוון, געשיקט נאָך אים א פור פון קאַמינאָ־באַלקע. וועגן דעם דאָזיקן מאָמענט דערציילט בערגעלסאָן, אַז

„ער, דער דאָקטער, איז אַרופּ אַפּ עפּעס א מאָדנער פור, אַפּ וועלכער ער האָט בעשום־אויפן אַרופּ ניט געוואָלט — א פור פון דער רעוואָ־ליוציע..." און וועג האָט אים בערגעלסאָן געגעבן א מעגלעכקײַט „איבערצוקלײַבן בא זיך אין מויעך די לעצטע פערציק יאָר פון זײַן

אָפּגעלאָזט לעבן אין גאַליכאָוווקע און זוכן אַפּ זיך באַטאָ:מ. פאַר וועלכע ס'וואָלט אַפּ אים איצט אין קאַמינאַ־באַלקע געוואָרט א שטראָף. נאָר דערמאָנענג זיך אָן עפּעס וויכטיקערס, אויסער די קליינע רעכילעס־לעך, וואָס ער טראָגט אָפּ צו סאָפיא פּאָקראָווסקאַיא, — האָט ער איצט בא זײַן גרויסער פאַרלאָרנקײַט בעשום־אויפן ניט געקענט".

און דאָך, דערציילט ווײַטער בערגעלסאָן, אַז „פון אַרײַנטראַכטן זיך אין אָט די שטויביקע לעבנס־שפּאַלטן איז דער דאָקטער געוואָרן בלויז אומעטיק, ווי ער וואָלט נאָכגעגאַנגען נאָך זײַן אייגענער לע־ווײַע און וואָלט זיך באַטראַכטן". נישט אומזיסט האָט אים פּיליפּאָוו פאַראָרדנט, ער זאָל מער קיין קאַמינאַ־באַלקע ניט קומען: „פונדעסט־וועגן, — האָט ער געזאָגט, — קריך ניט מער אהער, אַלטיטשקער. קום ניט אהער, אפילו ווען באַוווערטע סאַשאַ שיקט נאָך דיר. דו ווירקסט מיר דאָ שלעכט אַפּ די אַרומיקע..."

וואָס איז געוואָרן מיטן דאָזיקן דאָקטער דערציילט ניט בערגעל־סאָן אין זײַן ראָמאַן. זײַן לעבנס־פינאַל האָט ער ניט געשילדערט. ס'איז דערפאַר, צו גלייבן, ווײַל פאַר דער רעוואָלוציע האָט דער דאָזיקער טיפּ ניט געטויגט, אָבער פאַר דער קריגערישער קאָנטררע־וואָליוציע אויך ניט. גיכער פון אַלץ איז אַזאַ סאָרט מענטש אומבאַ־מערקט געוואָרן אויס מענטש, געפאַלן א קאָרבן פון זײַן אייגענער אויסגעוועפּטקײַט און טויגעניכטסקײַט. און דאָך איז א שאָד, וואָס בערגעלסאָן האָט די דאָזיקע מײַסטערהאַפטע פיגור ניט דערפירט צו איר קאָנסעקווענטער לאָגישער ענדע.

מיט זײַן קראַפט א קער צו טאָן יעדער מינדסטע שילדערישע דע־טאַל מיטן פּאָנעם צו דער סאָציאַלער פּאַראַלגעמיינערנדיקער כאַראַק־טעריסטיק דערציילט דאָ אויך בערגעלסאָן, ווי:אַזוי דער דאָקטער באַ־ביצקי איז אוועקגעפאָרן פון קאַמינאַ־באַלקע:

„פון אויבן האָט אַן אויסגעשטערנטער הימל אַראָפּגעקוקט צו דער קאַלטער פּראָסטיקער נאַכט, און באַם טויער האָט געוואָרט א רויטאַר־מייער, וואָס דאַרף אַרויסלאָזן פון הויף די פור. ער האָט געגענעצט און זיך געלאַנגווײַליקט ווי בלויז פון דעם אַליין, וואָס ער דאַרף איצט אַרויס־לאָזן דעם דאָקטער, צו וועמען ער האָט ניט קיין מינדסטן אינטערעס".

אָט זײַנען זיי, די שורעס, וואָס דערציילן וועגן דעם, אַז די רעוואָ־ליוציע האָט ניט קיין מינדסטן אינטערעס צום דאָקטער באַביצקי, זיי דערציילן אפילו, אַז טאַקע מאַכמעס דעם האָט קאַמינאַ־באַלקע „אַרויס־געלאָזט דעם דאָקטער". זיי דערציילן דאָס, ווײַל דאָ אינעם ראָמאַן גופא זײַנען פאַראַן מענטשן, וואָס קאַמינאַ־באַלקע — פּילי־

פּאָוו — האָט זיי ארויסגעלאָזט גראָד דערפאר, ווײַל ער האָט געהאַט צו זיי אַן אינטערעס, ווײַל זייער ווײַטערדיקער לעבנס־גורל האָט גע־קאָנט ברענגען נוצן דער רעוואָליוציע, דער דיקטאטור, וואָס פּיליפּאָוו איז געווען איר פאָרשטייער און פארווירקלעכער.

דאָ האנדלט זיך וועגן די צוויי פּערסאָנאזשן פונעם ראָמאן, בע־נעגייע צו וועלכע דער באָלשעוויק פּיליפּאָוו האָט אָנגעווענדט ניט דאָס איבערגוואלדיקע אָדער אדמיניסטראטאָרישע, נאָר גראָד דאָס פריד־לעכע פּעדאגאָגישע מיטל, וואָס דער רעוואָליוציאָנער מידאס־האַ־דינג האָט געהאט אין זײַן אופווירקונגס־פּראָגראם. דאָ האנדלט זיך וועגן דעם אינטעליגענט, דעם געוועזענעם עס־ער יוזי ספּיוואק און וועגן דעם יונגן רויטארמייער פּינקע ווײַל.

יוזי ספּיוואק, דערציילט בערגעלסאָן, האָט געהערט צו סאָפּיא פּאָקראָווסקאיאס קאָמפּאניע.

„ער איז יענער עס־ער, וועלכער פּילט אויס די סאמע שווערסטע שליכעסן פון סאָפּיא פּאָקראָווסקאיא מיט אירע „כסידימ״. אלע וואָכ גאנוועט ער די גרענעצ״. זײַן פּאָרטרעט בא בערגעלסאָנען: „א שווײַגנ־דיקער, א שווארצער, א קורצער, מיט צוויי אויגן — שווארצע טינ־טערלעך, מיט צוויי קליינע וואָנסעלעך, נאָך שווארצערע, ווי די אויגן... אליינ איז ער א שטיק פארגליווערטע אקשאָנעס״. בערגעלסאָן שיל־דערט יוזיס געניע ביאָגראפיע, ער דערציילט וועגן זײַן זיידן „מיטן נאָמען מאָסי — א פרומער און הייסער ייִד, מיט א קאלטן שמייכל אינ דער באָרד און אינ די וואָנצעס... געלעבט האָט דער ייִד פון אן אומענדלעכ לאָדעניש מיט א פאָרעצ, און ליב געהאט האָט ער גרויסע היצ — די גרעסטע היצ באמ דאווענ, די גרעסטע היצ אינ באָד״.

יוזיס פאָטער איז „זייער יונג געשטאָרבנ, איז געשטאָרבנ א זײַדנ קאָל, וואָס לייענט אינ דער טוירע, א קענער פון דיקדעק און פון בוכ־האלטעריע אפ יעדנפאל״. מיט די דאָזיקע ביאָגראפיעס איז בערגעל־סאָן מיסטאמע אויסן געווענ צו ווײַזנ, אז צו זײַנ עס־ערישער טעטי־קײַט האָט יוזינ געפירט סײַ זײַנ געיארשנט היים בלוט פונעם זיידנ, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אינעם זיידנס פאראקשנט־אומזיסטער לאָדעניש, סײַ דעם טאטנס פרוכטלאָזע קענטענישנ. און די מאמע זײַ־נע, יוזיס, איז דאָכ אויכ געווענ א לאָשנ־קוידעש־קענערקע און האָט באוווּנדערט „פרעמדע לײַט, — ווי בערגעלסאָנ דערציילט, — מיט אירע לאָשנ־קוידעשדיקע פסוקימ און מיט איר ענערגיע, וואָס קלעקט איר אפ אָנצוהייבנ אפנ אכט־און־פערציקסטנ יאָר פון איר לעבנ זיכ לערנענ אפ אקושערקע״.

אוואַדע האָט אינ דער דאָזיקער ביאָגראַפיע בערגעלסאָנ אויכ געזוכט אַט דאָס „דאָנ־קיכאָטישע“, צופעליקע, אָנגעבונדענע, וואָס האָט געהאַלטנ יוזינ אַ צײַט אינעמ עס־ערישנ קלעמ. אונ דערפאַר האָט אַט די גאָרע עס־ערישע „בלענדעניש“ מיטאַמאָל פונ אימ אָפּגעטאָנ זיכ, זי איז פּלוצלינג צערונענ, ווי נאָר דער דאָזיקער אָרנטלעכער פאַרפירטער פאַנאַטיקער יוזי האָט זיכ באַגעגנט פּאָנעמ־על־פּאָנעמ מיט דער ניכטערער געזונטער רעוואָלוציאָנערער באָלשעוויסטישער ווירקלעכקײַט. עטלעכע מאָל קערט זיכ אומ בערגעלסאָנ צומ אַנאַליז פונ יוזי ספּיוואַקס נעשאָמע־צושטאַנד אינ קאַמינאַ־באַלקער קאַמער, אונ יעדער מאָל שטרײַכט דער שרײַבער אונטער יוזיס מיטאַמאָליקנ גלײַכגילט צו זײַנ עס־ערישער פאַרגאַנגענהײַט. זײַנ געפיל איז, אַז „אינ דער אויסגעליידיקטער כורווע, וואָס ער טראָגט אינ זיכ, הייבט זיכ אָנ צו באַזעצנ עפּעס אַזוינס, וואָס איז אימ ביז איצט געווענ פרעמד אונ וואָס האָט אַ שײַכעס צומ קאַלטנ, אײַזערנעמ טראָפּנ יווישער, וואָס פיליפּאָוו טראָגט אינ זיכ“.

אַז יוזי דערזעט דאָ אינ קאַמער, דערציילט בערגעלסאָנ, דעמ זייגערמאַכער, וואָס האָט זיכ אַרײַנגעכאַפּט מיט פאַלשע פּעסער, טראַכט ער, אַז „ער, יוזי אַליינ, פלעגט דאָכ אויכ האָבנ באַ זיכ אַ פאַלשנ פּוילישנ פּאַס“. אונ נאָכ טראַכט ער, אַז: „ווי־ניט־ווי — אינ דער ברודיקײַט, וואָס ציט זיכ פונ אַט דעמ ייִדנ אונ פונ אַנדערע אַזעלכע ווי ער, איז געווענ באַטייליקט אויכ ער, יוזי, נאָר דאָס אַלצ איז, דאַכט זיכ, שוינ געווענ אַזוי לאַנג, אונ דער פּוסטקײַט, וואָס ער טראָגט אינ זיכ, איז איצט אַלציינס, צי דאָס איז געווענ צי ניינ — די פּוסטקײַט, וואָס ער טראָגט אינ זיכ, וויל בלויז איינ זאַכ — דרעמלענ... דרעמלענ אונ געדענקענ:

— ווענ אַ ריינע האַנט זאָל וועלנ לײַטערנ די וועלט, וואָלט זי ווירקלעכ באַדאַרפט אויסראַמענ אַט דעמ גאַנצנ ברוד דאָ אינ צימער, צוזאַמענ מיט אימ, דעמ דרעמלדיקנ יוזינ“.

דעמ עמעס זאָגנדיק, איז בערגעלסאָנ אַ ביסל איינאַרטיק אינ דער דאָזיקער פּסיכאָלאָגישער שילדערונג פונ יוזיס סוביעקטיווע איבערלעבונגענ. דאָ פעלט דער גרעסערער קאָמפּלעקס פונ די יעניקע סאָציאַל־פּאָליטישע מאָטיווירונגענ, וואָס האָבנ אַזאַ מענטש ווי יוזי געפירט צומ איבערבראָכ אינ זײַנע פּאָליטישע פּראָגראַמאַטישע פּרינציפּנ. איינס איז אָבער זיכער: בערגעלסאָנ האָט איבערצײַגט, אַז בעטעווע איז יוזי דער מענטש, וואָס איז פעיִק געווענ באַ דעמ ערשטנ צוזאַמענשטויס עפענענ די ביז אַהער פאַרבלענדטע אויגנ אונ ווייפיל איבערלעבנ זײַנ פעלער־

האפט־דורכגעמאכטנ פּאָליטישנ וועג. בערגעלסאָנ האָט דעריבער איבערצײַגט, אז פּיליפּאָוו איז געווענ גערעכט, בעשאס ער האָט יוזינ באפרײַט, אונ ס'איז נאטירלעכ, ריכטיק, וואָס יוזי איז אינגיכנ נאָכ דער באפרײַונג געקומענ אינ קאמינאָ־באלקע, האָט אנערקענט זײַנ שולד אונ געשטעלט זיכ אינ די רייענ פונ די, וואָס פארווירקלעכנ אינ לעבנ דעמ באָלשעוויסטישנ מידאס־האדינ.

בערגעלסאָנס סעריע אינטעליגענטישע געשטאלטנ איז אלנפאלס שטארק בארײַכערט געוואָרנ מיט איינער א פיגור, וואָס איז אינ דער רעוואָליוציע־צײַט געקומענ לויטנ ריכטיקנ אדרעס באקומענ אנ ענטפער אפ דער פראגע פונ יוישער, אפ דער פראגע פונ דער מענטשלעכער הומאניסטישער מאָראל, וואָס האָט באנאנד מיטנ שרײַבער געפײַניקט די גרעסטע צאָל פונ זײַנע ביז דער רעוואָליוציע באשאפענע אינטעליגענטישע טיפּנ. אָבער איצט שטייט שוינ דאָכ אליינ בערגעלסאָנ מיטנ פּאָנעמ צו דער רעוואָליוציע, וועלכע האָט אימ ביז אהער, ווי געזאָגט, געברענט בלויז אינ פּלייצע. איצט רעווידירט בערגעלסאָנ נאָכ איינע זײַנע א ליניע, די ליניע פונ די פאָלקס־מענטשנ, וואָס אָדער בערגעלסאָנ האָט זיי נאָכ „דעמ טויבנ“ אויסגעמיטנ צו בארירנ, אָדער בארירנדיק, האָט ער זיי ווייניקער פונ אלצ פארבונדנ מיטנ אָנוווקס פונ רעוואָליוציאָנערע שטימונגענ אינ די טיפענישנ פונ די פאָלקס־מאסנ.

עס האנדלט זיכ דעריקער וועגנ דער געשטאלט פונעמ יונגנ רויטארמייער פינקע ווײַל, דורכ וועלכנ בערגעלסאָנ האָט פארבונדנ די באָלשעוויסטישע קאמינאָ־באלקע מיט גאָליכאָווקער ארבעטערשאפט אונ מאסנ־מענטש. דאָס איז איינע פונ די וויכטיקסטע ליניעס דאָ אינעמ ראָמאנ, ווי אויכ אינ בערגעלסאָנס נאָכ־רעוואָליוציאָנערנ שאפנ. בענעגייע צו פינקע ווײַלנ האָט פיליפּאָוו, פונקט ווי צו יוזי ספּיוואקנ, אָנגעווענדט דאָס דערציִערישע מיטל אפ צו פארבינדנ אימ מיט דער רעוואָליוציאָנערער לעבנס־פּראקטיק. פינקע ווײַל שטאמט אויכ, ווי יוזי ספּיוואק, פונ א קליינבירגערלעכער מישפּאָכע, וועגנ וועלכער אליינ פינקע דריקט זיכ אויס אפ זײַנ אייגנטימלעכנ פאָלקס־נוסעכ, באווײַזנדיק יוזינ זײַנ פאָטערס אונ מוטערס פאָטאָגראפיע:

„— איר זעט צי נײַנ? א מישפּאָכעלע, א? פונ אזא מישפּאָכע קאָנ מענ האָבנ נאָר צאָרעס“.

זײַנ קורצע לעבנס־געשיכטע האָט דער יונגער פינקע ווײַל ליב אָנצוהייבנ מיט די ווערטער: „עס האָט זיכ אָנגעהויבנ פונ א קלאפּ אינ בויכ“. דאָס באטײַט די קלעפּ אינ בויכ, וואָס זײַנ טאטע האָט אימ איינמאָל געגעבנ, אונ די מאמע, זאָגט ער, האָט זיכ צו אימ „שטענדיק

געוויאזשעט", האָט ער באַשלאָסן אַוועק פון זיי וואָס ווײַטער, און אין ערגעץ, דערציילט פּינקע אָפן בערגעלסאָניש באַדײַטונגספולן אופן: „אין ערגעץ... וועט ער ניט זײַן פון זיי אַזוי ווײַט, ווי אין דער רויטער אַרמיי, כאָטש די רויטע אַרמיי האָט דענסטמאָל געהאַט איר קאַזאַרמע טאַקע בײַ זיי אין גאַס".

דאָס איז אין טאָב אַ לעבנס־וועג פון פילע, פילע יונגע יאַטן, וואָס זײַנען אין די יאָרן פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע אַוועק פון די ענגע דערשטיקנדיקע קליינבירגערלעכע היימען, אַוועק צו יענער ברייטער פרײַער ראַכוועס, וואָס די רעוואָלוציע האָט פאַר זיי געעפנט. פּינקע דערציילט ווײַטער, ווי ער האָט זיך געשלאָגן אויף פאַרשיידענע פראָנטן, איז געווען פאַרוווּנדעט, „און די וווּנד איז די ערשטע טעג געווען בײַ אים טײַער, ווי דער ביס פון אַ מיידל, וועלכע מע האָט ליב". אָבער נאָכדעם ווי ער איז אַרויס פון שפּיטאָל, האָט די מאַמע אים צוגענומען אויף אַ ווײַלע אַהיים, מע האָט זיך אויף אים שטאַרק אָנגעזעצט, ער זאָל ראַכמאָנעס האָבן אויף די פאַראַרעמטע עלטערן און נעמען אויף זיך אַריבערפירן פון דער גרענעץ אַ קעסטל פאַר איינעם, וואָס האָט באַצאָלט דערפאַר. אויף פּאָטער צו ווערן איז ער געפאָרן צו דער גרענעצ אויסצופילן די שליכעס, און ווען מע האָט אים געכאַפּט, האָט ער אָקאָרשט, ווי ער זאָגט, „אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס מיט אים... האָבן געטאָן אייגענע טאַטע־און־מאַמע".

דאָ אין קאַמינאַ־באַלקע, זיצנדיק אין קאַמער, האָט פּינקע אָנגעשריבן אַ בריוו, אַ ביטע צום נאַטשאַלניק. און ניט וויסנדיק וו!אַזוי צו ענדיקן די דאָזיקע ביטע, „האָט ער פּלוצעם געענדיקט אַזוי, ווי עס דאַרף, לויט זײַן מיינונג, ענדיקן זײַן ביטע אַן עמעסער קאָמוניסט:

— און איצט, האָט ער געענדיקט, בעט איך דעריבער, מע זאָל מיך וואָס גיכער שיסן". און נאָכדעם, ווי פּיליפּאָוו האָט אים באַפרײַט, האָט ער זיך אײַנגעבעטן בלײַבן דאָ אין טייל בײַ פּיליפּאָוון.

מיט אַ פײַנער זשאַנר־כיינעוודיקײַט שטעלט אויף בערגעלסאָן די קאָלאָריטפולע געשטאַלט, די האַנדלונג און די רייד פונעם דאָזיקן ליב־נאַ!ווּן און האַרציק־איבערגעגעבענעם יונגן יאַט. בערגעלסאָן שילדערט זײַן באַגעגעניש מיט איינע״ אַ יונגער נייטערקע, פון גאָליכאָווקע, מיט „מאָדנע קײַלעכדיקע אויגן, שוואַרצע, ווי אָן ווײַסלעכער; דאָס נעזל באַם מיידל איז געווען אַ קליינס, נאָר זייער אַ קלוגס — אַזוי האָט זיך געדאַכט פּינקען — ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען, אַז אַ נעזל זאָל זײַן אַזוי אָנגעגאָסן מיט כאָכמע".

און אָט דאָס פּאָרל, פּינקע ווײַל און דאָס מיידל די נייטערקע,

אָרגאַניזירנ די יִדישע באַלמעלאָכעס אונ די אָרעמשאַפט פונ שטעטל.
פּילִיפּאָווס אופקלערונג אונ רייניקונגס־אַרבעט לײַטערט אויס צוביס־
לעכ די מויכעס פונ די גאָליכאָווקער האָרעפּאַשניקעס. זיי הייבנ אָנ
דורכצופירנ די קלאַסנ־ליניע אינ שטעטל, זיי טיילנ אויס פונ זיכ אַנ
אַטריאַד, וואָס גיסט זיכ אַרײַנ אינ קאַמינאַ־באַלקער באַזונדער־אָפּ־
טייל, ווענ די באַלעגופישע באַנדיטנ מאַכנ אַנ אָנפאַל אַפ גאָליכאָווקע
אונ דערהאַרגענענ שפּעטער דעמ נאַטשאַלניק פּילִיפּאָוונ. בערגעל־
סאָנ גיט דערבײַ אייניקע פולבלוטיקע שטייגער־בילדער פונ יענע יאָרנ.
ער דרינגט קינסטלעריש אַרײַנ אינ די וואַקסנדיקע דיפערענציר־פּראָ־
צעסנ פונ דער שטעטלשער באַפעלקערונג. די נײַע העל־אופגעקומענע
געזעלשאַפט־פאַרהעלטענישנ, נײַע האַנדלונג, פּסיכישנ שטייגער שיל־
דערט ער מיט דער זעלבער באַהאַונטקײַט אונ מײַסטערשאַפט, מיט וועל־
כער ער האָט געשילדערט אינ די ביזאַהעריקע ווערק דאָס פינצטערע
לעבנ אונ געזעלשאַפט פונ דער צײַט, וואָס ביז דער רעוואָליוציע.

ס'איז צו זענ אַפילע, אַז דער שרײַבער צאַמט זײַנ דראַנג צו פאַר־
ברייטערנ, צו געבנ אינ דער פולער מאָס די אָפּשפּיגלונג פונעמ
שטעטלשנ רעוואָליוציאָנערנ נײַלעבנ. אייניקע אָנגעמערקטע כאַראַק־
טער־פיגורנ: דער גוויר כײַקל בערעזאָווסקי, זײַנ אָנגעשטעלטער מוי־
שע וואָלאָווניק, דער באַלעגאָלע שפּאַק, אַפילע אַליינ די יונגע ניי־
טערנ — די אַלע, וואָס באַגעגענענ זיכ מיטנ אופגעקומענעמ רעוואָ־
ליוציאָנערנ קאַמפּ אינ שטעטל, זײַנענ פאַרשמעלערט דערפאַר, צו
גלייבנ, ווײַל דער שרײַבער האָט ניט געוואָלט פאַרברייטערנ די האַנד־
לונג אָפּנ כעזשבנ פונ די צענטראַלע סוזשעטישע ליניעס. די דאָזיקע
זײַנענ דאָכ דעריקער פאַרבונדנ מיטנ הויפּט־העלד פונעמ ראָמאַנ, מיט
פּילִיפּאָוונ, אונ אַוועקגיינ פונ זיי אינ דער זײַט פונ דער שטייגער־
שילדערונג, אַפילע רעוואָליוציאָנערע, וואָלט באַטײַט אַוועקגיינ פונ
דער צענטראַלער אידיי פונעמ ווערק, פונ דער אידיי וועגנ דעמ באָל־
שעוויסטישנ מידאַס־האַדינ, וואָס איז דורכויס פאַרבונדנ מיטנ נאַ־
טשאַלניק פונעמ קאַמינאַ־באַלקער באַזונדער־אַטריאַד—מיט פּילִיפּאָוונ.

4

פּילִיפּאָווס געשטאַלט ווערט מער אָדער ווייניקער אויסגעקלאָרט
דורכ די ביז אַהער אַרומגערעדטע באַציִונגענ זײַנע צו די אַלע, מיט
וועלכע ער האָט געהאַט צו טאָנ לויט דער ליניע פונ דער רעוואָליוּ־
ציאָנערער גערעכטיקײַט. ער שטייט פאַר די אויגנ — דער, וואָס האָט
אַנטפּלעקט אונ פאַרורטיילט די שווערע פאַרברעכנס פונ לעמבערגערנ

און פונ דער בלאַנדער, געוווּסט וויאַזוי צו ווירקנ אפּ שמועל וואָלצים און דערציִעריש דערנעענטערנ יוזי ספּיוואק און פּינקע ווײַל.

„— אלע כאַפּט איר אַנ פּאַרנ גאָרגל, אלע ווילט איר רײַסנ שטיקלעך, ווער מיט צולאָכעס, ווער מיט פּאָדערונגענ, ווער מיט בעטנ ראַבמאָנעס", זאָגט פּיליפּאָוו און היט דעם מאַטעריִעלנ און דעם גײַסטיקנ פאַרמעג פונ דער רעוואָליוציע. בערגעלסאָנ באַווײַזט דעם באָלשעוויק, וואָס קאָנ זײַנ שטרענג מיטנ קלאַסנ־סוינע און געפינט אויך דאָס כאַווערישע וואָרט אפילע פאַרנ פאַרזינדיקטנ האָרעפּאַשניק. ווי, אַשטייגער, פאַר בונעמ דעמ רויטנ, פאַרנ באַלעגאָלע, בא וועמענ פּיליפּאָוו האָט א פרעג געגעבנ, ווי אלט ער איז?

„— אכט... און דרײַסיק, — האָט ער ארויסגעלאָזט פונ מויל זייער פאַרוווּנדערט, געהיט און מיט אזא געפיל, גלײַכ ער וועט באלד דערופ כאַראָטע האָבנ.

— נו, אָט, — האָט געזאָגט פּיליפּאָוו, — איכ אויכ... אומגעפער.

און בונעמ האָט מיטאמאָל דערפילט, אז דער נאַטשאַלניק האָט צו אימ גאָרנישט. דער נאַטשאַלניק איז מיט אימ אינ איינע יאָרנ".

בערגעלסאָנ שילדערט דעמ באָלשעוויק, וואָס לעבט מיט דער רעוואָליוציע; מיט אלע קעמערלעכ פונ זײַנ הארצ און מויעכ לעבט ער מיט איר. אפּ דער דאָזיקער רעוואָליוציע ארבעטנ אלע זײַנע געדאַנקענ און אלע זײַנע אינסטינקטנ, און דערפאַר דערקענט ער מענטשנ און שטעלט יעדערנ פונ זיי אפּ זײַנ ריכטיקנ אָרט, פאַרהיטנדיק די נײַע רעוואָליוציִאָנערע געזעלשאַפט, וואָס ער איז אוועקגעשטעלט אײַנצואָרדענענ. בערגעלסאָנ רעדט דערבײַ אומעטום וועגנ דעם אײַזערנעמ קאַלטנ טראָפּנ יוישער, וואָס האָט אָנגעפירט מיט פּיליפּאָווס טאַטנ. „דער אײַזערנער טראָפּנ, וואָס קער צו דער רעוואָליוציע און האַרטעוועט און האַלט אָפּ... שטענדיק אינ אלע שווערע מינוטנ האָט אימ אָט דער טראָפּנ אונטערגעזאָגט דאָס נייטיקע, דאָס ריכטיקע..."

אזוי זאָגט בערגעלסאָנ. אָבער אינ דער דאָזיקער דערקלערונג הילכנ טענער, וואָס האָבנ אינ טאָכ א קנאָפּע שײַכעס צומ עצעמ מעהוס פונ פּיליפּאָווס באָלשעוויסטישנ כאַראַקטער און אופירונגענ. די געשיכטע מיטנ „אײַזערנעמ טראָפּנ יוישער", וואָס דעמ שרײַבער איז אזוי ליב איבערצוכאַזערנ, די געדאַנקענ וועגנ דעמ „גרויסנ גערעכט" פונ דער רעוואָליוציע, וועגנ וועלכנ עס טראַכט נאָכאַנאַנד פּיליפּאָוו, — די אלע פאָרמולירונגענ אבסטראַהירנ אינ א געוויסער מאָס די פּראָבלעמ פונעמ רעוואָליוציִאָנערנ מידאַס־האַדינ, זיי פאַרוואַנדלענ טיילווײַז פּיליפּאָוונ אינ א מינ אבסאָליוטיזירטנ טרעגער פונעמ רעוואָליוציִאָנערנ

געוויסנ און זײַנענ ניט טאָמיד אינ אײנקלאַנג מיט פּיליפּאָווס קאָנקרעטע טאַטנ אַפּ צו פאַרטײדיקנ די רעוואָליוציע קעגנ אירע קלאַסנסאָנים. אַלײנ בערגעלסאָנ באַווײַזט, אַז די מאָס פונ גערעכטיקײט הענגט אָפּ באַם באָלשעוויק פּיליפּאָוונ פונ דער מאָס פונ פאַרברעכנ, איבער וועלכנ ער טראָגט אַרויס זײַנ אורטײל, און ניט פונ זײַנ טראָפּנ יוישער, וואָס ווערט אינ אַזאַ אַרט אַרויסזאָגונגענ אַ מינ קאַטעגאָריע אַנ און פאַר זיכ.

„דער נאַכט איז אַלצײנס, — טראַכט באַ בערגעלסאָנענ יוזי ספּיוואַק, — צי אַ מענטש, ווי פּיליפּאָוו, איז אויסער זײַנע אַנטפּלעקטע מײַסים ערגעצ טיפ אינ זיכ יעיצער־האָרעדיק, זינדיק. דער איקער איז: עטלעכע טראָגנ אַ שווערנ קאַסטנ, און אײנעמ איז אויסגעפאַלנ צו טראָגנ באַם שווערסטנ און שאַרפנ ווינקל — דאָרט, ווו מע צעשנײַדט זיכ די פינגער. אײנעמ איז אויסגעפאַלנ ניט צו געניסנ פונ דער האַנאָע, וואָס הײסט „ראַכמאָנעס", אַפילע באַם צעשנײַדנ די אײגענע פינגער".

בערגעלסאָנ געפינט אַזאַ בילדעריש־פּאַרטיפּטע, עמעס־רירנדיקע פאָרמולירונג פאַר דער אויפגעהויבענער פראַגע. אָבער דאָ פאָדערט זיכ גרעסערע קלאָרקײט, עס זאָל זיכ ניט באַקומענ, אַז דער שרײַבער שטעלט אינ פּיליפּאָוונ גופע דאָס געפיל פונ „דינ" קעגנ דעמ געפיל פונ „ראַכמימ". דעמ קריטערי פונ דינ איז באַ פּיליפּאָוונ ניט שײַעכ אָפּצוטײלנ פונ קריטערי פונ ראַכמימ. פּיליפּאָווס מידאַס־האַדינ שטאַמט פונ זײַנ הומאַניזמ. פּיליפּאָוו טוט ניט קײנ פאַרניכטונגס־אַרבעט. ער טוט אַנ אַנטשעדיקונגס־אַרבעט, און זײַנע פּערזענלעכע עטישע נאָרמעס פאַלנ צונויפ מיטנ גליק פונ דער מענטשהײַט. דער קריטערי פונ שולדיקײַט איז באַ אימ אַנ אָביעקטיווער, ניט קײנ סוביעקטיווער, די עטיק איז באַ אימ אַ מאַטעריאַליסטישע קאַטעגאָריע, דעריבער דאַרפ זיכ ניט דאַכטנ, אַז מע קאָנ אינ זײַנע טאַטנ אָפּטײלנ דעמ דינ פונעמ ראַכמימ.

צוליב דעמ באַקומט זיכ דאָ אינעמ ראָמאַנ, אַז פּיליפּאָוו איז ערטערווײַז אַ מינ מעדיומ, אַ מינ פאַטומ פונ דער גערעכטיקײט. פאַראַנ אַ מאָמענט, ווענ פּיליפּאָוו ווענדט זיכ צו פינקעס מוטער, וואָס בעט אימ פאַר איר זונ, און זאָגט צו איר: „פּיליפּאָוו, אויב דו ווילסט וויסנ, איז גאָר מײַנ צונעמעניש, מײַנ עמעסער נאָמענ איז גאָר אַנאַסטאַסיעוו. אַנאַסטאַסיעוו איז דאָ אַ זײַטיקער, פאַרשטאַנענ? אַנאַסטאַסיעוו קאָנ דיר גאָרניט העלפנ".

דאָ איז אַוואַדע נישט קלאָר די דאָזיקע צעצווײטקײַט פונ פּיליפּאָווס וועזנ, די צעטײלונג אַפּ אַנאַסטאַסיעוו דעמ מענטש און אַנאַסטאַסיעוו דעמ ריכטער, וואָס הײסט פּיליפּאָוו און דאַרפ קלוימערשט

אויספּילן זײַן פליכט אַן קיין באַזיונג צום מענטש, צום מענטשלעכן גײַסט, וואָס לעבט אין אים. בערגעלסאָן שאפט אפילע איינע א סי־טואַציע, ווו ס'קאָן זיך דאכטן, אז פּיליפּאָוו גופע ברענגט זיך פאר א קאָרבן און לאָזט זיך באדאכט איינער אליין אין וואלד ארײַן שלאָגן זיך מיט די באַלעגופישע באנדיטן, ביכדיי צו באווײַזן זײַנע געהילפן, אז ערשטנס, שטעלט ער אויך אײַן דאָס לעבן און, צווייטנס: „ווען מע ברענגט אים איצט קיין קאַמינאַ־באַלקע א געהארגעטן דורך די באַנ־דיטן, וואָלטן אַלע דאָרט אופגעברויזט און וואָלטן ארויסגעטראָטן אקעגן מאַשנע...”

דאָ פאָדערט זיך אויך גרעסערע קלאָרקײַט. פּיליפּאָוו דער אָנפי־רער, דער באַלשעוויק האָט רעכט גיין איינער אליין אין וואלד און אײַנשטעלן דאָס לעבן נאָר אין דעם פאַל, ווען ער האָט ניט קיין מעגלעכקײַט נעמען מיט זיך באוואָפנטע באווײַרים. אָט וועגן דעם האָט דער שרײַבער באדאַרפט געבן צו וויסן, ביכדיי עס זאָל זיך ניט באקומען, אז פּיליפּאָוו גייט אין טאָג אַפּ א מין זעלבסטמאָרד מיט דער קאַוואָנע צו ווירקן מיט זײַן אומקום אַפּ די צווייפלענדיקע באווייַרים פון זײַן אָטריאַד. דער שרײַבער האָט מיט טיפן פאַרשטאנד פאַר דער דעמאָלטיקער לאַגע דערציילט וועגן דעם ענטפער פון שטאַב אַפּ פּילי־פאָווס ווענדונג נאָך הילף:

„טוט ווי מיר, — האָט מען אים געענטפערט, — האַלט זיך אופּ מיט אייגענע קויכעס”.

און נאָך:

„מיר זײַנען ארומגערינגלט מיט אַן א שיר פראָנטן און האָבן אליין וויניק קויכעס; קיין שום מאכט וואָלט זיך מיט אזוי וויניק מענטשן ניט געהאַלטן”.

אָט די דאָזיקע סיטואַציע פארפּליכטעט פּיליפּאָוון נאָך מער היטן די קויכעס, געפינען פאַרזיכערנדיקע מיטלען. בערגעלסאָן האָט אין דער ריכטונג נישט אויסגעקלאָרט פּיליפּאָווס טאַט, אָט ווי ער האָט ניט אויסגעקלאָרט פּיליפּאָווס נעשאָמע־צושטאַנד, בעשאַס ער האָט גע־שריבן: „און דאָס פערזענלעכע אנאַסטאַסיעוו־געפיל איז אין אים פון רע־גע צו רעגע געוואָרן אַלץ טעמפער און טעמפער אונטערן דרוק פון יענער גרויסער זאַך, צו וועלכער ער האָט געדינט זײַן גאַנץ לעבן”. און ווײַטער: „מיט א טיפער דרעמלדיקער בענקשאַפט האָט ער איצט בלויז געוואָרט אַפּן סאָף פון זײַן דינען, פּילנדיק, אז דאָס קאָן און מוז זײַן אויך דער סאָף פון אים אליין — פון פּיליפּאָוון, וואָס האָט ביז דער רעוואָליוציע גאָר געהייסן אנאַסטאַסיעוו”. אָט אזוי פאַרטיפערט בער־

געלסאָן אין פלוג פיליפּאָווס צעצווייונג און גיט אים קלוימערשט אַרײַן דעם געדאַנק פון פּאַטאַלקײַט, פאַרוואַנדלענדיק אים גופא אין אזא, וואָס די רעוואָליוציע האָט אים פאַרמישפּעט, אַנדערש, באַקומט זיך, טאָר ער ניט מישפּעטן קיין אַנדערע, ער טאָר ניט, הייסט עס, אורטיילן, קאָלזמאַן ער איז ניט פּעיִק נעמען אַף זיך קיין אורטייל. „די שווערקײַט, וואָס אין קאָפּ און אין אַלע גלידער, — דערציילט ווײַטער בערגעלסאָן, — האָבן אים געגעבן צו פילן, אַז פאַר אים זײַנען איצט מעגלעך די זעלבע לײַדן און דער זעלבער טויט... און ניט צו העלפן — אַזוי איז אויסגעפאַלן.

נאָ! — האָט ער אַ טרײַב געטאָן אונטער זיך דאָס פערד.

און ער האָט פאַרקערעוועט אין דער זײַט פון ווערמינסקער וואַלד".

ער איז אַוועק, הייסט עס, אַהין, וווּ עס האָט אַף אים געוואַרט דעם סוינעס קויל. דאָ איז עפּעס פּאַרטונקלט באַם שרײַבער אין דער שיל־דערונג פון פיליפּאָווס קלוימערשט פאַטאַלן טאַט און אין דעם אַנאַליז פון זײַנע איבערלעבונגען. און צו גלייבן, אַז אָט־אָ די טיילווײַזע ניט אויסגעקלאָרטקײַט אין פיליפּאָווס כאַראַקטער־ליניע האָט געבראַכט דעם שרײַבער אויך צו געוויסע פעלערהאַפטע שטריכן אין דער שילדערונג פון פיליפּאָווס פּאָרטרעט. דאָ גייט אַ רייד וועגן דעם, וואָס פיליפּאָוו איז בא בערגעלסאָנען אַ קראַנקער מענטש מיט געשוואָלענע ווונדן אַפן פאַרבאַנדאַזשירטן האַלדז און נאַקן.

בערגעלסאָן דערציילט, אַז די דאָזיקע ווונדן האָט פיליפּאָוו אָנ־געלעבט אין די שאַכטעס, וווּ ער האָט פון קינדווײַז אָן געאַרבעט, אָבער סײַוווי מאַכט אים די דאָזיקע כראָנישע קרענק פאַר אַן אָפּגע־שיידטן פון אַלעמען, עפּעס באַקומט ער פון דעם געוויסע נעזירישע מידעס, און בערגעלסאָנס שילדערונג, ווי פיליפּאָוו בינדט איבער די וויקלשנורן אַפן האַלדז, זײַנען פאַרבונדן מיט די אַסאָציאַציעס פון דער לעגענדע וועגן מאָשיעכן, וואָס בינדט איבער די ווונדן אין די טויערן פון רוים...

אָבער די אַלע פעלערן אין דער שילדערונג פון פיליפּאָווס פּער־זענלעכקײַט ווירקן ניט אַף דעם עצעם אינהאַלט פון בערגעלסאָנס ערשטן רעוואָליוציאָנערן ראָמאַן. מייסטנס זײַנען דאָס שרײַבערשע באַטראַכטונגען, וואָס לאָזן זיך לײַכט אויסקלאָרן אָדער דערווײַטערן. די לעבנס־דערקענטעניש פונעם ראָמאַן איז אומגעהייער גרויס און ווערטפול. באַנאַנד מיט די דערקענטענישפולע געשטאַלטן דאַרף אָפּ־געשאַצט ווערן דער אַלגעמיינער רעוואָליוציאָנערער און אָפּטימיסטי־שער גײַסט פונעם ווערק, דעם שרײַבערס פאַרגלייבטקײַט אין דעם

גרויסנ עטישנ פארמעג פונ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, פונ דער פראָלעטארישער דיקטאטור, וואָס איז געקומענ ענדערנ דאָס לעבנ, לײַטערנ דעמ מענטשנ, געבנ אימ נײַע מאָראלע נאָרמעס צוזאמענ מיט דער נײַער ווירטשאפטלעכער אונ געזעלשאפטלעכער סיסטעמ.

אינ „מידאס־האדינ" איז באשײַמפערלעכ באוויזנ, ווי עס זאמלענ זיכ אונ ווי עס זיגנ די קויכעס פונ דער רעוואָליוציע, ווי די אלטע וועלט ווערט צעמאָלט, אָפגעשטויסנ אונ אפ דער געשיכטלעכער ארענע טרעטנ ארויס נײַע קעמפערישע מאסנ־קויכעס, די רעוואָליוציאָנער איבערדערצויגענע פאָלקס־מענטשנ. אינ דער הינזיכט ווארפנ זיכ אינ די אויגנ די לעצטע מוסטערהאפטע זײַטלעכ פונעמ ראָמאנ, ווו עס ווערט געשילדערט דער אופברויז פונעמ האָרעפאשנעמ שטעטל, פינקע ווײַלס אופגעשטורעמטער אויסגעוואקסענער פאָלקס־געמיט, די קאָנצענטרירטקײַט פונ קראפט אונ ווילנ ארומ דעמ אומגעקומענעמ פיליפאָוונ. ס'איז ווונדערבאר דערפינדעריש סײַ די רעדע פונ איגומענקאָ, וואָס האָט ניט געפילט, אז ער ענדיקט פונקט, ווי עס פלעגט ענדיקנ פיליפאָוו: „טשטאָ ווי, שוטיטע?" סײַ פינקע ווײַלס רעדע — דעמ פינקע ווײַלס, וואָס האלט איצט א רעדע צומ ערשטנ מאָל אינ לעבנ:

„ער וויל זאָגנ, פארוואָס האָט פיליפאָוו אָפגעגעבנ זײַנ בלוט אונ זײַנ לעבנ. עס שאט ניט, וואָס ער איז אזוי שטארק הייזעריק. די כאוויירימ קוקנ מיט פארשטאָרבענע הערצער, ווי די בלוטנ גיסנ זיכ אימ ארײַנ אינ פאָנעמ פונ וועלנ שרײַענ מיט אלע קויכעס; זיי זעענ, ווי עס שאָקלענ זיכ זײַנע ליפנ, כאָטש דער ווינט אינ דרויסנ איז א שטארקער אונ מע הערט קימאט ניט קיינ איינ וואָרט — סײַוויסײַ זײַנענ ניטאָ קיינ ווערטער פאר דער זאכ, פאר וועלכער פיליפאָוו האָט אָפגעגעבנ זײַנ לעבנ. ס'איז שוינ עפשער גאָר גיכער א מײַלע, וואָס פינקע איז אזוי שטארק הייזעריק, ביים ער רעדט..."

דאָ בא דער אופגעקומענער פובליציסטישער פארשארפטקײַט געפינט אויכ בערגעלסאָנ זײַנ אייגנטימלעכ בילד אונ פארב, וואָס פאראלגעמיינערנ דעמ קאָנקרעטנ פאקט אונ שאפנ אנ אונטערטעקסט, אזא מינ סימבאָליזירנדיקנ באטײַט פונ דער לאגע אונ פונ די אומשטענדנ. אונ נאָכ: ס'איז איצט פארשווונדנ די פאמעלעכדיקײַט, דער שווערער גאנג פונ דער באלאָדענער שורע. אפ בערגעלסאָנס פאליטרע זײַנענ דערשינענ פארבנ, וואָס גיבנ א מעגלעכקײַט צו פארברויכנ אזוינע געקירצטע לאקאָנישע פענדזל־שמירנ, עס קומט אופ די קורצע לאקאָנישע פראזע, וואָס ווערט שפעטער די טאָנ־געבערנ אינ בערגעלסאָנס ערשטנ באנד „באמ דניעפער" אונ באפארבט דעמ דעמלטיקנ פעריאָד

פון בערגעלסאָנס סטיל־זוכענישן אפן וועג צו זײַן אייגנאַרטיקן פול־בלוטיקן סאָציאַליסטישן רעאַליזם.

„עס איז געווען פרײַטיק.

דער טאָג — ווי א מײַכל מיט רויך, ווי דער רייעך פון אַלערליי מיסטן, וואָס גליִען אפ מיסטפעלדער. די שאָען — דערעסן קאַלטע, ווי דער משאַלנט אליין; ווי גאַליכאָוועקער אומגליק:

— פון וואָס וועט מען איצט לעבן?

אינדערפרי האָט ווי אפ פרילינג א שנײַ געטאָן די זון — דער־פרייט די ווײַסקײַט אפ באשנייטע דעכער.

אפ דער ווײַטער הרעבליע האָבן נאַקעט א קלאַפּ געגעבן די רעדער פון א וואָגן".

און נאָך א בײַשפּיל:

„געווען איז שוין מאַמעש טונקל, ווען די פור מיטן דאָקטער האָבן צום ערשטן קאַמינאָ־באַלקער טויער דערגרייכט.

לעבן טויער — אָנגעפּרוירענע ווײַבער, וואָס מע לאָזט אַרײַן איין מאָל אין וואָך צו די אַרעסטירטע מאַנען; זיי קלײַבן זיך פאָרן אפ נאַכטלעג צוריק קיין גאַליכאָוועע.

אין טויער — אן אויסגעשניטענער „קוקער" אין דער פאָרם פון א האַרץ.

אי „קוקער" — א פּאַרקאַטערטע שפּיץ נאָז פונעם אָנגעפּעלצטן דעזשורנעם און זײַנע געדראָלענע ליפּן, וואָס שאָקלען זיך מיט דאַמפּ".

די דאָזיקע סטיל־אייגנשאַפט דאָמינירט אינעם ערשטן באַנד „באַם דניעפּער", ווו זי נעמט שוין אָן אפילע אן אויסגעשפּראָכענעם גראַ־פישן כאַראַקטער:

„געדרונגענע איז פון אַלץ, וואָס מע רעדט אַרום פענעקן:
מיטן קראַנקן שוואָגער כאָזמ איז שלעכט.
מיט כאָזמענע האַלט א סאַך ערגער, ווי מיטן קראַנקן טאַטן.
מער ווי אַלע ריידן וועגן דעם פענעקס עלטערע שוועסטער ציריל —
כאָזמס ווײַב — און גאָר די עלטערע שוועסטער לייע.
לייע שאָקלט קוים מיט די ליפּן".

אַזאַ כאַראַקטער טראָגן אויך גאָר די ערשטע שורעס פונעם „באַם דניעפּער":

„אָדאָם, שיים, ענויש.

אַזוי האָט א טייל פון זיי געוואָלט, זאָל מען אָנהייבן וועגן זיי דערציילן, ווי וועגן אָוועס

דאָך...

פון ליבע צו קורצקײט קומט אויס אָנהייבן אָט אזוי"...

„ליבע צו קורצקײט" באטײט בא בערגעלסאָנען די לאקאָנישקײט, וואָס אקטיוויזירט דאָס געמעל, דעם אָפּגאנג פון דער פּרינעריקער באַטראכטערישער צייכענונג, די דערנעענטערונג צו דער פּראָזע, וואָס גייט דירעקט צום ציל, דריקט אויס אָפּן דעם שרײַבערס אויסגעשפּראָכענע אורטיילנדיקע מיינונג. די דאָזיקע אופגעקומענע סטיל־אייגנשאפטן האָבן עפּעס ווי אליין פון זיך באווײַזיקט די רעפליק אין דער דריטער פּערזאָן און זי איז פארשוואונדן אין „מידאס־האדין". בערגעלסאָנס נאטור־שילדערונג האָט זיך אויך מער אקטיוויזירט, געוואָרן לאַקאָנישער. בערגעלסאָן איז איצט דירעקט און צילגעווענדט אין דער אנימיזירונג פונעם פּייזאזש און קעגנשטאנד. אזא איז אויך מייסטנס די רעפּליק, וואָס ער גיט ארײַן, ווי שטענדיק, אין מויל, אויב מע קאָן אזוי זאָגן, פונעם נאטור־מאָרט, פונעם פּייזאזש און בייפּעצ.

„גאָליכאָווקע:

א שטעטעלע, וואָס פארברודיקט דעם בארג־אראָפּ, א קארגע שאָפּאָרן פון קאמינאָ־באלקע".

און באלד ווײַטער:

„טיילמאָל קלינגט דער קלויסטער אין ווײַטן ווינקל — אן אלטער קלויסטער, א קאטוילישער.

עס ווערט דאן מאָדנע: ער איז טויט, טויט, דער קלויסטער. פּלוצעם קלינגט ער.

ער ווערט אנשוויגן, דרעמלט דאן דער גאנצער דרויסן. זײַן אויסדרוק:

— איך זע ניט קיין ארײַנפּאַרנדיקע פורלעב — איך וויל ניט קוקן".

און אָט איז אן אָפענע סאָציאַלע כאראקטעריסטיק פון א באלעגופיש דאָרף:

„רעכטס פון גאָליכאָווקע איבער צוג־ווינטן און איבער פּעלדער האָט געשריגן פון שלאָף א רוישיק וועלדל.

ווײַטער פון וועלדל, בארג־ארופ און בארג־אראָפּ האָט, ווי א גרויסע פארגליווערטע סטאדע, זיך געלופטערט יאנאָווע — א גרויס דאָרף מיט ביטרע ווײַסע באטקעס אין די קויטיקע הויפן און מיט שטייַנערנע פּארקנס, וואָס זײַנען ווײַט פארוואָרפן אין ביידע זײַטן פון שמאָלן געפרוירענעם טײַך.

צו יאנאָווע האָבן געפּאסט שטיינערנע פּארקנס.

יעדער יאנאָווער איז געוועזן פּאראקשנט און האָט דערמאָנט אָן זײַן פּאַרקן:

— שטיינ, שטיינ...״

און אָט איז א נאַטור־שילדערונג פונעם זעלבנ אַרט:

„די זײַט, וואָס צו דער גרענעצ:

א הוילער לאָב.

אמאָל זײַנענ דאָרט געלאָפֿנ און זיכ געקרייצט די וועגנ. איצט שיט דאָרט שניי, ווי אפ כּאַרעוו צו מאַכנ א לאַנד, ווי אפ אנ אומקור־מעניש״.

און נאָכ:

„איז דאנ געוועזנ איינער אזא באַטאַג, — א שווינדלערישער, ווי בונעמ דער רויטער מיט כאַצקל שפּאַק — א באַטאַג, וואָס גיט זיכ אויס פאַר א טונקעלנ פאַרנאַכט״.

וועגנ די שטיבער פונ בא דעמ גרענעצ־דערפל, וואָס דינט פאַר אלערליי שמוגלערס, דערציילט בערגעלסאָנ: „אלע נײַנ שטיבער נעבּ־טיקנ א גאַנצנ ווינטער אינ דרויסנ — אזוי דאַכט זיכ, — עס בלאָזט אפ זיי פונ אלע זײַטנ״.

און וועגנ א פּייזאַזש ערעוו אנ אופשטאַנד:

„בלוטיקע סרייפע־פלעקנ זײַנענ צו פאַרנאַכט צו געהאַנגענ אינ דער ווײַטער כמאַרע, וואָס צו דער גרענעצ — פײַערדיקע מילכאָמע־פלעקנ״.

וועגנ די פײַערנ אינ קאַמינאַ־באַלקע:

„די פײַערנ אינ די באַלויכטענע פענצטער פונ דער קאַנצעליאַ־ריע — בייזע פײַערנ. מע האָט בא זיי גענומענ די בלאָנדע אפנ ערשטנ זייער לאַנגנ פאַרהער״.

און נאָכ:

„עס פינקלענ דאָרט נאָכ פונ באַנאַכט אָנ די ניט־אויסגעלאָשענע פײַערלעכ, און אויכ אָט די פײַערלעכ, דאַכט זיכ, זײַנענ קאַלטע, שטי־לע, אָנ א האַנענ־קריי — פײַערנ, וואָס לײַכטנ אַרײַנ מיט באַנאַכטיקנ מידאַס־האַדינ אינ גרוי־ווערנדיקנ טאָג אַרײַנ״.

אז בערגעלסאָנ וויל מאָלנ א טאָג, וואָס פאַר א פּלוצעמדיקנ אָנ־פאַל, טוט ער זיכ א זאָג:

„נאָר אפ מאָרגנ האָט דער טאָג זיכ געגעבנ א שרומפּ אײַנ און האָט גלײַכ פאַרלאָרנ זײַנ ערשטע האַלב״.

די דאָזיקע לענגערע רעשימע איז באַרופנ איבערצײַגנ, אז בא בער־געלסאָנעס האַנדלט זיכ איצט וועגנ נײַע מיטלענ וויאַזוי צו שילדערנ די נאַטור און קעגנשטאַנד מיט קאָנדענסירט־שלאָגוודיק, סאָציאַל־כאַראַקטעריזירנדיק בילד, וואָס טוט א שנײַנ פאַרנ אויג, שנײַדט זיכ

אריַין אין זיקאָרן און פאַרוועבט זיך דירעקט און אינגאַנצן אין דער שטימונג און כאַראַקטער פונעם מענטש און האַנדלונג, וואָס דער דאָזיקער פּייזאַזש און קעגנשטאַנד באַגלייט.

דאָס זעלבע איז אויך מיט בערגעלסאָנס פּאָרטרעט אין „מידאַס־האַדין" — אַ שאַרף שלאָגעוודיק און סאָציאַל כאַראַקטער־געמעל, וואָס איז אויסן אורטיילן, אָפּגן אַרויסזאָגן אַ מיינונג. די בלאָנדע: „אַ מאָדנע שיינקייט פון אַ פרוי: אַ קאָפּ געדיכטע האָר, בלאָנדע, גלאַטע, מיט אַ גלאַנץ, אַ קריסטן און אַ שטרענגע אַזאַ — גלייך באַקריסטן זיינען אויך פאַראַן גוטע ייִדן, און אויך זיי האָבן טעכטער — שטרענגע טעכטער, וואָס פראַווען טישן..." דער דאָקטער באַביצקי: „אַ געלער קירבעס מיט לאַנגע גרויע האָר". „סאָפיאַ פּאָקראָווסקאַיאַ אין די קינדער־יאָרן:

אַ מיידעלע פון אַ יאָר צוועלף מיט קרומלעכע אַקסלען און קאָנוולסיע־צופּאַלן.

אַז דאָס מיידעלע גייט גיך, באַקומט דאָס אַ בייכל און הינקט אונטער, ווי אַ ווייבל אין קליין־טראָגן".

פון דעם אָרט זיינען אויך די פּרעכטיקע דעמאַסקירנדיקע פּאָרטרעטן פונעם „פּאָדפּאָלניק" יאָכלזאָן און זיין פרוי.

און די פּאָזיטיווע פיגורן: פּינקע ווייל — „אַ ניינצניאָריקע יונגלשע פיגור, וואָס פּילט זיך גראָמ אין די ברייטע רויטאַרמייִשע קליידער, אַ פאַרברוינט קינדערש פּאָנעמ מיט שוואַך־שפּראָצנדיקע וואָנצעלעך, מיט מיידלשן כיין אַרום דעם מויל און אַרום די אויגן, וואָס בעטן, מע זאָל זיי אָנקערן אַ שטיקל קאָרעוו". פיליפּאָוו, ווי מע שטעלט אים פאָר אין גאָליכאָוועקע:

„ — ער איז גרויס ווי אַ ריז.

— ער טראָגט אַ גרויען פּויערשן בעקעש, אַן אָפּגעפליקט פּויערש מיצל.

— ער איז אַ געגאָלטער.

— זיין פּאָנעמ איז פאַרוואַקסן מיט שטעכלקעס".

און אין העסקעם מיטן פאַרשאַרפטן אויסגעקלאָרטן אידייען־וועג, וואָס דריקט זיך אויס אינעם געמעל פונעם פּאָרטרעט און פּייזאַזש, שטעלט איצט אויך אויף בערגעלסאָן די אַרכיטעקטאָניק, די קאָמפּאָזיציע פונעם ראָמאַן אינגאַנצן גענומען. די האַנדלונג פון „מידאַס־האַדין" קומט פאָר אייגנצייטיק אויף דריי איקער־פּלאַצן: אין קאַמינאָבאַלקע, גאָליכאָוועקע און אין געגנט. דאָס דאָזיקע פּאָדערט באַם שרייַבער ניט פאַרהאַלטן, ניט פאַרלאַנגזאַמען דעם טעמפּ פון דער שיל־

דערונג, פלינקער אריבערגייג פונ איינ פלאצ צומ אנדערנ, ביכדיי צו פארהיטנ די איינהײַטלעכקײַט פונ דער האנדלונגס־אנטוויקלונג. פארשטארקט דעריבער איצט בערגעלסאָנ די פאבוליסטישע ליניע, וואָס ווערט בײַ אימ פארצווײַגטער, שפאנענדיקער, מיט א גרעסערער אינטריגע אונ מיט מערערע פאסירונגענ, ווי אינ די פריִערדיקע ווערק זײַנע.

דער בלאָנדערס ערשטער אונ צווייטער פרווו אריבערגייג די גרענעצ, דעמ דאָקטערס באזוכ אינ קאמינאָ־באלקע, פיליפאָווס באגעגנישנ מיט די ייִדנ אינ גאָליכאָווקע, די געריכטנ, יוזימ אונ פינקעס באפרײַונג, דער עס־עריש־באנדיטישער בונט, די געשיכטע מיטנ פארשטעלטנ פויער, וואָס ווערט א צײַט לאנג ניט אנטפלעקט, פיליפאָווס טויט אונ דער אופשטורעמ אינ שטעטל — דאָס זײַנענ אלצ דורכווייקע האנדלונגס־קנופנ, וואָס באווײַזנ, אז בערגעלסאָנ אָריִענטירט איצט זײַנ סוזשעטישע ליניע אפ די אָביעקטיווע געשעענישנ, צעשטעלטע ווי וועגווײַזער איבער דער לענג פונעמ ראָמאנ.

דערבײַ איז צו באמערקנ, אז דער פארגיכערטער פאסירונגספולער טעמפ פארמינערט ניט ניט די פסיכאָלאָגיש־געדאנקלעכע פארטיפערונג, ניט דעמ בילדעריש־קינסטלערישנ געוויכט פונ די געשילדערטע עפיזאָדנ. אפ א קנאפנ האנדלונגס־שטעטעכ גיט דאָ בערגעלסאָנ א מאסנ־בילד, וואָס שטייט אפ דער הייכ פונ זײַנ מײַסטערישנ פענדזל. אזעלכע זײַנענ: די פארזאמלונגענ אינ גאָליכאָווקע, די סצענעס באמ טויער פונ קאמינאָ־באלקע, דער פאָגראָמ אינ שטעטל, די דעמאָנסטראציע אונ פיליפאָווס לעווײַע־פארזאמלונגענ. דאָס זײַנענ, ווי טאָמיד בײַ בערגעלסאָנענ, זשאנער־בילדער, וווּ ס'איז דאָ דערקענטעניש־פולער שטײַגער, כאראקטערפולע פערסאָנאזשנ אונ צילגעווענדטע אידייִ.

אינטערעסאנט איז די איינציקע ליבע־ליניע, וואָס איז דאָ אינעמ ראָמאנ. די דאָזיקע באהאלטענע, ניט ארויסגעזאָגטע ליבע פונ פינקענ מיטנ מיידל דער נייטערנ אנטפלעקט דער שרײַבער נאָר אינעמ פינאל פונעמ ראָמאנ, פארייניקנדיק דערבײַ אינ איינ קנופ דעמ רעוואָליוציאָנערנ אופברויז, וואָס וואקסט אויס בײַ די מאסנ נאָכ פיליפאָווס טויט, מיטנ אופשוומ פונ די ליבע־געפילנ בײַ דער פאָר. צומ ערשטנ מאָל אינ ראָמאנ רעדט דאָכ דאָ פינקע ארויס דעמ נאָמענ פונ זײַנ מיידל, דעמ נאָמענ, וואָס איז, ווי דער שטייגער איז בײַ בערגעלסאָנענ אינ אזוינע פאלנ, געבליבנ ביז דאנ א סאָד אויכ פארנ לייענער.

„זי האָט שוינ געוווּסט, אז מע האָט געהארגעט פיליפאָוונ, — שילדערט בערגעלסאָנ די דאָזיקע רעגע, — דאָס הארצ האָט איר געזאָגט, אז פינקע וועט איצט קומענ — איר בליק איז געווענ אזא, וואָס

זאָגט אַז אַפּ איין מאָלביידע זאַכן — ביידע גיסן זיך צונויף אין איי־נער א ביז גאָר גרויסער וויכטיקייט און וואַקסט און וואַקסט, אַזוי אַז בא פינקען קלאַפּט שוין אויך דאָס האַרץ. עס שטויסט אים אַן אויפ־הער, ער זאָל צוגיין צו איר גאָר־גאָר נאָענט, ער זאָל זי אָנעמען פאַר דער האַנט, ער זאָל זאָגן מיט זיין מויל איר נאָמען:

— באסי...״

און ווייטער:

„בא ביידע וויגן זיך שטאַרק די ברוסטן — פון וואָס? פון דעם, וואָס מע האָט געהאַרגעט פיליפּאָוון? פון דעם, וואָס זיי האָבן זיך ליב? אַלציינס... ס׳איז ווי איינע און די זעלבע זאַך, און זיי זיינען ביז גאָר געריררט״.

דאָ באַהעפט זיך בערגעלסאָן מיטן לירישן שטראָם, וואָס איז אים אַזוי ליב געווען אין אַלע זיינע ביזאַהעריקע ווערק. אָבער דאָרט האָט זיך געהאַנדלט וועגן לירישן באַדויער, און דאָ גייט א רייד וועגן דער לירישער פרייד. דאָרט האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער „צעשטערטער פּערזענלעכקייט״, און דאָ גייט א רייד וועגן דעם אופקום פונעם ניי־עם מענטשן, וואָס אפילע טויט עפּנט אין אים דעם קוואַל פון שעפע־רישקייט, דאָס געפיל, וואָס פירט אים צו שלאָגן זיך פאַרן מענטש־לעכן יוישער, פאַר דער מענטשלעכער שיינקייט. וועגן דעם, אייגנט־לעך, האַלט דאָך איצט דער רויטאַרמייער פינקע ווייל זיין ערשטע רעדע אין לעבן.

אין דער צייט פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע האָט בערגעלסאָן אָנגעשריבן א דערציילונג מיטן נאָמען: „פריינטשאַפט״. די דאָזיקע דערציילונג איז געווידמעט דער טעמע פונעם צעבליטן סאָוועטישן הומאַניזם אין דער מילכאָמע־צייט באַם רוסישן שלאַכט־מאַן. דער שלאַכטמאַן, דערציילט בערגעלסאָן, האָט אַרויסגעפירט א יידיש צוויי־און־א־האַלב־יאָריק קינד פונעם פאַרטיזאַנישן טייל, אַריינ־געגעבן עס אין א קינדערהיים, געגאַנגען עס געווירע ווערן, געפרייט זיך מיט דעם, וואָס דאָס קינד האָט אים דערקענט, און געווענדט זיך צום שרייבער, וואָס איז מיט אים מיטגעגאַנגען: „זשאַנע, — האָט געזאָגט דער דאָזיקער שלאַכטמאַן, — מוז האָבן אין לעבן כאָטש איין מענטשן, וועלכן זי דערקענט! עטאַ אַטשען וואַזשנאָ!״

און בערגעלסאָן גיט דערביי צו:

„אין מיינע אויערן האָבן נאָך אַלץ געקלונגען זיינע ווערטער: „עטאַ אַטשען וואַזשנאָ!״

מיר האָבנ זיי שטארק דערמאָנט אינ די ווערטער, וואָס איכ האָב אמאָל, נאָכ אינ בירגערקריג, געהערט פונ אנ אנדער רוסישנ מענטשנ בא גאנצ אנדערע באדינגונגענ:

„— טשטאָ ווי, שוטיטע?!״

דער דאָזיקער „טשטאָ ווי, שוטיטע?!״ געהערט דאָכ פיליפאָוונ. דאָס איז פיליפאָווס רעגילעס־ווערטל. בערגעלסאָנ האָט אפ אזא אויפנ מיט יאָרנ שפּעטער אליינ אריבערגעוואָרפנ א בריק פונ דער טעמע פונ זײַנ „מידאס־האדינ״ צו די גרויסע שלאכטנ פונ דער פאָטערלענ־דישער מילכאָמע, א מילכאָמע פאר די גרויסע מענטשלעכע עטישע ווערטנ, א מילכאָמע פארנ הומאניזמ, וואָס האָט שטענדיק אָפּגעהילכט אינ בערגעלסאָנס ווערק.

VIII. טראָט נאָך טראָט

(דערציילונגען און פאַרצייכענונגען)

1

פון די לעבערע פופציק דערציילונגען, וואָס בערגעלסאָן האָט אָנ־געשריבן פאַר די סאָוועטישע יאָרן, זײַנען א פינף און דרײַסיק גע־שריבן אינעם ערשטן יאָרצענדליק נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. דאָס זײַנען די יאָרן, ווען בערגעלסאָן האָט איבעראַנײַס געזוכט א וועג צו דער גרויסער פאָרם, ווי מע זאָגט, געשמידט דעם נײַעם שאַפונגס־וואָפן פאַר די ראָמאַנען „מידאס־האדין'' און די ביידע בענדער „באַם דניעפּער''. אין די דאָזיקע יאָרן האָט בערגעלסאָן אַנטפּלעקט זײַן פולע פאַרבינדונג מיט דער נאָוועליסטישער פאָרם, פונקט ווי ער האָט פריִ־ער פאַר דער רעוואָליוציע באַוויזן זײַן גרויסע אָרגאַנישע באַהעפטונג מיטן ברייטן עפּישן לײַוונט, מיטן גרויסן ראָמאַן.

אײנעם א באַנד דערציילונגען, וואָס איז דערשינען אין מאָסקווע אין יאָר 1938 און איז מייסטנס געווידמעט דער טעמע פון בירגער־קריג, האָט בערגעלסאָן א נאָמען געגעבן „טראָט נאָך טראָט''. דער דאָזיקער נאָמען קאָן, דאַכט זיך, דינען פאַר א מערקצייכן, בעשאַס מע באַהאַנדלט דעם וועג, די איקער־אייגנשאַפטן פון בערגעלסאָנס נאָ־וועליסטיק. אַלע בערגעלסאָנס דערציילונגען, פונקט ווי זײַנע ראָמאַנען, זײַנען אין גרונט פאַרבונדן מיטן גרויסן געשיכטלעכן וועג פון דער געשילדערטער געזעלשאַפט. אין אַלע זײַנע דערציילונגען גייט ער טאַקע טראָט נאָך טראָט נאָך דער אויספאָרמירונג פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט. קימאַט כראָניק־אַרטיק פאַרצייכנט בערגעלסאָן מייסטנס די מענטשן, געשעענישן און איבערלעבונגען, וואָס בילדן דעם עצעם כאַראַקטער פון דער תקופה, אירע צוזאַמענשטויסן און דערגרייכונגען. די סעריע דערציילונגען וועגן בירגערקריג שטעלן מיט זיך פאָר אַפי־לע א מין ראָמאַן, א כראָניק, אָן אײנהײַטלעכן געפלעכט פון באַזונ־דערע נאָוועלן, געבונדן דורך דער אײנהײַטלעכקײַט פון צײַט, מענטש, טעמע און שטימונג.

בערגעלסאָנס נאָך־אָקטיאַבער־דערציילונגען זײַנען אין גרונט גע־ווידמעט די איקער־טעמעס פון דער טקופע: בירגערקריג, אופבוי, שטייגער־לעבן און, לעצטנס, דער טעמע פון דער פּאַטערלענדישער מיל־כאָמע. דערבײַ גייען דערהויפט אַרײַן אין דער טעמע פון אופבוי — קאַלווירט און ביראָבידזשאַן, און אין דער שטייגערישער טעמע גייען אַ רײ דערציילונגען וועגן אויסלאַנד און עטלעכע דערציילונגען אָפּ דער טעמע פונעם פאַר־אָקטיאַבערישן אַלט־לעבן. אין די אַלע דער־ציילונגען אָן אויסנאַם הערשט שוין פולשטענדיק די רעוואָליוציאָ־נערע אידיי, די לעבנס־ענדערנדיקע וועלט־אַנשויונג, וואָס האָט גע־קנאָטן בערגעלסאָנס נײַע סאָציאַליסטיש־רעאַליסטישע קינסטלערישע פאָרמ, געהאָלפן שאַפן דעם נײַעם סטיל און לעקסיק פון זײַנע סאָוועטישע גרונט־ווערק.

איז אָט, צום אַלעם ערשטן וועגן די דערציילונגען, וואָס זײַנען געווידמעט דעם בירגערקריג. וועגן די דערציילונגען שרײַבט בערגעל־סאָן אין זײַן קורצן פאָרוואָרט צום באַנד „טראָט נאָך טראָט״: „וואָס ריכטיקער און טיפער אַ סאָוועטישער שרײַבער דרינגט זיך דורך מיט דער אידעאָלאָגיע פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, אַלץ מער ציט אים פון צײַט צו צײַט זיך אומקוקן צו דער טעמאַטיק פון בירגער־קריג, ווי צו די יוגנט־יאָרן פון אונדזער נײַער ערע״.

מיט דעם דערקלערט זיך דאָס, וואָס בערגעלסאָנס סעריע דער־ציילונגען פון בירגערקריג זײַנען דערציילונגען פון איין אידייִשער צילגעווענדטקײַט. וואָרעם די אַלע דערציילונגען באַהעפט נישט נאָר די צײַט, נאָר אויך איינע און די זעלבע קינסטלערישע געדאַנקלעכע ליניע, די „נײַע שײַן פון דער עפּאָכע״, ווי בערגעלסאָן דריקט זיך אויס, וואָס דרינגט זיי אַלע דורך און פאַרייניקט זיי צוזאַמען. און גייען גייט דאָ אַ רייד ניט בלויז וועגן דעם, וואָס אין די דערציילונגען פיגורירן אַ רײ געשטאַלטן, וועלכע וואַנדלען באַם שרײַבער פון איין דערציילונג אין דער צווייטער; עס גייט אַ רייד נישט בלויז וועגן דעם „נ־סקער פּאָלק״, וואָס ווערט מיינסטנס דער „פּלאַצדאַרמ״ פאַר דער האַנדלונג פון די אַלע געשטאַלטן. דאָ גייט אַ רייד וועגן דער אויספאָרמירונג פונעם באַוווסטזײַן באַם גרונט־טיפּאַזש פון די נאָ־וועלן, וועגן איינעם און דעם זעלבן וועג, וואָס די פאַרשיידענע כאַ־ראַקטער־פּערסאָנאַזשן מאַכן דאָ דורך, יעדערער אָפּ זײַן אויפן, דעם וועג צו דער אופּאַסונג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע, פון אי־רע געבאָטן און פאָדערונגען.

אין דער ערשטער דערציילונג פונעם בוך „טראָט נאָך טראָט״

שילדערט בערגעלסאָן דעם אופקום און די אַנטשטייוּנג פונעם רעוואָ־ליוציאָנערן פאָלק, וואָס נעמט אָנטייל אין בירגערקריג און וואָס וואַרט, ווי געזאָגט, דער „פלאַצדאַרם" פאַר דער האַנדלונג אין די ווײַ־טערדיקע דערציילונגען. און דאָך, אף וויפל בערגעלסאָן באַווײַזט ניט קיין סאָלדאַטישע און פּאַרטיזאַנישע מאַסע פון יענער צײַט, באַקומט זיך, אַז אפילו אין דער דאָזיקער דערציילונג פאַלט דער שילדערישער שווערפּונקט ניט אף דעם אויסבילדונגס־פּראָצעס פונעם רעוואָלױ־ציאָנערן פאָלק, נאָר אף דעם, וואָס איז בערגעלסאָנען שטענדיק ליב צו מאָלן — אף דער כאַראַקטער־אויסבילדונג פון דער איינצלנער פּערזאָן, אף דער כאַראַקטער־אויסבילדונג פון די עטלעכע געשילדער־טע פּאַרטיזאַנער. און אַוודאי האָט בערגעלסאָן שוין דאָ אין דער ערש־טער דערציילונג פון דער סעריע אָנגעמערקט די ליניע פון מענטש, די איקער־ליניע, וואָס אַנטוויקלט זיך און צעוואַקסט זיך ווײַטער אין די דערציילונגען, ווו ס'קומט אוף די ברייט־פּאַרטיפּטע צייכענונג, דאָס זאַפטיקע געמעל פון פאַרשיידענע פאָלקס־כאַראַקטערן און גע־שטאַלטן.

די צווייטע דערציילונג פונעם בוך הייסט „באַם וואָיענקאָם אין דער היים". און אין דעם דאָזיקן נאָמען ליגט שוין די הויפּט־ריכטונג פון בערגעלסאָנס נאָוועליסטישער שילדערונג פון די בירגערקריג־מענטשן. לייזערקע דעם וואָיענקאָם האָט בערגעלסאָן צום אַלעמ־ערשטן געבראַכט אין זײַן היימשטאָט, אַרומגערינגלט אים מיט זײַן שטייגער־סוויווע, מיט זײַנע שטעטלשע מענטשן און אינטערעסן, אַרויסבאַקומענדיק אף אַזאַ אופן די מאַסן־פאַרוואָרצלטקײַט פון לייִ־זערקען, דעם צוזאַמענבונד מיט דער אָרעמשאַפט, מיט די פאָלקס־שיכטן, פונוואַנען ער שטאַמט און פאַר וועלכע ער איז אוועק שלאָגן זיך אף די רעוואָליוציאָנערע שלאַכט־פראָנטן.

די גרויסע קראַפט פון בערגעלסאָנס נײַער שילדערונג פון די מענטשן פון בירגערקריג באַשטייט דאָך אין דער געדיכטער שטייגע־רישער אַטמאָספער, אין וועלכער ער האָט אַרײַנגעטאָן זײַנע פּערסאָ־נאַזשן, אף אַזאַ אופן נישט געלאָזט זיי אף איין רעגע צו זײַן אַב־סטראַקטע, פּלאַקאַטישע „איינסן". דורך פאַרשיידענע אויסגעפונענע שטייגער־פּראָטים באַווײַזט בערגעלסאָן די אינערלעכע אויסבילדונגס־פּראָצעסן פון רעוואָליוציאָנערן, באָלשעוויסטישן באַוווסטזײַן בא זײַנע פּראָסטע, היימיש־פּראָסטע העלדן, וואָס זײַנען געקומען פאַרווירק־לעכן די דוירעסדיקע פאָלקס־שטרעבונגען, טרוימען און האָפענונ־גען.

בערגעלסאָן דערציילט די גרעסטע געשיכטע מיט לייזערקעס „ענטפער" דער נעגידישער דעפּוטאַציע פון שטעטל, וואָס איז געקומען צו אים אין רעוואָקאָם טײַנען וועגן די הײַזער.

אין דער ווערטלדיק־דערציילטער געשיכטע ליגט דער סטיל־כאַראַקטער פון אַ שטיק שטייגער־לעבן, וועלכן בערגעלסאָן האָט מיט זײַן גאַנצן „האַק און פּאַק" פאַרבראַכט, אַ קער געטאָן עם מיטן פּאָנעם צו די רעוואָליוציאָנערע אופטרייסלונגען, אנטבלויזט, אָבער אויך באַוויזן דערבײַ די געזונטע קערנער, וואָס האָבן געשפּײַזט דעם פּאָלקס־מענטש, געפירט אים אין די רעוואָליוציאָנערע רייען.

אז לייזערקע דער וואָיענקאָם ווייסט ניט, וואָס פאַר אַ רעדע ער זאָל האַלטן אַף דער לעווײַע פונעם אומגעקומענעם אומבאַקאַנטן פאַר־טיזאַן זיק, זאָגט אים זיקס כאַוועך טאַראַס:

„ — נו, ווי איך איז ער געווען! ווי דו... קאָנסט מאָרגן ליגן ווי ער... פּונקט!"

און לייזערקע, דערציילט בערגעלסאָן, האָט גלײַך פאַרשטאַנען, אז „ס'האָט ווירקלעך געקענט טרעפן, אז אין איינער פון אָט די פינף טרונעס זאָל איצט ליגן ער, לייזערקע — אַ פעלדשערס אַ זון פון אַלעקסאַנדראָווקע, אַ שלאָסער, אַ מענטש אָן אַ נאָמען — אַ מאָרגן־מענטש. לייזערקע ווייסט שוין, ווער איז זיק, גוט ווייסט ער — מע דאַרף ניט בעסער".

בערגעלסאָנס דערציילונגען וועגן בירגערקריג זײַנען הויפּטזאַכ־לעך געווידמעט טאַקע אָט די „מאָרגן־מענטשן". די אַקטיאַבער־רע־וואָליוציע, די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי האָט זיי אַ צי געטאָן מיט אַלע אירע שעפערישע וועלט־ענדערנדיקע קרעפטן, אופגעוועקט אין זיי זייער ליבע צו די פּראָלעטאַרישע וועלט־ענדערער און די סינע צו די אייגנטימערישע רויבער, וואָס האָבן זיך פון די פּעטליורישע פּאַ־גראָמען אַפילע אָפּגעקויפט „אי מיט מאַניעטשקעס אי מיט דרײַסיק טויזנטער וואָכ בא וואָכ", ווי בערגעלסאָן דערציילט וועגן די ראָר־גראַדער גווירים. אזוי לאַקאָניש־צאָרנדיק ענטפערט בא בערגעלסאָנען דער וואָיענקאָם לייזערקע, ווען כײַקל באַשעוועס, דער באַלעבאָס פון־נעם אײַנפאָרהויז, קומט צו אים קלאָגן זיך, אז ער האָט „אַ פולן הויף מיט קראַסנאַאַרמייצעס":

„ — כאַיִמל באַשעוועס, — האָט ער צו אים געזאָגט, — האָב איך דיך פײַנט!"

עס וואַרפט זיך אין די אויגן בערגעלסאָנס נאָוועליסטישע שאַ־פונגס־הייך, די רויִקע, זויבערע, רעאַליסטישע פּלאַסטישקײַט, וואָס פאַר־

מאַכט אזוי פיל אינערלעכע לײַדנשאַפט פונ געדאנק אונ איבערלעבונג. די צענטראַלע, ווי אויכ די זײַטיקע פיגורנ, לעבנ בא בערגעלסאָנענ אינ די דערציילונגענ א בלוטפול לעבנ.

אָט שטייענ זיי פאַר די אויגנ נאַקעט־אָפּגעשונדענע, די סקרופּניקס, פעלדמאַנס, קאָזלאָווס אונ אנדערע גווירים פונ דער דערציילונג „קאָנטריבוציע".

אינ דער דאָזיקער דערציילונג זעצט פאָר בערגעלסאָנ די ליניע פונ לייזערקעס טעטיקײַט אינ שטעטל. לייזערקע, דער ארײַנקומ פונ דער רויטער ארמיי אינ שטעטל — דאָס איז דאָכ א גליווער־קראַפט, וואָס טרייסלט אופ בא בערגעלסאָנענ ביז אינ גרונט די שטעטלשע גליווער־אַטמאָספער, ברענט אויס דאָס אייגנטימערישע ווילדפלייש אונ מאַכט געזעלשאַפטלעכ געזונט די האָרעפּאַשניקעס, רופט זיי אונ ציט זיי צו זיכ מיט איר באַפרײַערישנ קאַמפּס־גײַסט.

דאָ וואַכט איצט אופ צומ געזעלשאַפטלעכנ לעבנ דער ביז אַהער דערשלאָגענער, אינ פולנ וווּקס געשילדערטער איצי זשוואַוועס, לייזערקעס א קאָרעוו. ער באַקומט הייסע געזעלשאַפטלעכע בלוטנ, דער איצי זשוואַוועס, אימ ווערט אײַנגעבאַקנ נאָענט די אינטערעסנ פונ דער רעוואָליוציע. אונ אז די רויטע ארמיי פאַרלאָזט דאָס שטעטל, זאָגט בערגעלסאָנ אינ די פּראַכטפולע שלומ־שורעמ פונ דער דערציילונג, „איז דאָרט איצי לאַנג געשטאַנענ, אימ האָט באַנק געטאָנ, וואָס דער פאָלק פאַרלאָזט די שטאָט, א פאָלק, מיט וועלכנ ער, איצי, קער זיכ אָנ קרויווימ. קיינמאָל אינ לעבנ האָט ער נאָכ ניט געהאַט פאַר א קאָרעוו א גאַנצנ פאָלק, קיינמאָל ביז איצט איז ער נאָכ ניט געווענ קיינ באַלעבאָס אופ גווירימ".

וועגנ די נײַע געשעענישנ, וועגנ דעמ גאַנצנ קאָמפּלעקס פונ די קאַמע נײַסטע געפילנ אונ איבערלעבונגענ, וואָס די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט ארײַנגעבראַכט, טראַכטנ בערגעלסאָנס פּערסאָנאַזשנ אַלעמאָל מיט זייער אייגענעמ, פונ זיי גופע ארויסגעוואַקסענעמ געדאַנק אונ שפּראַכ־שטייגער. דערפאַר איז בערגעלסאָנס טיפּאַזש שטענדיק אָרגאַניש, טיפ באַגלייבט אינ אַלע זײַנע ווענדונגענ אונ טראַכטונגענ. די ארומיקע נאַטור, די ארומגערינגלטע אָביעקטנ פירט דאָכ בערגעלסאָנ אויכ ארײַנ דורכנ אָרגאַנישנ שטייגער־בילד אינ קרײַז פונ די אופגעוואַכטע נײַגעבוירענע רעוואָליוציאָנערע געדאַנקענ אונ שטימונגענ.

שילדערנדיק דעמ שטיק רויטנ שטאָפ אפנ שטיבל פונ שטאַב אינמיטנ דאָרפ, דערציילט בערגעלסאָנ, אז „דער שטאָפ האָט ווי א פרײַ־

שער קימפּעט־פּאַרהאַנג געהאַט פיל פרייד אין זײַנע קאָנקרעטע כוואַ־ליעכלעך און אין אַלע אומרויִקע קנייטשן, וואָס אין זײַנע פּאַכנדיקע עקן". די אַסאָציאַציעס פונעם „קימפּעט־פּאַרהאַנג" זײַנען אוואַדע נאָענט און אייגן דעם שטעטלדיק־יידישן מאַסן־מענטש, וואָס זעט טאַ־קע אין דער פלאַטערנדיקער פאַן די געבורט־פרייד פון דער נײַער וועלט, פון דעם נײַעם מענטשן, פון „אבא, יעכוּעל־מוישע דעם באַלע־גאָלעס באַכער", וועגן וועלכן עס ווערט דערציילט אין דער דערציי־לונג „איינעמס אַ וועג".

די דאָזיקע דערציילונג הייבט זיך אָן מיט אַט די שורעס וועגן דעם פלאַטערנדיקן רויטן שטאָף אַפן שטיבל פון שטאַב, ווי ס'איז גע־האנגען אַ שילד:

„דער נ־סקער פּאָלק פון די אופגעשטאַנענע".

דער נ־סקער פּאָלק — דאָס איז דער פּאָלק, וואָס „קערט זיך אָן אַ קאָרעוו" איצי זשוואַוועסן. אָבער נאָך מער קאָרעוו איז ער געוואָרן אַבען פון דער דערציילונג „איינעמס אַ וועג", די ברידער שײַען און יאַניען ליובאַר פון דער דערציילונג „לעבן פאַנצער־צוג", דעם דאָקטער מענדל אבראַמאָוויטש פון דער דערציילונג „איבערגעבורט" און דעם רויטאַרמייער פּיאָדאַר זאַזוליאַ, וואָס האָט געפונען זײַן אייגענע אַנט־וויקלטע סוזשעטישע ליניע אין דער שיינער דערציילונג „באַם טעלע־פאָן". די אַלע איקער־געשטאַלטן האָט בערגעלסאָן אופגעשטעלט אין דער סעריע דערציילונגען, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט דער טעמע ביר־גערקריג.

אין די אַלע דערציילונגען באַווײַזט בערגעלסאָן די צוזאַמענגעס־קראַפט פונעם „נ־סקער פּאָלק פון די אופגעשטאַנענע", וואָס זאַפּט אין זיך אײַן, ווי אַ שוואָם, די געזינטסטע זין פון פּאָלק. בערגעלסאָן רעדט וועגן די איבערגעבורט־פּראָצעסן פון די דאָזיקע מענטשן, וועגן דעם לעבן און וווּקס פונעם פּאָלק אינגאַנצן, באַווײַזנדיק אַפ אַזאַ אויפן טיילווײַז דעם פּראָצעס פון דער אויספאָרמירונג פון דער רויטער אַר־מיי אין בירגערקריג.

„איינעמס אַ וועג" — דער דאָזיקער נאָמען, מיט וועלכן בער־געלסאָן האָט באַצייכנט די געשיכטע פונעם יונג דעם פורמאַן אבע, וואָלט געקאָנט, אייגנטלעך, באַצייכענען די ענלעכע געשיכטעס פון די אַלע איבעריקע הויפּט־העלדן פון אַט דער סעריע. יעדערער פון זיי איז דאָך אַפ זײַן אייגענעם שטייגער, מיט זײַן אייגענעם וועג טאַ־קע געגאַנגען באַהעפטן זיך, אַרײַנוואַקסן אין די רעוואָליוציאָנערע רייען פון דער רויטער אַרמיי. דורך פאַרשיידענע אינדיווידואַליזירטע

לעבנס־פראָצעסנ פירט בערגעלסאָנ זײַנ טיפּאַזש צו אײנעמ אונ דעמ
זעלבנ ציל. דאָ האַנדלט זיכ װעגנ בערגעלסאָנס גרויסער מענטשנ־
קענטשאַפט. דאָס איז ערשטנס, אונ צװײטנס, װעגנ דעמ, װאָס בער־
געלסאָנ האָט גוט אױפגעפּאַסט די רעװאָליוציאָנערע לאַגע פונ יענער
צײַט, אױפגעפּאַסט דעריקער די פאַרבינדונג פונ דער באָלשעװיסטי־
שער רעװאָליוציע מיט די ברײטסטע מאַסנ, איר טיפנ אַרײַנדרינגענ
אינעמ לעבנס־שטײגער פונ דער אָרעמשאַפט, די איבערקערעניש, װאָס
זי האָט געמאַכט אינעמ באַװוּסטזײַנ אונ געפילנגאַנג פונעמ מאַסנ־
מענטש.

מע דאַרפ אױכ פאַרצײכענענ די אינטערנאַציאָנאַלע ליניע אינ
די דאָזיקע דערצײלונגענ, די אױפגעקומענע פעלקער־פאַרברידערונג,
װאָס בערגעלסאָנ געפינט אױס װידעראַמאָל אינ דער טיפ פונעמ
נײַעמ לעבנס־שטײגער, װעלכנ די רעװאָליוציע האָט שױנ באַװיזנ צו
שאַפנ אינ די יאָרנ פונ בירגערקריג. בערגעלסאָנס פאַרשטאַנד פאַרנ
געבורט פונ די אינטערנאַציאָנאַלע געפילנ בא די רעװאָליוציאָנערע
מאַסנ־מענטשנ האָט דאָכ אימ געבראַכט אױפצושטעלנ די מאַמעש
פּרעכטיקע פיגור פונעמ רױטאַרמײער זאַזוליא אינ דער דערצײלונג
„באַמ טעלעפאָנ".

בערגעלסאָנ האָט פאַרברידערט דעמ דאָזיקנ אוקראַיִנישנ פאָלקס־
מענטש מיט די אַלע ייִדיש־פאַרװאָרצלטע שטײגער־פּערסאָנאַזשנ פונ
זײַנע דערצײלונגענ, באַװיזנ זײער אַלעמענס אײנהײַטלעכנ דראַנג
אונ גאַנג צו די אױפגעעפנטע נײַע פּראָלעטאַרישע קװאַלנ פונ עכט
מענטשלעכער ליבע אונ געטרײַשאַפט.

די דאָזיקע פאַרברידערונג באַשײַנט דאָכ אױכ בערגעלסאָנס דער־
צײלונג „הערשל טאָקער", א דערצײלונג, װאָס האָט ניט קײנ דירעק־
טע שײַכעס צו דער טעמע פונ בירגערקריג. אָבער סײַ דער אונטערער־
דישער טוער הערשל טאָקער, װאָס שטאַרבט אַװעק פונ דער אַכזאָריעס־
דיקער האַנדלונג פונ די רומענישע פּאַשיסטישע אָפיצערנ, סײַ דער
אַנאָנימער באַראַק־דינער, װאָס שטעלט מיט זיכ פאָר די אױסבאַהאַל־
טענע אונ אױסגעהיטע רעװאָליוציאָנערע מאַסנ־קראַפט אינ די פּאַ־
שיסטישע לענדער — זײ בײדנ, װי פיל אַנדערע העלדנ פונ זײַנע דער־
צײלונגענ, האָט בערגעלסאָנ אױסגעצײכנט כאַראַקטעריזירט. בערגעל־
סאָנ שילדערט, אַשטײגער, די געפילנ, װאָס װאַכנ אױפ באַמ שטאַרבנ־
דיקנ טאָקער, בעשאַס דער באַראַק־דינער פרעגט בא אימ: „א טשטאָ,
טאָװאַרישטש?.. פּלאַכאָ?.." די דאָזיקע געפילנ װאַכנ אינ אימ װי „די
לעצטע פעסט־געבליבענע טרײסט, װאָס איר נאָמענ איז — אײביק!—

די טרייסט פון כאווירים, צעשאָטן איבער דער וועלט ווי ליכט־לעך".

בערגעלסאָנס דערציילונגען וועגן די ערשטע שלאַכטן פון דער רעוואָליוציע זײַנען אוואדע געווידמעט אָט די „ליכטלעך", וואָס די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש האָט אָנגעצונדן און צינדט אומעטום, ווו עס לעבן אונטערדריקטע פאָלקס־מאסן, ווײַל אומעטום זײַנען פאַראַן אָט די געשילדערטע פאָלקס־קרעפטן, אומעטום זײַנען פאַראַן די זאזוליאס, די הערשל טאָקערס, די לייזערקעס און אבעס...

2

אין דעם זעלבן ערשטן יאָרצענדליק נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט בערגעלסאָן אָנגעשריבן א ריי דערציילונגען, ווו די האנדלונג קומט פאָר אין אויסלאַנד. אין די דאָזיקע דערציילונגען שילדערט ער מענטשן פון פארשיידענעם גראַד, בירגער און קליינבירגער, ייִדן און נישט ייִדן, וואָס לעבן אין דער דעמלטיקער קאפיטאליסטישער נאָך־מילכאָמעדיקער אייראָפּע און אמעריקע. דער אידייִשער הויפּט־צייכן פון די אַלע דערציילונגען איז זייער דעמאסקירנדיקער טאָן, זייער געוועלטיקײַט אַפּ צו פאַרגלײַכן דאָס אויסלענדישע לעבן און דאָרטיקע מענטשלעכע באצוּונגען מיטן לעבן און באצוּונגען צווישן מענטשן אינעם רעוואָליוצ‌יאָנערן לאַנד, אינעם סאָוועטנלאנד.

אין די דערציילונגען „אַלטוואַרג", „דער מענטש מיט דער קרומער באַק", „מיר, וואָס לעבן" און „דער קראַנקער דאָלער" איז דער דאָזיקער פאַרגלײַך אַן עלעמענט פון דער טעמע. אין די אַלע דערציילונגען פיגורירן אָדער געשטאַלטן, דורך וועלכע דער שרײַבער פירט דורך די פאַראַלעל צווישן די ביידע וועלט־אײַנאָרדענונגען, אָדער עס זײַנען דאָ דעם שרײַבערס אָפענע ארויסזאָגונגען, וואָס פאַרורטיילן די געשילדערטע מענטשן און מײַסים אין נאָמען פון די סאָוועטישע פּרינציפּן און לעבנס־אײַנשטעלונגען. אָבער אפילע דאָרט, ווו די ביידע פּעלן אויס, אין די דערציילונגען „דזשירא, דזשירא", „צוויי ראָצבימ", „אין פּאנסיאָן פון דרײַ שוועסטער", איז אויך גרײַלעך צו מערקן דעם שרײַבערס באשײַמפּערלעכע אָריענטירונג אַפּ דער סאָוועטישער מאָראַל און לעבנס־אופאַסונג.

אין דער שילדערונג פונעם גרויסן עלנט און גרויזאמען טויט פונעם קליינעם איטאליענישן מיידעלע אין דער מערקווירדיקער לירישער נאָוועלע „דזשירא, דזשירא", אין דער שילדערונג פון די ניו־יאָרקער לעבנס־אומשטענדן איז קלאָר ארויסגעזאָגט בערגעלסאָנס רע־

וואָליוציאָנערער אורטייל איבער דער גרויסער קאַפּיטאַליסטישער שטאָט. בערגעלסאָן באַווײַזט די שטאָט, וואָס שאַפֿט די שרעקלעכע אַכזאָריעסדיקע באַציִונג פֿון מענטש צו מענטש און טייט אוועק יעדער אויפֿשײַן פֿון בענקשאַפֿט נאָך מענטשלעכן האַרצעדיקן געפֿילן־אויס־דרוק, ביפֿראַט, ווען די דאָזיקע בענקשאַפֿט וואַכט אויף אינעם האַרץ פֿונעם קליינעם פֿאַרוואָרלאָזטן און עלנטן קינד.

אין דער געשיכטע וועגן די „צוויי ראָצכים" שילדערט בערגעל־סאָן אַ באַגעגעניש פֿון אַ פּעטליורישן ייִדן־מערדער מיט אַ הונט, וואָס האָט געטייט אַ קינד. דאָ וואַקסט אויס די טעמפּע גרויל־פֿיגור פֿון דער בערלינער דײַטשקע, די באַלעבאָסטע פֿונעם הונט, און דורכן געשיל־דערטן פֿאַקט, דורך דער גאַנצער אַטמאָספֿער גייט דורך דעם שרײַ־בערס פֿאַרשטאַנד פֿאַרן וווּקס פֿון דער מענטשלעכער פֿאַרדאָרבנקייט אין די באַדינגונגען פֿון דער קאַפּיטאַליסטיש־אייגנטימערישער עקזיס־טענץ. פֿון דער דאָזיקער דערציילונג, געשריבן אין 1924 יאָר, ציִען זיך בײַ בערגעלסאָנען דירעקטע פֿעדעם צו דער כּײַזשער פּסיכיק פֿונעם פֿאַשיסטישן אומענטש, וואָס האָט דעמאָלט שוין געוועפּט אין די גע־דערים פֿון דער נאָך־מילכאָמעדיקער אימפּעריאַליסטישער געזעלשאַפֿט אין דײַטשלאַנד.

פֿון אָט דעם אָרט איז אויך די פּאַרטיפּטע שילדערונג פֿונעם קלוי־מערשטן דיכטער, דעם דײַטשישן באָהעמע־מענטש אין דער דערציי־לונג „נאַכט". מיט עכטן קינסטלערישן אַרײַנדרינגען אין צײַט און טעמע האָט בערגעלסאָן אויפֿגעשטעלט דעם פֿאַרדאַרבערישן געדאַנ־קען־וועג פֿונעם דײַטשישן „אינטעליגענט", דעם ערעוור־מענטש, ווי בערגעלסאָן רופֿט אים אָן, וואָס דער קומענדיקער פֿאַשיזם האָט אים פֿאַרוואַנדלט אין אַ פֿולשטענדיקער כײַע. אַפֿילו אין אַזאַ זיטן־דערציי־לונג ווי „אין פֿאַנסיאָן פֿון דרײַ שוועסטער" פֿיגורירט שוין אויך בײַ בערגעלסאָנען די ביז אין גרונט דעמאָראַליזירטע דײַטשישע שטיי־גער־סוויווע, וואָס האָט געשפּײַזט די קומענדיקע דערצויגלינגען פֿונעם פֿאַשיסטישן רעזשים.

דערזען דעמאָלט דאָס אַלץ האָט בערגעלסאָן געקענט, נאָר אַ קוק טוענדיק אָפּ דעם דאָזיקן קאַפּיטאַליסטישן אויסלאַנד מיט די אויגן פֿון אַ שרײַבער, וואָס די רעוואָליוציע האָט אים געלערנט אַרײַנדרינ־גען אין די קלאַסן־פֿאַרהעלטענישן פֿון דער געזעלשאַפֿט. אין דעם ליכט די נײַע דעמאַסקירנדיקע קראַפֿט פֿון בערגעלסאָנס דערציילונגען, געווידמעט דער טעמע פֿון דער נאָך־מילכאָמעדיקער אייראָפּע און אַמע־ריקע, און נאָך מער באַשײַמפּערלעכער טרעט אַרויס דעם שרײַבערס

רעוואָליוציאָנערער קריטערי אין די דערציילונגען, ווי ער פירט דורך אַן אָפענע פּאַראַלעל צווישן סאָציאַליסטישן לאַנד און בורזשואַזן. אין דער הינזיכט דאַרף מען אָפּמערקן די דערציילונג „אַלטוואַרג", די אָריגינעלע דערציילונג וועגן דעם אַלטן גרייוווים, וואָס איז פונעם ראַטנפאַרבאַנד אַוועק צו די קינדער קיין אַמעריקע און האָט כאַראַקטע באַקומען אַף זיין טאַט. טראַכטנדיק וועגן זיין סאָוועטישן היימלאַנד, קומט דער אַלטער גרייוווים צום אויספיר:

„ — וואָס־וואָס, בענעגייע צו די מידעס, וואָס צווישן איין מענטשן און צווייטן, איז די וועלט אופגעריכט געוואָרן..."

דערביי ברענגט דער דאָזיקער מוישע גרייוווים אַ רייע פון זיינע פרומע ספּאָרים, ווי סע שטייט געשריבן וועגן „דעם גרויסן און שטאַרקן ווינט, וואָס „וואַרפט אום בערג און קערט איבער פעלדזן..."

מוישע גרייוווים איז שטיל געבליבן, האָט געטאָן אַ זיפץ און האָט זיך פאַרטראַכט וועגן רוסלאַנד און וועגן דעם ווינט, וועלכער האָט דאָרט שוין אַ בלאָז געגעבן — אַ גרויסער און שטאַרקער ווינט... ער וואַרפט פאַנאַנדער בערג און קערט איבער פעלדזן..."

„אַלטוואַרג" איז אויך אַ דערציילונג פון 1924 יאָר און ציען ציט זי די ליניע פון בערגעלסאָנס עטישער מענטש־אָפּשאַצונג, וואָס האָט געפונען אַ נייע ווענדונג אין בערגעלסאָנס שאַפונגען פון נאָך דער אָקטיאָבער־רעוואָליוציע. די זעלבע פראַגע באַרירט בערגעלסאָן אין זיין דערציילונג „דער מענטש מיט דער קרומער באַק", געשריבן נאָך פריער, אין יאָר 1923. באַנאַנד מיט דער אַנטבלויזנדיקער שילדערונג פון דער יידישער עמיגראַציע־סוויווע „אין איינער אַ מיטעל־אייראָ־פּעישער הויפּט־שטאָט" שטעלט בערגעלסאָן אויף די קרענקלעכע פי־גור פון אַ יידישן אינטעליגענט, וואָס האָט פאַרטראַכט אַ טעראָר־אַקט בענעגייע צו איינעם פון די באַנדיטישע אָנפירער אין אוקראַי־נע בייסן בירגערקריג.

דער שרייבער, וואָס פאַרברענגט מיטן דאָזיקן יידישן יונגנמאַן, גיט ניט קיין האַסקאָמע אַף זיין טעראָר־אַקט און גיט אים גערעכט אין זיין געפיל צום יידישן פאָלק. ער זאָגט אים:

„גאָר אַנדערש איז, פאַרשטייט זיך, מיט אייער געפיל צום יידישן געפייניקטן פאָלק — אַ פאָלק, וואָס נייטיקט זיך באַזונדערס שטאַרק, די וועלט זאָל איבערגעאַנדערשט ווערן, אָבער די וועלט מאַכט מען ניט איבער ניט מיט קיין שפּיי געבן איר אין פּאָנעם אַריין און ניט מיט בלויז פּײַנט האָבן".

און ווייטער דערציילט בערגעלסאָן:

„פאמעלעך, ווי א בלינדער, האָט דער גאַסט אָנגעטאַפּט זײַן רע־וואָלווער אַפּן טיש און פאַרטראַכטערהייט אים אַראָפּגעלאָזט צוריק צו זיך אין טאַש. ניט קוקנדיק צו מיר, האָט ער געפרעגט:

— איז וואָס פאַרט דאַרף איך, לויט אײַער מיינונג, טאָן?

— אָפּזוכן אין לעבן יענע, וואָס זײַנען ווערט, מע זאָל זיי ליב האָבן.

— און מיט דער סינע וואָס טאָן?

— יענע וועלן אײַך שוין לערנען".

אזוי ענדיקט בערגעלסאָן זײַן דערציילונג, וווּ ער שטעלט די פּראָב־לעם פון זײַן שפּעטערדיקן ראָמאַן „מידאַס־האַדינ", און פאַרבינדנדיק פאַרבינדט ער שוין דאָ די דאָזיקע פּראָבלעם מיט דער פּראָבלעם פון נעם הומאַניזם, ער פאָדערט, אייגנטלעך, דעם מידאַס־האַדינ, וואָס פירט צום מידאַס־האָראַכמים, און אויך פאַרקערט: דער ראַכמים זאָל פירן צום דינ.

דעם פאַרגלײַך פונעם ראַטנפאַרבאַנד מיט די קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז אויך געווידמעט די דערציילונג „מיר, וואָס לעבן" (1931). דער אייגנאַרטיקער סוזשעט פון דער דערציילונג, די געשיכטע מיטן ביסל אַש פון דער פאַרשטאָרבענער געטרודע, גיט דעם שרײַבער א מעגלעכקײַט באַצייכענען די באַציִונג צו דער פּראָבלעם פון טויט און לעבן אָפּ דער און אָפּ יענער זײַט גרענעץ. פאַרשיידענע וועלטן, פאַר־שיידענע לעבנס און פאַרשיידענע קוואַליטאַטיוו־אַנדערע מענטשן, וואָס קאָנען שוין ניט באַגרײַפן איינער דעם צווייטן אין דער באַציִונג צו אַזוינע, דאַכט זיך, אַלגעמיינע פראַגן, ווי די פראַגן פון לעבן און טויט. אין דעם זעלבן 1931 יאָר שרײַבט בערגעלסאָן אַ זײַן קלוגע פאַרציי־כענונג וועגן „אַ קראַנקן דאָלער און אַ כוילעוואַטן גאָלעך". און די דאָזיקע דערציילונג האָט, דאַכט זיך, אַ געוויסע שײַכעס צו דער דערציילונג „מיר, וואָס לעבן". מיט די ביידע דערציילונגען איז בער־געלסאָן אויסן צו זאָגן, אַז דאָרט, וווּ עס קאָמאַנדעוועט דער דאָלער, „קאָמאַנדעוועט" אויך דאָס ביסל אַש פון אַ טויטן, און די מעמשאָלע פון די ביידע ענדיקט זיך אינעם לאַנד, וווּ ס'הערשט דאָס סאָציאַליס־טישע לעבן...

אין איין צײַט מיט דער סעריע דערציילונגען וועגן אויסלאַנד האָט בערגעלסאָן אָנגעהויבן שרײַבן זײַנע נאָוועלן וועגן דעם לעבן פון ייִדן אין ראַטנפאַרבאַנד, אָפּשטעלנדיק זיך דעריקער אָפּ די עטאַפּן, וואָס באַצייכענען די איבערבוי־ און אופבוי־פּראָצעסן אינעם לאַנד. אינטערעסאַנט איז דערבײַ אָפּמערקן צוויי ערשטע דערציילונגען,

וואָס בערגעלסאָן האָט פאַרעפנטלעכט אין די צײַטונגען באַלד נאָך דער פעוראַל־רעוואָלוציע. איין דערציילונג איז געווידמעט דעם פעמי־פּיק, ווי בערגעלסאָן רופט אים אָן, דעם באַלעבעסל, וואָס איז אַרויס אין גאַס טאַנצן צוזאַמען מיט די רעוואָלוציאָנערע מאַסן, און בער־געלסאָן שילדערט איראָניש דעם פעמפּיקס סימכע... אין דער צווייטער דערציילונג שילדערט בערגעלסאָן א צוג אין די רעוואָלוציע־טעג. דער צוג גייט פון דער ווײַט, און אין איינעם פון די וואַגאָנען האָט זיך א כעוורע בורזשואַזע לעב־יונגען פאַרשפּילט אין קאָרטן און ניט געוווּסט, אַז דער צוג גייט שוין מיט א רויטער פאָן פון פאָרנט...

אָט אַזוי האָט אויך פאַרזען די רעוואָלוציע יאַנא גריגאָריעוויטש, דער עלטערער שרײַבער, וואָס בערגעלסאָן שילדערט אין דער דער־ציילונג „יאַנא גריגאָריעוויטש". יאַנא גריגאָריעוויטשעס ווײַב האָט אים געוואָרפן, אַוועק אין דער רעוואָלוציע. ער האָט אויפגעהערט צו שרײַבן, און איינער א יונגער באַקאַנטער דערקלערט אים, פאַרוואָס ער, יאַנא גריגאָריעוויטש, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר „א לינקן", האָט איצט אויפגעהערט צו שרײַבן:

„ — ס'איז פּאַשעט, — האָט אים דערקלערט זײַן באַקאַנטער, — וואָס האָט אײַך אַלע יאָרן געקוועטשט? איר האָט דער צארישער גע־זעלשאַפט אַלע אײַערע יאָרן געוואָלט זאָגן: „כאַפּט דיך א שוואַרצ־יאָר!" נאָר אַזוי ווי איר האָט נישט געקאָנט ריידן פּראָסט, האָט איר דאָס צעצויגן אין אָן א שיר אַרטיקלען. איצט אָבער, מיטן קומען פון די באָלשעוויקעס, איז דאָך קלאָר געוואָרן: ס'איז אַלציינס, צי איר האָט עס צעצויגן, צי ניין. איר האָט אָקאָרשט געהערט, ווי מע רעדט דאָ אַף מיטינגען? מע זאָגט עס מיט איין וואָרט פּאַשעט און קורץ און טויזנט מאָל שאַרפער, ווי איר האָט זיך געקוועטשט עס זאָגן אין א גאַנץ לעבן..."

די טעמע פון דער דערציילונג „א זעלטענער סאָף" איז אויך די טעמע וועגן א שרײַבער, וואָס האָט באַשלאָסן צופּאַסן זיך צו די רע־וואָלוציע־פאָדערונגען און פאַלט דאָך אַרײַן אינעם שמוץ פון זײַן קליינבירגערלעכער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער אַרומרינגלונג. די דאָזי־קע אַרומרינגלונג מאָלט אויך בערגעלסאָן אין זײַן דערציילונג „נעפּ־מאַנישע איניאָנים". די טיפן פון די אַלע דערציילונגען פון דעם אַרט זײַנען בײַ בערגעלסאָנען די, וואָס די רעוואָלוציע האָט זיי באַזײַטיקט, אָפּגעשלײַדערט, אָפּגעראַמט פון וועג. דורכגעמאַכט די דאָזיקע אויפ־ראַמונגס־אַרבעט, איז בערגעלסאָן אַוועק ווײַטער צום עטאַפּ, וועלכן ער האָט באַצייכנט מיטן נאָמען פון דער דערציילונג „אָפּקלײַב". אין

די דערציילונגען „סאָנים", „דער פּראָסטאַק", „אָנהייב", „אָפּקלײַב" און נאָך האָט בערגעלסאָן געשילדערט די דיפערענציר־פּראָצעסן אין דער מישפּאָכע, דעם קאַמף אין דעם קליינבירגערלעכן הויזגעזינד מיט די עלעמענטן, וואָס זײַנען ניט אימשטאַנד געווען זיך איבערבויען, איבערפלאַנצן זיך, אַרײַן אינעם נײַעם סאָוועטישן פּראָדוקטיוון לעבן.

צוויי זין פון דער שטעטלשער ענדלערישער מישפּאָכע זוסמאַן, דערציילט בערגעלסאָן אין „אָפּקלײַב", זײַנען אַוועק פאַר ערד־אַרבע־טער אָפּן אויסגעטיילטן ערד־צייַלעך. די מוטער און אַ שוועסטער, וואָס זײַנען לעכאַטכילע געפאָרן מיט זיי, זײַנען דערנאָך אַוועק צו־ריק אין שטאָט.

„שוועדער איז אים אָנגעקומען, — דערציילט בערגעלסאָן וועגן איינעם פון די ברידער, — דער ענטפער אויף דער פראגע, ווו געפינט זיך איצט זײַן מוטער מיט דער שוועסטער.

— כ'ווייס ניט, — האָט ער, קוקנדיק צום דערבײַיִקן הויפן מיסט, שוואַך געמורמלט, — זיי זײַנען אַוועק פון אונדז..."

ווי אַלעמאָל פאַרגעסט דאָ ניט בערגעלסאָן צו סימבאָליזירן מיטן „דערבײַיִקן הויפן מיסט" דעם מענטשלעכן אָפּפאַל, וואָס די אייגענע אפילע האָבן אים שוין באַקעמפט אויפן וועג צום איבערגעבויטן סאָ־וועטישן לעבן.

און אויף אַ שטאָפּל העכער, אויפן וועג צום דאָזיקן לעבן, טרעפט שוין בערגעלסאָן איינגיכן דעם „בירגער וואָלי ברענער" — אַזוי רופט זיך די דערציילונג, וואָס שטעלט פאַר מיט זיך אַ העל ליכטיק געזאַנג דעם נײַעם איבערגעבויטן מישפּאָכע־שטייגער פונעם סאָוועטישן אָנ־געשטעלטן, דעם וואַלד־בראַקער וואָלי ברענער. פונעם דאָזיקן בער־געלסאָנישן געמעל, דעם געמעל פון וואָלי ברענערס מאָסקווער ווױ־נונג, דעם געמעל פון זײַנע דרײַ טעכטער ווייט מיט אַזוי פיל געזונ־טער גליקלעכער באַרויִקטקײַט, די באַרויִקטקײַט ניט נאָר פון אַ מענטש, נאָר אויך פון אַ פאָלק, וואָס איז מיט אַלע גערדאַנקען אָנגעקומען צו פאַרשטיין, אַז פון איצט אָן איז עס „אַ קאָמפּאַניאָן, אַ שוטעף צו דער גאַנצער סאָוועטסקער וולאַסט".

מיט געזונט, מיט גליק ווייט פון וואָלי ברענערס באַנעגעניש מיט זײַנע דרײַ שלאָפנדיקע טעכטער — אַ מין לעבעדיקער קאָנטראַסט צו די מאָרעשכווירעדיק שלאָפנדיקע וואַגאָן־לײַט פון בערגעלסאָנס פאַר־רעוואָליוציאָנערער דערציילונג „באַנאַכט".

פון דערציילונג צו דערציילונג ווערט בערגעלסאָנס פּאָליטרע באַרײַ־

ווערט מיט בונטע פארבן פון א פריידיק נײַ לעבן — אלט און יונג, מענער און פרויען; נײַע געשטאלטן, נײַע איבערלעבונגען, א נײַע טקופע, וואס פירט צו געזעלשאפטלעכער און פערזענלעכער ווונדערבארער אויסקומעניש.

גייענדיק טאקע טראָט נאָך טראָט נאָך דער דאָזיקער טקופע, איז בערגעלסאָן אנגעקומען צו דער שילדערונג פון דער פאבריק־יוגנט אין זײַנע פארצייכענונגען „אין דער קאָמונע" און „זעליק בראָדער". ער איז אָנגעקומען צו דער זוניקער געשטאלט פון זײַן יונגער סאָוועטישער קולטור־טוערן, דער כאווערטע בראָניע. בעשאס ער שילדערט די דאָזיקע כאווערטע בראָניע, קומט אים, אפּאָנעם, אפן רײַען דער פאָלג־מיר־א־גאנג, וואס ער האָט דורכגעמאכט פון זײַנע אמאָליקע מיידל־געשטאלטן, און ער טוט א זאָג פארבײַגייענדיק:

„ — „שטימונג"...

איך מיין ביכלאל, אז אין בראָניעס לעבן איז פאר אָט דעם באגריף קיין פאראן פלאץ".

און נאָך:

„איך קלער: וועגן קורסיסטישער „שכינע־נאָגנדיקער" שטימונג וועט בראָניע מיסטאמע זאָגן:

— איך בין דערופ נישט קיין קוינע..."

אליין דער שרײַבער איז איצט „א קוינע" אפ די געשטאלטן, וואס שלאָגן זיך פאראקשנט און ווירדיק פאר דער אויסבילדונג פון דער בויערישער און שעפערישער פערזענלעכקײַט אין די באדינגונגען פון נײַעם בויערישן און שעפערישן סאָוועטישן לעבנס־שטייגער. אזוינע באדינגונגען האָבן זיך פארן שרײַבער אנטפּלעקט, בעשאס ער האָט זיך באגעגנט מיט דער ייִדישער ערד־אײַנאָרדענונג, מיטן אופקום פון נײַעם ייִדישן קאָלווירטניק און שפּעטער מיט דער בויונג פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

בערגעלסאָן האָט ליב צו דערמאָנען דאָס טאלמודישע וואָרט: „מע לייגט ארופ אפן מענטשן די שווועריקײַטן פונעם אָרט, פון וועלכן דער מענטש איז אוועק, און די שווועריקײַטן פונעם אָרט, וווהין ער קומט אָן". אין זײַן שאפונג אפ דער טעמע פונעם סאָוועטישן נײַלעבן האָט בערגעלסאָן גענומען אפ זיך די שווועריקײַטן, די קינסטלערישע אופגאבן, וואס ער האָט זיך געשטעלט, בעשאס ער האָט געשריבן זײַנע פאר־רעוואָליוציאָנערע מײַסטער־ווערק, באנאנד מיט די קינסטלערישע שווועריקײַטן, וואס די שילדערונג פונעם סאָוועטישן נײַלעבן האָט אים אונטערגעטראָגן. אין די דערציילונגען: „סטעפּ",

„אָנהייב‟, „אַן איידעם‟ האָט דער שרײַבער אין דער פולער מאָס אויסגענוצט זײַן מײַסטערישע אָנזאַמלונג, זײַן קענטשאַפט צו מאָלן נאַטור און פּייזאַזש, מענטש און געזעלשאַפט. אין די דאָזיקע דערציי־לונגען שטייט בערגעלסאָן פּאָנעם־על־פּאָנעם מיטן געשילדערטן סטעפּ, וואָס קומט מיט אַלע זײַנע דופטן און ווינטן אויסדריקן דעם שרײַ־בערס נײַע, געזונטע, אָפּטימיסטישע לעבנס־אויפאַסונג, ליבע צו ערד, צו ערדישקײַט, צו אַלדעם ערדישן, וואָס איז אופגעקומען אין מענטש און געזעלשאַפט.

פון דער געשיכטע מיטן יִדישן פּויער, גערשן יאַראָשעווער, וואָס בלאָנדזשעט אום איבערן סטעפּ אום יאַמקיפּער אין געיעג נאָך זײַן פאַרלאָרן געגאַנגענער טעלעצע „די פרומע רעבעצנ‟, — פון דער דאָ־זיקער טשיקאַווער געשיכטע ציִען זיך פעדעמער צו אַ גאַנצן קנופּ פראַגן, וואָס האָבן אַ שײַכעס טאַקע צו דער אויסבילדונג פון דער נײַער און פרײַער סאָוועטישער פּערזענלעכקײַט. דאָס זעלבע איז אויך מיט די צוויי סטעפּ־מיידלעך פון די דערציילונגען „אָנהייב‟ און „אַן איידעם‟. דער איידעם איז דאָס איינער אַ דאָרפישער אוקראַינישער מאַטראָס, וואָס שאַדכנט זיך צום קאָלווירטניקס פּייסי קראַסנים טאָכ־טער. און דאָ נוצט בערגעלסאָן אויס אַף אַן אינטערעסאַנטן אופן זײַן אַמאָליקע סטיל־געוווינשאַפט ארײַנצומישן אינעם גאַנג פון דער דער־ציילונג דעם „וואָס זאָגט די שטאָט‟. איצט איז אָבער פונקט פאַר־קערט, דערציילט בערגעלסאָן:

פּייסי קראַסני און דעריקער זײַן ווײַב גאָלדע סאָפּעקן, צי זאָלן זיי אײַנגייען אַפן שידעכ:

„ — שוין געהערט אמאָל, — האָט זי אַ זיפץ געטאָן, — שוין געהערט אמאָל, עמעצער זאָל זאָגן: „מײַן איידעם דער מאַטראָס?..‟

אוןביידע האָבן נאָכדעם לאַנג געשוויגן; באַ ביידן איז געבליבן:

— מ׳עט הערן, וואָס זאָגן דערוף מענטשן.

איז אָבער דער אומגליק, וואָס אַף אַלע דאָ אין יִדישן קאָלווירט קאָן מען בעשום־אופן ניט דערקענען, צי ווייסן זיי שוין וועגן דעם צי ניין — זיי האָבן אַלע צו זאָרגן וועגן בילבערס. גאָלדע האָט אַנומלטן וועגן זיי געזאָגט:

— ס׳איז דען מענטשן? אַנו, זאָל מען עס הערן עמעצן כאָטש אײַ־בעריידן אַ וואָרט... כ׳מיין עס: וועגן ריוועס מיטן מאַטראָס... ס׳איז סדאָם!‟

און אָט דער נײַער „סדאָם‟ האָט טאַקע אַ רעד געטאָן, ווען ס׳איז געקומען די צײַט און דער קאָלווירט האָט זיך געגייטיקט אין הענט

און האָט א פּאָדער געטאָן, אז דער מאטראָס זאָל בלײַבן א היגער. דעמלט איז פּייסי געקומען צו גאָלדען מיטן נײַס:

„ — נו, האָסטו באדאַרפט זיך ברעכן דעם קאָפּ, צי דו ווילסט יאָ, צי דו ווילסט ניט?..

— אז אלע מעכוטאָנים פון דײַן צאַד...

— כ׳מיין, אונדזער גאנצער קאָלווירט...

— מיט איין וואָרט: אלע ווילן...״

ס׳איז גרײַלעך צו באמערקן, אז אין די אלע דערציילונגען פונעם סאָוועטישן פּעריאָד האָט זיך פארשטארקט דער הומאָריסטישער שטראָם, וואָס דערנענטערט בערגעלסאָנס שאפונג צו דעם אָפּטימיסטישן קוואַל פון שאָלעם־אַלייכעמס פאָלקסטימלעכקײַט. צו דעם דאָזיקן קוואַל האָט ער זיך דערנענטערט נאָך מער באם שאפן זײַן צוויי־בענדיקן „באם דניעפּער״, ווי אויך באם שאפן זײַן גרויסע דערציי־לונג וועגן ביראָבידזשאַן.

3

זײַן בוך „ביראָבידזשאַנער״ האָט בערגעלסאָן פארעפנטלעכט אין 1934 יאָר. דער בוך „ביראָבידזשאַנער״ טראָגט אַן אונטערקעפּל „דערציילונג״. דאָס באטײַט ניט, אז בערגעלסאָן פארטושירט דעם פאַקטישן פארצייכענונג־כאראקטער פון זײַן ווערק. דאָס באטײַט נאָר, אז דער שרײַבער האָט אפּ א דערציילערישן אויפן געצויגן די סוזשע־מישע פעדעמער פונעם בוך, קאָנצענטרירט, הייסט עס, די שילדערישע אופמערקזאמקײַט אפּ א געוויסן בינטל פארשוינען, וואָס זייערע דור־כויסיקע לעבנס־ליניעס ווערן דאָ נאָוועלע־אַרטיק באהאנדלט פון אָנ־הייב ביזן סאָף.

די טעמאטישע ספּעציפיק פונעם פארצייכענונג־זשאַנר באשטייט אין דעם, וואָס די פארצייכענונג פארנעמט זיך מיט קאָנקרעטער ווירק־לעכקײַט, זי שטעלט אופ די פאַקטישע וואָר און ניט די גערדיכטעטע וואָרהאפטיקײַט, ווי די נאָוועליסטישע שאפונג. ווו דער שרײַבער איז געוויס פרײַער אינעם אויסוואַל פון טיפּאזש און געשעענישן און בע־מיילע פרײַער אין זיין פון דיכטן, פון צוטראַכטן. דער פארצייכענער איז געבונדן מיט קאָנקרעטע נעמען און פאַקטן, און טיפּיזירן, שאפן די געשילדערטע געשטאלט באטײַט פאר אים אופשטעלן די כאראַק־טעריסטיק פון א פּאַרטיקן כאראַקטער. ער דאַרף אויסגעפינען די האַנדלונג־מאָטיוון, די באוועג־קרעפטן פון דער געגעבענער, פאַקטיש עקזיסטירנדיקער פּערזאָן, פאַקטיש פאָרגעקומענער געשעעניש.

אָבער אינ פּראָצעס פונ דער שאַפונגס־אַרבעט באַגעגנט זיכ ערגעצ דער פאַרצייכענער מיטנ דערציילער דעמ נאָוועליסט אונ ראָמאַניסט. אינ דער טיפ פונעמ שאַפונגס־פּראָצעס איז דער איבערגאַנג פונ איינ זשאַנר צומ צווייטנ א ווייניק מערקבאַרער. די פאַנאַנדערטיילונג איז אָפּטמאָל א באַדינגלעכע — די ביידע זשאַנרענ שיידנ זיכ אָפּ אינ דער פרײַהײַט פונעמ אויסוואַל, אינ די באַאַרבעטונגס־מיטלענ, אָבער ניט אינ רעזולטאַט, ניט אינ דער פאַרווירקלעכונג פונעמ טיפּאַזש אונ האַנדלונג, וואָס קאָנענ באַקומענ סײַ דאָ סײַ דאָרט זייער פאַרפולקומטקײַט אינ דער קינסטלערישער פאַראַלגעמיינערונג.

• די מאָס פונ דערנענטערונג פונ דער פאַרצייכענונג צו דער קוואַליטעט פונ דער נאָוועלע, די מאָס פונ איר פאַראַלגעמיינערונג באַצייכנט דעמ גראַד פונ איר קינסטלערישקײַט אונ אויכ פונ איר דערקענטעניש־קראַפט. אַפ דער ליניע צווישנ די ביידע זשאַנרענ געפינענ זיכ בערגעלסאָנס „בירעבידזשאַנער", וואָס שטעלנ מיט זיכ פאָר אַנ אייגנאַרטיקע פאַרצייכענונג־שילדערונג פונ א געגעבענעמ קאָנקרעטהיסטאָרישנ צײַט־אָפּשניט אינעמ לעבנ פונ דער באַשאַפענער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. אינ זײַנ בוכ „בירעבידזשאַנער" איז בערגעלסאָנ געגאַנגענ אַפ די הייסע שפּורנ פונ די ערשטע ייִדישע בירעבידזשאַנער אײַנוווינער, אונ האַגאַמ ער האָט ניט געגעבנ קיינ אַזוי גערופענע פאַקטאָגראַפיע, עטעמט דאָכ זײַנ שילדערונג מיטנ אומיטלבאַרנ אָטעמ פונ לעבעדיקע מענטשנ אונ ווירקלעכע פּאַסירונגענ.

זײַנ דערציילונג וועגנ בירעבידזשאַנ הייבט אָנ בערגעלסאָנ פונעמ איבערוואַנדערישנ וואַגאָנ, אינ וועלכנ ער האָט אַרײַנגעזעצט א מעך באַוווסטזיניקנ אוילעמ, געצומענ א יוגנט דעריקער אונ אָרײַענטירט אַפ איר דעמ אידיישנ הויפּט־געוויכט פונעמ ווערק. דאָס בינטל פּאַרשויגענ, וואָס בערגעלסאָנ האָט אַרויסגעפירט פונ שטעטל קיינ בירעבידזשאַנ, האָט ער דעריבער דיפערענצירט פונ אָנהייב אָנ, געפונענ א מעגלעכקײַט אינ וואַגאָנ גופע אויסשיילנ זייער סאָציאַלנ כאַראַקטער לויט זייער געוועזענער לאַגע אונ באַשעפטיקונג.

„אונ די רעוואָליוציע — דער קאָפּ איז צו קליינ אַפ צו באַנעמענ אירע גענג, אַפ צו כאַפּנ גלײַכ:

— וואָס מיינט זי?..

אינ דעמ זינענ זײַנענ ניט אַלע אינ דער גרופּע איבערוואַנדערער פונ איינ טייג געקנאָטנ: איבער רעוואָליוציע־זאַכנ קאָנ נאָכ אויסקומענ זיכ א קריג טאָנ צווישנ זיכ — מער אָרעמע מיט ווייניקער אָרעמע, ייִנגערע מיט עלטערע — נאָר אַלצ מישפּאָכעדיק, אינ פלוג אַי־

בער גאָר, גאָר קלייניקייטן. א זײַטיקער וואָלט ניט באַלד פאַרשטאַנען:
— איבער וואָס, אייגנטלעך, קריגט מען זיך?"

די דאָזיקע דערקלערונג וועגן דער פאַרבאָרגנסטער דיפערענציר־ליניע פון זײַנע „רײַזנדע" מאַכט בערגעלסאָן גלײַך אפ דעם ערשטן זײַטל פון זײַן בוך. אינדערעמעסן אָבער באַהאַנדלט בערגעלסאָן אין זײַן ווערק ניט בלויז די, וואָס באַ זייערע מיינונגס־פאַרשיידנהײַטן געהערן זיי דאָך צו איין מישפּאָכע, ווי דער שרײַבער זאָגט. נאָר אויך די, וואָס זײַנען פּײַנטלעך דער מישפּאָכע. אזעלכע זײַנען די בראָדס־קים און די ליפשיצעס, וואָס זייער פּאָרן קיין בירָאָבידזשאַן איז געווען לעכאַטכילע אויסגערעכנט אפ א נײַעם הענדלערישן שווינדל אָדער באַלעגופישן ארט לעבן. און אויך אין דער „מישפּאָכע" גופע האָט בער־געלסאָן באַוויזן, ווי זײַענדיק אין איין וואַגאָן, פּאָרן זיי קיין בירָאָביד־זשאַן יעדערער אפ זײַן אַרט און אופן, יעדערער קומט קיין בירָאָ־בידזשאַן און ברענגט זײַן גאַנג און טעווע. בערגעלסאָן האָט גלײַך באַוויזן א גאַמע פון כאַראַקטערן באַ מענער און פרויען, עלטערע און יונגע, און זיי אַלע, די „צונויפגענומענע מענטשן פין צוועלף געוועזע־נע פאַרנאָסעס", טראָגן אַרײַן יעדערער זײַן באַזונדערע כאַראַקטער־פאַרב און שאַפן דעם אײנהײַטלעכן פאַרבן־ספּעקטאָר אין בירָאָביד־זשאַנער גופע, באַ דער גרויסער, שווערער, אָבער פרוכטבאַרער און דאַנק־באַרער אופבוי־אַרבעט.

בלויז איין קאַפּיטל, דאָס ערשטע קאַפּיטל פון זײַן בוך, ווידמעט בערגעלסאָן דעם וואַגאָן, דעם וועג. פון די איבעריקע צוועלף קאַפּיטלען איז א קלײנער טייל געווידמעט דעם אָנקום קיין בירָאָבידזשאַן, דעם איבערוואַנדערער־פונקט, דער אַרבעט אין דער שטאָט גופע, און דער גרעסטער און וויכטיקסטער טייל פון זײַן שילדערונג פאַלט באַ בער־געלסאָנען מיט רעכט אפ דער בוייונג פון דער געגנט, אפ דער בוייונג פון בירעפעלד און וואַלדהיים.

בערגעלסאָן נעמט זײַן בינטל וואַגאָן־מענטשן און צעשפּרייט זיי איבערן גאַנצן בוייונג־שעטעך. ווי מילבן אַרבעטן זיי יעדערער אין זײַן ווינקל און אפ זײַן געביט: שימקע און אַרקע, וועלוול, פּריסקער און מענדל זאַקס, פּעסל, ביילע, פּאַלאַשע און די שימקיכע — א גאַלעריי טיפּן, יאַטן און יאַטיכעס, יונגערע און עלטערע, יעדער אײנער מיט זײַן אייגענער טעווע, מיט זײַן אייגענער לעבנס־ליניע, וואָס פּלעכט זיך איבער אין דער דורכוויסיקער האַנדלונג, אין באַגעגענישן באַ דער אַרבעט און אינעם שטייגער, האַגאַם ס'דאַרף דערבײַ באַמערקט ווערן, אז דער יוגנטלעכער פּריוען־טיפּאַזש איז באַ בערגעלסאָנען קינסטלע־

ריש שוואַכער. די דאָזיקע האָט ער ניט אופגעשטעלט, ווי די יאַטנ, אינ זייער מוסקולדיק־פאַרשטײַפטער קאָמיוגישער כאַראַקטער־ביל־דונג.

אויסער די פאַרשיידענע געשטאַלטנ האָט בערגעלסאָנ געבויט דעמ בוכ אפ א ריי העלע עפּיזאָדנ, וואָס קומענ אופ, ווי סוזשעטישע וועג־צייכנס אינ גאַנג פונ דער שילדערישער האַנדלונג־אַנטוויקלונג. די עפּי־זאָדנ שאַפנ די אויסגעבעזשבנטע אַרכיטעקטאָנישע סיסטעמ פונעמ בוכ, זיי ווערנ בעפיירעש א מיטל צו פאַרהיטנ דעמ פאַרצייכענונגס־כאַראַק־טער, די וואָרהאַפט פונעמ ווערק, ס'באַקומט זיכ, אז דער שרײַבער שיל־דערט געשעענע, ווירקלעכ פאָרגעקומענע לעבנס־פאַקטנ.

צו־אַלעמ־ערשטנס, די געשיכטע מיט דעמ רוסישנ מיידל פאַלאַשע, וואָס די יוגנט באַגעגנט אינ וועג אונ נעמט מיט זיכ קיינ ביראָביד־זשאַנ; דערנאָכ די געשיכטע מיט פעסלענ אונ מיט די קינדער אינעמ איבערוואַנדערער־הויז; שימקעס באַגעגעניש מיט מענדל זאַקס, וואָס געפינט דעמ פלאַצ פאַר דער בויונג פונעמ וואַלד־יִישעוו (עס האַנדלט זיכ, אפּאָנעמ, וועגנ דעמ איצטיקנ וואַלדהיימ); דער עפּיזאָד מיט סאָרע דער קעכנע, א בערגעלסאָניש־גלענצנדע פּאָרטרעט־שילדערונג, וואָס איז אַרײַנ אינעמ כרעסטאָמאַטיש־ליטעראַרישנ געברויכ.

הײַנט די שילדערונג פונעמ פורנ־צוג, וואָס פאָרט אינ טײַגע נע־מענ זיכ פאַר דער בויונג; דער אויסגעצייכנטער זשאַנר־עפּיזאָד מיט ליפשיצנ, וואָס שטעלט זיכ צומ ערשטנ מאָל אַרבעטנ; דאָס בילד, ווי מע גראָבט דעמ ברונעמ, דאָס געפונענע וואַסער. אונ דאָס אַלצ ווערט באַקרוינט מיט דער שילדערונג פונ דעמ צוג מיט די זעק אינ דער שטור־עמ־נאַכט. דער דאָזיקער מאַרש פונ די גייענדיקע זעק, די פעק, וואָס אײַלנ צומ אָקטיאַבער־יאָמטעוו — דאָס דאָזיקע קאָנ שוינ גיינ אינעמ עפּאָס־פאָנד פונ דער ביראָבידזשאַנער געשיכטע.

ס'איז קלאָר, אז אויסקערנדיק זײַנע איבערוואַנדערער מיטנ פאָנעמ צו דעמ נײַעמ, וואָס איז מיט זייער קומענ קיינ ביראָבידזשאַנ אַרײַנ אינ זייער לעבנ, אָרױענטירנדיק זיכ אפ די פירנדיקע סאָוועטיש־שע־פערישע שטריכנ אינ זייער כאַראַקטער, האָט בערגעלסאָנ געפונענ ניט בלויז וועגנ ווענמענ צו דערציילנ, נאָר אויכ וואָס צו דערציילנ, ער האָט געפונענ סוזשעט, פאַבול, דורכויסיקע האַנדלונג, וואָס צעשטערט ניט דעמ פאַרצייכענונגס־זשאַנר אונ העלפט מיט אופצוהייבנ דעמ אינדיווידועלנ באַטײַט פונעמ געשילדערטנ כאַראַקטער. דער דאָזיקער כאַראַקטער אַנטפּלעקט זיכ דאָ אונ וואַקסט אויס אינ טאַט, אינ גאַנג פונ דער האַנדלונגס־ליניע.

די פּערסאָנאַזשנ פונ זײַנ דערציילונג מאָלט בערגעלסאָנ מיט דער גענײַטער האַנט פונ א מײַסטער, וואָס ווייסט דעמ סאָד פונ קינסטלערישער פאַרקערפּערונג, ווייסט, ווי צו געבנ דעמ טיפּ דורכ דער כאַראַקטערפולער לאַקאָנישער דעטאַל. אָט אַזוי שילדערט ער דעמ פּראָסטנ בענינ, וואָס רעאַגירט אַפּ א פײַנטלעכנ געדאַנק מיט דעמ, וואָס „בא אימ אינ מויל האָט זיכ אַפּ א רעגע פאַרמאַכט אײנס פונ די קערלעכ, וואָס ער האָט פּאַמעלעכ אַרײַנגעלייגט". אַזוי דערציילט ער וועגנ דעמ געוועזענעמ ווײַנשענקער יודלענ — א קאָלאָריטפולע פיגור בא בערגעלסאָנען, — וואָס „שאַרט אַרײַנ מיט דער אונטערשטער ליפּ א וואָנצ אינ מויל אַרײַנ און לאָזט אַרויס א שטיל, געציקלט זיפּצעלע, זייער א לאַנגס, וואָס הייבט זיכ אָנ מיט א קוויטשיקל אַזש אַפּנ בײַקאָל און לאָזט זיכ אויס מיט טיפּ־כאָרכלענדיקע נידעריקע טענער. צוגעוווינט צו דעמ האָט ער זיכ נאָכ אַמאָל, אינ דער מלכאָמע, ווענ מע האָט אימ פאַרמאַכט דעמ ווײַנשענק. נאָר פאַרבליבנ איז אימ דאָס „זיפּצעלע", מאַשמאָעס, אַפּ אײביק. איצט וועט ער דאָס „זיפּצעלע" ברענגענ אהינ — א מאַטאָנע בירא̈בידזשאַנ...".

אונ קעגנ אָט דעמ טיפּ, וואָס פירט קיינ בירא̈בידזשאַנ א ניט פאַרווירקלעכטנ פאַרלאַנג צו שרײַבנ קיינ אַמעריקע „בריוו" פונ דעמ באַוווּסטנ רעבילעסדיקנ שניט, ווי אויכ קעגנ דעמ פאַרניכטנדיק געשילדערטנ באַלעבעסל בראָדסקי אונ זײַנ זונ „זוזיע", שטעלט בערגעלסאָנ אַוועק די שעפערישע פּולבלוטיקע יוגנט, די, וואָס אַרבעטנ „ווי די רובעס", זינגענ „יִדיש, אוקראַיִניש, קאָמיוגיסטיש", אונ די ליבע זייערע איז אויכ אַזא, וואָס „אַנטלײַט ניט קיינ ווערטער בא דער אַלטער וועלט". בא בערגעלסאָנענ אינ בוכ לעבנ אונ ווערנ איבערגעבויט א ריי האָרעפּאַשניקעס, וואָס וועגנ זיי זאָגט דער שרײַבער: „צו פּראָסטע מענטשנ קומענ געפילנ פּאַמעלעכ, אָנ א גלאָק באַמ דישל, שטיל, נאָר ערגעצ אינ דער הינטער־טיר".

אָבער דעמ גלײַכנ אונ אָפענעמ וועג צו אָט דער הינטער־טיר האָט געפונענ די ראַטנמאַכט מיט אירע מאָסמיטלענ פונ סאָציאַליסטישנ איבערבוי, וואָס ריידנ צומ האַרצ אונ באַוווּסטזײַנ פונעמ האָרעפּאַשניק. אונ וועגנ דעמ דערציילט אויכ בערגעלסאָנ אַפּ זײַנ בילדערישנ זשאַנר־שטייגער. אָט כאַראַקטעריזירט ער אַרקענ, וואָס האָט אויסגעהערט פריסקערס א געדאַנק וועגנ בוי־קורסנ אונ דערבײַ „באַקומענ בוילעטע שטרויס־אויגנ — א סימענ, אַז ערגעצ בא זיכ אינ קאָפּ פאַרזוכט ער פריסקערס געדאַנק, ווי אײנער פאַרזוכט דעמ טאַמ פונ א מײַכל, וואָס האַלט זיכ נאָכ אינ קאָכנ". אונ אַז דער מײַכל האָט זיכ

אויסגעקאָכט, אז די הינטער־טיר האָט זיך ברייט פאַנאַנדערגעעפנט
פאר דעם געדאנק פונ דער בירָאָבידזשאנער בויונג, האָט בעני, דער
געוועזענער בעדער, שוינ געטראכט, אז: „וויפל ער וויל זיך ניט דער־
מאָנענ, וויאזוי ער האָט געלעבט אמאָל, פאר דער רעוואָליוציע, קומט
בא אימ אלצ אויס, ווי מע וואָלט בא אימ פרעגנ: — וויאזוי האָט גע־
לעבט בעני, איידער ער איז געוואָרנ בעני?"

אפ טריט אונ שריט האָט בערגעלסאָנ אינ זײַנ בוך וועגנ בירָאָ־
בידזשאנ געוואָרפנ בילדערישע סאָציאלע כאראקטעריסטיקעס, וואָס
שטעלנ אופ די איבערגעבורט פונ דעמ אינ בירָאָבידזשאנ ארײַנגע־
קומענעמ האָרעפּאשנעמ איבערוואנדערער, אפ וועלכנ ס'האָט א גיי
געטאָנ די שעפערישע בירָאָבידזשאנער ארבעט אונ די שעפערישע נאטור,
ווערליק בערגעלסאָנ מאָלט זי: די טײַכנ, וואָס זײַנענ „גרייט בויענ סאָ־
ציאליזמ", דער אָסיענ, וואָס איז „אינ בירָאָבידזשאנ א לאנגער, א
ריינ־גאָלדענער, גלעט דאָס פּאָנעמ, די האָר, ווי א ליבהארציקער פרײַנט,
מע זאָל קיינ פאריבל ניט האָבנ, וואָס דער זומער איז געוועזנ א רעגנ־
דיקער, דער אָסיענ איז דאָ אליינ פאר זיך א שטיק שפּאָגל־נײַער
לאנגער זומער".

אינ די פראכטפולע זײַטלעך, וווּ בערגעלסאָנ שילדערט, ווי שימקע
אונ זאקס האקנ אינ דער ווילדער טײַגע די ערשטע ביימער, ווארפט זיך
אינ די אויגנ די נײַע באהעפטונג פונ נאטור אונ מענטש. פונ די ביי־
דע האָט דער שרײַבער באשאפנ איינ הארמאָנישע, טאטפולע אונ בויע־
רישע איינהײַט קעגנ אלע קאנאָנענ פונ דער אלטער נאטור־שילדע־
רונג, וואָס האָט פונ דער נאטור־ווילדעניש ביפראט באשאפנ טאָמיד
אנ אומבארירלעכע הייליקײַט — די טרעגערנ פונ קלוימערשטער
פאסיווער אייביקײַט־רו אונ גליווער־שיינקײַט...

מיר זײַנענ געוווינט צו בערגעלסאָנענ דעמ געוויכטיקנ פראָבלע־
מענ־שרײַבער. זײַנע דראמאטיזירטע געשטאלטנ אונ געמעלנ זײַנענ
שטענדיק טיפ פארבונדנ מיט די געדאנקלעכע הויפט־ליניעס פונ דער
געשילדערטער צײַט אונ געזעלשאפטלעכער באוועגונג. אינ זײַנ פאר־
צייכענונג־בוך וועגנ בירָאָבידזשאנ איז בערגעלסאָנ געגאנגענ אינ אנ
אנדער ריכטונג, ער איז מער געגאנגענ אינ דער ריכטונג פונ אויס־
געשפּראָכענער שטייגערישער זשאנר־מאָלערײַ. אונ גראָד מיט דעמ,
צו גלייבנ, האָט זיך בערגעלסאָנ באהעפט מיטנ ערשטנ אָנזאמלונג־
עטאפּ פונעמ אופבוי פונ דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. מיט זײַנ
שטייגערישנ פראכטפול־פּאָלקסטימלעכנ וואָרט, מיט זײַנע פריידיק־
שפּילעווריקע, ערטערווײַז ליריש־דערהויבענע אונ אומעטומ סאָציאל־

אויסגעהעלטע בירָאבידזשאנער געמעלן האָט בערגעלסאָן געווים אָפּ־געמערקט א וויכטיקע דאטע אין דער איבערבוי־געשיכטע פון די סאָוועטישע יִדישע פאָלקס־מאסן.

בירָאבידזשאניש־העלע זון און הימל, אָפּטימיסטישע בויונגס־פרייד באנאנד מיט בערגעלסאָנס קענען געבן א דײַטלעכע סאָציאלע פארגעשטאלטיקונג — דאָס זײַנען שוין פון איצט אָן צוגעקומענע נײַע רעאליסטישע פארבן אָפּ דער בערגעלסאָנישער שאפונגס־פּאליט־רע. נאָך די „בירָאבידזשאנער" האָט בערגעלסאָן אָנגעשריבן דרײַ באזונדערע דערציילונגען, ווידעראמאָל געווידמעט דער טעמע פון בירָאבידזשאן. דאָס זײַנען די דערציילונגען: „זאָרג", „שכיינים" און „צוגאסט". און פון זיי איז אויך צו זען די שמייכלדיקע פרייִלעכקײַט, וואָס עס באהערשט דעם שרײַבער, בעשאס ער רירט זיך צו צו דער דאָזיקער טעמע. דאָ האנדלט זיך נישט נאָר וועגן דעם הומאָריסטישן כאראקטער פון די דאָזיקע נאָוועלן, דאָ האנדלט זיך וועגן א נײַעם, פריידיק־לירישן גרונט־טאָן, וועגן א נײַעם געמיט פון א שרײַבער, וואָס קוועלט אָן מאמעש פון די, וואָס ער רופט ארויס צום קינסטלע־רישן לעבן. אין בירָאבידזשאן, מאשמאָעס, האָט בערגעלסאָן געפונען דעם טיפּ, דעם מענטש, די לעבנס־אטמאָספער, וואָס פון זיי קאָן ער שעפּן נאכעס, ווי מע זאָגט, שעפּן שאפונגס־פרייד...

„אונטער שימקעס האָריקער ברוסט, — דערציילט בערגעלסאָן אין זײַן „בירָאבידזשאנער", — קלאַפּן עטלעכע הערצער מיטאמאָל". אָט דאָס פארטאָפּלטע הילכעדיק־פריידיקע הארץ־קלאַפּן גיט דעם גרונט־טאָן בערגעלסאָנס פארצייכענונגען וועגן די ערשטע בירָאבידזשאנער. דער בוך איז אויסער אלעמען וויכטיק און אינטערעסאנט מיט דעם אויסגעדריקטן גלייבן אין דער בויונג פונעם לאנד, מיט דער פאנאנ־דערגעוויקלטער פאנאָראמע פון די מאָרגעדיקע פּלענער. זיי ברענגען דאָך דעם באשיידענעם אגראָנאָם פינקלשטיין צו טרוימען וועגן דעם לענין־דענקמאָל, וואָס וועט שטיין אָפּ דער העכסטער סאָפּקע:

„לענין מיט אן אויסגעצויגענער האנט... באנאכט וועט דער דענק־מאָל זיך אזוי שטארק באלויכטן, אז מע וועט אים ארויסזען אָפּ יענער זײַט גרענעץ. איז מאָנעפּשעט: אויב אָפּ יענער זײַט גרענעץ וועט שוין זײַן נאָך דער סאָציאלער רעוואָליוציע, וועט לענינס האנט דאָרט אָנ־ווײַזן דעם ווײַטערדיקן וועג, אויב דאָרט וועט נאָך אלץ זײַן אימפּע־ריאליזם, וועט לענינס אויסגעשטרעקטע האנט אהין וואָרענען:

— קריכט ניט...

— היט די ביינער!"

די פאטריאָטישע טעמע טוט א הילך בא בערגעלסאָנען ווי א טעמע, וואָס האָט א שייכעס צום סאמע פארוואָרצלטן אינטימסטן געדאנקען־ און געפילן־קרייז פונעם סאָוועטישן מענטשן. אזוי איז אויך בערגעל־ סאָן צוגעגאנגען צו דער דאָזיקער טעמע אין דער פּאָר דערציילונגען, וואָס ער האָט געווידמעט דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. אין די פארעפנטלעכטע דערציילונגען פונעם 1943 יאָר „געווען איז נאכט און געוואָרן איז טאָג" און „פריינטשאפט" האָט בערגעלסאָן אָנגעמערקט די סאָציאַליסטישע און עטישע מענטשלעכע פּראָבלע־ מען־ליניע, וואָס פירט אים אופצודעקן דעם טאָך פון דער סאָוועטישער העלדישקייט. דאָס איז אוודע אויך דער וועג, וואָס בערגעלסאָן האָט אָנגעמערקט פאר זיינע ווייטערדיקע שאפונגען אף דער דאָזיקער טע־ מע. ער וועט צו איר געווים צוגיין מיט דער קינסטלערישער באוואָפנט־ קייט פון א שרייבער א מייסטער, א שרייבער, וואָס האָט אפן טראָט־ נאָך־טראָט־אויפן דורכגעמאכט אין זיינע שאפונגען די הויפט־עטאפּן אפן גרויסן וועג פון דער יידישער געזעלשאפט.

IX. באַם דניעפּער

ערשטער בוך — „פּענעק"

1

אין 1932 יאָר האָט בערגעלסאָן פאַרעפנטלעכט זײַן ערשטן טייל פונעם גרויסן ראָמאַן „באַם דניעפּער" אונטערן נאָמען „פּענעק".

אין 1915 יאָר האָט בערגעלסאָן נאָך י. ל. פּערעצעס טויט אָפּגע־דרוקט אַן אַרטיקל, ווו ער האָט געשריבן:

„ — איך וועל שאַפן אַ שיין לעבן, — אַזוי זאָגט רוון.

— און איך וועל שאַפן פון דײַן לעבן אַ שיין בוך, — אַזוי זאָגט שימען".

און שפּעטער נאָך דער גרויסער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט בער־געלסאָן אין דער געשטאַלט פון פּענעקן פאַרייניקט די ביידע: פּענעק איז דער, וואָס שטרעבט צו שרײַבן אַ שיין בוך, און פּענעק איז אויך דער, וואָס שטרעבט צו לעבן אַ שיין לעבן. דער שרײַבער פון דער עטישער און עסטעטישער פּראָבלעם האָט געפונען פאַר נייטיק צו באַווײַזן דעם מענטשן, וואָס פאַרייניקט אין זיך די אַקטיווע עטיק און די אַקטיווע עסטעטיק — ער באַווײַזט פּענעקן, וואָס בילדעט אין זיך אויס דעם כוש צו דער קינסטלערישער שאַפונג באַנאַנד מיטן סאָציאַל־עטישן לעבנס־באַנעם און סאָציאַל־עטישער לעבנס־פּראַקטיק.

בערגעלסאָן באַווײַזט, ווי אין פּענעקן וואַקסט דער סאָציאַלער שרײַ־בער באַגלײַך מיטן סאָציאַלן קעמפער. פּענעקס זעלבסטבאַוווסטזײַן אַנטוויקלט זיך און רײַפט לויט די ביידע ליניעס און ברענגט אים, אינעם צווייטן טייל פונעם ראָמאַן, צו דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, פאַרוואַנדלענדיק אים אייגנצײַטיק אין אַ שרײַבער אַ קינסטלער. אינעם ראָמאַן טאָר מען ניט אָפּטיילן איין ליניע פון דער צווייטער, וואָרעם אין דעם ליגט נישט נאָר די צוויי־אייניקע הויפּט־פּראָבלעם פון בערגעלסאָנס גרויסן נײַעם ווערק, נאָר אויך די איקערדיקע באַ־רעכטיקונג פון פּענעקס כאַראַקטער, די באַרעכטיקונג פון דעם, וואָס בערגעלסאָן גייט צו צו דער שילדערונג פונעם דאָזיקן כאַראַקטער.

אינ 1910 יאָר האָט בערגעלסאָנ אָנגעשריבנ א קלענערע דערציילונג מיטנ נאָמענ „פײַוולס מײַסעס“, פארעפנטלעכט אינ 1919 יאָר. די דאָזיקע דערציילונג שטעלט מיט זיכ פאָר, צו גלייבנ, דעמ ערשטנ גאנצ ווײַטנ ואריִאנט, א מינ עמבריִאָנ פונעמ שפּעטערדיקנ „באמ דניעפּער“. ס'האנדלט זיכ וועגנ איינעמ א קינד, וואָס דערציילט מײַסעס פונ זײַנ קינדהײַט, מײַסעס, וואָס זײַנענ פארוועבט מיט שטעטלשער קינדערשער פאנטאסטיק אונ האָבנ א געוויסע שײַכעס צו די מײַסעס פונ שאָלעמ־אליכעמס קינדהײַט אינ זײַנ „פונעמ יאריד“. אינ דער דאָזיקער דערציילונג פיגורירט שוינ בא בערגעלסאָנענ דאָס קינד פונעמ „ווײַסנ הויז“, עס איז פאראנ די קיכ מיט בונציענ דער דינסט — די שפּעטערדיקע בוני די קעכנ, עס לעבט שוינ דאָ די ראָמאנטישע אטמאָספער פונ די הינטערגעסלעכ מיט זייער דאלעס אונ קריפּל, עס זײַנענ פאראָנ, הייסט עס, באשײַמפּערלעכע עלעמענטנ, וואָס רופנ זיכ איבער מיטנ שפּעטערדיקנ „באמ דניעפּער“.

אָבער איינס איז קלאָר. אינ דער דערציילונג וועגנ פײַוולס מײַסעס פעלט די צילגעווענדטקײַט, עס פעלט אינ זיי די אויסגעקלאָרטע אידייִשע אײַנשטעלונג, וואָס איז אופגעקומענ באמ שרײַבער, בעשאס ער האָט מיט יאָרנ שפּעטער גענומענ שילדערנ די לעבנס־ביִאָגראפיע פונעמ קליינעמ פענעקנ. פײַוולס מײַסעס זײַנענ מײַסעס לעשיימ מײַסעס. אינ זיי איז ניטאָ קיינ שפּור פונ סאָציִאלער כאראקטעריסטיק, נישטאָ אויכ קיינ עלעמענטנ פונעמ קינדס אייגנארטיק־וואקסנדיקנ קינסטלערישנ זעלבסטבאוווסטזײַנ, וואָס אפ זיי האָט דער שרײַבער געבויט, ווי געזאָגט, פענעקס לעבנס־באטראכטונגענ.

פײַוולס מײַסעס האָט בערגעלסאָנ נישט פאָרגעזעצט, נישט געקוקט אפ דעמ, וואָס אינ דער לעצטער שורע זאָגט צו דער העלד פונ דער דערציילונג: „איכ הער זיכ אָנ מיט א סאכ מײַסעס, נאָר וועגנ זיי ווײַטער — אינעמ צווייטנ ביכל“. דער „ווײַטער“ איז ניט געקומענ. אזוינס איז דאָכ געשענ אויכ מיט „אינ פארטונקלטע צײַטנ“ אונ מיט נאָכ אנדערע ליטערארישע אָנזאמלונגענ, וואָס בערגעלסאָנ האָט אויסגעמיטנ צו פארעפנטלעכנ ווײַטער, ביז ער האָט ניט געפונענ די אָרגאניזיר־אידיי, די געדאנקלעכע אונ דעריקער סאָציִאלע ציל־אײַנשטעלונג, לויט וועלכער ער איז, ווי אָט אינ דעמ פאל, געקומענ אפדאָסנײַ אָריִענטירנ די אָנגעזאמלטע קינדישע לעבנס־דערפארונג אונ האָט געפונענ נײַע פארוואנדלונגענ פארנ געשילדערטנ טיפּאזש אונ האנדלונג.

פענעק איז געקומענ אפ דער וועלט, בעשאס בערגעלסאָנ האָט פאָר

זיכ אויסגעקלאָרט דעמ סאָציאַלנ כאַראַקטער פונ דער דאָזיקער קינדער־געשטאַלט, אונ פײַוולס אויטאָביאָגראַפישע מײַסעס לעשײמ מײַסעס האָבנ אָנגעהויבנ פונקציאָנירנ אַפ צו באַווײַזנ סײַ דאָס געבורט פונ פענעקס געזעלשאַפטלעכנ לעבנס־געפיל סײַ די אייגנאַרטיקע אויסבילדונג פונ זײַנע קינסטלערישע אייגנשאַפטנ. איז אָט אַפריִער וועגנ דעמ געבורט פונ פענעקס סאָציאַלנ לעבנס־געפיל, וואָס ווערט די צענטראַלע אַקס פונעמ ראָמאַנ „באַמ דניעפּער", זײַנ הויפּט־באַוועגער.

די האַנדלונג פונעמ ערשטנ טייל פונ „באַמ דניעפּער" קומט פאָר אינ אַ קלײנעמ שטעטל אַפ דער רעכט־ברעגיקער אוקראַיִנע אינ מיט פונ די 90־ער יאָרנ. אינ די דאָזיקע יאָרנ „האָבנ זיכ געשאַפנ אָרגאַניזאַציעס פונ מאַרקסיסטנ אינ אַלע וויכטיקסטע אינדוסטריִעלע צענטערס, ווי אויכ אינ די ראַנד־געביטנ" (געשיכטע פונ דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פאַרטײ, ז. 31, ייִד. אויסגאַבע).

אינ די יאָרנ איז אויכ פאָרגעקומענ די אויפוואַכונג פונ די ייִדישע פאָלקס־מאַסנ, די דיפערענצירונג אינ שטעטל אונ דאָס געבורט פונעמ ייִדישנ אַרבעטער־קלאַס. דאָס זײַנענ געווענ די יאָרנ פונ פערעצעס „יאָמטעוו־בלעטלעכ", דער אויפבלי־פעריִאָד פונ שאָלעמ־אַלײכעמס סאָציאַל־פאַרפונדעוועטער שאַפונג. פענעקנ באַהעפט בערגעלסאָנ מיט די ערשטע שטרײַקנ אינ שטעטל, ער באַווײַזט אינ ראָמאַנ די פאַראָרעמונג פונ די ייִדישע מאַסנ, פונ איינ זײַט, אונ דעמ אויפקומ פונעמ אַרבעטער באַוווּסטזײַנ — פונ דער צווייטער.

בערגעלסאָנ האָט פענעקנ געמאַכט פאַר אַ זונ פונעמ נעגידישנ ווײַסנ הויז, וואָס וואַקסט אונ באַקומט זײַנ דערציִונג, זײַנ גײַסטיקע נאַרונג אַפנ קיכ באַ די קיכ־לײַט. מיט דעמ האָט בערגעלסאָנ געפונענ אַ וויכטיק מיטל וויִאַזוי אַוועקצושטעלנ זײַנ העלד, דאָס וואַקסנדיקע קינד, אַפנ קרייץ־פונקט פונ די ביידנס קלאַסנ־אינטערעסנ. פענעק האָט באַ בערגעלסאָנענ די מעגלעכקײַט נאָכצושפירנ פונ אינווייניק נאָכנ לעבנס־שטייגער פונ זײַנ פאַרמעגלעכער אַרומרינגלונג, זײַענדיק אייגנצײַטיק אימשטאַנד נאָכצוקוקנ נאָכ די לעבנס־פראָצעסנ פונ די שטעטלשע פאָלקס־מאַסנ, אונטערצוכאַפנ אַפ זײַנ אויפנ דעמ אויפשײַנ אונ אַנטוויקלונג פונ זייער געזעלשאַפטלעכנ באַוווּסטזײַנ, וואָס העלפנ פענעקנ גופע באַנעמענ אונ קריטיש, אַזוי צו זאָגנ, אָפּשאַצנ די אויפירונג פונ די רײַכע לײַט פונ זײַנ שטאַמ.

פענעק איז אַ קינד. אונ באַטראַכטנדיק אָפטמאָל די וועלט מיט זײַנע אויגנ, האָט בערגעלסאָנ, פונקט ווי שאָלעמ־אַלײכעמ אינ זײַנ „מאָטל פײסי דעמ כאַזנס", נישט נאָר אויסגענוצט דעמ קינדס באַ־

אַבאַכטונגס־קראַפט, זײַן עמפּינדלעכקײַט און פאַרשאַרפטע פילבאַר־קײַט, נאָר אויך געפונענע אַ מעגלעכקײַט אַרײַנגעבן דעם שרײַבערס געזעלשאַפט־קריטיק אינעם מויל פון דעם, וואָס זײַנע קאַשעס אַף דער וועלט שטאַמען אומיטלבאַר פון די פאַקטן, פון די געשעענישן, וועלכע ריידן אַליין פאַר זיך און ס'איז ניט שײַעך זיי אָפּצולייקענען און אָפּ־צופרעגן. אַז דאָס קינד באַמערקט דאָס טראַגישע און דאָס קאָמישע אין לעבן, איז דאָס דער גרעסטער באַווײַז, אַז דאָס דאָזיקע עקזיסטירט ווי אַ קאָנקרעטער פאַקט, ווי אַ קאָנקרעטע לעבנס־דערשײַנונג, אין וועלכער דאָס קינד גופא איז פאַרפלאָנצט און פון וועלכער עס וואַקסט אַרויס...

דאָס איז איינמאָל אַוועק. און צווייטנס, האַנדלט זיך עס וועגן דער קינדערשער אייגנאַרטיקער באַציִונג צום וואָרט, וואָס שפּילט אַזאַ ראָל בײַ אַלע שרײַבער, וועלכע שטעלן אויף דעם פּראָצעס פונעם קינדס לעבנס־דערקענטעניש. שאָלעם־אַליכעמס דערציילט וועגן מאָטל פּייסי דעם כאַזנס, וואָס הערט אויס פון זײַן ברודער די געשיכטע, ווי ער האָט פאַרקויפט זײַן זייגער, די מאַטאָנע פון זײַן מעכותן, צוגעבנדיק דערבײַ: „דער מעכותן זאָל וויסן, וואָלט זיך געטאָן כווישעך! די וועלט וואָלט זיך איבערגעקערט!" און אַליין מאָטל, דערציילט שאָלעם־אַליכעם, טראַכט בעשאַס־מעשׂע: „איך דאַנק און לויב גאָט, וואָס זײַן מעכותן ווייסט ניט פונעם זייגער און וואָס די וועלט קערט זיך נאָך ניט איבער. וויי! וויי! ווען, כאָלילע, די שאָ זאָל גאָר ניט זײַן, עס קערט זיך איבער די וועלט, וואָס וואָלט געווען דעמלט מיט מעניך, מיטן שאָכנס קעלבל? אַ שטומע צונג!.."

דערפון איז צו זען שאָלעם־אַליכעמס פאַרשטאַנד פאַר דעם, וואָס דאָס קינד טיילט ניט אָפּ דעם קאָנקרעטן אייגנטלעכן באַטײַט פון דער פראַזע פון איר מעטאַפאָרישן זין. די דאָזיקע אייגנשאַפט פון דער קינדישער וואָרט־אויפאַסונג באַקומט בײַ בערגעלסאָנען אַ טיפע סאָציאַ־לע אָנווענדונג יעדער מאָל, ווען ער דעקט אויף דורך פענעקן דעם אַנינרײַס צווישן דעם עמעסן באַטײַט פונעם וואָרט מיט דעם יעניקן זין, וואָס די בורזשואַזע שטייגער־וועלט לייגט אין דעם אַרײַן, ביכדיי צי פאַרשטעלן אירע עגאָיסטישע אייגנטימערישע אינטערעסן. דאָס דאָזיקע העלפט דעם שרײַבער סײַ אָנמערקן די אויסבילדונג פון זעלבסטבאַוווסטזײַן בײַ פענעקן, וואָס זאַפּט אײַן, ווי יעדער קינד, דעם אַרומיקן רייד־שטייגער, סײַ דעמאַסקירן דעם עצעם טאָכ, דעם פּסיכאָ־אידייִשן מעהוס פונעם דאָזיקן רייד־נוסעך.

פענעק הערט, ווי דער טאַטע זײַנעד, מיכאָעל לעווין, זאָגט צו זײַן פּאַראָרעמטער טאָכטער:

„איך קאָן דיר געבן ניט מער ווי א דרײַערל, ווי איך גיב יעשוע פריידעס..."

פון דעמלט אָן, דערציילט בערגעלסאָן, „האָט פּענעק פּײַנט גע־קריגן אַלערליי נעדאָוועס, וואָס דאָס „הויז" גיט, אים איז דערפון געוואָרן מיִעס, ווי פון נעדאָוועס, וואָס טאַטעס גיבן אייגענע קינדער". דער קאָנקרעטער באַטײַט פונעם וואָרט „נעדאָווע" דעקט אויף אַף אַזא אויפן פאַר פּענעקן דעם עמעסן סאָציאַלן זין פון זײַן פאָטערס טאַט, דעקט אויף די גאַנצע צוויִעס און אומגעלומפּערטקייט פון די קליי־מערשטע קרייווישע און צווישנמענטשלעכע באַציִונגען אין דער אייגנ־טימערישער מישפּאָכע.

אַז פּענעקס פאָטער גויסעסט, זאָגט אים עמעצער, פּענעקן: „גיי אַרײַן... ס'הייבט זיך אָן..." און פאַר פּענעקן זײַנען די ווערטער א וווּנדער: „טויט איז דער סאָף פון א מענטשן"... דעמלט ווען אַלע זאָגן: „אין די צימערן איז געוואָרן פּוסט", איז בא פּענעקן פאַר־קערט: „די צימערן זײַנען געוואָרן פול... ווײַל פאַר פּענעקן, — דער־קלערט בערגעלסאָן, — ווערט דאָס „הויז" א הויז דאַפקע ערשט דענסטמאָל, ווען אַלע באַלעבאַטים פאָרן פון דעם אַוועק". ווען נאָכ־מען דעם פאַרבער, וואָס איז מעשוגע געוואָרן און דערציילט אויס זײַנע צאָרעס פאַר אַלעמען, טראַכט פּענעק: „ס'אַרא שרעק! אַנדערע ווערן מעשוגע אַף ריידן אָן א שיר מעשוגאַסן, און נאָכמען איז מע־שוגע געוואָרן אַף ריידן קלאָר — דאָס ערגסטע מעשוגאַס אין דער וועלט..."

פּענעק „ווערט מאַמעש נישטוימעס: בא נאָכמענען אין מאַכזער, זעט ער, שטייט פּונקט דאָס זעלבע, וואָס בא זײַן טאַטן, מיכאָעל גאָור־ריִעלס, אין מאַכזער — די אייגענע טפילעס, זאָל עס פעלן אַן אָס... כאָטש דער פאָטער איז אַזא גוויר, און נאָכמען — אַזא גרויסער אָרע־מאַן. פּענעקן פאַרדריסט אַזש:

— וואָלט מען געוועזן געמאַכט פאַר נאָכמענען אַן אַנדער מאַכ־זער".

דורך דעם קינדס אַרײַנטראַכטן זיך אין דעם אײַנרײַס צווישן דעם „באַטײַט" און „מיין" פון די ווערטער, צווישן דעם עמעסן אינהאַלט פונעם וואָרט מיט דעם מיין, וואָס די הערשנדיקע שטייגער־סוויווע לייגט אין דעם אַרײַן, איז דאָך בערגעלסאָנען געלונגען אַראָפּ־רײַסן דעם פאַלשן שלייער פון פאַרשיידענע לעבנס־דערשײַנונגען, וואָס די אייגנטימערישע וועלט האָט מאַסקירט מיט פילאַרטיקע מיטלען פון וואָרט און אויסדרוק.

ניט אומזיסט טראכט פּענעק וועגן שיינדל דער גרויסער, אַז זי איז „די גרעסטע בעריע אַף מאכן אָנשטעלן".

בערגעלסאָן דערציילט, אַז אין שיינדל דער גרויסער, וואָס פאַר־קערפּערט אין פּענעקס אויגן, מער ווי אַלע אַנדערע, די צוויִעס און פאַלשקייט פון דער נעגידישער וועלט, האָט פּענעק באַמערקט:

„א נײַס! צו מענטשן שמייכלט זי שוין ניט מיטן גאַנצן פּאָנעם, נאָר בלויז מיט איינעם א קנייטשעלע אַף איר נאָז; דאָס קנייטשעלע, לויט פּענעקס מיינונג, איז אַן אַנטיקל, און אַז סע וועט זיך אײַנאַר־בעטן, וועט עס מאַמעש באַוויַזן וווּנדער — קוקנדיק אַף א מענטשן, וועט שיינדל די גרויסע קענען טראַכטן:

— אין דער ערד זאָלסטו אַרײַן.

און אין דער אייגענער צײַט וועט אים איר קנייטשעלע זאָגן:

— טײַערער! ליבינקער!.."

און פּונקט ווי אין קלייניקייטן, אַזוי אויך אין גרויסיקייטן: פּענעק איז דער, וועמען דער שרײַבער גרייט, ער זאָל קענען דערזען דעם ליגן, דעם אײַנרײַס צווישן די אופירונגס־מאָטיוון פון די שטעטלשע אָרעמע פאָלקס־מענטשן מיט דעם, וואָס די רײַכע טײַטשן אויס פון דעם פאַר זיך, האָבנדיק סײַ פאַרדינסט סײַ האנאָע פונעם ליגן, וועלכן זיי טראַכטן דערבײַ אויס.

בערגעלסאָן דערציילט וועגן דעם מאָמענט, ווען דער גוויר מי־כאָעל לעווין האָט געהאַלטן בא שטאַרבן:

„אין דרויסן, פאַרן „הויז", איז געשטאַנען א פרישער אוילעם — באַלמעלאָכעס און אָרעמעלײַט אַזוינע, וואָס ווי פאַרטאָג און פאַרפאָ־רעט זיי זאָלן ניט זײַן, וועלן זיי דאָך אָפּרײַסן צײַט אַף האנאָע צו האָבן א קאַפּעלע, ווען דער שטאָט־נאָגיד שטאַרבט און אָט־אָט וועט מען אים אַרײַנלייגן אין דער ערד, ווי אַלע אַנדערע — אויס מעיור־בעס. אין הויז האָט עס געהייסן:

— די שטאָט גיט אָפּ דעם פּאָטער קאָוועד".

אַפן זעלבן אָרט שילדערט אויך בערגעלסאָן דעם אײַנרײַס צווישן דעם באַוווּסטזײַן פון די שטעטלשע אָרעמע מאַסן מיטן זעלבסטבאַ־וווּסטזײַן פונעם מיליאָנער שאָולען, בעשאַס ער קומט קלוימערשט — דאָס איז אויך א גווירישע מאַסקירונג — מעוואַקער־כוילע זײַן דעם קראַנקן מיכאָעל לעווינען. בערגעלסאָן דערציילט:

„אין גריבלדיקע שטיבער, ווו מע עסט ניט גאַנצע וואָכן קיין געקעכטס, האָט מען געבערענט מיט גיריקײַט, מאַמעש געבאַלעשט א קוק צו געבן מיט די אייגענע אויגן אַפן „מיליאָנשטשיק". מע איז גע־

לאָפנ צום „הויז“, ווי אינ שרעק, אָנ שום כעזשבנ, אונ דאָב געטראָגנ אינ זיכ אינגווייניק דעמ פארנעפּלט־אומקלאָרנ דרעמלדיקנ באוווסטזײַנ. ס'איז אויסגעקומענ: מענטשנ זײַנענ געלאָפּנ א קוק געבנ אפּ יענעמ, וואָס עסט אופּ זייערע אָנבײַסנס, דערנידעריקט זיי אינ אומגעהייערנ פּײַנ ביז שטענדיקער בענקשאפט צו א ראָספּלייש, ביז שטענדיקער זאָרג װעגנ געלאטעטע קליידער אונ געלאטעטע שיכ. ס'איז אויסגעקומענ: מע איז געלאָפּנ עפּעס, ווי אומיסטנ, קעדיי זיכ נאָכ מער צו דערנידעריקנ, קעדיי אינ זײַנ בײַזײַנ א קוק צו געבנ אפּ דער אייגענער שאנד. בא שאוולענ האָט עס געהייסנ:

— מע גיט אימ אָפּ „קאָוועד“...“

מיט דער גאָרער מײַסטערשאפט פונ א שרײַבער א דעמאסקירער גראָבט בערגעלסאָנ אויס א טיפנ קלאסנ־אָפּגרונט צווישנ די אָרעמע הינטערגעסלעכ אונ די אײַנגווינער אונ געסט פונעמ ווײַסנ „הויז“, צווישנ די ביידנס געדאנקענ אונ האסאָגעס, לעבנס־שטייגער אונ ריידשטייגער. די גרעסטע איבעראשונג פאר פּענעקנ איז געווענ, ווענ ער האָט באמערקט, אז „אינ איר שארפסטנ פאריבל אנטקעגנ איר פאָטער“ הייבט אָנ שיינדל די גרויסע „ריידנ צו פּאָשעט, ווי מע רעדט בא קאפּצאָנימ“.

ריידנ פּראָסט באטײַט בא פּענעקנ ריידנ אָפנ, אופריכטיק, עמעסדיק. צי האָט זיכ בערגעלסאָנ איצט נאָכ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע אינ „באמ דניעפּער“ נישט אומגעקערט אפּ א נײַעמ אויפנ צו דער פּראָבלעמ פונעמ געזעלשאפטלעכנ עמעס, וואָס ער האָט אמאָל נאָכ דער ערשטער רעוואָליוציע אוועקגעשטעלט אינ זײַנ יוגנט־מײַסעלע וועגנ „דער באסמאלקע „עמעס“? בערגעלסאָנס פּענעק פירט דאָב זײַנ אייגענעמ פארביטערטנ קאמפּ פארנ עכטנ, עמעסדיקנ וואָרט אונ געפיל. אינ ביידע, זעט ער, זײַנענ פארינטערעסירט די אָרעמע הינטערגעסלעכ, בעשאס דאָס „הויז“ שאפט, פארקערט, דעמ גרויסנ פּלאָנטער פונ מאסקירטע טאטנ אונ איבערלעבונגענ.

שפּעטער, אינעמ צווייטנ באנד „באמ דניעפּער“, וועט בערגעלסאָנ דערציילנ, ווי פּענעק דערוויסט זיכ וועגנ די אייגנטימערישע קלאסנ, אז „פונעמ פּרימיטיוונ מענטשנס מוירע פאר א דונער האָבנ זיי צוליב זייער עקספּלואטאציע פארדרייט אזא פּלאָנטער אזש ווי רעליגיע“. אָבער ס'האנדלט זיכ דאָב נישט נאָר וועגנ רעליגיע, ס'האנדלט זיכ בא בערגעלסאָנענ וועגנ דער גאנצער גרויסער אונ טיפער קאָמפּליקאציע פונעמ אייגנטימערישנ „אידעאָלאָגישנ איבערבוי“ אינ אלע געביטנ פונ געדאנק אונ געפיל, וואָס פּענעקנ קומט אויס אזוי שווער פונ

דעם ארויספּלאָנטערן זיך, אים, דעם קינד מיטן ריינעם אומשולדיקן געוויסן און גרויסן קינסטלערישן נייגער.

צוליב דעם האָט דאָך בערגעלסאָן אוועקגעשטעלט פּענעקן אַפּן שוועל פון „הויז" און קיך, געגעבן אים אַ מעגלעכקייט זעטיקן זיין דאָרשט מיט די ווידערשפּרוכן, וואָס דאָס לעבן צווישן צוויי וועלטן האָט פאַר אים אַנטפּלעקט. בערגעלסאָן האָט אָפּ אַזאַ אויפן זיין איי־גענע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמענפולע דעמאַסקירונגס־אַרבעט פאַר־טרויט פּענעקן, אויסגעפונענע אין אים דעם דאַנקבאַרן פּערסאָנאַזש, וואָס איז איינציי‌טיק אי דער אָביעקט פונעם שרייבערס לעבנס־באַ־אָבאַכטונג אי דער סוביעקט, וואָס וואַקסט אָפּ אונדזערע אויגן מיט זיי־נע אייגענע באַציִונגען צו דער אַרומיקער וועלט און לעבן.

2

בערגעלסאָן דערציילט:

„באַ פּענעקן:

אַ שטענדיקע מעסוקענע האַנאָע פון אַלערליי זאַכן, וואָס צעשטערן דעם געוויינלעכן סיידער אין לעבן".

און ווייטער:

„אַבי מע זאָל היינט ניט טאָן דאָס, וואָס מע האָט שוין געטאָן נעכטן. ער וואָלט אַ באַלן געוועג, אַז אינמיטן באַטאָג זאָל מיטאַמאָל ווערן פינצטער און מע זאָל קיינעם ניט ארויסזען, אָדער אינמיטן נאַכט זאָל מיטאַמאָל ווערן אַזוי ליכטיק, אַז מע זאָל מוזן אופשפּרינגען פון די בעטן, און... זאָלן זיי וויסן — פּאָליעק מיט בליומען, די מאַמע, דער רעבע — זאָלן זיי וויסן אַלע, אַלע..."

פּונקט ווי אַמאָל באַם שילדערן מירלען פון „נאָך אַלעמען", זעט איצט אַיין בערגעלסאָן אין פּענעקס אופירונג זיין קאַמף מיטן „ווי געוויינטלעך", לויט שאָלעם־אַלייכעמס אויסדרוק, אַ קאַמף, וואָס פירט דאָ אָן מיט פּענעקס קינדישע איבערלעבונגען און טאַטן און ווערט אים שפּעטער ברענגען צו דער וויכטיקסטער פּראָבלעם פון לעבנס־ענדערונג. פּענעקס מאָטיוו, וואָס פירט אים צום פאַרלאַנג „צעשטערן דעם געוויינלעכן סיידער אין לעבן", איז אַוואדע אַ פּערזענלעכער. אָבער דאָס איז דאָך דאָס פּערזענלעכע, וואָס פאַלט צונויף מיטן אַלגעמיינעם.

פּענעקס קאַמף מיט פּאָליעקן, מיט בליומען, מיט דער מוטער און מיטן רעבן — דאָס איז דאָך דער קאַמף מיט די באַנאַלע פּאָרדאָר־בערישע מידעס, וואָס שטערן דער אויסבילדונג פון דער געוויסנהאַפּ־טער פרייער פּערזענלעכקייט און שטערן צו שאַפן „אַ שיין לעבן",

צו וועלכנ בערגעלסאָנ פירט זײַנ וואקסנדיקנ פּענעקנ, דעמ הויפּט־העלד פונ זײַנ ראָמאַנ. אזא איז דאָכ אויכ געווענ מירלס באציונג צו די זײַדענאָווסקיס, צו די בורנעסעס, צו די אלע, וואָס האָבנ געשטערט מירלענ נישט נאָר אינ איר פּערזענלעכנ לעבנ, נאָר אויכ אינ דער פאַרווירקלעכונג פונ אירע געזעלשאַפטלעכע עטישע פּרינציפּנ אונ לעבנס־אײַנשטעלונגענ. אינ דעמ באשטייט די קראפט פונ בערגעלסאָנס קינסטלערישע פאראלגעמיינערונגענ: ער דרינגט ארײַנ אינ די טיפענישנ פונ די געשילדערטע פּערזענלעכע נויטנ דורכ די וועגנ, וואָס פירנ צו די פראגנ פונ וועלט אונ מענטשהײַט.

„ — ווענ מע לאָזט מיכ צו צו דער וועלט...״

„פּענעקנ קומט עס אָפּט ארופ אפנ זינענ״, — דערציילט בערגעלסאָנ. איר, הייסט עס, דער וועלט, פארשטייט שוינ פּענעק, דארפ מענ צושטעלנ דעמ כעזשבנ פאר נאכמענ דעמ פארבערס יעסורימ, פאר שיינדל דער גרויסערס שלעכטסקײַט. אפ זײַנ קינדישנ אויפנ טראכט ער: „וואָס וואָלט, אשטייגער, געווענ, ווענ מע הייסט שיינדל דער גרויסער אָנגיסנ אלע טאָג קעראָסינ אינ די לאָמפּנ, ווישנ גלעזלעכ אונ גלעזער, טאָנ אנדערע ארבעטנ, אונ שיינדל די לאנגע שיקט מענ אפ א שטיקל צײַט אינ גוראלניע, אונ זאָל זי דאָרט לעבנ געזונטערהייט א ביסל מיט בערישנ?״

אינ דער דערציילונג „הײַנטיקע קינדער״ פונ דער סעריע „טעוויע דער מילכיקער״ באשרײַבט שאָלעמ־אלייכעמ, ווי טעוויענ פאלט ארײַנ א געדאנק: „ווו שטייט דאָס געשריבנ, אז איכ בינ מעכויעוו אויסגעריסנ ווערנ צוליב א שיטערנ קרופּניק, א קוליש מיט גרויפּנ, אונ זיי, די יעהופּעצער נעגידימ, באדארפנ אויסרוענ די ביינער אפ די דאטשעס, נישט טאָנ קיינ האנט אינ קאלט וואסער אונ עסנ דאפּקע געבראָטענע קאטשקעלעכ, אונ דאפּקע גוטע קנישעס, מלינצעס מיט ווערטוטנ? בינ איכ דענ נישט אזא ייִד, ווי זיי? וואָלט דענ נישט געווענ קיינ יוישער, כ׳לעבנ, אז טעוויע זאָל זיכ אוועקזעצנ כאָטש איינ זומער אפ א דאטשע? אײַ, ווו וועט מענ נעמענ קעז אונ פּוטער? ווער וועט מעלקנ די בעהיימעס? טאקע זיי, די יעהופּעצער סטיקראטנ מיינ איכ...״

אונ נאָכ איינער א בײַשפּיל פונ דעמ ארט:

בערגעלסאָנס פּענעק טראכט: „גאָט, האָט ער שוינ געזענ, טוט אָפּט אָפּ אזעלכע „זאכעלעכ״, וואָס ווענ א מענטש טוט זיי, וואָלט ער געווענ דער ערגסטער אינ דער וועלט״.

אונ בא טעוויע דעמ מילכיקנ: „נאָר פונדעסטוועגנ, זאָג איכ, לאָמיר האָבנ די בראָכעס, וויפל מאָל דער ריבוינע־שעל־אוילעמ, זאָג איכ, טוט

אָפּ א שטיקל ארבעט, מעגן שוין, זאָג איך, די סאָנים האָבן אזא יאָר...״

דער דאָזיקער באַשײַמפּערלעכער אײנער און דער זעלבער געדאַנ־קען־גאַנג בײַ שאָלעם־אַלײכעמס אלטן און בערגעלסאָנס קינד רעדט ביכלאל וועגן די פּילאַרטיקע ליניעס, וואָס ציִען זיך זייער אינטערע־סאַנט פון שאָלעם־אַלײכעמס שאַפונג צו בערגעלסאָנס געשיכטלעכן ראָמאַן „באַם דניעפּער״. קוידעמקאָל האַנדלט זיך עס וועגן דער גע־וויסער נאָענטקײַט פון אַלגעמײנער טעמע און פּראָבלעם אין די דאָ־זיקע ווערק פון די בײדע שרײַבער. די אויסבילדונג פון פּענעקס באַ־וווּסטזײַן איז דאָך פאַרבונדן מיט דער אויפוואַכונג פונעם מאַסן־באַ־וווּסטזײַן אין שטעטל. און אַוודאי האָט זיך דאָ בערגעלסאָן געטראָפן מיטן גרויסן פאָלקס־שרײַבער, וואָס שילדערט אין זײַנע טעוויען די אויפוואַכונג פונעם פאָלקס־באַוווּסטזײַן, דעם אייגנאַרטיקן פּראָטעסט פונעם מאַסן־מענטש קעגן דער וועלט פון אייגנטימערישן רויב און אומרעכט.

דער אויפטו פון בערגעלסאָנס „באַם דניעפּער״ באַשטייט אין דעם אָפּענעם און אויסדריקלעכן קלאַסן־כאַראַקטער פונעם ווערק, וואָס האָט געפירט בערגעלסאָנען צום גרויסן פּלאַן, צום גרויסן קאָמפּלעקס פון די באַרירטע אידייען, פראַגן און לעבנס־אינטערעסן. ניט נאָר אין דער שטייגערישער לעבנס־עטיק פאַרטיפט זיך דאָ בערגעלסאָן, ער זוכט א וועג וויאַזוי אויפצודעקן די קלאַסן־וואָרצלען פון דער הענדלערישער קולטור, די וואָרצלען פון דער פרום־סאָכרישער געדאַנ־קען־סיסטעם, פון איר גאָרן אידעאָלאָגישן איבערבוי, וואָס שפּאַרט זיך אָן פריִער פאַר אַלץ אין די פראַגן פון דער רעליגיִעזער פילאָסאָ־פיע און וועלט־אָנשויונג.

בערגעלסאָן צעזעגנט דאָ פּענעקן מיט דער טראַדיציאָנעלער אַלט־סאָכרישער יִדישער וועלט, פּונקט ווי ער צעזעגנט אים אינעם צווייטן באַנד מיט דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, מיט איר אינ־טעליגענץ און מיט אירע אידעאָלאָגן פון פאַרשיידענע שאַטירונגען. באַנאַנד מיט פּענעקן וואַקסט דעריבער אויס בײַ בערגעלסאָנען אינעם ערשטן באַנד „באַם דניעפּער״ די פיגור פון פּענעקס פאָטער דעם גוויר מיכאָעל לעווין. דאָס איז א קאָמפּלעקס־געשטאַלט פון גאָר א גרויסן באַדײַט, וואָס קומט, ווי די בעסטע גאָרקי־געשטאַלטן פון דעם אַרט, צו פאַרסאַכאַקלען די אייגנטימערישע וועלט מיט אַלע אירע עקאָ־נאָמישע, פילאָסאָפישע און רעליגיִעז־עטישע גרונטן.

אַרום דער גווירישער געשטאַלט פון מיכאָעל לעווינען אָרגאַניזירט בערגעלסאָן די פאַרשיידענע מידעס, באַציִונגען, שטייגער־געווינ־

הײטן, קולטור־גװױנהײטן, די אַלערלײ פּעדעמ, די גאַנצע נעץ, די באַהעפטונג פון פּרומקײט און האַנדל, װאָס די עקספּלואַטאַטאָרישע עקאָנאָמיק האָט אױפגעשטעלט און מיט דעם פאַרשקלאַפט, פאַרשלעפּערט, פאַרפינצטערט און געמאַכט אָנמעכטיק דעם אָפּגעשטאַנענעם האָרעפּאַשניק, אײנגעװױגט אים אין דער „אײדלקײט", „פּינקטלעכקײט" און „זיטלעכקײט" פון די אײגנטימער די לעבנס־הערשער.

„דאָס הױז האָט געטאָן אַלץ, קעדײ דאַלעסדיק־פאַרהאָרעװעטע מענטשן זאָלן אָן דאַלעס, װי שיקורים, פאַרגעסן", — אַזױ דערצײלט בערגעלסאָן װעגן דער גװירישער שטוב, װעגן דער גװירישער אױפירונג, װאָס האָט געבלענדט די אױגן פון די דאַלעסדיקע פאַרפירטע הינטערגעסלעך. די רעליגיעזע קולטור איז אױפגעקומען און האָט זיך צעבליט אין די געדערים פון דער אײגנטימערישער געזעלשאַפט. האָט טאַקע בערגעלסאָן זיך געניװער אָפּגעשטעלט אין זײן בוך אױף דעם צוזאַמענבונד פונעם רעליגיעז־פילאָסאָפישן געדאַנקען־גאַנג מיט דעם גאַנצן מאַטעריעלן און גײַסטיקן שטײגער פונעם הענדלער־שיכט.

װעגן קאַמף קעגן רעליגיע האָט לענין געשריבן:

„מע דאַרף ק ע נ ע ן קעמפן קעגן דער רעליגיע, און צוליב דעם דאַרף מען מאַ ט ע ר י א ל י ס ט י ש דערקלערן דעם קװאַל פון גלױבן און רעליגיע בײַ די מאַסן. דעם קאַמף קעגן דער רעליגיע טאָר מען ניט באַגרענעצן מיט אַבסטראַקט־אידעאָלאָגישע דראָשעס... דעם דאָזיקן קאַמף דאַרף מען פאַרבינדן מיט דער קאָנקרעטער פּראַקטיק פון דער קלאַסן־באַװעגונג, װאָס איז געװענדט אױף באַזײטיקן די סאָציאַלע װאָרצלען פון דער רעליגיע" (לענין, װערק, ב. 14, ז. 70).

אָט װעגן דער דאָזיקער פּראַקטיק גײט טאַקע אַ רײד בײַ בערגעלסאָנען אין זײַן ערשטן באַנד „באַם דניעפּער". מיכאָעל לעװין דענקט בײַ בערגעלסאָנען, האַנדלענדיק, און האַנדלט, דענקענדיק:

„די מוטער האָט געזאָגט:

— דער קאָפּ איז דיר מיד, איז רו אָפּ אַ כוידעש און מאַך קײן געשעפטן.

דער פאָטער האָט איר געענטפערט בײז:

— װאָס מיר „רו אָפּ"? װאָס מיר „מאַך ניט קײן געשעפטן"? אױב ניט די געשעפטן, װײל איך ניט לעבן אױף דער װעלט".

אָן געשעפטן װיל ער ניט לעבן אױף דער װעלט, דער מיכאָעל לעװין, װאָס רעדט נאָכאַנאַנד װעגן טױרע און לערנט די געמאָרע „בראָכעס" אױף אױסװײניק. בערגעלסאָן באַװײַזט די מאָדנע באַשײַמפּערלעכע צוזאַמענגעװאַקסנקײט פון „טױרע מיט סכױרע" אינעם

הענדלערישן באוווסטזיַין. נישט מער, וואָס לעווינס שוטעפּ נעבעמיע ברוסטאָנעצקי ווארפט אוף מיכאָעל לעווינען, אז ער איז א גאזלען אַף זײַנע געשעפטן: „ווייסט פארוואָס? — זאָגט ער אים, — ווײַל דו ביסט צוויי מאָל קלוג און דערצו נאָך מיט א שמיציק... מיט אן איי־בערשט דריידל... און אין געשעפט דארף מען זײַן נאָר קלוג איין מאָל... צוויי מאָל כאָכעם איז גוט אין לערנען, אין געשעפט איז צוויי מאָל קלוג — א נאר..."

בערגעלסאָן פארבינדט זייער אינטערעסאנט דעם ספּעקוליאטיוון כאראקטער פון דער טאַלמודישער סכאָלאסטיק מיטן סאָכרישן גאנג פונעם דעמלטיקן ריזיקירנדיקן האנדל. נישט אומזיסט פארשטייט דער קאפּצאָנישער נאכמען דער פארבער צו זאָגן: „עפּעס האלטן זיי זיך דאָך איניינעם — די גווירים מיט די לאמדאָנים, עפּעס האָבן זיי איינער פונעם אנדערן". און דאָך גייט דאָ ניט קיין רייד בא בערגעל־סאָנען וועגן וווּלגארער סכעמאטישער דעמאסקירונג. מיכאָעל לעווינען דעם גוויר האָט בערגעלסאָן געמאָלט ווי א מענטש מיט פארטיפטן געוויסן, א מענטש אַפ זײַן אויפן א זיטלעכן, א יוישערדיקן. אָבער גראָד אָט די זיטלעכקײַט און יוישערדיקײַט האָט בערגעלסאָן אָרגאניש פארקניפּט מיט דער עקספּלואטאטארישער לעבנס־סיסטעם, באוויזן, אז אין טאָכ איז זי א קלאסן־יוישערדיקײַט, אז זי איז צוזאמענגעוואקסן מיטן אייגנטימערישן אינסטינקט און סאָכרישן געלט־אידעאל.

נאָכפאָלגנדיק די פירונג פונעם גווירס שטוב — דערוף איז דאָך דאָ פּענעק, אן אינוויייניקסטער אויסקוקער, — האָט בערגעלסאָן גע־מאָלט א פארטיפט בילד, ארײַנגעדרונגען אינעם סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן טאָכ פון דער גווירישער האנהאָגע, פון גווירס וואָכ און יאָמטעוו, פון זײַן לעבן און טויט, און אומעטום מיט דינעם שארפן פּענדזל בא־וויזן, ווי פון קלענערע און גרעסערע רעליגיעזע שרויפן און שרײַפלעך ווערט אופגעשטעלט דער גאנצער גרויסער מעכאניזם, וואָס דינט שוין גערן און אומגערן אפילע דער אייגנטימערישער מענטשן־פארשקלא־פונג און מענטשן־אונטערדריקונג.

מיכאָעל לעווין איז עפּשער גאָרנישט ניט אויסן מיט דעם, וואָס ער עסט זייער ווייניק. ער וויל ניט פאַשעט האנאָע האָבן פון דער וועלט, אָבער שוין פריידעס, א ייִד אן אָרעמאן, א פרומער לערנער, וואָס נעמט בא מיכאָעלן אלע וואָכ א דרײַערל אפ שאבעס, זאָגט צו אים:

„ — וואָס זשע, איך קען דיך ניט?.. ביסט א גוויר... דו עסט באַדײַ אליין ניט, קעדיי זאָלסט זיך קאָנען אײַנריידן, אז עס איז א קליינִי־קײַט, וואָס א קאפּצן האָט ניט וואָס צו עסן..."

דער דאָזיקער שײַע פֿריידעס — אַ פֿאַרביקע פֿיגור, וואָס בערגעלסאָן האָט דערפֿינדעריש־אָריגינעל אויפֿגעשטעלט, אַ נײַעס אין דער אַלט־ייִדישער פּאָרטרעטן־גאַלעריי, אָט דער יעשיִע פֿריידעס איז אויסגע־וואַקסן אין די הינטערגעסלעך צוזאַמען מיטן שפּעטער אויפֿגעקומע־נעם מיכאָעל לעווין, איז ער זײַנער אַ כאַווער, זיי פֿירן לאַמדישע ווי־קוחים, וואָס גיבן יעשיִע פֿריידעס יעדער מאָל אַ מעגלעכקייט אָפּצו־שאַרפֿן זײַן אויפֿן אונטערצושטרײַכן דעם בילעק צווישן אים, דעם אָרע־מאַן, און מיכאָעלן דעם גוויר אין פֿאַרשטיין און אויסטײַטשן די פֿאַר־שיידענע טאַלמודישע שטעלן.

אין דעם פּראַכטפֿול געשילדערטן קריג אַרום דעם מאָשל מיט דער מאַלפּע קומט מיכאָעל צום אויספֿיר:

„דאָס האָט מען מיט אונדז געלערנט: „אַדאָם־האָרישן איז געווען אַ מאַלפּע". די מאַלפּע האָט זיך אונטערגענומען צו ווערן אַ מענטש, פּראָווען מיט דער וועלט... נו, האָט זי עס געמאַכט... פֿײַן... ווי אַ מאַל־פּע קאָן... מע זעט דאָך שוין, ווי זי האָט עס געמאַכט..."

איז אָט אָפּ דעם אויספֿיר מיכאָעלס ענטפֿערט אים שטרענג אָפּ יעשיִע פֿריידעס: „ — וועסט מיר מויכל זײַן... דײַן מײַסע מעג זיך זײַן אַ גאַנץ גלאַטע, נאָר וואָס זשע דען, ס'איז אַ גווירישע מײַסע..." און ער גיט אים צו פֿאַרשטיין: „פּאַשעט, דו זאָגסט: „נו, האָט עס די מאַלפּע געמאַכט", וועל איך דיר דערויף זאָגן: ניין, איך, יעשיִע פֿריידעס, האָב עס ניט געמאַכט, אַלטער מייטעס האָט עס ניט געמאַכט, וואָס נעמסטו עפּעס אַרונטער אַלע אונטער איין דאַך?"

יעשיִע פֿריידעס, הייסט עס, לאָזט ניט דעם גוויר אַראָפּנעמען פֿון זיך די שולד פֿאַר דער „מאַלפּישער" וועלט־אײַנאָרדענונג...

„ — כ'מיין: וואָס דרייט ער זיך אָפּן קאָרעק? — באַזערט אי־בער עטלעכע מאָל יעשיִע, — וואָס וויל ער? זײַן אי אַ גוויר אי אַ לײַטישער מענטש? ביידע האַנאָעס... ס'אַ זאַך, וואָס קאָן ניט זײַן".

דאָס ערשטע מאָל האָט עס געזאָגט יעשיִע דעמלט, ווען מיכאָעל לעווין האָט זיך געקווענקלט, צי זאָל ער פֿאָרן אָפּן קוראָרט, אײַנטײַ־נענדיק: „קוראַציעס... כ'האָב עס פֿײַנט. פֿאַראַן נאָך קראַנקע". און דעמלט האָט יעשיִע געזאָגט צו מיכאָעלס קאַסיר:

„ — דאָס האָט ער געוואָלט, אַז איך און דו — קאַפּצאָנים, הייסט עס, זאָלן צו אים קיין טײַנעס ניט האָבן, פֿאַרשטייסט? איך און דו זאָלן גאָר מיינען, אַז ס'איז אָפּ אים, נעבעך, נאָך גאָר אַ ראַכמאָנעס, וואָס ער פֿאָרט..."

און באַם קאַסיר, גיט בערגעלסאָן צו וויסן, גייט בעשאַס־מעשׂה אַדורך אַ געדאַנק:

„ — איז וואָס זשע וויל יעשיעס אַ נישט האַלטן פון קיין גוויר און נעמען אַ ביי אים אַ דריבערל אויפן שאַבעס?"

אָט אַזוי פאַרקאָמפּליצירט בערגעלסאָן די באַציִונגען צווישן דעם נאָגיד מיכאָעל לעווין און זיינע אָרעמע כאַווער, וואָס פייניקט אים צומאָל, שינהנדיק פון אים זיין עטישע הויט. אָבער דער דאָזיקער פּיין גופא פאַרטיפערט די געשטאַלט פון מיכאָעל לעווין, וואָס פלאַטערט, קאָן זיין, אַליין צווישן זיין איינגעבוירענער לייטישקייט (ער שטאַמט דאָך פאַרט פון די הינטערגעסלעך) און דער נויטווענדיקייט צו פאַרטיידיקן מיט קאַלעריי אידעאָלאָגישע מיטלען זיין רעכט אויף גווירישער עקזיס־טענץ, בעשאַס אַרום זינקט דאָס שטעטל אין ביטערער נויט און דאַכקעס.

אין דעם פּראָט טוט מאַמעש אַ גלאַנץ באַ בערגעלסאָנען יאַנקל דעם פורמאַנס אַ ווערטל, וואָס ער טוט אַ זאָג בענעגייע צו מיכאָעל לעווינען. פּענעק האָט דערציילט יאַנקלען:

„ — דער טאַטע האָט געזאָגט באַם עסן: „באַלד נאָכן עסן וועסטו וועלן לויפן אין דרויסן אַרויס... אַנו, פּרוּוו: וויל און לויף ניט..."

יאַנקל האָט אַ טראַכט געטאָן, אַ פּייף געטאָן זיין וואָלעכל.

— אַזוי? — האָט ער געזאָגט, — דער טאַטע דיינער... אים ווייזט זיך אויס: אין וועלן „ניט וועלן" איז ער אַ גאַנצער בעריע... אַנו, זאָל ער וועלן „ניט וועלן" זיין אַ גוויר..."

אָט דאָס איז די מעשׂה, וואָס מיכאָעל לעווינס געדאַנק אַרבעט טאָקע שטענדיק אויף צו געפינען דעם מוז, די קלוימערשטע געטלעכע פאַרור־טיילטקייט, וואָס דערלויבט אים ניט „ניט וועלן" זיין אַ גוויר. דאָס איז דאָך איינער פון די הויפּט־עלעמענטן פון זיין רעליגיעז־פילאָסאָ־פישער קאַזויִסטיק, וואָס איז באַרופן העלפן אים זיין אין אַ גוויר און אַ לייטישער מענטש, וואָרעם די באַהעפטונג פון די ביידע, פילט ער אַליין, נייטיקט זיך אין אַ באַוואָרעניש, אָדער ווי יעשיע פריידעס זאָגט אים:

„ — באַוואָרנסט אַלץ, — שרייט ער, — זיך אַליין?.. אַ? מיכאָעל, פאַרגעסט גאָר, אַז ס'איז דאָ נאָך אַ צאַד, אַ?.."

דער צווייטער צאַד איז, פאַרשטייט זיך, ער, שיִע, דער פאָרשטייער פון דער אָרעמשאַפט, דער פאָרשטייער פון דער פאָלקס־מאָראַל, וואָס די פאָלקס־מאַסן האָבן צומאָל אַרייינגעהויכט אין די פרומע ספאָרים. בערגעלסאָן פאַרהיט גרייִלעך דעם דאָזיקן מאָמענט, אָבער אַפילו אַליין פאַר שיִעס זיינענע שווינ די דאָזיקע ספאָרים פון דעם מין, „וואָס אויף

יאָמטעוו קאָנ מענ פונ זיי ניט האָבנ, נאָר זיי מאכנ אפ עטלעכע שאָ פאַרגעסנ, אז ס'זײַנענ פאראנ קאפצאָנים אונ ס'זײַנענ פאראנ גוויר־ רימ, ווי א היפש ביסל שנאפס מאכט פארגעסנ דעמ שיקער אָנ אלע זײַנע צאָרעס''.

דורכ דער גוואלדיק אינטערעסאַנטער פיגור פונ שיִע פריידעס, דורכ אָט דעמ אינווייניקסטנ, דאפקע גלייביקנ אופרײַסער פונ דער דווירעסדיקער פרומער ספאָרימ־קולטור, איז בערגעלסאָנ ארײַנגעדרונ־ גענ אינ די טיפסטע סטירעס, וואָס די צײַט האָט אזוי בוילעט גע־ מאכט אונ אזוי אָפגעלייקנט אינ דער אלטער יערושע גופע. ווענ שיִע דערוויסט זיכ, אז מיכאָעל לעווינ האלט באמ שטארבנ, טוט ער א טראכט וועגנ „דעמ דרײַערל אפ שאבעס'', וואָס ער פלעגט בא אימ נעמענ, וועגנ אָט דעמ דרײַערל, וואָס ווערט בא בערגעלסאָנענ מאמעש דער לעבעדיקער איראָנישער סימבאָל פונ זייערע טיפ־כקירעדיקע צווישנ־באציִונגענ.

„ — אפּאָנעמ, איצט שטארבט עס שוינ טאקע מאמעש, דאָס „דרײַ־ ערל''. די קינדער זײַנענ אנדערע מענטשנ, זיי וועלנ ניט געבנ...''

אליינ דער שרײַבער נעמט דאָ זייער קלוג דאָס דרײַערל אינ אי־ ראָנישע גענדזנ־פיסלעכ, אינ וועלכע עס פאסט זיי געווימ ארײַנ אויכ אליינ שיִע פריידעס, וואָס בערגעלסאָנ דערציילט באלד וועגנ אימ:

„זײַנע לאנגע גרויע ברעמענ האָבנ זיכ דערבײַ אָנגעגאָסנ מיט קלוגנ כויזעק — כויזעק צו אייגענער אָרעמקײַט, כויזעק צו א וועלט, וואָס ווי דו זאָלסט זיכ וועגנ איר ניט קלינגנ, איז זי דאָכ צעטיילט אפ אזוי־ נע, וואָס האָבנ יאָ, אונ אפ אזוינע, וואָס האָבנ ניט. צדאָקע געבנ העלפט פונקט ווי טשוווע אונ ווי טפילע טאָנ — אזוי שטייט בעפיי־ רעש, אונ געלט אפ צדאָקע געבנ האָט נאָר דער גוויר—ס'איז דאָס, וואָס ער, יעשיִע פריידעס, האָט ניט איינ מאָל געטײַנעט צו מיכאָעל לעווינענ:

— הייסט עס: דעמ גוויר האָט גאָט געגעבנ גרעסערע האנאָכעס, ווי דעמ קאפצנ — פארוואָס?''

אונ ווי טיפ דער שרײַבער באמערקט באלד וועגנ שיִע פריידעס: „זײַנ אויסזענ — א מענטש, וואָס אָט־אָט אנטפלעקט זיכ אימ א סאָד אינ לעבנ, בלויז נאָר איינ רעגע''.

אָבער סײַווי: מיט יעדנ שמיר פונ זײַנ קלוגנ פענדזל וואקסט בא בערגעלסאָנענ דער טהאָמ צווישנ מיכאָעל לעווינס גווירישער עקזיס־ טענצ אונ דעמ עטישנ לעבנס־באנעמ, וואָס ער וויל אויסדרינגענ פונ די פרומע ספאָרימ אונ וואָס פארגרעסערט אלצ שטארקער זײַנע דראַ־ מאטישע קאָליזיעס אונ איבערלעבונגענ. וואָרעמ ער איז אינ טאָכ א

דראַמאַטישע פיגור, מיכאַעל לעווין. אין דעם באַשטייט זײַן צוציִונגס־קראַפט פאַרן געפילפולן קינסטלעריש־באַגאַבטן פּענעקן, וואָס אַנט־פּלעקט אין זײַן פּאַטערס דראַמאַטיק א קוואל פון דערקענטעניש.

מיכאַעל לעווינס ווערט איבערהויפּט דראַמאַטיש באַם טויט. א גרויזאַמער טויט, גרויזאַם געשילדערט פון א שרײַבער א מײַסטער. אין דער דאַזיקער שילדערונג ווערט דאָך פאַריינס אַי טיף געלעסטערט דאָס גווירישע אין מיכאַעל לעווינען אַי ביז ווונד־פּלייש אַנטפּלעקט דער מענטשלעכער וויי און באַדויער איבער דעם, וואָס ס'איז נאָך דאָ א קינסטלערישער מוז אַף דער וועלט צו לעסטערן אַזוי־אָ דעם טויט פון א לײַדנדיקן מענטשן... האָט דאָך בערגעלסאָן צוליב די דאַזיקע צילן געלאָזט זײַן מיכאַעלן שטאַרבן אַפּילע פון א יעסורימדיקער קרענק, וואָס האָט „מעוויִעש" געווען, ווי דער שרײַבער זאָגט, מיכאַעלן אַליין...

יעשוִע פריידעס — „אַן אַכזער צו טויט־זאַכן", „א גענעראַל, — ווי בערגעלסאָן זאָגט, ווען ער האַלט באַם אַריבערפּעקלען א פּרומען גוויר אַף יענער וועלט", אָט דער יעשוִע פריידעס פאָרמולירט בעצעם דעם שרײַבערס געדאַנק, ווען ער דערשײַנט בײַ מיכאַעלס פּײַנפולן גסיסע־בעט און נעמט איבער אַף א רעגע די מעמשאָלע איבערן „הויז" אין זײַנע הענט:

„ — ששששש!

יעשוִעס אויסזען — נאָך מער גרײַז־גרוי, ווי טאָמיד, זײַן פּאָנעם — העליש רויט:

— ששששש!.. מיכאַעל זאָגט: „וואָס וויל מען איצטער־אָ פון אים מיט מאַרפּיע? וואָס פאַרא אײַנשפּריצעכצן? וואָס האָט מען צו אים?.. ער זאָגט: ער וויל האָבן זײַנע ווייטעקן דאָ, אַף דער וועלט, ער האָט זיי פאַרדינט".

אוואַדע איז יעשוִעס אַרויסזאָגונג אָנגעוויזט פונעם פּרומען אַלט־מוסערדיקן: „חביבים עליך יסורים" — דיר זײַנען, הייסט עס, ליב די יעסורים, און נאָך מערער — פונעם „יסורים ממרקים עונותיו של אדם" — יעסורים, הייסט עס, מעקן אָפּ דעם מענטשנס זינד. סײַווי אָבער קלינגען די דאַזיקע ווערטער יעשוִעס שטאַרקער און אַנדערש־דיקער ווי אין די מוסער־ספרים. זיי דריקן דאָך דאָ אויס יעשוִעס שאַרפע קאָנקרעטע מיינונג וועגן מיכאַעלס גווירישע מײַסים און אָנ־שווינדלען, וואָס דאַרפן האָבן זייער „מידאַס־האַדין" — זיי דאַרפן באַשטראָפט ווערן באַם לעבן, ווי יעשוִע פאָדערט.

יאָ. דער שרײַבער פאַרטרויט יעשוִען דעם דאַזיקן „אַכזאָריעסדיקן" אורטייל. יעשוִע, דערציילט דער שרײַבער, האָט שוין אַפּילע „א בליק

פונ א מענטשנ, וואָס נעמט נעקאָמע". דאָ שטייט ער בא בערגעלסאָ־
נענ אינ פולנ מוסטערהאפטנ ווּקס, דער דאָזיקער „פרומער" גרויזא־
מער דעמאסקירער, וואָס טײַטשט אויס אלעמענ מיכאָעלס גסיסעדיקנ
„באלעמעטשענ":

— ער זאָגט: „וואָס האָט מענ אימ פארשפארט?"

— ער זאָגט: „זאָל מענ געבנ צו וויסנ אינ שטאָט: אָפנ טיר אונ טויער".

— ער זאָגט: „זאָלנ אלע קוקנ אפ אימ אונ זיכ אראָפנעמענ א מוסער!"

אונ איצט גייט די פאָרזעצונג פונ דעמ דאָזיקנ גרויל־בילד — איינס פונ די שטארקסטע געמעלנ אינ דער יידישער ליטעראטור. איצט שיל־דערט בערגעלסאָנ דעמ „צווייטנ צאד", וואָס האָט ארײַנגעשטראָמט אהער „מיט דער גלוסטעניש א קוק צו געבנ אפנ שטארבנדיקנ נאָגיד מיט די אייגענע אויגנ". „יעדעס שטיקל אָרט ארומ זײַנ בעט איז איצט ווערט „מי־יעדייע" פאר די, וואָס שטראָמענ אהער פונ אלע אָרעמע עקנ שטאָט אונ פילנ אָנ זײַנ צימער מיט די רייכעס פונ זייערע הינטערגעסלעכ אונ פונ זייערע וויסטענישנ. פענעק קענ זיי אלע פונ זייער היימ — אלע, וואָס שטופנ זיכ אהער. מענטשנ קאָנ מענ קענענ לויט זייערע פענעמער אונ לויט זייערע נעמענ, נאָר פענעק קאָנ נאָכ איטלעכנ פונ זיי לויט יענעמס צאָרעס".

די דאָזיקע ליניע פונ „צאָרעס" אנטפלעקט דאָכ בערגעלסאָנ שוינ ניט דורכ יעשיִע פריידעס, נאָר דורכ פענעקנ, דורכ אָט דעמ יינגל, וואָס מאכט דורכ אפ אונדזערע אויגנ דעמ עלטער פונ צענ ביז דרײַצנ יאָר, אונ די שטעטלשע צאָרעס — דאָס זײַנענ זײַנע גאָרקישע „אוּ־ניווערסיטעטנ", ווי בערגעלסאָנ באווײַזט, דאָס איז זײַנ וועג צומ גע־זעלשאפטלעכנ זעלבסטבאוווסטזײַנ, אויב מע קאָנ זיכ אזוי אויסדריקנ בענעגייע צו אזא עלטער.

3

וועגנ דעמ גוויר מיכאָעל לעווינענ דערציילט דער שרײַבער:

„אונ אימ אליינ איז קיינמאָל ניט ארופ דער געדאנק, אז זײַנ רײַכ־קײַט איז אויסגעוואקסנ אפנ כעזשבנ פונ די ארומיקע אָרעמעלײַט, אפנ כעזשבנ פונ מעובערעסער פײַנ אונ הונגער־נויט אינ די הינטערגעסלעכ".

אינ די שורעס ליגט דער ריכטיקער שליסל צו דער נאָרוואָס דער־מאָנטער דראמאטיק פונ מיכאָעל לעווינענ, וועלכער נארט אונ קעכלט אליינ זיכ מיט עטישע נאָרמעס, וואָס זײַנ אייגענע באשײַמפערלעכע לעבנס־פראקטיק לייקנט אינ זיי אפ טריט אונ שריט. דאָס איז פונ איינ

זײַט. און פֿון דער צווייטער — שטעלט אזא סיטואַציע א שווערע, אָבער דאנקבארע אופגאבע פארן שרײַבער אנטפּלעקן דעם קלאסן־מע־כאניזם און דעם קלאסן־אנטאגאָניזם אין די צײַטן, ווען די קאַפּיטאַ־ליסטישע רויב־סיסטעם איז געווען עקאָנאָמיש פארשלייערט נישט נאָר פאר מיכאָעל לעווינען, נאָר אויך פאר די מאסן גופא, וואָס האָבן דאן נאָך ניט באַגעגנט זיך מיט דער דירעקטער עקספּלואַטאַציע פֿון זייערע „ברויט־געבער", ווי שפּעטער אפן זאַוואָד און פֿאַבריק.

בערגעלסאָן האָט גענומען אף זיך די דאָזיקע אופגאבע. ער האָט געוואָרפן אין „באַם דניעפּער" א רעוואָליוציאָנערע קלאסן־שײַן אף די דעמלטיקע קויכעס־פארהעלטעניש פֿון דער געשילדערטער לעבנס־טקופע אין דער ייִדישער געזעלשאַפֿט, געפֿירט אין דעם פּראָט ווײַטער און פארטיפֿערט די ארבעט פֿון די ייִדישע קלאַסיקער, וואָס זייער אידיי איז אין טאָג שטענדיק געווען פֿארבונדן מיט די דאָזיקע קויכעס־פארהעלטענישן. און דאָ איז אויך פֿאָרגעקומען בערגעלסאָנס באַגע־געניש מיט דער ייִדישער קלאסיק אף איינער פֿון די דעמלטיקע הויפּט־דערשײַנונגען אינעם ייִדישן לעבן. ס'האנדלט זיך וועגן דער טעמע פֿונעם ייִדישן דאלעס, וואָס שאָלעם־אליי‍כעם האָט נאָך אין אָנהייב פֿון זײַן שאַפֿונגס־וועג אין זײַן באַוווּסטן ארטיקל [1] געהאַט באַצייכנט ווי דער אלעם ערשטער אויסגאַנג־פּונקט פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. באַשרײַבנדיק די טקופע פֿון די 90־ער יאָרן, האָט בערגעלסאָן, דער פּאַרטיפּטער שילדערער פֿונעם לעבנס־וואָר, נישט געקענט פֿארבײַגיין פֿארבײַ דער פֿארשטאַרקטער פּאַראָרעמונג פֿון די ייִדישע פֿאָלקס־מאסן, א טעמע, וואָס איז אין יענע יאָרן ווידעראַמאָל אַרויף אפן געזעלשאפֿטלעכן און ליטעראַרישן טאָגסיידער.

איינער פֿון די גרעסטע קינסטלערישע דאָקומענטן, וואָס שיל־דערן די דאָזיקע פּאַראָרעמונג, איז דאָך י. ל. פּערעצעס סעריע „רײַזע־בילדער", וואָס איז געקומען אין רעזולטאַט פֿון פּערעצעס א נסיעה איבער די שטעטלעך אין יאָר 1890 — דאָס יאָר, וואָס פּערעץ האָט אָנגערופֿן „אָנהייב פֿון די שלעכטע צײַטן". „צווישן אנדערע זאַכן, — שרײַבט פּערעץ אין דער „פֿאָרעדע" צו זײַנע „רײַזע־בילדער", — איז געבליבן, אז מע דארף זיך באַקענען מיטן געוויינלעכן וואָכעדיקן ייִדישן לעבן, זען, וואָס עס טוט זיך אין די קליינע שטעטלעך, אף וואָס מע האָפֿט, פֿון וואָס מע לעבט, וואָס מע טוט, וואָס עס זאָגט דאָס פֿאָלק".

י. ל. פּערעצן האָט דעמלט דאָס פֿאָלק אונטערגעזאָגט זײַנע וווּנ־

---

1 „דער ייִדישער דאלעס אין די בעסטע ווערק פֿון אונדזערע פֿאָלקס־שריפֿטשטעלער" (1888).

דערבארע טראגישע קלײנע געשיכטעס וועגנ דעמ ייִנגעלע, וואָס „ווייסט נישט, אז אַלע זאָלנ גלײַכ עסנ, וואָלטנ אַלע גלײַכ געוועזנ“, וועגנ דעמ „ייִד פֿונ 82 יאָר, געשוואָלענע פֿיס, א הויזגעזינד פֿונ 17 פּאַרשוינ“; וועגנ דעמ מעשוגענעמ, וואָס קלאָגט זיכ: „איכ האָב ווײניק דערפֿונ... דאָס שטעטל איז קלײנ. אכוצ מיר זײַנענ נאָכ דאָ מעשוגאָיִמ“... אונ וועגנ דער אַלטיטשקער פֿארהונגערטער ייִדענע, וואָס דערציילט וועגנ זיכ גוטמוטיק: „וואָס דאַרפֿ א ייִדענע? וואָס פֿעלט איר? טאכריכימ האָט זי שוינ...“

אונ אָט האָט איצט בערגעלסאָנ געמאכט זײַנ רעטראָספּעקטיווע קינסטלערישע רײַזע אינ יענער טקופֿע ארײַנ אונ האָט באנײַעס געבראכט אונדז געשיכטלעכע דאָקומענטנ פֿונ הויכ קינסטלערישנ באטײַט וועגנ דער שרעקלעכער פֿאראָרעמטקײַט פֿונ די ייִדישע שטעטלשע מאסנ ערעוו דעמ אופֿקומ פֿונ די דיפֿערענצירטע אונ אָרגאניזירטע פּראָלעטארישע קלאסנ־קויכעס, וואָס האָבנ אָנגעהויבנ שרײַבנ די נײַע, די רעוואָליוציִאָנערע געשיכטע פֿונעמ רוסלענדישנ ארבעט־פֿאָלק.

בערגעלסאָנ דערציילט:

„וואָס טיפֿער אינ די הינטערגעסלעכ, אלצ נעענטער דער טײַכ, אלצ מער זונדערנ זיכ אָפּ די אָרעמע הײַזער, צעוואָרפֿנ זיכ, פּראָווענ יעכידעס — יעדע שטוב מיט איר באזונדער ביזאָיענ, וואָס מע הייצט ניט אינ אויוונ... מע קאָכט ניט קײנ אָנבײַסנ“. דערבײַ טײלט בערגעלסאָנ באלד אָפּ די דעקלאסירטע אָרעמשאפֿט פֿונ די באלמעלאָכעס אונ פֿאכלײַט, וואָס טוענ א גיי אינ „באמ דניעפּער“ מיטנ גאָרנ אייגנארט אונ אייגנטימלעכקײַט פֿונ זייער פֿאכ, גראד אונ עלטער.

„דאָ איז גוט ארײַנצוקוקנ אינ די אָפֿענע טירנ, זיכ אײַנהערנ אינעמ צעיאָגטנ שטעפּנ פֿונ ניי־מאשינעס; אינעמ שאָרכענ פֿונ פֿלינקע כטאָליערישע הובלס, אינ שטעלמאכשנ דרעליעווענ, זיכ אײַנשמעקנ אינעמ רייעכ פֿונ שטאָפֿ, וואָס ווערט געפּרעסט מיט פֿײַערדיק־הייסנ שנײַדערשנ אײַזנ, אינעמ רייעכ פֿונ גלאטער באָנדערשער קלעפּקע, פֿונ קירזשנערשער פֿארב, פֿונ אומרויִקער שוסטערשער דראטווע, יעדע מעלאָכע האָט דאָ פֿאר פֿענעקנ איר באזונדער טאמ, ווי גלײַכ ער וואָלט זי צעקײַענ, אראָפּשלינגענ אונ דערפֿילנ איר פֿארגעניגנ אינווייניק בא זיכ אינ מאָגנ“.

אזוי פֿירט ארײַנ בערגעלסאָנ זײַנ פֿענעקנ אינ די באלמעלאָכישע הינטערגעסלעכ, אופֿשטעלנדיק דערבײַ פּייזאזשנ, בילדער, אײנצלנע פּאָרטרעטנ, מאסנ־געמעלנ — מאמעש אנ ענציקלאָפּעדיע פֿונ טיפּנ,

כאראקטערנ, שטייגער־שילדערונגענ. פאָלקלאָר אונ עטנאָגראַפיע אַפי־לע — א גרויס שטיק פארביק האָרעפּאשנע לעבנ, — וואָס דער שרייַ־בער האָט אָפּגעשפּיגלט, איבערגעדיכטעט, ארויסבאקומענ זייער קינסט־לערישנ דערקענטעניש־באטייַט. ווייַזט זיכ ארויס, אז בערגעלסאָנ האָט אייַנגעזאפּט אונ אויסגעהיט אינ קינסטלערישנ זיקאָרנ א גרויסע שע־פע לעבנס־אייַנדרוקנ פונ א שיכט, צו וועלכנ ער האָט זיכ קימאט ניט צוגערירט אפּ זייַנ גאָר גרויסנ ביזאהעריקנ שאפונגס־וועג. פאראנ אנ אלט העברעיש שפּריכוואָרט: „אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו״ — מישפּעט ניט, הייסט עס, דייַנ כאווער, ביז דו וועסט ניט אָנקומענ צו זייַנ אָרט (אונ לאגע). איבערפראזירנדיק היפּש דאָס דאָזיקע, קאָנ געזאָגט ווערנ: אורטייל ניט איבער די מעגלעכקייַטנ פונ דעמ שרייַבער דעמ קינסטלער, ביז דו וועסט ניט זענ, אז ער איז אָנ־געקומענ צו דעמ שטאנדפּונקט אונ טעמע, ווו ער האָט פּלאצ די דאָזי־קע מעגלעכקייַטנ ארויסבאווייַזנ אונ פארווירקלעכנ.

פונ די לעבעדיק פערסאָנאזשנ, וואָס בערגעלסאָנ האָט ארייַנ־געבראכט אינ זייַנ ערשטנ טייל „באמ דניעפּער״, זייַנענ העכער א העלפט פאָרשטייער פונ די האָרעפּאשנע שיכטנ. אונ ס׳איז ניט אי־בערצושאצנ דעמ באטייַט פונ אזוינע געשטאלטנ, ווי יאנקל דער פור־מאנ — אינ דער ערשטער ריי, נאכמענ דער פארבער, ראכמיִעל דער שוסטער אונ נאָכ אונ נאָכ טיפּנ, וואָס זייַנענ מיט אלע זייערע סאָ־ציִאל־שטייגערישע וואָרצלענ פארפלאנצט אינ זייער צייַט אונ שיכט. אונ באקאָנענ זיכ מיט זיי בא בערגעלסאָנענ באטייַט ארייַנ אינ די גע־דיכטענישנ פונ דער פאָלקס־פּסיכיק, ארייַנדרינגענ אינעמ גייַסט־צו־שטאנד פונ די גאָר ברייטע מאסנ אפּנ שוועל פונ די זיכ גרייטנדיקע סאָציִאלע שלאכטנ.

די טראגישע איבערלעבונגענ פונ נאכמענ דעמ פארבער, דער פּאָל־קלאָריסטישער נוסעכ פונ ראכמיִעל דעמ שוסטערס שיינע שפּריכווער־טער אונ ווערטלעכ, יאנקל דעמ פורמאנס געדאנקענ־לויטערקייַט, זייַנ געזונטער, מאמעש לערערישער פאָלקס־פארשטאנד באמ אָפּשאצנ די ארומיקע מענטשנ אונ סאָציִאלע פארהעלטענישנ — דאָס אלצ צייכנט דעמ שטייגערישנ אונ גייַסטיקנ מאסנ־באָדנ, וואָס אפּ אימ זייַנענ אינ־גיכנ געפאלנ די זוימענ פונ דער פּראָלעטארישער קלאסנ־לערע אינ דער יידישער סוויווע. פונ די דאָזיקע אָנגעזאמלטע פּראָטעסט־שטימונ־גענ איז ארויסגעוואקסנ דער זעלבסטבאוווסטזייַנ, דער באוווסטזיני־קער קאמפּ פאר „פּראוו אונ פרייַהייַט״, ווי מע האָט שפּעטער א ווייַ־לע געזונגענ אינ די רעוואָלוציִאָנערע פּאָלקס־לידער.

דער ברייטער סאָציִאלער דיִאפאזאָנ האָט ריכטיק געפירט בערגעלסאָנענ ארײַנצוברענגענ אהער אויכ דעמ גאָר יונגנ דאָר: באָרעכ נאכמענ דעמ פארבערס, נאכקע אלטער מייטעסעס, פעטריק דעמ אָרקראִנישנ יונגנ שטאָטישנ פויער, צאלע דעמ רויטנ, יאָסל דעמ גוראלניקס — די אלע „דאלעסעמ קינדער" (א פערעצ־וואָרט), וואָס מיט זיי איז בא בערגעלסאָנענ געקומענ דער ערשטער שטרײַק אינ שטעטל, די ערשטע געהיימע לעזונגענ פונ פיסארעווס „ארבעטער־בינענ". אָרגאניש שטעלט בערגעלסאָנ אופ דעמ גאנצנ פאראלעלאָגראמ פונ קויבעס, דוירעס פונ פארשיידענע קלאסנ, שטאנדנ אונ שיכטנ, וואָס האָבנ זיכ דעמלט באגעגנט, געקומענ אינ בארירונג איינער מיטנ צווייטנ, גערנ אונ אומגערנ אפילע געפירט פארשיידענע סאָציִאלע שטרײַטנ, געגאנגענ שוינ מיט האסטיקע טעמפנ צו דער אויסבילדונג פונ דער נײַער פאררעוואָליוציִאָנערער קלאסנ־קאָנפיגוראציע.

מיט איינ מאָל ארומנעמענ אונ באלײַכטנ אזא גרויסע סאָציִאלשטייגערישע פאנאָראמ — אינ דעמ ליגט דאָס נײַס פאר דער ייִדישער ליטעראטור אונ די גרויסע וויכטיקײַט פונ בערגעלסאָנס עפאָפּייִשנ פראָבלעמענ־ראָמאנ. האָט דאָכ בערגעלסאָנ גראָד דערפאר געפונענ דעמ וועג, אשטייגער, וואָס פירט פונעמ שטארק פרומענ פאנאטישגלייבנדיקנ אלטער מייטעסנ צו זײַנ זונ נאכקענ, איינעמ פונ די ערשטע באפרײַונגס־אָנזאָגער אינ שטעטל. דער זייער אָריגינעלער געשטאלט פונ אלטער מייטעסנ האָט בערגעלסאָנ, פונקט ווי דער געשטאלט פונ שיִע פריידעס, געשענקט גאָר שיינע כאראקטער־געמעלנ אינ זײַנ ראָמאנ, אונ מיט רעכט. דאָ האנדלט זיכ, קאָנ מענ זאָגנ, וועגנ דער דיִאלעקטישער סטירע צווישנ דעמ פארוואָרצלטנ רעליגיִעזנ גדאנקענ־וועג אונ זײַנע אומגעריכטע אויספירנ אינ דער צײַט פונ סאָציִאל־עקאָנאָמישנ איבערבוי פונ די ייִדישע פאָלקס־מאסנ.

דער דאָזיקער אלטער מייטעס, דערציילט בערגעלסאָנ, האָט זײַנ קאפצאָנישע כאיונע פונ אזא מינ זשאָרנע, אפ וועלכער ער מאָלט פאר דער שטאָט אלערליי גרויפנ. „באָרוועס, אינ פארקאשערטע גאטקעס מיטנ לאנגנ טאלעס־קאָטנ אפנ צעכראסטעטנ העמד טרייסלט זיכ אלטער לעבנ דער זשאָרנע, וואָס אינ ווײַטנ ווינקל, שפרינגט ווי מיט געפענטעטע פיס פונ איינ טרעפל אפנ צווייטנ, זײַנע שיטערע באָרד אונ וואָנצעס, די שיטערע האָר אונטער דער יארמלקע זײַנענ צעשטרויבלט־נאס, ווי בא איינעמ, וואָס איז אינ א שוויצבאָד נאָרוואָס אראָפגעקראָכנ פונ דער אייבערשטער באנק. זײַנ מויל איז אָפנ, ווי בא א געכאפטנ שלײַענ. נאָכ מער איידער פונ זײַנ שטערנ אונ פונ

זײַן גאַנצן לײַב, אַזוי דאַכט זיך, גיסט זיך דער שווייס פון זײַן טאַלעס־קאָטן און פון די נאָכגעהאַנגענע ציצעס״.

און צום דאָזיקן שטאַרקן געמעל פון אַלטערס שווייסיקער האָרע־וואַניע קומט צו באַ בערגעלסאָנען דאָס געמעל פון אַלטערס פּרומקייט, פאַר וועלכער עס זײַנען כאַראַקטעריסטיש־אויסשעפּנדיק די דאָזיקע שורעס:

„שאַבעס קומט ער אין בעסמעדרעש פאַר אַלע, גייט אַוועק שפּע־טער פון אַלע, שטייט די גאַנצע צײַט אויף די פיס אין ווינטסטן עק בעסמעדרעש, דאַוונט זייער פאַמעלעך מיטן טאַלעס איבערן קאָפּ, מיטן פּנים צו דער וואַנט, מיט מוירעדיקן דווייקעס־געזאַנג. ער קלאָגט זיך, אַז ער קאָן קיינמאָל ניט דאַוונען מיטן מיניען, ווײַל...

— נו־אָ... מע כאַפּט! ראַק מע כאַפּט...

און באַ יעדן מאָל, וואָס מע טרינקט „לעכאַים״, בעט ער מיט פיל זיפצן, מיט טרערן אין די קאַליע קרומע אויגן:

— איך... איך... איך בעט אײַך... ווינטשעוועט מיר... ווינטשעוועט מיר, איך זאָל זײַן אַ פרומער ייִד... איך מיין... טאַקע עמעס פרום״...

אַליין דער קעגנשטעל פון אַלטערס ווילדער פרומקייט און אַל־טערס שרעקלעכער קאַפּצאָנישער האָרעוואַניע ברענגט אַרײַן אָן אַ שיר איראָניע, אופרײַסערישקייט אין דער צייכענונג פון דער דאָזיקער געשטאַלט. דאָ נעמט זיך עס דערפון, וואָס דער אָרום באַ בערגעלסאָנען איז אַזוי סאָציאַל־אַנטבלויזט, עס זײַנען דאָ אַזוי אויסגעקלאָרט די סאָ־ציאַלע אורזאַכן סײַ פון פרומקייט סײַ פון פאַרהאָרעוועטן דאַלעס, אַז דער בלויזער קעגנשטעל פון די ביידע ברענגט צו סטירע, צו דער אָפּלייקענונג פונעם ערשטן דורך דעם צווייטן. און דערפאַר איז זי אַזוי באַגלייבט, דעם שרײַבערס איראָניע, אין די שורעס וועגן אַלטער מייטעסן:

„ער מוז אופשטיין אַלע נאַכט לערנען און דאַוונען און נאָכדעם טאַנצן אַ גאַנצן טאָג לעבן זײַן זשאָרנע, טאַנצן פון איין טרעפּל אויפן אַנדערן, ווי אַ גרויסער קאַפּצן, ווײַל אַזוי — ווײַזט זיך אָרויס — גע־פעלט גאָט. כאָטש מיט פאַרנאָסע פאַרזאָרגט ער אַ גאַנצע יאָר נאָר די וווירים, פונדעסטוועגן האָט ער ליב, אַז דער פאַרהאָרעוועטער אַלטער זאָל אויסער אַלע אַנדערע פרומע מײַלעס נאָך זײַן דערצו אַ גרויסער אָרעמאַן. אַלטערס שווייסיק פּנים האָט טאַקע אַזאַ אויסזען, ביים ער טרייסלט זיך אויף די טרעפּלעך פון זײַן זשאָרנע — ער טאַנצט פאַר אַ גאַנצער שטאָט, פאַר גאָט — אויך... אָקאָרשט צוריק מיט עט־לעכע כאַדאָשים פלעגט נאָך דאָ איינעם מיט אים טאַנצן זײַן צוועלפ־

יאָריק יונגל, נאכקע. נאָר פון אָנהייב זומער אָן — זינט ער האָט אָפּ־געגעבן נאכמענען צו א סטאָליער — טאנצט ער שוין איינער אליין".

יאָ, זייער וויכטיק פאר בערגעלסאָנען: נאכקע, אלטער מייטעסעס זון, וועט זײַן אַן ארבעטער א רעוואָליוציאָנער. דאָס איז די לאָגיק, די קאָנסעקווענץ פונעם דאַלעס, וואָס דעמאסקירט די פרומקייט. וואָרעם בעעמעסן — דערקלערט בערגעלסאָן וועגן אלטערן: „מע האָט מיט אים ווי אײַנגעכאזערט, ער זאָל ריידן נאָר דאָס, וואָס פרומע ייִדן דארפן פון אים". און דערפאר איז נאטירלעך גראָד פאר אלטערן דער פראכטפול געשילדערטער עפּיזאָד מיט א זאק „הרעטשקע", וואָס שלוימע־דאָוויד דער מעלאמעד האָט אים, אלטערן, געגעבן, ער זאָל אים אָפּמאָלן בא זיך אפ דער זשאָרנע און דערנאָך צוביסלעך אויס־פארקויפן די גרויפּן. האָט אלטער אָפּגעטראָגן שלוימע־דאָווידן צוריק דעם זאק מיט די ווערטער:

„ — כ'על דיר זאָגן דעם עמעס: כ'האָב מיר שטענדיק פארדינט מײַן ברויט מיט האָרעוואניע, קיינמאָל ניט געהאנדלט... וואָס דארף איך עס?.. וואָס דארף איך מיט דעם האָבן צו טאָן?.."

און אז שלוימע־דאָוויד האָט אים געשטעלט די הארבע קאשע: „א וועלט אָן מעקעב־אומעמקער, אָן האנדל?" האָט אלטער געענטפערט: „ווייסט, וואָס איכל דיר זאָגן? געפּויעלט. בא מיר האָסטו געפּויעלט, די וועלט זאָל זײַן אָן האנדל... אָט, איך גיב דיר מײַן וואָרט... איך? איך קאָן זיך באגיין אָן דעם". און באם מעלאמעד אין שטוב איז נאָך אלטערס אוועקגיין, קאָנסטאטירט מערקווירדיק דער שרײַבער, — „ווי נאָך עמעצנס זייער א שטארקן געשריי: שאַ!!!"

אזוי באווײַזט בערגעלסאָן, אז די האָרעוואניע האָט איר לאָגיק, איר קאָנסעקווענץ. א קאשע, זאָגט בערגעלסאָן, איז פונדעסטוועגן געבליבן:

„ — אלטער... אליין וויל ער ניט האנדלען — פארוואָס זשע וויל ער פונדעסטוועגן ניט, אז זײַן נאכקע זאָל זײַן א סטאָליער?.."

דער פרומער אלטער מייטעס וויל ניט. אָבער די צײַט און די האָר־רעפּאשניקישע סטיכיע הייסט. און פּענעק, וואָס מאכט דורך דורך די אלע געשיכטעס בא בערגעלסאָנען דעם וועג צו זיך, — דער קליינער פּענעק לייענט אפּן בווידעם די געפונענע העברעיִשע ביכער, צווישן זיי א בוך „האבות והבנים", און ער טײַטשט אויס דעם בוך אפ זײַן אויפן: „די עלטערן אין דעם בוך פארבײַט ער אין זײַן געדאנק מיט זײַן טאטן מיכאָעל לעווין, מיט אלטער מייטעס; די קינדער אין בוך פארבײַט ער מיט זיך אליין, מיט נאכקע אלטער מייטעסעס, מיט באָרעב נאכמענען דעם פארבערס — טאקע עמעס לעבעדיקע מענטשן". און נאָך

שטעלט פענעק ארײַן אין צעטל פֿון די קינדער יאָסל דעם גוראַלניקס, וואָס איז „אוועקגעפֿאָרן קיין אומאַן, ער איז דאָרט א שלאָסער אַף דער ליטײַנע פֿאַבריקע". ער וואָלט געקענט אַרײַנשטעלן אויך די יונגע רויט־האָריקע אָלגע, וואָס אַרבעט שוין אין אומאַן „בײַ א ייוועליר אין פֿענצטער".

אָלגע איז דעם פֿאַראָרעמטן כּאַזיִ־יויעל הייסמאַנס א טאָכטער. הייסמאַן איז א מעסוקענער אַפּיקוירעס, א מאַסקיל, א געוועזענער קאַסיר אין דער היגער גוראַלניע. בעשאַס שאָול דער מיליאָנער קומט אַהער אין שטעטל צו מיכאָעל לעווינען, פֿרוּווט הייסמאַן אים דער־לאַנגען א באַקאַשע, ער זאָל אים לאָזן וווינען כאָטש א האַלב יאָר אין דעם גוראַלניע־הויז, וואָס שאָול רעכנט צענעמען. אין שטאָט האָט מען נאָכדעם גערעדט:

„ — מאַסקל אהין, מאַסקל אַהער — פֿאַר „א מיליאָנשטשיק" האָט ער דערעכערעץ".

אָבער די טאָכטער זײַנע אָלגע איז שוין „א בעריע אַף אָפּזיצן א פּאָר כאַדאָשים אין טורמע און זיך אַרויסדרייען, ביז מע וועט אײַנ־זעצן נאָכאַמאָל". און זי איז דאָס די, וואָס פֿירט אָן מיטן קרײַז יונגע אַרבעטער דאָ אין שטעטל. בערגעלסאָן זאַמלט אַף אַזאַ אויפֿן די שטעטלשע סאָציאַלע קויכעס, די יערושעדיקע, פּאָטענציִעלע און ווירקלעכע, — אַלע די, וואָס וועלן שפּעטער נעמען אָנטייל אין אָנ־הייבן באַפֿרײַען די וועלט פֿונעם „ווײַסן הויז" מיט אַלדעם, וואָס רינגלט אים אַרום, וואָס איז מיט אים פֿאַרבונדן און צוזאַמענגע־וואַקסן.

וואָרעם די דאָזיקע צוזאַמענגעוואַקסנקײַט האָט בערגעלסאָן ניט געשילדערט גראַדליניק, סכעמאַטיש לויטן פּונקטיר פֿון דירעקטע פּאַר־מעגנס־אינטערעסן. אָט האָט ער דאָך אַרײַנגענומען אינעם „הויז" ווירקונג א שטיק אַלטער מייטעס און שוּע פֿריידעס און דעם קאָלאָריטפֿולן זיידל און נאָך און נאָך. אָפּגערעדט שוין פֿון אַזאַ, ווי יִסראָעל דער שנײַדער, אָט דער, וואָס זיפֿצט א סאַך דערפֿאַר, וואָס „לויט דער קאָפּאָטע, לויט די באָרד־און־פּייעס און לויטן פּאָנעם" — איז ער „אייַנער פֿון די פֿײַנסטע און פֿרום־געלײַטערטע יידן אין שטאָט. נאָר וואָס זשע דען? ער קאָן ניט לערנען... אָבער שײַעכ ניט קאָנען?" איז צוליב וואָס דען, טראַכט פענעק, „האָט אים גאָט געגעבן אַזאַ פֿײַן פּאָנעם פֿון א פֿרומען יידן? אַפּאָנעם, גאָט האָט געמיינט מיט דעם, ער זאָל קענען לערנען. פֿונדאַנען נעמט זיך זײַן צעבראָכן געמיט". אָבער אַף זײַנע אַרבעטער, גיט ער איבער פענעק, גיט ער האַשגאָכע, זיי זאָלן אַר־

בעטנ. „ער וואָלט א באלנ זײַנ, זיי זאָלנ וויסנ, אז מענטשנ, ווי זיי, וואָס קענענ ניט לערנענ, וועלנ אפ יענער־וועלט קיינ גאָלדענע יויכ ניט עסנ און זאָלנ בא דער ארבעט ניט זײַנ קיינ מעיוכאָסימ".

אליינ פונ די שורעס קוקט ארויס דער זעלטנ־געצייכנטער פּאָרטרעט פונ איינעמ פונ די, וואָס פילנ אָנ דעמ „ווײַסנ הויז" אינ די שאבייסענאכטסנ און פארברענגענ אפ א פולער וואָכ אינ וואָכעדיקנ עסצימער, בעשאס די פײַנע געהויבענע לײַט זיצנ „ווער בא מיכאָעל לעווינענ אינ שרײַבצימער און ווער — מיט פענעקס מוטער אינ יאָמטעוודיקנ עסצימער". אָט דער שאבייסענאכטס — איינס פונ די פּראכטפולסטע געמעלנ אינעמ ערשטנ טייל פונ „באמ דניעפּער" — שטעלט דאָכ אופ אינ דער פולער גרייס די פיגור פונ פענעקס מוטער, מיכאָעל לעווינס צווייט ווײַב, וואָס דער שרײַבער גיט איר ניט קיינ נאָמענ דאָ אינ בוכ — אפ צו פארקריצנ, אפּאָנעמ, איר פארמעסט אפ צו הייסנ די „מוטער פונעמ הויז", די גווירנטע און באלעבאָסטע, די פרוי פונעמ רײַכנ „מוירע־נעוווּכימ־מענטש" מיכאָעל לעווינ.

ס'איז ניט שײַעכ איבערצודערציילנ די כאראקטער־שטריכנ פונ אָט דער פרויענ־געשטאלט, וואָס באקאָנענ זיכ מיט זיי אינ דער עכטער קינסטלערישער גרייס קאָנ מענ נאָר אומיטלבאר פונ בערגעלסאָנס בילדערישנ וואָרט און שורע. בערגעלסאָנ האָט אויסגעפונענ פאר דער דאָזיקער פיגור איר דראמאטישקײַט אינ דער געשיכטע מיט איר מיידלשער ליבע, מיט איר געדאכטער זינד, וואָס פארקאָמפּליצירט זי פסיכאָלאָגיש, די דאָזיקע לײַדנשאפטלעכע פרוי, נישט געקוקט אפ דעמ גאָרנ באגרענעצטנ פרומ־צוואקישנ טאָכ פונ איר גווירישנ כאראקטער. פונ אזא פיגור ווייט אָפּטמאָל מיט שרעק, מיט פאכעד פאר מענטשלעכער טעמפקײַט, וואָס קליידט זיכ אינ פארשיידענע רעליגיעזע שלייערנ און דערפירט רעליגיע צו דער מאדרייגע פונ אורמענטשלעכנ אָבערגלויבנ מיט אויסניצנ דעמ גאָט, ווי א געטעלע, וועלכנ מע קאָנ עגאָיסטיש נארנ און פארליידנ אימ, ווי מע זאָגט, די ציינ. וויפל זעלטענע בײַשפּילנ פונ דעמ גיט דאָ בערגעלסאָנ אינ זײַנ ראָמאנ!

איר טאָכטער שיינדל די גרויסע, ווי מע רופט זי אינ הויז, איז שוינ אינגאנצנ א וועלטלעכע. מיט גאָט האָט זי ניט צו טאָנ. דערפאר האָט זי צו טאָנ מיט דער גרויס־בורזשואזער מאָראל, מיט דער אפ דורכ און דורכ היפּאָקריטישער פּאָזע. זי פארגעסט, אז זי איז „דער לײַטישקײַטס אדוואָקאט". יעדער מאָל, ווענ זי בלײַבט אויג אפ אויג מיט אירע אייגענע בורזשואז־הענדלערישע אפּעטיטנ, שטייט זי באמ שרײַבער גײַסטיק נאקעט, א פּרעסערישע באשעפעניש, „ניט קיינ מענטש,

נאָר אנ אומגליק”, ווי פענעק הערט וועגנ איר פונ יאנקלענ. אינ דער שילדערונג פונ דער דאָזיקער געשטאלט שפילט אויכ בא בערגעלסאָנענ די כאראקטער־דעטאל, די קלוגע, אלצ ארויסברענגענדיקע „קליינ־מאָלערײַ”. זי פארוואנדלט שיינדל דער גרויסערס כאראקטער־אייגנ־שאפטנ אינ פאראלגעמיינערטע אייגנשאפטנ פונ דער עטיש־אויסגע־לײַדיקטער, קולטור־אָרעמער בורזשואזער, קלוימערשט וועלטלעכער, פרוי מיט איר גאָרער גײַוועדיקער פארישנקײַט אונ עגאָיסטישער גירי־קײַט אינ דער מישפאָכע אונ אינ דער געזעלשאפט.

פונ אזוינע פיגורנ קאָנ טאקע אמאָל א ווײַ טאָנ מיט אײמע פאר מענטש אונ מענטשהײַט, ווענ ניט דעמ שרײַבערס אופרײַסערישער ביטל, וואָס באגלײַט זײ, ווענ ניט דאָס, וואָס זײ זײַנענ דאָ מײַסטנס געגעבנ דורכ פענעקס פריזמע, דורכ דער אופאסונג פונעמ קליינעמ ייִנגל, וואָס טראָגט ארײַנ אינ דער צײַכענונג היפשנ גראָטעסק אונ שמייכל. אינ דער דאָזיקער הומאָריסטישער ביטל־שײַנ וואקסט אויכ אויס די פיגור פונ בערישנ, שיינדל דער גרויסערס מאנ, דער, וואָס זײַנ קאָרעוו דער מיליאָנער בראָצקי האָט פאר אימ געקויפט „א ייִ־כעס־בריוו מיט אלע דוירעס ביז דאָוויד האמײַלעכ”, אונ פענעק וווּנ־דערט זיכ, וואָס ער, דאָוויד האמײַלעכס אייניקל, גאנוועט גראדנ אינ גוראלניע. אינ אזא ארט שײַנ שטעלט אויכ בערגעלסאָנ אופ דעמ פאָר־טרעט פונעמ גווירישנ אריסטאָקראט דעמ אלטנ יווינאָסנ פונ ווערכני־פאָליער צוקער־פאבריק, וואָס פירט מיט מיכאָעלנ א פילאָסאָפישנ גע־שפרעכ וועגנ דעמ ראמבאמס „דרײַ קרעפטע פונ דעמ באשאפ”, אונ האנדלענ האנדלט זיכ עס בעעצעמ וועגנ דער גרויסער אומאנער ביר־ברויערײַ...

אונ קעגנ דעמ סאטירישנ ביטל־שטראָמ צו דעמ דאָזיקנ אופגע־שטעלטנ גרויסנ לייטער פונ גווירישע פאָרטרעטנ קומט בא בערגעלסאָ־נענ די ליריש־ווייכע הארצעדיקע הומאניסטישקײַט, מיט וועלכער ער האָט געשילדערט די האָרעפאשנע מאסע, אָנגעהויבנ דאָ טאקע באמ גוויר אינ א הויז פונ די קיכ־לײַט. צווישנ זײ האָט ער דאָכ געפונענ דעמ קרעפטיקנ מאמעש באשטראלטנ יאנקל דעמ פורמאנ, וועגנ וועלכנ פענעק טראכט: ער איז „זײַנ ערשטער עמעסער רעבע — ניט דער „רעבע” אינ כיידער איז זײַנ עמעסער רעבע, ניט די מאמע, ניט אפילע דער טאטע, נאָר יאנקל; ער געפעלט פענעקנ ביז גאָר; אלצדינג, וואָס יאנקל זאָגט, איז גאָלד אונ זילבער — דאָס דארפ מענ געדענקענ”.

דאָ אינ קיכ באקומט דאָכ פענעק אפילע זײַנ ערשטע „לעקציע” וועגנ ליבע, טאקע פונ יאנקלענ. די דאָזיקע לעקציע גיט אימ א מעג־

לעבקײַט ארײַנטראכטנ זיכ אונ דערזעג די טראגישע פארליבטקײַט פונ בוני דער קעבנ — איינע פונ די ליבלעכסטע געשטאלטנ צווישנ בערגעלסאָנס געשילדערטע פאָלקס־מענטשנ.

דאָ אינ קיכ געפינט זיכ אויכ די דינסט שיינדל די לאנגע, וואָס האָט דעמ דאָזיקנ נאָמענ באקומענ, מע זאָל זי ניט אויסמישנ, כאָלילע, מיט שיינדל דער גרויסער. לויט דער סיסטעמ פונ „שיינדל דער גרויסער" אונ „שיינדל דער לאנגער" שטעלט בערגעלסאָנ אינ טאָכ אופ דאָ אינ בוכ דעמ קאָנטראסט צווישנ די צוויי געשילדערטע וועלטנ, עפעס ענלעכס צו דער סיסטעמ פונ „אויבנ" אונ „אונטנ" בא שאָלעמ־אלייכעמענ אינ זײַנ איינאקטער „מענטשנ", א מיטל, אגעוו, וואָס בערגעלסאָנ האָט אליינ אויסגעניצט אינ דער סצענישער איבעראַרבעטונג פונ זײַנ דערציילונג „דער טויבער" נאָכ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. אָבער באווײַזנ באווײַזט בערגעלסאָנ דערבײַ אינ „באמ דניעפער", ווי די דאָזיקע צוויי וועלטנ פלעכטנ זיכ אויכ איבער אָפטמאָל, עס ווערנ געשאפנ פארשיידענע איבערגאנגס־שאטירונגענ, וואָס העלפנ, ווי געזאָגט, דער אייגנטימערישער אידעאָלאָגיע באהערשנ אונ קאָנסערווירנ דעמ גײַסט פונ די האָרעפאשניקעס.

אינ די שטארק לירישע, עמעס פאָעטישע זײַטלעכ, געווידמעט דער באשרײַבונג פונעמ פינצטערנ קעלער אינ גוראלניע, ווו עס געפינט זיכ דער טאָפטאק, דערציילט בערגעלסאָנ וועגנ דעמ אָרעמענ אוקראַינישנ יִנגל, וואָס טרײַבט די פערד באמ דריי־סלופ. די שילדערונג פונעמ דאָזיקנ יִנגל, וואָס האָט איינ אויג א בלינדס, א פינצטער־בייזס אונ דאָס צווייטע — א שטראַלנדיק־גוטהארציקס, שטעלט מיט זיכ בעפיירעש פאָר א ליד אינ פראָזע. אונ אָט דערציילט דאָרט בערגעלסאָנ וועגנ פענעקנ, וואָס אנטפלעקט דעמ קעלער מיטנ יִנגל אונ פארקניפט מיט אימ א שמועס:

„עס דאכט זיכ:

דאָס יִנגל דאָ אינ לאָכ באמ דריי־סלופ איז דער טיפסטער וואָרצל פונ דער גאנצער גוראלניע... דער סאמע עק אירער:

— אהא!.. דער פאָטער דאָרט אינ דער היימ אינ בעט... מיט די צוגעשלאָסענע אויגנ, מיט די צעשאָקלטע ליפנ, וואָס כאזוערט די גמאָרע בראָכעס — דער פאָטער איז דער אָנהייב פונ דער גוראלניע, אונ דאָס יִנגל מיטנ פינצטערנ אויג איז דער סאָפ, אָדער פארקערט: דער פאָטער איז איינ עק, דאָס יִנגל — דער צווייטער עק..."

אונ ווײַטער:

„אינגאנצנ קלאָר איז דער געדאנק ניט געווענ. דאָפ, מיט עטלעכע

יאָר שפּעטער, האָט פּענעק אַלץ געהאַט אַזאַ געפיל, ווי דאָרט אין לאַגער, לעבן יונגל, האָט זיך אים אָנגעהויבן צו דאַכטן:

— ער, פּענעק, קלעטערט ערגעץ אַף אַ הייך — דאָס גאַנצע לעבן אַף דער וועלט וועט ער דאָרט דערזען מיטאַמאָל פון ביידע עקן, אָט אַזוי, ווי ער האָט דערזען די גוראַלניע פון ביידע עקן: דעם פאָטער — פון איין עק, דאָס יונגל — פון צווייטן עק..."

פאר בערגעלסאָנען גופא איז די דאָזיקע "הייך" געוואָרן די אַקטיאַר־בער־רעוואָליוציע. אין זײַן פרײַעריקן שעפערישן "קלעטערן" האָט ער דאָך נישט טאָמיד דערזען די וועלט "מיטאַמאָל פון ביידע עקן". אין דעם זײַנען געלעגן געוויסע שטערענישן אַף זײַן קינסטלערישן וועג, וואָס ער האָט איצט פולשטענדיק באַזיגט, געוואָרפן דעריבער איצט איבעראַנען אַ בליק אַף דער פרײַעריקער וועלט, אַ באַלויכטענע שוין פון איין עק ביזן צווייטן, אַן אַקטיאַבעריש־אַנטפּלעקטע אין איר גאַנצער סאָציאַל־היסטאָרישער געקייטלטקייט און פאַרורזאַכטקייט.

4

בערגעלסאָן הייבט אָן זײַן ראָמאַן מיט די שורעס:

„אָדאָם, שיים, ענויש".

אַזוי האָט אַ טייל פון זיי געוואָלט, זאָל מען אָנהייבן וועגן זיי דער־ציילן, ווי וועגן אָוועס".

און באַלד נאָכדעם קומט בײַ בערגעלסאָנען די באַשרײַבונג פון עט וויסן הויז. הייסן הייסט דאָס: די באַלעבאַטים פון עם ווײַסן „הויז", זיי, זייערע נעגידיש־סאָבירישע מעקוראָווים, האָבן זיך פאַרמאָסטן אַרײַנצושרײַבן זיך אין דער געשיכטע_ פון עם פאָלק, ווי פאָרזעצער פון דער געשיכטלעכער קולטור־טראַדיציע, ווי געשיכטלעכע פאָטערס פון זייער דאָר און טקופע. וויייניקער פון אַלץ אָבער קען דער שרײַ־בער לײַדן די כוצפע פון די הענדלערשע „אָוועס". האָט ער זיך פאַר־מאָסטן אײַנוויזן אַף די עמעסע אָנהייבער פון דער נײַער טקופע, שיל־דערן די, וואָס זײַנען געקומען מיט קאָלעקטיווע קויכעס ענדערן דעם אַלטן אויסזען פון דער געזעלשאַפט און איבערקערן אַ נײַ בלעטל אין דער יידישער פאָלקס־געשיכטע. אין דעם באַשטייט דאָך דער פּאַרטי־פערטער פראָבלעמען־זין פון בערגעלסאָנס „באַם דניעפּער", וואָס איז אין אַ גרויסער מאָס אַ קינסטלעריש געשיכטע־בוך לויטן גאַנצן קאָמפּ־לעקס פון אידיי, טעמע און געשטאַלט.

ער ווייסט, בערגעלסאָן, אַז שאַפן פאָרויסגייענדיקע קינסטלערישע ליטעראַטור באַטײַט העלפן דער געשיכטע טאָן איר פּראָגרעסיווע אַר־

בעט, באַטײַט אופדעקנ די קויכעס, וואָס שאַפנ די דאָזיקע געשיכטע. אונ אַז בערגעלסאָנ האָט אינעמ ערשטנ טייל „באַמ דניעפּער" דורכגעמאַכט א שטיק געשיכטלעכנ וועג צוזאַמענ מיט זײַנע געשילדערטע פּאָרויסגייענדיקע פּערסאָנאַזשנ פונ די הינטערגעסלעכ, האָט ער דעריבער אינ סאָפּ פונ דעמ ערשטנ בוכ נאָכאַמאָל אומגעקערט זיכ צו דער פראַגע פונ די „אָוועס", אונ די באַשרײַבונג פונ דעמ, ווי מע האָט מעקאַבער געווענ מיכאָעל לעווינענ — איינעמ פונ די, וואָס זײַנענ זיכער אינ זייער „פּאָטערשקײַט",—האָט בערגעלסאָנ פאַרענדיקט מיט די שורעס:

„טיפּ אינ טאָל האָט — קימאַט א פרעמדע — זיכ געשפּרייט די שטאָט: א ווײַס „הויז", געדרייטע הינטערגעסלעכ, א מאַרק, ווו צווישנ איינ דאַווענער אונ צווייטנ האָבנ זיכ ארומגעשאַרט שוואַרצע ייִדנ מיט לאַנגע פּלייצעס אונ געוואָלט, אַז אָנהייבנ זאָל מענ וועגנ זיי דערציילנ, ווי וועגנ אָוועס, אָנהייבנ אָט אַזוי:

„אָדאָמ, שייס, ענויש".

ניט צוליב פאַרזעצנ דאָס דאָזיקע ייִכעס־צעטל פונ דער „היסטאָרישער ייִדישקײַט" איז, הייסט דאָס, דאָ אינעמ ווערק אופגעקומענ די געשיכטע פונעמ ווײַסנ „הויז" מיט די הינטערגעסלעכ! אַליינ דער שרײַבער טײַטשט דאָס אויס אויספירלעכער מיט א פּאָר צענדליק שורעס פריִער, ווו ער דערציילט וועגנ די יונגע אַרבעטער, פענעקס כאַווײרימ, וואָס האָבנ געלייענט פּיסאַרעווס געשיכטע וועגנ די אַרבעטער־בינענ אונ האָבנ נאָרוואָס דערוווּסט זיכ וועגנ מיכאָעל לעווינס קוווּרע:

„אונ ווײַל מע האָט נאָרוואָס געהאַלטנ באַ די אַרבעטער־בינענ, וואָס טייטנ אָוועק צווישנ זיכ די פוילע דראָגעס — א זאַכ, וואָס וועט זײַנ אויכ צווישנ מענטשנ, — האָט זיכ דעריבער געדראַכט: מיטנ טויט פונעמ גוויר איז עס דאָ אינ שטאָט שוינ געשענ, סע הייבט זיכ אָנ א נײַע וועלט — זיי זײַנענ געגאַנגענ מיט באָרעכנ אינ שטאָט א קוק געבנ, וויִאַזוי סע זעט אויס; זייערע געפילנ צו זיכ אַליינ — די ערשטע, וואָס הייבנ אָנ דאָס נײַע לעבנ אינ דער נײַער וועלט, די ערשטע, וואָס האָבנ נאָרוואָס וועגנ דעמ געלייענט, די ערשטע, וואָס האָבנ זיכ וועגנ דעמ דערוווּסט".

צווישנ די דאָזיקע ערשטע דאָ אינ שטאָט געפינט זיכ שוינ פונ איצט אָנ פענעק, וואָס איז ניט אַרײַנ אינ מיכאָעל לעווינס צוואָע. וועדליק דער שרײַבער גיט צו וויסנ. אונ ניט אַרײַנ איז ער דערפאַר, ווײַל זײַנ פאָטערס צוואָע איז שוינ פרעמד פענעקס אויסגעבילדעטנ נײַעמ לעבנס־געפיל. פענעק האָט דאָ אינ ראָמאַנ אָפּ אונדזערע אויגנ דורכגעמאַכט זײַנ דרײַ־יאָריקנ אַרײַנדרינגענ אינ דער לעבנס־טיפ פונ

די הינטערגעסלעך, געוואָרן א קינד פון זייערע קינדער, אויסגעשפּייט פון זיך זײַן ברודער און שוועסטער פּאָליעקן און בליומען, ווי ער זאָגט אַליין, אנערקענט, אז דער פאָטער איז אים פרעמד, אז „איינעם מיטן פאָטער זײַנען געווען באַגראָבן אַלע פרעמער, וואָס האָבן אים מיטן הויז געבונדן".

און ביכדיי ארײַנצודרינגען טיפער אינעם מעהוס פון פּענעקס יוגנטלעכן איבערגעבורט, דאַרף מען דאָ לאָזן ריידן דעם שרײַבער און לאָזן אים ריידן א ביסל לענגער. עס האנדלט זיך וועגן דעם מאָמענט, ווען מע האָט צו מיכאָעל לעווינס נאָז צוגעלייגט א פּעדערל אום צו איבערצײַגן זיך, אז ער איז שוין טויט:

„דאָס פּעדערל, וואָס האָט זיך קיין ריר נישט געטאָן לעבן פאָטערס נאָז — א לעבעדיקס אזא! פּענעק קאָן עס ניט פארגעסן אפילע אפּן בעסוילעם. זאָל דאָס זײַן אַן אווײרע — פארפאַלן — אין הארצן איז ער דעם פּעדערלס א פרײַנט, קימאַט א כאַווער.

ארום שטייט אַן אוילעם אָרעמעלײַט, קוקט מיט קאַלטן גליוווער: פרומע פארמעגלעכע ייִדן לאָזן אַראָפּ אין קייווער גווירישע זעקס הונדערט מיט דרײַצן מיצוועס, וואָרענען איינער דעם אנדערן:

— פאוואָליע.

— פּאַמעלעך.

פיל פרומע פּסוקים זאָגן זיי דערבײַ.

פּענעק פארשטייט מען, האָט וועגן די פּסוקים ניט געטראַכט, נאָר: ער איז קאַלט געווען, טאַקע ווי מע וואָלט באַגראָבן פרומע פּסוקים.

אדהאַיאָם אזוי:

גאַנץ קלאָר געדענקט ער בא זיך ליבע צו יאַנקל דעם פורמאַן, ער געדענקט עס קוים־קוים צום פאָטער".

זייער א שטרענגער אורטייל אין פּענעקס געדאַנק. אנדערע קאָנען מיינען: ניט קיין וואַרשײַנלעכער. איז זאָלן זיי א פּאָרש טאָן אין זייער אייגענעם זיקאָרן אָדער אופּבלעטערן אין דער ליטעראַטור די זײַטלעך פון פּײַערבערגס „וווּהין?", פון בערדיטשעווסקיס „מחנים", פון ווינטשעווסקיס לעבנס־באַשרײַבונג ביז די יוגנט־בּיִאָגראַפיעס פון די בעסטע פון יענעם דאָר, וואָס האָבן שפּעטער דורכגעמאַכט א וועג און גענומען אָנטייל אין דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע. אָט אזוי איז ער דאָך פאָרגעקומען, דער ערשטער „קרע שבלב", דער ריס אין הארצן, ווי מע האָט אים דעמלט אָנגערופן, די צעשיידונג פון קינדער מיט פרומע טאַטעס, אמאָל מיט פארמעגלעכע הײַזער, מיט טראַדיציע. און פאָרגעקומען איז זי, די צעשיידונג, גאָר־גאָר אין פרײַען עלטער, טאַקע

אין די „בארמיצווע"־יאָרן, ווען די אַלע פּענעקס האָבן יעדערער אָפּ זיינע שטייגער אויסגעגראָבן דעם „התועה בדרכי החיים" פון פּערעצ סמאָלענסקין, ווי בערגעלסאָן דערציילט, געפונען דעם אויסגעבאַהאַל־טענעם „השחר" און, ווי פּענעק פון „באַם דניעפּער", געוווּנדערט זיך:

„ — „השחר" איז דער טייטש מאָרגנשטערן.

אָבער ווי קומט דער מאָרגנשטערן צו צירלען אפן בוידעם און נאָך אין א שטויביקן זאק דערצו?

בא פּענעקן איז פונדעסטוועגן געבליבן, — דערציילט ווייטער בערגעלסאָן, — אז מיט די ביכער קער ער זיך דאָך אָן א שטיקל מע־כוטן, פּאַשעט, ווייל זיי האָבן אין א געוויסער מאָס זיין גורל — אים, פּענעקן, ציט מען אוף אין קיך, זיי — די ביכער — באַהאַלט מען אויס אפן בוידעם..."

בערגעלסאָן פאַרגעדענקט צו פּאַרייניקן אין פּענעקס לעבנס־גע־שיכטע די ביידע פאַקטאָרן: די אָפּטריניקעט זיינע, זיין פּערזענלעכע לאַגע אין דער רייכער מישפּאָכע און די אופווירקונג פון בוך, פון כאַ־וויירים, פונעם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן אופברויז אין דער צייט, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף פונעם נייעם מיטן אַלטן, אין די באַדינגונגען, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן פאַרמירן דער רעוואָליוציאָ־נערער באַוווּסטזיין פון די יידישע פאָלקס־מאַסן.

און צו דעם אַלעם גיט בערגעלסאָן צו נאָך איינעם א פאַקטאָר, וואָס האָט פאַרגיכערט פּענעקס גאַנג צום סאָציאַלן לעבנס־געפיל, וואָס איז, ווי אויבן געזאָגט, די צענטראַלע אַקס פונעם ראָמאַן „באַם דניעפּער". דאָ האַנדלט זיך וועגן דער אויסבילדונג פון פּענעקס קינ־סטלערישע אייגנשאַפטן, וואָס העלפן מיט דער אויסבילדונג פון פּע־נעקס געזעלשאַפטלעכער לעבנס־אופאַסונג אַזוי, לעפּאָכעס, ווי זי איז געגעבן געוואָרן בא בערגעלסאָנען דאָ אינעם ערשטן טייל פונעם ראָ־מאַן.

פּענעק וואַקסט א קינסטלער, א שרייבער. בערגעלסאָן זאַפּט דורך און פילט אָן אַלע טאַטן, געפילן, איבערלעבונגען און כאַראַקטער־שטריכן, דעם גאַנצן וווּקס פון פּענעקס זעלבסטבאַוווּסטזיין און גע־וויסן מיט דער אַנטוויקלונג פון פּענעקס קינסטלערישע כושים, מיטן אופוואַכן און פאַרבאַוווּסטזיניקן אפילע זיינע שרייבערשע פּעיִקייטן. פּענעקס קינסטלערישע לעבנס־שפּירונג גייט בא אים באַנאַנד מיט דער סאָציאַלער, זי ווערט בעפּיירעש די צווייטע טעמע פון בערגעלסאָנס ראָמאַן.

העכער צוואַנציק מאָל שטעלט זיך בערגעלסאָן אָפּ אין פאַרלויף

פונ דער האנדלונג אפ אונטערצושטרײַכנ דאָס געבורט אונ די ערשטע טריט פונ פענעקס שעפערישער זעלבסטדערקענונג. די דאָזיקע אופדעקנדיקע זעלבסטבאטראַכטונגענ האָבנ אוואדע זייער זעלבשטענדיקנ ווערט. מיט זייער אווטאָביאָגראפישנ כאראקטער ווארפנ זיי אויכ אנ אומגעהייערע באדײַכערנדיקע שײַנ אפ בערגעלסאָנס קינסטלערישער לאבאָראטאָריע גופע, אפ דער סטיל־ספעציפיק פונעמ שרײַבער, דעמ שעפער פונ „דעמ טויבנ", „ארומ וואָקזאל", „אָפגאנג" אונ „מיראסהאדינ". בא דער באהאנדלונג פונ די ווערק איז ניט אָפצושאצנ דעמ ווערט פונ די אלע בערגעלסאָנישע זעלבסט־אנאליזירנדיקע אויספאָרשונגענ אינ „באמ דניעפער", ווענג וועלכע ס'דארפ גייִנ א רייד יעדער מאָל באזונדער.

אָבער דער איקער איז, וואָס דאָ, אינ „באמ דניעפער" גופע, באוועגנ זיי אונ מאָטיווירנ פענעקס אופירונגס־ליניע, זיי ווערנ דער קאָעפיציענט פונ זײַנ נאטור, זיי דערקלערנ נישט נאָר די פארשנעלערונג פונ פענעקס לעבנס־דערקענטעניש, נאָר אויכ דעמ אויפנ, דעמ געזעלשאפטלעכ פארשארפטנ אינהאלט פונ זײַנ קינדישנ זעלבסטבאוווסטזײַנ.

„ניט געוועג דער פאל, — דערציילט בערגעלסאָנ וועגנ פענעקנ, — ווענ אלע אינ שטאָט זאָלנ לויפנ, אונ פענעק זאָל בלײַבנ זיצנ אינ דער היימ. יעדער געשעענער גליק אָדער אומגליק, יעדער קרימ אָדער וועכנע, וואָס א מענטש אינ שטאָט טוט זיכ, איז זײַנע אנ אייגענע זאכ, זײַנס א פארמעגנ... צו עפּעס דארפ ער עס גאָר נייטיק האָבנ. צו וואָס? דאָס ווייסט ער ניט..."

אונ ווידעראמאָל:

„קלאָר: עס קומט דאָ פאָר עפּעס א גרויסע שפּיל, וואָס ער, פענעק, פארשטייט זי ניט — ער איז נאָכ ניט אלט קיינ פולע דרײַצנ יאָר. אָבער דאָס הייסט ניט, אז ער וועט עס ניט פארשטיינ שפּעטער, ווענ ער וועט אויסוואקסנ. פענעק — א מענטש, וואָס זאמלט, ווי פונ זיכ, אלצ, וואָס זײַנע אויגנ זעענ, ווי א מורעשקע זאמלט זומער שפּײַז אונ ווייסט ניט, אז סע וועט איר אומ ווינטער צוניצ קומענ". אונ אז בערגעלסאָנ רעדט וועגנ די „קריטשיקלעכ", מיט וועלכע פענעקנ איז „א מעכײַע אָנצושטופּנ דעמ זיקאָרנ פונ יעדנ כוש", גיט ער אויכ צו: „צוליב עפּעס איז דאָס אימ ביז גאָר נייטיק, כאָטש אליינ ווייסט ער ניט צוליב וואָס, פונקט ווי א זויגקינד, ביימ מע לאָזט דעמ נאָכ די וויקלשנורנ, ווייסט ניט, צוליב וואָס ניצט דאָס דריגענ מיט די הענטלעכ אונ פיסלעכ. ער פילט בלויז: ער האָט אָנ א שיר ארבעט, ווענ וועט ער זי אָפּטאָנ?"

אײַנשטעלנדיק דעם כאראקטער פון פענעקס זאמל־ארבעט — און אזא איז זי דאָך געווים בא יעדער באגאבט קינד, — האָט דאָך דער שרײַבער מיט דעם גופע פעסטגעשטעלט די אינטענסיפיקאציע פון פע־נעקס אופנעם־כושים, וואָס ארבעטן בא אים דאָך אנדערש, שארפער, דורכדרינגלעכער, ווי בא א געוויינלעכ קינד. אזא זעען מיר אים טאקע, פענעקן, בא בערגעלסאָנען אין פראָצעס פון זײַן באקענען זיך מיטן לעבן. „איז וואָס זאָל טאָן פענעק, — דערציילט וועגן אים בערגעל־סאָן, — אז ער איז קימאט פון געבוירן אָן אזא אומגליקלעכער מענטש, פון קינדווײַז אָן געשטראָפט מיטן ווייסטן גרויסן כיישעק זיך צוקוקן צו מענטשן, פארגעסן, צי ער אליין לעבט אף דער וועלט".

און צי קען דען אזא ארט „צוקוקן זיך" זײַן בלויז א פאסיווער טאט בא פענעקן, א טאט, וואָס ברענגט אים ניט צו מאכן דאָ אפן אָרט געוויסע אויספירן, צו ווערן אף זײַן אייגענעם אויפן א צאד אין לעבן? ווען בערגעלסאָן שטעלט פראכטפול אופ דעם שאבעסצונאכטס אין ווײַסן הויז, ווערט פענעק בא אים, זעלבסטפארשטענדלעכ, דער הויפט־אויסקוקער און אויסטײַטשער פון די אלע פאר אים פילארטיקע און פילדײַטיקע באלערעוודיקע געשעענישן, וואָס גייען דאָ דורכ פאר־בײַ זײַנע אויגן. און דאָס דערציילט בערגעלסאָן:

„אונטער דער קאָלדרע, פארדעקט ביז איבערן קאָפ, האָט פענעק זיך געדרייט פון זײַטל אף זײַטל, ניט געקאָנט אנשלאָפן ווערן, ניט אופגעהערט צו געדענקען: א פינצטערער דרויסן, א העל־באלויכטן פריילעכ־צעעפנט „הויז" צווישן קאפצאָנישע הינטערגעסלעכ מיט שילטנדיקע דאלעס־ליכטלעכ אף א פולער וואָכ און א שיטערע לעווײַע ווײַט־ווײַט אין פינצטערן עק שטאָט — מע טראָגט נאכמענס גע־שטאָרבן קינד.

ווידער האָט זיך אים געדאכט: אין דעם אלעם איז שולדיק ער, פענעק, — ער מוז זיך אין דעם ארײַנמישן, ער מוז וועגן דעם אלעם פאר עמעצן דערציילן... דאָס אלץ — דעם גאנצן שאבעסצונאכטס — טאָר מען ניט פארשווײַגן..."

אָט וו:אזוי בערגעלסאָן אקטיוויזירט פענעקס אָנגעזאמלטע לעבנס־פראקטיק. אזא איז דאָך די טעווע פון דער באגאבטקײַט, וואָס רײַסט זיך פון פרי אָן צום באוווסטזײַן און קאָן ניט זײַן גלײַכגילטיק צום „אינוויייניקסטן" אָפקלײַב פון דער לעבנס־דערפארונג, קאָן ניט האָבן קיין שטעלונג, אין אינסטינקט לעפאָכעס, צו דעם אלעם, וואָס פילט זי אָן און בארײַכערט, צו דעם אלעם, וואָס פענעק וועט מוזן

וועגן דעם דערציילן, ווײַל ער מוז זיך אַרײַנמישן, ער טאָר עס ניט פאַרשווײַגן...

פאַראַן דאָ אין „באַם דניעפּער" איינע אַ באַשרײַבונג, ווי פּענעק לויפט מיט אַ גוטער בסורע צו נאָכמען דעם פאַרבער. פּענעק שטייט צוליב דעם אויף פאַרטאָג, און בערגעלסאָן גיט זיך אַ מעגלעכקײט באַוויזן, ווי אין פּענעקן וואַכט אויף דער שרײַבער נאַטור־שילדערער:

„גיי... האָב קויעב צו באַקומען פרישע, שפּאָגל־נײַע אויגן, דערזען דאָס, וואָס דו האָסט נאָך ביז הײַנט קיינמאָל אין לעבן ניט געזען — איבערן וועלדל גייט אויף די זון. דער רוקן הויקערט זיך אַזש און ציטערט, די ווּיעס טוען אַ פּאָר מאָל אַ פינטל, גלייבן ניט:

— דאָס איז זי?!.. ניין, וואַרט...

די מײַסע הייבט זיך אָן פון פריער:

אַ בלאַס פײַער האָט די נאַכט פאַרגעסן אין עקסטן עק וועלדל — אַ לעוואָנעדיק טײַכל אפן הימל — און פונעם טײַכל, פײַערדיק־רויט, גרויס און פריש־אויסגעוואַשן, איז אַפּ האַלב אַרויסגעשווומען די זון — זי, די וועלט־קימפּעטאָרן, וואָס האָט זיך אַליין געבאָרן — זי שטראַלט און שײַנט מיט רויטן לעבעדיקן גליק, זי, וואָס אַלע ריידן וועגן איר:

— די זון גייט אויף.

— די זון פאַרגייט".

און ווײַטער:

„זעסט? זי, וואָס קאָמאַנדעוועט מיט דער גאַנצער וועלט, ווי די אַראָפּגעקומענע שיינדל די גרויסע — מיט די קיך־מענטשן: זי הייסט, לייגט מען זיך שלאָפן, זי הייסט, שטייט מען אויף. נאָר שיינדל די גרויסע האָבן אַלע אין קיך פײַנט — איבערהויפּט פּענעק; ער קאָן ניט פאַרטראָגן קיינעם, ווער עס וויל מיט אים קאָמאַנדעווען — און די זון, אַדעראַבע... זאָל זי מיט אים קאָמאַנדעווען, וויפל זי וויל, הייסן שפּרינגען אפן דאַך, וועט ער עס טאָן מיט גרויס פאַרגעניגן, מיט גליק... איין רעגעלע..."

און אַזוי קעסיידער — אַ היפּש געמעל, וווּ ס'איז דאָ אי קינד אי טאַלאַנט, און ס'איז ניט שווער צו באַמערקן, אַז די דאָזיקע נאַטור־צייכענונג, וואָס איז אַזוי באַגלייבט און איבערצײַגעוודיק, האָט שוין אַ שײַכעס צו פּענעקס סאָציאַלן לעבנס־געפיל, זי האָט אַ שײַכעס צו דער נײַער שטאַרק אָפּטימיסטישער וועלט־שפּירונג, וואָס פּענעק האָט שוין פאַרפלאַנצט אין זײַן קינדישער נעשאָמע, — אַ סימען, אַז מיט זײַן גאַנצן געפילן־גאַנג לעבט ער שוין אין דער אַטמאָספער פון די צום לעבן אויפגעוואַכטע, צו זיך קומענדיקע הינטערגעסלעך...

און אָט לערנט שוין אפילו בערגעלסאָן זײַן פענעקן — בעעצעם ווייסט מען ניט, ווער וועמען עס לערנט — קוקן אַף דער נאַטור מיט די אויגן פון די מענטשן, וועגן וועלכע ער טראַכט און מיט וועלכע ער איז באַשעפטיקט. טאַקע דאָ, ווען ער טראָגט נאָכמען דעם פאַר־בער די גוטע בסורע, טראַכט ער, פענעק:

„טאָ זאָל ער זיך פאַרגינען א קוק געבן, וויאַזוי זעט אויס דער פריי־מאָרגן אין די אויגן פון אזא מענטשן. פענעק אַליין קוקט זיך ארום און נאָכמענען און געפינט, אז איינעם מיט נאָכמענס פאַרנאָסע זעט פאַר נאָכמענען איצט די וועלט אויס שיין, א מעכײַע — א יאָמטעוו, ניט קיין וועלט! נאָר א שאָד, וואָס די זון וויל ניט שײַנען נאָך א ביסל שטאַרקער; אין פאַרגלײַך מיט נאָכמענס יאָמטעוו — אזוי דאַכט זיך פענעקן — שײַנט זי אזוי זיך... מיטלמעסיק... ניט גענוג העל, ווי אונטער א הײַטל. פענעק קוקט אַף איר אָן אופהער, אַף אָט דער קאַמצאָנישער זון, און טראַכט דערבײַ:

— אַך, ווען מע לאָזט מיך צו איר צו...”

אזא שטעל איז וויכטיק מיט דעם, וואָס, אויסער אַלעמען, וואַרפט זי א געוויסע שײַן אַף דער לאַבאָראַטאָריע, ווו עס אַרבעט זיך אויס בערגעלסאָנס בילדער־סיסטעם, וואָס איז דורכגיק פאַרבונדן מיט מענטש, מאַמעש פאַרוואַקסן מיט די געפילן און איבערלעבונגען פון נעם טיפ, וועלכן ער באַשרײַבט. וועגן דעם איז דאָך גערעדט געוואָרן אין דער באַהאַנדלונג פון די פריִעריקע ווערק בערגעלסאָנס אין שײַ־כעס מיט דעם הומאַניסטישן שטראָם אין בערגעלסאָנס שאַפונג. אָבער דאָ גופא דאַרף דאָך קלאָר ווערן, אז בערגעלסאָן ניצט אויס מיט רעכט זײַן קינדס קינסטלערישע אייגנשאַפטן אַף צו פאַרבינדן פענעקס גע־פיל צו נאַטור מיט די פּראָצעסן פון זײַן אידעאָלאָגישער איבערגע־בורט, ניט מוירע האָבנדיק פאַרן גערדאַנק פון לעבנס־ענדערונג, וואָס טוט שוין דאָ א גיי באַם קינד אין די דאָזיקע שורעס. וואָרעם דאָ באַלד טאַקע נאָך דער רעפּליק וועגן דער זון קומט אופ באַ פענעקן דער אויבנ־דערמאָנטער רײַען: „ווען מע לאָזט מיך צו צו דער וועלט...”

דערצו האָט בערגעלסאָן איינעם א וועג אַף צו באַוואָרענען די וואָרהאַפטיקײַט פון פענעקס „געדאַנקען־גאַנג”, דעמלט, ווען ס'קאָן זיך דאַכטן, אז די קינסטלערישע אינערצ, וואָס בערגעלסאָן האָט אין אים אַרײַנגעגעבן, פאַרפירט אים צו ווײַט אין געביט פון שאַרפע כאַציִאַלע אויספירן. דעמלט טוט זיך בערגעלסאָן אָפּט א זאָג מיט א באַוואָרעניש: „אזוי וועט זיך דאַכטן פענעקן אין זײַנע שפּעטערע יאָרן”. און אָט איז איינע פון די דאָזיקע שטעלן:

„פֿון פֿאַראַיאָרן און פֿאַרצוואָריאָרן געדענקט פֿענעק, ווי עס פֿאַלן שנייעלעך:

— מיט שטיפֿערײַ.

— מיט באַרימערײַ.

גאָר אַנדערש פּלאַטערן שנייעלעך דאָ אין די הינטערגעסלעך, ווו פֿון טיפּוס פֿאַלן מענטשן, ווי שטרוי; זיי זאָגן אָן אַלדאָס בייז צו יענע, וואָס זיצן בײַ זיך אין די פֿײַנע הײַזער אין דער וואַרעם — אַזוי וועט זיך דאַכטן פֿענעקן אין זײַנע שפּעטערדיקע יאָרן:

— עס פֿירט זיך אַ כעזשבן.

אַזוי האָט מען געקאָנט פֿילן אין די פֿאַלנדיקע שנייעלעך:

— ס׳עט ניט זײַן געשענקט...

— ס׳עט ניט זײַן געשענקט...״

בערגעלסאָן פֿירט אויך מיט זײַן פֿענעקן אַ כעזשבן. און אַ צווייענדיקן כעזשבן. אי ער שילדערט דאָס קינד אין זײַן קאָנקרעטער אומגעבונג פֿון יענער צײַט, אי ער שילדערט דעם קינסטלער, וואָס זײַן וווקס באַהאַנדלט ער אָפּטמאָל פֿון שטאַנדפּונקט פֿון זײַנע שפּעטערדיקע רײַפֿ געוואָרענע אויסגעקלאָרטע אָנשויונגען און לעבנס־אָפּשאַצונגען. און דאָ קומט אויס בערגעלסאָנען דעם שרײַבער בעקיוון פֿאַרלויפֿן דעם וועג און אַ קער טאָן אָפּט פֿענעקס וועלט מיטן פּאָנעם צו דעם, וואָס עס וועט פֿאַר אים קלאָר ווערן מיט יאָרן שפּעטער, נאָך דעם, ווי דאָס לעבן וועט אַדורכקאָנטראָלירן זײַנע קינדישע אָנונגען און שפּירונגען.

אָט האָבן מיר דאָך דאָ בײַ פֿענעקן אַ מאַכשאָווע: „ס׳עט ניט זײַן געשענקט...״ — אַן אָפּטער רעפֿרען פֿענעקס, אַ ווײַט־גייענדיקער געדאַנק, וואָס רופֿט זיך באַשײַמפּערלעך איבער מיט בערגעלסאָנס אייגענער פּראָבלעם אין זײַנע ביזאַהעריקע שאַפֿונגען. דאָס איז דאָך די פֿראַגע וועגן די, וואָס דאַרפֿן קומען באַשטראָפֿן, ברענגען דער עטישפֿאַרדאָרבענער אייגנטימערישער וועלט איר „מידאַס־האַדינ״. בײַ אָט דער פּערספּעקטיוופֿולער שײַן, וואָס איז דאָ אין „באַם דניעפּער״ מער, איידער עס זעט זיך אָן אָפּן אויבנוף, דאַרף באַהאַנדלט ווערן פֿענעקס אַלץ וויסן, אַלץ פֿאַרשטיין און אין אַלץ אַרײַנמישן זיך. פֿענעקס געדאַנק און טאַט זײַנען אין פֿלוג איבער די קינדישע קויכעס, דאָס דאַכט זיך אָבער נאָר — פֿאַר די, וואָס זעען ניט אײַן די צווייענדיקע טעמע אינעם ראָמאַן, ווו בערגעלסאָן איז אויסן אויפֿשטעלן דעם קינסטלערס קינדהײַט, פּונקט ווי אויפֿשטעלן די געשילדערטע צײַט און סוויווע פֿון פֿענעקן דעם קינד.

פענעקנ דעמ קינד, אשטייגער, קומט אָנ גאָר ניט אזוי גרינג בא בערגעלסאָנענ געווינענ דעמ צוטרוי פונ די הינטערגעסלעכ, וואָס געדענקענ שטענדיק זײַנ נעגידישנ אָפּשטאמ, גיבנ אימ דאָס צו פילנ אונ פארשאפנ אימ היפּש אגמעס-נעפעש דערמיט. פענעקס יונגע כאווירימ פונ די הינטערגעסלעכ שעמענ זיכ דאָכ באַווײַזנ זיכ מיט אימ אינ גאס, מע זאָל ניט זאָגנ, אז זיי כאנפענענ דעמ גווירס ייִנגל, מע רופט אימ: „פארדאָסט נאָגידל”. אונ באָרעכ נאכמענ דעמ פארבערס ייִנגל פלעגט אימ אופוואַרפנ: „גווירימ עסנ מענטשנ-מארכ, זיי קויפנ עס אינ אַפּטייק, אינ אזעלכע פארפּעטשאטעוועטע סלאָיִקלעכ”. אונ וואָס איז ווערט ראכמיִעל דעמ שוסטערס איראָנישע ווענדונג:

„ — א ראָסלפלייש פונדערסטוועגנ עסטו דאָרט? א? כאפּסט אַרײַנ, גוטערברודער... אלע טאָג... א?..”

אונ בוני די קעכנ, וואָס איז אזוי באַפרײַנדעט מיט פענעקנ, טוט דאָכ איינמאָל וועגנ אימ א זאָג: „סע וועט אויסוואקסנ, וועט עס זײַנ פונקט אזא ווערעמדיקס, ווי אלע אינ „הויז”. אונ בערגעלסאָנ לאָזט דערבײַ פענעקנ טראכטנ, אז בוני האָט עס געזאָגט מיט אזא זיכערקײַט, הייסט עס: סע קאָנ אנדערש ניט זײַנ, פארפאלנ. „נאָר פארוואָס איז עס פארפאלנ? פארוואָס וועט אזוי מוזנ זײַנ?” אונ פענעק באשליסט: „ס'איז געווענ א זאכ, וואָס דארפ קומענ שפּעטער. ס'האָט זיכ שרעקלעכ געוואָלט אינ אָט דעמ „שפּעטער” ארײַנקוקנ, דערזענ, וואָס דאָרט וועט פאָרקומענ”.

אָט וויִאזוי דער שרײַבער געפינט פאר נייטיק אָפּצוהיטנ פענעקנ פונ זײַנ קלוימערשט פאטאלנ שפּעטערדיקנ אײַנרײַס מיט זײַנ אָפּשטאמונג, אונ די דאָזיקע באוואָרעניש גייט ווידעראמאָל בא בערגעלסאָנענ לויט דער ליניע פונ פענעקס קינסטלערישנ ארט דענקענ. אונ ווידעראמאָל: אז פענעק דערציילט, וויִאזוי יעשיִע פריידעס איז געגאנגענ צומ שטארבנדיקנ פאָטער, גיט בערגעלסאָנ צו: „אונ עפּשער האָט זיכ דאָס אלצ בלויז געדאכט פענעקנ שפּעטער מיט יאָרנ, ווענ ער האָט זיכ דערמאָנט”. דער קנויל, וואָס פארפלעכט בא בערגעלסאָנענ פענעקס הײַנט אונ מאָרגנ, איז, אפ אזא אויפנ, א גענויִ קאָמפּליצירטער, די פעדעמער פונ די ביידע רײַסנ זיכ ארײַנ איינער אינ די אנדערע, אונ די קינסטלערישע פּראָבלעמענ-שליימעס פונעמ ראָמאַנ פאָדערט נישט אָפּצוטיילנ איינעמ פונעמ אנדערנ.

פענעק טראכט וועגנ זײַנ טאטנ: „ארומ דרײַסיק מישפּאָכעס דינענ בא אימ, הענגענ אָפּ פונ אימ מיט איטלעכנ ביסנ, נאָר מאכנ פונדעסטוועגנ א פּאָנעמ, אקוראט ווי ער איז זייער איינציקער שפּײַזער...

און נאכמענ דער פארבער, וואָס שטארבט פאר הונגער — פארוואָס האלט ער דעמ פּאָטער בענעגייע צו זיך פאר א גוטנ?... און צירל — אנ אייגענע טאָכטער, וואָס קומט אלע וואָך נעמענ בא אימ „קיצ־ווע", — פארוואָס האלט זי פונדעסטוועגנ, אז ער איז א „גרויסער" טאטע, א בארימטער? און געשיקט זיך, אז אנדערש האָט גאָר ניט גע־קאָנט זײַנ?.. צי עפּשער קאָנ זײַנ אנדערש?.."

בערגעלסאָנס ערשטער טייל פונ ראָמאנ „באמ דניעפּער" איז א בוך, וואָס טרעט אויס א וועג צו דער פּראָבלעמ פונעמ דאָזיקנ „אנ־דערש". דעמ וועג האָט בערגעלסאָנ באטראָכטנ צוזאמענ מיט זײַנ פּע־נעקנ, מיטנ טאלאנטפולנ קינד, דעמ קומענדיקנ שרײַבער. דאָס איז דאָס, וואָס מאכט דעמ בוך פאר א בוך פונ קאָנקרעטע געשיכטמעסיקע לעבנס־פאקטנ, באהויכט מיט א דערקענטעניש־פולנ פּאָעטישנ קינסט־לערישנ אָטעמ. דאָס איז דאָס, וואָס באדינגט דעמ אינהאלט און די פאָרמ פונעמ דאָזיקנ ווערק.

5

בערגעלסאָנס „באמ דניעפּער" איז א לעבנס־כראָניק. דאָס איז די פאָרמ, דער קאָמפּאָזיציאָנעלער כאראקטער פונעמ בוך. אינ זײַנע אלע ביזאהעריקע ווערק האָט זיך בערגעלסאָנ ארויסבאוויזנ פאר א גרויסנ מײַסטער צו שילדערנ עפּיזאָדנ, ארײַנפלעכטנ זיי אינעמ געוועב פונ דער האנדלונג. דערבײַ איז ער א קינסטלער פונ דער פּאָרטרעטנ־צייכענונג און א מײַסטער פונ דער שטייגערישער דעטאל, אדאנק זײַנ גרויסנ קינסטלערישנ זיקאָרנ. די דאָזיקע אייגנשאפטנ קומענ צוניצ דעמ שרײַבער פונ א ראָמאנ א כראָניק, ווו דער צוזאמענבאהעפט פונ די אלע איז נייטיק פאר דער אָנפּילונג און אנטוויקלונג פונ דער האנדלונג.

און וואָס איז אינ דעמ געביט בערגעלסאָנס „באמ דניעפּער", אויב ניט קיינ שעפע, אנ אומגעהייערע רײַכקײַט פונ עפּיזאָדנ, פּאָרטרעטנ, לעבנס־דעטאלנ, וואָס גייענ לויט דער ריי, אָרגאניזירט ארומ דער לעבנס־געשיכטע פונ די הויפּט־העלדנ, די טרעגער פונ דער הויפּט־אידיי פונעמ ווערק. און אָרגאניזירט באטײַט — אויסגעבויט ארכי־טעקטאָניש, דאָס הייסט צילגעוועגדטע, צוועקמעסיקע אנטוויקלונג פונ די אלע געשילדערטע באזונדערע פּאסירונגענ, וואָס פּאסנ זיך דאָך ארײַנ איינע אינ איינע לויט דער פּראָבלעמענ־ליניע, פארקערפּערט אינעמ לעבנס־גורל פונ די הויפּט־פּערסאָנאזשנ.

האָט דאָך בערגעלסאָנ גלײַך פונ אָנהייב, אינ די ערשטע זײַטלעך פונ דער פאמיליענ־באשרײַבונג פארקניפּט די האנדלונג ארומ דעמ

קראנק געוואָרענעם מיכאָעל לעווינען. און דער קנופּ ווערט צום סאָפּ פונעם ווערק אופגעלייזט מיט זײַן טויט, אופלייזנדיק מיט דעם אויך דעם געשילדערטן לעבנס־אָפּשניט פון פענעקן, וואָס דער שרײַבער פאַרענדיקט מיט זײַן פּאַטערס אוועקגיין פון דער וועלט. דאָס אַליין איז אַ געוויס סוזשעט־מיטל, דאָס איז בערגעלסאָנס פאַרשטאַנד פאַר דער פלאַנמעסיקער קאָנצענטרירטער קאָמפּאָזיציע, וואָס פאַרייניקט די פאַרשיידענע אין דער האַנדלונג אַרײַנגעבראַכטע געשעענישן און מענטשן. די אַלע געהערן בײַ בערגעלסאָנען צו דער אויסבילדונג, דער־ריקער, פון דער פענעק־געשטאַלט, האָבנדיק דערבײַ אָפּטמאָל זייער אייגענעם לעבנס־אינהאַלט און לעבנס־גורל.

דערנאָך קומט די נייטיקע קאָנפליקטן־ליניע, וואָס איז טאַקע דאָ אין בערגעלסאָנס כראָניק־ראָמאַן, און וואָס פאַרכאַפּט דעם גאָר ברייטן פּלאַצדאַרם — די צוויי באַזונדערע וועלטן: דאָס „הויז" און די הינטערגעסלעך. דאָס אָנטייל נעמען דירעקט אָדער אומדי־רעקט אינעם דאָזיקן קאָנפליקט באַשטימט דעם אַלגעמיינעם כאַראַק־טער פון יעדער פּערסאָנאַזש און זײַן געוויסע פונקציע אין דער האַנד־לונג, ניט געקוקט אַפּ דעם, וואָס די דאָזיקע האַנדלונג קומט באַוויזן וואָס מער מענטשן און בילדער פון לעבן, ביכדיי צו באַרעכטיקן דעם גרויסן געשיכטלעכן שטייגער־שילדערישן כאַראַקטער פונעם ווערק.

און קוקט מען זיך נעענטער צו צו דעם אויפן, ווי ס'קומען אויף די באַזונדערע עפּיזאָדן אינעם ראָמאַן, דערזעט מען: איין עפּיזאָד, דאַכט זיך, גיט איבער דעם טיפּאַזש און האַנדלונג אַ צווייטן. ס'באַקומט זיך אַ דורכויסיקע געקייטלטע באַוועגונג פונעם מענטשן, קימאַט אינטרי־געהאַפטיק, שפּאַנענוודיק אַפילע, ביפראַט, אַז יעדער הויפּט־עפּיזאָד האָט זײַן דראַמאַטישן קערן. אַזאַ איז די שיינע געשיכטע מיט נאַכמענען, זײַן מוסטערהאַפטער ווייפולער געשפּרעך מיט שיינדל דער גרויסער. אַזאַ איז די געשיכטע מיט שלוימע־דאָוויד דעם מעלאַמעד און זײַן אין טאָג דראַמאַטיש געשלעג מיט פענעקן; די געשיכטע מיטן ערעוו יאָמ־קיפּערדיקן פויער; דאָס בילד פון דער ראָשעשאָנעדיקער שול; דער אויבן דערמאָנטער שאַבעסצונאַכטס אין ווײַסן הויז; די געשיכטע מיטן שטרײַק בײַ יִסראָעל דעם שנײַדער און מיט פענעקס גאַרניטער, אַ טעמע, וואָס דינט אַזוי אייגנאַרטיק, און בערגעלסאָן פלעכט זי אַרײַן אין דעם געוועב פון דער האַנדלונג; הײַנט בוני דער קעכנס ליבע, שאָוולס וויזיט אין ווײַסן „הויז"; פענעקס באַזוך אין גוראַלניע; מי־כאָעל לעווינס קרענק, טויט און לעווײַע. און די אַלע מייסטנס עפּישע גרויסע לײַוונטן ווערן צווישן זיך פאַרפלאָכטן דורך קלענערע זשאַנר־

עפּיזאָדן, יעדערער פון זיי סוזשעטיש פאַרשאַרפט, כאַראַקטערפול — סאַטירישע און הומאָריסטישע, דראַמאַטישע און לירישע — א גרויסער קאַליידאָסקאָפּישער לעבנס־שטעכ, פאַרפולט מיט מענטשן, מענטשן פון פאַרשיידענעם גראַד און עלטער, אויסגעשאָטן פון דער ברייטער וואַטראַנישער האַנט און דאָך קורץ און לאַקאָניש, סקולפּטוריש געטאַקט, געמאָלט מיט א מײַסטעריש אויסגעאַרבעט פּענדזל.

ס'איז שווער פרוּער, אין דער אָפּהאַנדלונג פון „מידאַס־האַדינג", געזאָגט געוואָרן וועגן דעם אופקום פון דער אייגנאַרטיק־לאַקאָנישער „געהאַקטער" שורע אין בערגעלסאָנס פּראָזע־נוסעכ. דאָ אין „באַם דניעפּער" ווערט זי ערטערווײַז די סטיל־דאָמינאַנטע, וואָס צייכנט אפילע דעם אַלגעמיינעם גראַפישן אויסזען פון דער שורע. און דאָך האַנדלט זיך דאָ אויך ניט וועגן א נײַעם, א קורצן אָטעם אין בערגעלסאָנס שילדערונגס־סטיל. עס האַנדלט זיך ניט וועגן דעם פאַרקוועטשטן, ניט אַרויסגעזאָגטן געדאַנק, ווי בא די שרײַבער פון דער עקספּרעסיאָניסטישער שול, וואָס די דאָזיקע „געהאַקטע" שורע האָט זיי געגעבן א מעגלעכקײַט ניט אַרויסגיין אין דער ברייט פון די געשילדערטע געזעלשאַפטלעכע געשעענישן, יוצע זײַן מיט א לאַפּידאַרן שטריכ, מייסטנס מיט אין טאָכ א פאַראַדאָקסישער „נישט דאָס בין איכ אויסן"־באַצייכענונג, ניט פאַרמאָגנדיק קיין באַזינונג פאַר דער גרויסער פּאַנאָראַם פון די געשיכטלעכ־געקייטלטע געשעענישן און לעבנס־דערשײַנונגען.

„באַם דניעפּער" גופע איבערצײַגט, אז בערגעלסאָנס לאַקאָנישע שורע נעמט ניט אַראָפּ דעם גרויסן אָטעם פון זײַן שטייגער־שילדערונג, פון זײַן סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן און אידייִישן פּאַרמעסט. אין „באַם דניעפּער" הערשט דאָך די גרויסע, ראַכוועסדיקע שטייגער־שילדערישע סטיכיע, וואָס האָט זיך שטענדיק געריסן פון אונטער בערגעלסאָנס פּען און איז אָפּטמאָל אָבער געוואָרן פאַרקלעמט אין די גרענעצן פון דער געצייכנטער „פּסיכאָלאָגישער" פּערזענלעכקײַט, אָן איזאָלירטע פונעם גרעסערן, ברייטערן סאָציאַלן אַרום. און צי קאָן מען ניט זאָגן דעריבער, אז בערגעלסאָנס איצטיקע לאַקאָנישע שורע באַטײַט פאַר אים, אַדראַבע, סאָציאַלע אַקצענטירונג און פאַרפּינקטלעכונג פון די אַרויסגעבראַכטע לעבנס־דערשײַנונגען און לעבנס־כאַראַקטערן? ס'דאַכט, אז די דאָזיקע סטיל־דערשײַנונג איז בערגעלסאָנס טראַמפּלין צו דער אויסבילדונג פון זײַן אייגענעם צוגאַנג צום קאָנקרעטיזירנדיקן סטיל פונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם, א שעפערישער עטאַפּ, א פּאָזיציע אפילע פון א שרײַבער, וואָס געפינט זיך אַפן וועג

צו דער אלזײַטיקער קינסטלערישער באהאנדלונג פונעמ סאָציאַליסטישנ מענטש אונ זײַנ פּראָבלעמענפולנ לעבנס־שטייגער.

דערצו דארפ מענ נעמענ אינ אכט, אז אינ צענטער פונעמ ווערק האָט בערגעלסאָנ אוועקגעשטעלט א קינד. מיט זײַנע אויגנ קוקט מייסטנס דער שרײַבער אפ דער ארומיקער וועלט. ער שילדערט זי מיט פענעקס פענדזל, לאָזט זי דורכ דורכ פענעקס פורעמ, דורכ זײַנע זיכ פאַרמירנדיקע כושימ אונ לעבנס־באנעמ. אונ אָט איז צו גלייבנ, אז די סטיל־לאקאָניזמענ, דער טעלעגראפישער נוסעכ, געפינט זײַנ געוויסנ אָפּהילכ אינעמ קינדס פלינקע אופאסונגס־איבערגענג, וואָס קלעטערנ פונ איינ אסאָציאַציע צו דער צווייטער.

„דער שטאָטישער שאבעסצונאכטס לויט פענעקס געפיל — א וואזשנער קאפּצנ, נאָר אינ א סאמעטענעמ היטל. דער דאשעק באמ היטל — א ביסל אָפּגעריבנ". דאָ איז דעמ שרײַבערס לאקאָנישקײַט ארײַנגעפּאסט אינ פענעקס קאָנקרעטער בילדערישער אופאסונגס־סיס־טעמ. אונ נאָכ פונ דעמ מינ — א געשפּרעכ צווישנ פענעקס צוויי על־טערע שוועסטער וועגנ מיכאָעל לעווינענ אינ פענעקס באנעמונג:

„לייע — צו צירלענ:

— א ליבטיק פּאָנעמ...

צירל — צו לייענ:

— ווי סע וואָלט אופגעגאנגענ די זונ...

פענעק האָט ניט פארשטאנענ: צו וואָס טויג עס זיי?

אינ „הויז" — ווידעראמאָל א טאטע, ווי געוועננ: א וואָכעדיקע טונקל־גרויע באָרד.

פענעק — אינמיטנ גערודער.

אימ האָט זיכ געדאכט:

— דעמ טאטנס באָרד איז יונגער געוואָרנ".

דאָס זײַנענ ניט די אויסגעשפּראָכנסטע פונ די פילע מוסטערנ פונ דעמ ארט. עמעס, זאָגנ דארפ מענ: דעמ קינדס לעבנס־שפּירונג באדינגט ניט אויסשליסלעכ אזא ארט שילדערונג פונ זײַנע אופנאמס־פּראָצעסנ. אָבער בערגעלסאָנ האָט אלנפאלס זייער גוט ארײַנגעפּאסט אהער די דאָזיקע סטיל־אייגנשאפטנ אפ איבערצוגעבנ די קינדישע פלינקע ביל־דערישע אונ אָנשווילעכע אופאסונג־סיסטעמ. אונ אָט וועגנ דער דאָזי־קער קינדישער בילדערישקײַט אונ אָנשווילעכקײַט דארפ איצט גיינ א רייד, בעשאס מע באהאנדלט די אייגנטימלעכע סטיל־קאָמפּאָנענטנ פונ „באמ דניעפּער" פונ ערשטנ באנד, וואָס איז אינ דעמ געביט גע־שטעמפּלט מיטנ כאראקטער פונ פענעקס לעבנס־פּראקטיק.

בא פענקן, דערציילט בערגעלסאָן, איז „א פּאָנעם פול מיט אויגן". דאָס אויג, און דאָס שאַרפ־אָנשוילעכע, באַשטימט נאָכאַנאַנד די טע־ווע פון פענעקס בילדער־סיסטעם.

וועגן ראַכמיִעל דעם שוסטער טראַכט פענעק: „ראַכמיִעל: א קײַלעכיק פּאָנעם — א לעוואָנע מיט א באָרד". די שילדערונג פון די דאָקטוירים, וואָס היילן פענעקס פּאָטער: „דאָקטער באַגאָמאָל־סקי — זייער א גראָבער, א גווידערדיקער, מיט א הילכיק שווערן אָטעם פון א בלאָזזאַק, מיט קליינע אייגעלעך, וואָס זאָגן וויצן אפילע, ווען זײַן מויל שווײַגט. גרוי איז ער ניט אזוי פון יאָרן, ווי פון פעטקײַט און פון מאַזל".

„דאָקטער ברוך — א וווּקסיקער מיט א רויטן קוטשעראַווען קאָפּ, מיט קלײַנע אפּן פּאָנעם, אפּ די הענט, אפּ די ליפּן און אפילע, אזוי דאַכט זיך, אפּ דער צונג און אין די אויגן".

יעשיִע פריידעס:

„א געעלטערט רעספּאָנדיק מענטשל, באַוואַקסן מיט ווײַס־גרויע צאָרעס". שלוימע־דאַוויד דער מעלאַמעד: „א פּאָפּעליאַטע שיטער־באַוואַקסן און שטעכיק פּענעמל — ווי אומיסטן, מע זאָל עס, כאָלילע, ניט פאַרבײַטן מיט מילי־מיליאָסן אַנדערע פּענעמער". כאַיִם־יויעל הייסמאַן דער מאַסקל און אַפּיקוירעס: „א ביינערדיק־האַרטער, טראָגט א לאַנגע ווײַסע באָרד, לאַכלוטן אָן פּייעס, ווי אפּ צולאָכעס... אויסגעצויגן אין זײַן גאַנצער וווקס און פּאַמעלעך־געהיט, ווי א גלעזערנער... און זײַן גאַנצע ציכטיקײַט, אזוי דאַכט זיך, נעמט זיך פון זײַנע שווערלעכע גלאַנציק־אָפּגעפּוצטע שיך".

די דאָזיקע פאַרגערנקלעכע פּאָרטרעטן־צייכענונגען זײַנען געבויט אין העסקעם מיטן קינדס אופאַסונג, וואָס איז טאָמיד קאָנקרעט־אָנשוילעך און סינקרעטיש־בילדעריש און פירט אַסאָציאַטיוו אריבער די אייגנשאַפטן פון איין כייפעץ אפן צווייטן און אויך פונעם רעזולטאַט אַפּ דער סיבע, ווי דאָ אין דער צייכענונג פון שלוימע־דאַווידס פּאָנעם און הייסמאַנס שיך. בא מיכאָעל לעווינען איז „א יאָמטעוודיק פּאָנעם און א וואָכעדיקע באָרד", בא יאַנקלען „א פריילעך בערדל", בא אַרן יאַנקעלעס „א דאַוונענדיק בערדל, ווי די געשטאָרבענע אָוועס־בערד אין דער מעאָראַס־האַמאַכפּיילאָ". „צוערשט, — דערציילט בערגעלסאָן, — דערזעט פענעק בלויז, ווי דאָס בערדל פאַרהייבט זיך, דווייקעט זיך צום הימל — א הייליק בערדל, פאַרקרימט פון סינע צו אַלערליי אוילעם־האַזועס. דערנאָך דערזעט פענעק, אז דאָס בערדל האָט א פּאָנעם". וועגן שמועל דעם אַרבעטערס שיינ ווײַבל, וואָס שלעפּט

א שליטל מיט האָלצ, טראַכט פּענעק: „ס'האָט זיכ געדראַכט: ניט מיט די הענט שלעפּט דאָס ווײַבל דאָס שווערע שליטעלע, נאָר — מיט אירע זעלטענע שווארצע אויגנ".

אינעם זעלבנ שניט מאָלט בערגעלסאָנ די נאַטור, דעמ כײפּעצ אינ פּענעקס אופאַסונג: „פּענעקס פּאָנעמ — פאַרשלאָפנ, נאָכ ניט געוואַשנ. דער הויפ — ווי פּענעקס פּאָנעמ". אונ אינ העסקעמ מיט פּענעקס פאַרשלאָפנקײַט גיט דער שרײַבער דאָס גאַנצע בילד פונעמ הויפישנ ארומ אונ ארומ. אונ נאָכ פונ דעמ ארט: „מיט די זוניקע טעג קענ מענ זיכ אלע פרימאָרגנ באַנײַס אויספּוצנ — אלע פרימאָרגנ, ווי מיט א נײַ קלייד. פּענעק פילט עס מאַמעש: ער נעמט אפּ זיכ ארופּ אזא מינ געראָטענעמ טאָג, ווי מע נעמט אפּ זיכ ארופּ א גאָר־גאָר פײַנעמ מאַנטל, אונ לאָזט זיכ מיט אימ אוועק איבער דער שטאָט". אונ ווײַ־טער: „די זונ, ווי א באַלמעלאָכע אפּ צו פאַרענדיקנ צו דער צײַט דאָס שטיקל ארבעט, וואָס הייסט „זומער", האָט זי זיכ גענומענ „היל־פערנס". אונ אָט שרײַבט בערגעלסאָנ: „א קופּערנער הימל האָט פונ נאָכ יאָמטעוו אָנ געבראַכנ דורכ אלע רינוועס, געשלוקערצט מיט רעגנס, ווי אינ נויעכס צײַטנ — רעציכעדיק־פרומע רעגנס, אייניקלעכ פונ מאַבל". „אינ מארק האָבנ זיכ גענעצט א פּאָר פרעמדע פויערשע פורנ. די פערד, מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ אונטערנ רעגנ — ווי עס וואָלט זיי מלויעג אונטערנ הארצנ".

פּענעק שטעלט זיכ פּאָר, אשטייגער, די הארבסט־טעג בא דער אָרעמשאַפט: „הינטערגעסלעכ לייגנ זיכ פרי שלאָפנ, ווי אומיסטנ — עטלעכע שאָ וויניקער צו לעבנ". אזוי קומט אופּ בא פּענעקנ די סאָ־ציאַלע געוועגדטקײַט אינ זײַנ קינדערטימלעכער בילדער־סיסטעמ. אז ער ווארפט אומ ראָשעשאָנע שטיינער אפנ ברודער, אפּ פּאָליעקנ, האָט ער שפּעטער דאָס געפיל:

„ — ווי די שטיינער וואָלט ער געווענ ווארפנ ניט בלויז אפּ פּאָ־ליעקנ, נאָר אפנ גאַנצנ ראָשעשאָנע... אויב אזוי, איז ער שוינ געווים א פּאַרפאַלענער אונ אפּ אייביק... א שפּילכל?.. זיכ אָנגעהויבנ מיטנ ראָשעשאָנע..." בערגעלסאָנ געפינט א מעגלעכקײַט דורכ אזא „פּענע־קישער" בילדערישער פּאָרמול אופצודעקנ א פײַנ, קאָמפּליצירט, נע־גידיש־אויסגעבאַהאַלטנ זעלבסטגעפיל: „אזוי באַציט מענ זיכ אינ „הויז" צומ ארומיקנ דאַלעס, — דערציילט בערגעלסאָנ, — ווי צו א קרענק, ווי צו אלערליי אונטערגענג אונ צו טיפוס. עס דאַכט זיכ: אפנ דאַלעס, אז מע דערזעט נאָענט, איז מענ גרייט צו שפּריצנ מיט קאָר־באָל".

און ס'איז קלאָר, אַז פּענעקס בילדער־סיסטעם דינט בערגעלסאָנען אין דער זעלבער צײַט אַפּ צו באַווײַזן די אופּוואַכונג פונעם קינסטלער אין פּענעקן, אַפּ צו פאַרבינדן זײַן בילדערישע לעבנס־אופּאַסונג, זײַן איצטיק דערקענטעניש־מיטל, מיט זײַן ווײַטערדיקן שרײַבער־וועג. אָט איז איינער פון די בײַשפּילן:

„פּענעק מיינט:

ווען א מײַסע לאָזט זיך אוועק שפּאַצירן, איז פּונקט אזוי טשיקאַווע איר נאָכצוקוקן, ווי ווען אַפּ א שפּאַציר לאָזט זיך אוועק א מענטש — וווּהין וועט זי צוערשט ארײַנקומען? ווער וועט איר צוערשט אָפּגעבן א שאָלעם־אַליכעם?" און אוואַדע שפּילט דאָ א ראָל, ווי אין דער גאַנצער בילדער־סיסטעם פּענעקס, די אַנימיזירונג, די באַלעבונג פון אַלץ מיט אַלעמען, די פאַרמענטשלעכונג פון דער נאַטור, דעריקער, וואָס דאָס איז ביכלאַל אַן אייגנשאַפט פון בערגעלסאָנס אומעטומיקער בילדער־סיסטעם און איז אין טאָך א הויפּט־אייגנשאַפט פון דער קינדישער קאָנקרעטער בילדערישער לעבנס־אופּאַסונג.

דער באַרימטער רוסישער נאַטור־פאָרשער טימיריאַזעוו האָט איינמאָל געשריבן: „אינעם געפיל צו דער נאַטור איז פאַראַנען אזא מין טונקעלע געדעכעניש וועגן דער אַלגעמיינער קינדהײַט פון דער מענטשהײַט, פּונקט ווי די געדעכעניש וועגן אייגענער קינדהײַט, וואָס ווערט מיט דער צײַט אַלץ טײַערער".

און צי איז אַפּ אזא אויפן ניט צו גלייבן, אַז בערגעלסאָנס נאַטור־פאַרמענטשלעכונג, וואָס גייט דורך אין אַלע זײַנע ווערק, האָט אויסער אַלעמען א שײַכעס אויך צו דער קינדהײַט־געדעכעניש, וועגן וועלכער ס'רעדט טימיריאַזעוו און וועלכע האָט געפונען איר איבערדיכטונג און פאַרפולקומונג אין בערגעלסאָנס אַלגעמיינער בילדער־סיסטעם. אַז בערגעלסאָן דער קינסטלער האָט שטאַרק פאַרשניטן אין זיקאָרן זײַן קינדהײַט און אַז אינעם דאָזיקן זיקאָרן פאַרנעמט א היפּש אָרט די קינדישע נאַטור־באַלעבונג, זאָגט איידעם דער פאַקט, וואָס ער האָט גענומען פאַר א טעמע די דאָזיקע קינדהײַט און אין אָט דער טעמע געלייגט אַכט אַפּ דער שילדערונג פונעם קינדס קינסטלערישן זעלבסטבאַוווּסטזײַן, ביפראַט אַפּ דער בילדערישער באַלעבונגס־סיסטעם באַם קינד.

דערצו דאַרפּ דאָ גיין אויך א רייד וועגן דער גרויסער ווירקונג פון דער ביבלישער געשטאַלט, פונעם ביבלישן אימאַזש אַפּן געבורט פון פּענעקס „דענקען דורכן בילד". אין דעם גייען ארײַן: „די רעציכעדיק־פרומע רעגנס — איינציקלעכ פונעם מאַבל"; „ווי א שטיקל אין

געזאַנג פונ געזאַנגען, וואָס ווערט אויס". אָדער: „שלוימע־דאָוויד —
א פּאָפּעליאַט פייער, געגליכנ צומ הייליקנ דאָרנ פונ כומעש — ברענט אונ ברענט אונ ווערט ניט פאַרברענט". וועגנ זיינ שוואָגער „דאָוויד האַמעלעכס אייניקל" טוט פּענעק א טראַכט: „ער זינדיקט מיסטאַמע אונטער מיט עפּעס א באַס־שעווע".

דערנאָכ קומענ די פילע פּסוקימ, וואָס פּענעק לערנט אינ כיידער באַ זיינע מעלאַמדימ, אַזוינע ווי: „והחר — אונ דער באַרג, בוער — ער ברענט, באש — אינ פייער". אַז פּענעק טראַכט וועגנ „דעמ גרעסטנ מייסטער פונ דער וועלט", טראַכט ער דאָס וועגנ „בעצאַלעלנ פונ כומעש". הייַנט ווי איז די שיינע „ליגנ־מייסעלע", וואָס גערשל דערציילט וועגנ דער מעאָראַס־האַמאַכפּיילאָ אונ די אָוועס, א געשיכטע, וואָס לייענט זיכ ווי א מוסטערהאַפטער פאָלקס־גראָטעסק. אַפּ טריט אונ שריט קומענ באַ פּענעקנ די דאָזיקע ביבל־רעמיניסצענצנ, די ביבל־אַסאָציאַציעס, וואָס האָבנ ניט געקענט ניט לייגנ זייער שטעמפּל נישט נאָר אַפּ פּענעקס געשטאַלטנ־וועלט, נאָר אויכ אַפּ דער אויסבילדונג פונ בערגעלסאָנס בילדער־סיסטעמ ביכלאַל.

וואָרעמ ס'דאַרפ דאָכ דאָ גערעדט ווערנ וועגנ דער שייַנ, וואָס פאַלט פונ פּענעקס קינדיש־בילדערישער לעבנס־אופאַסונג אַפּ דער אַלגעמיינער בילדער־סיסטעמ פונעמ שעפער פונ „נאָכ אַלעמענ" אונ „אָפּגאַנג". אַגעוו, קומט דאָ אָפּנ רייענ א פאַרגלייַכ מיט מענדעלעס באַלעבנדיקע מיטלענ פונ דער פּערזאָניפיצירטער נאַטור־שילדערונג, וואָס האָבנ אויכ געהאַט א שייַכעס צו דער ביבלישער בילדער־וועלט אונ עפּשער אויכ געשעפּט די יעניקע פונ די קינדער־יאָרנ. אינ דעמ פּראַט איז מענדעלעס ווירקונג אַפּ בערגעלסאָנענ א באַשיימפּערלעכע. מענדעלע האָט אָבער אינ זיינ בילד אַרייַנגעפירט אויכ די רעליגיעז־שטייגערישע פאַרב, אָפּטמאָל, עמעס, צוליב צילנ פונ פּאַראָדיע, בעשאַס בערגעלסאָנענ האָט די ביבלישע פאַרמענטשלעכונג פונ דער נאַטור געדינט ווי א מיטל, וואָס פירט צו בלויזנ וועלטלעכנ לעבנס־באַנעמ.

דאָ אינ „באַמ דניעפּער", באַ דער שילדערונג פונ פּענעקס קינסטלערישער לאַבאָראַטאָריע, האָט די דאָזיקע בילדער־סיסטעמ אַלנפאַלס געגעבנ דעמ שרייַבער די מעגלעכקייַט אופצושטעלנ די געשטאַלט פּאָרנעמ באַגאַבטנ קינד אינ פולער גרייס, ניט פאַרגעסנדיק דערבייַ דאָס קינדישע אינ אימ, וואָס באַשטייט דאָכ דעריקער אינ דעמ אויפנ, וויאַזוי ער באַנעמט זיינ וועלט אונ זיינ לעבנ. דערפאַר איז בערגעלסאָנס פּענעק פול מיט לעבנ אונ מיט וואָרהאַפט, ווייַל ער „שאַפט" אונ ווערט באַרייַכערט דורכנ קרייַז פונ זיינע אייגענע אונ אייגנטימלעכע

בילדערישע לעבנס־אסאָציאַציעס. און זיי האָבנ באַ אימ א היפּשנ פּאַרנעמ: שטוב און גאַס און כיידער, וועלטלעכער בוכ און טאַנאַכ, מענטשלעכע צווישנבאַציִונגענ און נאַטור — דאָס אלצ, וואָס עס גייט קיינמאָל ניט פאַרבײַ דעמ אויג און אויפמערק פונעמ קלוגנ נײַ־גערפולנ באַגאַבטנ קינד.

און אוואַדע פאַרבינדט דער שרײַבער ארומ זײַנ קינדישער גע־שטאַלט א גרויסנ קרײַז אינטערעסנ, אָפּשאַצונגענ און באַציִונגענ, וואָס ווערנ פאַראַלגעמיינערט און באַקומענ זייער דערקענטעניש־באַ־טײַט. אָט, אשטייגער, גייט אינעמ בוכ א רייד וועגנ פענעקס באַציִונג צו רעליגיע, צו פרומקײַט, וואָס איז זייער וויכטיק פאַר דער אויספאָר־רעמונג פונ פענעקס זעלבסטבאַוווסטזײַנ. האָט דאָכ דאָ בערגעלסאָנ גראָד דורכנ קינדס אויפמערק אוועקגעשטעלט די דאָזיקע פּראָבלעמ אפ איר ריכטיקנ סאָציאַלנ באַזיס. ס׳האַנדלט זיכ וועגנ דעמ געפיל פונ מוירע, פונ פאַכעד, וואָס איז איינער פונ די הויפּט־פאַקטאָרנ אינ דער ווירקונג פונ רעליגיע אפנ באַוווסטזײַנ פונ די גרויסע פאָלקס־מאַסנ. יאַנקל דער פורמאַנ זאָגט דאָ באַ בערגעלסאָנענ וועגנ די רײַכע לײַט, טאַקע צו פענעקנ זאָגט ער עס:

„זיי ליגנ באַמ אָרעמאַנ אפ דער פּלייצע, גאַנצע קאַפּאָטעס אונטער־שלאַק, צאָל זיי פאַר יעדער ביסנ, וואָס דו נעמסט ארײַנ אינ מויל. אפילע צו האַנאָע האָבנ פונ א נעקייווע, אפילע צו כאַסענע האָבנ מישנ זיי זיכ ארײַנ, טפו זאָלנ זיי ווערנ, זיי זײַנענ אומזיסט פרומ, מיינסטו? — ס׳איז זייער פאַרנאָסע. זיי וואַרפנ אפ דער שטאָט א פאַכעד, באַגראָבנ זאָלנ זיי ווערנ!“

און די געשיכטע מיטנ פאַכעד גייט שוינ ניט ארויס פונ פענעקס געדאַנק, בעשאַס ער מאַכט זײַנע אויספירנ וועגנ די באַציִונגענ פונעמ מענטשנ צו גאָט, דעמ דאָזיקנ פאַכעד זעט שוינ אײַנ פענעק אינעמ זינ פונעמ גאַנצנ ריטואַל, וואָס עפנט זיכ אופ קאָנקרעט אָנשווילעכ פאַר זײַנע אויגנ ראָשעשאָנע אינ שול; דער דאָזיקער פאַכעד נעמט אָנ אפילע א גראָטעסקישנ כאַראַקטער אינ דעמ גלענצנדיקנ עפּיזאָד מיטנ פויער, וואָס כאַפּט זיכ ארײַנ ערעוו יאָמקיפער אינ שטאָט ארײַנ. און בערגעלסאָנס פענעק קומט צומ אויספיר:

„ווײַל יאָמימ־נויראָימ — אזוי ווילנ פרומע יידנ האָבנ — איז דאָ אינ שטאָט פּאָשעט א צווייוואָכנדיקע מילכאָמע צווישנ מענטשנ און גאָט: גאָטס בייזע פײַלנ רינגלענ ארומ דעמ מענטשנ פונ אלע זײַטנ, פײַפנ צוויי וואָכנ קעסיידער אינ די אויערנ, — אָט־אָט וועלנ זיי זיכ ארײַנשטעקנ אינ לײַב, און דער מענטש צאַפּלט, נעבעכ, אינ

גרויס פאַכער, באַשיצט זיך בלויז מיט איין מיטל — מיט אײַנרייד־גאַט, אַז ער איז זייער אַ גוטער, אַ טײַערער, אַ ווײלער, אַ ליבער".

און נאָך זעט פּענעק:

„גאָט איז יאָמים־נויראָים אַלציינס בייז סײַ אַף נאָכמענ' דעם פאַר־בער סײַ אַף אָרנ' יאַנקעלעס, כאָטש אָרנ' האָט אַ גאַנצ' יאָר „פּאַרנאָסע אַף פּאַרנאָסע" און נאָכמענ' מיט זײַנ' מישפּאָכע גייענ' אויס פונ' הונגער.

שטילינקערהייט איז פּענעקנ' בלויז אַ װוּנדער אַף די דערוואַקסענע:

— פאַרוואָס באַמערקנ' זיי דאָס ניט?"

און דער אויסשעפּנדיקער ענטפער איז דאָ באַ לעַנינען:

„פאַכער האָט באַשאַפנ' גאָטער". פאַכער פאַר דער בלינדער קראַפט פונעם קאַפּיטאַל, וועלכע איז בלינד דערפאַר, ווײַל זי קאָנ' ניט זײַנ' פאָרויסגעזען דורכ' די מאַסנ' פונעם פאָלק, ווײַל אַף יעדער טראָט פור־נעם לעבנ' פונ' פּראָלעטאַריער און קליינעם באַלעבעסל דראָט זי אים ברענגען און ברענגט „די פּלוצעמדיקע", „אומגעריכטע", „צופע־ליקע" רויִנירונג, אומקום, פאַרוואַנדלונג אינ' אַנ' אָרעמאַן, אינ' אַ פּאַופּער, אינ' אַ פּראָסטיטוטקע, הונגער־טויט, — אָט איז דער וואָרצל פונ' דער איצטיקער רעליגיע, וועלכנ' עס דאַרף פרױער פאַר אַלצ און מערער פאַר אַלצ האָבנ' אינ' אויג דער מאַטעריאַליסט, אויב ער וויל ניט בלײַבנ' קיינ' מאַטעריאַליסט פונ' צוגרייט־קלאַס" (לענינ', ווערק, ב. 14, ז. 71).

בערגעלסאָנס שילדערונג פונ' פּענעקס לעבנס־באַאָבאַכטונג גייט קלאָר אינ' דער ריכטונג פונ' דער דאָזיקער לענינישער אײַנשטעלונג בענעגייע צו פראַגנ' פונ' רעליגיע. בערגעלסאָנס פּענעק קוקט, עמעס, שוינ' צופיל מיט בערגעלסאָנס אויגנ', די דאָזיקע אויגנ' זעענ' אָבער דאָס ווירקלעכע, רעאַלע, קאָנקרעטע לעבנ', און די באַוויזענע פאַקטנ' צווינגענ' מאַכנ' באַרײַטונגספולע, באַלערעוודיקע אויספירנ'.

פאַראַנ' פּושקינס אַ וואָרט וועגנ' גריבאָיעדאָווס קאָמעדיע „די צאָרע פונעם סייכל": „אינ' דער קאָמעדיע „די צאָרע פונעם סייכל" — ווער איז דער קלוגער אָנטיילנעמער? דער ענטפער: „גריבאָיעדאָוו". פּאַ־ראַנ', הייסט עס, אַזוינע ווערק, מיינט פּושקינ', ווו דער קלוגער שרײַ־בער איז דאָ שטענדיק דערבײַ, ווו ער איז דער אָנטיילנעמער, דער, וואָס זאָגט אונטער באַשײַמפּערלעך יעדער וואָרט און שורע.

אויב ס'האַנדלט זיך וועגנ' קלוגשאַפט, ווי אַ קאָמפּאָנענט פונ' בער־געלסאָנס שאַפונגס־סטיל, האָט זי זיך אַמבוילעטסטנ' אויסגעדריקט אינ' זײַנ' ראָמאַנ' „באַם דניעפּער".

פּאַראַן אַזוינע, וואָס ריידן וועגן קינסטלערישער טענדענציעזקייט, ווען זיי באַהאַנדלען די אַלע סאָציאַל־פּאָרשאַרפטע עלעמענטן אין בערגעלסאָנס „באַם דניעפּער“. איז זאָלן זיי ריידן וועגן טענדענציעזקייט בײַ מענדעלע מוכער־ספרים, בײַ י.־ל. פּערעצן, בײַ שאָלעם־אַליכעמען — דעם שעפּער פֿונעם וווּנדערבאַרן „טעוויע דעם מילכיקן“, זאָלן זיי ריידן וועגן דער קינסטלערישער טענדענציעזקייט בײַ די דאָזיקע גרויסע קלאַסיקער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. מיט זייער סאָציאַלער און טאָג דעמאַסקירנדיקער קינסטלערישער טענדענץ — אָן איר גייט פֿאַרלאָרן דער עמעסער שליסל צו זייערע ווערק — האָבן זיי דאָך אויסגעטראָטן דעם וועג צו דער גרויסער הומאַניסטישער וועלט־אידיי, אײַנגעשלאָסן זיך צווישן די קינסטלערישע וועגווײַזער פֿון דער פּראָגרעסגייענדיקער מענטשהייט.

שרײַבנדיק וועגן מאַסן, אויף דער טעמע פֿון קולטור־ירושה, פֿון געשיכטלעכן פֿאָלקס־וועג, האָט זיך בערגעלסאָן דאָ מער ווי ביז אַהער באַגעגנט מיט די קלאַסישע שעפּער פֿון דער ייִדישער פֿאָלקס־ליטעראַטור. איבערגענומען האָט ער דאָ היפּשע עלעמענטן פֿון מענדעלעס שאַרפֿער, סאַטירישער אַנטבלויזונגס־קראַפֿט, פֿון פּערעצעס פּראָבלעמען־פֿולער קולטור־פֿיקכעס און פֿון שאָלעם־אַליכעמס באַציִונג צו פֿאָלקישקייט, צו דעם פֿאָלקס־געדאַנק און פֿאָלקס־שפּראַך.

בערגעלסאָן האָט אין זײַן „באַם דניעפּער“ פֿאָרגעזעצט די אַרבעט פֿון די ייִדישע קלאַסיקער אויף אַ נײַעם עטאַפּ, אויפֿן עטאַפּ פֿונעם אויפֿגעקומענעם רעוואָלוציאָנערן פֿאָלקס־באַוווּסטזײַן. אין דעם ליגט סײַ די אָרגאַניק סײַ די נײַע פּאַרטיפֿערונג פֿון בערגעלסאָנען אין דער געשיכטלעכער לעבנס־טקופֿע, וואָס האָט באַשטימט דעם ווײַטערדיקן גורל פֿונעם ייִדישן פֿאָלק און געזעלשאַפֿט.

X. באַם דניעפּער

צווייטער בוך — „יונגע יאָרן"

1

אין א בריוו וועגן זײַן פּיעסע „דער לעצטער קאָרבן", וועלכע איז שפּעטער פאַרלאָרן געגאַנגען, האָט שאָלעם־אליכעם, אויסרעכענענדיק די אָנטיילנעמער פון דער פּיעסע, געשריבן: „פאַראַנען נאָך א קאַרדינאַלע ראָל פונעם יונגן שוסטער דעם סאָציאַל־דעמאָקראַט יוליק דראַטווע — זייער א דאַנקבאַרע פאַר א גוטן טראַגיקער. האַקלאַל, מע האָט באַוואָרנט (ניט איך, נאָר סאַמע דאָס לעבן) אַלעמען".

„ניט איך, נאָר סאַמע דאָס לעבן" — אָט די דאָזיקע שאָלעם־אליכעמיש־מערקווירדיקע פּילבאַרקײַט צו די אָרגאַנישע לעבנס־געזעצן, פון וועלכע די קינסטלערישע ליטעראַטור טאָר ניט אָפּטרעטן אין איר אויסגערעכנטער אָרגאַניזירונג פונעם לעבנסשטאָף, אָט די גלענצנדיקע פאָרמולירונג פונעם גרויסן רעאַליסטישן שרײַבער וועגן דער קונסט, וואָס דאַרף קעסיידער און אומעטום באַוואָרנט ווערן פון „סאַמע דעם לעבן", קומט גלײַך אַפן זינען, בעשאַס מע באַקאַנט זיך, דעריקער, מיט בערגעלסאָנס צווייטן באַנד „באַם דניעפּער".

דער דאָזיקער בוך לייענט זיך דאָך פריִער פאַר אַלץ, ווי אן עכטער לעבנס־דאָקומענט, ווי א וואָרהאַפטיקע לעבנס־געשיכטע, וווּ ס'איז נישט אָפּצוטיילן די וואָר פון דער דיכטונג. אַזוי איבערצײַגנדיק איז דאָ אינעם בוך די פאַרוואַנדלונג פון דער ווירקלעכקײַט אין ליטעראַטור, אַזוי לעבנס־פּליסיק קייטלט זיך דער גאַנג פון די דאָקומענטאַלע און אויסגעדאַכטע געשעענישן אין בערגעלסאָנס צווייטן באַנד, אַזוי לעבעדיק, מאַמאָשעסדיק מיט זייער פולן בלוט־צאַפּל שטייען אויף פאַר די אויגן די געשילדערטע געשטאַלטן, וואָס בערגעלסאָן דערהייבט זיי צו דער גרויסער מוסטערהאַפטער באַוווסטזיניק־אויסגערעכנטער אָרגאַניזירונג און פאַראַלגעמיינערונג.

בערגעלסאָנס פּענעק, וואָס ווערט בא אים דאָ אין באַנד א שרײַ־

בער, ענטפערט דעם אלטנ קאדיסאָנענ אפ דער פראגע, פארוואָס הייבט זיכ אָנ די זאכ, וואָס ער שרײַבט, פונ א מיטנ:

„— אלע זאכנ, וואָס איכ שרײַב, — קנײטשט ער שעמעוודיק מיט די אקסלענ, — הייבנ זיכ עפּעס אָנ פונ א מיטנ... מיסטאמ איז עס דערפאר, וואָס איכ ווייס נאָכ ביכלאל ניט, ווו איז אינ לעבנ אנ אָנהייב אונ ווו איז אינ לעבנ א סאָפ".

בערגעלסאָנ, וואָס דעקט אופ דאָ אינ בוכ דורכ פענעקנ היפשע עלעמענטנ פונ זײַנע אייגענע שאפונגס־פּראָצעסנ, האָט נישט צופע־ליק פענעקס אלעמ־ערשטע שאפונגס־שפּירונגענ פארבונדנ מיט דער שפּירונג פונ די אומיטלבארע פּראָצעסנ, וואָס קומענ פאָר אינ לעבנ. פענעקס גערדאנק אפילע וועגנ דעמ, אז ער ווייסט ניט ביכלאל, ווו איז אינ לעבנ אנ אָנהייב אונ ווו איז אינ לעבנ א סאָפ, אָט דער אינ טאָכ ריכטיקער גערדאנק האָט דאָכ געפונענ זײַנ טיפע אייגנארטיקע בארעכטיקונג אינ בערגעלסאָנס שאפונגס־פּרינציפּ פונ דעמ בוכ, פונ דעמ באנד גופע, וואָס שטעלט מיט זיכ פאָר א העמשעכ, אנ אָרגאני־שע פאָרזעצונג פונ בערגעלסאָנס ערשטנ באנד „באמ דניעפּער" אונ לייענט זיכ דאָכ ווי א פולקומ זעלבשטענדיק ווערק. ס'איז דערפאר, ווײַל דער דאָזיקער בוכ באווײַזט פולבלוטיק א שטיק לעבנ, וואָס איז בעמיילע די פאָרזעצונג פונ נעכטנ אונ דער אָנהייב פונעמ מאָרגנ, יעדער לעבנס־טאָג איז דאָכ די פאָרזעצונג פונעמ נעכטיקנ אונ דער אָנהייב פונעמ מאָרגעדיקנ.

זײַנע געשילדערטע מענטשנ, זייער אופגעשטעלטע האנדלונג האָט בערגעלסאָנ דאָס מאָל ארײַנגעפּאסט אינ לעבנ, אָט ווי די זונ איז ארײַנגעפּאסט אינ ארומיקנ הימל־רוימ. ער האָט זיי גענומענ פונ לעבנ אונ אומגעקערט דעמ לעבנ. אָבער האלטנדיק זיי א ווײַלע אינ האנט, האָט ער זיי אומבאמערקט אויסגעקערט מיטנ פּאָנעמ צו יענער זײַט, פונ וועלכער ס'גייט אופ די שײַנ, וואָס באלײַכט אונ דעקט אופ די פארורזאכטקײַט, די סאָציאלע געזעצמעסיקײַט פונ אלע דערשײַ־נונגענ אונ פּאסירונגענ מיט מענטש אונ וועלט. אונ אז מע געפינט די דאָזיקע סאמע איינציקע, סאמע עכטע סאָציאלע באשײַנונג, פאר־ווישט מענ די גרענעצנ, די קאָנטורנ צווישנ קינסטלעריש־גערדאכטנ אונ ווירקלעכנ לעבנ, דערפאר ווײַל מע האָט דעמ שילדעריש אויסגע־טיילטנ שטיק לעבנ פארגאָסנ מיט דער זעלבער שײַנ, מיטנ זעלבנ סאָציאלנ שטארק אויסגעהעלטנ ליכט, מיט וועלכנ ס'איז פארגאָסנ די גאָרע לעבעדיקע וועלט מיט אירע אלדי לעבנס־ענדערונגענ אונ לעבנס־געשעענישנ.

און עפּשער באשטייט טאקע אינ דעמ די איקערדיקע פּראָבלעמ פונ בערגעלסאָנס נײַעמ בוכ. דעמ בוכ האָט בערגעלסאָנ געווידמעט דאָכ דער פראגע פונ מענטש, וואָס זוכט די געזעצנ, וואָס פירנ אָנ מיטנ געזעלשאפטלעכנ לעבנ. דעמ בוכ האָט בערגעלסאָנ געשריבנ אפּ צו באווײַזנ, אז סע זײַנענ דאָ די איינציק־ריכטיקע סאָציאלע געזעצנ, וואָס מיט זייער הילפ איז מעגלעכ צו באשײַנענ די פינצטערסטע ווינקלענ, די טיפסטע ווידערשפּרוכנ פונ געזעלשאפטלעכער אויסקומעניש אינ די צײַטנ פונ דער בורזשואזער הערשונג, ווענ די קעגנזעצלעכסטע פײַנטלעכסטע אינטערעסנ אפילע אונ אָנשוויונגענ זײַנענ אָפּטמאָל געווענ איבערגעפלאָכטנ אונ פארפּלאָנטערט.

דעמ נײַעמ בוכ זײַנעמ האָט בערגעלסאָנ געווידמעט דער צײַט פונ אָנהייב 20־טנ יאָרהונדערט, דער צײַט פונ גרויזאמע צארישע פּאָגראָמענ אונ רעוואָליוציאָנערער אופוואכונג אונ וואקסנדיקער אָרגאניזירונג פונ די ארבעטער־מאסנ. דעמ דאָזיקנ היסטאָרישנ געזעלשאפטלעכנ קנויל פונ יענער צײַט איז בערגעלסאָנ געקומענ צו באזיניקנ, באווײַזנדיק, ווי אפ דער באזיניקונג גופע זײַנענ דעמאָלט געוואקסנ די בעסטע פונ דער מענטשהײַט, וואָס האָבנ זייער העלנ באוווסטזײַנ אויסגעקעמפט אינ ביטערע אונ בלוטיקע קלאסנ־שלאכטנ.

אז מע קומט ארעסטירנ דעמ קאָרעקטאָר אונ בראָניק־מאכער מאגידאָוויטשנ, א קאָרבנ פונ דער צארישער פּאָגראָמ־פּאָליטיק, טראכט ער זיכ שטארק אײַנ אינ די פאָרגעקומענע קלוימערשט בראָניקאלע געשעענישנ, וואָס האָבנ צו אימ א שײַכעס אונ וואָס האָבנ אימ אזוי בלוטיק פארפּלאָנטערט: „אינ זײַנ מידנ שלעפעריקנ מויעכ טוט, ווי בא דער שײַנ פונ א בליצ, נאָכאמאָל זיכ א דריי דאָס געשלעג ארומ נאָוויצקינ, פּאָלטאָראק, פּאָליציע, זשאנדארמעריע, דער יונגער פּראָקלאמאציע־קלעפּער, „איסקראָווצעס”, נאָוויצקיס געהארגעט מיידעלע, דער רעדאקטאָר, דער אדוואָקאט, דער שפּיק — אונ דענסטמאָל ווערט ער, מאגידאָוויטש, אפ איינ אויגנבליק ביז גאָר קלוג — עס צעפּאלט פאר אימ אפ שטיקלעכ אָט דער שווערער לעבנס־קאָנגלאָמעראט, אונ אינ א שלעפעריקנ האלבנ כאָלעמ דערזעט ער, ווי עס ווערט אָרגאניזירט אונ צוגעגרייט דאָס, וואָס מע רופט „סטיכיע”, „פּאָגראָמ”, „ווידערשטאנד”, „בלוט־בילבל”, „געשיכטע”.

„מע דארפ דערקלערנ מענטשנ, — האָט לענינ געזאָגט, — די רעאלע אומשטענדנ, ווי גרויס איז די געהיימניש, אינ וועלכער מילכאָמע ווערט געבוירנ”. אָבער ס׳איז באוווסט דאָס וואָרט, אז מילכאָמע איז פּאָרזעצונג פונ פּאָליטיק, נאָר מיט אנדערע מיטלענ.

איז צי הייסט עס דען ניט, אז די טאָג־טעגלעכע פּאָליטישע מיל־כאָמע פונעם קאַפּיטאַל שטעלט אויך מיט זיך פאָר א געהיימניש, א גרויסע געהיימניש, וואָס בערגעלסאָן רופט זי אָן מיט רעכט „געשיכ־טע" און וואָס פאָדערט א דערקלערונג פון די רעאַלע אומשטענדן, אין וועלכע די דאָזיקע פּאָליטיק ווערט געבוירן?

און אָט, שילדערנדיק די צייט, ווען די פאַרגאַנגענע צאַריש־קאַ־פּיטאַליסטישע פּאָליטישע מלחמע האָט אָנגענומען איינע פון אירע שאַרפסטע בלוטיקע ווענדונגען, איז בערגעלסאָנען געראָטן באַווייזן די גרייס פון דער געהיימניש, אראָפּנעמען פון איר דעם שלייער, אויפדעקנדיק דעם פאַרבאַהאַלטענעם מעכאַניזם, די גאַנצע קאָמפּליקאַ־ציע פון די פאַרשיידענע אָנגעווענדטע מיטלען אין קאַמף קעגן די אויפוואַכנדיקע אַרבעטנדיקע מאַסן, א קאַמף, וואָס די הערשנדיקע און־טערדריקער האָבן מערדעריש געפירט, שענדנדיק דאָס לעבן פון מענטשן און פעלקער. טראָץ נאָך טראָגט שטעלט בערגעלסאָן מייס־טעריש אויף די פאַרבאָרגענע טייוולשע לאַבאָראַטאָרישע אַרבעט פון די דעמאָלטיקע מאַכטהאָבערישע קלאַסן און שיכטן, די אַרבעט, אין וועלכער די אַלע קלאַסן און שיכטן האָבן גענומען אָנטייל יעדערער לויטן גראַד און מאָס פון זיינע אייגענע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אינטערעסן און אַפּעטיטן.

ס'איז מאַמעש צו באַוואונדערן, וויאַזוי בערגעלסאָן האָט אויפגע־שטעלט דעם סאָציאַלן לייטער פון דער טרעפּמעסיקער פּריציש־צאַ־רישער, בורזשואַזער און קליינבירגערלעכער געזעלשאַפט פון יענער צייט. די דאָזיקע געזעלשאַפט האָט בערגעלסאָן ביז מינדסט דיפע־רענצירט און דאָך, ווי איין גאַנצע און גרויסע, קעגנגעשטעלט קעגן דעם צווייטן טייל פון דער מענטשהייט, קעגן די אַרבעטנדיקע פון אַלע פעלקער, קעגן דעם גאַנצן און גרויסן האַרעפּאַשניקישן פאָלק בעראָש מיט זיין פירנדיקן קעמפערישן אַרבעטער־אַוואַנגאַרד.

און האַנדלען האַנדלט זיך עס דאָך נישט פון קיין פּובליציסטישער אויסקלאָרונג, עס האַנדלט זיך וועגן א קינסטלערישער געשטאַלטי־קונג, עס האַנדלט זיך וועגן אויפגעשטעלטע לעבעדיקע בלוטפולע מענטשן, וועגן אינדיווידואַליזירטע פּערזאָנען, יעדער פּערזאָן מיט איר אייגענעם כאַראַקטער, מיט אירע פּסיכאָלאָגיש מאָטיווירטע אויפירונגען און איבערלעבונגען, וואָס דריקן אויס אין סאַכאַקל איר אָנ־געהעריקייט צו א באַשטימטן קלאַס און שיכט. בערגעלסאָן טיפּיזירט זיינע באַשאַפענע געשטאַלטן אייניציטיק מיט דער טיפסטער אינדי־ווידואַליזירונג. טיפּיזאַציע באַטייט, אייגנטלעך, אויסגעפינען די סאָ־

ציאַלע געזעצמעסיקייט פון די אינדיווידועלע האנדלונגען און אופירונ־גען, און מיט דעם גופא ווערט די געשטאַלט אויך אופגעדעקט אין דער ריכטונג פון איר פארבינדונג מיט די געזעלשאפטלעכע פראַצעסן, אין דער ריכטונג, הייסט עס, פון איר פאַרבינדונג מיט קלאַס און שיכט.

ווי פּאָלטאָראק, דער באלעבאָס פון דער הענטשקע־מאכערײַ, זאָל נישט זײַן ווײַט פונעם מיליאָנער שאוול, פאר וועמען בערגעלסאָן האָט אויסגעפונען די פלעטנדיקע אויסשעפנדיקע כאראקטעריסטיק, אז ער פילט זיך, ווי א מענטש פון א באזונדער ראסע, — האָט דאָך בערגעל־סאָן צווישן דיביידע דורכגעצויגן אזוינע מינע אומגעזעענע ליניעס, צוגעבונדן די ביידע צו איינער און דער זעלבער אייגנטימערישער לעבנס־אופאסונג, צו איינער און דער זעלבער רויבערישער מאָראַל, נישט געקוקט אף דער גרינטלעכער פארשיידנקייט פון זייערע לאגעס אין דער קאַפּיטאליסטישער געזעלשאַפט.

דאָס זעלבע איז אויך, פון דער צווייטער זײַט, די ליניעס, וואָס ציִ־ען זיך פון ליפען, דעם בענדיוזשניקס אָנטרײַבער, צו דעם אונטער־ערדישן טוער, „לענינס מענטש" קלים. ווי פארשיידן עס זאָלן ניט זײַן די וועלטן, אין וועלכע די ביידע זײַנען געוואקסן און אופגעקומען, פאַראייניקט זיי איין קראַפט, די קראַפט, וואָס האָט ארויסגערופן צום לעבן די אידייע פון סאָציאַליזם, די קראַפט, וועלכע בערגעלסאָן האָט אזוי דורכדרינגלעך־שאַרף כאראקטעריזירט, שילדערנדיק, ווי אָלגע און קלים, וואָס זײַנען אויך ביז אהער געווען פרעמד צווישן זיך, שפּאַנען „אַקסל בא אקסל" איבער די שטאָטישע גאַסן. „פינצטער, ווי די נאכט, — דערציילט בערגעלסאָן, — איז פאר יעדן פון זיי געווען דער אָוואַר פונעם צווייטן. באלויכטן זײַנען זיי איינער פארן אנדערן געוואָרן נאָר דאָ אפן באָדן, ווו זיי האָבן זיך באגעגנט. און דאָך איז שטאַרקער פון אלערליי קרויווקשאַפטן געווען די קראַפט, וואָס האָט זיי צונויפגעפירט". ס'איז די קראַפט „אַפּ צו שטורמעווען דעם סוינעס מויערן", ווי אָלגע טראַכט שפּעטער א ווײַלע...

דורך דער אופגעעפנטער טיפ פון די ווערטיקאַלע, פּסיכאָלאָגישע כאראַקטער־ליניעס און דער אויסגעשפּרייטער ברייט פון די האָריזאָנ־טאַלע סאָציאַלע פאַרבינדונגען באווײַזט בערגעלסאָן דורך לעבעדיקן מענטש און געשטאַלט דאָס געבורט, די מערקווירדיק־באַשײַמפּערלעכע אויסבילדונג און אויספאָרמירונג פון דער קלאַסן־מאָראַל און קלאַסן־אידעאָלאָגיע. וועגן דעם באַלעבאָס פון יוועליר־פאַבריק, דעם גוויר און פילאַנטראָפּ כאַרשאַק, דערציילט בערגעלסאָן, אז „אין לעבן ווערט ער דעריקער צעשמאָלצן פון ליבע צו יענע מענטשן, וועמען ער טוט

טויוועס". אָבער דערבײַ האָט ער „א קלאל, — זאָגט בערגעלסאָן, — אז מע טוט עפּעס אָפּ ניט פאר איין מענטשן, נאָר פאר א סאך, ווערט עס צעשוווּמען גלײַך ווי גאָרנישט". אָט די געשילדערטע אויסגע־בעזשבנטע גוטהארציק־גווירישע אופירונג, וואָס אנטהאלט היפּשע אב־זאָריעסדיקײַט, אָט די אנטבלויזנדיקע שילדערונג פונעם אינדיווידואלי־זירטן און אפילו גענוג אָריגינעלן כאראקטער, וואָס איז דעריקער אונ־טערגעוואָרפן דעם סאָציאַלן סימען, באנוצט בערגעלסאָן אָפּ טריט און שריט, צייכענענדיק די פּערסאָנאַזשן פון דער אייגנטימערישער וועלט.

דאָס זעלבע איז אויך בעשאס בערגעלסאָן טוט א שילדער דעם אומזיסט־פּארפּײַניקטן, נעבעכדיקן אָנגעשטעלטן פישל קראָכמאלסקי, פאר וועלכן דער שרײַבער געפינט אזא גרויסארטיקן סאָציאַל־פּאראל־געמיינערנדיקן כאראקטער־שטריך:

„א טעווע בא פישל קראָכמאלסקין:

ווי פּאַסעט עס זאָלן ניט זײַנן די ווערטער, וואָס מע זאָגט צו אים, מוז ער פונדעסטוועגן איבערפרעגן זייער אויסגעצויגן און זינגעוודיק:

— איר מיינט עס אָפּ אַן עמעס?

אזוי איז אויך געוועגן איצט, — דערציילט בערגעלסאָן, — ווען פישל, ביז גאָר פארטאָן אין זײַן ארבעט, ניט וויסנדיק גאָר, אז צווישן ארומיקן אוילעם קומט עפּעס פאָר, האָט פּלוצלינג דערפילט, אז מע פארטשעפּעט אים פון הינטן מיט זייער א קרעפּטיקן באשטיוולטן פוס. פישל איז אומגעפאלן, געבליבן ליגן אָפּן בויך און דאָ אָפּן אָרט זיך אומגעקוקט אזוי, ווי ער וואָלט געפרעגט:

— איר מיינט עס אָפּ אַן עמעס?"

אָנהייבנדיק מיטן פּלוצעמדיקן אָנפאל אינמיטן דער ארבעט פון הינטן ארום און ענדיקנדיק מיטן באשטיוולטן פוס, וואָס טרעט דעם אומשולדיקן פישלען, בעשאס יענער האלט אין מויל זײַן רעגילעס־ווערטל „אַן עמעס?" — איז דאָ מאמעש צו באַוווּנדערן בערגעלסאָנס לאקאָניש־פארשארפּטע פּסיכאָלאָגישע שילדערונג, וואָס פארמאָגט אזוי פיל סאָציאַלע סימבאָליזירונג אין יעדן קארגן וואָרט און כאראקטער־שטריך.

בערגעלסאָן טוט א זאָג וועגן דעם זעצער מאטוסאָוון, אז ארבעטנ־דיק מיט יאָסלען אין דער אונטערערדישער טיפּאָגראפיע, האָט ער זיך צוגעווינט צו יאָסלען „ווי צו זײַנע אייגענע הענט". און ס'איז ניט אָפּצושאצן די בילדערישע אינטענסיווקײַט, וואָס ליגט דאָ אין דער אזויגערופענער קליינמאָלערײַ. בענעגייע צו דער דאָזיקער קליינמאָ־לערײַ גלוסט זיך זאָגן וועגן בערגעלסאָנען דאָס, וואָס ער זאָגט וועגן

איינער פונ זײַנע פראַכטפולע געשילדערטע פיגורנ, וועגנ דער, וואָס טראָגט בא אימ דעמ אונטערערדישנ נאָמענ „טיאָטקע“: „א מינ בײַעלע ווערט „טיאָטקע“, ביימ זי שעפט נאַכעס פונ קלייניקײַטנ“. אָבער בערגעלסאָנס קלייניקײַטנ זײַנעג ביז גאָר מענטשלעכע, אונ שטאַמענ שטאַמענ זיי פונ בערגעלסאָנס „גרויסיקײַטנ“, זיי שטאַמענ פונ דעמ, וואָס בערגעלסאָנ האָט ביז איג גרונט אויסגעהעלט דעמ סאָציאַלנ כאַראַקטער פונ זײַנע פסיכאָלאָגיש געשילדערטע פערסאָנאַזשנ, אופגעשטעלט דעריבער איג דער ערשטער רײ די מערקווירדיקסטע געשטאַלטנ פונ די איסקרע־מענטשנ, וואָס געהערנ פונ איצטערט אָנ נישט נאָר דער ליטעראַטור, נאָר אויכ דעמ לעבעדיקנ לעבנ.

„צו וואָס איז ער מיט זײַנע שרײַבעכצנ געגליכנ? — דערציילט בערגעלסאָנ וועגנ די ערשטע שרײַבער־טריט פונ זײַנ העלד פענעק, — צו א מענטשנ, וואָס באַשרײַבט יעדעס רעדעלע פונ א צענומענעמ מעכאַניזמ, אונ דעמ סייכל פונעמ גאַנצנ מעכאַניזמ הייבט ער ניט אָנ צו וויסנ“. בערגעלסאָנס אייגענער גרויסער פאַרשטאַנד פאַרנ „סייכל פונעמ גאַנצנ מעכאַניזמ“ האָט אימ געבראַכט צו איינעמ פונ די הויפט־צייכנס פונ זײַג נײַעמ ראָמאַנ — צו די געפונענע סאָציאַלע פאַרבנ, וואָס בערגעלסאָנ ברענגט ארײַנ אינ מינדסטנ אונ דינסטנ פסיכאָלאָגיש־פאַרטיפערטנ שטריכ. ס'איז עפעס גאָר א נײַער אויפנ פונ מאָלנ, וואָס געהערט אָנ סאָפעק צו בערגעלסאָנס קומענ צומ סאָציאַליסטישנ רעאַליזמ. בערגעלסאָנ האָט דעמ סאָציאַליסטישנ רעאַליזמ פאַרגרונטעוועט מיט אויסגעפונענע סטיל־אייגנשאַפטנ, מיט נײַע מיטלענ פונ שילדערונג אונ קאָמפאָזיציע, וואָס האָבנ געהאָלפנ בערגעלסאָנענ פולשטענדיק צוזאַמענגיסנ ליטעראַטור אונ ווירקלעכקײַט, ליטעראַטור אונ „סאַמע דאָס לעבנ“.

2

העכער זיבעציק געשטאַלטנ האָט בערגעלסאָנ דאָ אופגעשטעלט, גרעסערע אונ קלענערע אויסגעשפּראָכענע לעבעדיקע פאָרטרעטנ, וואָס צעשפּאַרנ, דאַכט זיכ, די פאַר זיי ענגע רוימענ פונעמ שילדערונגס־שעטעכ פונ בוכ. דאָס דאָזיקע אַליינ וואָלט אומעגלעכ געווענ, ווענ דער שרײַבער וואָלט נישט געהאַט געפונענ דאָס באַזונדערע שילדערונגס־מיטל, וואָס האָט אימ געגעבנ א מעגלעכקײַט אוועקשטעלנ די געשטאַלטנ אינ געוויסע ראַקורסנ, באַלײַכטנדיק זיי אַזוי, עס זאָלנ ארויסטרעטנ די הויפט־צייכנס פונ זייער כאַראַקטער, פונ זייער אָרט אינ לעבנ, נישט געקוקט אַפנ קליינעמ מאָלערישנ פלאַכ, וואָס זיי פאַר־

נעמען אינעם בוך. און דאָס אַלץ האָט ווידער אַ שײַכעס אַלעם־ערשטן צו דער ריכטיקער סאָציאַלער אָריענטירונג פֿון די געצייכנטע פֿיגורן, צו דעם מאַקסימאַל ריכטיקן פֿאַרשטאַנד פֿאַר זייערע האַנדלונגען און אויפֿירונגען.

בערגעלסאָן, דער גרויסער מײַסטער פֿון שילדערן שטימונגען, פּסי־כאָלאָגישע איבערלעבונגען, איז דאָ אינעם באַנד אויפֿגעקומען ווי אַ קינסטלער פֿון דער פֿילפּלאַנישער פֿאַבול, פֿון דער באַוועגונגספֿולער סוזשעטישער ליניע, וואָס האָט פֿאַרגרעסערט די אַרײַנעם־אייגנשאַפֿטן פֿונעם בוך, געשאַפֿן פּלאַץ פֿאַר מערערע געשטאַלטן. אָפֿ אַזויפֿיל אָפֿ וויפֿל די געשטאַלטן פֿאַרבינדן זיך אָרגאַניש מיט דער געקייטלטקײַט פֿון דער דינאַמישער האַנדלונג און פֿאָדערן ניט קיין גענויערע באַ־שרײַבונג פֿון זייערע אינערלעכע איבערלעבונגס־צושטאַנדן, ווערן זיי אַנטפּלעקט דורך אַ פּאָר פּסיכאָלאָגישע שטריכן.

דערצו דאַרף גיין אַ רייד וועגן דעם גרויסן און נײַעם געדאַנקלעכן שטראָם אין בערגעלסאָנס בוך — אַ בוך, וואָס איז אָנגעפּילט מיט געדאַנקלעכע אַרויסזאָגונגען און געדאַנקלעכע כאַראַקטעריסטיקעס פֿון די געשילדערטע געשטאַלטן. דער גאָר גרויסער פּראָבלעמען־אינ־האַלט פֿונעם ווערק פֿאַרטיפֿערט און באַזיניקט די קלאַסן־לאַגע פֿונעם טיפּאַזש. ער דעקט אויף די באַציִונג און שײַכעס פֿונעם טיפּאַזש צו דעם אַלגעמיינעם קאָמפּלעקס פֿון די אויפֿגעהויבענע לעבנס־פֿראַגן. דע־ריבער פֿאַרשפּאַרט שוין אָפּטמאָל דער טיפּאַזש אָנלייגן וועג אין זײַן גאַנג צום אייגענעם כאַראַקטער, ער האָט די מעגלעכקײַט אַנטפּלעקט צו ווערן דורך קאַרגע שטריכן, אָרגאַניש אַרײַנגעפּאַסטע אין דעם אַל־געמיינעם געוועב פֿון דער סאָציאַל־פֿאַרורזאַכטער האַנדלונג.

דער גובערנאַטאָר, לאָמיר זאָגן, דערשײַנט בײַ בערגעלסאָנען נישט מער ווי צוויי מאָל: אָפֿ דער קורצער באַגעגעניש מיט דער דעלעגאַציע פֿון די ראַבאָנים און אָפֿ דער באַגעגעניש מיט די גאַלאָכים און מיטן פּאָליצמייסטער. אָבער דיביידע מאָל איז דעם גובערנאַטאָרס פֿונקציע בײַ בערגעלסאָנען אַזאַ שטרענגע, אַזאַ צילגעווענדטע, אַזאַ אַרײַנגע־פּאַסטע אין דער גאַנצער אויסגעקלאָרטער און צוגעגרייטער פּראָבלע־מען־סיטואַציע, אַז דאָ האַנדלט זיך טאַקע בלויז וועגן דעם „ראַקורס", וועגן דעם, וויאַזוי דער קינסטלער שטעלט אַוועק די דאָזיקע פֿיגור, עס זאָלן זיך צו איר אַ צי געבן די אַלע צוגעגרייטע ליניעס פֿון געדאַנק און האַנדלונג. מיט צוויי — דרײַ לאַקאָנישע זאַפֿטיקע מײַסטער־שטריכן ווערט ער אַוועקגעשטעלט אין דער סאַמע מיט, און ער ווערט שוין אַן אומבאַדינגט־נייטיקער, אַן איבערצײַגנדיקער פּערסאָנאַזש, און

אַנ איבערצײַגנדיקער פּערסאָנאַזש באַטײַט אין דער ליטעראַטור אַ ווירק־לעכ עקזיסטירנדיקער, אַ לעבעדיקער.

דער אויפנ, וואָזוי בערגעלסאָנ קריצט אײַנ אינ זיקאָרנ דעמ גוּ־בערנאַטאָר, האָט דאָכ אויכ אַ שײַכעס צו זײַנ פונקציאָנעלער געדאַנק־לעכער כאַראַקטעריסטיק אונ ניט צו דער שטייגער־דעמאָל, ווי גע־ווייִנלעכ. אינעמ גובערנאַטאָר דערזעט די דעלעגאַציע פרוער פאַר אַלצ „די פאַרהעלטעניש צווישנ אימ אונ צווישנ מונדיר", זי דערזעט בעכויש דעמ באַגריפ „גובערנאַטאָר", אונ מיט דעמ באַצייכנט בערגעלסאָנ אָפּנ איבערצײַגנדיקסטנ אויפנ די באַציִונג פונ דער דעלעגאַציע צומ דאָ־זיקנ פאָרשטייער אונ פאַרקערפּערער פונ דער צאַרישער גרויזאַמער מאַכט. דאָס באַצייכנט אויכ דעמ אָביעקטיוונ נישטיק־מענטשלדיקנ ווערט פונעמ גובערנאַטאָר מיט זײַנ ביטלדיקער באַציִונג צו דער „כאָ־שעווער ראַבאָנישער" דעלעגאַציע, מיט וועלכער ער געפינט פאַר נייי־טיק כאַפּנ אַ שמועס בלויז וועגנ דעמ, צי „געשיקט זיכ, אַז יעדעס ייִדיש מיידל בלײַבט טאַקע אָפּ אַנ עמעס אַ בסולע ביז דער כאַסענע?... אַזוי?... פּאָכוואַלנאָ!..."

אונ שאַוולע דעמ מיליאָנער, וועגנ וועלכנ ס'גייט אַ רייד אינעמ בוכ היפּשע עטלעכע מאָל, ווי וועגנ דעמ געהיימענ אָנפירער פונ דער גווירישׂ־ייִדישער פּאָליטיק, באַווײַזט בערגעלסאָנ בלויז איינ מאָל. אָבער טאַקע דערפאַר, ווײַל אויכ דער דאָזיקער „באַווײַז" איז אַזוי צוגעגרייט פרוער אונ פאַרבאַדינגט, איז געגנוג דער גרויסמײַסטערישער „ראַקורס" פונעמ מיליאָנער, ער זאָל אַרײַנ ווי אַ פולקומ געצייכנטער פּאָרטרעט אינ דער מערקווירדיקער פּאָרטרעטנ־גאַלעריי פונעמ ווערק. בערגעלסאָנס שילדערונג פונ דער גווירישער זיצונג, ווי אַ זיצונג פונ מאַסאָנענ, די בעקיוונדיקע קלוימערשט ריטואַלע געהיימנישפולקײַט פונ דער זיצונג מיטנ „פאַרמאַסקירטנ קליינעמ טירל", פונוואַנענ דער מיליאָנער, „דער הויפּט־מאַסאָנ", קומט אַרויס צו זײַנע אײַנגעלאָדענע געסט, — רעדט דאָכ אויכ וועגנ בערגעלסאָנס געפונענע פונקציאָנעלע פאַרבנ. זיי טוענ פרוער פאַר אַלצ אַ שילדער דעמ גוויר פונ שטאַנד־פונקט פונ זײַנ סאָציאַלער טעווע. דאָס אַלצ גיט צו וויסנ וועגנ זײַנ כאָציאַלנ אָרט, וועגנ דעמ, אַז ער איז „אַ רעדעלע אינעמ מעכאַניזמ", שוינ אַפילע נישט קיינ רעדעלע, נאָר אַ געהיימער הויפּט־באַוועגער פונ דער פּאָליטיק פונ דער ייִדיש־גווירישער געזעלשאַפט.

אינ דער דאָזיקער ריכטונג זײַנענ אויכ געווענדט בײַ בערגעלסאָ־נענ שאַוולס געציילטע ווערטער, וואָס אַנטפּלעקנ זײַנ אייגענע שטע־לונג צו דער פּאָליטישער לאַגע, אַ שטעלונג פונ אַ קאַפּיטאַליסטישנ

הערשער, וואָס ווייסט, אַז „אַלע זײַנע געשעפֿטן שפּאַרן זיך אָן אַף די זעלבע זײַלן, אַף וועלכע עס שפּאַרט זיך אָן דער צארישער טראָן".
דער גובערנאַטאָר, ווייסט ער, איז פאַרינטערעסירט אײַנשטילן די פֿויערים־בונטן אַף זײַנע, שאַוולס, צוקער־פּלאַנטאַציעס. דער ייִדישער פּאַגראָם האָט צו אים, הייסט עס, א שײַכעס בלויז אַף אַזויפיל, אַף וויפל ס'איז א גובערנאַטאָרישער ארויסטריט קעגן אים פּערזענלעך, א פּריצישער קאַפּריז, נישט מער:
„— נו טשטאָ? — פרעגט ער האָפֿערדיק בא די אײַנגעלאַדענע געסט, — בודיעמ זאשטשישטשאטסיאַ?"
דאָ אַף דער פאַרזאַמלונג געפינט זיך אויך דער ראַוו מייערסאָן, וועלכן בערגעלסאָן באַווײַזט בלויז פון מאָל צו מאָל, געשילדערט מיט די זעלבע קנאַפּע, אָבער שאַרף איבערצײַגנדיקע מיטלען. אָט שטייט ער א לעבעדיקער פאַר די אויגן, דער מאָדערנער ראָוו, דער ראָוו פון דער נײַער קאַפּיטאַליסטישער פֿאָרמאַציע, וואָס ווייסט, אַז מע האָט אים אהער אינ דער גרויסער שטאָט אראָפּגעבראַכט אַף צו באַדינען די גרויס־גווירישע פּאָליטיק. ער איז דער „ייִדישער ארכירײַ", ווי בערגעלסאָן לאָזט אים טראַכטן, אופדעקנדיק דעם מינדסטן קנייטש פון זײַן פאַרפרומט־צופּאַסלערישער נעשאָמע, אָנהייבנדיק פון דעם, ווי ער קוקט ארויס אַפן גווירישן באַפעל דורכן טעלעפאָן, און ענדיקנדיק מיט זײַן שענדלעכן באַזוך אינ טפיסע בא די קאָרבאָנעס פונעם פּאָגראָם און מיט זײַנ קלוימערשטן כאַלעשן בעשאַס דער אַזקאָרע נאָך די קישיניוער האַרוגים.
בערגעלסאָנס קינסטלערישע מאַכט האָט דאָ אינ דעם געמעל באַוויזן דעם מינדסטן סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן שטריך פון דער דאָזיקער פיגור, וואָס פאַרקערפּערט דעם צוזאַמענשלוס פונעם קאַפּיטאַל מיט דער רעליגיע, א פיגור, וואָס בערגעלסאָן האָט ארויסגענומען פֿונעם לעבעדיקן אינגעווייד פון דער דעמאָלטיקער ייִדישער בורזשואַזער געזעלשאַפט און האָט אינ איר פאַראַלגעמיינערט די בורזשואַזע מאָראַל, איר צוואַקיש־פאַרמאַסקירטע, קלוימערשטע פײַנקײַט און גײַסטיקײַט...
בלויז א פּאָר מאָל האָט בערגעלסאָן באַוויזן דעם באַוווּסטן אַדוואָקאַט באַראָוואַי און דעם רעדאַקטאָר פון דער אָרטיקער ליבעראַלער צײַטונג דעם געשמאַדטן ייִד אקים סעמיאָנאָוויטש ברוסקין, וועלכן דער געליטענער מאַגידאָוויטש כאַראַקטעריזירט, ווי דעם „וועלט־בויער, ווי מע וואָלט אים אוועקגעזעצט אויסגלײַכן צעקריגטע צדאָדים". די פּאָר געשפּרעכן צווישן אָט די ביידע „ליבעראַלן" האָבן א שפּיל

געטאָן מיט אַלע דעמאַסקירנדיקע פאַרבן, וואָס איז שוין נישט אַפּצו־מעקן פון די ביידע געשטאַלטן, געשטאַלטן פאַרקריצטע אין זיקאָרן מיט אַלע זייערע געקויפטע און פאַרקויפטע אידעאַלן און קלוימערשט הומאַניטאַרע שטרעמונגען.

א שטעמפּל פון שאַרפער דעמאַסקירונג טראָגט אַפּ זיך אויך די געשטאַלט פון דעם רויטן האַרענבערג, שאַוולס „אָפּראַווליאַיושטשי", „וואָס נעמט אַפּ זיך אַלערליי באַשולדיקונגען און אַכזאָריעסן, וועלכע מע קאָן צוטראָגן זיין באַלעבאָס". אהער געהערן אויך די געשטאַלטן פונעם „געשווינד רייך ווערנדיקן" בעריש פּרענקעל און דעריקער פון זיין ווייב שיינדל די גרויסע, וואָס צעוואַקסט זיך אין דעם באַנד בײַ בערגעלסאָנען מיט אַלע אירע קליינלעכע ביזנעס־רויבערישע גענג פון אייגנטימערישער גיריקייט. די דאָזיקע גענג וואַרפן אָן מאַמעש א שרעק, א פּאַכער, ווען מע דערמאָנט זיך, אַז אַזוינס קאָן געהערן צום מענטש־לעכן מין, צו דער מענטשלעכער נאַטור.

בײַ דער שיין פון שיינדל דער גרויסערס „פּראַוועגן", ווי בערגעל־סאָן רופט אָן איר געוועלטיקן איבער אירע מישפּאָכע־לייט, קומען אויף העלער און בוילעטער אויך די איבעריקע פּערסאָנאַזשן פונעם געוועזענעם „ווייסן הויז". דאָ אין דער גרויסער שטאָט, וווהין בערגעלסאָן האָט זיי איצט אַראָפּגעבראַכט, ווערן זיי שוין יאָרדיש־דעגענעראַטיוו און נישטיק, זיי קומען מאַמעש אום אונטער דער מעסערדיק־שאַרפער איראָניע פונעם שרייבער. וואָס קען זיין אין דעם פּראַט פלעטנדיקער פון דער געשיכטע מיט פּאַליעקס שידעך, מיטן דינגעניש פאַרן נאַ־דאַן, וואָס שפּילט אַזאַ ראָלע אין דער „פּסיכאָלאָגישער" אָפּשאַצונג וועגן דער גרייס פון דער קאַלעס כיסאָרן!..

און קעגן אָט דעם גאַנצן העסלעכן געווימל פון דער אייגנטימערי־שער און גווירישער געזעלשאַפטלעכקייט האָט בערגעלסאָן געהאַט די גרויסע קינסטלערישע קראַפט אוועקצושטעלן די עמעסע לעבעדיקע און לעבנספולע פאָרשטייער פון דער עכטער מענטשלעכער סאָציאַלער מאָראַל, די פאָרשטייער פון דער נייער אופקומענדיקער וועלט־איינאָר־דענונג, די רעוואָליוציאָנערע פאָרשטייער פון דער קומענדיקער סאָציאַ־ליסטישער געזעלשאַפט. קלים און אָלגע, אַנטאָן און מאַטוסאָוו, יאָסל דער גרעק, טיאָטקע, ניקאָלײַ, שאַליגא, לאַפּידעס, זאַכאַריטש, ליובע, ליפע, באָרעך — די אַלע זײַנען דאָך נישט בלויז סטאַם פּאָזיטיווע געשטאַלטן, גוטע, אַזוי צו זאָגן, אָרנטלעכע מאָראַלישע כאַראַקטערן, וואָס ווערן גאַנץ אָפט אין דער ליטעראַטור זיטלעך קעגנגעשטעלט קעגן דעם פאַרדאָרבענעם פּערסאָנאַזש פון דער קאַפּיטאַליסטישער גע־

זעלשאפט. די אלע זײַנען אידייִש און אידעאלאגיש אויסגעפורעמטע קלאסנ־געשטאלטנ. די ליניע פונ רעוואליוציאנערנ קלאסנ־קאמפ האט בערגעלסאנ דורכגעפירט דורכ זייער לײַב־אונ־לעבנ, דורכ זייערע מענטשלעכע נעשאמעס, דורכנ גאנצנ קאמפלעקס פונ זייער געדאנק אונ געפיל.

„דער פראלעטאריאט, — ווערט געזאגט אינ „מאניפעסט פונ דער קאמוניסטישער פארטיי", — פארייניקט זיכ נויטווענדיק אינ א קלאס אינ קאמפ קעגנ דער בורזשואזיע". די דאזיקע נויטוועדיקײַט האט בערגעלסאנ באוויזנ אינ זײַנ בוכ, באוויזנ, ווי דאס איז פארגעקומענ אינ די יארנ ערעוו דער רעוואליוציע פונ 1905, באוויזנ דורכ געשטאלט אונ בילד, אופשטעלנדיק די גארע פילפארביקע גאלעריי פונ מענטשנ, וואס גייענ יעדערער אפ זײַנ אינדיווידואליזירטנ אויפנ אײַנשליסנ זיכ אינ דער פארייניקונג. אונ די אופגעדעקטע „נויטוועדיקײַט" ווערט בא בערגעלסאנענ דער קוואל פונ זייער גרויסנ אפטימיסטישנ גלויבנ אינ זיג פונ מענטש אונ מענטשלעכע רעכט, וואס איז מעגלעכ נאר באמ זיג פונ דער פראלעטארישער סאציאליסטישער רעוואליוציע. די דאזיקע אלע קעמפער שטעלט דעריבער בערגעלסאנ מיט רעכט אוועק אינ צענטער פונ לעבנ, אינ צענטער פונ וועלט, וועלכע וועט זיי סאפקאלסאפ געהערנ, אפ וועלכער זיי פילנ זיכ שוינ באלעבאטימ פונ איצטער אנ, גייענדיק מיטנ עמעסדיק־ריכטיקנ וועג צומ זיגערישנ ענדציל.

ווענ אלגע קלינגט אינ טיר צו אנטאנענ, דעמ אנפירער פונ דער ארטיקער איסקרע־גרופע, איז „דאס ערשטע געפיל אירס אינ יענער רעגע, — א שליכעדיקס:

— דאס קלינגט מענ צומ אויסבאהאלטענעמ עמעסנ באלעבאס פונ דער שטאט". דאס זעלבע איז אויכ בעשאס אלגע גייט מיט קלימענ:

„איבער גאסנ אונ געסלעכ, וואס זײַנענ אימ דא אינ שטאט ניט באקאנט, — שילדערט בערגעלסאנ, — האט זי אימ געפירט מיט אזא געפיל, ווי מע פירט א באלעבאס איבער זײַנע גיטער: וווּנדער! זײַנע געסלעכ, אונ ער קאנ זיי ניט".

אינ דער געשיכטע פונ דער פארטיי שטייט געשריבנ: „פארנ דיאלעקטישנ מעטאד איז פריִער פאר אלצ וויכטיק ניט דאס, וואס שײַנט אינ דעמ געגעבענעמ מאמענט צו זײַנ פעסט, אבער הייבט שוינ אנ אפצושטארבנ, נאר דאס, וואס אנטשטייט אונ אנטוויקלט זיכ, אויב אפילע דאס זעט אויס אינ דעמ געגעבענעמ מאמענט ניט פעסט, ווײַל

פֿאַר אימ איז ניט בײַצוקומענ בלויז דאָס, וואָס אַנטשטייט אונ אַנטוויקלט זיך" (ז. 127, ייִד. אויסגאַבע).

בערגעלסאָנ האָט זײַנ געשילדערטנ טיפּאַזש, די האַנדלונג, דעמ עצעמ גײַסט פֿונ זײַנ ווערק אַפֿ דורכ אונ דורכ דורכגעדרונגענ מיט אָט די געזעצנ פֿונעמ דיאַלעקטישנ מעטאָד, דערפֿאַר איז אימ געראָטנ אָנשוילעכ, געשטאַלטלעכ אופּדעקנ דאָס געפֿיל פֿונ אומבאַזיגבאַרקײַט בײַ די אַלע, וואָס האָבנ דעמלט שוינ באַמ אָנהייב פֿונ דער אויסבילדונג פֿונ דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אײַנגעשלאָסנ זיך מיט לײַב־ אונ־לעבנ אינ קאַמפּ פֿאַר דעמ, וואָס „אַנטשטייט אונ אַנטוויקלט זיך". באַשײַנענדיק מיטנ דאָזיקנ דיאַלעקטישנ געדאַנק דעמ לעבנס־וועג פֿונ די געשילדערטע „לעניני־מענטשנ", איז בערגעלסאָנענ געראָטנ אָנצושרײַבנ די איבערצײַגנדיקע זײַטלעכ וועגנ דער געשיכטלעכ־נײַער נאַטור פֿונ די דאַנ אופֿגעקומענע קלימס, אַלגעס, יאָסלס, מאַטוסאָווס — די אַלע, וואָס זײַנענ געווענ דעמלט אינעמ אונטערערד פֿונעמ לעבנ אונ מיט זיכערנ שטאָלצ אונ באַוווסטזײַנ פֿונ לעבנס־הערשער באַוועגט די גרויסע וועלט־ראָד אינ דער ריכטונג פֿונ דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע.

וועגנ אַלגעס, וואָס בײַ איר „אינ די הענט געפֿינט זיך די „טעכניקע" פֿונ דער אָרגאַניזאַציע אַפֿ אויסצושטעלנ פֿעסער", זאָגט בערגעלסאָנ:

„ווּ ערגעצ „אַ קנעפּל" אינ לאַנד — פֿונעמ לעצטנ גאָראָדאָוואָי ביזנ קייסער — דערלויבנ ניט, אַז דער אונ דער זאָל אַרומגײנ אַפֿ דער פֿרײַ, נאָר אַלגע דערלויבט עס יאָ".

אונ ווײַטער טראַכט זי: „...סאָפּקאָלסאָפּ קאָנ זיך אַמאָל פּאַקנ אַלגע אַליינ. איז וואָס? אַמײַ אַ מענטש, באַהיט זאָל מענ זײַנ, שטאַרבט בײַ זײַנ אַרבעט, פֿאַרבײַט אימ דענ ניט אַנ אַנדערער? אַלגעס קראַפֿט וועט דענסטמאָל איבערגײנ צו אַ צווייטנ, צו אַ דריטנ אונ פֿערטנ, אַזוי לאַנג, ביז איר אָרגאַניזאַציע וועט אינ העסקעמ מיט אַלע אַרבעטנדיקע זיך דערשלאָגנ אירס אונ וועט ווערנ די איינציקע, וואָס האָט רעכט צו פּאַסקענענ, ווער מעג אונ ווער טאָר ניט אַרומגײנ אַפֿ דער פֿרײַ. אַוווּאַ!"

אינ איינעמ פֿונ זײַנע בעסטע קאַפּיטלענ פֿונעמ בוכ, אינעמ קאַפּיטל וועגנ דער אונטערערדישער טיפּאָגראַפֿיע, שילדערט בערגעלסאָנ, ווי נאָכ דער געפֿאַרפֿולער שווערער אַרבעטס־וואָכ האָבנ די אַלע אײַנווינער פֿונעמ „סקלעפּ" „זונטיק אַלע אינײנעמ געטרונקענ טיי אַרומ נאַקעטנ טיש אונ בײַ דער שײַנ פֿונעמ לאָמפּ זיך געפֿילט געמיטלעכ,

ווי אין די טיפע געדערים פון א שיף אין דער צײַט פון איר ווײַטן שווימען". די זעלבע שפּירונג האָט באַ בערגעלסאָנען "טיאָטקע", וואָס פאַסט אויף איר אייגענע וווינונג, ווי א שיף. דער "גרעק" און זי, — דערציילט בערגעלסאָן, — זײַנען "מאַן און ווײַב, וואָס געפֿינען זיך אינמיטן פון זייער "פאָרן אין דער רעוואָליוציע אַרײַן" און זײַנען זיכער, אַז זיי וועלן אַהין אָנקומען, ניט ווייניקער, ווי עמיגראַנטן, וואָס זעצן זיך אויף אַ שיף אין אייראָפּע, זײַנען זיכער, אַז זיי וועלן פֿריִער אָדער שפּעטער אָנקומען קיין אַמעריקע". אַז די זעלבע "טיאָטקע" טראַכט וועגן מאַטוסאָווען, וואָס וויל ניט אַפּ קיין אייגענע פאַרלאָזן די אונטערערדישע טיפּאָגראַפיע, טוט זי אַ זאָג: "פֿאַרנעם קעלער רעכנט ער, אַפּאָנעם, אַרויסקריכן ערשט אין די ערשטע מינוטן פון דער רעוואָליוציע".

מיט וואָס פאַר א בילדערישער אינטענסיווקײַט דעקט בערגעלסאָן אויף דעם דאָרשט צו ווערן אַפּ איינ רעגע באַלעבאָס פון דער וועלט באַם "פראָסטן גוש" — באַ ליפּען, בעשאַס יענער באַקומט די מעגלעכקײַט אָפּשטעלן די מאַשינ אַפּ בירנבוימס פאַבריק. ווי שטאַרק בערגעלסאָן גיט איבער בעשאַס־מײַסע ליפּעס געפֿיל, אַז "גלײַך די וועלט איז מיטאַמאָל פֿאַרגליווערט געוואָרן — זי שטוינט, די וועלט!"

"פֿאַראַיאָרן ווינטער, — דערציילט בערגעלסאָן וועגן ליפּעס איבערלעבונגען אין דער רעגע, — געדענקט זיך אים, האָט ער אַפּ אַ פֿאַרזאַמלונג פונעם קרײַז געפֿרעגט באַ לאַפּידעסן: "ווער זשע וועלן דענסטמאָל זײַן די באַלעבאַטים?" לאַפּידעס האָט אים דערויף געענטפֿערט: "און דו?.. דו ביסט קליין צו זײַן באַלעבאָס?" איצט איז דאָס מעקויעם געוואָרן — זאָל זײַן נישט מער ווי אַפּ א פּאָר מינוט, אָבער זע, אָט — ס'איז דאָך מעגלעך..."

ס'איז קלאָר, אַז בערגעלסאָן האָט די אַלע שורעס געשריבן אין די יאָרן פון דער פאַרווירקלעכטער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע, באַקומענדיק, היימסט עס, א מעגלעכקײַט וואַרפֿן רעטראָספּעקטיוו די בלענדנדיקע אָקטיאַבער־שײַן אַפּ די אַלע מענטשן און דערשײַנונגען פון די יעניקע יאָרן פון ערעוו דער ערשטער רעוואָליוציע. אָבער בערגעלסאָן האָט דאָך אין זײַן ראָמאַן ניט פּראָסט אילוסטרירט די פּאַרטייִישע, טעאָרעטישע און טאַקטישע, אײַנשטעלונגען פון יענער צײַט. בערגעלסאָן האָט געשאַפֿן אַ קינסטלערישׂ ווערק, און די קראַפט פונעם ווערק באַשטייט אין דער איבערצײַגנדיקער עכטקײַט און עמעסדיקײַט פון די אַלע געשילדערטע העלדן און סיטואַציעס. גרויס איז די יעניקע קינסטלערישע קראַפט, וואָס פֿאַרוואַנדלט רעוואָליוציאָנערע אידייע און

געדאנק אינ מענטשלעכער נאטור און טעווע. בערגעלסאָנ האָט געשאפנ פולבלוטיקע רעוואָליוציאָנערע געשטאלטנ, דערפאר ווײַל ער האָט גע־שאפנ לעבעדיקע מענטשנ אפ דער לעבעדיקער ערד, זיי זײַנענ עמעסע פארשטייער פונ דער רעוואָליוציאָנערער טקופע דערפאר, ווײַל זיי זײַנענ בא בערגעלסאָנענ עמעסע פארשטייער פונ לעבעדיקנ לעבנ.

3

ווי קינסטלעריש ריכטיק בערגעלסאָנ האָט געשילדערט די ליניע פונ אלגעס פערזענלעכע איבערלעבונגענ, די ליניע פונ אירע נישט ארויסגערעדטע געפילנ צו אנטאָנענ צי די ליניע פונ אירע באציִונגענ צו איר שוועסטער מאניע, איבערגעפלאָכטנ מיט דער ליניע פונ איר געזעלשאפטלעכנ און רעוואָליוציאָנערנ בארופ! מיט וואָס פאר אנ עכט־קײַט פונ געדאנק און געפיל אלגע פילט אויס איר רעוואָליוציאָנערע שליכעס, קלײַבנדיק דערפארונג און כאָכמע „ווי א בינ האָניק“ פונ יעדער פאר דער רעוואָליוציע וויכטיקנ מענטשנ און פונ יעדער באלע־רעווודיקער דערשײַנונג! אנ קיינ שום מינדסטער פובליציסטישער אנ־שטרענגונג באווײַזט בערגעלסאָנ אלגעס געשפרעכנ וועגנ פראגנ פונ דער פארטייִשער פראָגראם, אָט אזוי נאטירלעכ, ווי זי גיט צו פאר־שטיינ פענעקנ, אז מיט זײַנ ערשטער אפגעדרוקטער דערציילונג „אפנ בעסוילעמ“ האָט ער „געוואָלט זאגנ, אז אינ לעבנ זײַנענ פאראנ טויִ־טע, וועלכע מע דארפ דערמאָנענ, אז זיי זײַנענ טויט. גוט...

— אבער צו וואָס, — פרעגט זי בא פענעקנ, — קריכנ צוליב דעמ אזש אפ א בעסוילעמ?“

אזוי אָרגאניש און איינפאכ קלינגט דאָכ אינ אלגעס מויל די דאָזיקע טרעפלעכע אײַנוווײַזונג וועגנ רעאליסטישנ ארט שאפנ אינ דער ליטעראטור.

מיט עכטע דורכזיכטיקע אקווארעל־פארבנ שילדערט בערגעלסאָנ אלגעס שטימונגס־צושטאנד איינעמ טאָג, ווענ זי דערוויסט זיכ וועגנ דעמ קישיניעווער פאָגראָמ. פאר אלגענ איז דער פאָגראָמ געווענ „ווי א מערדערישער פליאסק איבער אלדאָס מענטשלעכע, וואָס האָט ווו מוטיק, ווו ציטעריק גענומענ אופוואכנ אינ לאנד“. ווי דינ־דורכזיכטיק זײַנענ פאר אָט דעמ מיידל אינ דער רעגע אלע באציִונגענ צווישנ מענטש און מענטש, צווישנ פאָלק און פאָלק, די דאָזיקע באציִונגענ האָבנ דאָכ פאר איר אויסגעקלאָרט איר פארבינדונג מיט דער איסקרא־באוועגונג, איר וויסנ, אז „אנ אפשניט דארפ דער סוינע קריגנ פונעמ גאנצנ פראָלעטאריאט אינ לאנד“. דעריבער באווײַזט זי בערגעלסאָנ אינ דער רעגע אי טיפ עלעגיש אי טיפ דראמאטיש, ביפראט, אז אלגע

איז דאָן זיכער געווען אין איר אומפּאַרמײַדלעכן אַרעסט, זי האָט גע־מאַכט „שלייפן" איבער די גאַסן און געדענקט, ווי בערגעלסאָן מאָלט עס פול מיט בוילעטסטער דראַמאַטישער בילדערישקייט, „אַז זי איז אויסגעשפּירט און אַז אַף איר פּאָנעם מוז זי שוין טראָגן די צייכנס פון אַ כּײַעלע, אַרומגעקרײַזט מיט פּלאַגעלעכ, וואָס ווערט לאַנג און קעסיידער געיאָגט".

וואָס פאַר אַ זויבערע לויטערקייט באַ אָט דעם מיידל איז אַף דער נעשאָמע! מיט דער זעלבער זויבערער לויטערקייט האָט בערגעלסאָן באַשאָנקען זײַנע אַלע רעוואָליוציאָנערע געשטאַלטן, די געשטאַלט פון „טיאָטקען", אַשטייגער, אין וועלכער בערגעלסאָן דעקט אויף דעם שענסטן קוואַל פון ריינער מענטשן־ליבע, פון כאַוועראָשער ליבע, וואָס פאַרפלייצט איר נעשאָמע, אַפילע ווען די דאָזיקע ליבע באַציט זיך צו איר אייגענעם מאַן, ווען זי זעט, ווי מע פירט אים אַן אַרעסטירטן אין טורמע און זי האָט ניט קיין רעכט צוליב קאָנספּיראַציע אַרויס־ווײַזן דעם מינדסטן צייכן פון אויפרעגונג. די גרויסע מענטשלעכקייט, דער קאָנסעקווענטער פּראָלעטאַרישער הומאַניזם — דאָס איז דער הויפּט־צייכן, וואָס בערגעלסאָן געפינט אויס פאַר דער כאַראַקטעריס־טיק פון זײַנע שטרענגע פּאַרהאַרטעוועטע „איסקראַ"־טוער.

אָט איז די געשטאַלט פונעם זעצער מאַטוסאָוו. אַ וווּנדערבאַר אויס־געשטעלטע פיגור. „אַ מין פּראָלעטאַרישער ריטער, זאָגט בערגעל־סאָן, — וואָס וועט קיינמאָל ניט שאָלעם מאַכן מיט דער פּײַנטלעכער וועלט, קאָלזמאַן זי בלײַבט אַזאַ, ווי זי איז." אָט אַזאַ איז ער טאַקע באַ בערגעלסאָנען, מאַטוסאָוו, מיט זײַן גאָרער פולבלוטיקער נאַטור. אין דעם דאָזיקן מענטשן איז דאָ אַזויפיל אינוויינקסטע ווייניק אַרויס־געזאָגטע ברענענדיקע סינע צו די קאַפּיטאַליסטישע רויבער פונעם מענטשלעכן גליק, סינע אויך צו די אַלע, וואָס פאַרשטייען ניט און ווילן ניט אויפנעמען דעם אייניציק ריכטיקן וועג פון קאַמף, דעם וועג פון לענינס „איסקראַ". „די לעצטע צײַט... — געפינט בערגעלסאָן אויס אַ זעלטענעם שטריך צו זײַן כאַראַקטעריסטיק, — האָט ער אויפ־געהערט אָנצורופן „כאַוועד" אייניקע מיטגלידער פון דער אָרגאַני־זאַציע, מיט וועלכע די „איסקראַ"־גרופּע האָט געהאַט שטרײַטן". בערגעלסאָן שילדערט אָט די פּיזישע, מאַמעש ביאַלאַגישע סינע זײַנע צו די קעגנער צוזאַמען מיט דער גרעסטער מענטשלעכסטער ליבע צום באַליידיקטן מענטש, די ליבע, וואָס פירט אָן אין טאָג מיט זײַן גאַ־רער אַפּפּערפּולער רעוואָליוציאָנערער אַרבעט.

אַז די אָרטיקע ליבעראַלע צײַטונג פירט אַרײַן אַ רובריק מיט

פאקטן, ווי גראָב מע באַגייט זיך אַפ אייניקע פאַבריקן מיט אַרבעטער, דעקט מאַטוסאָװ גלײַך אויפ דעם עמעסן זינ פונ דער רובריק מיטן שאַרפ פונ זײַנ געדאַנק, וואָס גייט ניט אײַנ אַפ קיינ שום קאָמפּראָ־מיסן:

„— פּײַנע מענטשנ! זיי ווילנ מיך עסנ ניט מיט די הוילע הענט, נאָר מיט אַ גאָפּל אונ מיט אַ סערוועטל אונטער דער מאָרדע.” וואָס פאַר אַ געפינס איז בײַ בערגעלסאָנעס מאַטוסאָװס טאַנצ דאָ אינעם אונ־טערערד, אינעם טיפּאָגראַפישנ סקלעפּ, אַ טאַנצ, אינ וועלכנ בערגעל־סאָנ לייגט אַרײַנ די פּלאַסטישע לײַדנשאַפט, די, דאַכט זיך, אייביקע עקסטאַטיק פונעם גלייביקנ מענטש, וואָס דינט אָבער דאָס מאָל אויס־צודריקנ דעם ברענענדיקנ באַגער פונ פולער באַפרײַונג, דעם פלאַם פונ גלייבנ אינ קאַמפּ, אינ רעוואָליוציע, פונ גלייבנ אינ מענטש אונ מענטשנ־ליבע...

א טויטער אַפילע האָט מאַטוסאָװ געדינט דעם אופלאַם פונעם זוי־בערג, דערהויבענעם ליבע־געפיל בײַ ליובען מיט ליפּען, די ביידע, וואָס פירנ זײַנ טויטנ קערפּער אינ דער פינצטערער נאַכט ברענגענ צו דער געהיימער קוורע. אַ טויטער האָט ער אויך געהאָלפנ דער פראַסטער ליובען צום ערשטנ מאָל אינ לעבנ „באַנעמענ דאָס וואָרט „כאַווער” ווי עפּעס אַזוינס, וואָס נאָר אינ באַזונדערע דערהויבענע מינוטנ באַנעמט מענ די וויכטיקײַט דערפונ אונ דעם טיפנ זינענ”. די שילדערונג פונ מאַטוסאָװס טויט, די געשיכטע פונ אַ רעוואָליוציאָ־נער, וואָס בלײַבט ניט לעגאַל נאָכנ טויט אַפילע אונ האָט קיינ רעכט ניט געפינענ זײַנ „רו־אָרט” אינ דער צאַרישער ערד, די מײַסטערישע שילדערונג פונ דער אויסגענאַרטער קוורע, די שילדערונג, ווי ליובע באַגראָבט דעם טויטנ אומבאַקאַנטנ כאַווער אונטערנ נאָמענ פונ איר לעבעדיקנ טאַטנ — פונ דעם אַלעמ גייט אויפ אַזאַ קינסטלעריש־פאַר־טיפטע סאָציאַלע שײַנ, וואָס מאַכט די דאָזיקע שילדערונג אומפאַר־געסלעך פאַר דער געשיכטע פונ דער רעוואָליוציאָנערער אונטערער־דישער אַרבעט אינ די באַדינגונגענ פונ דער צאַרישער אָרדענונג.

באַנאַנד מיט מאַטוסאָװן שטעלט זיך אויפ די גראָטענע געשטאַלט פונעם יונגנ יאָסלען, אָט דעם פאַראַקשנט־פאַרהאַרטעוועטנ, שטאָלע־נעם יונג, וואָס איז טאַקע יונג, ווי קיינער ניט, ניט געקוקט אַפ זײַנ גראָער מעיושעוודיק־ערנסטער אַרײַנגעטאָנענקײַט אינ די איניאָנים פונ רעוואָליוציע, ניט געקוקט אַפ זײַנ קימאַט נעזירישער אָפּגעשיידטקײַט פונ די אַרומיקע לעבנס־פאַרגעניגנס, די פאַרגעניגנס פונ דער גרויסער שטאָט, וועלכע איז פאַר אים „אַ שטיפ־שטאָט”, ווי ער זאָגט. יאָסלס

אייגנארטיקע יוגנט־אייגנשאפטנ טוענ בא בערגעלסאנענ א שפיל אפ א גרויס־מײַסטערישנ אונ שוינ הומארפולנ אויפנ אינעמ קאפיטל, וואס איז געווידמעט דער געשיכטע מיט דער „יאווקע“, בעשאס יאסל גייט אריבער אפ אומלעגאלער ארבעט אונ באגעגנט זיכ מיט זײַנ כאווער פונ די קינדער־יארנ — מיט בארעכ נאכמענ דעמ פארבערס. דאס דאזיקע קאפיטל געהערט צו די מוסטער־קאפיטלענ, וואס שטעלנ אופ איינס פונ די שענסטע זשאנר־בילדער אינ דער געשיכטע פונעמ געוועזענעמ אונטערערדישנ רעוואליוציאנערנ לעבנס־שטייגער.

יאסלס בערגעלסאניש־אופגעדעקטער כאראקטער איז פונ די כאראקטערנ, וואס זייער געבורט אונ אויספארמירונג געהערנ דער רעוואליוציע. פונ דעמ דאזיקנ יאסלענ ציִענ זיכ דירעקטע כאראקטער־פעדעמ צו די באלשעוויסטישע קעמפער, וואס האבנ דורכגעמאכט די גענעראלע רעפעטיציע פונ 1905 יאר אונ דערנאכ געהאלפנ ברענגענ דעמ ענדגילטיקנ זיג פונ דער גרויסער סאציאליסטישער אקטיאבער־רעוואליוציע. אינ איינעמ א געשפרעכ פונ יאסלענ מיטנ גרוזינ „באריסנ“, וואס האט פארנומענ מאטוסאווס ארט אינ דער אונטערערדישער טיפאגראפיע, לאזט דאכ בערגעלסאנ אפילע אופדעקנ די אפשטאמונג, די ווארצלענ פונ יאסלס רעוואליוציאנערער כאראקטער־אויסבילדונג. יאסלס ערשטע רעוואליוציאנערע ארבעט, גיט צו וויסנ בערגעלסאנ, איז שוינ, הייסט עס, אינ יענע יארנ געווענ באווירקט „פונ די שטרײַקנ אונ דעמאנסטראציעס אינ באטומ אונ אינ אנדערע קאווקאזער שטעט“, וואס האבנ געגרייט די רעוואליוציע פונ 1905 יאר אונ וואס וועגנ זיי האט איצט בארים דערציילט.

אהער אפ ארבעט אינ קעלער, דערציילט בערגעלסאנ, האט באריסנ „פונ טיפליס צי פונ באטומ“ ארויסגערופנ „קלימ“, דער געקומענער פארשטייער פונ „איסקרא“, וואס האט די רעוואליוציאנערע ארבעט דא אינ שטאט דורכגעזאפט סײַ מיט די לעניניש אײַנשטעלונגענ וועגנ א פארטיי פונ א נײַעמ טיפ סײַ מיט דער טאקטיק אונ דערפארונג פונ די גרויסע שטרײַקנ אונטער דער אנפירונג פונ סטאלינענ. בערגעלסאנ היט אויס אזויארומ די צילגעווענדטקײַט פונ אלע זײַנע טעמאטישע ליניעס, פארייניקנדיק זיי אינ איינ קנופ. אינ דער געשטאלט פונ קלימענ האט בערגעלסאנ קאנצענטרירט דעמ קאמפ מיטנ „עקאנאמיזמ“ אונ „לעגאלנ מארקסיזמ“, באווײַזנדיק דעמ קאמפ פאר דער „ווירקלעכער פארטיי“, וואס די קומענדיקע באלשעוויסטישע גרופנ האבנ געפירט אינ דער צײַט, וואס צווישנ דעמ ערשטנ אונ צווייטנ צוזאמענפאר. קלימענ האט בערגעלסאנ אוועקגעשטעלט אינ

צענטער פון דער פּאַרטיי־אַרבעט דאָ אין שטאָט: „טיאָטקע" האָט אַפּי־לע אַ געפיל, אַז „דער צענטער פון דער גאַנצער גרויסער שטאָט געפינט זיך איצט אויסבאַהאַלטן בא איר אין וווינונג", ווו קלים געפינט זיך. און דאָך האָט בערגעלסאָן קלימען געשילדערט נאָר זײַטיק, געגעבן אַ פאַרשמעלערטן ראַקורס, געצייכנט דעם גרוילשאַפטלעכן מעהום פון זײַן כאַראַקטער בלויז אַף אַזויפיל, אַף וויפל ער האָט אַ שײַכעס צום שטרענגן קרײַז פון אומיטלבאַרע פאַרטיי־אינטערעסן.

קלים וואַקסט אויס בא בערגעלסאָנען מער פון געשפּרעך און דיאַ־לאָג, איידער פון אומיטלבאַרע אייגענע טאַט און האַנדלונג. אָבער דער דיאַלאָג צווישן קלימען מיט פענעקן איז אַזאַ, וואָס באַטײַט כאַ־ראַקטער און טאַט. קלימס אַרויסזאָגונגען דאָ אין בוך באַטײַטן טאַט און האַנדלונג ניט בלויז פאַר אים, נאָר אויך פאַר אַ ריי פּערסאָנאַזשן, וואָס באַקומען פון אים זייער באַוועגונגס־ליניע.

די אַרויסזאָגונגען פון בערגעלסאָנס פּערסאָנאַזשן דאָ אינעם באַנד דאַרפן ביכלאַל באַזונדער אָפּגעמערקט ווערן. דאָ האַנדלט זיך וועגן קאָנצענטרירטן געדאַנק, וועגן געשלײַפטן וואָרט, וועגן אַפּילע עפּי־גראַמאַטישער אייגנשאַפט פון דער רעפּליק, וואָס באַקומט דעם פאַר־אַלגעמיינערנדיקן כאַראַקטער פונעם עמעסן קלוגן פאָלקס־וואָרט.

אינעם מערקווירדיקן קאַפּיטל וועגן יאַנקל דעם פורמאַן, ווען בער־געלסאָן שילדערט, וויאַזוי יאַנקל דער פורמאַן גייט אַוועק פונעם „ווײַסן הויז", זייער שטיל, אָן קיין שום סקאַנדאַל, גיט בערגעלסאָן דער פּאָקאָיאָווע אין מויל קלוימערשט ראַכמיִעל דעם שוסטערס אַ ווערטל: „ — מיט מענטשן... איז פון אייביק אָן אַזוי: „זיי שרײַען שטאַרק, ווען מע האַקט זיי אָפּ אַ פינגער, און שווײַגן, ווי די סטאַטי־קעס, ווען מע האַקט זיי אָפּ די קעפּ..." די זעלבע פּאָקאָיאָווע זאָגט וועגן די אַוועקגעגאַנגענע יאָרן:

„ — ווי די יאָרן גייען אײַנס נאָך אײַנס!.. ווי זיי וואָלטן זיך אומקערן צוריק צו זיך אַהיים".

אַז מאַגידאָוויטש זוכט דעם סאָד פונעם מענטשן־פּרעסערישן וועלט־שווינדל, טראַכט ער:

„ — דער קוועל פון דער וועלט־מיִעסקײַט באַשטייט אין איר ניט מיִעסן זיך צו שרײַען אַף אַ קאָל, אַז זי איז די וועלט־ריינקײַט". וועגן דעם אַדוואָקאַט באַראַוואַי טראַכט מאַגידאָוויטש, אַז ער „איז ווי אַ בלעכענע צדאָקע־פּושקע: וואַרפסט אין איר ניט אַרײַן קיין מאַטבייע, טוט זי דיר ניט קיין קלונג". דער זעלבער מאַגידאָוויטש פּאַראַלגע־מיינערט אַזוי טרעפלעך קאָדימאָנס נאַציאָנאַליסטישע באַציִונג צו דער

ייִדנ־פּראַגע: „— באַ אײַכ אַז מע ראַבעוועט ייִדנ, ראַבעוועט מענ דאָכ אײַער אײגענע סכוירע.“ אונ אינעם נאָרוואָס דערמאָנטנ געשפּרעכ פונ קלימענ מיט פּענעקנ וועגנ אַנטיסעמיטיזמ זײַנענ אויכ אַרײַנגעפלאָכטנ אַפּאָריסטישע אַרויסזאָגונגענ, וואָס פאָרמולירנ אַפּנ אויסשעפּנדיקסטנ פּאַראַלעלגעמיינערנדיקנ אויפנ די שטעלונג פונ פאַרשיידענע קלאַסנ צו דער דאָזיקער פראַגע.

הײַנט ווי זײַנענ בערגעלסאָנס אויטאָרשע כאַראַקטעריסטיקעס פונ מענטשנ אונ דערשײַנונגענ, וואָס קריצנ זיכ אײַנ אינ זיקאָרנ, ווי עמעסע פאָלקס־באַצייכענונגענ? וועגנ דעמ „הויפ“, ווי ס'וווינט די אָרעמשאַפט, וואָס זאָגנ זיכ איינער דעמ צווייטנ „דו“, באַמערקט בערגעלסאָנ: „איניקע טוענ עס דערפאַר, וואָס זיי רעכענענ, אַז „אירצנ“ זיכ אינ גרויס אָרעמקײַט איז פונקט אַזוי נאַריש, ווי „אירצנ“ זיכ נאָכנ טויט“. ווי עכט מענטשלעכ אונ טאַקע פּאַראַלעלגעמיינערנדיק בערגעלסאָנ גיט איבער דאָס געפיל פונעמ טראַמוווײַ־קאָנדוקטאָר, ווען ס'אַרט ניט, די שיינע אָלגע זאָל מיט אימ אַ ביסל אונטערפאָרנ אינעמ ליידיקנ וואַגאָנ: „פאַרפאַלנ! אַ שיינ מיידל איז אַ גורל־זאַכ: איינער האָט זי אַפּ שטענדיק, אונ אַנ אַנדערער האָט זי ניט מער, ווי אַפּ צו פאָרנ מיט איר אַ שטיקל וועג אינ טראַמוווײַ.“ וועגנ מאַניעס שווערע אָרנ. וואָס זי גיט, קעדיי צו האָבנ די מעגלעכקײַט אויסצופּוצנ איר שיינע פיגור, זאָגט דער שרײַבער:

„אַכ, אָט די זעלטענע שיינקײַט, וואָס זיצט ווי אַפּ קעסט באַ ניט־פאַרמעגלעכע מיידלעכ אונ פאָדערט, זיי זאָלנ זי אויסהאַלטנ ווי אַ מאַלכעס!“

צו דעמ זעלבנ אָרט געהערנ אויכ מייסטנס פּענעקס „שרײַבערשע“ אַרויסזאָגונגענ אונ טראַכטונגענ, וואָס זײַנענ פול מיט שפּריכווערטערישנ פאָלקס־כיינ אונ ליטערקײַט. אַזוי איז, אַשטייגער, אויסגעדריקט פּענעקס געפיל, נאָכדעמ ווי ער האָט צומ ערשטנ מאָל פאַרבראַכט מיט מאַניענ: „אינעמ לעבנ פונ יעדנ מענטשנ איז פאַראַנענ אַ שאָ, ווענ מע גיט אימ אָפּ די גאַנצע וועלט: — נאַ, האַלט זי אַ ביסעלע“. אַז פּענעק דערציילט, וויאַזוי ער איז אַוועק פונ זײַנ מישפּאָכע־הויז אַפּ סאַדאָווע אָנ אַ זײַ־געזונט, זאָגט ער, אַז „ווי אַפּ אַ וואָקזאַל האָט ער דאָרט געלעבט אונ ווי פונ אַ וואָקזאַל איז ער פונ דאָרט אַוועק. שוינ געזענ, אַז באַמ אַוועקגיינ פונ אַ וואָקזאַל זאָל מענ זאָגנ „אַ גוטנ טאָג“?“. אונ ווי זײַנענ פּענעקס פאָרמולירונגענ וועגנ דער מאָדנער „שעפערישקײַט“ פונעמ אַנטיסעמיטיזמ, וועגנ „אָנקלאַפּנ דער וועלט אינ פענצטער“ אונ נאָכ אונ נאָכ אונ נאָכ.

אָט דער סטיליסטישער אייגנאַרט, וואָס האָט זיכ באַוויזנ אינעמ
ערשטנ באַנד „באַמ דניעפּער“ אונ וואָס האָט זיכ באַשײַמפּערלעכ פאַר־
נאַנדערגעבליט אינ צווייטנ באַנד, האָט אויכ, צו גלייבנ, אַ שײַכעס צו
דער פולער סאָציאַלער אויסגעקלאָרטקײַט פונ בערגעלסאָנס לעבנס־באַ־
נעמ. די אויסגעקלאָרטע אונ ציל־געווענדטע סאָציאַלע דערפאַרונג גיט
אימ אַ מעגלעכקײַט, פּונקט ווי דעמ שעפער פונעמ פאָלקס־ווערטל,
שאַרפ, לאַקאָניש אונ בילדעריש־ציל־געווענדט צו פורעמענ זײַנע אייגע־
נע געדאַנקענ אונ די געדאַנקענ אונ איבערלעבונגענ פונ זײַנע געשיל־
דערטע פּערסאָנאַזשנ. אויסער דעמ אַלעמ האָט דאָכ בערגעלסאָנ גע־
פּרווט פאַרברויכנ דאָ אינ בוכ געוויסע עלעמענטנ פונ אָפענער פּוב־
ליציסטיק, פונ פּראָטאָקאָל־שילדערונג. מיט די אַלע אייגנשאַפטנ האָט
ער געזוכט אויסברייטערנ אונ באַרײַכערנ דעמ רעאַליסטישנ סטיל,
ביכדיי צו שילדערנ די סאָציאַליסטישע אופּאַסונג פונ מענטש אונ
האַנדלונג. אויב ס'איז אימ ניט טאָמיד געלונגענ, איז דאָס שוינ אַ
פראַגע פונ מאָס אונ פּראָפּאָרצ.

די פאַרייניקונג פונ געדאַנק מיט געפיל איז, ווי פרײַער געזאָגט,
איינע פונ די הויפּט־אייגנשאַפטנ אינ בערגעלסאָנס שאַפונג. דער פי־
לאָסאָפישער שטראָמ לאָזט זיכ גרײַלעכ מערקנ אינ בערגעלסאָנס
קינסטלערישנ סטיל, פאַרקליידט אינ מאַקסימאַלער בילדערישקײַט. די
דערנעענטערונג צו דער גרעסערער אויסגעקלאָרטער סאָציאַלער לעבנס־
באַזינונג רוקט אַרויס אַלצ מער אונ מער פאַר אונדזערע אויגנ דעמ דאָ־
זיקנ שטראָמ אַפנ פאָדערגרונט. אינ „באַמ דניעפּער“ דריקט ער זיכ אויס
אינ דער גרעסערער גאָב דער לעבנס־באַטראַכטונג אינעמ ערשטנ טייל
פונעמ ראָמאַנ אונ דער פּובליציסטיק — אינעמ צווייטנ טייל.

מע פּרווט אַמאָל זאָגנ, אַז די שאַרפע סאָציאַלע געווענדטקײַט פונ
די אַלע עלעמענטנ טוט ערטערווײַז אַ שײַנ מיט צופיל אויסגעטײַטשט־
קײַט, דידאַקטישער אונ אַפילע רעזאָנערישער אַנטפּלעקטקײַט. די,
וואָס האָבנ ליב „פּסיכאָלאָגישע“ פאַרטונקלטקײַטנ, וועלנ עפשער אויכ
זאָגנ, אַז אַ קער טוענדיק דעמ בוכ מיטנ פּאָנעמ צו דער איינ־אונ־איינ־
ציקער שאַרפ אופגעדעקטער קלאַסנ־פּראָבלעמ, האָט בערגעלסאָנ קינסט־
לעריש געזינדיקט — געמינערט די איבערלעבונגס־פאַרבנ, פאַרשמעלערט
די לעבנס־טעמע?

דערופ ענטפערט אַליינ דער שרײַבער:

פענעק, דערציילט בערגעלסאָנ דאָ אינעמ בוכ, האָט איינמאָל אַרויס־
געזאָגט זיכ פאַר לאַפּידעס דעמ קאַמאַשנמאַכער, דעמ פאַמעלעכ־
קאַלטנ, אָבער פּראַקשנט־אַקטיווג מיטגליד פונ דער „איסקראַ“־גרופּע.

"— ,,סאָציאַל־דעמאָקראַטן... — האָט פּענעק איינמאָל זײַן אומ־צופֿרידנקײַט אַרויסגעזאָגט פֿאַר לאַפּידעסן, — האָבן אַפֿ אַלע פֿראַגעס איין ענטפֿער: אין אַלע צאָרעס און אין אַלע אומרעכטן איז שולדיק די בור־זשואַזיע מיטן קאַפּיטאַליזם... עס פֿאַרשמעלערט זייער דעם גאַנצן איניען..."

,,— וואָס זשע,—האָט ער [לאַפּידעס], ניט אויפֿהערנדיק אויסצומעסטן די פֿעל, אָן שום היץ, גאַנץ שטיל געפֿרעגט בא פּענעקן, — ביסט פֿון יענע געצאַצקעטע, וואָס אַפֿ יעדער אומגערעכטיקײַט מוזן זיי האָבן אַ באַזונדער סיבע? אַזוי טײַער איז בא דיר די אומגערעכטיקײַט?"

איז אָט, לאַפּידעסעס ענטפֿער פּענעקן איז דאָך אָן ענטפֿער אויך פֿאַר יענע ,,געצאַצקעטע", ווי ער זאָגט, וואָס מיינען, אַז אויסקערן דאָס לעבן פֿון דער אייגנטימערישער געזעלשאַפֿט מיטן פּאָנעם צו דער איינ־ציקער סיבע, צו דער קלאַסן־סיבע, באַטײַט ,קלוימערשט ,,פֿאַרשמע־לערן דעם גאַנצן איניען"...

פּענעקן גופֿע האָט דאָך בערגעלסאָן אַרײַנגעגעבן אין דער פֿולער מאָס די קאָמפּליצירטע פּסיכאָלאָגישע פֿאַרבן־גאַמע, די לירישע און דראַמאַטישע אייגנשאַפֿטן פֿון דער זוכערישער נאַטור, וואָס איז פֿול מיט דערקענטעניש־נײַגער. דער דאָזיקער נײַגער שטאַמט סײַ פֿון פּע־נעקן דעם מענטש, דעם אַקטיוון אָנטיילנעמער אינעם אַרומיקן לעבן, און סײַ פֿון פּענעקן דעם שרײַבער, וואָס שטרעבט צו דער געזעלשאַפֿט־לעכער פּראָבלעמאַטיק. די אָרגאַנישע באַהעפֿטונג פֿון דיביידע האָט געגעבן בערגעלסאָנען אַ מעגלעכקײַט לייזן די פּראָבלעם פֿון דער פּע־נעק־געשטאַלט, אַרײַנגעבנדיק אין פּענעקן די כאַראַקטער־שטריכן, וואָס מאַכן פֿון אים דעם פֿאָרשטייער פֿון אַ געוויסער געזעלשאַפֿטלעכער פֿאָרמאַציע, דעם פֿאָרשטייער פֿון זײַן שיכט, פֿון זײַן צײַט און פֿון זײַן דאָר.

4

נאָך דעם, ווי בערגעלסאָן האָט פֿאַרעפֿנטלעכט דעם ערשטן באַנד ,,באַם דניעפּער", האָבן די גרויסע לייענער־שיכטן מיט נײַגער און אפּי־לע מיט געוויסן אומרו געפֿרעגט, וואָס וועט בערגעלסאָן טאָן ווײַטער מיט פּענעקן, וווהין, אַפֿ וועלכע וועגן וועט ער אים פֿירן, וואָס פֿאַר אַ גורל וועט דער שרײַבער אָנטיילן דעם דאָזיקן פּערסאָנאַזש, וואָס איז געוואָרן אַזוי קרוי־וויש־נאָענט דער לעזערישער געזעלשאַפֿטלעכ־קײַט. און אָט האָט בערגעלסאָן אינעם צווייטן באַנד געגעבן די פֿאָר־זעצונג פֿון פּענעקס לעבן, באַשאַפֿן דעם יוגנטלעכן, דעם אין דער יוגנט רײַף געוואָרענעם פּענעקן. און באַשאַפֿן האָט ער אים, ניט אײַנ־

רײַסנדיק, דאַכט זיך, מיט די פּאַרגעפילן און ווונטשן פון די, וואָס האָבן אוועקגענומען מיט זיך די געשטאַלט אָט אַזוי, ווי זי איז באַשאַפן געוואָרן אין איר ערשטן קינדער־עטאַפּ.

פענעק פאַרבינדט זיך איצט באַ בערגעלסאָנען מיט די אַקטיווס־טע פּאַרשטייער פון דעם קלאַס, צו וועלכן ס'האָט אים געפירט, גע־דאַרפט און געמוזט פירן די ערשטע סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע אַנלאַ־דונג, וואָס ער האָט באַקומען אין די שטעטלשע הינטערגעסלעך, ווו ס'האָבן זיך פאַרמירט די דאָמינירנדיקע אייגנשאַפטן פון זײַן נאַטור. דאָ אינעם צווייטן באַנד גייט פענעק לעסאַף אוועק פון זײַן מישפּאָכע־הויז. מיטן אויסגעוואַקסענעם באַוווסטזײַן זײַנעם פאַרייניקט ער זיך מיט די אידייען און געדאַנקען פון דער רעוואָליוציאָנערער גרופּע, וואָס האָט אים באַווירקט מיט איר וועלט־אָנשויונג, מיט איר קאַמף קעגן דעם הערשנדיקן סאָציאַלן אומרעכט. אָבער אויב די דאָזיקע פאַריי־ניקונג איז אים, פענעקן, א קינד פונעם גווירישן „ווײַסן הויז", אָנ־געקומען אָן קיין שום באַזונדערע דראַמאַטיש־קאָנפליקטישע איבערלע־בונגען און אָנשטרענגונגען, איז דאָס דערפאַר, ווײַל די אָנשטרענ־גונגען האָט פאַר אים, אַזוי צו זאָגן, דורכגעמאַכט דער באַשעפער זײַ־נער, דער שרײַבער בערגעלסאָן. ווי גרויס האָט באַדאַרפט זײַן בער־געלסאָנס קינסטלערישע מי אָפּ אויסצוגעפינען פענעקס אָרגאַנישן גאַנג צו די פאָרשטייער פון דער „איסקרא"־באַוועגונג, זײַן פאַרשטאַנד אָן קיין שום אינווייניקסטן בראָך אוועקצוואַרפן די אידייען און אָנשויונ־גען פון די מענטשן פון זײַן אָפּשטאַם, וועלט און סוויווע.

בערגעלסאָנס פענעק אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אין דער פולסטער און ענגסטער פאַרבינדונג מיט די מענטשן און מיט די לעבנס־באַדינ־גונגען פון דער צײַט. מאָמענטנווײַז איז אַפילו שווער צו זאָגן, צי איז פענעק דער הויפּט־העלד פונעם דאָזיקן בוך, אָפּ וויפל ער איז אָפּט בלויז ניט מער, ווי א טייל פונעם ברייט־געשילדערטן לעבן, אָפּ וויפל ער איז מיט אַלדי געדאַנקען און געפילן אַרײַנגעטאָן, אַרײַנגעוועבט און אַרײַנגעפלאָכטן אין די פילע זעלבשטענדיקע טעמאַטישע ליניעס פון די געשילדערטע לעבנס־געשעענישן.

בערגעלסאָן האָט אופגעשטעלט פאַר אונדז א קאָמפּלעקס־בילד פון דער גאָרער סאָציאַלער דינאַמיק פון יענער צײַט. פענעק באַוועגט זיך באַ אים מיטן גאַנצן גייענדיקן לעבנס־מאַסיוו, און באַוועגנדיק זיך, גייט ער לויט זײַן מאָראַלן מעהוס און טעווע מיט די בעסטע פון דאָר, א דאָר, וואָס איז אופגעברויזט מיט דער גאָענטקײַט פון די קומענדיקע רעוואָליוציאָנערע שלאַכטן, א דאָר, וואָס איז אַזוי צי אַנדערש גע־

זעטיקט מיט פּראָטעסט קעגן דער הערשנדיקער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, קעגן אירע מאָראַלע מאָסן, געבאָטן און אָפּירונגען.

אין דעם מאָמענט, ווען פּענעק דאַרף באַשליסן אָפּפירן דאָס קעסטל געווער און „קריכן מיט יאָסלען אין געפאַר", ווייסט ער, אַז דאָ האָט ער נאָר איין מאָראַלע ברירה: מיט יאָסלען אָדער קעגן יאָסלען. „ער האָט דאָ אַפילו ניט געהאַט די מעגלעכקייט, — טראַכט ער, — צו ווערן אַ פּאַסקודניאַק ביסלעכווײַז... נו, איז דאָך פאַרפאַלן: ווײַבאַלד ער איז שוין אַרײַן אין אָט דעם „אײַסעק", וועט ער, פאַרשטייט זיך, האַלטן וואָרט". דער „פאַרשטייט זיך" איז דאָ באַם שרײַבער זייער אַמפּלאַץ, דאָ האַנדלט זיך דאָך וועגן דעם סוביעקטיוו־אויפגעפּאַסטן אימפּעראַטיוו, וועגן דער געוויסנהאַפטער אינערער מאָטיווירונג פון פּענעקס אָפּירונגען, ביז ער קומט ניט צום אויסגעקלאָרטן רעוואָלוציאָנערן באַוווּסטזײַן.

וואָרעם ניט אומזיסט האָט בערגעלסאָן אויסער די צוויי אויבנדערמאָנטע גרופּן פונעם בורזשואַזן און רעוואָלוציאָנערן גרונט־טיפּאַזש אויפגעשטעלט אַ גאַנץ געזעמל, העכער אַ צענדליק פּערסאָנאַזשן פונעם דעמלטיקן אינטעליגענטישן שיכט, וואָס פאַרנעמען זייער אָרט אינעם צווישן פון די בײדע קאַטעגאָריעס. דאָס וואָרט, ערשטנס, גע־מאַכט, קעדיי אָנצופילן, פאַרקאָמפּלעקטירן, אַזוי צו זאָגן, אַלע שטאַפּלען פון דער קאָמפּלעקסאַרטיק געשילדערטער געזעלשאַפט. און צווייטנס, ביכדיי צו שאַפן דערבײַ פאַר פּענעקן פּאַראַלעלן און קאָנטראַסטן, געבן אים אַ מעגלעכקייט באַקומען דערפאַרונג אַף דער מאָראַל און טוגנטן פון די מענטשן פון זײַן סאָציאַלן גראַד און סוויווע.

פּענעק אַנטפּלעקט די וועלט דורך די פאַרשיידנאַרטיקע שאַטירונגען פון מענטשלעכן געדאַנק און טעווע, וואָס רינגלען אים אַרום. דערופּ איז ער דאָך אַ שרײַבער. פּענעק דער שרײַבער אָבער גייט באַנאַנד מיט פּענעקן דעם מענטש. דער סטודענט בעניע גורלאַנד, דער סטודענט פלײשער, די יונגע זשעניע אָסטראָווסקי און אַפילו דער אַלטער קאַדיסאָן ווערן דעריבער דער פּונקט, פון וועלכן ער דערוווּטערט זיך. און ערגעץ נאָענט צו אים שטייט דער קאָרעקטאָר מאַגידאָוויטש, די פּרעכטיק אויפגעשטעלטע לײַדנדיקע פיגור פונעם כראָניקער, וואָס מאַכט דורך אין טורמע אַף זײַן אייגענעם פּײַנפולן אויפן די אויסניכטערונג פון זײַן פּאַסיוו־באַאָבאַכטערישן הינערפּלעט, אַדאַנק וועלכן ער האָט אויפגעפּאַסט די סאָציאַל־געקייטלטע דערשײַנונגען, ווי באַזונדערע כראָניק־פּאַסירונגען.

די סוזשעטישע הויפט־ליניע פונעם בוך האָט בערגעלסאָן פאַר־
פלאָכטן ארום דער פראגע פונעם יידישן פאָגראָם. אָבער די פראגע
פונעם פאָגראָם האָט בערגעלסאָן אוועקגעשטעלט אונטער דער פולער
סאָציאַל־עקאָנאָמישער שײַן, באלויכטנ אלזײַטיק די סיבעס, דעם
קלאסנ־כאראקטער פונעם דאָזיקנ בלוטיק־שווידערלעכנ מיטל פונ דער
קאָנטער־רעוואָליוציע. דער פאָגראָם איז בא בערגעלסאָנען דאָס לאַקמוס־פאַ־
פיר, דער קאָנטראָל, וואָס אפראָבירט דעם סאָציאַלנ אונ מאָראלנ
ווערט פונ די פאָרשטייער פונ פארשיידענע קלאסנ אונ שיכטנ פונ דער
באפעלקערונג. איינער פונ די, וואָס זעלבסטבאשטימט זיכ אפ דער פאָ־
גראָם־פראגע, איז אויכ פענעק. א שווערע אופגאבע פאַר פענעקנ אָפ־
ווארפנ דעם נאציאָנאליסטישנ פלאָנטער־קנויל, די אידעאליסטישע אונ
רעאקציאָנערע געדאנקענ־ אונ געפילנ־אָנשיכטונגענ, מיט וועלכע די
דאָזיקע פראגע איז באוואקסנ. א שווערע אופגאבע, ניט געקוקט אפ
פענעקס אלגעמיינער נייגונג צו פראָטעסט קעגנ דער וועלטס פירונג,
ניט געקוקט אפ זײַנ איבערגעגעבנקײַט דעם אָרעמענ הויפ אפ זשור־
קאָווסקי, וואָס ווערט די טעמע פונ פענעקס ערשטנ ווערק. דאָ האָט
פענעק בא בערגעלסאָנענ געוויס געקענט געשטרויכלט ווערנ, אריבער־
גיינ אפ די נאציאָנאליסטישע פאָזיציעס פונ א קאדיסאָנ צי א בעניע
גורלאנד.

אָבער אָט דאָס איז די מײַסע, וואָס בערגעלסאָנ האָט אויסגעפונענ
א מיטל, אז פענעקס זעלבסטבאשטימונג זאָל פאָרקומענ אפ אזא פראַ־
גע, ווו די נאציאָנאלע פראָבלעמ איז אזוי ענג פארבונדנ מיט דער
פראָבלעמ פונ קלאס אונ רעוואָליוציע. דאָס דאָזיקע מיטל איז דאָכ
מער פונ אלע אנדערע מעסוגל געווענ עפענעס פענעקנ די אויגנ, אָריענ־
טירנ זײַנ געדאנק אינ דער ריכטונג פונעם איינציקנ ענטפער אפ דער
דאָזיקער שווערער פראגע, דעמ ענטפער פונ דער „איסקרא"־גרופע,
דעמ ענטפער פונ אָלגענ, פונ קלימענ. די פאַר פענעקנ ווייטעקפול־אייגענע
פראָבלעמ פונ נאציע — האָט בערגעלסאָנ פארשטאנענ — וועט פירנ
פענעקנ צו דער פראָבלעמ פונ קלאס אונ רעוואָליוציע מער ווי אלע
אנדערע פראָבלעמענ. בעשאס סע האנדלט זיכ וועגנ בלוט אונ לעבנ
פונעם פאָלק, איז אזא מענטש ווי פענעק פאָרבארייט מער פונ אלע אנ־
דערע אָפשטעלנ זיכ אפ דער סאמע געשיכטלעכ־ריכטיקער, אפ דער
סאמע אנטשיידנדיקסטער רעוואָליוציאָנערער לייזונג פונ דער פראגע.

דערפאַר איז פאַר פענעקנ אנטשיידנדיק זײַנ געשפרעכ מיט קלי־
מענ וועגנ דער פראגע פונ אנטיסעמיטיזמ. אָט ווו פענעק דערזעט צומ
ערשטנ מאָל אינ לעבנ די „איסקרא", אונ אָט ווו פענעק באקומט די

פולע באלײַכטונג פונ דער פראגע. קלימס לאקאָנישע אויסשעפנדיקע פאָרמולירונגענ, וואָס האָבנ דערפירט צו אבסורד דעם געדאנק וועגנ זאָאלאָגישע נאטור־געזעצנ פונעמ אנטיסעמיטיזמ, האָבנ אנטבלויזט פאר פענעקנ ביז אינ גרונט אַרײַנ די טיפע וואָרצלענ פונ דעמ „עמעסנ טאָכ פונ אָט דער גאָלעס־לאנגער וויסטער ייִדישער צאָרע". גראָד פונ קלימס פאָשעטנ ענטפער קומט פענעקנ אפנ זינענ, אז די קאפיטאליסטנ האָבנ דאָ געשאפנ זייער א קאָמפליצירט־פארקנוילט קאמפס־מיטל. וווּנדערט ער זיכ, פענעק: „שוינ זשע אָבער זײַנענ זיי אזוי פאָדלע־קלוג, זיי זאָלנ פארדרייענ אָט דעמ גאנצנ פלאָנטער?" אונ ווי אינ פילע פונ בער־געלסאָנס געשילדערטע דיִאלאָגנ, באקומט ער פונ קלימענ דעמ קלוי־מערשט זײַטיקנ, אָבער פאראלגעמיינערנדיקנ ענטפער:

„— אָ־אָ! — טוט דער מענטש אפ אימ א פאָכ מיט בײדע הענט, — פונעמ פרימיטיוונ מענטשנס מוירע פאר א דונער האָבנ זיי צוליב זייער עקספלואטאציע פארדרייט אזא פלאָנטער אזש, ווי רעליגיע, ס'איז דיר נישט קיינ ווערטעלע"...

אונ ווי אפ צו באשטעטיקנ קלימס געדאנק וועגנ דער גרויסער קאָמפליקאציע פונעמ „אידעאָלאָגישנ איבערבוי" איבער גאָר פאָשעטע, דאכט זיכ, סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאקטאָרנ, האָט בערגעלסאָנ באלד נאָכ דער צעשיידונג מיט קלימענ אײַנגעאָרדנט פענעקנ א באגעגעניש מיט איינעמ א „צעשלאָגענעמ זאָקנ":

„פאר פענעקס אויגנ, — דערציילט בערגעלסאָנ, — האָט א ייִדי־שע מישפאָכע געפירט פונ ערגעצ אהיימ איר געשענדעטע שײַנדלינג", וואָס איז געגאנגענ „מיט א פאריסענעמ קאָפ, איבערנעמעריש, ווי דאָס וואָלטנ שפאנענ געשענדעטע צוויי טויזנט יאָר פונ ייִדנ... מע האָט זיכ געייִכעסט מיט זייערע אָוועס, — פארענדיקט בערגעלסאָנ, — מע האָט דאָ אינ שטאָט אפנ הויפט־אַרײַנגאנג פונ א מאָנאסטיר מיט די אויסייִעס פונ זייער אוראלטער שריפט אָנגעשריבנ דעמ נאָמענ פונ זייער גאָט „יעהאָווא" — אונ מע האָט זיי געשענדעט."

די טיפע איראָניע פונ די שורעס רעדט דאָכ געוויס וועגנ דער קאָמ־פליקאציע פונ דער אנטיסעמיטישער אידיי, וואָס דערגרייכט אינ פלוג צו אזוינע אבסורדנ אונ דאָכ האלט זי געפאנגענ אינ איר העסלעכער נעצ דעמ געוויסנ פונ מאסנ. די דאָזיקע „געפאנגענשאפט" איז דאָכ בערגעלסאָנ אויסנ געווענ צו באווײַזנ, שילדערנדיק אינ אזוינע מערק־ווירדיקע זשאנר־בילדער דאָס פויערישע עלפיאָריקע יאטל מיט זײַנ נאַיוו־טמימעסדיקנ „אנטיסעמיטיזמ" אונ די מיזערע־אומגליקלעכע אויסגעלאסענע פרוי, וואָס גייט בעראָש פונ דער „הייליקער" פראָצע־

סיע. ארום דער פּראָבלעם פון דער דזשיקער „געפאנגענשאפט" שלאָגט זיך דאָך, אייגנטלעך, אויך דער „גרויס-געבילדעטער" עלקאָנאָן גאָור־ רילאָוויטש קאדיסאָן, וואָס איז געווען אַמאָל אַ נאַראָדאָוואָלעץ און האָט „טשוווע" געטאָן, געוואָרן אַ יודישער נאַציאָנאַליסט און שרײַבט בראָשורן און אַרטיקלען וועגן דער „יודן-פראגע" און אַ בוך „עטיודן צו דער געשיכטע פון דער יודישער פילאָסאָפיע".

פּענעק דערמאָנט זיך, ווי קאדיסאָן ווערט זיך וועגן זיך אַליין:

„איך קאָן לאַנג ניט אײַנזיצן באַם יאַם, ווײַל ער אַנערקענט ניט די יודן-פראגע". אַף זײַן, דאָ אינעם בוך געברויכטן, אַפאָריסטישן שטייגער האָט בערגעלסאָן אינעם דזשיקן ווערטל פּאַראָדירט דעם טאָב פון קאדיסאָנס נאַציאָנאַליסטישער וועלט-אָנשויונג. די זאַך באַשטייט אין דעם, וואָס קאדיסאָן האָט אַבסאָליוטיזירט די „יודן-פראגע", אָפּ־ געטיילט זי פונעם גאַנצן און גרויסן סאָציאַל-עקאָנאָמישן לעבנס-קאָמ־ פּלעקס, אַריבערגעפירט אַלץ, ווי בערגעלסאָן זאָגט, „אַף נאַציאָנאַלע רעלסן", אָפּגעריסן פון סאָציאַלן לעבן, פון קלאַסן-קאַמף.

דאָ קומט אויף דער גרויסער סכאָלאַסטישער פּלאָנטער פון קאדי־ סאָנס אידייען-וועלט, וואָס איז אַן עקלעקטיש געמיש פון אידעאַליזם און ברעקלעך מאַטעריאַליזם, פון ציניזם און מענשעוויזם. פּענעקן, וואָס שטאַמט פונעם „רײַכן קלאַס", גיט קאדיסאָן אַן אייצע ניט שרײַבן וועגן דער אָרעמשאַפט, „קלאַסאַם נע שוטיאַט", — זאָגט קאַ־ דיסאָן, — „אין לעבן, — האָט ער געזאָגט, — ווארטן גרויסע מאַטער־ נישן קיִמאַט אַף יעדן איינעם, וואָס שלאָגט זיך אַרויס פון זײַן קלאַס." אָט די אַרויסזאָגונגען קאדיסאָנס האָבן דאָך דעם בײַטאָם פון די געוויי־ סע אַנטימאַרקסיסטישע טעאָריעס וועגן דער אומעגלעכקײַט פון איי־ דעאָלאָגיש זיך איבערשלײַפן...

שילדערנדיק קאדיסאָנען, האָט בערגעלסאָן אין דער פולער גרייס אופגעשטעלט די פּאַראַלגעמיינערטע געשטאַלט פון דעם יודישן אינ־ טעליגענט דעם נאַציאָנאַליסט, דעם לאַנגדויערנדיקן טיפּ פון דער יו־ דישער פּאַרגאַנגענער געזעלשאַפטלעכקײַט, וואָס לעבט נאָך ביז איצט אין די יודישע „אויסלאַנדם". דער דזשיקער טיפּאַזש עקזיסטירט נאָך ביז איצט אַפן כעזשבן פון דעם, וואָס „מע ראַבעוועט יודן", ער טראָגט זיך אַרום מיט דער „קאדיסאָנישער" פּראָבלעם, צי „זײַנען יודן אין דער געשיכטע אַן אָביעקט צי אַ סוביעקט", און פאַרפּאַסט דאָן-קיכאָטי־ שע אויסלייזונגס-פילאָסאָפיעס. ניט אַנערקענענדיק דעם קלאַסן-קאַמף, ווערט דער דזשיקער אינטעליגענט דאָך אַליין, פּונקט ווי קאדיסאָן בײַ בערגעלסאָנען, דערשטיקט אין דעם אַרומיקן לעבנס-קלעם, אין דעם

„צווישן" פון די צוויי קעמפנדיקע קויכעס — דער קראַפט פונעם אומבעראכמאַנעסדיק־אכזאַרישן קאַפּיטאַל און דער צאַרנדיקער קראַפט פון די אופשטייענדיקע רעוואָליוציאָנערע מאַסן.

ס'איז סימפּטאָמאַטיש דאָס, וואָס בערגעלסאָן האָט זײַן קאַדיסאָנען באַהעפט אין איין סוויווע מיט דער „זאַוועראָכישער", ווי בערגעלסאָן רופט זי, דער „צעפּאַרענער" זשעניע אָסטראָווסקי. אָט די גראָטעסקע געשטאַלט פון דער פילאַנטראָפּישער מויד, וואָס לעבט אַזוי איבער אין בערגעלסאָנס פּראַכטפולער שילדערונג די אויסגעטראַכטע געשיכטע וועגן מאַגידאָוויטשעס הונדערטער, אָט די אָפּ איר אייגענעם אויפן דאָן־קיכאָטישע נאַטור פון דער פוסטער קלוימערשט געזעלשאַפטלעכער טוערן מיט די „פּלאַפּלענדיקע אויגן" — שטרײַכט אונטער קאַדיסאָנס ליידיקגייערישע טעוועס, זײַן בעצעם דאָן־קיכאָטישע וועלט־אָנשויונג.

אָפּצייכענענדיק אומעטום מיט רעכט קאַדיסאָנס אינטעליגענטישע נייגונג צו דער רעפלעקסיווער זעלבסט־דעמאַסקירונג, דערציילט בערגעלסאָן, אַז שטייענדיק איינמאָל פאַרטראַכטערהייט לעבן לאָמבאַרד, האָט ער געזאָגט צו מאַניען: „דאָס האָב איך געטראַכט, צי זאָל איך ניט פאַרליגן אויך מײַן וועלט־אָנשויונג אין לאָמבאַרד". געווען איז דאָך דאָס נאָכדעם, ווי קאַדיסאָן האָט זיך ביטער אַנטוישט אין דעם, אַז די ליבעראַלע צײַטונג, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער גווירישער קנופּיע, וועט דרוקן זײַנע לאַנגע אַרטיקלען וועגן „יודאַיזם און העלעניזם". דער רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג האָט געפאָדערט, אַז קאַדיסאָן זאָל אָנשטאָט זײַנע אופקלערערישע פילאָסאָפיעס וועגן דעם בלוט־בילבל רײדן צו די אינסטינקטן פון די לייענער. זאָל ער מוחל זײַן און שרײַבן, „אַז דער קסיאָנדז האָט באַגאַנוועט אַ קלויסטער, שרײַבט, אַז ער פאַרנאַרט צו זיך יונגיאָריקע מיידלעך און פאַרגוואַלדעוועט זיי. האָט קיין מורא ניט! — האָט אים געלערנט דער בורזשואַזער אַדוואָקאַט באָראַוואָי, — ער וועט אָנגעבן אָפּ אײַך אין געריכט, וועלן מיר אײַך פאַרטיידיקן".

געווען איז דאָס אויך נאָכדעם, ווען אַרויסגייענדיק אַ פאַרביטערטער פון דער רעדאַקציע, האָט ער געזען, ווי „זײַן פאָלק", די, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין מעגלעכקײַט אַנטלויפן פון שטאָט, ווי די גרויסע גווירים, האָבן זיך געשטופּט לעבן לאָמבאַרד, געטראָגן אַהין זייער פאַרמעגן, כּדי צו ראַטעווען עס פונעם דערוואַרטן פּאָגראָם. אַליין קאַדיסאָן האָט דערבײַ געטראַכט, אַז „זײַנע אַרויסזאָגונגען וועגן „יודאַיזם און העלעניזם" גייען אָן, מאַשמאָעס, גאַנץ ווייניק אויך אָט די

מאסנ.״ אונ אָט אזוי, באמערקט שפּעטער פענעק, „וועט ער אויכ אוועקגײן פונעם לעבנ מיט א ניט־געהאַלטענער רעדע״.

דאָס דאָזיקע באמערקט פענעק אינעם לעצטנ קאפּיטל פונעם בוכ, דאָרט, ווו בערגעלסאָנ שילדערט קאדיסאָנס טראגישע איבערלעבונגענ, ווענ די מאסנ, וואָס האָבנ זיכ פארזאמלט אינ שול אפ דער אזקאָרע נאָכ די קישיניעווער הארוגים, האָבנ ניט געוואָלט הערנ זײַנ לאנג געגרייטע רעדע. א טייל איז ער נישט אָנגעגאנגענ מיט זײַנע בקירעס, אונ א טייל האָט געלאָזט זיכ כאפּנ די פּראָקלאמאציעס, וואָס די „איסקרא״־גרופּע האָט א שאָט געטאָנ אינעם פארזאמלטנ עולעם. א צעבראָכענער גייט קאדיסאָנ אוועק פונ דער דאָזיקער אזקאָרע, א צעקוועטשטער צווישנ די צוויי דערמאָנטע קויכעס, אנ עלנטער, א פּאַרײנזאמטער. אימ באלייט שוינ ניט אפילע זשעניע אָסטראָווסקי, וואָס האָט אימ אהער גייענדיק געפירט אונטערנ אָרעמ, ווי א פרייליכע כאסענע־אונטערפירערנ.

אינ דער שילדערונג פונ קאדיסאָנס געשטאלט איז צו באמערקנ בא בערגעלסאָנענ דעמ פאנאנדערבלי פונ דער הומאָריסטישער אונ פונ דער איראָנישער פארב. די סאטירישע פארב דערגרייכט דאָ אינ בוכ צו שארפנ פאמפלעט, ווענ בערגעלסאָנ נעמט זיכ צו די אויסגעשפּראָכנ־נעגאטיווע פארשוינענ פונ דעמ בורזשואזנ געזעמל. אונ גײַנ גייט דער סאטירישער שטראָמ בא בערגעלסאָנענ אויסגעבאהאלטנ, ארײַנגעטאָנ אינעמ טיפ רעאליסטישנ שטייגער־געמעל פונ דער געשטאלט, וואָס אנטפּלעקט זיכ מיטאמאָל דורכ איינ־צוויי שטריכנ — אנ אנטבלויזטע, א נאקעט־אָפּגעשונדענע. דער לירישער שטראָמ צעגיסט זיכ דאָ אינ בוכ בא דער שילדערונג פונ פענעקס איבערלעבונגענ, בא דער שילדערונג פונ פענעקס באציִונגענ, דעריקער, צו מאניענ, צו דער דאָזיקער אינ פולער פּראכט אופגעשטעלטער פרויענ־געשטאלט.

פאר מאניעס פּאָרטרעט האָט בערגעלסאָנ געפונענ די דינסטע צארטסטע צייכענונגס־מיטלענ. פאר מאניעס ליבע צו פענעקנ האָט בערגעלסאָנ אויסגעזוכט די מאמעש צאפּלדיקע, בלוט־לעבעדיקע פארבנ, וואָס גיבנ איבער דעמ מינדסטנ פּסיכאָלאָגישנ נעשאָמע־שטריכ, גיבנ איבער די פארבאָרגנסטע מיידלש־אומשולדיקע לײַדנשאפטנ אונ גלוסטונגענ. מיידלשע שיינקײַט, פרויענ־שיינקײַט ווערט דאָ א קוואל פונ לעבנ, א קוואל פונ באגײַסטערונג פאר לעבנ. גענוג איז צו דערמאָנענ די בילדערישע אינטענסיווקײַט פונ פענעקס אנ אופאסונג, אז צו מאניענ „האָט געפּאסט אלצ — איר האָבנ געפּאסט אלע צײַטנ פונ יאָר.״ פונ די זײַטלעכ, ווו בערגעלסאָנ שילדערט פענעקס באגעגעניש מיט מא־

ניען, גייט אוף א באזונדערע שײַן, די שײַן, וואָס גייט פון מאַניעס מיידלשער שיינקייט, אין וועלכער איר גלייבט, איר פילט, איר זעט זי בעכוש, ווײַל געמאָלט איז זי מיט וואָרט, וואָס האָט דינאַמישע פאַרב, מיט וואָרט, וואָס באַוועגט מאַמעש דעם געשילדערטן קערפּער, דאָס געזיכט, וואָס מיניעט זיך מיט אַלע ביינער, מיט אַלע נאַגעניש פון איר יונג־אומשולדיקן לעבעדיקן לעבן.

בערגעלסאָן שילדערט א רעגע, ווען פענעק בלײַבט זיצן אינצווייען מיט מאַניען אַפ א קליינעם דיוואַנטשיק, א רעגע פון מאָדנער פאַר־כאַפּנדיק־געשילדערטער אָנשטרענגונג, די אָנשטרענגונג פון צוויי יונ־גע אײַנגעליבטע וועזנס — א רעגע פון „סאַקאַנעס־נעפאָשעס", זאָגט בערגעלסאָן, און איז גערעכט, ווען ער גיט צו באַלד נאָכדעם: „און ס'איז בעפּיירעש א גליק, וואָס פונעם קאָרידאָר דערהערט זיך גראָד א קלונג און אין צימערל, אָן א קלאַפּ אין טיר, קומט אַרײַן אָלגע". אוואַדע א גליק: ס'וואָלט טאַקע געווען עפּשער אומהיימלעך בײַזײַן ווײַטער בא דער פאָרזעצונג פון אזא ביזן מינדסטן פּראַט געשילדער־טער ליבע־איבערלעבונג פון צוויי אזוינע זויבערע נעשאָמעס.

וואָרעם דעריקער איז דער זויבער־לירישער שטראָם, וואָס פּלייצט אַרײַן אינעם בוך דורך אָט דער ליבע. דערבײַ ווערט פענעק בערגעל־סאָנס פּאַרטרויטע פּערזאָן, אזוי צו זאָגן. פענעק דער שרײַבער ווערט „בערגעלסאָנס מעדיום", דורכן וועלכן ס'רעדט בערגעלסאָן אַליין, בערגעלסאָן דער טיפער לי־ריקער, וואָס שטייט דאָ אָפּט אין ראָמאַן פון דער זײַט און גיט בלויז אַכטונג אַפּ פענעקן, ער קאָנטראָלירט פּע־נעקס סאָציאַלע דעמאַסקירונגען, קאָנטראָלירט זײַן אויפן פון באַ־טראַכטן מענטשן, דעם אויפן, ווי ער זעט זיי, שאַפט זיי.

דורך פענעקן האָט דאָך בערגעלסאָן מיט א פּאָר לאַקאָנישע שטריכן פאַרקריצט אין זיקאָרן דעם פּאָרטרעט פונעם יונגן נאָטל ליפשיץ, וואָס „האָט זייער יונג אָנגעהויבן זיך דרוקן אַפּ העברעיִש און פון הוילער לײַטישער באַשיידנקייט זיך פון מאָל צו מאָל א ביסעלע פאַרהיקעט". דורך פענעקן זײַנען אויסגעוואַקסן די אויסגעצייכנטע סילועטן פון דער ייִדישלעכער געזעלשאַפטלעכקייט פון יענער צײַט: באָרים שוואַרץ, וואָס האָט אויסגעזען „ווי עפּעס א מין קויהען־גאָדל, וואָס האָט זיך אַליין געזאַלבט", דער פּויאַלע־ציִעניסט אָלשאַנסקי, דער „סקעלעטישער" קאָפּל — די אַלע, וואָס פענעק דערמאָנט ווען זיי קאַדיסאָנס א כאַראַק־טעריסטיק: „ — מענטשן, וואָס האָבן לאַנג געדרייט מיטן גראָבן פינגער בא לערנען טאַלמוד — דעם טאַלמוד האָט מען בא זיי צוגע־נומען, און דער פינגער דרייט זיך נאָך".

און אָט פילט זיך, אשטייגער, בערגעלסאָנס גרויסע צופרידנקײַט מיט פענעקס ליבשאפטלעכע באצײונג צו די קינדער, וואָס בערגעלסאָנ האָט דאָ אינעמ ראָמאנ געשילדערט פונ דער ברייטער האנט. פארטרויענדיק די דאָזיקע שילדערונג פענעקנ, ביכדיי צו פארשטארקנ, צו גלייבנ, די לירישע האנדלונג ארומ דער דאָזיקער ליבלינג־געשטאלט בערגעלסאָנס. די קליינע שימעק און קרײַנדעלע, לאפידעסעס קינדער, זײַנענ דורכ פענעקס פארמיטלונג ארײַנ אינ דער גאלעריי פונ בערגעלסאָנס בעסטער פאָרטרעטיק. דאָס מײַסטערישע געמעל פונ דער פארטיפטער קינדער־פסיכאָלאָגיע, דער גאָרער סאָציאַלער וויי, וואָס גייט פונעמ דאָזיקנ געמעל, בארעכטיקנ פולשטענדיק פענעקס ווּקס, ווי א שרײַבער. דער ווּקס איז דאָכ פאָרגעקומענ דאָ אינ לאפידעסעס שטוב, דאָ אינעמ „הויפ“ פונ דער אָרעמשאפט, ווּ פענעק האָט געשריבנ זײַנע העפטלעכ, „צוטוליענדיק זיך מיטנ לײַב הארט צו איינעמ פונעמ „הויפס“ אומגליקנ, פילנדיק מיט רעכט, אז „די טײַנעס, וואָס דער „הויפ“ האָט צו דער וועלט, זײַנענ ארײַנ צו אימ אינ די העפטלעכ“.

און ניט נאָר אינ פענעקס העפטלעכ, נאָר אויכ אינ בערגעלסאָנס בוכ. פונקט ווי די „הינטערגעסלעכ“ פונעמ ערשטנ באנד — ווערט דער אָרעמער גרויסשטאָטישער „הויפ“ דאָ אינ בוכ דער הויפט־באוועגער פונ פענעקס מײַסימ, ער ווערט דער אויספרוּוו פונ זײַנ מאָראלישנ געוויסנ. דער „הויפ“ אפ זשוקאָווסקי פירט אימ צו אָלגענ, צו יאָמלענ, צו לאפידעסנ, צו די בעסטע אויסגעהאלטנסטע פארווירקלעכער פונ די עטישע און הומאניסטישע פרינציפנ, מיט וועלכע בערגעלסאָנ דרינגט דורכ פענעקס אלע אופירונגענ און האנדלונגענ. דעמ דאָזיקנ „הויפ“ האָט דאָכ בערגעלסאָנ פארגלייבט דאָס געבורט און אופקומ פונ איינער פונ זײַנע שענסטע פיגורנ פונעמ בוכ — מאגידאָוויטשנ דעמ אווטאָדידאקט, וואָס שרײַבט „באסני קרילאָווא“ און וואקסט אויס, אינ דער מערקווירדיקער טורמע־שילדערונג, אינ א גרויסער טראגישער געשטאלט.

אפ מאגידאָוויטשנ האָט בערגעלסאָנ ארופגעוואָרפנ דעמ גורל צו זײַנ דער פײַנלעכער קאָרבנ פונעמ בלוט־בילבל. אימ האָט בערגעלסאָנ באשערט אפ זײַנ אייגענער לײַב־דערפארונג באקומענ אנ ענטפער אפ דער פראגע פונ „פארבײַטנ איינ לעבנ מיט אנ אנדערנ.“ אָט די הארבע פראגע האָט מאגידאָוויטש געשטעלט מאטוסאָוונ, בעשאס מע האָט ארעסטירט אינ טיפאָגראפיע דעמ „איסקראָוועצ“ שאליגא: „איכ וואָלט נאָר וועלנ ווערנ אפ א רעגע אנ „איסקראָוועצ“, — האָט דעמלט מא־

גידאָוויטש געזאָגט מאַטוסאָווען, — און פאַרשטיין דעם סייכל... מיט מאַרקסיזם בין איך צוביסלעך באַקאַנט... ווער האָט אייך געגעבן דאָס רעכט צו פאַרבינדן אייער לעבן מיט אַן אַנדערנס לעבן?" דאָס רעכט אויף דעם, ענטפערט בערגעלסאָן דורך מאַגידאָוויטשעס פיינע גוף, האָבן אַכזאָריעסדיק איינגעשטעלט די, מיט וועמען די רעוואָליוציע שלאָגט זיך, דער קלאַס, וואָס האָט פאַר זיין זאַט, רייך, אָפּגעפרעסן לעבן געוואָלט אייביק צאָלן מיטן לעבן פון די „הויף"־מענטשן, מיט מאַגידאָוויטשעס לעבן, מיטן לעבן פון די אַרעסטירטע די נעבעכדיקע שמעלקע קראָכמאַלסקי און פישל יאַמפּאָלער, וואָס קוקנדיק אויף זיי, טראַכט אַליין מאַגידאָוויטש: „דאָס זיינען זיי, די מענטשנפרעסער, די בלוטזויגער?"...

„צו פּענעקן, — דערציילט בערגעלסאָן — דערגייט יענע ענדערונג אין „הויף" דורך אַלע כושים, בעערעך, ווי צו אַ פּויער יעדע ענדערונג אין וועטער". אָט די דאָזיקע פּאַרטיפּטע אויפֿאַסונג פון „אַלע כושים", די העלע רעוואָליוציאָנערע באַזינונג פון די „הויף־ענדערער" האָט געגעבן בערגעלסאָנען אַ מעגלעכקייט אויפֿצושטעלן דעם גרויסן ראָמאַן „באַם דניעפּער". דער דאָזיקער בוך קרוינט בערגעלסאָנס דרייסיק־יאָריקן ליטעראַרישן לעבנסוועג, אַ בוך, וווּ בערגעלסאָן האָט מיינס־טעריש באַוויזן, אַז ער האָט שוין פאַרווירקלעכט פּענעקס געדאַנק: „איינצוקריצן באַ זיך אין זיקאָרן איין מאָל פאַר אַלעמאָל זיין באַ־צווונג צו די מענטשן פונעם „הויף".

— פעלשן איך זיי? קיינמאָל ניט".

דאָס דאָזיקע קלינגט ווי אַ שוווּע. אין דעם ליגט די פּאַטעטיק פון־נעם בוך.

דער שרייבער, וואָס האָט אָנגעהויבן מיטן פּראָטעסט פון דעם טויבן אַרבעטער, האָט דורכגעמאַכט אַ זיגזאַגישן שעפערישן פּראָב־לעמען־וועג. דער דאָזיקער וועג האָט אים אָבער געבראַכט צו פולשטענ־דיקער באַהעפטונג מיט דער טעמע און מיטן געדאַנק פונעם פּראָלעטאַ־רישן וועלט־איבערבוי. אויף זיין אייגענעם קינסטלערישן אויפן האָט בער־געלסאָן דעם דאָזיקן געדאַנק געזוכט און דעם דאָזיקן געדאַנק געפונען.

אינהאלט

	זײַט
פֿאָרוואָרט	3
I. דער טויבער	7
II. ארום וואָקזאַל	25
III. נאָב אלעמען	61
IV. אין א פארגראבטער שטאָט	136
V. אין פארטונקלטע צײַטן	149
VI. אָפּגאנג	167
VII. מידאס-האדיג	207
VIII. טראָט נאָך טראָט	240
IX. באם דניעפּער (ערשטער בוך — „פּענעק")	263
X. באם דניעפּער (צווייטער בוך — „יונגע יאָרן")	311

И. ДОБРУШИН

ДАВИД БЕРГЕЛЬСОН

Редактор *А. Фрумкин.* Художник *Ио.* Тех. редактор *А. Кантор.*

Сдано в производство 21/XII—46 г. Подписано к печ. 10/IV—47 г. А-00164. Печ. л. $21^1/_2$. Уч.-издат. л. 17,37. Тип. зн. в л. 38000. Формат бумаги $84 \times 108^1/_{32}$. Тираж 4 000 экз
Заказ № 895.

Набрано в типографии Госиздательства „Дер Эмес“. Москва, Старопанский пер., 1
Отпечатано в типографии. Москва, ул. Ф. Энгельса, 46.